STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10245

POYERN

Wladyslaw Stanislaw Reymont

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
אריענט

וול. סט. ריימאנט

פויערן

עפּאָפּיי אין פיר בענדער איבער־
זעצט מיט דער דערלויבעניש
פון מחבר: שלמה ראָזענבערג

פארלאג „אָריענט"

װל. סט. ריימאָנט

פּ ױ ע ר ן

פירטער באַנד

ז ו מ ע ר

יידיש: שלמה ראָזענבערג

װאַרשע, אָגראָדאָװע 27.

הילע געצייכנט: י. טיקאָטשינסקי
געזעצט: פ. קרימער, פולאַוו
געדרוקט: „רעקאָרד״ דזיקע 18

Wł. St. Reymont

CHŁOPI

Przeł. SZ. ROZENBERG

Druk. „RECORD“ Warszawa Dzika 18

IV

זומער

ז ו מ ע ר

. . . .

אָט אויף אַזאַ מין אופן איז מאַטשעי באַרינען אויסגעפאַלן צו שטאַרבן.

אין דער כאַלופּע ווידער איז מען צוליבן זונטיק אַ קאַפּעלע פאַרשלאָפן, אַז לאַפּאַ האָט זיי ערשט מיט זיין בילן אויפגעוועקט. וואָרן ער האָט אַזוי געהיילט, אַזוי געוויזעט, אַזוי צו דער טיר זיך געשפאַרט, און ווען מ'האָט אים אויפגעעפנט, האָט ער אַזוי באַ די מלבושים געריסן און ארויסגעלאָפן, אומקוקנדיק זיך, צי מען לויפט אים נאָך, אַז האַנקן האָט עס ווי עפּעסטשיס אַ ציפּ געטון.

— גיב נאָר, יוזקאַ, אַ בליק אַרויס, וואָס וויל ער דער הונט.

איז זי אַרויסגעלאָפן נאָך אים, ס'איז איר קיין שום בייז אַריפּן געדאַנק נישט בעקומען, האָט זי אַרומגעשטיפט אויפן וועג.

דער הונט האָט זי צוגעפירט ביז דעם פאָטערס גוף.

האָט זי אַזאַ שרעקלעך געוואַלט אָנגעמאַכט, אַז אַלע זענען זיך צום אַלטן אויפן פעלד גיך צוזאַמענגעלאָפן, אָבער ער איז שוין אינגאַנצן געווען פאַרשטאַרט, ר'איז געלעגן אויפן פנים, אַזוי ווי ר'איז אַנידערגעפאַלן בשעת יציאת נשמה, און די הענט האָט ער געהאַלטן פונאַנדערגעקרייצט, פונקט ווי אין אַ לעצטער האַרציקער און הייסער תפילה.

מ'האָט אים אַריינגעטראָגן אין דער כאַלופע, נאָך געפרוווט ראַטעווען.

אָבער בחנם זענען געווען די אַלע באַמיִונגען, אומזיסט איז שוין געווען די הילף און דאָס פאָרען זיך, ס'איז שוין געווען נאָר אַ מת, אַ קאַלטער מענטשלעכער מת.

אַ שרעקלעכער יאָמער האָט זיך אין שטוב אויפגעהויבן, האַנקע האָט זיך צעיעלהט מיט הימל-שפּאַלטנדיקע קולות, יוזקאַ האָט מיט אַ געריטש זיך געהאַקט אָן דער וואַנט, וויטעק האָט געבעטשעט צוזאַמען מיט די קינדער, אפילו לאַזאַ האָט געוואָיעט און געבילן פאַרן הויף; בלויז איין פיעטרעק, וואָס האָט זיך נאָר געדרייט אַהין און אַהער, אַרויסגעבליקט אויף דער זון און געגאַנגען אין דער פערד-שטאַל אַריין שלאָפן.

און מאַטשעי איז געלעגן אויף זיין בעט, אויסגעצויגן און שטייף, מיט אָן אויפגעריסן און מיט ערד איינגעשמירט מויל, אינגאַנצן ענלעך צו אַ פאַרטרוקנט שטיק ערד אויף דער זון, אָדער צו אַ צעקרישלטן שטאָם; און די צוזאַמענגעשטייפטע גאָרשטשעס האָט ער פעסט געהאַלטן צונויפגעקוועטשט זאַמד; די אויגן ווידער האָבן ברייט אויפגעעפנטע געקוקט מיט אַזאַ מין אַנטציקונג, און אַזוי ערגעץ ווייט, ווי שוין אין ברייט אויפגעפראַלטן הימל אַריין.

אָבער אַזאַ שרעקלעכער פחד פון טויט האָט פון אים געשלאָגן און אַזאַ דורכנעמענדיקע אימה, אַז מ'האָט אים אַזש געמוזט מיט אַ פלאַכטע צודעקן.

און ווייל די ידיעה האָט זיך בליץ-שנעל איבערן דאָרף צעטראָגן, האָבן זיך שוין מענטשן, קוים וואָס די זון האָט זיך

נאַר געהאַט איבער די כאַלופּעס אויפגעהויבן, צוזאַמענגעקליב געחויר ווערן; וואָס אַמאָל איז עמעץ אַריינגעגאַנגען, אויפגעהויבן די פלאַכטע, אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, אַנידערגעקניט און געזאָגט אַ תּפילה. אַנדערע ווידער זענען, פאַרצווייפלט זיך ברעכנדיק די הענט, געבליבן שטיין אין אַ טרויעריקער שטילקייט, איינגאַנצן מיט אַ פּחד דורכגענומען פון דערדאָזיקער געטלעכער אויבערמאַכט איבער דעם מענטשס לעבן.

בלויז דאָס יעמערלעכע קלאָגן פון די יתומים איז אויף קיין מינוט נישט אַנטשוויגן געוואָרן, ס'האָט זיך איבערן גאַנצן דאָרף צעטראָגן.

ערשט ווען יאַמבראָזש איז אָנגעקומען, האָט ער אַלע פּאָר דער שטוב אַרויסגעטריבן, און דאָס צימער פאַרמאַכט, כדי צוזאַמען מיט דער יאַנוסטינקען און מיט יאַגאַטען, וועלכע איז געקומען צו קריכן מיט אַ תּפילה אויף די ליפּן, צו טון דעם געשטאָרבענעם זיין רעכט. ער האָט דאָס שטענדיק מיט גרויס חשק געטון און נישט מיט קנאַפּע וויצן, אָבער היינט איז אים עפּעס שווער געווען אויפן האַרץ.

— אָט דאָס בלייבט איינגאַנצן פון דעם מענטשלעכן גליק! — האָט ער געמורמלט, אויסטוענדיק דעם געשטאָרבענעם. — דער מלאך המות, ווען עס געפעלט אים, גיט ער אַ כאַפּ אַן באַם האַלדז, גיט דיר אַ פּראַסק אין פּיסק אַריין, גיסט אַ פאַרגליווז די אויגן אין פעלד אַריין און גיי שטעל דיך אַקעגן!

אפילו יאַגוסטינקאַ איז געווען עפּעס אומעטיק, וואָרן זי האָט טרויעריק אויסגערופן:

— ר'האָט זיך נאָר געמאַרדעוועט דער אָרימער נעבעך אויף דער וועלט. איז שוין בעסער, וואָס ר'איז געשטאָרבן.

— וואָס דען, ר'האָט דאָס אַ סך געהאַט אַן עוולה!

— אָבער קיין גוטס האָט ער אויך איבעריק נישט געזאָגט.

— און ווער געניסט דען יאָ צו דער זעט! מעג ער זיין דער גרעסטער דזשעדזשיץ, מעג עס זיין דער קעניג אַליין, אין דאגהן, אַז, מאַטערן זיך, און ליידן מוז ער פּאָרט.

— אַזוי פיל נאָר האָט ער יאָ געהאַט, וואָס ר׳האָט קיין הונגער און קיין קעלט נישט געליטן.

— וואָס פאַר אַ ממשות האָט דען הונגער, מאַמע. צרות גרייזשען מער ווי אַלדינג.

— אמת, וואַסי, כ׳האָב עס דען נישט אַליין דורכגעמאַכט! זינט דערצו איז עס אים יאַגושיאַ די יאָרן דערגאַנגען, די קינדער האָבן אים אויך נישט געזשאַלעוועט.

— קינדער האָט ער בעהאַט גאַנץ גוטע און ר׳האָט פון זיי קיין שום עוולה נישט געליטן — האָט יאַגאַטאַ אַרייַנגעוואָרפן, איבערדרייסנדיק די הויכע תפילות.

— היטס ענק בעסער אָפּ דעם פּאַטשערוש. צ׳זענט אַ מבין דאָ יאָמערט זי מכלומרשט פאַרן געשטאָרבענעם, און די אויערן שטעלט זי גוט אָן, כדי אַ נייעסל אויפצוכאַפּן — האָט יאַגוסטינקאַ אַ וואָרטשע געטון.

— וואָרן שלעכטע קינדער וואָלטן נישט אַזוי געיעלהט. הערטס ענק נאָר צו...

— ס׳זאָל דאָס ענק נאָך עמעצן אַזוי פיל איבערבלייבן, וואָלט עך ענק נאָך מער דעם האַלדז געריסן.

— שטילערטס! יאַגושיאַ לויפט! — האָט זיי יאַמבראָזש איינגעשטילט.

יאַגוש איז שנעל אַ מאָל אַריין געטון אין שטוב און געבליבן שטיין אינדערמיט, ווי אַ פאַרשטיינערטע, נישט קענענדיק פון זיך קיין וואָרט אַרויסברענגען.

מ׳האָט גראָד טאַקע מאַטשעיען אין אַ קלאָר העמד איבערגעטון.

— געשטאָרבן! — האָט זי ענדלעך אַרויסגעקרעכצט, פאַרזונקענדיק אין אים די צעשראָקענע, אומבאַוווסטזיניקע אויגן. אַ פּחד האָט זי באַם האַלדז אָנגעכאַפּט, און דאָס האַרץ איז ווי אַ שטיק אייז פאַרבליווערט געוואָרן, אַז זי האָט קוים געקענט אָפּעטעמען.

— צ׳האָט דען נישט געוווּסט? — האָט זי יאַמבראָזש ווייך אַ פרעג געטון.

— כ'בין געשלאָפן בײַ דער מאַמען. און װיטעק איז נאָר װאָס געקומען צו לויפן זאָגן. ער לעבט שוין טאַקע באמת נישט? — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן, צוטרעטנדיק צו אים.

— פאַרשטײט זיך, אַז נישט צו דער חופּה טוט מען אים אָן, נאָר אין דער טרומנע אַרײַן.

זי האָט נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרשטײן, זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער װאַנט, עס האָט זיך איר אױסגעדוכט, װי עס װאָלט זי אַ שװערער שלאָק געפּײניקט און װי עס װאָלט זי עפּעס אַ נישטגוטס געשטיקט, און זי קען זיך באַין אופן נישט אױפכאַפּן, נאָר זי באַגיסט זיך אײַנגאַנצן אין אַ שװײס און אין פּײַן פון שרעק. און יעדע װײַלע איז זי פון שלאָף אַרױסגעגאַנגען און זיך אומגעקערט, נישט קענענדיק פון געשטאַרבענעם די אױגן אָפּרײַסן, און װאָס אַמאָל האָט זי זיך אַ ריס געטאָן ערגעץ־װו צו אַנטלױפן און זי איז פאַרט איבערגעבליבן, און װאָס אַמאָל איז זי הינטערן הױז אַרונטערגעלאָפן צו דער פּלױט־עפענונג, און גאַנץ נישט זעענדיק, האָט זי אױף די פעלדער זיך פאַרקוקט, אָדער זיך אױף דער פּריזבע אַנידערגעזעצט לעבן יוזקען, װעלכע האָט געבעטשעט, געריסן זיך בײַ די האָר פון קאָפּ און יעמערלעך געשריגן:

— אָ מײַן אײנציקער טאַטע! אָ מײַן טאַטעליו!

פאַרשטײט זיך, אַז דער גאַנצער הױף און דאָס הױז איז פול געװען מיט דידאָזיקע געװײנען און יללהדיקע שלוכצן, און נאָר זי אײנע אַלײן, כאָטש יעדער אײנציק בײנדל האָט זיך אין איר געװאָרפן און עפּעס אַ שװערער װײטיק האָט איר אונטער דער ברוסט געשפּאַרט, האָט זי פונדעסטװעגן קײן אײן טרער נישט געלאָזט; זי האָט באַין אופן נישט געקענט שרײַען, נאָר זי איז אַרומגעגאַנגען װי אַ פאַרװירטע, בליצנדיק מיט די אױגן, װאָס האָבן מוראדיק געגליט.

אַ גליק איז, װאָס האַנקאַ איז עפּעס גיך צו זיך געקומען, און כאָטש זי האָט נאָך אַפילו געװײנט, האָט זי פונדעסטװעגן אַכטונג געגעבן אױף אַלדינג און רעגירט, װי געװײנטלעך, אַזױ,

אַז ווען די קאַזאַליעס זענען געקומען צולויפן, איז זי שוין אײַנ־גאַנצן געהאַט געווען אָפּגעקילט.

מאַגדאַ האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, באַר דער קאַוואַל האָט זיך גענומען פונאַנדערפרעגן.

זי האָט אים דערציילט כסדר, ווי דאָס איז געווען.

— גיט, וואָס דער פאַן יעזוס האָט אים אַ געגעבן טויט אַ־געשיקט! — האָט ער אַ שמעטש געטון.

— ר'האָט זיך געגעבן אַזוי פיל צוגעגליטן, האָט ער עס זיך כּשר פאַרדינט.

— דער אָרימער נעבעך, אויפן פעלד אַרויס איז ער פאַרן טויט אַזש אַנטלאָפן!

—ס'הייסט, פאַרנאַכט האָב איך צו אים אַרײַנגעבליקט, איז ער זיך געלעגן שטיל, ווי שטענדיק.

— און ר'האָט גאָרנישט עפּעס גערעדט? — האָט ער אַ פרעג געטון, אָפּווישנדיק זיך די טרוקענע אויגן.

— ס'מיגדסטע וואָרט נישט, כ'האָב אים אַרומגעדעקט מיטן איבערבעט, כ'האָבן געגעבן צו טרינקען און בין אַוועקגעגאַנגען.

— און ר'איז אַליין אויפגעשטאַנען! ס'קען זײַן, ר'וואָלט אפשר נישט געווען געשטאָרבן, ווען ס'וואָלטן וועך אָפּגעהיטן — האָט מאַגדאַ פון טיפן שלוכצן אַרויסגערעכצט.

— יאַגושיאַ איז כּסדר געשלאָפן בײַ דער מוטער, וואָרן די אַלטע איז נאָך אַלץ אַזוי זייער חרוב.

— ס'איז אַזוי, ווייזט אויס, געווען באַשערט און אַזוי איז עס געשען! ר'האָט אַזוי לאַנג זיך אָנגעקרענקט. וואָס הייסט, ס'האָט דאָך געדויערט מער ווי אַ קוואַרטל! און ווער ווירער ס'האָלט נישט בײַ געזונט ווערן, איז שוין בעסער אַ גיכער טויט. מ'דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס ער מאַטערט זיך שוין מער נישט — האָט ער אויסגערופן.

— פאַרשטייט זיך, און צ'ווייסט דאָך אַליין, וויפיל ס'האָט דאָ אָפּגעקאָסט דאָקטוירים, רפואות, און דאָס אַלץ האָט גאָרנישט געהאָלפן.

—וואָרן, צי ווער עס פאַלט צום טויט שוין פּורעים, דעם העלפן שוין נישט קיין דאָקטוירים.

— אזא באַלעבאָס, אַזאַ בר־דעת, יעזוס מיינער! — האָט מאַגדאַ געכליפּעט.

— און מיר איז נאָר אַ שאָד, וואָס אַנטעק האָט אים באַם לעבן נישט געטראָפן.

— ר'איז דאָך נישט קיין קינדעלע, וועט ער נישט וויינען, מ'דאַרף בעסער וועגן דעם באַגרעבעניש אַ טראַכט טון.

— אמת, און דאָ איז, ווי אויף צו להכעיס, ראָכאָ נישטאָ.

— מיר וועלן זיך אָן אים אַן עצה געבן. האָטס נישט קיין דאגה יעך וועל שוין אַלץ ברענגען אין אָרדנונג.

האָט אָפּגעענטפערט דער קאָוואַל, וועלכער, כאָטש ער האָט מכלומרשט געוויזן אַ פאַרדאגהט פנים, צבער אין זיך האָט ער עפּעס פאַרבאָרגן, וואָרן מכלומרשט האָט ער געזיפצט, מכלומרשט ווי באַדויערט און די טרערן געווישט, נאָר אין די אויגן אַריין גלייך נישט געקוקט. ער האָט זיך גענומען צוהעלפן יאַמבראָזשין און דעם טאַטנס מלבושים צוגרייטן, און ר'האָט לאַנג עפּעס געשטערט אין דער קאַמער צווישן די קליילעכלעך פאָרעם און אין אַלטוואַרג, דאָ האָט ער אין די ווינקלען געזוכט, דאָ איז ער אַוש אויפן בוידעם אַרויפגעקראָכן, מכלומרשט ווי נאָך די שטיוול, וואָס זענען דאָרט געהאָנגען. ער האָט אַלעמאָל אָפּגעזיפצט די יוכע, ווי אַ בלאָז־זאַק, פּאַטשעריזש האָט ער געמורמלט נאָך העכער פון יאַגאַטען, און אויסגערעכנט דעם געשטאָרבענעמס מעלות, אָבער די אויגן זיינע האָבן כסדר עפּעס איבער דער שטוב געזוכט, און די הענט זענען אים אַליין אונטער די קישנס אַרונטערגעקראָכן, אָדער אין שטרוי פון בעט גיריק געבאָברעוועט.

ביז וואַנען יאַגיסטינקע האָט זיך בייסיק אָנגערופן:

—צ'זאָלט נאָר דאָרטן אַמאָל עפּעס אַ פאַרטרוקנטע נישט געפינען... און אויב צ'וועט געפינען, זאָלט עך פעסט צוהאַלטן, וואָרן זי קען ענק נאָך אַמאָל אַנטלויפן פון דער גאָרשטש אַרויס, דאָס איז גליטשיק.

— ווער ס'איז באַם פּולן זינען, דעם וועט עס נישט אַנטרינען! — האָט ער אַ מרוקע געטון און ר'האָט שוין אָפּן געזוכט, ווו ר'האָט נאָר געקענט, נישט קוקנדיק אַפילו אויפן אָרגאַניסטערס מיכאַל, וועלכער איז אַ דעריאַכמעטער געקומען צו לויפן צו יאַמבראָזשין.

— קומט אין קלויסטער אַריין, מ'האָט געבראַנגט פיר קינדער צו דער שמד.

— לאָזן זיי וואַרטן, כוועל נישט איבערלאָזן קיין נאַקעטן מת.

— יעך וועל ענק פאַרטרעטן, גייט. יאַמבראָזשי — האָט אים דער קאָוואַל צוגערעדט, ווי ער וואָלט געוואָלט פון אים פטור ווערן.

— כ'האָב מיך דערצו שוין אָפּגעגעבן, וועל איך עס שוין מאַכן. נישט אַזוי גיך וועט זיך מיר ווידער טרעפן אַזאַ שטייגער באַלעבאָס. טו אין קלויסטער, וואָס מ'דאַרף, מיכאַל, פאַרטרעט מיין אָרט, און זאָלן די טויף-פּאַטערס דעם אָלטאַר מיט אָנגעצונדענע ליכט אַרומגיין, וועט דיר שוין דאָרט וועלכער ס'איז גאָשן אַראָפּקאַפּן. ר'לערנט זיך זיין אָרגאַניסטער, און באַ אַ נאַרישן שמדשינע קען עס זיך נאָך נישט קיין עצה געבן — האָט ער נאָך זיין אוועקגיין מיט פאַראַכטונג זיך אָנגערופן.

האַנקאַ האָט געבראַנגט מאַטעושן, כדי ער זאָל אַ מאָס בעמען אויף אַ טרומנע.

— נאָר זשאַלעווע אים נישט קיין דירה, לאָז ער זיך, דער אָרימער נעבעך, נאָכן טויט כאָטשביק צעשפּרייטן — האָט יאַמבראָזש טרויעריק געזאָגט.

— יעזוס מיינער, באַם לעבן איז אים אַפילו אויף די פאָר חלוק ענג געווען, און אַצינד וועט ער אין די פיר ברעטלעך גענוג פּלאַץ האָבן.

האָט יאַגוסטינע אַ שעפּטשע געטון, יאַגאַטע ווידער האָט, איבעררייסנדיק דעם פּאַטשערוש, מיט אַ וויינענדיק קול אַרויסגעשטאַמלט:

— ר׳איז זיך געווען אַ באַלעבאָס, ס׳יז וועט מען אים טאָקע באַגראָבן, ווי פאַר אַ באַלעבאָס צושטייט, און דער אָרימער מענטש נעבעך ווייסט אפילו נישט, היינטער וואָס פאַר אַ פלויש ער וועט די נשמה אויסהויכן. זאָלסט מיר האָבן אַ ליכטיקן גן עדן! זאָלסט מיר... — האָט זי ווידער אָנגעהויב.

און מאַטעוש האָט נאָר מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, אויסגעמאָסטן דעם מת, אָפּגעזאָגט פּאַטשערזש און אַרויסגעגאַנגען, און באַטש ס׳איז געווען זונטיק, האָט ער זיך פונדעסטוועגן תיכף גענומען צו דער אַרבעט. יעדער מין סטאָליער-כלי האָט זיך אין שטוב געפונען, און טרוקענע דעמבענע ברעטער האָבן שוין פון לאַנג אויפן בוידעם געוואַרט.

ער האָט מיטן קיך איינגעריכטעט אַ וואַרשטאַט אין סאָד און געאַרבעט, אויסמעדיאָנדיק שטרענג פּיעטרעקן, וועלכן מ׳האָט אים צוגעגעבן צו הילף.

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק אויפן טאָג, די זון האָט געשיינט אַ פריילעכע און אַ גליענדיקע, אַזוי, אַז באַלד פון אָנבייסן אָן האָט זיך געמאַכט אַזאַ היץ, אַז אַלע סעדער און פעלדער זענען פאַמעלעך ווי פאַרזונקען אין דעם דאָזיקן צעריזלטן, ווייסלעכן זידעכץ פון דער צעגליטער לופט.

די פאַרחלשטע ביימלעך האָבן טיילמאָל באַוועגט מיט די בלעטלעך, פונקט ווי מיט די פליגל פון פייגל, וואָס טריקענען זיך אין דער צעגליטער לופט. אַ הייליקע שטילקייט האָט דאָס דאָרף אַרומגענומען, בלויז וואָס די איינציקע שוואַלבן האָבן פאַרביסן געשטשוויטשערט, פליענדיק הין און צוריק איבערן סטאַוו, ווי צעמישטע. אויף די וועגן, אין די גרויע וואָלקנס שטויב, האָבן אָנגעהויבן רוישן וועגענער, און מענטשן פון די נאָנטערע דערפער האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען צום קלויסטער, אַזוי אַז וואָס אַמאָל האָט עמעצער די פערד פאַמעלעכער איינגעהאַלטן און געבליבן שטיין פאַר די באַרינעס, ווו די גאַנצע פאַרוויינטע משפחה איז געזעסן, גאָט געלויבט און טרויעריק אָפּגעזיפצט, אַרייננקוקנדיק איבערווייניק דורך די אויפגעפּראַלטע טיר און פענסטער.

יאַמבראָזש האָט זיך שנעל געפּאַרעט און זיך צוגעאײַלט צו זשוויס. האָט זיך פֿון אים געגאָסן, טוענדיק דעם טויט, זײַן רעכט, מ'האָט שוין געהאַט דאָס בעט אין סאַד אַרויסגעטראָגן, דאָס בעטגעוואַנט אויף די פּלעטער פֿונאַנדערגעהאָנגען, ווי ער האָט אָנגעהויבן צו רופֿן האַנקען, אַז זי זאָל אים ווילדע יאַגאַדעס ברענגען די שטוב אויסצורויכן.

נאָר זי האָט נישט דערהערט, און אַפֿילו שנדיק זיך ווי עפּעס די לעצטע טרער, וואָס זענען איר פֿון זיך אַליין אַראָפּגערינען, האָט זי כּסדר שוין געקוקט אויפֿן וועג אַרויס, ריכטנדיק זיך אַ ליאַדע מינוט אויף אַנטעקן.

ס'זענען אָבער פֿאַרבײַ שעהן, און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען, סוף־כּל־סוף האָט זי שוין פּיעטרעקן געוואָלט שיקן אין שטאָט אַרײַן נאָכפֿרעגן.

— ער וועט נאָר אָפּמאַטערן דאָס פֿערד און זיך גאָרנישט דערווּיסן... וואָס דען... — האָט ביליצע, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט מיט ווראָנקען אָנגעקומען, געגעבן צו פֿאַרשטיין.

— טאַטש אין די קאַנצעלאַריעס פֿונדעסטוועגן ווייסט מען דאָך עפּעסטשיס.

— וואָס דען... זיי ווייסן... אָבער, ערשטנס, איז גאָר היינט פֿאַרמאַכט צוליב זונטיק, צווייטנס ווידער וועסטו אָן אונטערשמירעכץ אין ערגעץ זיך נישט דערפּאַקן.

— טאַטש, כ'וועל עס דאָך שוין נישט איבערהאַלטן — האָט זי זיך פֿאַר דער שוועסטער געקלאָגט.

— צ'וועט זיך מיט אים נאָך אָנפֿייען, ער וועט ענק נאָך געבן צו שמעקן — האָט דער קאָוואַל אַ שיפּע געטאָן, אַ קוק טוענדיק אויף יאַגושען, וועלכע איז בײַ דער וואַנט געזעסן.

— אַז די צונג זאָל דיר אָפּגעדאַרט ווערן — האָט זי אַ מרוקע געטאָן.

— נאָך קיין שווערן די פּיסלעך גראָז, איז נישט אַזוי גרינג זיך צוצואײַלן — האָט ער גיפּטיק צוגעוואָרפֿן, זײַענדיק אין כּעס פֿאַר דעם בחנמדיקן זוכן דאָס געלט.

זי האָט נישט געענטפערט, געמענדיק זיך ווידער אַרויס־קוקן אויפן וועג.

פונקט האָט מען אָנגעהויבן קלינגען צו דער תּפילה און יאַמבראָזש האָט זיך פאַרנומען אין קלויסטער אַריין, אָנזאָגנדיק וויטעקן, ער זאָל אויסשמירן מיט חזיר־שמאַלץ באַרינעס שטיוול, וואָס זיי זענען אַזוי פאַרטרוקנט געוואָרן, אַז ס׳איז קיין אופן נישט געווען אים אויף די פיס זיי אַרויפצוציִען.

דער קאָוואַל צוזאַמען מיט מאַטעושן האָבן זיך אַוועקגעטראָגן ערגעץ אין דאָרף אַריין, און וועראָנקאַ איז, פאַרנעמענדיק דעם פּאַטער מיט האַנקעס קינדער, אויך אַוועקגעגאַנגען. אין דער כאַלופּע זענען נאָר בלויז איבערגעבליבן די ווייבער מיט וויטעקן, וועלכער האָט אָן חשק די שטיוול אויסגעשמירט, דער־וואַרטנדיק זיי שטאַרק באַם קוימען, און יעדע ווײַלע איז ער אַוועקגעלאָפן אַ קוק טאָן אויפן באַלעבאָס אָדער אויף יוזקען, וואָס האָט שוין וואָס אַמאָל אַלץ שטילער געכליפּעט.

אויף די וועגן האָט אויפגעהערט יעדע מין באַוועגונג, די מענטשן זענען שוין געהאַט פאַרבײַגעגאַנגען אין קלויסטער אַריין, באַ די באַרינעס ווידער איז אײַנגעגאַנגען שטיל געוואָרן; נישט מער נאָר, וואָס דורך די אויפגעפּראַלטע טיר און פענסטער האָט יאַ־גאַטעס שטימע, וואָס האָט געזאָגט די תּפילה נאָכן געשטאַרבע־נעם, זיך געטראָגן, פונקט ווי אַ געפּישטש פון פייגל, צוזאַמען מיט די קנוילן רויך פון יאַגוסטינקעס אויסרייכערן די שטוב און דאָס פעדערהויז.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך, ווײַזט אויס, אָנגעהויבן די באַדעסדינסט, וואָרן פון קלויסטער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויס־טראָגן געזאַנגען אין דער פאַרמיטאָגדיקער שטילקייט, און דאָס שפּילן פון אָרגל האָט זיך מיט אַ הורכן, ווײַטן און זיסן פלאַטער געטראָגן.

נישט קענענדיק זיך אין ערגעץ קיין אָרט געפינען, איז האַנקאַ אַוועק צו דער גלויט־עפענונג אַוועקגעגאַנגען, כּדי אָפּצוזאָגן דעם פּאַטשערוזש.

— איז ער, הייסט עס, געשטאָרבן, גו געשטאָרבן! — האָט זי טרויעריק געטראַכט, ציילנדיק די קרעלן אויפן רויזנקראַנץ, אָבער דער פּאַטשערוש איז איר זעלטן-ווען אויף די ליפּן געקומען, וואָרן אין קאָפּ און אין האַרץ האָט זיך איר געפּלאָנטערט אַ קנויל פון פאַרשידענע רעיונות און פון נישט ווייניק שרעק.

— צוויי און דרייסיק מאָרגעס, און ערשט פּאַשעס, און דער וואַלד, און די געביידן, און דער ליווענטאַרוש, אַזאַ באַלעבאַטישקייט! — האָט זי אָפּגעזיפצט, אַרומנעמענדיק מיט ליבע די ברייטע פעלדער און גאַנצע גאַנצע וועלטל.

— אָך, ווען מ׳קען זיך אַזוי אָפּצאָלן און איבערבלייבן אויף דעם אַלעם! צו זיין, אַזוי ווי דער טאַטע איז געווען! — אַ שטאָלצקייט האָט זי פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט, זי האָט פעסט אין דער סאַמער זון אַריין אַ בליק געוואָרפן, באַדייטונגספול אַ שמייכל געטון און מיט אַ האַרץ פול מיט זיסע האָפנונגען האָט זי אָנגעהויבן שעפּטשען ווערטער פון דער תפילה.

— אָבער אויף ווינציקער ווי פון אַ האַלבער וולוק וועל איך נישט אָפּטרעטן; אַ האַלבע כאַלופּע איז גלייכע מיין, און די מעלקנדיקע קו וועל איך אויך פון דער גאָרשטש נישט אַרויסלאָזן — האָט זי עטוואָס פאַראומערט אויסגעשריגן.

זי האָט זיך ווידער אויף אַ לאַנגער ווײַלע אַריינגעלאָזט אין דעם דאַווענען, פירנדיק מיט די פאַרטרערטע אויגן איבער די שטחים ערד, וואָס זענען אויף דער זון געלעגן, ווי אין גאָלד איינגעהילט; דאָס מיט זאַנגען באַדעקטע שפּעדיקע קאָרן האָט מיט די זשאָווערדיקע וואָנסעס באַוועגט, דער שוואַרצלעכער גערשטן האָט פונקט ווי דאָס טיפע וואַסער געגלאַנצט, דער העלגרינער האָבער ווידער, וואָס איז געדיכט מיט געלע בלימעלעך געווען דורכגעוואַקסן, האָט זיך פלאַטערנדיק אין דער שטילער, אָנגעגליטער לופט געבאָדן. עפּעס אַ גרויסער פויגל האָט געשוועבט איבער דער צעבליטער קאָנאָטשינע, וואָס איז פונקט ווי אַ פאַרבלויטיקט טוך, אויף דעם שפּיץ פון אַ בערגל געלעגן. ווו-נישט-ווו האָבן אַרבעס מיט טויזנטער ווייסע אייגעלעך גע-

וואַכס לעבן די קאַרטאָפליעס, און דאָ און דאָרט האָט זיך אײַן שטאָלן ליאַן מיט אַ בלאַסלעך בלײַכן געבלויט. פונקט ווי די צוגעמרוזשעטע קינדער־אײגלעך פון צופיל בלינדקייט.

ס'איז זייער הערלעך געווען אין דרויסן, די זון האָט וואָס אַמאָל מער געוואַרעמט, און אַ חמימה, דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון בלומען, וואָס האָבן אָן אַ שיעור אין דער תבואה און אומעטום געטליעט, האָט פון די פעלדער מיט אַזאַ מילדער, דערפרייענדיקער קראַפט געבלאָזן, אַז באַ די הערצער האָט אַזש פון פרייד געשפּאַרט און די טרערן זענען פון זיך זעלבסט אין די אויגן אַרײַן אַנגעקומען.

— דו ביסט הייליק און ווי אַן אייגענע מאַמע! ביסט הייליק — האָט זי אויסגערופן, אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ.

דאָס קלויסטער־גלעקל האָט זיך, ווי אַ פייגעלע, אין דער לופט צעטשוויטשערט.

אונטער דײַן השגחה, יעזוס מײַן ליבער, קומט דאָס אַלץ פאָר אויף דער וועלט! אונטער דײַן השגחה! — האָט זי הייס אַרויסגעשעפּטשעט, נעמענדיק זיך צוריק צום פּאַטשעריש.

ערגעץ אין דער נאָנט האָט עפּעס אַ שאָרך געגעבן, זי האָט זיך אויפמערקזאַם אומגעקוקט: אונטער די קערשן־ביימלעך, אָן געפלאָכטענעם פּלויט אָנגעשפּאַרט, איז יאַנושיאַ געשטאַנען און עפּעס טרויעריק געזיפצט.

— אַז קיין מינוט רו איז נישטאָ! — האָט זיך האַנקאַ געקלאָגט, וואָרן פאַרשידענע דערינערונגען האָבן איר ווי מיט ברענענדיקע פּאַקושיוועס אַ פּאַטש געטאָן. — אמת. טאַטש מ'האָט דאָך איר אויך אָפּגעשריבן! — האָט זי זיך דערמאַנט — גאַנצע זעקס מאָרגעס! אַזאַ גנבֿהע! — אַז ס'האָט זי אַזש אינטערן גריבל אַ שפּאַר געטאָן פון כעס. זי האָט זיך צו איר אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס, אָבער זי האָט זיך שוין באַ קיין אופן נישט געקענט צוריקנעמען צום דאַוונען, וואָרן די אַמאָליקע באַליידיקונגען אין ווייטיקן זענען זי פּונקט ווי די בייזע, צעווילדעוועטע הינט באַפאַלן.

די מיטאָג-צייט איז שוין געהאַט פאַרביי, מאַגערע שאָטנס האָבן אָנגעהויבן פון אונטער די ביימער און הייזער אַפּערצו-קריכן, און אין די תבואות, וואָס האָבן זיך אַ קאָפּ נאָך דער זון נאָכגעבייגט, האָבן פעלד-גרילן שטיל זיך צעשפּילט. ווו-נישט-ווו האָט אויך אַ באָנק אַ רויש געטון, און וואַכטלען האָבן זיך אויף זייער שטייגער אָנגערופן.

אָבער די היץ האָט זיך וואָס אַמאָל מער געשטאַרקט און שוין אומברחמנותדיק געפּרעגלט.

די גאָטעסדינסט האָט זיך באַלד געענדיקט, און באַם סטאָוו האָבן זיך ווייבער געדיכט אָנגעהויבן צו באַזעצן די שיך אײַנצוטון; די וועגן ווידער האָבן אַזוי אָנגעהויבן וויגלען פון מענטשן, וועגענער און געטומל, אַז האַנקאַ האָט זיך שנעל אין כאַלופּע אַריין אומגעקערט.

באַרינאַ איז שוין פולקום געווען אויסגעריכטעוועט.

ער איז געלעגן אין דער מיט שטוב, אויף אַ ברייטער באַנק באַדעקט מיט אַ פלאַכטע און אַרומגעשטעלט מיט אָנגעצונדענע ליכט. פאַרשטייט זיך, ער איז געווען אָפּגעוואַשן, אויסגעקעמט און אָפּגעגאָלט אויף ריין, נאָר אויף דער באַק האָט ער געהאַט אַ לאַנגן ראַץ פון יאַמבראָזשיס ברייטווע, וואָס איז מיט אַ שטיקל פּאַפּיר געווען פאַרקלעבט. דאָס בעסטע מלבוש האָט ער געהאַט אויף זיך אָנגעטון: אַ ווייסע קאַפּאָטע, וואָס ר'האָט זיך געהאַט געמאַכט צו דער חתונה מיט יאַגושען, געפּאַסעוועטע הויזן און כמעט אײַנגאַנצן אַפּאָר נײַע שטיוול.

אין די אויסגעהאָרעוועטע, דאַרע הענט האָט ער געהאַלטן אַ בילד פון דער טשענסטעכאָווער. אונטער דער באַנק איז געשטאַנען אַ באַליע מיט וואַסער, כדי די לופט אָפּצוקילן. אויף לײַמערנע שטאַרצן האָבן זיך הילדעס יאַגאַדעס גערויכערט, אָנפּולנדיק די שטוב, ווי מיט אַ בלוייען נעפּל, פון וועלכן ס'איז אויסגעשטיגן די שרעקלעכע מאַיעסטעט פון טויט.

און אַזוי איז ער זיך פייערלעך געלעגן אין דער דאָזיקער מתימדיקער שטילקייט מאַטשעי באַרינאַ, אַן ערלעכער מענטש

און אַ חכם, אַ רעכטפאַרטיקער קריסט, אַ באַלעבאָס פון דורי־דורות און דער ערשטער עושר אין דאָרף.

אונטערן דאַך פון זײַנע זיידעס האָט ער צום לעצטן מאָל זײַן מידן קאָפּ אַנידערגעלייגט, פונקט ווי אַ פויגל אין לעצטן אָפּרו, איידער ער פאַרנעמט זיך אויף דעם הויכן הימל־פלי און פאַרטראָגט זיך דאָרט אַהין, וווהין אַלע פליִען פון דורי־דורות אָן אַוועק.

ער איז שוין געווען גרייט אָפּציגעזעגענען די גוטע באַקאַנטע און קרובים און גרייט אין יענעם ווייטן וועג אַרײַן.

די נשמה זײַנע איז שוין דאָרט צו די פיס געפאַלן פאַר דעם בית דין של מעלה, נאָר זײַן עלנדער גוף, דאָס דאָזיקע מענטשלעכע מת, אויסגעליידיקט פון לעבעדיקן אָטעם, איז געלעגן, ווי שמייכלענדיק לייכטיטשקע, צווישן אַזוי פיל ליכט, רויך און אומאויפהערלעכע תפילות.

און מענטשן זענען שוין געגאַנגען, געגאַנגען מיט אָן אומענדלעכער קייט; ווער ס'האָט טרויעריק אָפּגעזיפצט, ווער ס'האָט זיך אין האַרץ געקלאַפּט און הייס מתפלל געווען, ווער ווידער ס'האָט זיך פאַרקלערט, שאָקלענדיק טרויעריק מיטן קאָפּ און אָפּווישנדיק די שווערע, מיטפילנדיקע טרער, אַזוי, אַז אַ געפּליסטער פון תפילות, אַ שטיל כליפּען און זיפצנדיקע געשפּרעכן האָבן געציטערט, פונקט ווי דאָס דורכנעמענדיקע שמייסן פון די האַרבסט־רעגנס. און מענטשן זענען אַרײַנגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען אָן אָן אויפהער; ס'זענען געגאַנגען באַלעבאַטים מיט קאָמאַרנעצעס, ס'זענען געגאַנגען ווײַבער מיט שיקסעס, ס'זענען געגאַנגען אַלטע לײַט און יונגוואַרג, גאַנץ ליפּצע האָט זיך געפּאַקט אין דער שטוב און אין פּעדערהויז, און צו די פענסטער האָבן זיך אַזוי פיל קינדער געשטופּט און האָבן אַזוי אַרומגעבראַיעט, אַז ווײַטנאָק האָט אויף זיי, נישט קענענדיק זיך מיט זיי קיין עצה געבן, דעם הונט אוש צוגערייצט, אָבער לאַפּאַ האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן, ער האָט זיך געהאַלטן הינטער לעבן יוזקען, און טײַלמאָל איז ער אַרום דער כאַלופּע אַרומגעלאָפן און געוויִעט ווי אַ משוגענער.

איבערן גאַנצן דאָרף איז בײַ רינעס טויט ווי אַ שווערער קאָשמאַר געהאָנגען; דער טאָג איז אײַנגעטלעך געווען אַ הערלע־כער, אַ צעזוניקטער, און געשמעקט מיט פֿרילינג און אַזוי ליב־לעך, נישט איבערצוגעבן, און דאָך האָט עפּעס אַן אויסטערלישע אומעטיקייט די כאַלופּעס אַרומגענומען, און אַן אויסטערלישע שטילקייט האָט אַלע ווענן באַהערשט. מענטשן זענען עפּעס אַרום־געגאַנגען מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, אומעטיקע און שרעקלעך באַטריבט, איטלעכער האָט נאָר שווער אָפּגעזיפֿצט, די הענט פֿוי־נאַנדערגעשפּרייט און איבער דעם מענטשלעכן, טרויעריקן גורל זיך פֿאַרטראַכט

אַ סך, וועלכע האָבן מיטן פֿאַרשטאָרבענעם געלעבט אין גוטפֿרײַנטשאַפֿט, זענען פֿאַר דער כאַלופּע געבליבן שטיין, ווי טייל באַלעבאָסטעס האָבן שוין האַנקען געטרייסט, מאַגדען און ידזקען, האַרציק מיטוויינענדיק מיט זיי צוזאַמען, און שטאַרק באַ־דויערנדיק די יתומים.

נאָר צו יאַגושיען איז קיינער נישט צוגעקומען מיט קיין גוט, טרייסטנדיק וואָרט, פֿאַרשטייט זיך, אַז יענע איז נישט אַזוי שטאַרק געשטאַנען נאָך דעם, מען זאָל זי באַדויערן, אָבער יעדנ־פֿאַלס האָט איר דידאָזיקע פֿאַר־אָזטקייט אַזוי ווי געטון, אַז זי איז אין סאַד אַריין אַנטלאָפֿן, און פֿאַרבאָרגנדיק זיך אין דער געדיכטעניש, איז זי גאַנצע שוין דאָרט אָפּגעזעסן, אײַנ־האָרכנדיק זיך נאָר צו מאַטעושס אַרבעטן אַרום דער טרומ־נע.

— און דאָס האָט נאָך אַזוי די העזה פֿאַר די אויגן זיך צו ווייזן! — האָט נאָך איר די וואַיטאָווע אַ שיפּע געטון.

— לאָזטס געמאַך! ס'איז נישט די צייט אַצינד צו דער־מאָנען וועגן אַזעלכע זאַכן — האָט עפּעס איינע אויסגערופֿן.

— און זאָל זי דאָרט פֿאַן יעזוס משפּטן — האָט האַנקאַ קייך צוגעגעבן.

— דער וואָיט ווען זי שוין פֿאַר זייערע זידל־ווערטער באַך גוט באַפֿרידיקן — האָט דער קאָוואַל זיך צעלאַכט. אַ גליק איז געווען, וואָס מ'האָט געשיקט נאָך אים פֿון מילנער, וואָרן

די וואַיטאָווע האָט זיך אַ בלאָז אָן געטון ווי אַ אינדיטשקע, גרייט אָנצוהייבן זיך קריגן.

דער קאָוואַל האָט נאָר אַ זעץ אַרויס געטון מיט אַ קנאַלנדיק געלעכטער און איז אַוועקגעלאָפן, און זיי זענען איבערגעבליבן, אייגטענהנדיק נאָר פּיל-וויניק וועגן פאַרשידענע זאַכן, און וואָס אַמאָל שטילער און שלעפּעריקער, ווי פון די שווערע דאגות אָדער גאָר פון דער בלויזער היץ, וואָס האָט שוין אָפּגעמאַטערט נישט צום אויסהאַלטן, דערביי האָט זיך געמאַכט אַזוי דעמפּיק און אויסער-געוויינטלעך שטיקנד, קיין פּיצל ווינטל האָט נישט קיין בלאָז געטון, קיין שום בלעטעלע, קיין שום זאַנגעלע האָט זיך נישט אַ ריר געטון, און כאָטש ס'איז שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען אַ שפּאָר שטיק צייט פון מיטאָג אָן, איז פונדעסטוועגן האָט די זוניקע שׂרפה נאָך גע-באָסן מיט פלאַקער-פייער און אַזוי געבריט, אַז די ווענט האָבן זיך אָזש מיט זשיווינצע פאַרגאָסן און די פאַרחלשטע גראָזן און בלומען האָבן אָפּגעוועלקט.

אָן אויסגעצויגענער און בענגלעכער ריטש האָט זיך פּלוצ-לינג אַרויסגעריסן ; עפּעס אַ פויער האָט אַ קו געפירט פון יענער זייט סטאַוו.

— ס'איז זיכער צום גלחס ביק ! — האָט זיך די פּלאָשקאָווא אָנגערופן, נאָכגייענדיק מיט די אויגן די קו, וואָס האָט זיך געריסן אויפן שטריק.

— דער מילנער ריטשעט נאָך בעסער צו אים, נאָר פּאַר כּעס ! — האָט די יאַגוסטינקע אָנגעהויבן, אָבער קיין אייגציקער האָט זיך שוין נישט געגלוסט צו רעדן.

זיי זענען געזעסן אָנגעבלאָזן ווי די קוואָקעס אין זאַמד, קוים שוין אָטעמענדיק פון היץ. די חמימה, די שטילקייט און יאַגאַטעס חייענדיקע שטימע, וואָס האָט באַם געשטאָרבענעם מתפּלל געווען, האָט זיי צענומען.

ערשט דאַמאָלס, ווען מ'האָט אויף די פאַרנאַכטיקע תּפילה געקלונגען, זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים, און האַנקאַ האָט געשיקט נאָכן קאָוואַל, כּדי ער זאָל מיט איר מיטגיין צום גלח צו באַדינגען זיך וועגן פאָטערס לוויה.

וויטעק איז תיכּף צוריקגעקומען, אָבער אײנער אַלײן.

— אוודאי, אַז כ'האָב גאָר מורא געהאַט בענטער צוצוגײן, וואָרן מ'כאַל זיצט זיך מיטן דזשעדזשיץ באַם מילנער אין שטוב און טרינקען טײ — האָט ער אַ צעיאַכמעטער דערצײלט.

— מיטן דזשעדזשיץ?

— וואָס דען, כ'קען דאָך אים! זײ טרינקען זיך טײ און בײסן צו מיט קוכן, כ'האָב גאַנץ גוט געזען. און די אָגערעס שטײען אין שאָטן און טרעטן גאָר איבער פון אײן פוס אויפן צווײטן.

זי האָט זיך זײער געוואונדערט דערויף, אָבער נאָך דער פאַרנאַכטיקער תפילה, בושט דערוואַרטנדיק זיך אויפן קאָוואַל, האָט זי זיך אָנגעטון יום־טובדיק און מיט מאַגדען אַוועקגעגאַנגען צו דער פלעבאַניע.

דער גלח איז נישט געווען אין די סאַלאָנען, כאָטש אַלע טירן און פענסטער זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלט; זײ האָבן זיך אַנידערגעזעצט וואַרטן. אָבער נאָך עפּעס אַ ווײלע האָט זײ דאָס שיקסל געזאָגט, אַז דער גלח געפינט זיך אין הויף און האָט זײ געהײסן אַרויסרופן.

ער איז זיך געזעסן אין אַ שאָטן באַם פּלויט, און אינדער־מיט הויף, לעבן אַ נישקשהדיקער קו, וואָס אַ פויער האָט פעסט אויפן שטריק געהאַלטן, האָט זיך מיט אַ גערידטש אַ פּעסטער, גע־פּלעקטער ביק געדרײט, אַז דער פאַראָבעק האָט אים קוים אויף דער קײט אײנגעהאַלטן.

— וואַלעק! וואַרט נאָך צו אַ ביסל, לאָז ער אָנגעמען מער חשק! — האָט דער גלח אַ געשרײ געטון, און אָפּווישנדיק זיך דעם פאַרשוויצטן פּליך האָט ער צוגערופן צו זיך די בײדע פרוי־ערטעס און וועגן אַלץ זיך אָנגעהויבן אויספרעגן, צו טרײסטן און מיט באַרמהאַרציקײט זײ געשטאַרקט, און ווען זײ האָבן מיט אים אָנגעהויבן רעדן וועגן דער לוויה און די הוצאות, האָט ער זײ שאַרף און אומגעדולדיק איבערגעריסן:

— וועגן דעם דערנאָך. איך שיקנד נישט די הויט באַ קײן מענטשן. מאַטשעי איז געווען דער ערשטער באַלעבאָס אין דאָרף,

מוז ער אויך האָבן נישט קיין אַבי וועלכע לוויה. נו, איך זאָג: נישט קיין אַבי וועלכע! — האָט ער שטרענג איבערגעחזרט, אויף זיין שטייגער.

זיי האָבן אים נאָר באַ די פּיס אַרומגעכאַפּט, נישט וואַגנדיק זיך שוין מער מיט גאָרנישט אים אָנטקעגנצושטעלן.

— איך וועל ענק דאָ געבן! צ'האָט געזען, אַזעלכע לאָבּאַסעס! — האָט ער אַ געשריי געטון אויפן אָרגאַניסטערס קינדער, וואָס האָבן דורכן פּלויט אַריינגעקוקט. — נו, ווי געפעלט ענק עפּעס מיין ביקל, האַ?

— הערלעך! בעסער ווי דעם מילנערס! — האָט האַנקאַ פּאַטאַקעוועט.

— ער קומט אַזוי צו מיינעם, פּונקט ווי אַן אָקס צו אַ קאַרעטע! קוקטס ענק נאָר צו צו אים! — ר'האָט זיי צוגעפירט אַ ביסל נענטער, גלעטנדיק מיט ליבלעכקייט דעם ביק, וואָס האָט זיך שוין ווי אַ ווילדער צו דער קו געריסן, — וואָס פאַר אַ קאַרג! און וואָס פאַר אַ רוקן, וואָס פאַר אַ ברוסטן ער האָט! אַ מחבל, נישט קיין ביק! — האָט ער אויסגערופן, צוסאַפּענדיק אַזש פון פרייד.

— טאַקע, כ'האָב נאָך קיין זעלכן נישט געזען.

— האַ, אמת! אַ ריינער האָלענדער, ר'קאָסט דריי הונדערט רובל.

— אַזוי פיל געלט! — האָבן זיי דערשטוינטע זיך געוווּנדערט.

— קיין גראָשן נישט ווינציקער! וואַלעק, לאָז אים... נאָר פאַרזיכטיק, וואָרן די קו איז נישט קיין פעסטע... פון ערשטן מאָל דעקט ער זי צו... אוודאי איז ער טייער, אָבער כ'נעם נאָר צו רובל מיט צוואַנציק גראָשן שטריק-געלט, כדי ס'זאָלן זיך אין ליפּצע גוט קי אויפכאָווען. דער מילנער איז אויף מיר בייז, אָבער ס'זעען מיר שוין פאַרמיאַוסט געוואָרן די קעץ, וואָס עס האָט פון זיין ביק. האַלט-זשע צו, גאָפּ דו, די קו באַם סאַמע פּיסק, וואָרן זי וועט זיך דיר אויסרייסן! — האָט ער אַ קוויטש געטון אויפן פויער. — נו, טאָ גייטס געזונטערהייט, — האָט ער זיך גע-

ווענדט צו די ווייבער, זעענדיק, אַז זיי האָבן, פאַרשעמטע, דעם קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייט אָפּגעדרייט. — און מאָרגן פירט מען דעם מת אין קלויסטער אַריין! — האָט ער נאָך נאָכגעשריגן נאָך זיי, בעמענדיק זיך צוהעלפן דעם פויער, וואָרן ר׳האָט בשום אופן די קו נישט געקענט איינהאַלטן.

— וועסט מיר דאַנקען פאַר דעם קאַלב, דאָס וועט זיין אַזעלכעס, וואָס האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען, וואַלעק, פיר אים אַ ביסל דורך, לאָז ער זיך אָפּקילן, כאָטש, וואָס מאַכט עס אויס. דאָרט פאַר אַזאַ מחבל איין פליג! — האָט ער געלויבט.

די ווייבער זענען נאָך אַוועקגעגאַנגען צום אָרגאַניסטער, וואָרן מיט אים האָט מען זיך נאָך אויך געדאַרפן באַזונדער צו באַדינגען וועגן דער לוויה, אָבער, ווייל די אָרגאַניסטעכע האָט זיי אויפגענומען מיט קאַווע, בײַ וועלכער זיי האָבן זיך אַ ביסל פּובאַנדערגעשמועסט, איז האָט שוין געהאַלטן בײַ סאַמע זון-אונטערגאַנג און מ׳האָט שוין די בהמות פון די פּאַשעס אַראָפּגעטריבן, ווען זיי זענען אַהיימגעקומען.

פאַרן גאַנעק איז געשטאַנען פאַן יאַצעק מיט מאַטעוש, און פּיפּקענדיק דאָס ליולקעלע, האָט ער אים באַדינגען צו צעשניידן דאָס האָלץ אויף סטאָכאָס כאַלופּע.

מאַטעוש איז עפּעס נישט זייער געווען צופרידן, וואָרן ר׳האָט זיך מיט פאַרשידענע תירוצים אויסגעדרייט.

— דאָס האָלץ וועל איך צעשניידן, ס׳לוינט זיך נישט אַריינצוטראַכטן, אָבער צי כ׳וועל אויפשטעלן די כאַלופּע, וואָס קען איך דען וויסן? אפשר וועל איך גאַר אַוועק ערגעץ אין דער וועלט אַריין... ס׳איז מיר שוין דערעסן דאָס דאָרף... כ׳זאָל אַזוי וויסן, וואָס מ׳הייבט אָן צו טון... — האָט ער גערעדט, געבנדיק אַלעמאָל אַ קוק אויף יאַגושען, וועלכע האָט די קו לעבן דער שטאַל געמאָלקן. — באַלד אינדערפרי פאַרענדיק איך די טרומנע, וועלן מיר נאָך אַ שמועס טון — האָט ער גיך פאַרענדיקט און אַוועקגעגאַנגען.

און פאַן יאַצעק איז אַריינגעגאַנגען צום געשטאָרבענעם און

זאָגט אַ לאַנגע, האַרציקע תפילה, ווישנדיק זיך כסדר די פליסנ־דיקע טרערן.

— הלוואי זאָלן כאָטש די זין אין אים אַריינגראָטן — האָט ער דערנאָך צו האַנקען אויסגערופן. — אַ גוטער מענטש איז דאָס געווען און אַ רעכטפאַרטיקער פּאָליאַק. ער איז מיט־געווען מיט אונדז אין דעם אויפשטאַנד, ר'איז פרייוויליק צוגע־שטאַנען צו דער פּאַרטיי און נישט געזשאַלעוועט די ביינער זיינע. כ'האָב אים געזען בײַ דער אַרבעט. און ס'איז פון אים אַ תל געוואָרן צוליב אונדז... אַ קללה העגנט איבער אונדז... — האָט ער ווי צו זיך גערעדט, און כאָטש זי האָט נישט אַלץ אַזוי פאַרשטאַנען, האָט זי אים פונדעסטוועגן אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דעם גוטן וואָרט, וואָס ער האָט דאָ דערינערט, בײַ די פיס אַרומגענומען.

— לאָזט געמאַך! כ'בין אַזאַ מענטש, פונקט ווי עך! — האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן. — באַרישער מענטש! אַ דושע־דושיק איז נישט קיין הייליקער! — ער האָט נאָך איינמאָל אַ קוק געטון אויף באַרינען, פאַרייכערט באַם ליכט די ליולקע און אַרויסגעגאַנגען, נישט ענטפערנדיק אויף דעם קאָוואַלס באַגריי־סונגען, וועלכער איז גראָד געהאַט אין פעדערהויז אַריינגע־גאַנגען.

— עפּעס איז ער מיר זייער אַנגעבייזגט הייגט! אַ דזשאַד יוכע! — האָט ער מיט כעס נאָך אים אויסגערופן, נאָר, ווייל ער איז עפּעס געווען זייער אויפגעלייגט, האָט ער זיך צוגעזעצט צום ווייב און אָנגעהויבן איר איינרוימען. — ס'גייט אונדז גוט! ווייסט, מאַגדוש, דער דזשדזשיק זוכט מיט אַלע מיטלען שלום צו מאַכן מיטן דאָרף. ער רעדט מיך אָן, אַז כ'זאָל אים בײַ־הילפיק זיין. פאַרשטייסט זיך, אַז מיר וועלן דאָ אַפּלעקן אַ פעט ביינדל. נאָר הערסט, ווייב, קיין פּיפּס פון מויל נישט אַרויסגע־לאָזט, וועגן גרויסע זאַכן גייט עס דאָ.

ער האָט אַריינגעבלקט צום געשטאָרבענעם, אַ פּאָרע זיך געטון אַהין און אַהער און אין דאָרף אַריין אַוועקגעלאָפן, אַרויס־ציִענדיק די פויערן אויף אַן אסיפה אין קרעטשמע אַריין.

ס'איז שוין געוואָרן גוט טונקל, די הימל-רויטקייט האָט זיך אָפּגעקילט, פּונקט ווי די פאַרזשאַווערטע בלעכן, וואָס מ'שיט צו מיט אַש, אַזוי, אַז נאָר ווו-ניט-ווו האָט זיך נאָך עפּעס געלויכטן אַ וואָלקנדל, וואָס איז נאָך אָנגעזאַפּט געווען מיט אַ ליכטיקייט פון זון-פאַרגאַנג.

און ווען ס'איז שוין געהאַט איינגאַנצן נאַכט געוואָרן און מ'האָט געהאַט פאַרענדיקט אַלע באַלעבאַטישע אַרבעטן, האָט זיך די גאַנצע משפחה ווידער צונויפגעזאַמלט אַרום געשטאַרבענעם. בײַ באַרינעס צופוסנס איז וואָס אַמאָל מער ליכטיקער געוואָרן פון די פלאַקערנדיקע ליכט, יאַמבראַזש האָט כּסדר די קנויטן אָפּגעשניטן און פון ביכל אַרויסגעזונגען, און נאָך אים האָבן אַלע מיטגעהאָלפן, צייטנווייז אַרויסוויינענדיק איינער נאָכן אַנדערן און יאָמערנדיק.

אַנדערע ווידער, די שכנים, ווייל אין שטוב איז ענג און אַ שטיקנדע לופט, האָבן געקניט אינדרויסן, אונטער די פענסטער און געצויגן די לאַנגע, טרויעריקע טענער פון די תפילות, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי דער גאַנצער סאַד וואָלט געזונגען.

די נאַכט האָט זיך ביסלעכווייז איבער דער גאַנצער וועלט אויסגעשפּרייט, איז דעריבער פולשטענדיק שטיל געוואָרן, ערטערווייז האָט מען זיך שוין געלייגט שלאָפן, אין די סטעדער האָט זיך בעטגעוואַנט געהייסט, און די כאַלופּעס האָבן זיך געלאָשן איינע נאָך די אַנדערע, נאָר, וואָס די הענער האָבן עפּעס אומרויִק געקרייעט, און אַזאַ דעמפּיקע, שטיקנדע שטילקייט איז געוואָרן, ווי ס'וואָלט זיך אויף אַן ענדערונג פון וועטער געוויזן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט מען לעבן באַרינעס געזונגען, און ווען מ'איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז נאָר איבערגעבליבן יאַמבראַזש מיט יאַגאַטע, כּדי זיי זאָלן שוין ביז אינדערפרי אַכטונג געבן.

מתחילת האָבן זיי נאָך געזונגען אויפן הויכן קול, אָבער, ווען יעדער מין באַוועגונג האָט אויפגעהערט און אַן אומגעהייערע

שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט זי באַלד
דער שלאָף אָנגעהויבן פייניקן, באַם קאָפּ פעסט אָנגעכאַפּט, אַז
זיי האָב שוין וואָס אַמאָל שטילער און שלעפּעריקער די תּפילות
געמורמלט, נישט אויפכאַפּנדיק זיך שוין אפילו דאַמאָלס. ווען
לאַפּאַ איז געקומען צו גיין, און שטיל סקאָמליענדיק, אָפּגעלעקט
די מיט חזיר־שמאַלץ אָנגעשמירטע שטיוול פון געשטאָרבענעם.

כמעט אַרום סאַמער האַלבער נאַכט האָט אַ געדיכטע פינ־
סטערניש די ערד צוגעדעקט, די שטערן זענען פאַרלאָשן גע־
וואָרן, ס'האָט זיך אײַנגאַנצן פאַרוואָלקנט און ס'איז ווי נאָך
מער שטילער געוואָרן, אַז נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך
עפּעס אַ בוים אַ טרייסל געגעבן און אַ שטילעטשקע, פאַרכטיק
גערויש האָט אויפגעציטערט, אָדער ס'האָט זיך פון ערגעץ־ווו
אַן אויסטערליש קול אַרויסגעריסן, עפּעס נישט קיין געשריי,
נישט קיין געשאַל, נישט קיין ווייט רופן, און פונקט אַזוי אויך
פאַרפאַלן געוואָרן נישט צו וויסן וווהין...

דאָס דאָרף איז געלעגן אין טיפן שלאָף און ווי אויף
דער סאַמער דנאָ פון פינסטערניש, נאָר איין באָרינעס שטוב
האָט אין דעמדאָזיקן פינסטערן מבול בלאַס געלויכטן, און דורך
די אָפענע פענסטער האָט זיך אַרויסגעזען מאַטשעי, וועלכער
איז געלעגן צווישן די געלע פלעמלעך, אײַנגעהילט מיט די
רויכן פון קטורת, פונקט ווי מיט בלויע וואָלקנס. יאַמבראָזש מיט
יאַגאַטען זענען, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אים מיט די קעפּ, אָנ־
דרימלט געוואָרן שוין אויף פעסט, כראַפּענדיק אַזוי, אַז מ'האָט
אַזש פונדערווייטנס געהערט.

די זומערדיקע, קורצע נאַכט איז גיך פאַרבײַגעלאָפן, ווי
זי וואָלט זיך ערגעץ וווהין געאײַלט, אַז זי זאָל נאָך פאַר דעם
הינער־קרייען אָנקומען, די ליכט האָבן זיך שוין אויך אויסגע־
ברענט און פאַרלאָשן געוואָרן, פונקט ווי די אויגן, וואָס זע־
נען מיד געוואָרן קוקנדיק אויפן געשטאָרבענעם, אַזוי, אַז
ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז נאָך געהאַט איבערגעבליבן
דאָס גרעבסטע ליכט, וואָס האָט געצאַנקט, פונקט ווי אַ גאָלדענע
שאַרף.

ביז וואַנען דער גרויער, פאַרנעפּלטער פרימאָרגן, וואָס האָט זיך פויל פון די פעלדער אַראָפּגעשלעפּט, האָט אַרייַנגעוואָרפן אַ בליק אין שטוב אַרייַן, גלייך אין באַריבעס פנים, וואָס האָט ווי אַ קאָפּ אויפגעלעבט, ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ שווערן שלאָף, און אייַנגעהאָרכט זיך צו די ערשטע געטשוויטשערייען אין די נעסטן, ער האָט געקוקט דורך די שוואַרצבעוואָרעטע אויגן-לעכלעך אין דער גאָר ווייטער רויטקייט פון זון-אויפגאַנג.

דער פרימאָרגן איז געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער, פו-באַנדערפרישנדיק זיך, ווי אַ שניי-אַוויערוכע.

דער הימל איז העל געוואָרן, פונקט ווי לייוונט אויף דער זון, וואָס מ'לייגט אַרום צום ווייסן, פון די פעלדער האָט מיט קילקייט אַ בלאָז געטון, דער סטאַוו האָט אָפּגעזיפצט, וויגנדיק זיך פאַרשלאָפן; און פון אונטער דער פינסטערער נאַכט-היל האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצייכענען וועלדער, פונקט ווי די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס הייבן זיך פון דער ערד אויף. טייל ביימלעך הידער, וואָס זענען געשטאַנען אייַנזאַם, האָבן מיט די שפּיצן זייערע אין דער ווייסלעכער לופט אַרויסגעשטאַרט, פונקט ווי בינטלעך שוואַרצע פעדערן; אָן ערשט ווינטל האָט שוין אפילו אַ בלאָז געטון, אַ טרייסל געגעבן מיט די סעדער און אָנגעהויבן אויף די פריזבעס אין די שלאָפנדיקע פנימער צו בלאָזן.

אָבער ווייניק ווער ס'האָט זיך אויפגעכאַפּט און די אויגן געעפנט. אַלץ איז נאָך אין זיסן שלאָף געלעגן, פוילנדיק זיך אַ קאַפּ, ווי געוויינטלעך עס קומט פאַר נאָך אַ יום-טוב אָדער נאָך אַ יאַריד.

און באַלד איינגיכן האָט זיך אויך דער טאָג אַליין געשטעלט, נאָר עפּעס אַזאַ נעפלדיקער און טרויעריקער, די זון איז נאָך נישט געווען, אָבער די לערכעס האָבן זיך שוין מיט זייערע תפילות צעזונגען, די וואַסערן האָבן העכער אָנגעהויבן רייַזלען, און די תבואות האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן, אָנקלאַפּנדיק מיט די גרילצענדיקע זאַנגען אָן די מיעדזעס און אויף די וועגן; אויף טייל ערטער האָבן זיך שוין פון די פאַרצוימונגען

אַרבענקטע מעקען פון שעפסן געריסן, ווי ווידער האָבן זיך געבדן רוגזהדיק צעגאָנערט, דאָ האָבן זיך די הענער אויפן הויכן קול פונאַנדערגעקרייעט, ווו-נישט-ווו האָבן זיך אפילו אויסגעשרײַען געטראָגן, אַ סקריפּען פון די שייער-טויערן, אַ הירזשען פון פערד, אַ באַוועגונג און געפּאָרעריי פון די אויפשטייענדיקע, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך אויפגעכאַפּט, געמענדיק זיך פאַמעלעך איטלעכער צו זיין טאָג-טעגלעכער אַרבעט, נאָר בײַ די באַרינעס איז נאָך כסדר אַלץ געווען שטיל און רויק.

זיי זענען פאַרשלאָפן געבליבן צוליב דעררדאָזיקער אבלות און שווערע דאגות, אַז מ'האָט אַזש דאָס כראָפן אויפן גאַנצן הויף געהערט.

דער ווינט האָט יעדע ווײַלע אַ זעץ אַריין געטון אין די אָפענע טירן און פענסטער און געוואָרפן זיך איבער די שטובן, געסווישטשעט כסדר, און בחנם האָט ער דעם טויטן די האָר פונאַנדערגעבלאָזן און מיטן פלעמל פון לעצטן ליכט געחאָרפן.

באַרינע האָט זיך שוין אָבער נישט קיין ריר געטון, נישט אויפגעכאַפּט זיך, נישט געריסן זיך צו דער אַרבעט, ער איז געלעגן טויט, שטיל, ווי אַ שטיין פאַרגליווערט און טויב שוין אויף אַלעם.

דער ווינט האָט שוין מיט נישט ווינציק קראַפט געבלאָזן און איבערן סאָד זיך אַ לאָז געטון, אַז אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען, צו רוישן, צו שאָקלען, צו וויגן זיך און ווי זיך אײַנצוקוקן אין באַרינעס בלויען פּנים; ס'האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט דער פאַרנעפּלטער טאָג, ס'האָבן צו אים אַרײַנגעבליקט די פונאַנדערגעוויגטע ביימער, די, ווי די שיקסעס, שלאַנקע, בויגעוודיקע מאַלוועס ווידער האָבן זיך דורכן פענסטער מיט טיפע פאַרנײַגונגען אַרײַנגעבויגן, און פון דרויסן איז פון צייט צו צייט אַ בין אַרײַנגעסאָלן מיט אַ געזום, דאָ איז אַ שמעטערלינג גלײַך אויפן פלעמל פון דעם ליכט אַרויפגעפלויגן, דאָ האָט זיך אַ שוועלבעלע פאַרבלאָנדזשעט, טשוויטשערנדיק דעם שראַק, דאָ האָבן זיך פליגן אַרומגעטראָגן, זשוקעס זענען גע-

קומען צו קריכן און יעדער מין גאַטס באַשעפעניש, און צוזאַ-
מען מיט זיי איז אין שטוב אַריין מיטגעפלאָסן אַ שטיל געזום,
אַ גערויש, אַ געפלאַטער און אַ טשוויטשעריי, פונקט ווי איין קול
פון וויטיקלעכן, האַרציקן מיטגעפיל:
— ר׳איז געשטאָרבן! געשטאָרבן! געשטאָרבן!
און אַלץ, וואָס האָט נאָר געלעבט, האָט זיך גע-
טרייסלט, געשלאָכצט און געיאָמערט, ווי אין אַ פאַרשטיקטער,
גרויזאַמער יללה; ביז וואַנען ס׳איז פלוצלינג שטיל געוואָרן און
אַ פחד האָט אַרומגענומען, דער ווינט האָט אויפגעהערט, אַלץ
האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן און איז אויפן פּנים געפאַלן, אין
דעם שטויב פון דער ערד, וואָרן אָט איז פון דער פרימאָרגנדי-
קער גרויקייט אויפגעגאַנגען די זון אַ רויטע און אַן אומגעהיי-
רע, זי האָט זיך איבער דער וועלט אויפגעהויבן, זי אַרומגענו-
מען מיט דעם הערשנדיקן, דערברענגדיקן אויג און אין אַ צוזאַ-
מענגעקאָלטענטער כמאַרע זיך פאַרבאָ״גן.
ס׳איז גרוי געוואָרן אינדרויסן, און ס׳איז נישט אויסגע-
גאַנגען קיין רגע, ווי ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן אַ דראָבנער, וואַרע-
מער רעגן מיט גראָבע טראָפּנס, אַזוי, אַז מיטן קוק האָבן זיך
אַלע פעלדער און סעדער צעקלונגען מיט אַ שיטנדיק, אומאויפ-
הערלעך גערויש.
ס׳איז באַדייטנד קילער געוואָרן, די וועגן האָבן זיך פו-
באַנדערגעשמעקט, די פייגל האָבן מיט דער פולער קראַפט אָנגע-
הויבן צו זינגען, און אין דעמדאָזיק, גרויען, צעציטערטן רעגן-
שטויב, וואָס האָט די וועלט אַרומגעהילט, האָבן די דורשטיקע
תבואות געטרונקען, עס האָבן געטרונקען די פאַרחלשטע בלע-
טער, עס האָבן געטרונקען די ביימער, עס האָבן געטרונקען די
אויסגעטרוקנטע העלדזער פון די קוואַלן און די פאַרבאַקטע ערד,
זיי האָבן געטרונקען לאַנג און מיט חשק, אָטעמענדיק ווי מיט
דאַנקבאַרקייט.
— זאָל דיר גאָט באַצאָלן, ברודער רעגן! זאָל דיר גאָט
באַצאָלן, שוועסטער כמאַרע! זאָל ענק גאָט באַצאָלן!
אָט דערדאָזיקער שמייכנדיקער רעגן טאָקע האָט דאָס

ויפגעוועקט האַנקען, וועלכע איז געשלאָפן לעבן פענסטער, אַז זי איז די ערשטע אויף די פיס אויפגעשפרונגען.

זי איז מיט אַ געשריי צו דער פערדשטאַל אוועקגעלאָפן.

— פיעטרעק! שטיי אויף! סערגנט! מ'דאַרף לויפן די קאַניטשינע אין סטויגן אַנלייגן, וואָרן ר'וועט דורכגעגעצט ווערן און גאַרנישט ווערט זיין! וויטעק, דו פוילאַק אייגער, די בהמות טרייב אַרויס! אין גאַנצן דאַרף האָט מען שוין אַרויסגעטריבן! — האָט זי שטרענג געשריגן, אַרויסלאָזנדיק פון די כליוועס די געגנדז, וואָס זענען מיט אַ פריידיק געגאָגעריי געלאָפן אין די קאַלוזשעס זיך פליעסקען.

זי האָט אַריינגעבליקט צו די בהמות און די חזירים אויפן הויף אַרויסגעטריבן, ווי דער קאָוואַל איז געקימען צו לויפן; זיי האָבן אָפגעשמועסט, וואָס מ'האָט געדאַרפט, איינצוקויפן אויף דער מאָרגנדיקער סעודת-אָבל, ר'האָט גענומען דאָס געלט און געזאָלט באַלד פאָרן אין שטעטל אַריין, אָבער שוין פון דער בריטשקע אַראָפּ האָט ער זי צוגערופן און שטיל צו איר אַ מאָך געטון:

— האַנקאַ, גיטס מיר אַ העלפט, וועל איך די פאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזן, אַז צ'האָט דעם אַלטן באַלקחנט. לאָמיר עס מאַכן מיט גוטן.

זי איז רויט געוואָרן, ווי אַ בוראַק, און מיט כעס אַ געשריי געטון:

— מעגסט דיר פּיסקעדען, כאָטשביק פאַר דער גאַנצער וועלט; צ'קוקט אים אָן, אַליין איז ער גרייט אויף אַלדאָס בייז, מיינט ער, אַז אַלע זענען אַזוי.

ער האָט נאָר אַ בליק געטון מיט די שליפּיעס, אַ ציפּ געטון זיך באַ דער וואָנסע און אַ שמיץ געגעבן די פערד.

האַנקאַ ווידער האָט זי פעסט גענומען צו דער אַרבעט, וואָרן אַזאַ גרויס באַלעבאַטישאַפט האָט אויף איר געוואַרט, אַז מ'האָט געדאַרפן גוט די הענט צוצולייגן און נישט ווייניק דעם קאָפּ זיך ברעכן, כדי זיך מיט אַלץ אָן עצה צו געבן; האָט טאַ-

קע גאַר אינגיכן יעדן טאָג איבערן גאַנצן הויף איר באַפעלנדי-
קע שטימע זיך צעטראָגן.

באַרינגען האָט מען צוויי פרישע ליכט אָנגעצונדן און אים איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. יאַגאַטאַ האָט געמורמלט איבער אים דעם פּאַטשערוזש, צושיטנדיק פון צייט צו צייט אויף די ק'ילעכלעך שטענגעלעך ווילדע יאַגאַדעס.

יאַנושיאַ איז ערשט געקומען פון דער מוטער נאָכן אָנ-
בייסן, אָבער ווייל דער בר-מנן האָט זי מיט אַ שרעק דורכגעזו-
מען, האָט זי זיך בלאָנקענדיק אַרומגעדרייט איבערן הויף, אויס-
קוקנדיק כסדר מאַטעוש, וועלכער האָט זיך געהאַט איבערגע-
טראָגן מיט זיין אַרבעט אין שייער אַריין; ער האָט גראָד שוין
פאַרענדיקט די טרומבע און שוין געמאָלן אויף איר אַ ווייסן
צלם, ווי יאַגנאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טויער פון שייער.

זי האָט געשוויגן, קוקנדיק מיט מורא אויף דעם שוואַרצן
טרומבע-דעקל.

— אַן אַלמנה ביסטו אַצינד, יאַגוש, אַן אַלמנה! — האָט
ער איר מיטפילנדיק אַ שעפּטשע געטון.

— יאָ — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן און שטי-
לעטשקע אָפּגעענטפערט.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט ערלעכע אויגן, זי איז
געווען אָפּגעמאָגערט און בלאַס, ווי אַן אָפּלאַטעק, און אַזאַ
רחמנות-פּנים געהאַט, ווי עפּעס אַ באַוועלט קינד.

— אַזוי איז שוין דער מענטשלעכער גורל — האָט ער
טרויעריק אַ זאָג געטון.

— יאָ, כ'בין אַן אַלמנה! אַן אַלמנה — האָט זי צוויי מאָל
איבערגעחזרט, און טרערן האָבן אירע בלויע אויגן אָנגעפילט,
און די שווערע זיפצן איז אַ וווּנדער, אַז זיי האָבן איר דאָס
האַרץ נישט צעריסן, אַז זי איז אַזש אַנטלאָפן הינטער די כאַ-
לופּע, און נישט קוקנדיק אויפן רעגן, האָט זי דאָרט לאַנג
געוויינט און אַזוי ביטערלעך, אַז האַנקאַ אַליין האָט זי אַזש
אין שטוב אַריינגעפירט, פרווונדיק זי צו באַרויקן און צו
טרייסטן.

— מיטן ווייגען וועסטו דיר גאַרנישט העלפן. אונדז איז אויך נישט אַזוי לייכט, אָבער דיר, יתומה נעבעך, איז אַוודאי זייער שווער — האָט זי מיט גוטסקייט גערעדט.

— ווייַן, ווייַן, און ס'וועט נישט פאַרבייגיין קיין יצר, וועל איך איר נאָך אַזאַ שיכּרות־ליד אויפזינגען, אַז ז'עט משוגע ווערן — האָט זיך יאַגוסטינקאַ אויף איר שטייגער אָנגערופן.

— נישט אַצינד די צייט אויף קיין וויצלעך — האָט זי האַנקאַ אָפּגעמוסרט.

— איך זאָג דעם ריינעם אמת, זי איז דען נישט קיין יונ־גע, נישט קיין שיינע, נישט קיין רייכע! מיט אַ שטעקן וועט זי זיך דאַרפן פון די פויערן אָפּיאָגן.

יאַגנאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, האַנקאַ ווידער האָט די חזירים פרעסן אַרויסגעטראָגן און אויפן וועג אַרויסגעבליקט.

— וואָס האָט דאָרט געקענט געשען? — האָט זי אַ באַ־טריבטע געטראַכט. — מ'האָט אים געזאָלט נאָך שבת באַפרייען, און דאָ איז שוין מאָנטיק, און מען הערט נישט און מען זעט נישט.

אָבער ס'איז נישט געווען קיין צייט אויף קיין דאגות, וואָרן זי האָט געמוזט צוהעלפן דאָס איבעריקע היי און די גאַנצע קאָ־ביטשינע אין סטויגן אָפּלייגן, וואָרן ס'האָט זיך צערעגנט אַזוי אויף אַן אמת, ס'האָט אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט.

אינגיכן איז נאָך מיטאָג אָנגעקומען דער גלח מיטן אָרגאַניסטער, עס זענען געקומען די חברה־קדושה מיט ליכט, און מענטשן האָבן זיך אויך עטלעכע צוזאַמענגענומען, מ'האָט אַריינגעלייגט באָריִ־נען אין דער טרומנע אַריין, מאַטעוש האָט זי צוגעקלאַפּט מיט קאָלעקלעך, דער גלח האָט אָפּגעריכט אַ תּפֿילה, באַשפּריצט מיט הייליק וואַסער, און גים אַוועקגעפירט, צוזינגענדיק שטילערהייט, אין קלויסטער אַריין, ווו יאַמבראָזשי האָט שוין אין טרויער־גלאָק געקלונגען.

און ווען מ'האָט זיך אומגעקערט פון דער עקספּאָרטע, האָט אין שטוב עפּעס אויסגעזען אַזוי פּוסט און שרעקלעך שטיל, אַז יוזקאַ האָט אַזש אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, און האַנקאַ האָט

זיך אָפּגערופן צו יאַגוסטינקען, וועלכע האָט די שטוב צוגע-רוימט:

— כאַטשיק די גאַנצע צייט איז ער דאָך נאָר געווען אַ בר מנן, און פונדעסטוועגן האָט מען געפילט אַ באַלעבאָס אין שטוב.

— אַנטעק וועט אַהיימקומען, וועט זיין אַ באַלעבאָס אויך — האָט זיך די אַלטע צוגעלעקט.

— ער זאָל כאָטש גיך אַהיימקומען — האָט זי בענגלעך אָפּגעזיפצט.

אָבער ווייל אַ גרויע, פייכטע צודעק האָט די ערד אַרומגע-הילט און דער רעגן האָט אומאויפהערלעך געגאָסן, האָט זי די טרערן אויסגעווישט, אָפּגעזיפצט איינמאָל און אַ צווייט מאָל, און גענומען די לייט אירע צוטרייבן.

— נו, קומטס-זשע, מענטשן! ס'זאָל אַפּילו שטאַרבן דער גרעסטער מענטש, וועט אים שוין קיינער נישט, פונקט ווי דעם שטיין פון טיפן ים, פון דאָרט צוריק אַרויסנעמען, און די ערד וויל נישט וואַרטן, און מען דאַרף אַרום איר אַרבעטן.

און זי האָט אַלע דורך דער פלויט-עפענונג אויסגעפירט די קאַרטאָפּלעס אַרומצוקאָפּען, נאָר יוזקאַ איז איבערגעבליבן היטן די קינדער, און אויך צוליב דעם, וואָס זי איז געווען עפּעס קראַנק און זי האָט נאָך נישט געקענט פון הייטיק צו זיך קומען. לאַפּאַ האָט אויך פון איר נישט אָפּגעטרעטן און אויך וויטעקס באַטשאַן, וואָס איז געשטאַנען אין גאַנעק אויף איין פוס, ווי אויף דער וואַך.

דער רעגן האָט אויף קיין איין רגע נישט אויפגעהערט, ער איז געגאַנגען דראַבנע, געדיכט און וואַרעם, אַז די פייגל האָבן אויפגעהערט צו זינגען, און יעדער מין באַשעפעניש איז אַנט-שוויגן געוואָרן, די גאַנצע וועלט איז ביסלעכווייז אַנטשטומט גע-וואָרן און ווי זיך איינגעהאָרכט אין דעם טריפנדיקן, זומענדיקן, און אומאויפהערלעכן פלאַטער, און נאָר ווו-נישט-ווו האָבן זיך צעשריגן די גענדז, וואָס האָבן זיך אין די בלויע, אויפגעשוימטע קאַלוזשעס געפּליעסקעט.

ערשט באַם סאַמע זון-פאַרגאַנג האָט אַ צעגליטע זון אַרויסגעבליקט און רויטע פייערן אין דעם טוי און אין די קאַלוזשעס אָנגעצונדן.

— מאָרגן וועט זיכער זיין אַ שיין וועטער! — האָט מען געזאָגט, אַהיימגייענדיק פון די פעלדער.

— הלוואַי וואָלט נאָך אַ ביסל גערעגנט, ס'איז ריין גאָלד, נישט קיין רעגן.

— די קאַרטאָפליעס האָבן זיך שוין קוים-קוים געהאַלטן.

— און דעם האָבער האָט עס נישט צוגעבראָכט!

— ס'וועט פאַר אַלץ זיין צום געזונט.

— ס'זאָל כאָטשביק אַזוי רעגענען אַ דריי טאָג — האָט עמעץ אָפגעזיפצט.

און ס'האָט טאַקע אַזוי גערעגנט גלייכמעסיק, געדיכט און רויק ביז אין דער סאַמער נאַכט אַריין, אַזוי, אַז מ'איז געשטאַנען אונטער די כאַלופעס, אויף דער אָפגעקילטער, שמעקעדיקער לופט. די גולבאַשיקעס ווידער האָבן צוזאַמענגערופן אַלע שיקסעס מיט שקצים, כדי צו לויפן הינטערן דאָרף, אויפן בערגל, אָנצונדן דאָס הייליקע יאָהאַן-פייער, וואָרן דאָס איז געלעגן ערב דעם הייליקן יאַן. אָבער ווייל ס'איז געווען אַ פינסטערניש און אַ גאָס-רעגן, האָט זיך ווייניק-ווער געלאָזט אָנרעדן, אַזוי, אַז נאָר הינטערן וואַלד האָט עפּעס אַ שוואַך פייערל ווו-נישט-ווו אויפגעבליצט.

וויטעק האָט נאָך פון בין-השמשות אָן יוזקען דעם טויט געמאַכט, אַז זי זאָל מיט אים לויפן אויף דעם יאָהאַן-פייער, אָבער זי האָט אים טרויעריק אָפגעענטפערט:

— כ'על נישט גיין, וואָס טויגן מיר די שפּילעריייען, חאָטש טויג מיר שוין דאָרט אַלדינג.

— טאַטש מיר וועלן נאָר אָנצינדן, אַריבערשפּרינגען איבערן פייער און קומען צוריקצולויפן — האָט ער הייס געבעטן.

— זיץ אין דער כאַלופע, וואָרן כ'וועל אויסזאָגן האַנקען! — האָט זי אים געסטראַשעט.

אָבער ער איז געלאָפן און ערשט אַהיימגעקומען נאָך דער וועטשערע, אַ הונגעריקער און אויסגעשמירטער אין בלאָטע, ווי אַ

חזיר, וואָרן דער רעגן האָט אויף קיין מינוט נישט אויפגעהערט און ס'האָט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט געגאָסן, ביז ערשט צומאָרגנס איינדערפרי האָט אויפגעהערט. ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, פונקט דאַמאָלס, ווען די מענטשן זענען שוין אויף דער טרויער־גאָטעסדינסט געגאַנגען.

די זון האָט זיך אָבער נישט באַוויזן; די וועלט האָט זיך געהאַט איינגעהילט אין אַ גרויען, פייכטן נעפּל, אין וועלכן די פעלדער און סעדער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעגרינט, און די וואַסערן האָבן זיך געזויגן, פונקט ווי זילבערנע געוועבן. די לופט איז געווען פריש, קילבלעך און שמעקעדיק, דער טוי האָט פון אַ ליאַדע בלאָז אָנגעהויבן געדיכט צו פאַלן, די פייגל האָבן זיך ווי די משוגעים געריסן, די הינט האָבן פריילעך געבילן, אַרומיאָגנדיק זיך איבער די וועגן צוזאַמען מיט די קינדער, און יעדער שטימע האָט זיך געטראָגן הויך און פריידיק, אַפילו די ערד, וואָס איז אָנגעטרונקען געווען מיט וואַסער און אָנגעזאַפּט מיט מאַכט, האָט זיך געדאַכט צו זידן מיט אַ נישט איינגעהאַלטענעם אויפשפּראָץ.

אין קלויסטער האָט דער גלח אָפּגעריכט אַ טרויער־תּפילה פאַרן געשטאָרבענעם און איניינעם מיטן סלופּסקער גלח און מיטן אָרגאַניסטער האָבן זיי, אַנידערזעצנדיק זיך איינער אַקעגנאיבער דעם אַנדערן אויף די בענק פאַרן גרויסן אַלטאַר, אָנגעהויבן צו זינגען לאַטייניש געזאַנגען.

באַרינגע איז געלעגן הויך אויפן קאַטאַפאַלק, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט אַ ווייסן וואַלד פון ברענענדיקע ליכט, און אַרום און אַרום האָט הכנעהדיק געקניט דאָס גאַנצע דאָרף, וואָס איז געווען אַריינגעטון אין דער תּפילה און איינגעהאָרכט אין דידאָזיקע לאַנגע, קלאָג־געזאַנגען, וואָס זענען טיילמאָל אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ שרעקלעך געשריי, אַז די האָר האָבן זיך אַזש אויפגעשטעלט און ווייטיקלעכע יסורים האָבן פאַם האַרץ פאַרקלעמט; און דאָ זענען זיי טיילמאָל איינגעשוויגן מיט דורכנעמענדיקע, טרויעריקע זיפצן, אַז די הערצער זענען אַזש אַנטפאַלענע פאַרחלשט געוואָרן, און די טרערן זענען אַליין פון די

אויגן געפלאָסן; אָדער טייל מאָל זענען זיי גאָר אויפגעשטיגן מיט אַזעלכע הערלעכע און הימל-גרייכנדע קולות, פונקט ווי קלאַנגען פון מלאכים שירה און פון אייביקן גליק, אַז דער עולם האָט אַ וויש געטאָן, אָפּגעווישט די אויגן, אויסגעווישט, און גאַנץ אָפּט האָבן אויך טייל מיט אַ האַרציק געוויין אַרויסגעפּלאַצט.

דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן בײַ אַ גוטע שעה, און ווען מ'האָט געענדיקט, איז געוואָרן אַ טומל, מ'האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם קניען, און יאַמבראָוש האָט אָנגעהויבן צו נעמען די ליכט פון קאַטאַפאַלק און זיי צווישן די מענטשן אייַנטיילן. דער גלח האָט נאָך אויך בײַ דער טרומנע געזונגען, באַרויכערט זי, ביז וואַנען ס'איז אַזש געוואָרן בלוי פון רויך, ר'האָט זי באַשפּריצט מיט הייליק וואַסער, אַ צי געטון עפּעס אַ טאָן און געלאָזט זיך צו דער טיר נאָכן צלם.

דאָס קלויסטער האָט אַזש אויפגעציטערט פון די געשרייען, געוויינען און שלוכצן, וואָרן די בכבודיקסטע באַלעבאַטים האָבן שוין געהאַט גענומען די טרומנע און אַרויסגעטראָגן אויפן וואָגן, אין די פּולקאָשקעס, וואָס זענען אויסגעבעט געווען מיט שטרוי. יאַגוסטינקאַ האָט געהיים, כּדי די גלחים זאָלן נישט באַמערקן, אַרייַנגעשטופּט אונטער דער טרומנע אַ לאַבן ברויט, וואָס איז געווען אייַנגעהילט אין אַ ריין שטיק לייוונט, פּיעטרעק האָט פעסט די לייצן צוזאַמענגענומען, אַ שמיר געטון מיט דער בייטש און אומגעדולדיק אויף די גלחים זיך אומגעקוקט.

עס האָבן זיך צעברומט די טרויער-גלאָקן, מ'האָט אַרויסגעטראָגן די שוואַרצע פענער, פייערלעך האָבן אויפגעבליצט, סטאַכאַ האָט געטראָגן דעם צלם, און די גלחים האָבן אויפגעזונגען:

— „Miserere mei Deus”.

און דאָס שרעקלעכע געזאַנג, דאָס געזאַנג פון טויט האָט זיך צעכליפּעט איבער די קעפּ מיט אַן אומענדלעכן טרויער און פּחד.

פּאַמעלעך האָט זיך דער עולם געלאָזט גיין אויפן טאָפּאָלן-וועג צום צמענטאַרזש.

די שוואַרצע פאָן מיט דעם סקעלעט האָט אַ פלאַטער גע-
טון אויפן ווינט, ווי עפּעס אַ שרעקלעכער פויגל, און זיך אַוועק-
געטראָגן פאָרויס, און נאָך איר ערשט האָט געגלאַנצט דער זיל-
בערנדיקער צלם, און עס האָט זיך געשפּאַנט אַ לאַנגע גאַס פון די
חברה-קדושה-לייט מיט אָנגעצונדענע ליכט, און עס זענען גע-
גאַנגען די גלחים מיט די שוואַרצע קאַפּלעך.

די טרומנע איז געפירן אינדערמיט, זי איז געשטאַנען
הויך אויפן שטרוי, אַזוי, אַז אַלע האָבן זי כּסדר פאַרן אויג גע-
האַט, און באַלד נאָך איר האָט זיך נאָכגעשלעפּט די משפּחה,
יעלהנדיק מיט שרעקלעכע געוויינען און קרעכצן. דערלעבן ווי-
דער, און ווו איינער האָט נאָר אַן אָרט פאַרכאַפּט, האָט דאָס
גאַנצע דאָרף זיך געשטופּט, גייענדיק אין שטילשווייגן און אין
טרויער געהילט.

אפילו קראַנקע און קאַליקעס זענען אין די כאַלופּעס נישט
איבערגעבליבן.

דער פאַרנעפּלטער, גרויער הימל איז געהאַנגען נידעריק,
ווי אָנגעשפּאַרט אויף די ריזיקע טאָפּאָלן, וואָס זענען איבערן
וועג געשטאַנען אײַנגעבויגן. אַלץ איז געשטאַנען אָן באַוועגונג,
צוגעדריקט און ווי אײַנגעהאָרכט אין די גרויער-געזאַנגען, און
ווען דער ווינט האָט אַ בלאָז געטון און די פעלדער און ביימער
פונאַנדערבאַוועגט, האָט זיך דער טוי אַ שיט געטון, פּונקט ווי
מיט אַ טרויעריק, שטיל געוויין, די צעטיגטע תבואות ווידער
האָבן זיך געוואַקלט פּאַמעלעך מיט די שווערע זאַנגען, וואָס
אַמאָל זיך נידעריקער געבויגן, ווי פאַלנדיק דעם באַלעבאָס צו
די פיס אין דער הכנעהדיקער, לעצטן בוק.

דאָס געזאַנג פון די גלחים איז ערגעץ־ווו זיך אין דער
לופט צעשוומען, אַזוי, אַז אַ פּײַנלעכע שטילקייט האָט זיך אויף
די נשמות אָפּגעלייגט, נאָר די גלאָקן האָבן כּסדר געברומט,
געקלונגען מיט אַ טרויעריקער שטימע, זיי האָבן עפּעס גערופן
צו דעם פאַרכמורעטן הימל, צו די וועלדער און פאַרנעפּלטע
ווייטקייטן; די לערכעס האָבן געזונגען איבער די פעלדער, דער
וואָגן האָט טיילמאָל אַ סקריפּע געטון, די פערד האָבן זיך איינגע

אַן דעם אַנדערן אָנגעטריבן, די בלאַסע האָט נעשפּריצט אויף דער ערד די פּ"ס, און די שמערצלעכע, יתומימדיקע געוויינען האָבן אומ־אויפהערלעך געיעלהט.

„Miserere mei Deus" — האָט ווידער דער גלח אויפגעזונגען, האָבן אים נאָכגעזאָגט דער סלופּסקער אינאַמען מיטן אָרגאַניסטער און מיטן קאָוואַל, וועלכער האָט געהאַלטן אַ פּאַראַסאָל איבער די גלחים, וואָרן ס'האָט ווידער אָנגעהויבן טריפן אַ רעגן.

און זיי האָבן אַזוי שרעקלעך געזונגען, אַזוי פאַרצווייפלט און אַזוי קרעכצנדיק, אַז טרערן זענען אויך אין די אויגן אָנגעקומען, דאָס האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן, און די דערשראָקענע אויגן, די אויגן, וואָס האָבן אין אָנמאַכט געבלאָנדזשעט, האָבן זיך אין דער וועלט אַריין געטראָגן און בײַ דעם פאַרכמורעטן הימל רחמנות געבעטלט. די פּנימער זענען בלאַס געוואָרן, די נשמות האָבן זיך אין יסורים אָנגעהויבן קאָרטשען, און אַ פּײַנלעך ציטערן האָט דורכגענומען, אַז וואָס אַמאָל האָבן זיי שווערער אָפּגעזיפצט, און נישט איינער האָט זיך די טרערן שוין אָפּגעווישט, דאָ האָט ווער אַ תפילה מיט די בלוי געוואָרענע ליפּן געשעפּטשעט, אין האַרץ אַריין זיך געקלאַפּט, און אַ צעבראָכענער, חרטה געקריגן. אַלע ווידער האָט אַ שווערער, האָפענונגסלאָזער אומעט באַטויבט, און אַ גרענעצלאָזער ווייטיק האָט זיי צעגלייגט, אַז ווי בייסיקע רויכן, האָבן זיך איבער זיי געקנוילט בייזע מחשבות און קרעכצן, וואָס זענען אין שרעק פאַרגליווערט געוואָרן.

יעזוס, זײַ דיך מרחם אויף אונדז זינדיקע! יעזוס!

אָ, מענטשלעכער גורל, האַרטער גורל!

און וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס האָרעווען מיט שווייס? וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס מענטשלעכע לעבן, וואָס ווערט פאַרשווונדן פּונקט ווי דער שניי און אַ פּיצל סימן נאָך זיך, אַז אַפילו די אייגענע קינדער געדענקען דיך נישט?

בלויז ווייטיק, בלויז געוויין, בלויז יסורים...

און וואָס פאַר אַ ממשות האָבן די אַלע גליקן, גוטסקייטן, האָפענונגען?

נישטיקער רויך, שטויב, פאַרבלעגדעניש און גאָלע באַר־בּישט...

און וואָס פאַר אַ ממשות האָסטו, מענטש, אַליין, וואָס דו גרייסט דיך, בלאָזסט פון דיר, און שטאָלצירסט אַזוי באוהדיק איבער יעדער באַשעפעניש?

ווי דער ווינט ביסטו באַר, וואָס מ׳ווייסט נישט, פון וואַנען ער קומט, מ׳ווייסט נישט, צו וואָס ער בלאָזט, און מ׳ווייסט נישט ווו ער וועט צונישט ווערן...

און דו, מענטש, האַלטסט דיך פאַרן האַר פון דער גאַנצער וועלט?...

און מ׳זאָל דיר אפילו די הערלעכסטע גערטענער געבן — מוזסטו זיי פאַרלאָזן.

ס׳זאָל דיר ווער אפילו אַלע מאַכטן אָפּגעבן — וועט זיי דיר דער טויט אַרויסרייסן.

ס׳זאָל דיך ווער אפילו פאַרן גרעסטן חכם אָנערקענען — דאָך בלייבט פון דיר שטויב.

און וועסט דיין גורל נישט גובר זיין, דו שוואַך באַשעפעניש, וועסט דעם טויט נישט מנצח זיין, ניין...

וואָרן ביסט מאַכטלאָז, שוואַך און נישטיק, פונקט ווי דאָס בלעטעלע, מיט וועלכן דער ווינט וואָרפט איבער דער וועלט.

וואָרן דו געפינסט דיך, מענטש, אין די נעגל פון טויט, פונקט ווי דאָס פייגעלע, פון דער נעסט אַרויסגענומען, וואָס פּישטשעט אַזוי פריידיק, פלאַטערט, זינגט זיך צו, און עס ווייסט נישט, אַז איינגיכן וועט עס אַ פאַררעטערישע האַנט באַם האַלדז דערשטיקן און דאָס ליבע לעבן צונעמען.

אָ, נשמה, צו וואָס שלעפּסטו אויף דיר דעם מענטשלעכן גוף, צו וואָס?

אָט אַזוי האָט דיר דאָס פאָלק געפילט, אָט אַזעלכע מחשבות זענען אים דורכגעפלויגן, און טרויעריק האָט עס געקוקט אויף דער גרינער ערד, געפּירט מיט די פאַרבענקטע אויגן איבער דער וועלט און שווער אָפּגעזיפצט פון דידאָזיקע אומבאַשרייב־

לעכע יסורים, אַז די פֿינצטער זענען אַזש פֿאַרשטיינערט געוואָרן און די נשמות האָבן געצאַפּלט.

אָבער אויך דאָס האָבן זיי גלייכצייטיק געוווּסט, אַז די איינציקע האָפֿנונג זייערע איז אין פֿאַן יעזוסעס חסד, און די איינציקע רעטונג פֿון דער נשמה זייערע איז אין זיין הייליקן רחמים.

— „Secundum magram misericordiam tuam"...

די שווערע, לאַטייניש ווערטער זענען געפֿאַלן, פּונקט ווי גרודקעלעך געפֿרוירענע ערד, אַז זיי האָבן אַזש ניט ווילנדיק די קעפּ אַראָפּגעבויגן, ווי אונטער דער אומבאַרחמהאַרציקער שווערד פֿון מלאך-המוות, אָבער זיי זענען געגאַנגען נישט אָפּשטעלנדיק זיך; זיי זענען געגאַנגען פֿעסט אָבער רעזיגנירטע, גרויע און שטאַרקע ווי די גלאָזעס, וואָס מען זעט אויף די וועגן ליגן, אויף אַלעם שוין גרייט און נישט איבערגעשראָקענע, צו די אומפּאַרקערטע, אָבער גלייכצייטיק אויך צו די רייך-פֿאַרבליטע פֿעלדער ענלעך, און גלייך צו די ביימער סיי אין קראַפֿט סיי אין צעקרישלטקייט — צו די ביימער, אין וועלכע אַ דונער קען אַ ליאַדע מינוט אַריינשלאָגן און אין די הענט פֿון טויט איבער־ענטפֿערן, און דאָך שפּאַרן זיי זיך צו דער זון און זינגען אַ טיף, פֿריידיק געזאַנג פֿון לעבן...

דאָס גאַנצע דאָרף איז געגאַנגען, אָנמאַכנדיק אַן ענגשאַפֿט און שטופּנדיק זיך, אָבער איטלעכער איינציקער איז אַזוי פֿאַר־זונקען געווען אין זיינע טרויעריקע רעיונות, אַז גלייך ווי ער וואָלט אַליין געגאַנגען אין אַן אומגעהייערער ליידיקייט און פֿאַרלאָזנקייט, און איטלעכער איינציקער האָט זיך פֿאַרקוקט ער־געצשטשיס און גלייך ווי ער וואָלט דורך די אויגן, וואָס זענען מיט טרערן פֿאַרגלייזט געווען, זיינע עלטערן געזען, די זיידעס, די עלטער-זיידעס, וואָס מ'האָט אַוועקגעטראָגן דאָרט אַהין אויפֿן צמענטאַרזש, וואָס מ'זעט שוין אַרויס דורך די גראָבע שטאַמען פֿון די טאָפּאָלן...

די גלאָקן האָבן כסדר געקלונגען, און אַ מרה-שחורהדיק

בעזאַנג האָט וואָס אַמאָל קרעכצנדיקער געוויין, דער צמענטאַרזש איז שוין געווען נישט ווייט. ער איז פון צווישן די תבואות מיט די קופּקעלעך ביימער, צלמים און קברים אַרויסגעוואַקסן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געעפנט ווי אַ שרעקלעכער, קיינמאָל זיך נישט אָנפילנדיקער גרוב, אין וועלכן עס פליסט לאַנגזאַם און אָן אָפּהאַלט די גאַנצע וועלט אַריין, אַזוי, אַז נישט איינעם האָט זיך שוין אויסגעדאַכט, ווי אין דערדאָזיקער פונאַנדערגערעגנטער לופט און פון אַלע זייטן קלינגען גלאָקן, עס פלאַקערן ליכט, עס שוואַרצן זיך צעפלאַטערטע פענער און עס גיסן זיך געזאַנגען, ווי פון איטלעכער כאַלופּע טראָגט מען אַרויס טרומנעס, ווי מיט אַלע וועגן ציען זיך טרויער פּראָצעסיעס, און יעדער מענטש באַווייגט עמעצן, קלאָגט, און שלוכצט אַזוי, אַז דער גאַנצער הימל און ערד ווערן אָנגעפילט מיט אַ יאָמערלעכן געקרעכץ און פליסן אָפּ מיט אַן אומאויפהערלעכן געוויין פון פיאָלין־ביטערע טרערן...

די פּראָצעסיע האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעדרייט אויפן וועג צום צמענטאַרזש־צו, ווי דער דזשעדזשיק האָט זי אָנגעיאָגט. ער איז אויסגעשטיגן פון דער קאַרעטע און געגאַנגען לעבן דער טרומנע אין דער שרעקלעכער ענגשאַפט. וואָרן דאָס וועגל איז געווען זייער אַן ענגס, געדיכט מיט בשאָזעלעך פאַרפלאַנצט און פון ביידע זייטן זענען די תבואות געשטאַנען.

און ווען די גלחים האָבן אויפגעהערט צו זינגען האָט די דאָמיניקאָנטע, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן יאַגנען, אָן איינגעהויקערטע און האַלב בלינדע, אָנגעהויבן מיט איר שטייגער: „ווער ס'געפינט זיך אונטער דער השגחה".

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן גיך און הייס נאָכגעזאָגט, ווי אָנכאַפּנדיק זיך מיט די אָפּגעשראָקענע נשמות אין דעמדאָזיקן האַרציקן ליד.

און אַזוי זענען זיי שוין צעזונגענע, און פול מיט עפּעס אַ צוטרויען, אויפן צמענטאַרזש אַרויפגעגאַנגען.

די בכבודיקסטע באַלעבאַטים האָבן געטראָגן אויף זיך די טרומנע, און אפילו דער דזשעדזשיק אַליין האָט אָנגעהויבן אינדערמיט אונטערצושפּאַ״ן. מען האָט זי אַוועקגעטראָגן מיט די געלע וועגלעך, צווישן די פאַרבליטע קברים, גראָזן און צלמים באַך דער קאַפּליצע, ווו ס׳האָט שוין אין די געדיכטעניש פון ניסן־ביימלעך און בעז געוואַרט דער גרוב, וואָס איז ערשט פריש געווען אויסגעגראָבן.

שרעקלעכע געוויינען און געשרייען האָבן די לופט אויפגעטרייסלט.

די פענער און די פלאַקערנדיקע ליכט האָבן די טיפע הייל אַרומגערינגלט, דער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקנוילט און געפּאַקט זיך, אַריינקוקנדיק אין דעם געלבלעכן און ליידיקן גרוב...

און ווען מ׳האָט נאָך עפּעס דאָרט אָפּגעזונגען, האָט זיך דער גלח אַרויפגעשטעלט אויף דער קופּע אויסגעגראָבענעם זאמד, אויסגעדרייט זיך און מיט אַ דונערנדיקער שטימע אויסגערופן:

— קריסטלעך פאָלק! פאָלק!

ס׳איז מיט אַמאָל שטיל געוואָ״ן, נאָר די גלאָקן האָבן פונדערווייטנס אָפּגעקלונגען, און יוזקאַ, וועלכע האָט מיט אירע הענטלעך דעם טאַטנס טרומנע אַרומגענומען, האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט, נישט קוקנדיק אויף גאָרנישט.

דער גלח ווידער האָט אַ ציי געטון מיט דער נאָז פון דעם טאַבאַק־שקעטעלע, אַ באָס געטון איין מאָל און ס׳צווייטע מאָל, און אַ פיר טוענדיק מיט די פאַרטרערטע אויגן, האָט ער הויך אויסגערופן:

— „ברידער, וועמענען זענט עך קובר היינט, חעמעבען?״

מאַטשעי באַרינען! זאָגט עך.

און איך זאָג עבק, אַז אויך דעם ערשטן באַלעבאָס, און

אַן ערלעכן מענטש, און אַ רעכטפאַרטיקן קאַטאָליק זענט עך קובר... וואָרן כ'האָב אים געקענט שוין פון יאָרן און זאָג עדות: אַז ער האָט געלעבט מוסטערהאַפט, גאָט געגלויבט, זיך מתוודה געווען און געוווּסט אין די הייליקע ביכער, און אָרימע לייט געשטיצט.

איך זאָג ענק: „ר'האָט געשטיצט!" — האָט ער איבער-געחזרט, אַטעמענדיק שווער.

אַ געוויין מיט אַ יללה האָט זיך אויפגעהויבן אַרום, און זיפצן האָבן זיך וואָס אַמאָל געדיכטער אויפגעריסן, ווען ער האָט אין זיך איינגעשעפּט אַ ביסעלע לופט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן, גאָר עטוואָס מיט אַ ווייגעדיקער קול:

— און ער איז געבעך געשטאָרבן, געשטאָרבן!

דער טויט האָט אים אויסגעקליבן, פּונקט ווי אַ וואָלף קלויבט אויס דעם פעטסטן שעפּס פון דער סטאַדע, און אין מיטן העלן טאָג, פאַר אַלעמען אין די אויגן, און קיינער האָט אים נישט געשטערט דערין.

פּונקט ווי אַ דונער שלאָגט אַריין אין אַ ריזיקן בוים, אַז ער פאַלט אַנידער אַ צעשפּאָלטענער, אַזוי איז ער אויך געפאַלן אונטער דער שווערט פון טויט.

אָבער נישט אינגאַנצן איז ער אָפּגעשטאָרבן! — ווי עס זאָגט די הייליקע שריפט.

וואָרן אָט איז ער זיך שטיין געבליבן דערדאָזיקער וואָג-דערער פאַר די טויערן פון גן-עדן, ער קלאַפּט אָן און בעט מיט אַ וויינענדיק קול, ביז דער הייליקער פּיאָטר גיט אים אַ פרעג:

— ווער ביסטו דאָס און וואָס פאַרלאַנגסטו?

— באַרינאַ פון ליפּצע בין איך און כ'בעט רחמים בײַ גאָט...

— אַזוי האָבן דיר שוין דײַנע ברידער צרות אָנגעטון, אַז דו האָסט דיר געפּטרט דאָס לעבן, האַ?

— כ'וועל אַלץ זאָגן — ענטפערט מאַטשעי — נאָר עפּנטס מיר די טויערן, הייליקער פּיאָטר, אַז ס'זאָל מיך ד'ערוואַרעמען כאָטש אַ קאַפּ גאָטס רחמים, וואָרן כ'בין ווי אייז פאַרפרוירן געוואָרן אין דעם ערדישן גלות.

דער הייליקער פּיאָטר האָט עטוואָס אויפגעעפנט, אָבער ער לאָזט אים נאָך נישט אַריין און זאָגט:

— נאָר זאָג נישט קיין ליגנט, וואָרן דאָ וועסטו קיינעמען נישט אָפּנאַרן. זאָג, נשמה, דרייסט, פאַרוואָס ביסטו דאָס פון דער ערד אַנטלאָפן?

און מאַטשעי איז אַ פאַל געטון אויף די קני, וואָרן ער האָט די מלאכים-שירה דערהערט אין די גלעקלעך, פּונקט ווי בשעת דער האָסטיע-אויפהייבונג, און ער ענטפערט מיט געוויין:

— כ'וועל זאָגן דעם אמת, פּונקט ווי באַם מתוודה זיין זיך: כ'האָב שוין באַין אופן נישט געקענט אויף דער ערד אויסהאַלטן, וואָרן דאָרט זענען שוין די מענטשן, פּונקט ווי די וועלף, איינער אויפן אַנדערן אָנגעפאַלן, וואָרן דאָרט הערט מען שוין נישט מער נאָר ווי מחלוקתן, קריגערייען און גאָטס-לעסטערונגען... נישט קיין מענטשן זענען דאָס, הייליקער פּיאָטר, נישט קיין געטלעכע באַשעפענישן, נאָר ווי משוגענע הינט און פאַרשטונקענע חזירים.

און ס'איז אַזוי שלעכט אויף דער וועלט, אַז ס'איז גאָר קיין אופן נישט אַלץ אויסצודערציילן...

ס'איז פאַרשוווּנדן געוואָרן יעדער מין געהאָרכזאַמקייט, פאַרשוווּנדן די ערלעכקייט, פאַרשוווּנדן דאָס רחמנות, איין ברודער פאַלט אָן אויפן אַנדערן, קינדער אויף טאַטעס, ווייבער אויף מענער, דער קנעכט אויפן האַר... זיי האָבן שוין פאַר גאָרנישט קיין דרך-ארץ, נישט פאַר קיין עלטער, נישט פאַר דער רעגירונג, נישט אַפילו פאַרן גלח...

דער שטן האָט די הערצער באַהערשט, און אונטער זיין אָנפירונג קומען פאַר די אויסגעלאַסנקייטן, שיכרות, און דאָס שלעכטס שטאַרקט זיך וואָס אַמאָל מער.

אומעטום זענען נאָר דאָ לײַדאַקעס אויף לײַדאַקעס, און דורך אַ לײַדאַק ווערן זיי געטריבן.

אומעטום גייען נאָר אָן כיטרעקייטן, רמאות, שרעקלעכע בגישות און גנבות, אז וואָס דו האָסט, לאָז פון דער גאָרשטש נישט אַרויס, וואָרן מ'וועט עס דיר אַרויסרייסן.

מעג עס זיין די בעסטע לאָנקע, וועלן זיי זי דיר אויספּאַשען און צעטראָטעווען.

מעג זיין אפילו אַ קרישעלע, אַבי פרעמדס צו פאַראַקערן.

זאָלסט אפילו אַ הון פון הויף אַרויסלאָזן, וועלן זיי ווי די וועלף צוכאַפּן.

קיין שטיקל אייזן, קיין שטיקל שטריקל טאָרסטו נישט פאַרגעסן, מעג עס אפילו זיין דעם גלחס, וואָרן זיי וועלן עס נישט אַרורכלאָזן און צוגנבענען.

בראָפּן טרינקט מען נאָר, מ'טרייבט אויסגעלאַסנקייט, גאָט דינען האָבן זיי שוין אינגאַנצן פאַרלאָזט, דידאָזיקע הינטישע געצנדינער און קריסטוס־מערדער, אַז אַנדערע ייִדן זענען שוין טויזנט מאָל ערלעכער און גאָטסאָרכטיקער פאַר זיי.

— און דאָס טוט זיך אַזוי אַלץ אָפּ אין דער ליפּצער פּאַראַפיע? — האָט אים דער הייליקער פּיאָטר איבערגעריסן.

— ערגעץ אַנדערש איז אויך נישט בעסער, אָבער אין דער ליפּצער איז שוין צום ערגסטן.

און דער הייליקער פּיאָטר האָט זיך גענומען די הענט ברעכן, די ברעמען אָנכמורען, מיט די אויגן פירן און אויסגערופן, דראָענדיק מיט דער פויסט צו דער ערד:

— אַזעלכע לייט זענט עץ, ליפּצער, אַזעלכע! איר מנוולדיקע רוצחים, איר געצנדינער, וואָס זענען נאָך ערגער פון די דייטשן! צ'האָט אַזעלכע גוטע גערעטעניש, פרוכטבאַרע פעלדער, און פּאַשנס, און לאָנקעס, און צו שטיקלעך וואַלד און אַזוי פירט עץ ענק אויף!... דער האָבער שטעכט ענק, לײדאַקעס איינע! כ'וועל דאָס דערציילן פאַר פאַן יעזוסן, כ'וועל דערציילן, און ער וועט ענק שוין נעמען אין דער צוים אַריין...

מאַטשעי האָט אָנגעהויבן זיינע טריי צו פאַרטיידיקן, אָבער דער הייליקער פּיאָטר איז נאָך מער דערצערנט געוואָרן און

ווי ער גיט דאָס נישט קיין טופּע מיטן פוס און גיט אַ גע־שריי:

— פאַרטיידיק נישט אַזעלכע זין! וואָרן דאָס איינע קען איך דיר נאָר זאָגן: לאָזן מיר זיך נאָר דידאַזיקע יודאַשן צייט די דריי וואָכן נישט פאַרריכטן און חרטה האָבן אויף זייערע זינד, און אויב זיי וועלן זיך נישט האָרכן, וועל איך אַזוי מיט הונגער צודריקן, מיט שרפות און חולאתן, אַז זיי וועלן מיך האָבן צו גע־דענקען די ליידאַקעס איינע.

דער גלח האָט אַזוי שטאַרק געקרעכצט, און אַזוי צום האַרץ און אַזוי פאַרהאַלטנדיק און מיט אַזאַ בעטלעכן צאָרן האָט ער גערעדט און אַזוי מיט די פויסטן געטרייסלט, אַז אַ געכליפּע־ריי האָט זיך אָנגעהויבן אַרום און אַרום, דער עולם האָט זיך צע־וויינט, אין האַרץ זיך געשלאָגן און חרטה געהאַט. . .

דער גלח ווידער האָט, כאַפּנדיק אַ ביסל דעם אָטעם, ווײ־טער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם פאַרשטאַרבענעם, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פאַר אַלע. . .

און ער האָט גערופן צו שלום. גערופן צו גערעכטיקייט. גערופן מען זאָל זיך באַצייטנס אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן די עבירות, וואָרן קיינער ווייסט נישט, ווען ס׳וועט די לעצטע שעה עס שלאָגט, און ס׳וועט אויסקומען זיך צו שטעלן לדין פאַרן רבונו של עולם. . .

אַז אפילו דער דזשעדזשיק אַליין האָט אויך מיט דער פויסט די אויגן זיך אויסגעווישט.

אינגיכן האָבן די גלחים זייערס בעענדיקט און זענען צוזאַ־מען מיטן דזשעדזשיק אַוועקגעגאַנגען. און ווען מ׳האָט אַראָפּגע־לאָזט די טרומנע אין גרוב אַריין און אָנגעהויבן אויף איר זאַמד אַרויפשיטן, אַז ס׳האָט אַזש אָנגעהויבן צו פּויקן, האָט אַזאַ יללה, יעזוס מײנער, אַרויסגעפּלאַצט, אַזעלכע געשרייען, און אַזעלכע קלאָ־גערייען, אַז דעם האַרטסטן מענטש וואָלט עס גערירט.

יוזקאַ האָט בעריטשעט, מאַגדאַ האָט געריטשעט, האַנקאַ האָט געריטשעט און די ברודערנקינדער, עס האָבן געוויינט באַנטע און ווייטע, קרובים און לגמרי פרעמדע, און צום ב׳טערסטן האָט

שוין אפשר געווינט יאַגושיאַ, וועלכער ס'האָט עפּעס אַזוי אונטער דער ברוסט געשפּאַרט, אַז זי האָט פּשוט אין אומבאַוווּסטזיין גע־שריגן.

— האָסט געזען, אַצינד קוויטשעט זי, און וואָס האָט זי דאָס מיטן פאַרשטאַרבענעם פאַראַרבעט! — האָט עפּעס אייגע פון דער זייט אַ מרוקע געטון, די פלאַשקאָווא ווידער האָט אַפּווישנ־דיק די טרערן, אַזוי צוגעגעבן:

— רחמים ווייגט זי פאַר זיך אויס, כדי מ'זאָל זי פון דער כאַלופּע נישט אַרויסטרייבן.

— זי מיינט, אַז ס'איז עמעץ אַ נאַר און וועט גלייבן! — האָט די אָרגאַניסטעכע הויך געזאָגט.

אָבער יאַגנאַ האָט נישט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט זי איז, זי איז ערגעץ אַנידערגעפאַלן אויפן זאַמד און זי האָט זיך צעיאָמערט מיט אַזאַ האַרצרייסנדיק געוויין, גלייך ווי איך איר וואָלט מען דאָס געשיט די שווערע, שיטנדיקע שטראָמען ערד, גלייך ווי אויף איר וואָלט דאָס דער מרה־שחורהדיקער גלאָקן־געקלאַנג געקלונגען, גלייך ווי אויף איר וואָלט מען דאָס גע־ווייגט. . .

און די גלאָקן האָבן כסדר געקלונגען, ווי באַקלאָגנדיק זיך פאַר די הימלען, און פון איבער דעם פרישן קבר האָבן זיך די אַלע געוויינען, די כליפּערייען און געיאָמערן אויף באַקלאָגט אויף דעם אומברחמנותדיקן גורל און אויף דער אייביקער עוולה, וואָס דעם מענטש געשעט.

מ'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן ביסלעכווייז פונאַנדערצוגיין, ווער ס'האָט נאָך דאָרט ערגעץ אויפן וועג אַנידערגעקניט, ווער ס'האָט אַ תפילה געזאָגט פאַר די געשטאָרבענע, ווער ווידער עס האָט נאָר בלויז צווישן די קברים אַרומגעבלאָנקעט און טרויעריק זיך פאַרקלערט, און די אַנדערע האָבן זיך קריכנדיק צו די כאַ־לופּעס געלאָזט גיין, און ווי איך עפּעס וואַרטנדיק כסדר זיך אומ־געקוקט, וואָרן דער קאָוואַל מיט האַנקען האָבן טייל פאַרבעטן אויף דער סעודת־אבל, וואָס עס קומט געווייגטלעך פאַר נאָך אַ באַגראַבעניש.

און ווען מ'האָט צוגעגלעט דאָס קבר פון אויבן, און איבער אים אַ שוואַרצן צלם אַריינגעשטעקט, האָבן זיי צווישן זיך די יתומים אַריינגענומען און אין אַ גאַנצער מחנה זיך געלאָזט גיין, איינשטענהנדיק אינדערשטיל, און באַדויערנדיק זיי און פון צייט צו צייט זיי באַוויינט...

אין באַרינעס שטוב איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט, וואָס מ'דאַרף, לענגויס די ווענט האָבן זיך געצויגן טישן, אַרומגעשטעלט מיט לאַנגע בענק, אַזוי, אַז ווי נאָר מ'האָט זיך געהאַט באַזעצט, האָט מען באַלד דערלאַנגט בראָנפן מיט ברויט.

מ'האָט געטרונקען איינער צום אַנדערן בכבודיק, אין שטילשווייגן און ערנסטקייט, מ'האָט ווי ס'איז דאָרט עפּעס צוגעביסן, און דער אָרגאַניסטער האָט אָנגעהויבן צו לייענען; ספּעציעלע ביכלעך, תפילות, דערנאָך האָט מען אויפגעזונגען אַ תפילה פאַרן געשטאָרבענעם; מ'האָט אים מיט חשק און היים אונטערגעהאַלטן, איבעררייסנדיק נאָר דאַמאָלס. ווען דער קאָוואַל האָט אין אַ פרישער קאָליע געלאָזט די פלאַש גיין, און יאַנוסטינקאַ האָט ברויט פונאַנדערגעטראָגן.

די חייבער האָבן זיך צונויפגענומען אויף דער אַנדערער זייט באַ האַנקען; זיי האָבן געטרונקען טיי, צוגעגעסן זיסן קוכן און אונטער דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניסטקע האָבן זיי אַזוי האַרציק און דורכנעמענדיק געזונגען, אַז די היבער האָבן זיך אַוש אין סאַד צעקוואַקעט. און אָט אַזוי, דערמאָנענדיק דעם געשטאָרבענעם צום גוטן, האָט דער עולם געגעסן, געטרונקען, געוויינט און פּיומע לידער פאַר זיין נשמה געזונגען, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ צייט און פאַר אַזאַ באַלעבאָס...

די טרויער-סעודה איז געווען אַ זעטיקע. האַנקאַ האָט מיטן גאַנצן האַרץ פאַרגעלייגט, נישט זשאַלעוודיק קיין עסן, נישט קיין טרינקען, ווייל אַרום מיטאָג, ווען נישט איינער האָט שוין דאָס היטל גענומען זיכן, האָט מען ערשט דערלאַנגט קלוס.

קעס מיט מילך, און דערנאָך געפּרעגלט פלייש מיט קרויט און אַרבעס, גוט געשמאַלצן.

— אַנדערע װעלן אַזאַ חתונה נישט פּראַװען! — האָט די באַלעסלאַװאָװע אַ שעפּטש געטון.

— דער פאַרשטאָרבענער האָט דען װײניק איבערגעלאָזט, האַ?

— זײ האָבן זיך מיט װאָס צו טרייסטן, נישקשה.

— זײ האָבן בּאַרעס געלט אויך געמוזט כאַפּן אַ פּײנע אַפּותיקי...

— דער קאָװאַל קלאָגט זיך טאַקע, אַז ס'איז געװען, באַ־ס'איז ערגעץ אַפּנים פאַרפאַלן געװאָרן.

— ר'קלאָגט זיך מכּ׳ומרשט, ר'האָט עס געמוזט אוודאי ערגעץ גוט באַהאַלטן.

די װײבער האָבן צװישן זיך שטילערהייט אײנגעטענהט, אויסקראַצנדיק די טעלערס אויף ריין און היטנדיק זיך פאַר האַנקען, װעלכע האָט אומדערמידלעך אַכטונג געטון, אַז ס'זאָל חלילה פאַר קיינער נישט עפּעס פעלן; אויף דער מענערישער זייט װידער האָט דער אָרגאַניסטער, זייענדיק שוין אַ ביסעלע בגילופין, אויפגעהויבן זיך איבערן טיש און מיט אַ גלעזל אין דער האַנט אָנגעהויבן צו דערמאַנען דעם פאַרשטאָרבענעם אַזוי באַגייסטערט און מיט אַזעלכע לאַטײנישע פּסוקים, אַז כאָטשיק מ'האָט זייער װײניק־װאָס פאַרשטאַנען, אָבער װײנען האָט זיך אײטלעכן געװאָלט, פּונקט װי בשעת אַ דרשה.

ס'איז שוין געװאָרן אַ טומל און די פּנימער זענען רויט געװאָרן, װאָרן די פלאַש האָט אָפטער אָנגעהויבן ארומצוגיין די רייע און דאָס גלאָזװאַרג האָט נישקשהדיק צוגעקלונגען, איך האָט שוין נישט אײנער מיט דער האַנט טאַפּנדיק געזוכט דאָס גלעזל און מיט דער צװייטער האַנט דעם קום באַם האַלדז אַרומ־געמען, פלאַפּלענדיק עפּעס מיט דער קאַרקלענדיקער צונג. טייל װידער האָבן נאָך פון צייט צו צייט עפּעס אַ צי געטון אַ טרויעריקן טאָן און דעם געשטאָרבענעם געפּרוּװט צום גוטן דערמאָנען, אָבער קיינער האָט אים שוין נישט אונטערגעהאַלטן,

נישט געהאָרכט, נאָר אַלע האָבן געטומלט, חברנדיק זיך ווי איי־נעם האָט געגלוסט, שליסנדיק גוטפריינטשאַפט איינער מיטן אַנ־דערן, און אַלע מאָל צו זיך געטרונקען, און ווער ס׳איז היצי־קערער געווען צום גלעזל, האָט זיך בגנבה אַרויסגעכאַפּט און אַוועקגעלאָפן אין קרעטשמע אַריין. נאָר איין יאַמבראַזש איז עפּעס היינט אינ׳אַנצן נישט ענלעך געווען צו זיך. אמת טאַקע, ער האָט געטרונקען, פּונקט אַזוי פיל, ווי אַנדערע, און אפשר נאָך מער, וואָרן ער האָט זיך אַליין געצוווּנגען צום טרינקען, אָבער ער איז עפּעס געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל שרעקלעך פאַראומערט, די אויגן נאָכאַנאַנד געווישט און שווער אָפּגע־זיפצט.

האָט אים עמעץ אַ טשעפּ געטון און אים אָנגעצויגן אַ פּאָר פריילעכע מעשהלעך צו דערציילן.

— טשעפּע מיך נישט, וואָרן כ׳בין צעווייטיקט! — האָט ער אָפּגעמרוקעט — כ׳וועל שוין שטאַרבן איינגיכן, שטאַרבן... די הינט וועלן נאָר נאָך מיר וויִען און אַ באַבע וועט אין אַ צע־בראָכענעם טאָפּ קלינגען — האָט ער וויינענדיק געמורמלט. — וואָס הייסט, טאַטש באַ מאַטשעיס שמדן בין איך נאָך געווען!... אויף זיין חתונה האָב איך געטאַנצט! זיינע עלטערן באַגראָבן! כ׳געדענק עס גוט! יעזוס מיינער, און אַזוי פיל פאַרשידענע מענטשן האָב איך שוין צו קבֿורה געבראַנגט, פאַר אַזוי פיל אין גלאָק געקלונגען... און אַצינד איז די צייט געקומען אויף מיר!...

ער האָט זיך פּלוצלינג אַ הייב אויף געטון און גיך אין סאָד אַריין אַרויסגעגאַנגען; וויטעק האָט דערנאָך דערציילט, אַז דער אַלטער איז געזעסן הינטער דער כאַלופּע ביז שפּעט אין דערנאַכט אַריין און געוויינט...

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיך מיט אים קיין עסק נישט געמאַכט, איטלעכער האָט געהאַט גענוג זיינע אייגענע דאגות, און דערצו איז נאָך, ווען ס׳איז שוין געהאַט אַביסל פינסטער געווען, אומגעריכט געקומען צו גיין דער גלח צוזאַמען מיטן דזשעדזשיק.

דער גלח האָט האַרציק די יתומים געטרייסט, די קינדער געגלעט, און איינטענהגדיק מיט די באַלעבאָסטעס, האָט ער אפילו גאַנץ גערן געטרונקען טיי, וואָס יוזקאַ האָט אים דערלאַנגט, דער דזשעדזשיץ ווידער, שמועסנדיק אַזוי מיט דעם און מיט יענעם וועגן פאַרשידענע זאַכן, האָט צוגענומען פון קאַוואַל דאָס גלעזל, צו אַלעמען געטרונקען און צו האַקען אַזוי געזאָגט:

— אויב מאַטשעי איז וועמענען אַ שאָד, איז ער מיר זיכער נאָך מער אַ שאָד, וואָרן ווען ער וואָלט איצט געלעבט, וואָלט איך מיך מיטן דאָרף גוטוויליק אויסגעגלייכט. אפשר וואָלט איך טאַקע געגעבן דאָס, וואָס צ׳האָט פריִער פאַרלאַנגט! — האָט ער העכער אויסגערופן, פירנדיק מיט די אויגן אַרום זיך. — אָבער כ׳האָב דען מיט וועמענען צו רעדן? דורכן קאָמיסאַרוש וויל איך נישט, און פון דאָרף מעלדעט זיך צו מיר קיינער נישט דער ערשטער!...

אַלע האָבן פאַרזאַמלטערהייט אויסגעהערט, צעדריבלענדיק יעדעס וואָרט זייגס.

ער האָט נאָך עפּעס דאָרט גערעדט און איינגעשמועסט, אָבער ווי צו דער וואַנט, וואָרן קיינער האָט זיך נישט געלאָזט ציִען באַ דער צונג און אפילו דאָס מויל נישט געעפנט, נאָר זיי האָבן צופּאָטאַקעוועס, קראַצנדיק זיך אין די קעפּ און באַדייטנגספול זיך איבערגעקוקט, אַזוי, אַז זעענדיק, אַז ער וועט נישט קענען דורכברעכן דידאָזיקע וואַכזאַמע פאַרזיכטיקייט, האָט ער אַרויסגערופן דעם גלח און זענען אַוועקגעגאַנגען, באַגלייט פון דער גאַנצער מחנה, אַזש ביז פון הויף אַרויס.

נאָך זייער אַוועקגיין ערשט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו מונטערן און געוואַלטיק זיך דעם קאָפּ צו ברעכן.

— נע, נע, אַז דער דזשעדזשיץ אַליין זאָל קומען אויף אַ פּויערישער לויה.

— ער דאַרף אונדז האָבן, לייגט ער זיך ווי אַ לעמעלע — האָט פלאַשקאַ געזאָגט.

— און פאַרוואָס ווידער זאָל ער נישט האָבן געקומען פון בוסן הארץ, הא? — האָט קלאַנב פאַרטיידיקט.

— יאָרן האָסטו אויף דיר, אָבער קיין שכל האָסטו דיר נישט דערוואָרבן. ווען איז שוין אַמאָל דער דזשעדזשיק דאָס געקומען אין דאַרף אַריין פון גוטפריינטשאַפט וועגן, ווען?

— דאָ מוז עפּעס שטעקן, וואָס ער זוכט אַזוי זיך אויסצוגלייכן!

— נאָר וואָס דען מיינט עך, ער דאַרף דאָס מער האָבן ווי אונדז.

— און מיר קענען זיך צוּוואַרטן, מ'האָט צייט! — האָט דער אָנגעשיכורטער שיקאָראָ אויסגערופן.

— עך קענט, אָבער אַנדערע קענען נישט! — האָט גזשעלאָ דעם וואַיִסס ברודער מיט כעס אַ געשריי געטון.

מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קריגן און צו צערעדן זיך, וואָרן איינער האָט געפּריידיקט זיינס, און דער צווייטער האָט זיינס אויפגעוויזן און אַ דריטער האָט זיך זיי ביידע אָקעגנגעשטעלט, אַנדערע ווידער האָבן געמורמלט:

— זאָל ער אָפּגעבן דעם וואַלד מיט דער ערד, וועלן מיר מאַכן שלום.

— מען דאַרף נישט קיין שלום, עס וועלן אָנקומען נייע איינטיילונגען, וועט סיי ווי סיי צאָלן זיין אונדזערס. זאָל ער, אין דער הינטישער מאַמע אַריין, מיט אַ טאָרבע אין די הייזער אַרומגיין פאַר אונדזער עוולה.

— די ייִדן דישען אים, איז בעט ער איצט די פויערן צו הילף.

— און פריִער האָט ער נאָר געוווּסט צו שרייען: אַראָפּ פון וועג, כאַם, וואָרן באַקומסט מיט דער בייטש!

— יעך זאָג ענק, גלייבטס נישט דעם דזשעדזשיק, וואָרן איטלעכער איינציקער פון זיי איז נאָר גרייט צו פאַרראַטן

דאָס פויערן-פאָלק — האָט עמעץ, זייער אַן אַנגעשיכורטער, אויסגערופן.

— הערטס נאָר אויס, באַלעבאַטים! — האָט דער קאָוואַל מיטאַמאָל אַ געשריי געטון. — כ'וועל ענק זאָגן אַ קלוג וואָרט: אויב דער דזשעדזשיץ וויל שלום, איז דאַרף מען דעמדאָזיקן שלום מאַכן און אָננעמען, וואָס ס'וועט זיך לאָזן, נישט וואַרטנדיק אויף קיין פייגל אין דער לופטן.

באַ די ווערטער האָט זיך אַ שטעל אויף געטון גושעלאַ, דעם וואָיטס ברודער, און אויסגערופן:

— דער רייבער אמת! קומטס אין קרעטשמע אַריין, דאָרטן וועט מען זיך שוין באַראָטן.

— און איך שטעל פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע — האָט דער קאָוואַל צופרידן צוגעגעבן.

אינגיכן זענען זיי אַלע פון הויף אַרויסגעגאַנגען.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן אַ קאַפּ טונקל ווערן, די בהמות זענען געגאַנגען פון דער פּאַשע, און איבערן גאַנצן דאָרף האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן דאָס מרוטשען, דאָס געגאָגעריי, דאָס שפּילן פון די פּאַסטוך-פייפעלעך און קינדערישע געזאַנגען און געשרייען.

און די פויערן זענען, נישט קוקנדיק אויף די ווייבערישע באַבלערייען און אָנטקעגן שטעלן זיך, דאָך געגאַנגען מיט דער גאַנצער מחנה צו דער קרעטשמע, נאָר איין שיקאַראַ, וואָס איז עפּעס געבליבן הינטערשטעליק פון די איבעריקע, ער האָט זיך באַ די פּלויטן אָנגעכאַפּט און דאָרט עפּעס לאַנג מיטן גרגרת געאַרבעט.

זיי האָבן זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געלאָזט הערן, אַזוי רוישיק האָבן זיי זיך געפירט, און נישט איינער פון זיי האָט, כדי זיך גרינגער צו מאַכן, מיט אַ לידל אַרויסגעקנאַלט אָדער פון היציקייט געשריגן.

באַ די באָרינעס אָבער, אַזוי ווי מ'האָט נאָר צוגערוימט באַך די געסט און דער פינסטערער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט זיך געמאַכט עפּעס אויסטערליש שטיל, פּוסט און אומעטיק.

יאַגושאַ האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער איר שטוב, ווי אַ פויגל אין דער שטייג, און יעדע ווײַלע איז זי געלאָפן צו האַנקען, אָבער זעענדיק, אַז אַלע גייען אַרום מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און באַטריבט, איז זי אָן איין וואָרט אַרויסצורעדן צוריק אַנטלאָפן געוואָרן.

אין שטוב האָט טאַקע אויסגעזען ווי אין אַ קבר, און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעפּאָרעט מיטן באַלעבאַטישקייט און אָפּגעגעסן וועטשערע, איז כאָטשיק דער שלאָף האָט יעדן אײַנציקן געפּייניקט, און דאָך האָט קיינער פון שטוב זיך נישט אַרויסגעריירט. זיי זענען געזעסן פאַרן קוימען, פאַרקוקט אין פייער און מיט שרעק זיך צו יעדן שאָרך אײַנגעהאָרכט.

דער אָוונט איז געווען אַ שטילער, נאָר טײַלמאָל האָט דער ווינט אַ שאַר געטון, און די ביימער האָבן זיך צערוישט, טײַלמאָל האָבן די פלויטן אַ קנאַק געטון. די שויבן האָבן זיך צעקלונגען, אָדער לאַפּאַ האָט זיך גאָר צעוואָרטשעט אַנבלאָזנדיק זיך מיט רוגזה, און דערנאָך האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע, אומענדלעכע, אמתע קברים־שטילקייט.

זיי זענען געזעסן, וואָס אַמאָל מער אויפגעציטערט, און אַזוי איבערגעשראָקן, אַז פון צייט צו צייט האָט זיך עמעץ איבערגעצלמט און מיט ציטערדיקע ליפּן פּאַטשעריש אָנגעהויבן זאָגן. וואָרן אַלעמען האָט זיך שוין אויסגעוויזן, אַז עפּעס־טשיס רירט זיך ערגעץ, אַז עס גייט אַרום אויפן בוידעם, אַז די באַלקעס טרעשטשען אַזש, עס הערט זיך הינטער דער טיר איין, אַז עס קוקט אַריין אין פענסטער און רייבט זיך אָן די ווענט אָפּ, דאָ ווידער ווי עמעץ וואָלט בײַ דער קליאַמקע אַ ריס געטון, און שווער טרעטנדיק, איבער דער גאַנצער כאַלופּע אַרומגעשפּאַצירט.

זיי האָבן זיך צוגעהאָרכט בלאַסע, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. איבגאַנצן אין אומבאַוווּסטזיין.

מיטאַמאָל האָט דאָס פערד אַ הירזשע געטון אין שטאַל, לאַפּאַ האָט זיך שטאַרק צעבילן און צו דער טיר זיך געוואָרפן,

יוזקא האט, שוין נישט קענענדיק זיך מער איינהאלטן, א געשריי געטון:

— דער טאטע! גאט מיינער, דער טאטע! — און מורא־דיק זיך פונאנדערגעוויינט.

דערויף האט די יאגוסטינקא דריי מאל א קלאפ געטון מיט די פינגער און ערנסט אויסגערופן:

— בעטשע נישט, דו שטערסט דער נשמה אפצוגיין אין איר רו; דאס געהיין האלט זי אין אויף דער ערד. מאכטס אויף די טיר, לאז זיך דידאזיקע וואנדערין אוועקפליען איבער יעזו־סעס פעלדער... זאל זי זיך אוועקטראגן אין איר רו אריין.

מ'האט אויפגעעפנט די טיר, אין דער שטוב איז שטיל געווארן און ווי אויסגעשטארבן, קיינער האט זיך קיין ריר נישט געטון, נאר די צעפלאקערטע אויגן האבן ארומגעשוועבט, לאפא האט נאר אין די ווינקלען אויסגעשמעקט, טיילמאל א וואיע גע־טון, מיטן וויידל געדרייט און ווי זיך צו עמעצן צוגעלעקט, אזוי, אז איצט האבן שוין אלע טיף געפילט, אז דא ערגעץ צווישן זיי בלאנקעט ארום די נשמה פון געשטארבענעם.

ביז האנקא האט מיט א ציטערדיק, פארשטיקט קול אויפ־געזונגען:

„Wszystkie nasze dzienne sprawy!"

אלע האבן היימ מיטגעהאלפן און ס'איז זיי א סך לייכטער געווארן.

I

ס'איז געווען זייער א הערלעכער טאָג, אַן אמת זומער־דיקער.

ס'האָט געמוזט זיין אפשר אַרום צען א זייגער אינדערפרי, וואָרן די זון איז שוין געהאָנגען אין דער מיט וועג צווישן מזרח און דרום און האָט זיך אויפגעהויבן וואָס אַמאָל אַלץ ברענענ־דיקער, ווי די ליפּצער גלאָקן, וויפיל ס'זענען נאָר געווען, האָבן זיך א צעקלונג געטאָן הילכיק און מיט דער פולער קראַפט.

און דער גלאָק, וואָס מ'האָט אים גערופן פּיאָטר, האָט צום הילכיקסטן פּאַרטויבט און מיטן גאַנצן האַלדז געזונגען, פּונקט ווי א פּויער אַמאָל, וואָס איז א קאַפּ אָנגעשיכורט, גייט מיטן וועג, וואַקלט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, און צעלאָזנדיק זיך, דערציילט ער אויס דער גאַנצער וועלט מיט א גרעבלעכער שטימע די פרייד זיינע. . .

דער צווייטער ווידער, עטוואָס א קלענערער, וועגן וועלכן יאַמבראָושי האָט דערציילט, אַז מ'האָט אים אָפּגעשמדט מיטן נאָמען פּאַוועל, האָט זיך אויכעט ניט שטילער געריסן, נאָר

מיט מער ברען אונטערגעהאלטן, גענומען א הויכן טאָן, דין גע־צויגן און מיט אַ ריין קול זיך צעלאָזט, און ווי ער וואָלט זיך איבגעגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַזוי האָט ער געקלונגען, פונקט אַזוי ווי וועלכעס מיידל, ווען ס'צעשפּאַרט זי די ליבע אָדער דער פרילינגס־טאָג, לויפט זי אין די פעלדער אַריין, זי כאַפּט זיך צווישן דער תבואה אַריין און זינגט מיטן גאַנצן האַרץ דעם ווינט, די פעלדער, דעם לויטערן הימל און איר אייגענער פריילעכער נשמה.

און דער דריטער — דאָס קליינע קלויסטער־גלעקל, האָט פונקט ווי אַ פייגעלע געטשוויטשערט, בחנם ווילנדיק יענע אי־בערשטייגן מיטן זינגען, עס האָט אָבער נישט געקענט, כאָטשיק ס'האָט געברומט מיט אַ שניידנדיק, גיך קול, פונקט ווי קינדע־רישע אַמפּערייען. זיי האָבן שוין איינמאָל געקלונגען, בילדנדיק אַזויערנאָך אַ פיינע קאַפּעליע, וואָרן אַ באַס האָט אויך צוגעברומט, און פידלען האָבן זיך מיט זייערע טענער געלאָזט הערן, און אויך אַ פייקל מיט גלעקלעך האָט פריילעך אונטערגעציטערט, און צוזאַמען געריסן אין אויער, פייערלעך און הילכיק.

אויפן אָטפּוסט האָבן זיי דאָס אַזוי פריילעך צוזאַמענ־גערופן, וואָרן דאָס איז געווען דער טאָג פון הייליקן פּיאָטר און פּאַוועל, וואָס איז שטענדיק אין ליפּצע פייערלעך אָפּגעריכט געוואָרן.

און די צייט איז אויך פונקט געווען אַ הערלעכע, אַ שטי־לע און זייער אַ זוניקע, ס'האָט זיך געוויזן אויף אַ וואַזשנע היץ, אָבער טראָץ דעם, האָבן שוין די הענדלער פון סאַמע פאַר־טאָג אָן אָנגעהויבן אויסשטעלן אויפן קלויסטער־פּלאַץ פאַרשידע־נע שטיוול, און קראָמען, און טישן, מיט לייוונטענע דעכער אי־בערגעצויגן.

אַזוי גיך ווי די גלאָקן האָבן זיך פונאַנדערגעבאַמקעט, אַזוי ווי באַר זייער פריילעכע שטימע האָט זיך איבער דער וועלט צעגאָסן, האָבן באַלד אויף די אויסגעטרוקנטע וועגן און אין די געפלען פון שטויב, אָנגעהויבן אָפּטער פירן צו רוישן, און אויך פוסגייער האָבן זיך געדיכט געצויגן, אַז ווי ווייט מ'האָט נאָר

מיטן אויב געקענט דערגרייכן, אויף אַלע זייטן, איבער די וועגן, מיט די סטעזשקעס, אויף די מיעדזעס, האָבן זיך ווייבע־רישע מלבושים געררייטלט און צעווייעטע ווייסע קאַפּאָטעס האָבן געפלאַטערט.

זיי האָבן געצויגן שורותווייז, ענלעך פונקט ווי די געגנדז, שימערנדיק נאָר אין דער היץ און צווישן די גריבענדע תבואות.

די זון האָט זיך געטראָגן וואָס אַמאָל העכער און העכער און איז געשוומען ווי אַ גאָלדענער פויגל איבערן בלויען, ריי־נעם הימל, גליענדיק וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, און אַזוי בשפעדיק געהיצט, אַז די לופט האָט שוין איבער די פעל־דער געציטערט; ס'האָט נאָך דאָרט טיילמאָל אַ מילד קילקייט פון די לאַנקעס אַ בלאָז געטון און אַ וויג געגעבן מיט די ווייס־לעכע שאָטנס, דער האָבער האָט נאָך ווי־נישט־ווי שטילעטשקע אַ גרילץ געטון, און די יונגע ווייצענע זאַנגען האָבן זיך אַ טרייסל געגעבן, דער צעבליטער ליאָן ווידער איז מיט אַ בלויען שטראָם, פונקט ווי אַ וואַסער געפלאָסן, אָבער ביסלעכ־ווייז איז אַלץ אין דער זוניקער זידיקייט און אין שטילקייט פאַר־זונקען געוואָרן.

העי, אַן אמת פריידיקער אין אָטפּוסט־טאָג איז דאָס גע־ווען. די גלאָקן האָבן לאַנג געבאָמבלט, און די קרעכצנדיקע טענער האָבן זיך אַזוי הילכיק איבער דער וועלט צעטראָגן, אַז די תבואה־זאַנגען האָבן זיך אַזש אַ וויג געטון, די פייגל האָבן זיך אַזש איבערגעשראָקן, אָבער די מעשענע הערצער האָבן כסדר געשאָלט, זיי האָבן געקלונגען איינטאָניק, שטאַרק און הילכיק, אויפהייבנדיק זיך צו דער זון מיט דעם דורכנעמענדיקן געזאַנג און געבעט:

— „דערבאַרם דיך! דערבאַרם! דערבאַרם!"

— „אַלהייליקסטע מאַמע! מאַמע! מאַמע!"

— „און איך בעט אויך! איך אויך! איך אויך! איך אויך!"

זיי האָבן האַרציק געזונגען, אויסרופנדיק גלייכצייטיק דעם פֿייערלעכן יום-טוב.

און ס'האָט זיך עפּעס טאַקע געפֿילט אין דער לופֿט דער הייליקער טאָג פֿון אָטפּוסט; יום-טוב איז געווען אין די גרין-אויסגעשלייערטע כאַטעס, אין די ווייטקייטן, וואָס האָבן ווי מיט אָנגעצונדענע ליכט געבלאַנקט, אין די פֿריידיקע טענער און אין דעם אַלעם איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט איבערגעבן, און וואָס האָט זיך איבער די פֿעלדער צע-טראָגן, צעשפּאַרנדיק די הערצער מיט אַ ליבעלעכער שטילקייט און פֿרייד.

און דער עולם האָט חברותוויז געאײַלט אויף דעמדאָזיקן יום-טוב און פֿון אַלע זייטן זיך געשיט. וואָלקנס שטויב האָבן זיך אומאויפֿהערלעך איבער אַלע וועגן געקנוילט, עס האָבן געוויִשט וועגענער, פֿערד האָבן געהירזשעט, פֿאַרשידענע שטימען האָבן זיך געטראָגן, עס האָבן זיך געפֿירט הייליקע געשפּרעכן. טיילמאָל האָט זיך עמעצשטשיס פֿון אַ פּאָלקאָשעק אַרויסגעבויגן און צו די פּוסגייער עפּעס אויסגעשריגן, דאָרט ווידער האָט זיך אַ פֿאַרשפּעטיקטער דזשאַד געאײַלט, מיט אַ קרעכצל צוזינגענדיק, און אויף טייל וועגענער האָט מען תּפֿילות געשעפּטשעט, כאַפּנ-דיק אַ בליק אַרום זיך מיט אַ שטומער פֿאַרוווּנדערונג, וואָרן די ערד איז געשטאַנען אויסגעשלייערט, ווי צו אַ חתונה-פֿייערלעכ-קייט, אײַנגעטאַנצן אין בלומען און אין גריבס, און אײַנגעטאַנצן אין פֿויגל-געזאַנג, אין תּבֿואה-געגרילץ און בינען-געזום, און אַזאַ הערלעכע איז זי געווען, מיטן אויג ניט אַרומצונעמען, פֿול מיט פֿרייד, און אַזאַ הייליקע אין דעראָזיקער דערנערנדיקער קראַפֿט, אַז ס'האָט אַזש באַ דער ברוסט פֿאַרשפּאַרט.

די ביימער זענען אויף די מיעדזעס געשטאַנען, ווי אויף דער וואַך, פֿאַרקוקט אין דער זון, און אונטן, ווי ווייט באַר ס'אויג האָט געקענט גרייכן, זענען געלעגן גרינע פֿעלדער, וואָס האָבן ווי אויפֿגעשטורעמטע וואַסערן גערוישט, און די וואַסערן האָבן זיי זיך טיילמאָל איבערגעגאָסן פֿון איין זייט אויף

דער צווייטער, אָנשלאָגנדיק זיך אויף אַלע וועגן, מ'ידזעס אין ראָוועס, וואָס האָבן געשימערט, ווי די בלומיקע בענדער, וואָס זענען רייך מיט געדיכטער ווייסקייט, געלקייט און פּיאָלעט דורכגעפלאָכטן. וואָרן ס'האָבן שוין געבליט די פאַרשידענע בלויע בלימלעך, ס'האָבן געבליט די פּאָוואָיען, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן קאָרן מיט זייערע סודותדיקע, שמעקעדיקע אייגעלעך, ס'האָבן געבליט די קאָרן-בלימלעך, אויף טייל ערטער, ווו ס'איז אַ קאָפּ באַסער געווען — אַזוי געדיכט, גלייך ווי דער הימל וואָלט זיך דאָרט אויסגעשפּרייט; ס'האָט געבליט די וויקע אין גאַנצע קעמפּעס, און די בלענדנדיקע ווייסע בלימלעך, געלע און בלוטרויטע שטעכעכץ און פייער-בלימלעך און קאָניטשינע און מאַרגאַריטקעס, און ווילדער רומיאַנעק, און טויזנטער כלערליי אַנדערע, וועגן וועלכע נאָר יעזוס אַליין געדענקט, וואָרן נאָר פאַר אים בליִען זיי דאָך און שמעקן אַזוי, אַז אַ פאַרשטאַרקטער ריח האָט פּשוט פון די פעלדער געזעצט, פּונקט ווי אין קלויסטער, ווען דער גלח באַרייכערט דעם סאַקראַמענט מיט קטורת.

דאָ האָט דער דאָ האָט יענער מיט דער גאַז מיט תענוג אַ צי געטון, און דעם פערד אַ בייטש צוגעלייגט און געאיילט זיך, וואָרן די זון האָט וואָס אַמאָל ברענענדיקער געגליט, אַז אַ שלאָף האָט אַזש אָנגעהויבן פּייניקן, אַז נישט אייגער האָט שוין מיטן קאָפּ זיך נישקשהדיק געוואַקלט.

האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, ווי ליפּצע איז פאַרפולט געוואָרן מיט אַן עולם ביז איבער די ברעגעס.

מ'איז געפאָרן און געפאָרן אָן אַן אויפהער, אַזוי, אַז אומעטום שוין, אויף די וועגן, אַרום סטאַוו, אונטער די פּלויטן, אין די פאָדוואָרזשעס און ווו מ'האָט נאָר געקענט אַ פּיצל שאָטן פאַרכאַפּן, האָבן זיך די וועגענער אויסגעשטעלט און די פערד אויסגעשפּאַנט, וואָרן אויפן פּלאַץ פאַרן קלויסטער איז שוין אַזאַ ענגשאַפט געווען און אַ פור איז אַזוי באַנט לעבן אַ פור געשטאַנען, אַז מ'האָט זיך קוים געקענט דורכפּאַקן.

ליפּצע איז פּשוט פאַרפּאַלן געוואָרן אין דעם תהום פון מענטשן, וועגענער און פערד.

דער טומל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, די גערעדע־רייען און געשרייען האָבן זיך איבערן גאַנצן דאָרף געטראָגן. דער עולם האָט געוואָרישט, פּונקט ווי אַ וואַלד אַ צעוויגטער. די ווייבער האָבן זיך אַרום סטאַוו באַזעצט די פיס צו וויקן, די שיך אַנצוטון און איבערטון זיך שיין אין קלויסטער אַריין, די פּויערן האָבן קופּעסווייז צווישן זיך איינגעטענהט, צונויפגערעדט זיך מיט די שכנים, די שיקסעס מיט די שקצים ווידער האָבן זיך גיריק צו די קראָמען און בודן געשטופּט, און באַזונדערס צו דער שפּילענדער קאַטערינקע, אויף וועלכער עפּעס אַ ים־חיהלע, וואָס איז געווען אָנגעטון אין רויטן און געהאַט אַ פּיסק ענלעך צו אַן אַלטן דייטש, האָט געמאַכט אַזעלכע מאָדנע קונצן און געשפּרונגען, אַז מ׳האָט זיך אַזש באַ די זייטן געהאַלטן פאַר געלעכטער.

די קאַטערינקע האָט פייערדיק צוגעשפּילט און אַזאַ טאָן גענומען, אַז נישט באַ איינעם האָט זיך די פיס אונטערגעהויבן, און ווי אויף אונטערצוהאַלטן, האָבן אויך די דזשאַדעס, וואָס זענען געווען אויסגעזעצט אין צוויי שורות פון דעם קלויסטער־פּעדערהויז אַזש ביז דעם פּלאַץ, אָנגעהויבן זייערע בעטל־לידער צו ציען, אין דער סאַמער טיר פון צמענטאַרזש איז געזעסן דער בלינדער, פּעטער דזשאַד, וואָס דער הונט האָט אים שטענדיק אַרומגעפירט, און ער האָט צום הייסטן און צום קוויטשיקסטן געזונגען.

אָבער תיכף, ווי מ׳האָט אָנגעהויבן קלינגען אויף דער סומע, האָט דער עולם אַוועקגעוואָרפן די שפּילערייען און, ווי אַן איבערגעפּולטער קוואַל, זיך אַ גאַס אַריין געטון אין קלויסטער און אים אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז די ביינער האָבן אַזש געקנאַקט, און ס׳איז כסדר נאָך אַלץ צוגעקומען פרישע, קוועטשנדיק זיך, און קריגנדיק זיך אפילו, אָבער די מערהייט האָט געמוזט איבערבלייבן אויפן הויף, טוליענדיק זיך אונטער די מויערן און אונטער די ביימער.

ס׳זענען אויך געקומען צו פאָרן עטלעכע גלחים פון אַנ־

דערע פּאַראַפּיעס און זיך באַלד באַזעצט אין די ווידוי־שטולן אונטער די ביימער, כדי אויסצוהערן דאָס מתוודה זיין זיך, נישט קוקנדיק לגמרי אויף דער ענגשאַפט, נישט אויף דער חמימה.

דער ווינט האָט אינגאַנצן געהאַט אויפגעהערט, און די היץ איז שוין געווען אַזוי גרויס נישט צום אויסהאַלטן, שטיקער פייער איז פּשוט אויף די קעפּ געפאַלן, אָבער דער עולם האָט געדולדיק זיך געשפּאַרט אַרום די ווידוי־שטולן און געווימלט אויפן צמענטאַרזש, בהנם זוכנדיק ערגעץ אַ שאָטן אָדער עפּעס ווו זיך צו באַהאַלטן.

דער גלח האָט גראָד געהאַט אָנגעהויבן די גאָטעס־דינסט, ווי האַנקאָ מיט יוזקען זענען אָנגעקומען, נאָר ווייל ס'איז קיין אויפן נישט געווען זיך צוצופּאַקן אפילו צו דער קלויסטער־טיר, זענען זיי געבליבן שטיין אויף דער גאַלער זון אונטערן פּאַרקאַן, אומקוקנדיק זיך אַזוי איבער דער ענגשאַפט, און מיט אַ „זאָל זיין געלויבט" די באַקאַנטע באַגריסט.

באַלד האָט אויף דער אָרגל אַ זעץ אַרויס געטון, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סומע, אַלע האָבן אַנידערגעקניט, זיך פונאַנ־דערגעזעצט, און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די הייסע תפילות.

דערווייל איז געוואָרן מיטאָג, די זון איז געהאָנגען גלייך איבער די קעפּ, גיסנדיק מיט אַ שרעקלעכער זידיקייט, און אַלץ איז ווי פאַרחלומט געוואָרן פון דערדאַזיקער היץ, אַז אפילו אַ בלעטל האָט נישט קיין ציטער געטון, קיין פויגל איז נישט דורכגעפלויגן, קיין פּיצל שטימע האָט פון די פעלדער נישט גע־בלאָזן. דער הימל איז געהאָנגען אין אַ טויט שטילשווייגן, ווי אַ גלעזערנער טאָוול, צעגליט ביז ווייסקייט, און צעציטערט פונקט ווי זידנדיק וואַסער, די לופט האָט געבלענדט, אויספּרעסנדיק די אויגן. די ערד האָט געבריט, ס'האָבן געבריט די צוהיצטע מויערן, אַז מען האָט געקניט אָן שום באַוועגונג, קוים שוין זשיפּענדיק, און ווי פאַמעלעך זיך קאָכנדיק אין דערדאַזיקער זוניקער זי־דיקייט.

דער עולם האָט מתפּלל געווען אין טיפער שטילקייט, ווער

אין ביכל, ווער איבער דעם רויזענקראַנץ, און ווער ס'האָט באַר מיט אַן ערלעך האַרציק וואָרט באַט געלויבט אין מיט אַ האַרציקן זיפץ. די פייערלעכע טענער פון אָרגל זענען געפלאָסן מיט אַ שאַלנד, צעתּפילהט געבעט, און טיילמאָל האָט אַ געזאַנג אַ פלאַץ אַרויס געטון פון אַלטאַר, טיילמאָל האָבן זיך די גלעקלעך צע-קלינגלט, און טיילמאָל האָט אַ ברום אַרויס געטון דאָס גרעבלעכע קול פון אָרגאַניסטער, דערנאָך האָבן זיך ווידער געצויגן לאַנגע, ווי פון היץ פאַרשטומטע מינוטן, און די רויכן פון די קטורת-פאַנען זענען געפלאָסן דורך דער אויפגעפראַלטער טיר פון קלויס-טער, איינוועבנדיק מיט אַ בלוילעכן און שמעקנדיקן נעפל די אַראָפּגעבויגענע קעפּ פון די קניענדיקע.

אַ געפליסטער פון תּפילות האָט זיך פונאַנדערגעקלונגען מיט אַ שוואַכן און צעשיטנדיקן געגרילץ אין דער גלי-ווייסער שטיל-קייט פון דער הייסער מיטאָג-צייט, און עס האָבן געשפּילט אויף דער זון די פאַרביקע טיכער, קאַפּאָטעס און וועלניאַקעס, אַז דער גאַנצער צמענטאַריזש האָט אויסגעזען, ווי אָפּגעשיט מיט בלומען, וואָס האָבן זיך הכנעהדיק געבויגן אין דערדאָזיקער הייליקער שעה פאַר דעם רבונו של עולם, וואָס האָט אויסגעזען ווי צו זיין פאַר-באָרגן אין דערדאָזיקער צעגליטער זון און אין דערדאָזיקער גאַנ-צער שטילקייט פון דער וועלט...

אַזוי, אַז נאָר טיילמאָל וואָס עמעצער האָט דעם רוקן אויס-געגלייכט, די הענט צעשפּרייט און טיף אָפּגעזיפצט, דאָ האָט זיך ערגעץ אַ קינד צעוויינט, אָדער אַ פעדדישער קוויטש האָט זיך פון די הענגענער פונאַנדערגעטראָגן.

אפילו די דזשאַדעס זענען אַנטשוויגן געוואָרן, נישט מער באַר, וואָס וועלכער דאָרט האָט זיך פון שלאָף טיילמאָל אַרויס-געריסן מיט אַ ביסל אַ העכערער תּפילה און אַ נדבה גע-בעטן.

און די חמימה איז נאָך געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און אַזוי געפּרעגלט, אַז די פעלדער און די סעדער, וואָס זענען מיט אַ פלאַקער פאַרגאָסן געווען, האָבן זיך אַזש צעגליט, ווי אַ העליש פייער, שימערנדיק מיט ווייסלעכע פלעמעלעך.

די שטילקייט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שלעפעריקער, אַז בּישט איינער האָט זיך שוין געהאַט בּישקשהדיק צעכראַפּעט, בּישט איינער האָט זיך אַ קניִענדיקער געשאָקלט, אַנדערע ווי־דער זענען זיך אַרויסגעגאַנגען אָפּפּרישן, וואָרן פון צייט צו צייט האָבּן ערגעץ־ווו די ברונען־דרעענגער אַ סקריפּע געטון.

ערשט דאַמאָלס, ווען די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבּן, ווען דאָס קלויסטער האָט אויפגעציטערט פון די געזאַנגען, ווען ס'האָבּן זיך אָנגעהויבּן אַרויסשיטן די פעגער, און נאָך זיי איז דער גלח אַרויסגעגאַנגען אונטערן רויטן באַלדאַכין מיט דער מאָנסטראַנץ אין דער האַנט, געפירט דורך די דזשעדזשינעס אַליין, האָט זיך דער עולם אויפגעכאַפּט און צוזאַמען מיט דער פּראָצעסיע געריירט.

די גלאָקן האָבּן זיך פונאַנדערגעקלונגען, אַ געזאַנג האָט פון אַלע העלדזער אַרויסגעפּלאַצט, און שטאַרק, אומגעהייער, האַרציק צו דער זון אַרויפגעשלאָגן. די פּראָצעסיע איז לאַנגזאַם, ווי אַן איבּערפולטער טייך, אַרום די ווייסע, צעגליטע קלויסטער־מויערן געפלאָסן. דער רויטער באַלדאַך איז געשווומען פאָרויס, איינגאַנצן אין קטורת־רויכן איינגעהילט, אַז נאָר טיילמאָל האָט אַ גלאַנץ אַרויס געטון די גאָלדענע מאָנסטראַנץ, עס האָבּן געשימערט שורות אָנגעצונדענע ליכט, די אויפגעוויקלטע פענער האָבּן, פונקט ווי די פייגל, געפלאַטערט איבּער דעם ים פון קעפּ, עס האָבּן זיך געוויגט די בילדער, וואָס זענען געווען אויסגעשלייערט מיט טיול און בענדער, און די גלאָקן האָבּן פריידיק געשאַלט, עס האָט געבּרומט דער אָרגל, און דאָס פאָלק האָט מיט באַגייסטערונג געזונגען, מיטן גאַנצן האַרץ און מיט דער גאַנצער בענקענדיקער נשמה זיך פאַרטראָגן ערגעץ, אַזש אין די הימלען אריין, אַזש צו דער אַלערהייליקסטער זון.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

נאָך דער פּראָצעסיע, ווען מ'האָט ווידער בּעגונען די גאָטעס־דינסט אָפּריכטן, און ווען די טענער פון אָרגל האָבּן ווי־דער דורכנעמענדיק אויפגעבּרומט, איז אויפן צוגעבּאַרזש געוואָרן

שטיל, ווי פריער, אָבער קיינער האָט שוין נישט געדרעמלט. ס׳זענען נאָר שטאַרקער געוואָרן די געפּליסטערן פון די תפילות, ס׳האָבן זיך העכער געטראָגן די זיפצן, די דזשאַדעס האָבן שוין געקלונגען מיט די שיסעלעך, און דאָ און דאָרט האָט מען שוין אָנגעהויבן שטילערהייט צו שמועסן.

די דזשעדזשיצעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון קלויסטער, בחנם זוכנדיק אַ שאָטן אָדער ערגעץ־ווו זיך אַנידערצוזעצן, יאַמבראַזש האָט ערשט אַוועקגעטריבן אַ קאָפּקעלע מענטשן פון אונטער עפּעס אַ בוים און צוגעטראָגן זיי בענקלעך, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן צווישן זיך איינצוטענהן.

דער פון וואַליע איז אויך געווען, אָבער ער איז נישט איינגעזעסן אויף קיין אָרט, נאָר כסדר זיך אַרומגעפּאָרעט איבערן צמענטאַרזש, און וואָס ער האָט דערזען עפּעס אַ באַקאַנטן ליפּצער, איז ער צו אים צוגעשטאַנען און פריינטלעך מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן, אַז אַפילו האַנקען האָט ער באַמערקט און זיך באַלד צו איר דורכגעשטופּט.

— ענקערער איז שוין אַהיימגעקומען?

— גייט, ווו איז ער אַהיימגעקומען!

— צ׳זענט דאָך אַפּנים נאָך אים געפאָרן?

— אמת, באַלד נאָכן טאַטנס קבורה בין איך געפאָרן, אָבער מ׳האָט מיר געזאָגט אין דעם אַמט, אַז מ׳וועט אים ערשט אַפּלאָזן אין אַ וואָך אַרום, ס׳הייסט מיטוואָך.

— ווי אַזוי איז דאָרט מיט דער קויציע, צ׳וועט באַצאָלן?

— טאַטש וועגן דעם פּאָרעט זיך דאָך שוין ראַכאָ — האָט זי פּאָרזיכטיק אויסגערופן.

— אויב צ׳האָט נישט קיין געלט, וועל איך פאַר אַנטעקן האָפּטן...

— לאָז ענק גאָט באַצאָלן! — האָט זי זיך אים צו די פיס געבייגט. — אפשר וועט זיך שוין ראַכאָ ווי עס איז אָן

עצה געבן, און אויב נישט, וועט מען מוזן זוכן אן אנדער מיטל.

— געדענקסט־זשע, אז אויב ס'וועט זיין נייטיק, וועל איך פאר אים האפטן.

ער איז ווייטער אוועקגעגאנגען צו יאנושען, וועלכע איז דא נישט ווייט געזעסן לעבן דער מויער צוזאמען מיט דער מוטער און שטארק געווען איינגעטון אין דער תפילה, אבער נישט געפינענדיק קיין פאסנד ווארט, איז האט ער נאר א שמייכל געטון צו איר און זיך אומגעקערט צו די זייניקע.

זי איז אים נאכגעלאפן מיט די אויגן, אויפמערקזאם באטראכט די דזשעדזשיצקעס, וואס זענען געווען אזוי אויסגעשלייערט, אז ס'האט זי אזש אנגעכאפט א וואונדער, און אזעלכע ווייסע אויף דער צורה און אזוי געפאסט אין דער טאליע, אז יעזוס! און געשמעקט האט דאס פון זיי, ווי פון א קטורת־פאן.

זיי האבן זיך געקילט עפעס מיט אזא זאך, וואס האט אויסגעזען, פונקט ווי א פונאנדערגעשפרייטער אינדיק־ווידל. עטלעכע יונגע דזשעדזשיצעס האבן זיי אין די אויגן אריינגעקוקט און עפעסטשעס אזוי געלאכט, אז מענטשן האבן זיך נישט ווייניק געקרומט.

מיטאמאל האבן ערגעץ אין סוף דארט, ווי אויף דער בריק לעבן דער מיל, אנגעהויבן שטארק רוישן וועגענער, און וואלקנס שטויב האבן זיך אזש ביז איבער די ביימער אויפגעהויבן.

— עפעס פארשפעטיקטע — האט פיעטרעק א שעפטשע געטון צו האנקען.

— די ליכט וועלן זיי, די יוכעס, פארלעשן — האט עמעץ צוגעוואַרפן.

און אנדערע האבן זיך אנגעהויבן אריבערבייגן איבער דער מויער פון דער פארצוימונג און נייגעריק ארויסגעקוקט אויפן וועג, וואס האט זיך לעבן סטאוו געצויגן.

אין קורצן האָט זיך, אונטער אַ שטורם פון קוויטשענדיקע געפּילדערן און געבילערייען, באַוויזן אַ גאַנצע שורה פון ריזיקע בריקעס, מיט ווייסע בוידן איבערגעצויגן.

— דאָס זענען די דייטשן! די דייטשן פון פּאָרלאַשיע! — האָט עמעץ אויסגעשריגן.

און ס'איז טאַקע אמת געווען.

זיי זענען געפאָרן מיט העכער ווי מיט אַ צענדליקער בריקעס, איינגעשפּאַנט אין פעסטע פערד; פון אינטער די לייוונטענע בוידן אָפּער האָבן זיך אַרויסגעזען פאַרשידענע שטוב-כּלים, און עס זענען געזעסן ווייבער מיט קינדער, די רויטע, אויסגעפּאַשעטע דייטשן אָבער זענען מיט די ציבוקעס אין מויל געגאַנגען צו פוס. גרויסע הינט זענען נאָכגעלאָפן דערלעבן, שטשירענדיק טיילמאָל מיט די ציין און אָפּבילנדיק די ליפּצער, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט אויף זיי פאַרביסן געוואָרפן.

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון קוקן אויף זיי, און אַ סך זענען אַריבערגעקראָכן די פּאַרצוימונג און געלאָפן אַנקוקן פון דער באַנט.

די דייטשן זענען דורכגעפאָרן טריט-בײַ-טריט, קוים זיך אַדורכפּאַקנדיק דורך דער געדיכטעניש פון וועגן און פערד, אָבער קיין איינער פון זיי האָט דאָס היטל פאַרן קלויסטער אַדורכפּאָרנדיק, נישט אַראָפּגענומען, נישט קיינעם באַגריסט. נאָר די אויגן האָבן בײַ זיי געגליט און די בערד האָבן זיך געשאָקלט, ווי פון כּעס. זיי האָבן געקוקט מיט רוגזה אויפן עולם, ווי די רוצחים.

— פּלודערן, שטשערוועס!

— קאָבילע-זון!

— חזיר-ווײַדלען!

— היגטישע רשע!

ס'האָבן זיך אַ שיט געטון צונעמען, ווי די שטייבער.

— נו וואָס, ווער האָט אויסגעפירט, דייטשן? — האָט מאַטעוש צו זיי אַ געשריי געטון.

— ווער האָט ועמען מנצח געווען?

— צ׳האָט מורא פאַר דער פויערישער פויסט, הא?

— וואָרטס־צו, הייַנט איז אַן אַטפּוסט, וועלן מיר זיך אַ ביסל פאַרווייַלן אין דער קרעטשמע!

זיי האָבן זיך גאָרנישט אָפּגערופן, באַר געשמיסן די פערד און זייער געאיילט זיך.

— געלאָסענער, פּלודערן, וואָרן צ׳עט די הויזן פאַר־לירן.

עפּעס אַ שגצל האָט אויף זיי אַ שליידער געטון אַ שטיין, און אַנדערע האָבן שוין אָנגעהויבן ציגל צו רייסן, כדי צוצו־העלפן, אָבער מ׳האָט זיי באַצייטנס איינגעהאַלטן.

— לאָזטס געמאַך, חברה, זאָל זי זיך אָוועקגיין די מגפה.

— אַז אַ דבר זאָל ענק נישט מיידן, אַפּיקורסישע הינט.

און עפּעס איינע אַ ליפּצערין האָט צו זיי די פויסטן אויס־געצויגן און זיי באַכגעשריגן:

— אַז צ׳זאָלט אויספגרן ביז איינעם, ווי די משוגענע הינט...

ענדלעך זענען זיי פאַרבייגעפאָרן, פאַרפאַלן ווערנדיק אויף דעם טאַפּאַלן־וועג, אַזוי, אַז נאָר פון די שאָטנס און פון שטויב האָב זיך געטראָגן שוואַכע געהאָוקערייען און דאָס רוישן פון רעגענער.

דאַמאָלס האָט די ליפּצער אַזאַ שמחה אַרומגענומען, אַז ס׳איז שוין קיינעם אין קאָפּ נישט געלעגן צוריק זיך צו נעמען צו די תפילות, וואָרן זיי האָבן זיך וואָס אַמאָל אַלץ געדיכטער אַרום דזשעדזשיץ צוגעשפּאַרט. און ער האָט, זייענדיק אַן אַ שיעור צופרידן דערפון, פריילעך איינגעטענה׳ט, מכבד געווען יע־דערן מיט אַ שמעק טאַבאַק און צום סוף האָט ער חניפהדיק אויס־גערופן:

— צ׳האָט פעסט אונטערגערויכערט, דער גאַנצער בינען־שטאָק האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— וואָרן אונדזערע פעלצן האָבן זיי געשטונקען — האָט

זיך עמעץ צעלאַכט, און גזשעלאַ, דעם וואָיטס ברודער, האָט מכלומרשט ווי באַזאָרגט, אויסגערופן:

— אַ צו איידל פאָלק אויף צו זיין פויערישע שכנים, וואָרן וואָלט נאָר איינער איבערן קאָפּ אַריינגעכאַפּט, וואָלט ער באַלד צו דער ערד אַ פלי געטון...

— ס'האָט זיך דען עמעצער מיט זיי צעהרגעט? — האָט דער בייגעריקער דזשעדזשיק אַ פרעג געטון.

— ווו דאָרט צעהרגעט, מאַטעוש האָט נאָר דאָרט איינעם אַ ריר געטון דערפאַר, וואָס ר'האָט אים אויף דער באַגריסונג נישט געענטפערט, איז האָט ער זיך באַלד מיט דער יוכע באַגאָסן און ס'איז אַ נס, ר'האָט די נשמה נישט אויסגעהויכט.

— לגמרי אַ ווייכע אומה, אויפן אויג זעען זיי אויס פויערן, ווי די דעמבעס, און גיסטו אויף איינעם אַ לאָז אַראָפּ די פויסט, איז גלייך ווי דו וואָלסט אין אַן איבערבעט אַריינגעטראָפן — האָט מאַטעוש שטיל באַמערקט.

— און ס'איז זיי נישט געגאַנגען מזלדיק אין פּאָדלאַשיע. די קי זענען זיי אָפּגים געפאַלן.

— אמת, זיי האָבן מיט זיך קיין איינע נישט באַכגעפירט.

— קאָבוס וואָלט געקענט דערציילן! — האָט זיך עמעץ פון די שקצימלעך אַרויסגעכאַפּט, אָבער קלאָנב האָט שטרענג אַ געשריי געגעבן:

— ביסט באַריש, ווי אַ דראָנג! אויפן פאַסקודניק זענען זיי אויסגעפגרט, מ'ווייסט דאָך...

זיי האָבן זיך אָנגעקאָרטשעט פון באַהאַלטענער פרייד, אָבער קיינער האָט שוין די פּאָרע פון מויל נישט צרויסגעלאָזט, ערשט דער קאָוואַל האָט, זיך צוריקנדיק נענטער, אויסגערופן:

— דאָס וואָס די דייטשן האָבן זיך אָפּגעטראָגן, איז אַ דאַנק דעם דזשעדזשיצס חסד.

— וואָרן ס'איז מיר ווילער די אייגענע כאַטשביק פאַר האַלב אומזיסט צו פאַרקויפן — האָט ער הייס פאַרזיכערט, פריי-

דיקנדיק פאַרשידענע מעשיות, און דערציילנדיק, ווי אַזוי ער און זיינע יידעס אין עלטערזיידעס האָבן שטענדיק געהאַלטן איינס מיט די פויערן, שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען...

דערויף האָט זיך שיקאַרע צעשמייכלט און שטיל אַ זאָג געטון:

— אַזוי האָט מיר דער אַלטער דזשעדזשיק געהייסן מיט בייטשן אויף די פּלייצעס אויפשרייבן, אַזוי, אַז כ׳געדענק נאָך גוט.

אָבער דער דזשעדזשיק האָט זיך געמאַכט ווי נישט דערהערנדיק, דערציילנדיק גראַד, וואָס פאַר אַ שווערקייטן ער האָט דאָס דורכגעמאַכט, אַבי ער זאָל נאָר פון די דייטשן פּטור ווערן; פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אים אויסגעהאַרגעט, פּאָליטיש צופּאָטאַקעווענדיק, און בּאַ זיך האָבן זיי געהאַט זייער מיינונג וועגן זיינע גרויסע טובות פאַרן פויערן-פאָלק.

— בעלי-טובות, ר׳וועט דיר קיין האָר נישט שענקען און שטענדיק זענען מיר אים בעלי-חובות! — האָט שיקאַרע געמורמלט, אַז קלאַנב האָט אים אַזש אַ שטורך געטון, אַז ער זאָל אויפהערן.

און אַזוי האָבן זיי זיך געמיינזאַם צוגעבאַסעוועט, ווי עפּעס אַ גלחל אין אַ ווייס גלחים-העמדל און מיט אַ טעצל אין דער האַנט האָט זיך אָנגעהויבן צו זיי אַדורכשטופּן.

— זעטס נאָר, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז יאַשיאַ דעם אָרגאַניסטערס — האָט עמעץ אויסגערופן.

ס׳איז טאַקע געווען יאַשיאַ, נאָר שוין אָנגעטון גלחיש, ער האָט צוזאַמענגענומען אויף אַ קלויסטער, וויפל נאָר איינער האָט מנדב געווען. ער האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט, די האַנט דערלאַנגט און נישקשהדיק געזאַמלט; וואָרן אַלע האָבן אים געקענט, און ס׳איז עפּעס נישט פּאַסיק געווען זיך אויסצודרייען פון אַ נדבה, איז האָט יעדערער דאָרט דעם גראָשן פון קניפּל אייסגעקראַצט, אָפּט האָט אויך אַ גילדן צווישן די קופּערנע מטבעות אָפּגעקלונגען; דער דזשעדזשיק האָט אַריינגעוואָרפן אַ רובל, די דזשעדזשיצקעס ווידער האָבן געשיט מיט זילבער-געלט, און יאַשיאַ

האָט, אַ פאַרשוויצטער, אַ רויטער פון פאַרמאַטערטקייט און זייער אַ שטראָלנדיקער, אומדערמידלעך איבערן גאַנצן צמענטאַרוש געזאַמלט, נישט אַדורכלאָזנדיק קיינעמען און נישט זשאַלעוועדיק אויף קיינעמען קיין גוט וואָרט. און טרעפנדיק זיך מיט האַנקען, האָט ער זי אַזוי העפלעך באַגריסט, אַז זי האָט גאַנצע פערציק גראָשען אַריינגעלייגט; ווען ער איז שטיין געבליבן פאַר יאַגושען אין אַ קלוגג געטון אין דער טאַץ, האָט זי די אויגן אויפגעהויבן און ווי פאַרשטאַרט געוואָרן פון דערשטוינונג, ער איז אויך אַ קאַפּ צעמישט געוואָרן, נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט און גיך ווייטער אַוועקגעגאַנגען.

זי האָט אים אַפילו אַ נדבה פאַרגעסן צו געבן, און נאָר זי האָט אים געהאַלטן אין איין נאָכקוקן, וואָרן ס'האָט זיך איר פשוט אויסגעוויזן ווי דער הייליקער, וואָס ר'איז אויף דעם הייליקן אָלטאַר אויסגעמאָלט, פונקט אַזאַ יונגעטשקער, שלאַנקער און הערלעכער, ווי ער וואָלט זי פאַרכישופט מיט זיינע פלאַקערדיקע שליפיעס, אַז בחנם האָט זי זיך די אויגן אויסגעריבן און נאָכאַנאַנד זיך געצלמט, ס'האָט נישט געהאָלפן.

— אַן אָרגאַניסטלטשיגע, און ווי דאָס האָט זיך אַזוי פיין אויסגעאַרבעט.

— די מאַמע בלאָזט זיך אויכעט, פונקט ווי אַן איינדיק.

— שוין פון פסח אָן געפינט ער זיך אין דער גלחימשקאָלע.

— דער גלח האָט אים אויפן אָטפוסט צו הילף אַראָפּגעברענגט.

— דער אַלטער איז אַ קאַרגער און רייסט די הויט פון מענטשן, נאָר אויף אים זשאַלעוועט ער נישט.

— נ'אוודאי, ס'איז דען נישט קיין כבוד, אַז ער וועט ווערן אַ גלח?

— ר'וועט אויך האָבן אַ גאַנץ פיינע פרנסה.

האָט מען געשעפּטשעט פון אַלע זייטן. נאָר יאַגוש האָט

גאָרנישט געהערט, און נאָכגעפירט אים מיט די אויגן, ווו ר'האָט זיך נאָך אַ ריר געטון.

גראָד האָט זיך אויך די סומע געענדיקט, דער גלח האָט נאָך אפילו פון דער אַמבאָנע אַראָפּ געפרייידיקט זיינע דרשות און פאַרגעהאַלטן, אָבער דער עולם האָט שוין גענומען ביסלעכווייז אָפּפליסן, און די דזשאַדעס האָבן זיך צעלאָזט מיט זייערע קלאָגעדיקע קולות, און מיט אַ גאַנצן כאָר האָבן זיי אָנגעהויבן בלעקעצן זייערע בעטל־לידער.

האַנקאַ האָט זיך אויך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, ווי ס'האָט זיך צו איר דורכגעשטופּט די באַלצערקוונאַ מיט אַ וואַזשנע נייעס.

— צ'ווייסט — האָט זי אַ דעריאַכמעטע געגרעגערט — מ'האָט שוין אויסגערופן די „זאַפּאָוויעדזשעס“ פון שימעק דער דאָמיניקאָוועס מיט נאַסטושען.

— נע, נע, און וואָס וועט זאָגן דערויף די דאָמיניקאָוואַ!

— וואָסי, זי וועט גיין אויף מעסער־שטעך מיטן זון.

— זי וועט גאָרנישט אויפטון, שימעק האָט זיך זיין רעכט און ר'האָט שוין די יאָרן אויך.

— אַ נישקשהדיק גיהנימל וועט זיך דאָרט מאַכן, אַ נישקשהדיק — האָט די יאַגוסטינקע אויסגערופן.

— ס'פעלן אַזוי אויך ווייניק מחלוקתן, ווייניק גאָטס־לעסטערונגען! — האָט האַנקאַ אָפּגעזיפצט.

— צ'האָט שוין געהערט וועגן וואָיט? — האָט די פלאָשקאָווע אָנגעהויבן, איר אונטערטראָגנדיק דעם אויסגעפּאַשעטן בויך און די פעטע, רויטע מאָרדע.

— טאַטש כ'האָב אַזוי פיל געהאַט קאָפּ־דרייעניש מיט דעם באַגרעבעניש און ס'קומען מיר כסדר צו אַזוי פיל פרישע דאגות אַז כ'ווייס אפילו נישט, וואָס עס קומט פאָר אין דאָרף.

— דער עלטסטער האָט מיינעם געזאָגט, אַז עס פעלט עפּעס אַ סך אין דער קאַסע. דער וואָיט לויפט שוין אַרום איבער די הייזער און סקאָמליעט וועגן הלוואהלעך, אַבי עפּעס

דאָרט צוזאַמענצוקראַצן, וואָרן אַ ליאַדע טאָג קען אָן אויס־פאַרשונג. . .

— דער טאַטע האָט נאָך געזאָגט, אַז עס וועט זיך מוזן אַזוי ענדיקן.

— ער האָט זיך דאָס גרויס געהאַלטן, געבלאָזן פון זיך, אָנגעפירט, און אַצינד זאָל ער באַצאָלן פאַר זיין פריציש־קייט!

— איז קען מען אים אַמאָל דאָס באַלעבאַטישקייט צו־נעמען?

— אוודאי קען מען, און אויב עס וואָלט נישט געשטאַ־יעט, וועט ער דאָס איבעריקע אין קרימינאַל אָפּזיצן — האָט די יאַגוסטינקע געגאָדערט — ר'האָט הנאה געהאַט, די יוכע, זאָל ער־זשע דערפאַר אַצינד אָפּקומען.

— ס'איז מיר טאַקיש געווען אַ וווּנדער, וואָס ער האָט זיך אפילו אויף דער לויה נישט געוויזן.

— וואָס פאַר אַן עסק האָט ער צו באָרינען, אַז ער גע־פינט זיך גאָר אין גוטפריינטשאַפט מיט דער אַלמנה.

זיי זענען שטיל געבליבן, וואָרן לעבן זיי האָט זיך באַוויזן יאַגוש, וועלכע האָט געפירט די מוטער; די אַלטע איז גע־גאַנגען אַ ביסל איינגעהויקערט און מיט נאָך אַרומגעבונ־דענע אויגן, אָבער יאַגוסטינקע האָט נישט אַדורכגעלאָזט די גע־לעגנהייט.

— ווען איז דאָס שימעקס חתונה? ס'האָט זיך קיינער אפילו נישט געריכט, אַז מ'וועט היינט פון דער אַמבאָנע אַראָפּ אויסרופן! פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז שווער אַ שגץ צו שטערן, ווען ס'איז אים שוין פאַרמיאוסט געוואָרן די ווייבערישע אַרבעט. אַצינדערט וועט אים נאַסטושע פאַרטרעטן... — האָט זי מיט אַ שמייכעלע זי געיאָדעט.

די דאָמיניקאָוואַ האָט זיך פלוצלינג אַ גלייך אויס געטון און האַרט אויסגערופן:

— פיר מיך, יאַגוש, גיכער, פיר, וואָרן זי וועט מיר נאָך אַ ביס טון די צונג.

און זי איז אין איילעניש אװעקגעגאַנגען, װי זי װאָלט אַנטלאָפן. און די פּלאַשקאָװע האָט זיך שטיל צעלאַכט.

— זי איז מכּלומרשט בלינד, און דאָך האָט זי נישקשהדיק דערזען...

— בלינד, אָבער זי װעט נאָך טרעפן צו שימעקס קוד־לעס.

— גאָט מײַנער, היט אָפּ, זי זאָל זיך אַמאָל צו קײן אַנדערע נישט צוכאַפּן...

יאַגוסטינקאַ האָט שױן גאָרנישט געענטפערט, ס'האָט זיך גראָד געמאַכט אַזאַ מין ענגשאַפט פאַ־ן טויער, אַז האַנקאַ איז ערגעץ פאַרפאַלן געװאָרן, איבערבלײַבנדיק הינטער אַנדערע, אָבער זי איז גאָר געװען צופרידן דערפון, װאָרן ס'האָבן איר שױן געעקלט די דאָזיקע נישט אָרנטלעכע עטעכװערטלעך. זי האָט רויק אָנגעהױבן פונאַנדערצוטײלן די דזשאַדעס צו צװײ גראָשן, נישט אַדורכלאָזנדיק אפילו קײן אײנעם, נאָר דעמדאָזיקן בלינדן מיטן הונט האָט זי אַ גאַנץ צענערל אַרײַנגערוקט און אױסגערופן:

— קומטס צו אונדז אויף מיטאָג, דזשאַדל! צו די באָרי־נעס!

דער דזשאַד האָט אױפגעהױבן דעם קאָפּ און זײַנע בלינדע אויגן אױפגעגלאָצט

— די אַנטקאָװע, דאַכט זיך מיר! זאָל גאָט באַצאָלן, כ'װעל קומען צו לױפן, פאַרשטײט זיך, אַז כ'װעל קומען.

נאָכן טויער איז שױן געװען אַ ביסל לױזער, אָבער אויך דאָרט זענען געזעסן אַ חברה דזשאַדעס אין צװײ רײען, פאַרמירנ־דיק אַזױערגאָך אַ ברײטע גאַס און האָבן געשריגן אויף פאַרשידע־נערלײ אופנים, און אויפן סאַמע סוף האָט געקניט עפּעס אַ ייִנ־גער, מיט אַ גרינעם דאַשעק איבער די אויגן, ר'האָט צוגעשפּילט אויף אַ פידל און געזונגען לידער װעגן מלכים און פון אַלטע צײַטן, אַז אַ גאַנצע מחנה איז אַרום אים געשטאַנען, און ס'איז אים אָפטער װעלכער גראָשן אין היטל אַרײַנגעפאַלן.

האַנקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטערן צמענטאַרזש, זוכנ־

דיק מיט די אויגן יוזקען, און לגמרי אומגעריכט האָט זי זיך מיט די אויגן אָנגעשטויסן אויף איר אייגענעם טאַטען.

ער איז זיך געזעסן אין איין רייע צווישן אַלע דזשאַדעס, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו די פאַרבייגייענדיקע און יעמערלעך אַ נדבה געבעטן.

גלייך הי ס׳וואָלט איר ווער מיט אַ מעסער דערלאַנגט, אָבער מתחילת האָט זי געמיינט, אַז ס׳דאַכט זיך איר באָר אַזוי אויס, האָט זי זיך אויסגעריבן די אויגן איין מאָל, ס׳צווייטע מאָל: אָבער דאָס איז ער געווען, ער!...

— דער טאַטע צווישן דזשאַדעס! יעזוס! — ס׳איז אַ נס, וואָס זי איז פון חרפה נישט פאַרפלאַמט געוואָרן.

זי האָט דאָס טיכל שטאַרקער אויפן שטערן אַראָפּגערוקט און זיך צוגעקומען צו אים פון הינטן צו די וועגענער, אונטער וועלכע ער איז געזעסן.

— וואָס טוט זיך מיט ענק, האַ? — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט, אַראָפּזעצנדיק זיך צו אים, כדי זיך פון מענטשלעכע אויגן צו באַהאַלטן.

— האַנוש... טאַטש איך... טאַטש...

— צ׳זאָלט מיר שוין גיין אַהיים! יעזוס, אַזאַ בושה! קומטס!...

— כ׳על נישט גיין... כ׳האָב מיר שוין דאָס לאַנג באַטראַכט... וואָס דאַרף איך ענק באַשווערן, אַז גוטע מענטשן העלפן מיר... כ׳על מיר צוזאַמען מיט אַנדערע אַוועק אין דער וועלט אַריין... די הייליקע ערטער באַקוקן... ביי׳עס געוויער ווערן... כ׳על נאָך ענק אַ שפּאָרן גראָשן אַהיימברענגען... באַדיר אַ גילדן, קויף עפּעס אַ שפּילעכל פאַר פּיעטרושן... קויף...

זי האָט אים פּעסט אַ נעם אָן געטון באַם קאָלנער און אים כמעט פון צווישן די וועגענער אַפּערגעשלעפּט.

— צ׳זאָלט מיר די אותו רגע אַהיימגיין. אַז צ׳האָט באָר קיין בושה נישט!

— לאָמיך אָפּ, וואָרן כ׳על אין כעס ווערן!

— וואַרפֿט אַוועק די טאָרבעלעך, גיכער, אַז ס'זאָל קיי־נער נישט באַמערקן.

— דאָס וועל איך טון, וואָס מיר וועט נאָר געפֿעלן, אוודאי... שעמען וועל איך מיך... ווען דער הונגער איז אַ קומע, דעם איז די טאָרבע אַ מאַמע — האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ ריס אויס געטון, אַרייַנגעפֿאַלן צווישן די פֿערד און וועגענער און איז פֿאַר־שוווּנדן געוואָרן.

ס'איז נישט קיין אופֿן געווען אים צו גיין זוכן און צו גע־פֿינען אין אַזאַ געפּאַק, וואָס האָט זיך געמאַכט אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן קלויסטער.

די זון האָט אַזוי געבאַקן, אַז דער מענטש האָט זיך אַזש פֿון דער הויט געשיילט, דער שטויב האָט די ברוסט פֿאַרשפּאַרט. און דער עולם, כאָטש ר'איז געווען אָפּגעמאַטערט און דערהיצט ביזן לעצטן פֿאָדעם, האָט זיך פֿונדעסטוועגן פֿריידיק געטומלט און געקאָכט ווי אין אַ צעבלעזלטער זידיקייט.

די קאַטערינקע האָט זיך היציק צעשפּילט איבערן גאַנצן דאָרף; די דזשאַדעס האָבן געבלעקעצט אויף זייער שטייגער, די קינדער האָבן געפּייפֿט אויף ליימערנע פֿייפֿעלעך, די הינט האָבן געבילן, און די פֿערד האָבן זיך געביסן און געקוויטשעט, וואָרן ס'איז עפּעס הייַנט אַזעלכע לעסטיקע פֿליגן געווען, איטלעכער מענטש האָט זיך גערעדט באַזונדער, מיט באַקאַנטע זיך איבער־געשריגן, געחברט זיך, אין די קראָמען אַריין זיך געשטופּט, ווו ס'האָט געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק, און קוויטשען פֿון שיקסעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן.

די בוידן מיט די הייליקע זאַכן האָבן זיך אַזש געוואַקלט אונטער דער שפּאַרעניש פֿון די פּוילערטעס. נישט קלענער איז געווען דאָס עבגשאַפֿט, ווו מ'האָט פֿאַרקויפֿט קעלבאַסעס, וואָס זע־נען פּונקט ווי די גראָבע שטריק, אויף דרענגלעך געהאָנגען. אין אַנדערע ערטער האָט מען געהאַנדלט מיט ב־ויט און מיט חלה־לעך. ערגעץ־ווו האָט אַ ייִד צו צוקערלעך צוגערופֿן, און ערגעץ אַנדערש ווידער האָבן אפֿילו בענדער פֿון אונטער די לייַוונטענע דעכער אָפּגעגווייעט און פֿאַרשידענע בייטשן קרעלן, און אומע־

טום איז געווען אַן אומגעהייער שפּאַרעניש, אַ גערודער און גע־
שרייען, ווי אין עפּעס אַ שול להבדיל.

ס'איז פאַרביי אַ שפּאָר שטיקל צייט, ביז וואַנען דער עולם
האָט זיך אַ ביסל אָנגעהויבן באַרויִקן און איינשטילן; ווער ס'האָט
זיך אַוועקגעלאָזט אין דער קרעטשמע אַריין, ווער ס'האָט זיך
שוין פאַרנומען אַהיימצופאָרן, און די אַנדערע, וואָס זענען פאַר־
מאַטערט געוואָרן פון דער היץ און פון מידעקייט, האָבן זיך
אַנידערגעלייגט אין די שאָטנס פון די וועגענער, לעבן סטאַוו,
דאָ אין די סעדער און אין די הייף, כדי עפּעס אין מויל אַריין
צו נעמען און זיך אָפּצורוען.

די צעגליטע מיטאָג־צייט האָט שוין אַזוי פאַרמאַטערט, אַז
ס'איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו עטעמען, און אין קורצן
האָט זיך שוין אַפילו קיינעמען שמו־סן נישט געוואָלט, נישט
פירן זיך אַפילו, פונקט ווי ביימער, וואָס שטייען פאַרחלשט אויף
דער היץ. דערצו האָט זיך נאָך דאָס גאַנצע דאָרף צו די שיסלען
אַוועקגעזעצט, איז האָבן זיי זיך שוין כמעט אינגאַנצן געהאַט
באַרויִקט, נאָר וואָס די קינדער האָבן נאָך ווי־נישט־ווי אַ גע־
טומל אויפגעהויבן, און די פערד האָבן זיך בײַ די וועגענער
צווישן זיך געביסן.

אויף דער פּלעבאַניע ווידער האָט דער גלח געפּראַוועט
אַ מיטאָג פאַר די גלחים און דזשדזשיצעס. דורך די אויפגעפּראַלטע
פענסטער האָבן זיך אַרויסגעגאָסן די קעפּ. ס'איז געפּלאָסן אַ גע־
רויש פון געשפּרעכן, און עס האָבן זיך צעטראָגן קלאַנגען, גע־
לעכטערן און אַזעלכע ריחות, אַז נישט איינער האָט אויש די
שלינגע געשלונגען פון דידאַזיקע געשמאַק.

יאַמבראָזש האָט זיך, אַן אויסגעשלייערטער אין יום־טובדיקע
מלבושים, מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט, געדרייט כסדר אין פע־
דערהויז און אָפּט אויפן גאַניק מיט אַ געשריי אַרויסגעלאָפן:

— וועסט נישט אַוועקגיין, יוכע, פונדאַנען! כ'על דיך אָנ־
קיילן מיט אַ שטעקן, אַז וועסט האָבן צו געדענקען.

אָבער, נישט קענענדיק זיך אָפּיאָגן פון די ווייסע חברה־
ביקעס, וועלכע האָבן, ווי די שוואַלבן, די שטאַכייטן באַזעצט, איז

יי מער דרייסטערע האָבן זיך שוין אַפילו ביז אונטערן פּענ־
סטער פאַרקליבן, איז האָט ער נאָר אַ דראָע געטון מיט גלחס
ליולקע־ציביק און געשאָלטן.

דערויף איז אָנגעקומען האַנקע, וועלכע איז געבליבן שטיין
לעבן דער פּורטקע.

— צ'זוכט עמעצן? — האָט ער אַ פרעג געטון, צוהינקענ־
דיק צו איר.

— צ'האָט נישט אַמאָל געזען ערגעץ מיין טאַטען?

— ביליצען! ס'איז אַזאַ היץ, אַז זאָל גאָט אָפּהיטן, איז
מוז ער פּעווגע ערגעץ שלאָפן אין אַ שאָטן... דע! צעבראָכענער
שטעקן! — האָט ער ווידער אַ געשריי געטון און נאָך אַ שגץ
זיך נאָכגעיאָגט.

און האַנקאַ, וועלכע איז זייער באַטריבט געווען, איז שוין
גלייך אַהיימגעגאַנגען און ווען אַלעם דערציילט דער שוועסטער,
וועלכע איז געקומען צו גיין אויף מיטאָג.

אָבער ווראַנקאַ האָט נאָר מיט די אָרעמס געהויבן.

— די קרוין וועט אים פון דעם קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן, אויב ער
איז צו די דזשאַדעס צוגעשטאַנען, און אַז אונדז וועט ווערן גרינ־
גער, דאָס איז זיכער. נישט בלויז אַזעלכע האָבן זייער לעבן
הינטערן קלויסטער פאַרענדיקט.

— יעזוס, אַזאַ חרפּה, אַז אַן אייגענער טאַטע זאָל גיין
בעטלען! און וואָס וועט אַנטעק דערויף זאָגן? אַצינד וועלן אונדז
ערשט די מענטשן אויף די צונגען נעמען און וועלן זאָגן, אַז
מיר האָבן אים אויף בעטל אַרויסגעטריבן.

— לאָזן זיי זיך בילן, וואָס זיי געפעלט נאָר. אויף יענעם
פּיסקעווען קען איטלעכער איינציקער, אָבער צו העלפן איילט זיך
קיינער נישט.

— יעך וועל נישט דערלאָזן, אַז דער טאַטע זאָל אַרומגיין
בעטלען.

— איז ברענג אים דיר אַריין אין דער כאַלופּע אַריין און
שפּיין אים, אַז דו ביסט אַזאַ האַנאַראָווע.

— און כ'וועל אים ברענגען! זשאַלעוועסט אים שוין דאָס

לעפל עסן! אוודאי, אַצינד זע איך שוין, אַז דו אַליין האָסט אים דערצו געצווונגען.

— ס'גייט באַ מיר איבער, צי וואָס? כ'וועל די קינדער פון מויל אפּער אַוועקנעמען, און אים אַוועקגעבן?

— ס'קומט אים קעסט באַ דיר, ווייסט דערפון?

— אַז כ'האָב נישט, וועל איך מיר פון די גערערים נישט ארויסנעמען.

— נעם אַרויס און גיב, דער טאַטע איז בילעכער. נישט איינמאָל האָט ער זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט, אַז דו פייניקסט אים מיט הונגער און זאָרגסט דיך מער וועגן די חזירים, ווי וועגן אים.

— ס'איז געווען אמת, כ'פייניק טאַקיש דעם טאַטען מיט הונגער, און איך אַליין הייסט עס, טו מיר אָן כלערליי תענוגים, ווי אַ דזשעדזשיצקע, וואָרן כ'האָב מיך אַזוי אויסגעפּאַשעט, אַז די ספּודניצע פאַלט מיר שוין פון די ביעדרעס אַראָפּ און קוים מיט די פיס וואָס כ'שלעפּ. אויף באָרג לעבן מיר נאָר.

— פּלאַפּל נישט אַזוי, ס'וואָלט ווער געמיינט, אַז ס'איז טאַקע אמת.

— און ס'איז אמת, ווען נישט יאַנקעל, וואָלט איך אפילו ס'ביסל קאַרטאָפל מיט זאַלץ נישט געהאַט. אוודאי, דער זאַטער גלייבט קיינמאָל נישט דעם הונגעריקן! — האָט זי גערעדט האַלב אין געוויין, און וואָס אַמאָל יעמערלעכער, ווי ס'האָט זיך אַריינגעזקייקלט אין הויף אַריין דער דזשאַד, געפירט דורכן הינטל.

— זעצטס ענק צו אונטער די כאַלופּע — האָט זיך האַנקאַ, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אַרום מיטאָג, צו אים א ווענד געטון.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּריזבע, אַוועקגעלייגט די קוליעס, דאָס הינטל אָפּגעלאָזט אויף דער פריי און אַ צי געטון מיט דער נאָזדרע, פרווונדיק צו דערגיין, צי מ'עסט שוין און וועלכער זייט.

מ'האָט זיך גראָד געהאַט אַוועקגעזעצט צום מיטאָג אונטער

די ביימער. האַנקאַ האָט אויפגעגעבן דאָס עסן אויף שיסלען, און די ריח׳ות האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעטראָגן.

— קאַשע מיט שמאַלץ, אַ גוטע זאַך. זאָל ענק זיין צו געזונט — האָט דער דזשאַד געמרומשעט, אויסשמעקנדיק די ריחות, און באַלעקנדיק זיך גיריק.

זיי האָבן געגעסן געלאַס, בלאָזנדיק אויף יעדער לעפל געקעכץ; לאַפאַ האָט זיך געדרייט מיט אַ שטיל געוואַיערײַ, און דאָס דזשאַדישע הינטל האָט געאָטעמט מיט אַן אויסגעבלעזלטער צונג הינטער דער וואַנט, וואָרן די היץ איז געווען שרעקלעך, אפילו די שאָטנס האָבן נישט געשיצט, אַ וווּנדער, וואָס ס׳איז אַלץ נישט צעלאָזט געוואָרן, און אין דערדאָזיקער אָנגעגליטער און שלעפעריקער שטילקייט האָבן באַר די לעפל געקראַצט, און טיילמאָל האָט ערגעץ אונטערן דאַך אַ שוואַלב אַ טשוויטשער געטון.

— ווען כ׳קריג אַזוי אַ שיסעלע זויערמילך אויף אָפצוקילן זיך! — האָט דער דזשאַד אָפגעזיפצט.

— כ׳וועל ענק באַלד צוברענגען! — האָט אים יוזקאַ באַרויקט.

— צ׳האָט עפּעס אַ סך הייגט אויסגעבלעקעצט? — האָט פּיעטרעק, צינענדיק שלעפעריק דעם לעפל, אַ פרעג געטון.

— דערבאַרעם זיך, גאָט, אויף די זינדיקע, און געדענק זיי נישט די דזשאַדישע עוולות! וו דאָרט אַ סך! ווער ס׳דערזעט באַר אַ דזשאַד, איז קוקט ער אָנגעשטרענגט אין הימל אַריין, אָדער ער מיידט אים אויס אַ מייל פונדערווייטנס. אַן אַנדערער ווידער קראַצט שוין אויס דאָרט דעם גראָשן, וואָלט ער מיט פאַרגעניגן אַ צעבערל אַ רעשטע געגומצן! ס׳וואָלט אויסקומען פון הונגער צו פגרן.

— ס׳איז פאַר איטלעכן היי־יאָר אַ שווערע פאַרשניט־צייט — האָט די וועראָנקאַ געשעפּטשעט.

— אמת. נאָר אויף בראָנפן וועט קיינעמען נישט פאַרפעלן.

יוזקא האָט אים אַרײַנגערוקט אין דער האַנט אַרײַן אַ שיסל, ער האָט אָנגעהויבן אײַליק צו עסן.

— מען האָט געשמועסט אויפֿן צמענטאַזש — האָט ער זיך ווידער אָפּגערופֿן — אַז ליפּצע האַלט זיך הײַנט בײַ אויסגלײַכן מיטן דזשעדזשיק, ס'איז אמת דאָס?

— אַז זיי וועלן קריגן, וואָס זיי קומט, איז אפֿשר וועלן זיי זיך טאַקע אויסגלײַכן — האָט האַנקאַ אויסגעדופֿן.

— און די דײַטשן האָבן זיך שוין אָפּגעטראָגן, צ'ווייסט? — האָט זיך וויטעק צעוויסגעכאַפּט.

— אַז אַ דבר זאָל זיי דערדישען! — האָט ער געשאָלטן, פּאַכנדיק מיט די פֿויסטן.

— ענק האָבן זיי אויך עפּעס בעוולהט.

— כ'בין געכטן צו זיי אין אָוונט אַרײַנגעגאַנגען, האָבן זיי אויף מיר די הינט אָנגערייצט. אַזעלכע שמשערזיעס, הינטישע זרעס. די ליפּצער זענען זיי אַפּנים אַזוי די יאָרן דערגאַנגען, אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפֿן! די הויט וואָלט איך פֿון אַזעלכע געשונדן, ביזן רויען פֿלייש — האָט ער כסדר גערעדט, אויסקראַצנדיק פֿײַן די שיסל, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער אָנגעפּאַשעט דאָס הינטל און אָנגעהויבן זיך אַראָפּקײַקלען פֿון דער פּריזבע.

— ס'איז שניט-צײַט, איז אײַלט עך ענק צו דער אַרבעט — האָט זיך פּיעטרעק צעלאַכט.

— און מ'דאַרף זיך טאַקע אײַלן: פּאַראַיאָרן זענען מיר סך-הכּול געווען זעקס אירע אויפֿן אָטפּוסט, און הײַנט רײַסן זיך אויף די העלדזער בײַ אַ שאָק. אַז די אויערן ווערן אַזשיק געשוואָלן.

— קומטס צו גיין אויף באַנאַכט — האָט יוזקאַ פֿאַרבעטן.

— לאָז דיר יעזוס געבן געזונט, וואָס דו געדענקסט אָן אַ יתום.

— אַ יתום, יוכע, און קוים וואָס ער שלעפּט שוין נאָך

זיך דעם טרעלבוך — האָט פּיעטרעק חיזק געמאַכט, זעענדיק, ווי ער האָט זיך געוואַקלט אויפן מיטן וועג, אַ גראָבער, ווי אַ קלאָץ, און מיטן שטעקן דעם וועג געטאַפּט.

די כאַלופּע איז אויך איינגב׳כן אויסגעליידיקט געוואָרן, ווער ס'האָט זיך אין שאָטן געלייגט, כדי זיך אַ ביסל איבערצושלאָפן, דאָ האָט שוין עמעצער גאָר געכראָפּעט, און די איבעריקע זענען אויפן אָטפּוסט אַוועק.

מ'האָט געקלונגען צו דער אָוונט־תּפילה. די זון האָט זיך שוין שפּאָר געהאַט אַ נייג געטון צו מערב־זייט. די היץ האָט ווי אַ ביסעלע נאָכגעלאָזט, איז כאָטש אַ שפּאָרער עולם האָט זיך נאָך אויסגערוט אונטער די כאַלופּעס, אָבער וואָס אַמאָל זענען אַלץ מער מענטשן זיך צוזאַמענגעקומען אויפן פּלאַץ פאַרן קלויסטער, צווישן די קראָמען און בוידן.

יוזקאַ האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט די שיקסעס בילדלעך איינקויפן, און דער עיקרשט, כדי זיך אָנצוקוקן צו דער זעט מיט דידאָזיקע בענדער, פּאַטשערקעס און אַנדערע אָטפּוסט־וווּנדער.

די קאַטערינקע האָט ווידער אויפגעשפּילט, די דזשאַדעס האָבן אָנגעהויבן אויף זייער אופן צו בלעקעצן, צוקלינגענדיק מיט די שיסעלעך, און ביסלעכווייז האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, וואָס האָט דאָס גאַנצע דאָרף אָנגעפּולט, אַז ס'האָט געברוישט, פּונקט ווי אין אַ בינשטאָק איידער די בינען לאָזן זיך אַרויס.

וואָרן איטלעכער איז געווען זאַט און אויסגערוט, איז האָט ער זיך גאַנץ גערן צונויפגעקאָמפּאַנירט, און געמיינזאַם זיך געפרייט. ווער ס'האָט מיט גוטע פריינט איינגעטענהט, ווער ס'האָט נאָר די שליפּיעס אויף אַלדינג ברייט פונאַנדערגעעפנט, ווער ס'האָט זיך נאָר גלאַט אַזוי געשטופּט, דאָ ווו אַנדערע האָבן זיך געשטופּט, ווען ס'האָט צו אַ גלעזעלע געצויגן צוזאַמען מיט די קומעס אויסצוטרינקען, אַנדערע ווידער זענען אין קלויסטער אַריין געגאַנגען אָדער גאָר ערגעץ אין אַ שאָטן זיך אָפּגעזעצט, שמועסנדיק וועגן פאַרשידענע זאַכן, און אַלעמען האָט

גלייך די אַלצייִנסדיקע, ליבלעכע פרייד פון אָנפּוּסט צעשפּאַרט.
און ס'איז קיין וווּנדער נישט, ווי דען, טאַטש איטלעכער האָט
זיך דאָך געגווג אָנגעבעטן און אָנגעזיפּצט צו דער זעט, אָנגע=
קוקט זיך מיט דעם גאָלד, ליכטיקייט, בילדער און די איבערי=
קע הייליקייטן; אָרנטלעך זיך אויסגעוויינט. אָנגעהערט זיך
מיטן אָרגל און מיט די געזאַנגען, און גלייך ווי ער וואָלט זיך
איינגאַנצן אין דעמדאָזיקן יום=טוב אויסגעבאָדן, די נשמה געריי=
ניקט און געשטאַרקט, פאַרשידענע מענטשן געזען, דעריבערונגען
אָנגעקליבן און כאַטשיק אויף איין טאָג די אַלע צרות פון קאָפּ
פּטור געוואָרן!

און אַזוי איז טאַקע געווען דער מנהג, אַז סיי די גרעס=
טע באַלעבאַטים, צי דאָס אָרימוואַרג, קאָמאָרניקעס, צי פּשוטע
דזשאַדוכעס, האָבן זיי זיך אַלע געמיינזאַם געפרייט, אָנמאַכנדיק
אַזאַ טומלדיקע און צעוויגטע געדיכטעניש אַרום די קראָמען,
אַז ס'איז נישט לייכט געווען זיך דאָרט אַדורכצושטופּן. און פאַר=
שטייט זיך, אַז צום הילכיקסטן האָבן די ווייבער איינגעטענהט,
שפּאַרנדיק זיך איינס איבער ס'אַנדערע צו די בוידן, אַבי כאָ=
טשיק צוצורירן זיך און אָנצוזעטיקן דאָס אויג מיט די אַלע
הערלעכקייטן.

שימעק האָט טאַקע גראָד געהאַט געקויפט בורשטינען פאַר
באַסטושעס ווענ, בענדער און אַ רויט טיכל, זי האָט זיך באַלד
אויסגעשלייערט, און זעענדיק געגאַנגען פון איין קראָם צו דער
צווייטער, האַלטנדיק זיך אַרומגענומען אין דער העלפט, זייער
בגילופנדיק און ווי פאַרשיכורט פון פרייד.

יוזקאַ איז מיט זיי מיטגעקראָכן, זי האָט זיך נאָר בלויז
געדונגען און באַקוקט די פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען געווען
אויף די טישן פונאַנדערגעלייגט, און יעדער חילע האָט זי מיט
אַן אומעטיקן זיפץ איבערגעציילט איר קאַרגן גילדנטשיגע.

יאַגושיאַ האָט זיך ערגעץ אַרומגעפּלאָנטערט נישט ווייט
פון זיי, מאַכנדיק דעם צאָבשטעל, אַז זי באַמערקט נישט דעם
ברודער. זי איז בענאַנגען איינגע אַליין, אויסטערליש כאַראָ=
מערט און דערשלאָגן. ס'האָבן זי נישט געפרייט היינט נישט די

פונאַנדערגעוואָרפֿענע בעטגעוואַנט, נישט דאָס שפּילן פֿון דער קאַ-טאַרינקע, נישט דאָס ענגשאַפֿט און די געשרייען. זי איז געגאַנ-גען מיט די איבעריקע, מיטגעריסן פֿון המון און דאָרט זיך אָפּ-געשטעלט, וווּ אַנדערע זענען געבליבן שטיין, דאָרטן געטרעטן, וווּהין מ'האָט זי געשטופּט, נישט וויסנדיק לחלוטין, באַוואָס זי איז געקומען און וווּהין זי גייט.

מאַטעוש האָט זיך צו איר צוגערוקט און הכנעהדיק אַ שעפּטש געטאָן:

— טאַטש פֿאַרטרייב מיך נישט פֿון דיר.

— וואָס הייסט, כ'האָב דיך ווען אַמאָל אָפּגעטריבן?

— איין מאָל באַר! האָסט מיך נישט אַנומלטן אָנגעזידלט, האַ?

— ווייל האָסט געזאָגט נישט קיין אָרנטלעך וואָרט, איז האָב איך געמוזט. ווער עס... — זי איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן.

יאַשיאַ האָט זיך פֿאַמעלעך דורכגעשטופּט דורכן המון אין איר זייט אַריין.

— און ער איז אויך אויפֿן אָטפּוסט! — האָט מאַטעוש אַ שעפּטש געטאָן, אַבויזנדיק אויפֿן גלחל, וועלכער האָט זיך מיט אַ שמייכעלע פֿאַרטיידיקט, און נישט געלאָזט זיך קושן אין דער האַנט אַריין.

— ווי אַ דזשעדזשיצס אַ זון! ווי דאָס האָט זיך אויסגע-שלייערט! כ'געדענק נאָך גאַנץ גוט, ווי ער האָט נאָך דאָ נישט לאַנג נאָך אַ קוזשיידל זיך נאָכגעיאָגט.

— וואָס דען! וווּ וואָלט אַזעלכער דאָרט בהמות געפּאַשעט — האָט זי, פֿילנדיק זיך געטראָפֿן, אָפּגעווענדט.

— אַזוי ווי כ'זאָג. איך געדענק, ווי דער אָרגאַניסטער האָט אים איינמאָל אָנגעקיילט, וואָס ער האָט די בהמות אין פּריטשעקס האָבער אַרייַנגעלאָזט, און אַליין איז ער זיך ערגעץ אונטער אַ באַרנבוים געשלאָפֿן...

יאַגוש איז אַוועקגעגאַנגען, און כאָטשיק נישט אַזוי דרייסט פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך צו אים דורכגעשטופּט. ער האָט גע-

שמייכלט צו איר, נאָר ווייל מ׳האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ רעגנבויגן, האָט ער אָפּגעקערט די אויגן, און אָנקויפּנ-דיק אין דער קראָם אַ סך בילדלעך, האָט ער זיי אָנגעהויבּ-פונאַנדערצוטיילן צווישן די שיקסעס און ווער ס׳האָט נאָר גע-וואָלט.

זי איז געבליבן שטיין קעגנאיבער, ווי אַ צוגענאָגלטע אייגעקוקט אין אים מיט אַ פּאָר צעגליטע אויגן, און פון די רויטע ליפּן איז אַראָפּגעפלאָסן אַ שטיל, גלאַנציק שמייכעלע, זיס, פּונקט ווי האָניק.

— נאַדיר, יאַנוש, דיין פּאַטראָנקע — האָט ער אויסגע-רופן, אַרייַנשטופּנדיק איר אַ בילדל, די הענט זייערע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און צוריק אָפּגעשפּרונגען, ווי אָפּגעברי-טע.

זי האָט אויפגעציטערט, נישט וואַגנדיק דאָס מויל צו עפענען. ער האָט נאָך עפּעסטשיס גערעדט, אָבער זי איז, ווי פאַרזונקען געוואָרן אין זייַנע אויגן, און כמעט גאָרנישט פאַר-שטאַנען.

דאָס ענגשאַפט האָט זיי פונאַנדערגעטיילט, אַז ווען זי האָט דאָס בילדל הינטערן גאָרס באַהאַלטן, האָט זי נאָך לאַנג מיט די אויגן צווישן די מענטשן געפירט. ער איז שוין אין ערגעץ נישט געווען, ער איז געגאַנגען אין קלויסטער אַריין, וואָרן מ׳האָט אָנגעהויבן קלינגען אויף דער אָוונט-תּפילה, אָבער זי האָט אים כּסדר פאַר די אויגן געהאַט.

— ער זעט אויס, ווי אַ הייליקער! — האָט זי נישט ווילנ-דיק אַרויסגעשעפּטשעט.

— די שיקסעס, איז טאַקע אַ וווּנדער, וואָס זיי נעמען זיך די שליפּיעס נישט אַרויס. נאַראָנים, נישט פאַר קיין הונט איז קעלבאַס געמאַכט געוואָרן.

זי האָט זיך גיך אומגעקוקט, מאַטעוש איז לעבן איר גע-שטאַנען.

זי האָט עפּעס אַ מרוק געטון נישט אַהער, נישט אַהין, וועלנדיק זיך פון אים אָפּטשעפּען, אָבער ער איז געגאַנגען,

נישט אָפּטרעטנדיק פון איר. ער האָט זיך עפּעס לאַנג מיישב געווען, ביז ער האָט זיך אַ פרעג געטון:

— יאַגוש, און וואָס האָט די מאַמע געזאָגט אויף שימעקס אויפרופן?

— און וואָס זאָל זי זאָגן, אַז ער וויל חתונה האָבן, איז זאָל ער חתונה האָבן, ס'איז בײַ אים די ברירה.

ער האָט זיך פאַרקרומט און אומרויִק געפרעגט;

— מ'וועט אים אָפּשרייבן זייַנע פּאָר מאָרגעס, האַ?

— איך ווייס! זי האָט מיר נישט געזאָגט, זאָל ער זי פרעגן.

אויפן וועג איז צו זיי צוגעשטאַנען שימעק מיט נאַסטושען, פון ערגעץ איז אויך יענדזשיק אויסגעוואַקסן, אַזוי, אַז זיי זע־נען געבליבן שטיין אַ גאַנצע קופּע, און דער ערשטער האָט שי־מעק אָנגעהויבן:

— יאַגוש, זאָלסט נישט האַלטן מיט דער מאַמען, דאַמאָלס ווען איר געשעט אַן עוולה.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך האַלט מיט דיר. אָבער ביסט עפּעס אינגאַנצן אַנדערש געוואָרן איבער דער צייט, נע, נע... עפּעס אינגאַנצן אַן אַנדערער מענטש! — האָט זי זיך געוווּנ־דערט, וואָרן ער איז געשטאַנען פאַר איר זייער פיין אויסגע־עלעגאַנטצעוועט, אַ גלייכער, אויסגעגאָלט אויף ריין, מיטן קאַפּע־ליוש אויף אַ זייט און אין אַ ווייסיטשקער קאַפּאָטע, ווי מילך.

— וואָרן כ'האָב מיך אַרויסגעריסן פון דער מאַמעס שטיי־בענקעלע.

— און ס'איז דיר בעסער איצט אויף דער פריי? — האָט זי אָפּגעלאַכט פון זיין האַרטקייט.

— לאָז אַרויס דאָס פייגעלע פון דער גאָרשטש, וועסטו זען! האָסט געהערט דאָס אויפרופן?

— ווען איז דער שלוב?

נאַסטושיאַ האָט זיך צו אים געפּילפּול צוגעדריקט, אַרומ־נעמענדיק אים אין דער העלפט.

— אין דריי וואָכן אַרום, נאָך פּאַרן שניט — האָט זי אַ קאַרטאָפֿלאַמטע געשעפּטשעט.

— לאָמיך אַפּילו דאַרפֿן אין דער קרעטשמע צו פּראַצעווען, און בײַ דער מאַמען וועל איך מיך נישט בעטן.

— האָסט שוין וועלן דאָס ווײַב אַרײַנצופֿירן?

— כ'האָב. וואָס הייסט, אויף דער אַנדערער זײַט צו דער מאַמען וועל איך מיך אַרײַנבעטן. כ'וועל נישט גיין זוכן קיין קאָמאַרנע בײַ מענטשן. זאָלן זיי מיר נאָר דעם גרונט אָפּשרײַבן, איז וועל איך מיר שוין אַן עצה געבן! — האָט ער זיך רוגזהדיק באַרימט.

— איך וועל אים צוהעלפֿן, יאַנוש, מיט אַלדינג וועל איך אים צוהעלפֿן — האָט יענדרשיק צוגעזאָגט.

— ס'הייסט און אונדז שיקן מיר דאָך אויך נישט באַזוכן אַזוי באַקעט אין דער וועלט אַרײַן. טויזנט גילדן וועט זי קריגן באַרעס געלט — האָט מאַטעוש זיך אָנגערופֿן.

דער קאָוואַל האָט אים אין אַ זײַט אָפּגעצויגן, עפּעס אים אײַנגערוימט און אַוועקגעלאָפֿן.

זיי האָבן נאָך עפּעס דאָרט אײַנגעטענהט, דערעיקרשט האָט שימעק געפֿאַנטאַזירט, ווי אַזוי ער וועט ווערן אַ באַלעבאָס, ווי אַזוי ער וועט זיך גרונט צוקויפֿן, ווי אַזוי ער וועט זיך דאָס אַ כאַפּ־צו טון צו דער ערד, אַז איינגיכן וועט מען זען, וואָס ער איז פֿאַר אײנער, אַז נאַסטושיאַ האָט אויך מיט באַוווּנדערונג געקוקט אויף אים. יענדרושיק האָט פֿאַטאַקעוועט, נאָר יאַגושיאַ האָט מיט די אויגן איבער דער וועלט געבלאָנדזשעט, הערנדיק אײנס איבערן צווייטן. ס'איז איר דאָרט אַלצײַנס געווען.

— יאַגוש, קום אין קרעטשמע אַרײַן, ס'וועט הײַנט זײַן אַ מוזיקע — האָט מאַטעוש געבעטן.

— אפֿילו די קרעטשמע ווילט מיך שוין נישט — האָט זי טרויעריק אָפּגעענטפֿערט.

ער האָט איר אַרײַנגעקוקט אין די פֿאַרנעפּלטע אויגן, אַראָפּגערוקט דאָס היטל און אַנטלאָפֿן, פֿונאַנדערשפּאַרנדיק די

מ״נטשן אויפן וועג. פאר דער פלעבאניע האט ער זיך אָנגע־שטויסן אויף טער־סקען.

— וווהין פליסטו דאס אזוי? — האט זי מיט שרעק אָנ־געהויבן.

— אין קרעטשמע אריין! דער קאוואל רופט צוזאמען אויף א באראטונג.

— כ׳וואלט מיט דיר מיטגעגאנגען.

— כ׳טרייב דיך נישט אוועק, קיין אָרט וועט נישט פאר־פעלן, גיב נאר אכטונג, אז מ׳זאל דיך אויף די ציינגען נישט בע־מען, וואס דו היטסט מיך אזוי שטענדיק אָפּ.

— מ׳טראָגט מיך שוין סיי ווי אַרום, פונקט ווי די הינט א געפגרטן שעפס.

— איז צו וואס לאזסטו דיך אויף זיי! — איז ער שוין געוואָרן בייז און אומגעדולדיק.

— צו וואס? דו ווייסט דען נישט צוליב וואס? — האט זי זיך שטיל פאר אים פארקלאָגט.

ער האט זיך א וואָרף געטון און געגאנגען פארויס, אז זי האט אים קוים באַכגעדאָנזשעט.

— בעטשעסט שוין, ווי דאס קאלב! — האט ער א וואָרף געגעבן, אומדרייענדיק זיך פלוצלינג.

— ניין, ניין... א שטויבעלע איז מיר אין אויג באר אריינ־געפאלן.

— אז כ׳זע ווי מען וויינט, איז ווי מ׳וואלט מיר מיט א מעסער דערלאנגט!

ער האט זיך מיט איר אויסגעגלייכט און עפעס אויסטער־ליש הארציק צו איר א זאג געטון:

— נאדיר א פאר גראָשן, קויף דיר עפעס אויפן אָטפּוסט, און דערנאך קום אין קרעטשמע אריין, וועלן מיר טאנצן.

זי האט א קוק געטון מיט די אויגן, וואס זענען אים ווי צו די פיס געפאלן פאר דאנקבארקייט.

— וואס טויג מיר דארט געלט, ביסט אזא גוטער... אזא... — האט זי א צעפלאמטע געשעפטשעט.

— אז ס'וועט נאָר ווערן אָוונט, קום צו גיין, פריער וועל איך קיין צייט נישט האָבן.

ער האָט זיך נאָך פון דער שוועל צו איר אומגעקוקט, א שמייכל געטון און אריינגעגאַנגען אין פּעדערהויז.

אין דער קרעטשמע איז שוין געווען אַן ענגשאַפט און א היץ נישט צום אויסהאַלטן. אין דער הויפּט-שטוב האָט זיך גע־פּאַקט אַ פאַרשידענער עולם; מ'האָט געטרונקען און געשמועסט. אין אַלקערוש ווידער האָט זיך צונויפגעזאַמלט דאָס יינגוואַרג פון ליפּצע מיטן קאַוואַל און מיט גושעלאַ, דעם וואַיטס ברודער, בראָש. ס'זענען געקומען אויך אַ טייל פון די באַלעבאַטים, ווי למשל פלאַשקאַ, דער סאַלטיס, קלאַנב און אַדאַם, באָרינעס א ברודערנזון, און אַפילו קאַבוס האָט זיך אַריינגעשפּאַרט, כאָטש ס'האָט אים קיינער נישט פאַרבעטן.

ווען מאַטעוש איז אַריינגעקומען, האָט גושעלאַ גראָד גע־רעדט מיט היץ און מיט קרייד עפּעס געצייכנט אויפן טיש.

ס'איז געגאַנגען וועגן פאַרגלייכן זיך מיטן דזשעדזשיץ, וועלכער האָט זיך מתחייב געווען צו געבן די פויערן פאַר אַ מאָר־גע וואַלד צו פיר מאָרגעס אויף די פאַדלעשיער פעלדער, און די צווייטע פיר מאָרגעס צו געבן אויף אויסצוצאָלן; ר'האָט אפילו געוואָלט אויסבאָרגן האָלץ אויף כאַלופּעס.

גושעלאַ האָט אַלץ פאָדראַבנע פאַרגלייכט און מיטן קרייד געצייכנט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך מיט דער ערד שוין איינגע־טיילט און באַרעכנט וויפל ס'וואָלט אויף איטלעכן אויסגעקומען.

— הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס איך זאָג ענק! — האָט ער אויסגערופן — דער ענין איז קלאָר, ווי גאָלד.

— צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט נישט! — האָט פלאַשקאַ אַ מרוק געטון.

— דאָס איז דער ריינער אמת, נישט קיין שום צוזאָגעכצן. ער וועט אונדז באַם ראַיענט אַלץ אָפּשרייבן. נעמטס ענק נאָר דאָס גוט אין קאָפּ אַריין! אַזוי פיל ערד פאַרן גאַנצן דאָרף. טאָטש ס'וועט זיך דאָך פאַר איטלעכן איינציקן אַ ניי באַלעבאַטעשאַפט אויסשניידן. פאַרנעמטס עס נאָר...

דער קאָוואַל האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, וואָס דער דזשע־דזשיץ האָט אים געהייסן זאָגן.

זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהאָרכט, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, זיי האָבן נאָר געקוקט אויף די ווייסע קרייד־צייכנס אויפן טיש און טיף זיך פאַרטראַכט.

— אמת, דער ענין איז קלאָר ווי גאָלד, אָבער צי וועט דער קאָמיסאַרוש דערויף דערלויבן? — האָט זיך דער ערשטער דער סאָלטיס אָנגערופן, אָקערנדיק שטאַרק פאַרזאָרגט מיט די נעגל אין די קודלעס.

— ער מוז! אַז די גראָמאַדע וועט באַשליסן, איז וועט זי אויף קיין דערלויבעניש בײַ דער רעגירונג נישט פרעגן! אַז מיר ווילן וועלן, איז מוז ער אויך! — האָט גושלאַ אַ דונער געטון.

— צי ער מוז יאָ, צי ער מוז נישט, אָבער דו רייס דיך נישט אַזוי. גיטס נאָר עמעצער אַ קוק אַרויס, צי שמעקט נישט דאָרט אַמאָל ערגעץ קיין סטראַזשניק הינטער דער וואַנט?

— כ'האָבן ערשט דאָ נישט לאַנג געזען לעבן שענק־פּאַס! — האָט מאַטעוש דערקלערט.

— און אויף ווען זאָגט דאָס דער דזשעדזשיץ צו אָפּצו־שרייבן? — האָט עמעץ אַ פרעג געטון.

— ר'האָט געזאָגט, אַז ר'איז גרייט אפילו כאָטש מאָרגן. מ'וועלן מיר באַשליסן זיך אויף איינס, וועט ער תיכף אָפּשרייבן, דערנאָך וועט שוין דער אָמעטרע פונאַנדערמעסטן, צו וועמען וואָס עס געהערט.

— איז וואָלט מען שוין, הייסט עס, נאָך שניט געקענט זיך אַ נעם טון צו דערדאָזיקער ערד.

— און אויף יעשען זי באַאַרבעטן, אַזוי ווי עס געהער צו זיין.

— יעזוס מיינער, דאַמאָלס וועט ערשט גיין אַן אַרבעט, נו!

מ'האָט זיך פונאַנדערגעשמועסט רויִק, פריילעך, איינער

איבערן אנדערן. אַ שמחה האָט שוין אַלעמען אַרומגעכאַפּט, די אויגן האָבן געבליצט מיט קראַפט, אַ האַרטנעקיקייט האָט די רוקנס אויסגעגלייכט, און די הענט אַליין האָבן זיך שוין אויסגעצויגן צו נעמען דידאָזיקע געגאַרטע ערד.

נישט איינער האָט זיך שוין איבערגעזוונגען פון נחת און געשריגן אויפן ייִד באָך בראָנפן, נישט איינער האָט שוין גע־פּלאַפּלט, וואָס איינס צום צווייטן איז נישט געקומען, וועגן די חלקים, און אַלע האָבן געפאַנטאַזירט וועגן די נייע באַלעבאַטע־שאַפטן, וועגן די רייכטימער און פרייד. זיי האָבן שוין געפּלוי־דערט ווי די שיכּורים, לאַכנדיק, און קלאַפּנדיק מיט די פויסטן אין טיש און מיט ברען צוגעטופּעט.

— איצט וועט ערשט זיין אַ יום־טוב אין ליפּצע!

— העי, און וואָס פאַר אַ פאַרווײַלונגען ס'וועלן אוועקגיין, און וואָס פאַר אַ מוזיקעס!

— און וויפיל חתונות וועט מען דאָס אין קאַרנאַוואַל פּראַווען!

— ס'וועט פאַרפעלן שיקסעס אין דאָרף!

— וועלן מיר זיך שטאָטישע צוקויפן, מ'קענען מיר זיך דען נישט פאַרגינען!

— אין דער הינטישער מאַמען אַריין, מיט בלויז אַגערעס וועל איך אַרויספאָרן.

— שטילערטס נאָר — האָט דער אַלטער פּלאַשקאַ אויס־געריפן, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער פויסט אין טיש — און דאָס שרייט אַזוי, ווי די ייִדן אין שבת! כ'האָב נאָר געוואָלט זאָגן, צי געפינט זיך נישט אַמאָל אין דעמדאָזיקן דזשעדזשיצעס הבטחה עפּעס אַ הינטערשפּיצל? צי האָט עך פאַרשטאַנען, האַ?

זיי זענען שטיל געוואָרן, גלייך ווי ס'וואָלט זיי עמעצער פּלוצלינג מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן, ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער סאָלטיס אָפּגערופן:

— איך קען עס אויכעט נישט פאַרשטיין, צוליב וואָס ער איז אַזאַ גוטער?

— פֿאַרשטייט זיך, אין דעם מוז עפּעס שטעקן אַ הינטער־שפּיצל, וואָרן צו גיין אָװעקגעבן אַזוי פֿיל ערד כמעט פֿאַר אומזיסט — האָט עמעץ פֿון די אַלטע געצויגן.

אָבער דערויף האָט זיך גזשעלאַ אַ ריס אויף געטון און אויסגעשריגן:

— דאָס קען איך ענק נאָר זאָגן, אַז צ׳זענט נאַרישע אָקסן און נישט מער!

און ר׳האָט זיי ווידער אָנגעהויבן אויפצוקלערן און מיט זיך געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַ שווייס האָט אים אַזש באַגאָסן, ווי אַ מויז, דער קאָוואַל האָט אויך נישקשהדיק געמאָלן מיט דער צונג און איטלעכן איינציקן באַזונדער אָנגערייצ, אָבער דער אַלטער פֿלאַשקאַ האָט זיך נישט געלאָזט איבערדברן, ר׳האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און בייסיק צוגעשמייכלט, ביז גזשעלאַ איז אַ שפּרונג צו געטון צו אים מיט די פֿויסטן, קוים שוין איינגעהאַלטנדיק אין זיך דעם כּעס.

— זאָגטס־זשע ענקער אמת, ווען אונדזערער זעט ענק אויס צו זיין אַ שווינדל.

— און כ׳וועל טאַקע זאָגן! כ׳קען גאַנץ גוט דידאָזיקע הינטישע זרע, כ׳קען זי און כ׳זאָג ענק: גלייבטס נישט דעם דזשעדזיץ, כּל־זמן ס׳וועט נישט זיין געשריבן שוואַרץ אויף ווייס. זיי האָבן זיך שטענדיק מיט אונדזערע געשעענע עוולות געפּאַשעט, איז ווילן זיי אַצינד פֿון אונדז אַ ביין אָפּלעקן!

— אַזוי פֿאַרשטייט עך, איז האָט עך אַ ברירה נישט איינצוגיין דערויף, אָבער שטערטס נישט קיין אַנדערע! — האָט אויף אים קאָנב אַ געשריי געטון.

— ביסט מיט זיי בעגאַנגען אין וואַלד אַריין, איז האַלטסטו איצט אויך אויף זייער זייט!

— און כ׳בין טאַקיש געגאַנגען, און אַז עס וועט נייטיק זיין, איז וועל איך נאָכאַמאָל גיין! און כ׳האַלט, אָבער נישט פֿאַר אים, נאָר פֿאַר אַן אויסגלייך. פֿאַר די גערעכטיקייט, פֿאַרן גאַנצן דאָרף. וואָרן נאָר אַ שוטה זעט נישט דערין קיין גוטס פֿאַר ליפּצע, נאָר אַ שוטה נעמט נישט, ווען מ׳גיט אים.

— עך זענט אַלעטשקע נאַראַנים, וואָרן צ׳איי״ט ענק צו פאַרקויפן פאַר אַ שמאַטע אַ גאַנצע פאַ״ הויזן. נאַראַנים, ווי באַלד דער דזשעדזשיך גיט אַזוי פיל, איז קען ער געבן מער אויך.

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער היציקער איבער־צווערטלען, און ווייל אויך אַ סך אַנדערע האָבן געהאַלטן מיט קלאָגבן, האָט זיך געמאַכט אַזאַ טומל, אַז יאַנקעל איז אַזשיק גע־קומען צו לויפן און אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע פלאַש בראָנפן אויפן טיש.

— שאַטס, שאַטס, באַלעבאַטים! זאָל זיין שלום! זאָל פאַדלעשיע ווערן אַ ניי ליפּצע! ס׳זאָל יעדערער זיין אַ פריץ! — האָט ער גערופן, אַ לאָז טוענדיק דאָס גלעזל אין דער קאַ־ליע.

פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט זיך גענומען טרינקען, און נאָך מער צום רעדן, וואָרן אַלע זענען שוין געניגט געווען צו שלום, אַ חוץ דעם אַלטן פלאַשקאַ.

דער קאָוואַל, וועלכער האָט דאָ געמוזט האָבן עפּעס אַ פּעטן ביסן, האָט צום העכסטן גערעדט, פונאַנדערשמועסנדיק זיך וועגן דעם דזשעדזשיצס אָרנטלעכקייט, און פון צייט צו צייט האָט ער אַנידערגעשטעלט פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע דאָ בראָנפן, דאָ ביער, דאָ אפילו אַ ראַק מיט עסענציע.

מ׳האָט זיך אַזוי פיין משמח געווען, אַז נישט איינעם האָבן זיך שוין די אויגן געקלעפּט און די צונג האָט זיך קוים גע־רירט; קאָבוס ווידער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט די פּאַרע פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אָנכאַפּן די מענטשן בײַ די באַרקעס און שרייען:

— און די קאָמאַרניקעס וואָס זענען? הינט? אונדז קומט אויך ערד! מיר וועלן נישט דערלאָזן צו קיין שלום! ס׳מוז זיין לויט דער גערעכטיקייט! וואָס הייסט, איז איינער קוים וואָס ער דערטראָגט שוין דעם אויסגעפּאַשעטן טרעלבוך, אין דער צווייטער דאַרף פּגרן פון הונגער? גלייך דאַרף די ערד צעטיילט

װערן צװישן אַלע! דזשעדזשיצעס שטשערװעס! נישט אײנער גלאָצט מיטן נאַקעטן הינטן, און די נאָז פֿאַרײסט ער אַרויף, װי ער װאָלט כּסדר געהאַלטן אין אײן ניסן! פֿאַרשטונקענע קאַל־טענעס! — האָט ער װאָס אַמאָל העכער געשריגן און אַזעלכע מיאוסע רייד יעדן אײנציקן אַרײנגעזאָגט, אַז מ׳האָט אים היב־טער דער טיר אַרויסגעװאָרפֿן, אָבער ער האָט נאָך אײנדרויסן פֿאַר דער קרעטשמע געשאָלטן און געדראָעט.

די קאָמפּאַניע האָט זיך אױך אײנגיכן אָנגעהױבן פֿונאַנ־דערצוגײן אַהײם, נאָר, װאָס די מער גיריקע אויף אַ לעב צו טון זענען איבערגעבליבן אין דער קרעטשמע, װוּ די מוזיק האָט שוין אָנגעהויבן צו באַמבלען.

די נאַכט האָט שוין אָנגעהויבן צוצופֿאַלן, די זון איז פֿאַרזונקען געװאָרן הינטער די װעלדער, און דער גאַנצער הימל איז געבליבן שטײן אַ צעגליטער פֿון דעם זון־אונטערגאַנג, אַז די שפּיצן פֿון די תּבֿואות און פֿון די סעדער האָבן זיך װי געבאָדן אין רויטקײט און אין גאָלד. אַ פּײכט, גלעטנדיק װינטל האָט אַ בלאָז געטון, די זשאַבעס האָבן אָנגעהויבן קװאַקען, די װאַכט־לען האָבן זיך געלאָזט הערן, און דאָס שפּילן פֿון די פֿעלד־גרילן האָט זיך איבער די פֿעלדער צעציטערט, פּונקט װי אַן אומאויפֿהערלעך גרילצן פֿון צײטיקע זאַנגען. מ׳איז זיך שוין צעפֿאָרן פֿון דעם אָטפּוסט, אַזוי, אַז װעגענער האָבן נאָר גע־רוישט, און װוּ־נישט־װוּ האָט זיך עמעץ, שוין גוט אָנגעשיכּורט, הילכיק צעזונגען.

ליפּצע איז אַנטשװיגן געװאָרן, ס׳איז געטאָרן לער פֿאַרן קלויסטער, אָבער פֿאַר די כאַלופּעס זענען נאָך געדיכט געזעסן מענטשן, שעפּנדיק תּענוג פֿון דער קילקײט און אָפּרו.

אַ שטילער בין־השמשות האָט זיך איבער דער װעלט אויס־געשפּרײט, די פֿעלדער האָבן זיך געטונקלט, די װײטקײטן האָבן זיך שוין מיטן הימל צונויפֿגעגאָסן, אַלץ האָט זיך באַרויִקט, אַ שלאָף האָט פּאַמעלעך די ערד אַרומגענומען און מיט אַ װאַ־רעמען טוי זי אַרומגעהילט; פֿון די סעדער האָבן פֿון צײט

צו צייט פייגל-געזאַנגען, פונקט ווי אַן אָוונט-תּפֿילה אַרויסגע-שטראָמט.

די בהמות האָבן זיך פֿון דער פּאַשע אומגעקערט, יעדע ווײַלע האָבן אַרויסגעפּלאַצט לאַנגע, בענקענדיקע ריטשן, און די האַרנדיקע קעפּ האָבן זיך באַוויזן באַם סטאַז, וואָס איז מיט די פֿלאַמען פֿון זון-אונטערגאַנג, פּונקט ווי מיט בלוטיק-הייסע קוילן צעגליט געווען. ערגעץ הינטער דער מיל האָבן באַדנדיקע שקצימלעך מיט געשרייען אַרומגעשטיפֿט. פֿון די הייף האָבן מייד-לישע געזאַנגען, דאָ אַ געשמעקערײַ פֿון שעפּסן, דאָ אַ געגאָבערײַ פֿון געבדז אויפֿגעציטערט.

נאָר באַ די באַרינעס איז געווען שטיל און לער. האַנקאַ איז מיט די קינדער צו וועלכע פֿון די קומעס אַוועקגעגאַנגען, פּיעטרעק איז אויך ערגעץ-ווו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, און יאַגוש האָט זיך נאָך פֿון דער אָוונט-תּפֿילה אָן נישט געהאַט באַוויזן. יוזקאַ אַליין נאָר האָט זיך אַרום די אָוונט-אַרבעטן געפּאָרעט.

דער בלינדער דזשאַד איז געזעסן אויפֿן גאַניק, דאָס פּנים אויפֿן קילבלעכן ווינטל אָנגעשטעלט, ר׳האָט געמורמלט עפּעס אַ תּפֿילה, און אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו וויטעקס באָטשאַן, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט דערלעבן, צילנדיק מיט דעם אָנ-געשטעלטן שנאָבל אין זײַן פּוס אַרײַן.

— טה... אַז פּגרן זאָלסטו, רוצח אייגער! ווי ער האָט מיר אַ דזשאָבע געטון! — האָט ער געמרוטשעט, אַרונטערבע-מענדיק אונטער זיך די פֿיס, און געפּאָכעט מיט דעם רויזן-קראַנץ, דער באָטשאַן איז אָפּגעטרעטן אויף אַ פּאָר טריט און ווידער זיך כיטרע צוגעצייעט פֿון דער זײַט מיט אַן אויסגעצוי-גענעם שנאָבל.

— כ׳הער דיך גאַנץ גוט! כ׳וועל מיך שוין נישט לאָזן אויף דיר. ווי כיטרע די יוכע איז! — האָט ער געשעפּטשעט, אָבער ווײַל אינדרויסן האָט זיך עפּעס דערהערט אַ שפּילן, איז האָט ער, ווי ס׳איז אָפּיאָגנדיק מיטן רויזנקראַנץ, זיך אײַנגע-האָרכט מיט ליבשאַפֿט צו דער מוזיק.

— יוזשאַ, ווער ריכפּלט עס אַזוי פֿיין?

— וויטעק! ר'האָט זיך אויסגעלערנט פֿון פּיעטרעקן און אַצינד האַלט ער אין איין דודלען, אַז ער מאַכט אונדז אַ וואַסער אין אויער! וויטעק, הער אויף, און לייג צו קאַביטשינע די זשרעבאַקעס! — האָט זי אַ געשריי געטון.

די פֿידל איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר דער דזשאַד האָט זיך איבער עפּעס פֿאַרטראַכט, וואָרן ווי נאָר וויטעק איז געקומען צו לויפֿן צו דער כאַלופּע, האָט ער צו אים זייער גוטמוטיק אויסגערופֿן:

— נעם צו ס'דאָזיקע צעטערל, אַז דו קענסט אונדז פֿייַנעס טאָן אַרויסברענגען.

דאָס שגצל האָט זיך אָן אַ שיעור דערפֿרייט.

— און וואָלסט געקענט אויסשפּילן אויך פֿרומע לידער, האַ?

— וואָס איך הער נאָר, שפּיל איך אויס.

— אוודאי, יעדער סוחר לויבט זיין סחורה און אונדז טאָן מעסטו אויסשפּילן, האַ? — און ר'האָט אַ בליק געטון אויף זיין שטייגער, קוויטשענדיק און יאָמערלעך.

אָבער וויטעק האָט אפילו נישט אויסגעהערט, ר'האָט געבראַכט צו טראָגן די פֿידל, אַנידערגעזעצט זיך לעבן אים און אויפֿגעשפּילט אַקוראַט דאָס אייגענע, און דערנאָך האָט ער נאָך אַנדערע געשפּילט, וואָס ר'האָט נאָר אַמאָל אין קלויסטער געהערט, און אַזוי געשיקט, אַז דער דזשאַד האָט אונדז געשטויגט.

— טה, וואָלסט געטויגט פֿאַר אַן אָרגאַניסטער!

— אַלדינג קען איך אויסשפּילן, אַלדינג. אַפֿילו אַזעלכע הויפֿישע און אַזעלכע, וואָס מ'זינגט אין די קרעטשמעס — האָט ער זיך אַ דערפֿרייטער באַרימט, ריכפּלענדיק פֿון אויער אָוועק, אַז די הינער האָבן זיך אונדז אויף זייערע געזעסן צעקוואַקעט ווי האַנקאַ איז אַנגעקומען און באַלד אים אָפּגעטריבן, אַז ער זאָל גיין יוזקען צוהעלפֿן.

ס'איז שוין גוט פינסטער געוואָרן אינדרויסן, די לעצטע רויטע שטראַלן האָבן זיך פאַרלאָשן, און דער הויכער, טונקע־לער הימל איז באַזייעט געוואָרן מיט שטערן. דאָס דאַרף האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן, נאָר פון דער קרעטשמע האָבן זיך צעטראָגן ווייטע אויסגעשרייען און די זומערדיקע טענער פון דער מוזיק.

האַנקאַ איז געזעסן פאַרן גאַניק, אַנקאַרמענדיק דאָס קינד און איינטענהנדיק מיטן דזשאַד וועגן דעם און וועגן יענעם; ר'האָט געהאַקט אַ טשייניק, די יובע, אַז ס'איז אַזש געגאַנגען אַ רויך, אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעוועגדט, טראַכטנדיק וועגן אירע זאַכן און קוקנדיק פאַרבענקט אין דער נאַכט אַריין.

יאַגנאַ האָט זיך נאָכגישט געהאַט אומגעקערט, זי איז אויך בײַ דער מוטער נישט געזעסן, וואָרן באַלד פון אָוונט איז זי אַוועקגעגאַנגען אין דאָרף אַריין צו די שיקסעס, נאָר זי איז אין ערגעץ נישט איינגעזעסן, אַזוי האָט עס זי עפּעס געטראָגן. גלייך עס וואָלט זי עמעצער בײַ די האָר אַרויסגעצויגן, אַזוי, אַז צום סוף איז זי שוין איינע אַליין איבערן דאָרף אַרומגע־קראָכן. זי האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין וואַסער, וואָס איז געווען פאַרלאָשן און געציטערט פון ווינטל־בלאָז, אין די עט־וואָס פונאַנדערגעוויגטע שאָטנס, אין די פייערלעך, וואָס זענען פון די פענסטער אויף דער גלאַטיקייט פון סטאַוו געפאַלן און זענען אָפּגעשטאַרבן נישט צו וויסן ווו און אויף וואָס פאַר אַן אופן! עס האָט זי ערגעץ־ווו געריסן, אַז זי איז הינ־טער דער מיל אַוועקגעלאָפן, אַזש אויף די לאָנקעס, ווו עס זענען שוין וואַרעמע פעלצן פון ווייסן נעפּל געלעגן און טשייקעס האָבן איר איבערן קאָפּ מיט אַ געשריי דורכגע־שוועבט.

זי האָט געהערט די וואַסערן, וואָס זענען פון דער שליוזע אין דעם שוואַרצן טייך־האַלדז, אונטער די הויכע און די שלאָפּני־דיקע אַלכס אַריינגעפאַלן, אָבער דאַסראַזיקע גערויש האָט זיך

איר אויסגעזען, ווי עפּעס אַ יעמערלעך רופן און קלאָגן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געוויין.

זי איז אַנטלאָפן אין אַרײַנגעקוקט אין מילנערס פענסטער אַרײַן, וואָס האָבן געזעצט מיט ליכטיקייט, געשפּרעכן און געקלאַנג פון טעלערס.

זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט פון איין ברעג דאָרף צום צווייטן, ווי אַ בלאָנדזשענדיק וואַסערל, וואָס בחנם זוכט עס אַן אָפּפלוס און שלאָגט זיך יאָמערלעך אָפּ אין די נישט דורכבּרעכבאַרע באָרטן.

ס'האָט זי געפרעסן עפּעסטשיס אַזוינס, וואָס ס'איז שווער מיטן מויל עס איבערצוגעבן, נישט ס'איז געווען קיין ווייטיק, נישט קיין בענקשאַפט, נישט קיין ליבע, און די אויגן זענען איר געווען פול מיט טרוקענער היץ, און אין האַרץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ זידנדיק, שרעקלעך שלוכצן.

ס'איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי זי האָט זיך פּלוצלינג דערנומען פאַר דער פּלעבאַניע, עפּעס פערד האָבן אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס פאַרן גאַניק, ס'האָט זיך באַר געלויכטן אין איין צימערל, מ'האָט געשפּילט אין קאָרטן.

זי האָט זיך אָנגעקוקט צו דער זעט און איז אַוועק געגאַנגען מיט דער פּאַ־צוימונג, וואָס האָט אָפּגעטיילט קלאָנבּס באַלעבאַטעשאַפּט פון גלחס גערטענער. זי האָט זיך מיט שרעק דורכגעגליטשט אונטערן שטעכיקן וואַקסנדיקן פּלויט, די אַראָפּהענגענדיקע קאַרשן־צווייגן האָבן זי איבערן פּנים מיט די באַטויעטע בלעטלעך געגלעט. זי איז געגאַנגען ווי מיט אָן ווילן, נישט וויסנדיק וווהין עס טראָגט זי, ביז וואַנען דעם אָרגאַניסטערס הויז האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט.

אַלע פיר פענסטער האָבן זיך געלויכטן און געשטאַנען אָפן.

זי האָט זיך צוגעטוליעט אין אַ שאָטן, אונטער אַ פּלויט און אַרײַנגעקוקט אינעווייניק.

די אָרגאַניסטערס זענען צוזאַמען מיט די קינדער געזעסן

אונטערן הענגלאָמפּ, טרינקענדיק טיי, יאָשיאַ איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און עפּעס דערציילט.

זי האָט געהערט יעדער וואָרט זיינס, יעדער סקריפּ פון דער פּאָדלאָגע, דאָס אומאויפהערלעכע קלאַפּן פון זייגער און אפילו דאָס שווערע אָטעמען פון אָרגאַניסטער.

און יאָשיאַ האָט אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן דערציילט, אַז זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

זי האָט זיך נאָר איינגעקוקט אין אים, פּונקט ווי אין אַן הייליק בילד אַריין, טרינקענדיק, ווי דעם זיסטן האָניק, יעדן קלאַנג פון זיין שטימע. ער איז כסדר אַלץ געגאַנגען און יעדע ווײלע איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם טיפקייט פון צימער און יעדע ווײלע האָט ער זיך ווידער באַוויזן אין דעם קרייז פון ליכטיקייט; איינמאָל איז ער געבליבן שטיין לעבן פענסטער, אַז זי האָט זיך איינגעדריקט אין פּלויט אַ דערשראָקענע, כדי ער זאָל זי נישט דערזען, אָבער ער האָט נאָר אַ קוק געטון אין הימל אַריין, וואָס איז מיט שטערן באַזייעט געווען, דאָ האָט ער בלאָט אַזוי אויף אַ געלעכטער עפּעס אַ זאָג געטון, אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און אַ פרייד האָט ווי די זון אויף די פּנימער געשטראַלט, ענדלעך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט לעבן דער מוטער, און די קליינע שוועסטערלעך האָבן זיך אים אָנגעהויבן אויף די קני אַרויפצודראַפּען און אויפן האַלדז זיך העגנען, ער האָט זיי אַזוי האַרציק צוגעדריקט, געהוידעט און געצערטלט, אַז די שטוב האָט זיך אַזש פון די קינדערישע געלעכטערן אויפגעטרייסלט.

דער זייגער האָט עפּעס אַ שעה אויסגעשלאָגן, און די אָרגאַניסטעכע האָט, אויפשטייענדיק, אויסגערופן:

— האָסט דיך צערעדט, צערעדט און ס'איז שוין צייט, זאָלסט גיין שלאָפן! מוזסט פאַרטאָג אָוועקפאָרן!

— יאָ, כ'מוז, מאַמעשי! גאָט, ווי קורץ דער היינטיקער טאָג איז געווען! — האָט ער טרויעריק אָפּגעזיפצט.

און יאָגושעס האַרץ איז ווי עמעצער וואָלט עס צוזאַמענ-

בעדריקט און אזוי ווייטיקלעך, אז די טרערן זענען איר אליין איבערן פנים גערינען.

— אבער שוין גישט לאנג וועלן זיין די וואקאציעס! — האט ער זיך ווידער אפגערופן — דער גלח רעגענס האט מיר צוגעזאגט, אז ער וועט מיך באפרייען אויף א געוויסער צייט, אויב אונדזער גלח וועט אים וועגן דעם אנשרייבן.

— האב נישט קיין מורא, ר'וועט אנשרייבן, דאס וועל איך שוין בא אים פועלן! — האט די מוטער געזאגט, בעמעבדיק זיך אים אויסבעטן אויף דער קאנאפע, הארט באם פענסטער. אלע האבן איר צוגעהאלפן, אפילו דער ארגאניסטער אליין האט געברענגט צו טראגן א שפארע מעלק-כלי און מיט א שמייכל זי אונטער דער קאנאפע ארונטערגערוקט.

אוועקגייענדיק, האבן זיי זיך לאנג מיט אים געזעגנט, און צום מייסטנס די מוטער, וועלכע האט מיט א געוויין אים צוגעטוליעט צו דער ברוסט און געקושט.

— שלאף, זון מיינער, געשמאק, שלאף, קינדעלע.

— כ'וועל באר אפזאגן די תפילה, וועל איך מיך באלד לייגן, מאמעשי.

ענדלעך זענען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען.

יאגוש האט געזען, ווי מ'איז אין דער שכנותדיקער שטוב בעגאנגען אויף די שפיץ-פינגער, אראפגענידערט די שטימען, פארמאכט די פענסטער, און אינגיכן איז דאס גאנצע הויז פארשטומט געווארן און אין איין אויגנבליק פארזונקען אין שטילקייט, אבי באר יאשיאן נישט צו שטערן.

זי האט שוין אויך געוואלט אהיימגיין, זי האט זיך שוין געהאט אפילו עטוואס אונטערגעהויבן, אבער ס'האט זי עפעס ווי בא די פיס צוגעהאלטן, אז זי האט זיך באין אופן נישט געקענט פון ארט אפרייסן. האט זי זיך נאך מער מיט די פלייצעס צום פלויט צוגעדריקט, נאך מער זיך איינגעטוליעט און איז איבערגעבליבן, ווי מ'וואלט זי פארכישופט, איינקוקנדיק זיך אין דעם לעצטן אפענעם ליכטיקן פענסטער.

יאַשיאָ האָט אַ ביסל געלייענט אין אַ דיקן בוך, דערנאָך האָט ער אַנידערגעקניט לעבן פענסטער, זיך איבערגעצלמט, צונויפגעלייגט די הענט צו דער תּפילה, די אויגן אויפגעהויבן צום הימל און מיט אַ רירענדן געפּליסטער אין אַ תּפילה פאַרזונקען.

אַ טיפע נאַכט איז געווען, אַן אומגעהייערע שטילקייט האָט די וועלט אַרומגענומען, די שטערן האָבן געוווּנקען אין די הויכקייטן, אַן אַנגעוואַרעמט, שמעקעדיק ווינטעלע האָט פון די פעלדער געצויגן, און טיילמאָל האָבן די בלעטלעך אַ פּליסטער געטון, און עפּעס אַ פויגל האָט זיך צעזונגען.

און יאַגושיען האָט עס עפּעס אַזוי דורכגענומען, דאָס האַרץ האָט זיך אין איר געוואָרפן, ווי אין משוגעת, די אויגן האָבן איר געגליט, די פולע ליפּן האָבן געברענט, און די הענט האָבן זיך אַליין צו אים אויסגעצויגן, און כאָטש זי האָט זיך איינגאַנצן געהאַט איינגעקאָרטשעט, דאָך האָט מיט איר אַזאַ אויסטערלישער, אומבאַזיגבאַרער ציטער אויפגעטרייסלט, אַז זי האָט זיך נישט ווילנדיק אין פלויט איינגעדריקט און מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַ לייסט האָט אַזש אונטער איר געפּלאַצט.

יאַשיאָ האָט דעם קאָפּ אַרויסגעבויגן, אַרומגעקוקט זיך אַרום און אַרום און ווידער אין דער תּפילה פאַרזונקען.

באָר מיט איר איז עפּעס אַזוינס פאָרגעקומען, וואָס איז שווער געווען משיג צו זיין; אַזעלכע פייערן זענען איר דורך די ביינער דורכגעגאַנגען און מיט אַ זודיקייט אָפּגעגאָסן, אַז אַ נס, וואָס זי האָט נישט קיין געשריי געטון פון גלוסטיקער פּיין. זי האָט פאַרגעסן, וווּ זי געפינט זיך און קוים זי האָט שוין געאָטעמט, אַזוי האָט זיך אין איר אַלץ געטרייסלט און געפלאָקערט. זי האָט איינגאַנצן געצאַפּלט, פונקט ווי בליצן וואָלטן איר דורכגעגאַנגען, ס'האָבן זיך געקנוילט אין איר עפּעס אַזעלכע אָנגעשוואָלענע ווילדע געשרייען, עפּעס אַזעלכע גליִענדיקע ווינטן האָבן זי צעגעץ פאָרטראָגן, עפּעס אַזעלכע שרעקלעכע באַגערן האָבן זי צעשפּאַנט און אויסגעבויגן... זי האָט שוין געוואָלט אַהינקריכן

ראָרט, בענטער צו אים, אָבי כאָטשביק מיט די ליפּן זיינע ווייסע הענטלעך אָנצורירן, כאָטש אַנידערקניען פאַר אים און קוקן פון דער נאָנט אין דעם פּנימל אַריין און מתפּלל זיין, ווי צו אַ הערלעכן הייליקן בילד. זי האָט זיך אָבער קיין ריר נישט געטון, וואָרן ס'איז זי עפּעס אַ מאָדנער פּחד און גלייכצייטיק אַ מורא באַפאַלן.

— יעזוס מיינער, יעזוס דערבאַרעמדיקער! — האָט זיך איר אַ שטילער קרעכץ פון דער ברוסט אַרויסגעריסן.

יאַשיאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, אינגאַנצן זיך אַרויסגעבויגן, און ווי קוקנדיק אויף איר אויסגערופן:

— ווער איז דאָרט?

זי איז ווי אָפּגעשטאָרבן אויף אַ ווײַלע, זי האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן, דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן, און ווי פאַרשטאַרט געוואָרן אין עפּעס אַ הייליקן פּחד, די נשמה איז איר שטעקן געבליבן ערגעץ אין האַלדז, און פול מיט גליקלעכער אומרו, האָט זי אין דערוואַרטונג געצאַפּלט.

אָבער יאַשיאַ האָט נאָר אַ קוק אַרויס געטון צו דער פאַרצוימונג, און נישט באַמערקנדיק קיינעמען, האָט ער פאַרמאַכט דאָס פענסטער, גיך זיך אויסגעטון, און דאָס ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן.

די נאַכט האָט זיך אויף איר נשמה אויסגעשפּרייט, אָבער זי איז נאָך לאַנג געזעסן, פאַרקוקט אין דעם שוואַרצן, שטומען פענסטער. אַ קעלט האָט זי דורכגענומען און ווי באַפּערלט מיט אַ זילבערנעם טוי איר נשמה, וואָס איז אין די הימלען פאַרפלויגן, וואָרן אַלץ, וואָס האָט אין איר געזאָטן אין דעם באַגערנדיקן בלוט, איז פאַרלאָשן געוואָרן, און זיך מיט אַן אומבאַשרייבלעכער גליקזעליקייט איבער איר קערפּער צעגאָסן. עס איז אויף איר אַרויפגעפאַלן אַ פייערלעכע, הייליקע שטילקייט, פּונקט ווי דאָס פאַרטראַכטקייט פון בלומען פאַר זון-אויפגאַנג, און זי איז פאַרזונקען אין אַ תּפילה פון גליק, וואָס האָט קיין ווערטער נישט געהאַט, נאָר אַ מאָדנע זיסקייט פון אַנטציקונגען, אַן אַלערהייליקסטע פאַרטראַכטקייט פון דער נשמה, אַן אום-

פֿאַרשטענדלעכע פרייד פֿון אַ פֿרילינג־טאָג, וואָס האַלט זיך אין
חעקן, און זיך דורכגעפֿלאָכטן מיט גראָבע קערנער פֿון לייטזע־
ליקע טרערן, פונקט ווי מיט אַ רויזנקראַנץ פֿון גאָטס חסד און
דאַנקבאַרקייט.

III

— כ׳וועל שוין גיין, האַנוש! — האָט זיך יוזקאַ געבעטן אַנידערלייגנדיק דעם קאָפּ אויף דער באַנק.

— און שוין, פֿאַרייס דיר דעם ווײדל, ווי אַ קאַלב, און לויף! — האָט זי די אָנגעזוידלט, אָפּרייסנדיק די אויגן פֿון רויזנקראַנץ.

— אַז ס׳שפּאַרט מיר עפּעסטשיס אַזוי אונטערן גריבל און ס׳איבלט מיך עפּעס אַזוי. . .

— שטער נישט, ס׳וועט זיך באַלד ענדיקן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט טאַקע, האָט דער גלח פֿאַרענדיקט די שטילע טרויער־תּפֿילה פֿאַר באַרינעס נשמה, וואָס איז אָפּגעריכט געוואָרן דורך דער פֿאַמיליע צו די אַכט טאָג נאָכן טויט.

די אַלע מער נאָנטע זענען געזעסן אויף די זייטיקע בענק, נאָר יאַגושיאַ מיט דער מוטער האָבן געקניט פֿאַרן סאַמע אַלטאַר; פֿון פֿרעמדע איז קיינער נישט געווען, נישט מער, וואָס

ערגעץ דאָרט אין אַ ווינקל, ווו דער כאָר געפינט זיך, האָט יאַ-גאַטאַ הויך אויפן קול תפילות געפּלאַפּלט.

דאָס קלויסטער איז געווען שטיל, קאַלט און טונקל, נאָר אינדערמיט האָט געווימלט אַ גרויסער פּאַס פון העלער ליכט, וואָרן די זון האָט דורך דער אָפענער טיר אַריינגעשיינט, צעגיסנדיק זיך אַזש ביז נאָך דער אַמבאָנע.

מיכאַל דעם אָרגאַניסטערס האָט משמש געווען בײַ דער גאַ-טעסדינבסט, און ווי שטענדיק האָט ער אַזוי געוואָרפן מיט די גלעק-לעך, אַז ס'האָט אין די אויערן געררוישט, ער האָט אויסגערופן די מיניסטראַנטורע און מיט די שליפּיעס נאָכגעלאָפן די שוואַלבן, וואָס האָבן פון צייט צו צייט איבערן קלויסטער פאַרבלאָנדזשע-טע דורכגעשוועבט, און דערשראָקענע געטשוויטשערט.

ערגעץ פון סטאַוו האָט זיך צעטראָגן אַ פּאַטשנדיק קלאַפּן פון וואַש-ברעטלעך, שפּאַצן האָבן אונטער די פענסטער געטשווי-טשערט, פון צמענטאַרזש ווידער האָט וואָס אַמאָל עפּעס אַ צע-קוואָקעטע הון אַריינגעפירט אין קלויסטער-פּעדערהויז אַ גאַנצע סטאַדע פּישטשענדיקע הינדעלעך, אַז יאַמבראָזש האָט זיי געמוזט אַזש אַרויסטרייבן.

און ווי נאָר דער גלח האָט געענדיקט, זענען אַלע בײַ אַלד אַרויסגעגאַנגען אויפן צמענטאַרזש.

זיי זענען שוין בײַ אַלד געווען לעבן גלאָקן-טורם, ווי יאַמ-בראָזשי האָט זיי נאָכגערופן:

— וואַרטס נאָר אונטער! דער דאָבראָדזשעי וויל ענק עפּעס-טשיס זאָגן.

ס'איז נישט אויסגעגאַנגען קיין רגע, ווי ער איז געקומען צו לויפן אָן אָפּגעמאַטערטער מיטן תפילה-ביכל אונטערן אָרעם, און אָפּווישנדיק די לישינע, האָט ער זיי באַגריסט מיט אַ גוט וואָרט און אויסגערופן:

— מיינע ליבע, כ'האָב ענק נאָר געוואָלט דאָס זאָגן, אַז צ'האָט געטון, ווי עס פּאַסט פאַר קריסטן, דערמיט וואָס צ'האָט אָפּגעריכט אַ הייליקע תפילה פאַרן טויטן. דאָס וועט גרינגער

מאַכן זיין נשמה און צו דער אייביקער אויסלייזונג צוהעלפן. נו, איך זאָג ענק, ס'וועט העלפן!

ער האָט געטון אַ שמעק טאַבאַק, אַ פייערדיקן נאָס גע-
סט, און אויסרייבנדיק די נאָז, האָט ער געפרעגט:

— היינט וועט עך אוודאי באַראַטן זיך וועגן דער ירושה, האָ?

— פאַרשטייט זיך, ווי ס'פירט זיך לויטן מנהג, אַז ערשט צו די אַכט טאָג — האָבן זיי אַלע פאַטאַקעוועט.

— איז אַט וואַס! טאַקע וועגן דעם האָב איך געוואָלט מיט ענק רעדן! טיילטס ענק איין, אַבער געדענקטס: בשלום און יושרדיק. ס'זאָלן מיר נישט פאַרקומען קיין שום מחלוקתן, נישט קיין קרי-
גערייען, וואָרן כ'וועל דאָס פון דער אַמבאָנע אַראָפּ פאַרהאַלטן! דער טויטער וועט זיך אין קבר איבערדרייען, אויב ער וועט זען, אַז עך צערייסט זיין מיט בלוט אויסגעהאָרעוועטע פראַצע, פונקט ווי די וועלף אַ שעפּס! און זאָל גאָט אָפּהיטן אַ יתום צו באַ-
עוולהן! גזשעלאָ איז ווייט, און יוזקאַ איז נאָך אַ באַרישער צו-
ציק! און וואָס איינעם עס קומט, אָפּגעבן הייליק ביז איין גראָשן. אַזוי ווי ער האָט פאַראָרדנט מיט זיין פאַרמעגן, האָט ער פאַר-
אָרדנט, אָבער מען דאַרף דערפילן זיין ווילן. אפשר פונקט אין דער רגע דאָרט קוקט ער אויף ענק און טראַכט זיך: כ'האָב זיי געמאַכט פאַר מענטשן, אַ נישקשהדיק באַלעבאַטעשאַפט זיי איבער-
געלאָזט, וועלן זיי דאָך זיך אוודאי נישט צעבייסן, ווי די הונט, בשעתן צעטיילן זיך. כ'זאָג עס שטענדיק פון דער אַמבאָנע אַראָפּ: אויף שלום שטייט די גאַנצע וועלט, מיט קריגערייען האָט נאָך קיינער גאָרנישט אויפגעבויט. איך זאָג ענק, גאָרנישט אַ חוץ זינד און גאָטס-לעסטערונג. און וועגן קלויסטער זאָלט עך געדענקען. דער פאַרשטאָרבענער האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט, און סיי אויף באַלייכטונג, סיי אויף אַ גאָטעסדינסט, סיי אויף אַנדערע באַדער-
פענישן האָט ער דעם גראָשן נישט געזשאַלעוועט, און דערפאַר האָט אים גאָט געבענטשט...

ער האָט לאַנג גערעדט, אַז די ווייבער האָבן זיך אַזשיק פונאַנדערגעוויינט און אַלס דאַנקבאַרקייט האָבן זיי אים באַ די

קניען אָנגעהויבן אַרומצוכאַפּן, יוזקאַ ווידער איז אים אַפילו מיט אַ געבעטש צו דער האַנט צוגעפאַלן, האָט ער זי צו דער ברוסט צוגעדריקט, און אַ קוש טוענדיק איר אין קאָפּ אַריין, האָט ער גוטמוטיק אויסגערופן:

— בעטשע נישט, באַריש קינד, גאָט האָט אַ באַזונדערע השגחה אויף יתומים.

— אַז אַן אייגענער וואָלט בעסער צי דער נשמה נישט גערעדט — האָט האַנקאַ אַ צעכליפּעטע געשעפּטשעט. ווייזט אויס, אַז אויף דער דאַבראַדזשעי איז געווען גערירט, וואָרן, אויסווישנ־דיק בגנבה די אויגן, האָט ער דעם קאָוואַל מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבאַק און גיך זיך גענומען רעדן פון עפּעס אַנ־דערש.

— נו וואָס, ס'וועט זיין אַ שלום מיטן דזשעדזשיק?

— ס'וועט זיין, ס'זענען שוין היינט צו אים פינף מאָן אַהיינגעפאָרן...

— איז דאַנקען גאָט! כ'וועל שוין אומזיסט לכבוד דעם שלום אַ תפילה אָפּריכטן!

— ווי מיר דאַכט זיך, איז דאָס דאַרף מחויב זיך צוזאַ־מענצוליייגן אויף אַ לויב־תפילה מיט אַ בילדער־פּראָצעסיע! וואָס הייסט, מען קריגט בייע חלקים, און איינגאַנצן אומ־זיסט!

— האָסט שכל, מיכאַל, כ'האָב גערעדט וועגן דיר מיטן דזשעדזשיק. נו, גייסט געזונטערהייט, און געדענקסט: בשלום און מיט יושר! יאָ, מיכאַל! — האָט ער אים באַכגעשריגן — כאַפּ דאָרט שפּעטער אַריין אַ בליק צו מיין ברינשקעלע, די רעכטע שפּרינגפעדער רייבט זיך עטוואָס אָן צו דער אַקס...

— דאָס איז זי אונטערן לאָזנאָוועֿר גלח אַזוי צעבויקערט געוואָרן.

דער גלח האָט זיך שוין נישט אָפּגערופן, און זיי זענען גלייך אַהיימגעגאַנגען.

יאַנושיאַ האָט געפירט די מוטער אויף צום סוף, ווארן די אַלטע האָט זיך קוים מיט געשלעפט, אָפּרוענדיק זיך יעדע ווײַלע.

ס'איז געווען אַ וואָכעדיקער טאָג, מ'האָט געאַרבעט, איז טאַקע שטיל געווען אויף די וועגן אַרום סטאַוו, באַר די קינדער, וואָס האָבן זיך ווו-נישט-ווו געשפּילט אין זאַמד, און די היי־נער האָבן אין דעם צעשאַרטן מיסט געגראַבלט. ס'איז נאָך גע־ווען פרי, אָבער די זון האָט שוין נישקשהדיק געבאַקן, אַ בליק, וואָס אַ ווינטל האָט אַ קאַפּ געקילט, ס'האָט נישקשהדיק גע־בלאָזן, אַז עס האָבן זיך אַזש צעוויגט די סעדער, וואָס זענען שוין פול געווען מיט רויטלעכע ווײַנשלען. און די תבואות האָבן אָן די פּלויטן, ווי אויפגעשטורעמטע וואַסערן, אָנגעשלאָגן.

די כאַלופּעס זענען געשטאַנען אָפן, די טויערן אומעטום אויפגעפּראַלט, אויף די פּלעטער האָט זיך ווו-נישט-ווו בעטגע־וואַנט געלופטערט, און אַלץ, וואָס האָט באַר געקענט זיך רירן, האָט אין פעלד געאַרבעט. ס'האָט נאָך ווער דאָס לעצטע פאַר־שפּעטיקטע היי אָפּגעפירט, אַז דער ריח האָט אַזש אין דער באַז אַ דרײַ געטון, און אויף די צווײַגן, וואָס זענען אַראָפּגע־האַנגען איבערן וועג, אונטער וועלכע ס'זענען דורכגעפאָרן די פולע אָנגעפּראַפּטע פורן, האָבן זיך גאַרשטשעס היי-זאַנגען, פּונקט ווי די אויסגעריסענע ייִדישע בערד געטרייסלט.

זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און אין שטילשווײַגן, טראַכטנדיק איבער די חלקים.

פון ערגעץ-ווו פון די פעלדער, ווו די מענטשן האָבן די קאַרטאָפל באַשיט, האָט זיך פון צייט צו צייט אַ לידל אָפּגעריסן און מיטן ווינט זיך געטראָגן נישט צו וויסן וווהין, הינטער דער מיל ווידער האָט אַ באַבע אַזוי מיטן וואַש-ברעטל געקלאַפּט, אַז ס'האָט זיך איבערן גאַנצן דאָרף צעטראָגן, און רעשיק האָט בערושט דאָס וואַסער, וואָס איז אויף די רעדער אַראָפּגעפאַלן.

— די מיל אַרבעט איצט כסדר! — האָט זיך די ערשטע מאַגדע אָפּגערופן.

— פאַר־שניט-צייט, איז פאַרן מילנער שניט!

— ס'איז היי־יאָר שווערער ווי פאַריאָרן. אומעטום הערשט דער דלות, אַז ס'פייפט אַזש, באַ די קאָמאַרניקעס וויד ער איז פשוט אַ הונגער — האָט האַנקאַ אַפגעזיפצט.

— די קאַזשיאָלס נישטערן שוין אויך אַרום איבערן דאָרף, מ'דאַרף שוין לאַנג נישט וואַרטן, מען זאָל באַ עמעצן מאַכן אַ גראָבע גנבה — האָט דער קאָוואַל אַ וואָרף געטון.

— פלוידערטס בעסער נישט! זיי ראַטעווען זיך נעבעך די אָרימע, ווי ווייט זיי קענען, נעכטן האָט די קאָזלאָווע פאַרקויפט דער אָרגאַניסטעכע עטלעכע קאַטשקעלעך, האָט זי זיך אַ קאָפ דערקייבערט...

— ז'וועלן עס באַלד פאַרזויפן. כ'רעד נישט אויף זיי חלילה קיין שלעכטס, נאָר ס'איז מיר אַ וווּנדער, וואָס די פעדערלעך פון מיין קאָטשער, וואָס איז מיר פאַרפאַלן געוואָרן אין טאָג פון טאַטנס לוויה, האָט זיי מיין מאַטשוש הינטער זייער שטעלעכל געפונען — האָט מאַגדאַ זיך ווי באַקלאָגט.

— און ווער האָט דאַמאָלס צוגענומען אונדזער בעטגעוואַנט? — האָט זיך יוזקאַ אַריינגעמישט.

— ווען איז דאָס זייער ספראַווע מיטן וואָיט?

— נישט אַזוי גיך, נאָר אויב פלאָשקאַ שטיצט זיי אונטער, וועט מען דעם וואָיט שוין דערציילן אַ פיינע מעשה.

— ווי דער פלאָשקאַ האָט דאָס ליב שטענדיק זיין נאָז אין פרעמדע געשעפטן אַריינצושטעקן!

— וואָס הייסט, ער קויפט זיך איין גוטע פריינט, וואָרן עס שמעקט אים אָן צו זיין וואָיט!

אויפן וועג איז זיי פאַרבייגעגאַנגען יאַנקעל, וועלכער האָט געצויגן באַ דער גזשיווע אַ געפענטעטע פערד, וואָס האָט געשלאָגן מיטן הינטן און מיטן גאַנצן גוף זיך פאַרעקשנט.

— לייגטס אים אונטער אַ ביסל פעפער אונטערן וויידל וועט ער אַ נעם טון פון אָרט, ווי אַן אַגער!

— זאָל ענק ס׳לאַכן זיין צו געזונט! וואָס איך שטיי מיך דאָס א קאָפּ אויס פון דעם פערד!

— שטופּטס אים אויס מיט שטרוי, מאַכטס אים צו א נייעם הײדל און פירטס אים אוועק אויפן יאַריד, איז וועט אים אפשר עמעצער קויפן אַלס א קו, ווארן אויף קיין פערד טויג ער שוין נישט! — האָט מיכאַל חוזק געמאַכט, און מיטאַמאָל האָבן אַלע א פּלאַץ אַרויס געטון מיט א געלעכטער, ווארן דאָס פערד האָט זיך אויסגעריסן, אַריינגעשפּרונגען אין סטאַוו, און נישט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף יאַנקעלס געבעטן און דראָונגען, האָט עס זיך גאַנץ רויק געגומען טאַרגלען.

— א קלוג פערד, א יוכע, ס׳מוז שטאַמען פון ציגיי־נער!

— שטעלטס אים אַנידער א וויאַדרע בראָנפן, איז וועט עס אפשר אַרויסגיין! — האָט זיך צעלאַכט די אָרגאַניסטעכע, וועל־כע איז געזעסן לעבן סטאַוו בא א סטאַדע שווימענדיקע קאַטש־קעלעך, פּונקט ווי די געלע פּעמפּיקעס; א פונאַנדערגעשפּרייטע הון האָט אויפן ברעג געקוואַקעט.

— א הערלעך סטאַדקעלע, ס׳מוז פּעווגע זיין פון דער קאַז־לאָוע? — האָט האַנקאַ געפרעגט.

— יאָ, און זיי אַנטלויפן מיר נאָך אַזוי כסדר אין סטאַוו אַריין. טאַשוכבי! טאַש, טאַש, טאַש, טאַש! — האָט זי צוזאַמענ־גערופן, וואַרפנדיק, כדי זיי צוצוגאַרן, גאָרשטשעס מיט הירוש.

אָבער די קאַטשקעס האָבן געשאַרעוועט צום צווייטן ברעג, אַז זי האָט געמוזט לויפן נאָך זיי.

— קומטס גיכער, חייבער — האָט דער קאָוואַל צוגע־יאָגט, און ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דער כאַלופּע אַריין, און האַנקאַ האָט זיך גענומען פאָרען באַם אָנבייסן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו נישטערן אין דער שטוב און אין הויף, ר׳האָט אפילו אַן קאַרטאָפל־גרוב נישט פאַרגעסן, ביז האַנקאַ האָט אים אוש א זאָג געטון:

— צ׳באַקוקט אַזוי, גלייך ס׳וואָלט עפּעס פאַרפאַלן געוואָרן!

— איך קויף נישט קיין קאַץ אין זאַק!

— צ׳ווייסט אַלדינג מער, וויפיל איך אַליין! — האָט זי מיט אַ שטאָך אויסגערופן, פונאַנדערגיסנדיק די קאַווע אין טעפּלעך אַריין. — דאָמיניקאַווא, יאַגוש! קומט אַריין צו דער חברה! — האָט זי אַ רוף געטון אין דער אַנדערער זייט אַריין, ווו ביידע האָבן זיך געהאַט פאַרמאַכט.

זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דער באַנק און געטרונקען, צובייסנדיק מיט ברויט.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, ס׳איז קיינעם נישט אָנגענעם געווען אָנצוהייבן, יעדער האָט זיך געוואַקלט, אומקוקנדיק זיך אויף די איבעריקע. האַנקאַ איז אויך אויסטערליש צוריקגעהאַלטן געווען, פאַרשטייט זיך, אַז צום עסן האָט זי אונטערגעטריבן, צוגיסנדיק איטלעכן אייניציקן, אָבער כמעט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון קאַוואַל, וועלכער האָט זיך געדרייט אויפן אָרט, געוואָרפן מיט די שליפּעס איבער דער שטוב און אַלע מאָל אָפּגעהוסט. יאַגושאַ איז געזעסן עפּעס אַ פאַרכמורעטע און געהאַלטן אין איין זיפצן, די אויגן האָבן איר געגלאַנצט גלייך ווי זי וואָלט ערשט נישט לאַנג געהאַט געוויינט, און די דאָמיניקאַווא האָט זיך געבלאָזן ווי אַ קוואָקע, און עפּעס געסודעט זיך מיט איר, נאָר איין יוזקאַ, וואָס האָט אויף איר שטייגער געקלאַפּט, אַז איינס איז צום צענטן נישט געקומען, אַרומפּאַרנדיק אַרום די טעפּ, וואָס זענען פול געווען מיט צוואַלעוועדיקע קאַרטאָפליעס.

ס׳האָט שוין אַלעמען געלאַנגווייליקט, ביז דער קאַוואַל האָט דער ערשטער אָנגעהויבן:

— איז אַלזאָ, ווי אַזוי מאַכן מיר מיט די חלקים?

האַנקאַ האָט אויפגעציטערט, און אויסגלייכנדיק זיך, האָט די רויק, ווייזט אויס, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, אַזוי געזאָגט:

— און וואָס זאָל זיין! איך היט נאָר דאָ אָפּ דעם מאַנס

האָב און גוטס און צו באַשליסן וועגן עפּעס האָב איך קיין שום רעכט נישט. אַנטעק וועט אַהיימקומען, וועט ער ענק איבּ-טיילן.

— ווען וועט ער דאָרט אַהיימקומען, און אַזוי איבּערלאָזן קען מען דאָך נישט.

— מען קען עס אַזוי איבּערלאָזן! ס'האָט געקענט אַזוי זיין איבּער דער גאַנצער צייט פון פּאַטערס קרענק, איז קען עס אַזוי ווייטער פאַרבּלייבּן, ביז וואַנען אַנטעק וועט נישט אַהיימ-קומען.

— ער איז נישט איינער צום טיילן זיך.

— אָבּער ער איז דאָך דער עלטסטער, איז קומט אים נאָך פּאַטערס טויט דאָס באַלעבּאַטעשאַפט איבּערצונע-מען.

— אוודאי, ר'האָט פּונקט די זעלבּע רעכט, ווי די איבּע-ריקע קינדער.

אפשר וועט ער גאָר צונעמען, אויב צ'וועט מיט אַנטעקן אַזוי אָפּמאַכן. כ'וועל דאָך מיך נישט גיין אַנידערשטעלן מיט ענק קריגן. נישט מיין ווילן האָט דאָ צו באַשליסן.

— יאַגוש! — האָט די דאָמיניקאָווא איר שטימע אויפ-געהויבּן — מאָן דיך דו דיינס.

— צו וואָס, זיי געדענקען דאָך גאַנץ גוט...

האַנקאַ איז געוואַלטיק רויט געוואָרן, און אַ קאָפּע טועג-דיק לאַפּען, וואָס איז איר אונטער די פיס אונטערגעקראָכן, האָט זי צווישן די ציין אויסגערופן:

— פאַרשטייט זיך, אַז די עוולה געדענקען מיר גאַנץ גוט.

— צ'האָט שוין אָפּגערעדט! דאָ גייט וועגן זעקס מאָר-גנס, וואָס דער פאַרשטאָרבּענער האָט יאַגושיען פאַרשריבּן, און נישט וועגן קיין נאַרישע רייד דאָרט!

— אז צ'האָט אָפּגעשריבּן, וועט ענק קיינער נישט צו-כאַפּן! — האָט מאַגדאַ, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן

שטיל מיטן קינד באַ דער ברוסט, מיט כעס אַ מרוקע געטון.

— און מיר האָבן טאַקע, ס'איז געמאַכט געוואָרן אין רעגירונגס־אַמט און פּאַר עדות.

— אַלע וואַרטן, קען יאַגושיאַ אויך צוואַרטן.

— פאַרשטייט זיך, אַז זי מוז, אָבער דאָס, וואָס איז איר אייגנס, וועט זי באַלד פאַרנעמען, און זי האָט דאָך אַ קו מיט אַ קאַלב, און אַ חזיר, און גענדז...

— וועט דאָס אויך אַריינגיין אין שותפות באַם צעטיילן זיך — האָט זיך דער קאָוואַל שטרענג אַ שטעל אויף געטון.

— צום צעטיילן! צ'וואָלט געוואָלט אַזוי! דאָס, וואָס זי האָט געקריגן אין נדן, האָט איר קיינער קיין רעכט נישט צוצונעמען! און אפשר ווילט עך אויך די ספּודניצע און דאָס בעטגעוואַנט אויך צווישן זיך צו צעטיילן, האַ? — האָט זי וואָס אַמאָל העכער איר קול אויפגעהויבן.

— אוודאי... כ'קען ענק גוט דורך און דורך, אוודאי...

— און וואָס ווען מיר זיך דאָ אַנידערשטעלן בחנם פּלאַפּלען. צ'האָט גאַנץ גוט בעזאָגט, האַנקאָ, אַז מ'דאַרף וואַרטן אויף אַנטעקן. איך איל מיך צום דזשעדזשויק, וואָרן דאַרטן וואַרטן מען שוין אויף מיר — ער איז אויפגעשטאַנען, און דערזעענדיק דעם פּאַטערס פּעלץ, וואָס איז געווען צעהאַנגען אין ווינקל אויף אַ דרענגל, האָט ער אים אָנגעהויבן אַראָפּציען.

— ר'וואָלט פּונקט אויף מיר גוט געווען.

— רירט נישט, לאָז ער זיך טרוקענען — האָט האַנקאַ נישט געלאָזט.

— איז ניטס מיר כאָטש שוין די שטיוואַליעס. נאָר וואָס די כאָליעוועס זענען גאַנץ, דערצו זענען זיי שוין אייבמאָל אונטערגעניט — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַראָפּציענדיק זיי ביטרע פון דרענגל.

— כ'וועל גאָרנישט דערלויבן צו רירן! צ'וועט עפּעס צונעמען, דערגאָך וועט מען זאָגן, אַז כ'האָב פון אַ האַלב באַלעבאַטישקייט אַ תל געמאַכט. זאָל מען פריער אויפנעמען אַ

צעטל. אפילו דעם מינדסטן פלאָקן פון פלאָט וועל איך נישט לאָזן רירן, כּל זמן די רעגירונגס־מאַכט וועט נישט אַלץ אויפבוי־מען.

— מ'האָט נאָך קיין צעטל נישט אויפגענומען, און דעם מאַטנס בעטגעוואַנט איז שוין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן...

— כ'האָב דיר געזאָגט, וואָס ס'איז געשען! באַלד נאָכן טויט האָט מען עס צעהאַנגען אויפן פלויט, און שפּעטער האָט עס באַנאַכט צוגעגנבעט. כ'האָב נישט געהאַט דעם קאָפּ אויף אַלץ אַכטונג צו טון.

— עפּעס מאָדנע, וואָס אַזוי באַלד האָט זיך געפונען אַ גנב...

— וואָס־זשע מיינסטו דערמיט? איך האָב עס גענומען, און אַצינד נאַר איך אָפּ, האַ?

— שטילערהייט, ווייבער! נאָר נישט געקריגט זיך, לאָז געמאַך, מאַגדוש! ווער ס'האָט עס צוגעגנבעט, זאָל ער עס פאַר־נוצן אויף תּכריכים.

— דאָס בלויזע איבערבעט אַליין האָט געווויגן קנאַפּע דרייסיק פונט.

איך זאָג דיר, פאַרמאַך דעם פּיסק! — האָט ער אַ געשריי געטון אויפן ווייב און אַרויסגעפירט האַנקען אויפן הויף, מכלומרשט ווי צו באַקוקן די חזירימלעך.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען, אָבער זי האָט אים געהאַט אויפן אויג.

— כ'האָב ענק געוואָלט עפּעס אַן עצה געבן.

זי האָט נייגעריק די אויערן אָנגעשטעלט, אָנשטרענגנדיק זיך אַ ביסל, צו וואָס ער צילט.

— ענק ווייסט, מען דאַרף, אַז צ'זאָלט נאָך פאַרן צעטל אויפנעמען, וועלכן ס'איז אָהנט אַהערטרייבן צו מיר אַ צווייטע קו. דאָס חזיר מעג מען געטרויען דעם ברודערזון, און וואָס ס'וועט זיך נאָר לאָזן, זאָל מען באַהאַלטן בײַ מענטשן... כ'וועל ענק זאָגן וואו... וועגן דער תּבואה זאָלט ענק זאָגן בשעת דעם צעטל

אויפנעמען. אז זי איז שוין פון לאַנג פאַרקויפט געוואָרן יאַנקלען, ער וועט דאָס גערן באַשטעטיקן, מ'וועט אים דאָרט געבן דערפאַר וועלכעס קערצל... די זשריביע וועט נעמען דער מילנער, זי וועט זיך צופּאַשען אויף זיינע פּאַשעס. און פון די שטובּכלים וואָלט מען געקענט עפּעס אין די גריבער אָדער אין קאָרן אריין באַהאַלטן. פון אמתער גוטפריינטשאַפט עצה איך ענק דאָס! אַלע טוען אַזוי, ווער ס'האָט נאָר שכל. ענק האָט געהאָרעוועט, ווי אַן אָקס, איז לויט יושר קומט ענק מער. מיר וועט ענק עפּעס געבן דערפון, אַ קרישעלע דאָרט. און האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא, כ'וועל ענק אין אַלעמען צוהעלפן. דערין וועט שוין מיין קאָפּ זיין, אַז ענק זאָלט בלייבן באַם גרונט. נאָר האָרכט מיך, ס'האָט נאָך קיינער צו מיינס קיין עצה נישט צוגעלייגט... דער זשעדזשיק אַליין האָרכט אויך מיינע עצות. נו, וואָס זאָגט ענק דערצו? ...

— נאָר דאָס קען איך זאָגן, אַז מיינס וועל איך נישט שענקען, אָבער אויף קיין פרעמדס בין איך נישט להוט! — האָט זי געלאָזן אָפּגעענטפערט, איינגראָבנדיק אין אים מיט פאַראַכטונג די אויגן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון, גלייך ער וואָלט מיט אַ שטעקן איבערן מוח געקריגן, ער איז אַ לויף געטון איבער איר מיט די שליפּיעס און אַ שיפּע געטון:

— כ'וואָלט שוין דערפאַר אפילו נישט דערמאָנט קיינמאָל, אַז צ'האָט דעם טאַטן באַלקחנט...

— דערמאָנטס יאָ! כ'וועל זאָגן אַנטעקן, אַז ער זאָל זיך מיט ענק אַדורכשמועסן וועגן דערדאָזיקער עצה.

ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַרויסצושעלטן, ער האָט נאָר אַ שפּיי געטון, און אַוועקגייענדיק שנעל, האָט ער דורכן אָפּענעם פענסטער אין שטוב אַריינגעשריגן:

— מאַגדאַ, גיב אַכטונג אויף אַלדינג. אַז גנבים זאָל זי־דער עפּעס נישט אַרויסטראָגן.

האנקא האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ שפּאָטיש גע-
לעכטערל.

ער איז אַוועקגעלאָפן, ווי אַן אָפּגעבריטער, און אָנשטויסנ-
דיק זיך אויף דער וואַיטאָווע, וועלכע איז אין הויף שוין אַרייַנ-
געגאַנגען, האָט ער עפּעס לאַנג אין איר אַריינגערעדט, מאַכנדיק
דערביי מיט די פויסטן.

די וואַיטאָווע האָט געבראַכט צו טראָגן עפּעס אַ רעגירונגס-
פּאַפּיר.

— דאָס איז פאַר ענק האַנקאַ, דער קאַנצעלאַריע-טרעגער
האָט עס געבראַכט פון דער גמינע.

— אפשר וועגן אַנטעקן! — האָט זי אַ שעפּטש געטון מיט
שרעק, בעטענדיק דאָס פּאַפּיר דורכן פאַרטוך.

— אָפּנים וועגן גושעלען. מײַנער איז נישטאָ אינדערהיים,
ר׳איז געפאָרן אין פּאָוויאַט אַריין, דער בריוו-טרעגער האָט נאָר
געזאָגט, אַז דאָרט שטייט געשריבן, אַז גושעלאַ זאָל האָבן גע-
שטאָרבן, צי וואָס. . .

— יעזוס מאַריאַ! — האָט יוזקאַ אַ געשריי געטון.

מאַגדאַ איז אויף אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

אַלע האָבן געקוקט אויפן פּאַפּיר מיט עפּעס אַ מורא און
פּחד, דרייענדיק דערמיט ראַטלאַז אין די ציטערדיקע הענט.

— אפשר וועסטו, יאַנוש, דיך קענען פונאַנדערקלויבן! —
האָט זי האַנקאַ געבעטן.

זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר אַלע פול מיט אומ-
רו און שרעק, אָבער יאַגנאַ האָט נאָך אַ לענגערער ווײַלע סילאַ-
ביזירן די אותיות ווי אַן חשק אַ זאָג געטון:

— אוודאי, אַז ס׳איז נישט געשריבן אויף אונדזער לשון,
איז קען איך מיך נישט פונאַנדערקלויבן.

— ס׳איז נישט געשריבן געוואָרן אין אירע אויגן! דער-
פאַר קען זי עפּעס אַנדערש אַ סך בעסער — האָט די וואַיטאָ-
ווע, וועלנדיק אַרויסרופן אַ קריג, אַ שיפּע געטון.

— גייטס ענק נאָר ענקער וועגס און פאַרטשעפּעטס נישט
קיין מענטשן, ווען מען מיידט ענק אויס פונדערווייטנס, ווי

א שטינקענדיקע זאך — האָט די אַלטע אַ װאָרטשע געטון.

אָבער די װאַיטאָװע, װי זײענדיק גאַנץ צופרידן פֿון דער געלעגנהייט, האָט איר באַלד אויף צוריק אָפּגעענטפֿערט.

— אַנדערע מוסר זאָגן קענט עץ, און פֿאַרװאָס פֿאַרװערט עץ נישט דעם טעכטערל, אַז זי זאָל קיין פֿרעמדע מענער נישט פֿאַרפֿירן, האַ!

— לאָזטס נאַר געמאַך, פּיעטראָװע! — האָט זיך האַקאַ אַרייַנגעמישט, דערזעענדיק, אויף װאָס דאָ פֿאַרנעמט זיך אָבער די װאַיטאָװע איז װאָס אַמאָל מער אויפֿגערעגט געװאָרן.

— כאָטש איינמאָל מוז איך מיר נעמען די פֿרייהייט! כ׳בין שוין אַזוי פֿיל מאָל פֿאַרסמט געװאָרן צוליב איר, אַזוי פֿיל זיך אָנגעליטן, אַז איך װעל מיין עװלה נישט שענקען, כל-זמן איך לעב!

— פּיסקעװע דיר! דער הונט װעט דיך איבערבילן! — האָט די אַלטע גאַנץ רויק אַ מרוקע געטון, יאַגוש אָבער איז רויט געװאָרן װי אַ בוראַק, און כאָטש אַ חרפּה האָט איר פּנים געבערענט, אָבער אויך עפּעס אַזאַ נקמהדיקע פֿאַרביסנקייט האָט זיך באַ איר אין האַרץ אָנגענומען, און זי האָט װאָס אַמאָל העכער דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און װי איך להכעיס, מיט באַדאַכטקייט איינגעגראָבן אין איר אירע שפּאַציִשע בליקן, און אַ גיפֿטיק שמייכעלע האָט זיך איבער די ליפּן געשלענגלט.

די װאַיטאָװע האָט שוין אויפֿגעבלאָזן אַ מויל װי אַ טויער און אויפֿגערייצט ביז גאָר פֿון אירע שליפֿיעס, האָט זי געזידלט, פֿאַרװאַרפֿנדיק איר מיט פֿאַרביסנקייט אירע אַלע חטאים.

— פּיסקעװעסט שוין גלאַט אין דער װעלט אַריין, װאָרן ביסט פֿאַרשיכּורט געװאָרן פֿון כּעס! — האָט איר די אַלטע איבערגעריסן — אָבער דייַנער װעט אָפּגעבן אַ דין וחשבון פֿאַר גאָט פֿאַר יאַגושעס אומגליקלעכקייט.

— אוודאי, ער װעט אָפּגעבן דין וחשבון, װאָרן ר׳האָט

דאָך כאַרפּירט אַן אומשולדיק קינדעלע! אוודאי, אַ קינדעלע, וואָס זוכט גאַנץ גערן מיט איטלעכן אייניציקן אַ קזשאַק!

— פאַרמאַכטס די מאָרדע, וואָרן כאַטשביק כ׳בין בלינד, אָבער כ׳וועל נאָך אָנטאַפּן דעם וועג צו ענקערע קודלעס — האָט זי געדראָעט, צודריקנדיק דעם שטעקן אין דער האַנט.

— פּרוּווטס נאָר! ריר מיך נאָר אָן, ריר! — האָט זי חוצפּהדיק געשריגן.

— ב׳אוודאי, זי האָט זיך אויסגעפּאַשעט פון פרעמדע עוולות, וועט זי זיך אַצינד טשעפּען צו מענטשן, ווי אַ רעטיך צו אַ היני־טישן ווידל.

— מיט וואָס האָב איך דיך דאָס באַוואָלהט, מיט וואָס?

— אַז מ׳וועט דייַנעם איינזעצן אין קרימינאַל אַריין, וועסטו דיך שוין דערוויסן.

די וואַיטאָווע איז אויפגעשפּרונגען מיט די פויסטן, אַ גליק, וואָס האַנקאַ האָט באַוויזן זי אָפּצוצי׳ען און שאַרף זיי ביידע באַפאַלן:

— אום גאָטס ווילן, ווייַבער, צ׳מאַכט דאָך אַ קרעטשמע פון מיין שטוב.

זיי זענען מיטן קיק אַנטשוויגן געוואָרן, סאַפּענדיק נאָר און שטיקנדיק זיך; דער דאָמיניקאָוען זענען אַזש טרערן אַפּערגערי־נען פון אונטער די שמאַטעס, מיט וועלכע זי האָט געהאַט די אויגן פאַרבונדן, און שטראָמענווייז זיך געגאָסן איבערן אויסגעמאַ־גערטן פּנים, נאָר זי איז געווען די ערשטע, וואָס איז צו זיך גע־קומען, און אַנידערזעצנדיק זיך, האָט זי אָפּגעזיפצט, און די הענט פונאַנדערגעשפּרייט:

— יעזוס, זיי דיך מרחם אויף מיר, זינדיקע!

די וואַיטאָווע איז אַרויסגעלאָפן פון דער כאַלופּע, ווי אַ משוגענע, נאָר אומקערנדיק זיך פון וועג, האָט זי אַרייַנגע־שטעקט דעם קאָפּ דורכן פענסטער און אָנגעהויבן רופן האַנ־קען:

— איך זאָג דיר, יאָג אַרויס פון דער כאַלופּע דידאָזיקע

פליאַקעס! טרייב זי אַרויס, כל-זמן ס'איז נאָך צייט, זאָלסט דער-
נאָך נאָר נישט זשאַלעווען! קיין שעה לאָז זי נישט איבער אונ-
טער דיין דאַך, וואָרן זי וועט דיך פונדאַנען אַרויסגריזשען די-
דאָזיקע גיהינומדיקע מרשעת! איך עצה דיר, ראַטעווע דיך, האַנ-
קאָ! האָב נישט קיין רחמנות אויף איר, דערבאַרעם דיך נישט
אויף איר! זי וואַרט נאָר אויף דיינעם, וועסט זען, זי וועט דיר
נאָך אָפּשפּילן! — זי האָט זיך נאָך שטאַרקער אין דער שטוב
אַריינגעבויגן, און דראָענדיק יאַגושען מיט די פויסטן, האָט זי
מיטן גאַנצן כעס געקוויטשעט:

— וואַרט נאָר צו, דו גיהנומניצע אייגע, וואַרט נאָר צו!
כ'וועל פריער רויק נישט שטאַרבן, צו דער הייליקער ווידוי וועל
איך נישט גיין, כל-זמן כ'וועל מיך נישט דערוואַרטן, אַז מ'וועט
דיך פון דאָרף מיט שטעקנס משלח זיין! צו די זעלבער גיי, דו
צויג אייגע! דאָרט איז דיין אָרט, דו חזירישער אויסוואורף-
דאָרט!

און זי איז אַנטלאָפן. אין שטוב איז געוואָרן שטיל, ווי אין
אַ קבר.

די דאָמיניקאָווא האָט זיך אַזש געטרייסלט פון דעם איינ-
געהאַלטענעם געוויין, מאַגדאַ האָט געהוידעט דאָס קינד, האַנ-
קאַ האָט זיך פאַרקוקט אין קוימען אַריין, זייער פאַרקלערט,
יאַגוש ווידער, כאָטש אויפן פנים איז איר נאָך געלעגן אַ האַרט-
קייט און אַ בייז שמייכעלע אויף די ליפן, אָבער זי איז ווייס
געוואָרן ווי אַ שטיק לייוונט, וואָרן די לעצטע ווערטער האָבן
איר אַ ביס געטון ביזן סאַמע האַרץ; זי האָט דערפילט, ווי
מען וואָלט איר מיט הונדערט מעסערס מיטאַמאָל דערלאַנגט,
און אַלע וווּנדן זענען מיט בלוט פון האַרץ און מיט דער גאַנ-
צער קראַפט אַפגעפלאָסן, איבערלאָזנדיק נאָר אַן אומבאַשרייב-
לעכע ווייטיק, עפּעס אַן אוממענטשלעכע ווייטיק, אַז זי האָט
געהאַלט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט זיך שלאָגן און מיט הימל-
קולות שרייען, נאָר זי האָט זיך גובר געווען, און אַ ציטערנדיק
די מוטער באַם אַרבל, האָט זי מיט היץ אַ שעפּטש גע-
טון:

— לאָמיר אוועקגיין (גראַבעז, מאַמע. לאָמיר גיכער אוועקגיין! לאָמיר אַנטלויפן!

— נו גוט! כ'בין אינגאַנצן שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער דו מוזסט דיך דאָ אומקערן און דײַנס אָפּהיטן ביז סוף אַרײַן.

— כ'וועל דאָ נישט איבערבלײַבן. ס'איז מיר דאָס אַלץ אַזוי דערעסן געוואָרן, אַז כ'וועל עס שוין לענגער נישט אויסהאַלטן! הלוואַי וואָלט איך געוועזן די פיס צעבראָכן, אײדער כ'בין דאָ אַרײַנגעקומען!

— אַזוי שלעכט איז דיר מיט אונדז געווען, האַ? — האָט האַנקאַ אַ שעפּטש געטון.

— ערגער, ווי דעם הונט אויף דער קייט, אַז אַפילו אין גיהנום מוז אויך זײַן בעסער.

— אַ וווּנדער, וואָס האָסט אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן, מ'האָט דאָך דיך נישט צוגעבונדן בײַ די פיס. האָסט דיר געקענט גיין! האָב נישט קיין מורא, כ'וועל דיך בײַ די פיס נישט אָנכאַפּן און כ'וועל דיך נישט בעטן, אַז דו זאָלסט איבערבלײַבן!...

— איך כ'וועל טאַקע גיין, און זאָל ענק אַ דבר אָנידערלייגן, אַז צ'זענט יאָ אַזעלכע!

— זאָלסט נישט שעלטן, כדי כ'זאָל דיר מײַנע עוולות אין די שליפּיעס אַרײַן נישט וואַרפן!

— וואָרן אַלע זענט עץ קעגן מיר, ס'גאַנצע דאָרף, אַלע...

— לעב אָרנטלעך, איז וועט דיר קײנער אַפילו קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגן!

— שטילער, יאַגוש, טאַטש האַנקאַ איז דאָך נישט קעגן דיר, שטילער!

— זאָל זי אויך פּיסקעווען! זאָל זי! כ'האָב ערגעץ אַנדערש די אַלע געבילגרייצן. וואָס האָב איך עס אַזוילכעס גע-

שוין? כ׳האָב עפּעס צוגעגנבֿעט? כ׳האָב דערהרגעט עמעצן, האַ?

— האָסט נאָך די העזה דיך צו פרעגן, האַ? — האָט האַנקאַ, אַנידערשטעלנדיק זיך פאַר איר, אַ דערשטוינטע אויסגערופן. — צי מיך נישט בײַ דער צונג, כדי כ׳זאָל דיר עפּעס נישט זאָגן!

— זאָגסט! פּיסקעווועטס! ס׳איז מיר אַלצאיינס! — האָט זי װאָס אַמאָל היציקער געקוויטשעט, אַ כּעס האָט זיך אין איר צעפלאַקערט, װי אַ פלאַם־פײַער, זי איז שוין גרייט געווען אויף אַלץ, אפילו אויפן ערגסטן.

האַנקען האָבן זיך מיטאַמאָל די אויגן מיט טרערן פאַרגאָסן, דאָס געדעכעניש פון אַנטעקס פאַרראַטן האָט זיך אַזוי װײַטיקלעך אין איר האַרץ אײַנגעגריזשעט, אַז זי האָט שוין קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— און װיפֿיל האָסטו דאָס מיט מײַנעם פאַראַרבעט, האַ? גאָט װעט דיך נאָך שטראָפן פאַר מײַנע יסורים. װעסט זען!... האָט אים נישט צורו געלאָזט... האָסט דיך נאָך אים נאָכגעיאָגט װי אַ צעזילדעוועטע צויג... װי אַ... — ס׳האָט איר אַזש אָטעם פאַרפעלט, אַזוי שטאַרק האָט זי זיך צעכליפּעט.

און יאַגוש האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט װי אַ װאָלף, װאָס מ׳איז אים אין דער הייל אָנגעפאַלן, און ער איז שוין גרייט מיט די ציין צו צערייסן, װאָס עס װעט אים נאָר אונטערקומען. אַ שנאה האָט איר אין קאָפּ אַרײַן אַ זעץ געטון, און אַ נקמה־געפיל האָסט איר די נעגל פונאַנדערגעשפּרײט, אַז זי איז אַזש אַ שפרונג געטון אין דער מיט שטוב צרײַ, און צעווילדעוועט שוין ביזן לעצטן, האָט זי אָנגעהויבן צו שמיצן מיט פאַרשטיקטע װערטער, װי מיט אַ סווישטשענדיקער בייטש:

— דאָס בין איך אים נאָכגעלאָפן, איך! זאָגסט ליגן װי אַ הונט! אַלע װייסן דאָך, װי כ׳האָב מיך פון אים אָפּגעיאָגט

טאַטש ווי אַ הונט האָט ער דאָך הינטער דער טיר געסקאַמליעט, אַז כ'זאָל אים כאַטש אַ טראָפּ מיינעם הייזן! דאָס האָט ער מיך געצוווּנגען! דאָס האָט ער מיך פּאַרטויבט און געטון מיט דעם נאַר, וואָס ר'האָט נאָר געוואָלט! און אַצינד וועל איך דיר זאָגן דעם אמת, נאָר ס'זאָל דיר דערנאָך נישט באַנג טון. ער האָט מיך ליב געהאַט, אַז ס'איז נישט איבערצוגעבן! דו ביסט אים פאַרמיאוסט געוואָרן, ווי אַן אַלטע איינגעריכטע שמאַטע, אַז דעם אָרימען נעבעך איז שוין דיין ליבע פון האַלדז געקראָכן, אַז ס'האָט אים קאַפּויער געשלאָגן, ווי נאָך פאַרייליצט שמאַ ק, אַז ער האָט נאָר געשפּיגן, ווען ער האָט זיך אָן דיר דערמאָנט. ער איז אפילו גרייט געווען דאָס לעבן זיך צו נעמען, אַבי ער זאָל דיך שוין מער פאַר די אויגן נישט זען. האָסט געוואָלט, איז האָסטו דיר דעם אמת. און נעם דיר גוט אין קאָפּ אַריין, וואָס כ'וועל דיר נאָך צוגעבן: איך זאָל נאָר וועלן, איז ווען זאָלסט אים אפילו אין די פיס אַריין קושן, וועט ער דיר אַ קאָפּע טון, און וועט מיט מיר אין דער וועלט אַריין אַנטלויפן! נעם דיר דאָס גוט אין זינען אַריין און צו מיר זאָלסטו דיך נישט גלייכן, פאַרשטייסט, האַ?

האָט זי גיפטיק אויסגערופן, שוין הערשנדיק איבער זיך און אָן שרעק, און זי איז אַזוי שיין געווען, ווי נאָך קיינמאָל נישט. אפילו די מוטער האָט זי אויסגעהאָרכט מיט דערשטוינונג און מיט שרעק, זי איז עפּעס אַזוי אַנדערש אויסגעוואַקסן, לגמרי אַ פרעמדע און גלייכצייטיק עפּעס אַזאַ שרעקלעכע, בייזע און גרויזאַמע, ווי אַ וואָלקן, וואָס קנאַלט מיט דונערן.

האַנקען האָבן די רייד אַזוי אַ שמעטער געטון, ווי אויף טויט; זיי האָבן זי געשלאָגן ביז בלוט, געשמיסן אָן רחמנות, אָן שיעור מיטגעפּיל און אַזוי צעקוועטשט, ווי אַ נישטיק ווערימל; זי איז געפאַלן, ווי אַ בוים, פון דונערן צעריסן, שוין אָן כוחות און אָן באַוווּסטזיין. זי האָט קוים באַוויזן לויפט אַנצושעפּן מיט די ווייס געוואָרענע ליפּן, זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, און פון דעמדאָזיקן ווייטיק איז אַלץ אין איר אויף שטויבצעשיט געוואָרן, אויף אומפאַרווכטבאַר זאַמד, אַז אפילו די טרערן

האָבן איר אויפגעהערט צו רינען איבערן פּנים, וואָס איז פון פיין ווי אַש קאָליר געוואָרן, כאָטש אַ שווערער אויפגעשטורעמטער שלוכץ האָט איר די ברוסט צעריסן. זי האָט מיט שרעק געקוקט פאַר זיך, ווי אין עפּעס אַ תהום, וואָס האָט זיך פאַר איר פּלוצלינג געעפנט און זי האָט געציטערט, פּונקט ווי אַ זאַנג, וואָס דער ווינט שמייסט זי ביז פאַרטיליקונג...

יאַגוש האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער מוטער אין איר זייט אַריין, מאַגדאַ האָט זיך אויך אָפּגעטראָגן, נישט קענענדיק זיך מיט איר צונויפרעדן, אפילו יוזקאַ איז צום סטאַוו נאָך די קאַטשקעלעך אַרויסגעלאָפן, און זי איז נאָך אַליין געזעסן אויף איין אָרט, ווי אַן אָפּגעשטאַרבנדיק פייגעלע, בשעת מ'נעמט איר די קינדערלעך צו, אַז נישט זי קען שרייען, נישט זי קען זיך פאַרטיידיקן, נישט זי קען שוין אַנטלויפן, נאָר טיילמאָל גיט זי אַ קלאַפּ מיט די פליגל און גיט יעמערלעך אַ פּישטש...

ביז פאַן יעזוס האָט זיך דערבאַרעמט אויף איר, נאָכלאָזנדיק אַ ביסל דער פאַרפייניקטער נשמה, אַז ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי אַנידערגעפאַלן פאַר די הייליקע בילדער, אַרויסגעפלאַצט מיט אַ ביטער געוויין און אַ נדר געטון צו גיין קיין טשענסטאָכאָוו, אַבי דאָס אַלץ, וואָס זי האָט, דאָ געהערט זאָל זיין נישט אמת!

און צו יאַגושען האָט זי אפילו קיין כעס נישט געפילט, נאָר ס'האָט זי עפּעס אָנגענומען אַ פּחד פאַר איר, און זי האָט זיך איבערגעצלמט, ווי פאַרן טייוול, ווען זי האָט איר קול דערהערט...

ענדלעך האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט, און די איינגעוווינטע הענט האָבן כמעט אַליין געטון, וואָרן מיט די געדאַנקען איז זי געווען ערגעץ ווייט, אפילו נישט וויסנדיק, אַז זי האָט די קינדער אין סאָד אַריין אַרויסגעפירט, אַז זי האָט די שטוב צוגערוימט, און אָנפילנדיק די קאַביאַלקעס מיט עסן, האָט זי יוזקען צוגעטריבן, אַז זי זאָל וואָס גיכער דאָס אין פעלד אַריין אַרויסטראָגן.

און ווען זי איז איבערגעבליבן אַליין און זיך א קאָפּ באַרויקט, האָט זי אָנגעהויבן אַריינצוקלערן און איבערטראַכטן איטלעכעס איינציקע וואָרט. זי איז געווען א קלוגע און א גוטע פּויערטע, איז האָט זי גרינג אַלע באַליידיקונגען און עוולות מוחל געווען, אָבער די צערייצטע אַמביציע האָט זי נישט געקענט פאַרגעסן, אַזוי, אַז פון צייט צו צייט האָבן זי פייערן אַדורכגענומען, און דאָס האַרץ האָט זיך געקאַרטשעט פון פּיין, און דורכן קאָפּ זענען איר דורכגעפלויגן פאַרשידענע פּלענער פון בלוטיקער נקמה, ביז זי האָט ענדלעך דאָס אויך גובר געווען, וואָרן זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— אמת טאַקע, אַז איך קען מיך נישט גלייכן צו איר מיטן שיינקייט, פאַרפאַלן! אָבער איך בין זיין שלובנע ווייב און א מאַמע צו זיינע קינדער! — א שטאָלץ האָט זי צעשפּאַרט און א זיכערקייט מיט זיך. — און אויב ער וועט מיט איר אַנטלויפן, וועט ער צוריקקומען! ער וועט דאָך מיט איר נישט חתונה האָבן! — האָט זי זיך ביטער געטרייסט, אַרויסקוקנדיק אין דרויסן.

ס'איז שוין געווען אַרום מיטאָג־צייט; די זון איז געהאָנגען איבערן סטאַוו, די היץ איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די ערד האָט שוין געבריט, און די צעגליטע לופט האָט אַ בלאָז געטון, ווי פון אַן אויוון, מענטשן האָבן זיך שוין אומגעקערט פון די פעלדער, און פון טאָפּאָלן־וועג האָבן זיך געטראָגן צוזאַמען מיט די וואָלקנס שטויב דאָס ריטשען פון די אַהיימגעטריבענע בהמות; האַנקען האָט מיטאַמאָל א ציפּ געטון עפּעס אַ באַשלוס, זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, און נאָך אַ טראַכט טוענדיק אפשר א רגע, האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן, דורכגעגאַנגען דאָס פאָדערהויז, אויפגעעפנט די טיר צו יאַגושעס שטוב און שטאַרק, באַר פולשטענדיק רויק א זאָג געטון:

— זאָלסט דיך מיר שוין אָפּטראָגן פון דער כאַלופּע אַרויס!

יאַגנאַ האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער באַנק און געבליבן שטיין אַנטקעגנאיבער, אָפּמעסטניק זי מיט די שליפּיעס א לאַנגע ווייַלע, אַז האַנקאַ איז אַזש אָפּגעטרעטן עטוואָס פון דער

שוועל און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט מיט א הייזעריקער שטי־
מע:

— זאָלסט דיך מיר שוין אין דער אותו רגע אָפּטראָגן,
אַנישט, וועל איך הייסן דעם פּאַראַבעק ער זאָל דיך אַרויס־
וואַרפן... אין דער אותו רגע! — האָט זי עקשנותדיק צוגע־
געבן.

די אַלטע האָט זיך צו איר אַ וואָרף געטון צו געבן איר
צו פאַרשטיין און אויפקלערן, אָבער יאַגוש האָט נאָר מיט די אָרעמס
בעהויבן:

— רעדטס נישט צו דערדאָזיקער פּאַמיעטלע! מ'ווייסט
שוין, וועגן וואָס עס גייט איר.

זי האָט אַרויסגענומען פון אונטן אין קאַסטן עפּעס אַ פּאַ־
פּיר.

— וועגן אָפּשרייבעכץ גייט דיר, וועגן די פּאָר מאָרג, אָט
נעם זיי דיר צו און פרעס דיך אָן מיט זיי!

האָט זי מיט פאַראַכטונג אויסגערופן, א וואָרף טוענדיק איר
אין פּנים אַריין דאָס פּאַפּיר.

— ווער דערשטיקט מיט עס אויף טויט!

און נישט קוקנדיק אויף דער מוטערס אַקעגנשטעלן זיך,
האָט זי איילִיק געגומען צוזאַמענבינדן אירע פּעקלעך און אַרויס־
טראָגן זיי פון הויף.

האַנקען איז אַזש נישט גוט געוואָרן, גלייך ווי ס'וואָלט
איר עמעצער צווישן די אויגן אַ קנאַק געטון, אָבער דאָס פּאַפּיר
האָט זי אויפגעהויבן און מיט אַ דראָונג אַרויסגערעדט:

— נאָר גיכער, וואָרן כ'וועל אויף דיר די הינט אָנ־
רייצן! — האָט זי געשטיקט די דערשטויגונג, ס'האָט איר נישט גע־
קענט אַריין אין קאָפּ, אַז דאָס זאָל זיין אמת. ווי הייסט, גאַנצע זעקס
מאָרגעס פעלד האָט זי אָוועקגעוואָרפן, ווי אַ צעבראָכן טעפּל!
ווי הייסט! נישט אַנדערש, נאָר זי איז נישט בּאַם קלאָרן
זינען! — האָט זי געטראַכט, נאָכגייענדיק נאָך איר מיט די
אויגן.

יאַגנאַ ווידער, נישט לייגנדיק אפילו קיין אַכט אויף איר,

האָט זיך שוין גענומען צום אָראָפּנעמען אירע בילדער, ווי יוזקאַ איז אַריינגעקומען צו לויפן מיט אַ געוואַלט:

— די קרעלן גיטס מיר אָפּ, זיי זענען מיין, נאָך דער מאַמען געבליבן, זיי זענען מיין...

יאַגנאַ האָט זיי אָנגעהויבן אָפּבינדן פון האַלדז, אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן.

— ניין, כ'וועל נישט אָפּגעבן! מאַטשעי האָט זיי מיר געגעבן, זענען זיי שוין מיין.

יוזקאַ האָט אָנגעהויבן צו קאָכן, אַז האַנקאַ האָט אַזש געמוזט אויף איר אָנשרייען, אַז זי זאָל לאָזן געמאַך, װאָרן יאַגוש איז ווי טויב געוואָרן צו די אַלע אָנטשעפּעניש, און אַרויסטראָגנדיק אַלע אירע זאַכן, איז זי אַוועקגעלאָפן נאָך יענדרושיכן.

די דאָמיניקאָווא האָט זיך שוין גאָרנישט אַנטקעגנגעשטעלט, זי האָט אָבער אויך גאָרנישט געענטפערט אויף האַנקאַס רעדן, נישט אויף יוזקעס געוואַלדן, ערשט דאַמאָלס ווען מ'האָט פאַרנומען די זאַכן אויפן וואָגן, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אויסגעשריגן, דראָענדיק מיט דער פויסט:

— אַז ס'זאָל דיך קיין שום שלעכטס נישט מיידן!

האַנקאַ האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטון, אָבער, ווי זי וואָלט נישט געהערט, האָט זי אויסגערופן:

— וויטעק וועט ברענגען צו טרייבן די בהמות, וועט ער דיר דיין קו אַהיימטרייבן אין דער כאַלופּע אַריין! און נאָך די רעשט זאָל עמעצער קומען צו לויפן אין אָוונט, וועט מען עס צוטרייבן.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען שטילשווייגנדיק, אַראָפּגעדרייט זיך אויפן וועג און געגאַנגען, פּאַמעלעך אַרומקרייזלענדיק דעם סטאַוו, בלויז מיטן סאַמע ברעג, אַז זיי האָבן זיך אַזש אין וואַסער אָפּגעשפּיגלט.

האַנקאַ האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט, מיט עפּעס אַ מאָדנער אַרטה און אומעטיקייט, און ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין צייט אויף אַריינצוטראַכטן זיך, וואָרן די בעדונגענע אַרבעטער זענען

שוין פון פעלד געגאַנגען, האָט זי באַהאַלטן דאָס פּאַפּיר אין קאָ־פערט אַריין, אונטערן שלאָס, פאַרמאַכט דעם טאַטנס שטיב און גענומען זיך צום מיטאָג. די גאַנצע מיטאָג־צייט אָבער איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרסמטע און אַ שטיל־שווייגנדיקע, אפילו ווייניק צוהערנדיק זיך צו דער יאַנוסטינקעס חניפה־רייד־לעך.

— צ'האָט גאַנץ גלייך געטון! מ'האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט אַרויסטרייבן. זי איז שוין צעלאָזט געווען ווי אַ דזשאַדאָזסקע בייטש, וואָרן וועך קען איר דען עפּעס טון, אַז די אַלטע מיטן בלה זענען גאַנצע פּאַן־בראַט! און אַנדערע וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט פון דער אַמבאַנע אַראָפּ פאַרשאַלטן.

— זיכער, ס'איז אַזוי! — האָט זי צוגעשטימט, אָפּרוקנ־דיק זיך פון איר, אַבי שוין מער נישט צו הערן. און ווען אַלע זענען זיך ווידער פונאַנדערגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי גענומען יוזקען און געגאַנגען פּיעלען דעם ליאַן, וואָרן אויף טייל ערטער איז אַזוי געדיכט פאַרוואַקסן געווען מיט די גע־לע בלימלעך, אַז טייל בייטן האָבן זיך אַזש פונדערווייטנס שוין געגעלט.

זי האָט זיך פלייסיק גענומען צום פּיעלען, אָבער נישט קוקנדיק דערויף, האָבן זי דער דאָמיניקאָוועס דראָזשגען געפּי־ביקט און נישט מיט קיין קליינער שרעק דורכגענומען, און דער עיקרשט האָט זי אַריינגעטראַכט, וואָס אַנטעק וועט אויף דעם אַלעם זאָגן.

— אַז כ'וועל אים ווייזן דאָס פּאַפּיר, וועט ער אויפשריי־ען, נאַר! זעקט מאָרגעס, טאַטש דאָס איז דאָך כמעט אַ באַ־לעבאַטעשאַפט! — האָט זי געטראַכט, קוקנדיק אויף די פעל־דער.

— עך ווייסט, מ'האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם פּאַ־פּיר וועגן גזשעלען.

— אמתדיק, דו רייס דאָ אויס, יוזשיא, און איך וועל אַנטלויפן צום גלח, ער וועט עס איבערלייענען.

זי איז אפילו צופרידן געווען, וואָס זי וועט קענען צווישן מענטשן, וועט זי געוויר ווערן, וואָס מען זאָגט אויף דעם אַלעם.

זי האָט זיך שטאַרק איבערגעטון אין דער כאַלופּע, און אַרויסנעמענדיק דאָס פּאַפּיר פון הינטערן בילד, איז זי דערמיט אַוועקגעגאַנגען אויף דער פּלעבאַניע. זי האָט אָבער נישט געטראָפן דעם גלח, ער איז געווען אין פעלד בײַ זײַנע געדונגענע אַרבעטער, וואָס האָבן אַרומגעצריסן די מייערן. זי האָט אים שוין פונדערווייטנס דערזען, וואָרן ער איז געשטאַנען כמעט אײַנגעבויגן אַן אויסגעטונער, באַר אין די הויזן און אין אַ שטרויענעם קאַפּעלוש, אָבער בענטער איז זי נישט דרייסט געווען צוגיין, מורא האָבנדיק, אַז ער מוז שוין וויסן און ער איז גרייט נאָך אָנצושרייען אויף איר פאַר אַלע מענטשן. האָט זי זיך אָפּגעדרייט צום מילנער, וועלכער האָט גראָד צוזאַמען מיט מאַטעושן געלאָזט אויף אַ פּראָבע דעם טאַרטאַק.

— אפשר מיט אַ מינוט צוריק האָט מיר מײַן ווײַב דערציילט, ווי אַזוי עס האָט אַרויסגעפּאַקט די שטיפּמאַמע! האַ, האַ, זי זעט אויס ווי אַ לעמעשקעלע און פאַרמאָגט אַ פּאָר שפּאַרבער־בעגל! — האָט ער זיך צעלאַכט, נעמענדיק זיך צום לייענען דאָס פּאַפּיר. אָבער ער איז גאָר אַ לויף איבער געטון מיטן אויג און אויסגערופן: — אַ שלעכטע ידיעה! ענקער גזשעלאַ איז דערטרונקען געוואָרן! נאָך פּסח! זיי שרייבן, אַז עס קענט די זאַכן זײַנע פונעמען באַס נאַטשעלניק אין פּאָוויאַט...

— גזשעלאַ לעבט נישט! גאָט מײַנער! אַזאַ יונגער און געזונטער! ער איז ערשט אַלט געווען אין זעקס און צוואַנציקסטן יאָר. ר׳האָט שוין געזאָלט שניט־צײַט אַהיימקומען. ר׳איז דערטרונקען געוואָרן, אין וואַסער! יעזוס דערבאַרעמדיקער! — האָט זי געקרעכצט, פאַרברעכנדיק די הענט, וואָרן דידאָזיקע ידיעה האָט זי שרעקלעך באַטריבט.

— וואָס, ס׳גייט ענק עפּעס גרינגער צו מיט דער ירושה, גרינגער! — האָט מאַטעוש מיט שפּאָט זיך אָנגערופן. — אַצינד

טרייבט נאָך אַרויס יוזקען, איז וועט אַלץ שוין פאַרבלייבן ענקערס מיטן קאָוואַלס...

— האָסט דען שוין פאַרענדיקט מיט טערעסקען, וואָס דו האָסט שוין יאַגושיען אין זינען? — האָט זי זיך אָפּגעהערט, אַז דער מילנער האָט אַזש אַ פּלאַץ אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער, און ער האָט זיך עפּעס פלייסיק גענומען מאַנדרעווען לעבן דער זעג.

— זי לאָזט זיך נישט בלאָזן אין דער קאַשע, אַ כוואַט אַ באַבע — האָט איר דער מילנער נאָכגעזאָגט אַ שבח.

זי האָט אָפּגעטרעטן אויפן וועג צו מאַגדען, וועלכע האָט דערהערנדיק די ידיעה, זיך צעוויינט, און ביטער כליפּענדיק האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— ס'איז דעם אייבערשטנס ווילן, מיינע טייערע. אמת טאַקע, אַ פויער, ווי אַ דאָמב, ווי הייניק ווער אין ליפּצע, אַ מענטשלעכער גורל, אומגליקלעכער גורל! הייגט לעבסטו, מאָרגן שטאַרבסטו. נו, וועט שוין מיכאַל פאָרן נאָך זיינע זאַכן, צי וואָס האָבן זיי פאַרפאַלן צו ווערן. דער אָרימער, ער האָט זיך געבעטן אַזוי געריסן אַהיים!...

— אַלץ איז אין גאָטס האַנט. און צו וואַסער האָט ער קיינמאָל קיין גליק נישט געהאַט, צ'געדענקסט, ווען ער האָט זיך געטרונקען אין סטאַוו, וואָס קלאָנב האָט אים קוים מיט צרות אַרויסגעראַטעוועט? ווייזט אויס, אַז ס'איז אים שוין אַזוי באַשערט געווען פון וואַסער אומצוקומען!

זיי האָבן זיך אויסגעקלאָגט, אויסגעוויינט און זיך צעגאַנגען, וואָרן יעדע איינציקע האָט געהאַט גענוג אירע אייגענע טאָג־טעגלעכע צרות און דאגות, איבערהויפּט האַנקאַ.

און איבערן דאָרף האָבן זיך מיטן קוק פונאַנדערגעטראָגן דידאָזיקע ניַיעסלעך, אַז אַהיימגייענדיק פון די פעלדער, אין בין־השמשות, האָט מען זיך שוין איינס ס'אַנדערע וועגן דעם איבערגעגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז גושצלען האָט מען זייער שטאַרק באַדויערט, וואָס אַנבאַלאַנגט ווידער יאַגושען, האָט זיך דאָס דאָרף פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי צדדים, אַלע ווייבער, פאַרשטיי־

זיך, איבערהויפּט די עלטערע, האָבן געהאַלטן אויף האַנקעס זייט, פאַרביסן אָנפאַלנדיק אויף יאַנושען, פאַר וועלכער, כאָטש נישט אַזוי דרייסט, עס האָבן זיך אָנגענומען די מאַנסלייט, אַז צוליב דעם איז שוין אַפילו ערטערווייז געקומען צו אַ מחלוקת...

אין נאָך איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט שוין אין דאָרף געראַיעט זיך ווי אין אַ בינשטאָק, קומעס זענען געלאָפן צו קומעס אויף עצות, טייל האָבן זיך צוזאַמענגעשריגן דורך די פּלויטן און סעדער, דאָ האָבן זיי מצלנדיק די קו אין הויף מיט די פאַרבייגייענדיקע איינגעטענהט. דער בין השמשות האָט זיך געמאַכט אַזאַ ליבער, שמעקעדיקער און קילבלעכער, דער הימל איז געהאַנגען איינגאַנצן נאָך אין בלאַסן גאָלד פון זון-פאַרגאַנג, פון די פעלדער האָט זיך געטראָגן דאָס שפּילן פון די פעלד-גרילן און די שטימען פון די וואַכטלען, און אין די ראָוועס און זומפּן האָבן די זשאַבעס געקוואַקעט. קינדערישע געשרייען, לידלעך, דאָ אַ געריטש פון די בהמות, אַ געהירזשע-ריי, אַ געבעטש, אַ געגאַבעריי און רוישן פון רעגענער האָבן זיך איבערן דאָרף געטרייסלט. אויף די וועגן ווידער, אַרום סטאַוו און הו נאָר איינער האָט זיך מיטן צווייטן צוזאַמענגעטראָפן, האָט מען היציק אַרומגערעדט די געשעענישן, דאָ וועגן דעם, מיט וואָס די פויערן וועלן זיך פון דזשעדזשיק אומקערן.

מאַטעוש, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון טאַרטאַק, האָט זיך איינגעהאָרכט דאָ און דאָרט, אָבער ער האָט נאָר אויס-געשפּיגן, שטיל אַ שעלט געטון און אויסגעמיטן די פונאַנדערגע-רעדטע קומעס, ערשט די, וועלכע האָבן געפּיסקעוועט פאַר דער פלאָשקעס כאַלופּע, האָבן אים אַזוי דערצערנט, אַז ער האָט זיך שוין בשום אופן נישט געקענט איינהאַלטן און אַן אויפגערעגטער געזאָגט:

— האַנקאַ האָט זי נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוטרייבן, זי איז געזעסן אויף איר אייגנס. די אַנטקאָרטע קען פאַר אַזאַ קונץ בישקשהדיק אָפּוויצן און גוט באַצאָלן!

האָט אים די גראָבע, צערויטלטע פלאָשקאָווע פאַר-שריגן:

— האַנקאַ לייקנט איר נישט אָפּ דעם גרונט, דאָס ווייסט מען! נאָר, וואָס אַנטעק קומט אַ ליאַדע טאָג אַהיים, איז האָט זי זיך פֿאַר עפּעס אַנדערש געשראָקן! וואָס דען, ווערסט דיך קענען אָפּהיטן פֿון אַ שטוב-גנבֿ! און אפֿשר האָט זי געזאָלט דורך אַ זיפּ דערויף קוקן, האַ?

— אי... טאָכטער, דיך שטראָף איך, און, שנור, דיך מיין איך, צ׳הייסט שוין! צ׳רעדט וואָס עס קומט ענק נאָר אין מויל אַריין, אָבער נישט אַזוי לשם אָרנטלעכקייט, ווי צוליב פּשוטער קנאה!

גלייך ער וואָלט אַ שטעקן צווישן בינען אַריינגעשטעקט, אַזוי האָבן זיך אַלע אויף אים אַ וואָרף געטון.

— מיט וואָס האָט מען עס זי אַזוינס מקנא צו זיין, האַ? מיט וואָס? אַז זי איז אַן אַרומלויפֿערין און אַ טליק, וואָס עך יאָגט ענק אַזוי נאָך איר, ווי די הינט, אַז איטלעכער איינציקער וואָלט גערן צו איר אונטערן איבערבעט אַרונטערגעקראָכן, אַז מיט חרפּה און גאָטס-לעסטערונג באַדעקט זיך צוליב איר ס׳גאַנצע דאָרף, האַ?

— און אפֿשר טוט ענק דאָסדאָזיקע וויי, דער טייוול זאָל ענק בעטער וויסן! פּאַמיעטלעס, יוכעס, צ׳שרעקט ענק פֿאַר דער זון. וואָלט זי נאָר געווען ווי מאַגדאַ פֿון דער קרעטשמע, און געטון כּל דאָס בייז, וואָלט עך זי שוין דורכגעלאָזט, נאָר ווייל זי איז שענער פֿון ענק אַלע, איז וואָלט זי איטלעכע באַזונדער פֿון ענק געגערן אין אַ לעפֿל וואַסער דערטרונקען.

האָבן זיי זיך דאָס אַ סיסל צעיאַכמערט אויף אים, אַז ער האָט אַזש געמוזט אַנטלויפֿן.

— אַז ס׳זאָלן ענק, הינטישע געבלים, די צינגען אָפּדאָרן! — האָט ער געשאָלטן, און פֿאַרבייגייענדיק לעבן דער דאָמיניקאָוועס הויז, האָט ער אַריינגעקוקט אין אָפֿענעם פֿענסטער. אין דער שטוב האָט זיך געלויכטן, יאַגושען אָבער האָט ער נישט באַמערקט, און אַריינגיין האָט ער עפּעס נישט געוואַגט דעריבער האָט ער נאָר אָפּגעזיפֿצט, און אָפּגעדרייט זיך צו זיי-

פּאַלופּע, אָבער עפּעס אײַנגיכן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף װעראָנקען, װעלכע איז געגאַנגען צו דער שװעסטער.

— כ׳בין נאָר װאָס געװען בײַ ענק. סטאַכאָ האָט שוין דאָס האָלץ אַרומגעאַרבעט און אויסגעגראָבן אַ גרוב, מ׳קען שוין אָנהײבן שנײַדן, װען װעט עץ קומען?

— װען? און אפשר װען ס׳װעט זײַן דרײַ טאָג ראש־חודש! דאָס דאָרף איז מיר שוין אַזוי דערעסן געװאָרן, אַז סײַדן כ׳װעל אַלץ אַ זערק טון אין דר׳ערד אַרײַן און אַנטלויפן, װי די אויגן װעלן מיך טראָגן — האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן און איז אַװעקגעלאָפן.

— ס׳האָט אים עפעסטשיס, װײַזט אויס, גוט אַ ביס געטון, װאָס ער װאַרפט זיך אַזוי! — האָט זי געטראַכט, אַראָפּדרײַענדיק זיך צו די באָרינעס.

האַנקאַ האָט שוין צוגערוימט נאָך דער װעטשערע, אָבער זי האָט זי באַלד אַװעקגענומען אָן אַ זײַט, דערצײלנדיק איר אַלדינג, װי עס איז געװען. װעראָנקאַ האָט בכיון אויסגעמיטן װעגן יאַגושען, נאָר זי האָט אַ זאָג געטון װעגן גושעלען:

— אַז ער איז געשטאָרבן, קומט דאָך צו זײַן חלק צום אײַנטײלן זיך.

— אמתדיק, כ׳האָב נאָך װעגן דעם קײן טראַכט נישט געטון.

— און מיט דעם, װאָס דער דזשעדזשיץ מוז געבן פאַר׳ן װאַלד, איז װעט אויסמאַכן פאַר יעדן אײנציקן צו האַלבע װלוקעס, עץ זענט באָר דרײַ! גאָט מײַנער, אַ רײַכער האָט פון אַ פרעמדנס טויט אויך אַ פאַרדינסט — האָט זי טרויעריק אָפּגעזיפצט.

— װאָס טויג מיר דאָרט דאָס רײַכקײט! — האָט זיך האַנקאַ געהערט. נאָר אַזוי װי זײ זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען שלאָפן, האָט זי גענומען רעכענען אויף איר שטײגער און אי־בעהײביק זיך געפרײט.

דערנאָך, װען זי האָט אַנידערגעקניט צום פּאַטשערזש, האָט זי מיט רעזיגנאַציע אַ שעפּטשע געטון:

— קוים איז ער שוין געשטאָרבן, איז עס דאָך געווען מ׳ייז אייבערשטנס ווילן. — און זי האָט מיטן גאַנצן האַרץ אַ זיפּץ געטון פאַר זיין נשמה.

צומאָרגנס אַרום מיטאָג-צייט איז יאַמבראָושי אַריינגעקומען אין שטוב אַריין.

— וווהין זענט עך דאָס געגאַנגען? — האָט זי געפרעגט, אונטערציטערנדיק אויפן קוימען.

— באַ די קאָזשיאָלס בין איך געווען, אַ קינד איז באַ איר אָפּגעבריט געוואָרן אויף טויט. זי האָט מיך גערופן, אָבער דאָרט דאַרף מען שוין מער נישט נאָר אַ טרומנע און צו באַגראָבן.

— וועלכעס איז דאָס?

— דאָס קלענערע, וואָס זי האָט עס וויאָסנע געברענגט פון וואַרשע. ס׳איז אַריינגעפאַלן אין אַ שעפל קאָכעדיק וואַסער און ס׳האָט זיך כמעט אָפּגעקאָכט.

— עפּעסטשיס גייט איר נישט אַזוי מזלדיק מיט אירע ממזרים.

— יאָ, ס׳גייט איר נישט. זי האָט גאָרנישט היזק דערפון, מ׳גיט איר אויפן באַגרעבעניש! אָבער נישט צוליב דעם בין איך צו ענק געקומען.

זי האָט אויף אים אויפגעהויבן אַ פּאָר אומרויקע אויגן.

— צ׳ווייסט, די דאָמיניקאָווא איז געפאָרן מיט יאַגושען אין סאָנד אַריין, זי וועט ענק אַפנים איינגעבן פאַר אַרויסטרייבן די טאָכטער...

— זאָל זי מיך איינגעבן, וואָס קען זי מיר טון!

— זיי זענען געווען אינדערפרי באַם מתוודה זיין, און דערנאָך האָבן זיי זיך לאַנג מיישב געווען מיטן דאָבראָדזשעי, אמת טאַקע, כ׳האָב נישט אונטערגעהערט, כ׳זאָג נאָר דאָס, וואָס כ׳האָב נאָר אויפגעכאַפּט איינס איבערן צענטן. זיי האָבן זיך אַזוי פאַרקלאָגט אויף ענק, אַז דער גלח האָט אויש מיט דער פויסט געדראָעט.

— אַ גזלן. און שטופּט אַריין די נאָז אין פרעמדע געשעפטן! — האָט זי אויפגערעגט אויסגעשריגן. זי איז אָבער אַזוי געגרימט געווען פון דערדאָזיקער ידיעה, אַז אַ גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרווירטע, פול מיט שרעק אין די ערגסטע דערוואַרטונגען.

ס'איז שוין געווען נישקשהדיק פינסטער, איז עפּעס אַ וואָגן שטיין געבליבן פאַרן הויף.

זי איז אַרויסגעלאָפן פון דער כאַלופּע אַ דערשראָקענע און ציטערנדיקע, דער וואָיט איז געזעסן אויף דער בריקע.

— וועגן גזשעלען ווייסט עך שוין! — האָט ער אָנגעהויבן, — נו, אַן אומגליק און פאַרטיק! אָבער כ'האָב פאַר ענק אויך אַ גוטע בשורה: אָט הייַנט, אָדער שפּעטסטנס מאָרגן קומט אַנטעק אַהיים!

— צ'פאַרפירט מיך נאָר נישט אַמאָל? — זי האָט זיך שוין נישט געקענט צוגלייבן.

— דער וואָיט זאָגט דאָס ענק, זאָלט עך גלייבן! אין דעם רעגירונגס-אַמט האָט מען מיר געזאָגט...

— איז טאַקע גוט, וואָס ער קומט אַהיים, שוין די העכסטע צייט! — האָט זי קאַלט געזאָגט. גלייך, איינגאַנצן אָן פרייד, און דער וואָיט האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און זייער פרייַנטלעך געזאָגט:

— צ'האָט שלעכט אָנגעהויבן מיט יאַגושען! זי האָט שוין אויף ענק אַרייַנגעטראָגן אַן אָנקלאַגע, מ'קען ענק באַשטראָפן פאַרן אַליין נעמען זיך די רעכט און פאַר געוואַלטאַט. צ'האָט נישט געהאַט קיין רעכט זי צו רירן, זי איז געזעסן אויף איר אייגנס. דאָס וועט זיין אַ שיינע מעשה, אַנטעק קומט אַהיים, און עך וועט זיין זיצן! פון רייַנער גוט-פרייַנטשאַפט עצה איך ענק, פאַרגלייַכט דאָסדאָזיקע עסק! איך וועל שוין זען צו טון, וואָס כ'וועל נאָר קענען, אַבי זיי זאָלן די אָנקלאַגע צוריקציִען פון סאָנד, אָבער די עוולה דאַרפט עך אַליין פאַריכטן.

האַנקאַ האָט זיך אויסגעגלייכט און פשוט פּשוטה אַ זאָג געטון:

— װעמען פאַרטיידיקט עך די באַפעלהאַבע, צי ענקער קאָ־
כאַנקע?

ער האָט די פערד אַזעלכע בייטשן אַריינגעציילט, אַז זי־
האָבן פון אָרט זיך אַ טראָג אַװעק געטאָן!

IV

אָבער נאָך אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע און שווערע איבערלעבענישן האָט האַנקע לחלוטין נישט געקענט איינשלאָפן די נאַכט, און דערביי האָט זיך איר נאָך כסדר אויסגעדאַכט, אַז זי הערט עמעצנס טריט פאַרן הויף, דאָ אויפן וועג, דאָ אפילו ווי פאַר דער סאָמער כאַלופּע. זי האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אַ קלאַפּעדיקן האַרץ. אָבער דאָס גאַנצע הויז איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, אפילו די קינדער האָבן זיך נישט איבערגעוועקט. ס'איז געווען אַ טויבע נאַכט, נאָר עטוואָס אַ ליכטיקע, די שטערן האָבן אין די פענסטער אַריינגעקוקט, און טיילמאָל האָבן זיך די ביימער צערוישט, וואָרן עפּעס אַ ווינט האָט זיך פון צפון-זייט אויפגעהויבן, און פון צייט צו צייט אַ בלאָז געטון.

אין שטוב איז געווען שטיקנדיק און הייס, אַ שלעכטער ריח האָט זיך געפילט פון די קאַטשקעלעך, וואָס האָבן גענעכטיקט אונטער די בעטן, אָבער האַנקע האָט זיך נישט געוואָלט עפענען די פענסטער. דער שלאָף איז אינגאַנצן פון איר אָפּגענומען געוואָרן, ס'האָט זי געבריט דאָס קישן און דאָס איבערבעט, זיי זענען גע-

ווען אַזוי אָנגעגליט, ווי די בלעכן, אַז זי האָט זיך נאָר געהאַלטן אין איין איבערדרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט אַמאָל אַלץ מער אומרויִקער, וואָרן פאַרשידענע רעיונות האָבן זיך איר אין קאָפּ געווימלט, פונקט ווי די מאַרעווקעס, באַגיסנדיק זי אינגאַנצן מיט אַ הייסן שווייס, און דורכנעמענדיק זי מיט אַזאַ צאַפּלען, אַז נישט קענענדיק זיך שוין מער באַהערשן פון דעם פּחד, איז זי פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען פון בעט, און אַ באָרוועסע, אין איין העמד, און מיט אַ האַק אין דער גאָרשטש, וואָס איז איר עפּעס אַליין אונטערגעקומען, אַרויסגעלאָפן אויפן הויף.

אַלץ איז דאָרט געשטאַנען אינגאַנצן אויפגעפּראַלט, אָבער אומעטום האָט געהערשט אַן אומגעהייערע שטילקייט פון שלאָף. פּיעטרעק האָט געכראַפּעט, אַן אויסגעצויגענער הינטער דער פערד-שטאַל, די פערד האָבן געגריזשעט דעם אָברעק, צוקלינגענדיק מיט די קייטלעך פון די האַלדז-ציימלעך, די קי ווידער, וואָס זענען נישט צוגעבונדן געוואָרן אויף איבערנאַכט אין דער שטאַל, זענען פונאַנדערגעקראָכן איבערן הויף געלעגן, מעלה-גרה-דיק און דזשעמדזשענדיק מיט די פאַרשליניעטע מאָרדעס, אויפהייבנדיק צו איר די שווערע, האָרנדיקע קעפּ און די שוואַרצע, אומבאַגרייפנדע אַפּלען פון די שליפּיעס.

זי האָט זיך אומגעקערט אין בעט אַריין, און ליגנדיק מיט אָפענע אויגן, האָט זי זיך ווידער מיט שרעק איינגעהאָרכט, וואָרן ס'זענען אויף איר אָנגעפאַלן אַזעלכע מינוטן, אין וועלכע זי איז גרייט געווען דעם קאָפּ צו געבן, אַז זי האָט בפירוש געהערט ווי עפּעס שטימען און טויבע, ווייטע טריט צעטראָגן זיך.

— אין אַפשר שלאָפט מען נישט אין וועלכער כאַלופּע און מ'באַראַט זיך גאָר! — האָט זי זיך געפּרוווט איינרעדן, אָבער זי נאָר די פענסטער האָבן קוים אָנגעהויבן גרויען, האָט זי זיך אויפגעהויבן, און אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך דעם טאָגס פעלץ, איז זי פאָרן הויז אַרויסגעגאַנגען.

אויפן גאַניק איז וויטעק באַטשאַן געשלאָפן אויף איין פוס און דעם קאָפּ געהאַלטן איינגעטוליעט אונטערן פליגל, אין

הויף-איינגאַנג האָבן זיך איינגעטוליעטע סטאַדקעלעך גענדז געווייסט.

די שפּיצן ביימער האָבן שוין אַרויסגעשטאַרט פון דער נאַכט, דער טוי האָט געדיכט געטריפט פון די ביימער, אָפּקלאַפּנדיק אויף די בלעטער און גראָזן, ס'האָט אַ בלאָז געטון אַ פרישע, דערקוויקנדיקע קילקייט.

נידעריקע, בלויליכע דאַמפן האָבן איינגעהילט די פעלדער, פון וועלכע ס'האָבן זיך ווו-נישט-ווו אַרויסגעריסן די מער העכערע ביימער, אַרויפשיסנדיק אינדערהייך, פונקט ווי שוואַרצע, געדיכטע רויכן.

דער סטאַוו האָט געגלאַנצט, ווי אַ בלענדנדיק, גרויס אויג. פאַרוועבט מיט אַ טונקלקייט, די אַלטע-ביימער האָבן איבער אים אַזוי שטיל און שרעקעוודיק געפּליסטערט, וואָרן אַלץ אַרום איז נאָך געשלאָפן, פאַרזונקען אין אַ גרויען, נישט דורכזיכטיקן נעפּל און שטילקייט.

האַנקאַ האָט זיך אָנידערגעזעצט אויף דער פריזבע, און צוטוליענדיק זיך צו דער וואַנט, איז זי איינגעדרעמלט, נישט ריכטנדיק זיך אפילו אויף דעם, אויף אַ שיין שטיקל צייט, וואָרן ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די נאַכט שוין געהאַט אינגאַנצן ווייס געוואָרן, און אויף מזרח האָבן זיך די רויטע שטראַלן צעפלאַקערט, פונקט ווי ווייטע לאַנעס.

— אויב זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, ווען ס'איז נאָך קיל געווען, איז קיין שום ספק נישט, אַז אָט-אָט קומען זיי אָן! — האָט זי געטראַכט, אַרויסבליקנדיק אויפן וועג; זי האָט זיך אַזוי געפילט דערקוויקט פון דעם קורצן דרימל, אַז זי האָט זיך שוין נישט אומגעקערט אין בעט אַריין, און כדי ס'זאָל איר גרינגער זיין צו דערוואַרטן זיך אויף דער זון, האָט זי אַרויסגעטראָגן די קינדערישע קליידלעך און איז זיי געגאַנגען איבערוואַשן אין סטאַוו.

און דער טאָג האָט זיך וואָס אַמאָל שנעלער אויפגעהויבן, אַז אינגיכן האָט ערגעץ-ווו דער ערשטער האָן אַ קריי געטון, און באַלד נאָך אים האָבן אַנדערע אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די-

פליגל און הילכיק זיך איבערן גאַנצן דאָרף צו צעשרייען, דער־נאָך האָבן זיך די לערכעס צעזונגען, אָבער נאָך זייער זעלטן, און פון דער פינסטערניש אַרויס, וואָס איז נאָך אויף דער ערד געלעגן, האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסווייזן די געווייסטע ווענט, פּלויטן, און די ליידיקע באַטויעטע וועגן.

האַנקאַ האָט עקשנותדיק געוואַשן, ווי מיטאַמאָל האָבן זיך נישט פון ווייט שטילע טריט דערהערט, זי איז געבליבן זיצן אויפן אָרט, ווי אַן אומשולדיק לעמעלע, אַרומקיקנדיק זיך אויפמערקזאַם אויף אַלע זייטן. עפּעס אַ שאָטן האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון דער באַלצערקאָווס הויף און צייענדיק זיך הינטער די ביימער געדוקט.

— ווי ס'זעט אויס איז עס פון מאַרישען, אָבער ווער? — האָט זי געטראַכט, נישט קענענדיק בשום אופן דערקענען, וואָרן דער שאָטן איז פּלוצלינג פאַרפאַלן געוואָרן און אָן שום סימן נאָך זיך. — אַזאַ שטאָלצע, זי האַלט אַזוי פון איר שיינקייט, און לאָזט אַריין צו זיך שקצים אויף באַנאַכט! ווער וואָלט זיך דאָס געריכט!

האָט זי אַ דערצערנטע געטראַכט, באַמערקנדיק ווידער, ווי דער מילנער־שגץ גנבעט זיך שנעל אַדורך פון צווייטן עק דאָרף.

— פּעוונע פון דער קרעטשמע, פון מאַגדען! אַזוי ווי די וועלף, טליקען זיי זיך אַ גאַנצע נאַכט. וואָס דאָ טוט זיך אַף! — האָט זי אָפּגעזיפצט, נאָר זי אַליין האָט אויך עפּעס אַזאַ מין צוציש דורכגענומען, וואָרן זי האָט זיך פון צייט צו צייט מיט אַזאַ גלוסטיקייט אויסגעצויגן, נאָר ווייל דאָס וואַסער איז געווען קיל־בלעך, איז עס גיך פאַרביי, און זי האָט גענומען זינגען מיט אַ שטילעטשקער און פאַרבענקטער שטימע:

— „ווען ס'וועקן זיך די רויטע מאָרגן־שטראַלן!"

דאָס לידל האָט זיך געטראָגן אַזוי נידעריק איבערן טוי, ווערנדיק איינגעזאַפּט אין דעם ראָזן פרימאָרגן.

ס'איז שוין צייט געווען אויפצושטיין, איבערן דאָרף האָבן

זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדער־טראָגן קלאַנגען פון געעפנטע פענסטער, אַ געטרעטעריי פון טרעפּעס און אַנדערע פאַרשידענע שטימען.

צעהענגענדיק נאָך די איבערגעוואַשענע קליידלעך אויפן פּלויט, איז האַנקאַ אַוועקגעלאָפן אויפוועקן אירע שטוב-מענטשן, אָבער זיי זענען נאָך אַזוי פאַרשלאָפן געווען, אַז, וואָס וועלכער ס׳האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, איז ער באַלד שווער צוריקגעפאַלן, נישט וויסנדיק וואָס מ׳וויל פון אים.

האָט זי זיך נישט ווייניק געכעסט, וואָרן פּיעטרעק האָט אויף איר פון אויבן ביז אַראָפּ אַ געשריי געטון:

— אין דער הינטישער מאַמען אַריין! ס׳איז נאָך צייט, ביז זון־אויפגאַנג וועל איך שלאָפן! — און ר׳האָט זיך אַפילו קיין ריר נישט געטון.

די קינדער האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו קוועקלען, און יוזקאַ האָט זיך יעמערלעך באַקלאָגט:

— נאָך אַ קאַפּעטשקעלע, האַנוש! טאַטש כ׳האָב דאָך מיך ערשט געלייגט...

זי האָט איינגעשטילט די קינדער, אַרויסגעטריבן די עופות פון די כליוועס, און צוואַרטנדיק נאָך אַ שפּאָרע ווײַלע, שוין פאַרן סאַמע זון־אויפגאַנג, ווען דער הימל איז שוין אינגאַנצן צעגליט געווען, און דער סטאַוו האָט זיך פון די בלוטיקע שטראַלן בערייסלט, האָט זי אָנגעמאַכט אַזאַ גיהנום, אַז זיי האָבן זיך געמוזט פון די געלעגערס אַראָפּשלעפּן. זי איז באַלד אויפן אָרט אַ זיק־אויף געטון אויף וויטעקן, וועלכער איז אַרומגעקראָכן פאַרקראָכן, שיבערנדיק זיך אָן די הינקלען פון דער כאַלופּע און זיך געקראַצט.

— אַז כ׳וועל דיר אַרייַנצײַלן עפּעס מיט אַ האַרטער זאַך, וועסטו דיך דאָ באַלד אויפכאַפּן! פּאַרוואָס האָסטו, שלימזל איינער, די קי צו די זשלויבן נישט צוגעבונדן! ווילסט זיי זאָלן זיך באַנאַכט די בייכער מיט די הערנער אויפטרענען?

ער האָט עפּעס אַ וואָרטשע אָפּ געטון, אַז זי איז צו אים צוגעשפּרונגען, ר׳האָט געהאַט אַ גליק, וואָס ר׳האָט נישט צוגע-

ווארט, איז האָט זי, אַרייַנבליקנדיק אין פערד-שטאַל, זיך געטשעפּעט צו פיעטרעקן.

— די פערד קלינגען מיט די ציין אָן די לײדיקע זשלויבן אָן דו ליגסט דיר אַזוי אויס ביז די זון וועט אויפגיין!

— צ'רייסט ענק אַזוי, פונקט ווי אַ סראָקע אויף אַ רעגן, ס'גאַנצע דאָרף הערט דאָך! — האָט ער אַ מרוק געטון.

— זאָל עס הערן! זאָל מען וויסן, וואָס פאַר אַ פוילאַק דו ביסט און אַ לײדיקגייער! וואַרט נאָר, לאָז נאָר דער באַלעבאָס אַהיימקומען, וועט ער זיך שוין מיט דיר אַן עצה געבן, חעסט זען! יוזקאַ! — האָט זי ווידער אַ געשריי געטון אין דער אַנדערער זייט פאָדוואַרזש — די קראַסוליע האָט אַ האַרט אייטער, צי פעסט. זאָלסט מיר ווידער קיין העלפט מילך נישט איבערלאָזן! און אייל דיך צו מיט דער מילך, אין דאָרף טרייבט מען שוין אויס די בהמות! וויטעק! נעם דאָס אָנבייסן און טרייב אויס, און פאַרליר מיר אַ שעפּס, אַזוי ווי נעכטן, וועל איך מיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען! האָט זי געהאַלטן אין איין באַפעלן, אַליין זיך פאָרענדיק שנעל, ווי אַ קאַץ; די הינער האָט זי גאַרשטשעס קערנער צוגעוואָרפן, די חזירים, וואָס האָבן הינטער דער כאַלופּע געקוויטשעט, האָט זי אַ צעבערל מיט פרעסן אַרויסגעטראָגן, דעם קאַלב, וואָס מ'האָט עס פון דער מוטער אָוועקגענומען, האָט זי געמאַכט אַ טרונק, זי האָט די קאַטשקעלעך געקאַכטע קאַשע אויסגעשיט און זיי אויפן סטאַוו אַרויסגעטריבן.

וויטעק האָט געקריגן מיט אַ פויסט אין דער פּלייצע און אָנבייסן אין דער טאָרבע אַריין, זי האָט אפילו נישט פאַרגעסן אַן באַטשאַן, אַרויסשטעלנדיק אים אויפן גאַניק אַ ריינדל מיט געכטיקע קאַרטאָפל, און ער האָט זיך צוגעצייעט, אַ גרעגער געטון, און ר'האָט אָנגעהויבן דזשאָבען דערין און אויפגעגעסן. זי איז אומעטום געווען, וועגן אַלץ געדענקט און אויף אַלץ האָט זי געפונען די געהעריקע עצה.

און ווי נאָר וויטעק האָט די קי מיט די שעפּסן אָוועקגעטריבן, האָט זי זיך גענומען צו פיעטרעק', נישט קענענדיק פאַרלײרן, וואָס ער שלעפּט זיך אַרום אָן אַרבעט.

— וואַרף אַרויס דאָס מיסט פון שטאַל! די קי איז הייס באַנאַכט און זיי נאַרען זיך אײַן, ווי די חזירים.

די זון האָט גראָד נאָר-וואָס געהאַט אַפּערגעקוקט פון דער ווייטקייט, אַרומנעמענדיק די וועלט מיט אַ רויט, וואַרעם אויג, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען די קאָמאַרניצעס, וועלכע האָבן אָפּגעאַרבעט פאַר דער ערד, וואָס מ'האָט זיי געגעבן אויף לייאָן און קאַרטאָפּליעס.

זי האָט יוזאַן אַוועקגעשטעלט שיילן קאַרטאָפּליעס, דעם קינד די ברוסט געגעבן, און אַרומדעקנדיק זיך מיטן פאַרטוך, האָט זי אויסגערופן:

— גיב דאָ אַכטונג אויף אַלדינג! און אויב אַנטעק זאָל אַהיימקומען, גיב צו וויסן אויף די קרויט-פעלדער. קומטס, ווייבער, כל-זמן ס'איז נאָך דאָ טוי און ס'איז קילבלעך, מ'וועלן מיר אַ קאַפּ אַרומקאַפּען דאָס קרויט, און נאָכן אָנבייסן וועלן מיר זיך אומקערן צו דער נעכטיקער אַרבעט.

זי האָט זיי אַוועקגעפירט ביז נאָך דער מיל, אויף די נידעריקע לאָנקעס און נאַסע פעלדער, וואָס זענען נאָך גרוי געווען פון טוי און פון צראַפּזונקענדיקע נעפּלען. די טאָרפיקע ערד האָט זיך געבויגן אונטער די פיס, פונקט ווי לעדערנע פּאַסן, און אויף טייל ערטער איז אַזוי זומפּיק געווען, אַז מ'האָט זיי געמוזט אויסמיידן. אין די טיפע ברוזדעס זענען, פונקט ווי אין ראָוועס, געשטאַנען פאַרשימלטע וואַסערן, מיט אַ גרין הייטל פאַרצויגן.

אויף די קרויט-פעלדער איז נאָך קיינער נישט געווען, נאָר טשייקעס האָבן איבער די בייטן אַרומגעקרייזט, און באַטשאַנעס זענען, שאָקלענדיק זיך, געגאַנגען און געגנישטערט. ס'האָט געשמעקט מיט זומפּ און שאַרפקייט פון טאַטאַראַק און רער-שטעקלעך, וואָס זענען מיט גאַנצע קעמפּעס געזועסן אַרום די אַלטע, פלאַטשיקע טאָרפן-גריבער.

— אַ הערלעכע צייט, נאָר דאַכט זיך מיר, עס נעמט אויף אַ היץ — האָט זיך וועלכע אָנגערופן.

— גוט איז, וואָס דער ווינט קילט אַ ביסל.

— וואָרן ס׳איז נאָך פרי, טרוקנט ער נאָך בעסער, ווי די זון.

— מ׳געדענקט שוין לאַנג נישט אַזאַ טרוקענעם זומער! — האָבן זיי זיך פונאַנדערגעשמועסט, שטענדיק זיך צו דער אַרבעט אויף די עטוואָס העכערע קרויט-בייטן.

— ווי ס׳איז אויפגעוואַקסן, טייל וויקלען זיך שוין איין אין קעפּלעך.

— אַז די ווערימטשיסקעס זאָלן נאָר נישט אָפּעסן. עס איז אַ טרוקעניש, קענען זיי זיך נאָך אַ וואָרף טון אויף זיי.

— אוי קענען זיי. און וואָליע האָבן זיי שוין געגעצלעך אָן פּנעפּרעסן.

— אין מאָדליך איז עס ווידער אויסגעטרוקנט געוואָרן. ביז איינס. מ׳האָט געמוזט אויפסניי פּאַרזעצן.

אַזוי האָבן זיי איינגעטענהט, האַקנדיק מיט די מאָטיקעס די ערד און בערגלדיק אויפגעשיט די בייטלעך, וואָס זענען שוין געהאַט שפּאַר אויפגעוואַקסן, אָבער זייער שטאַרק געווען מיט ווילד-גראָז פּאַרוואַקסן, די מילך-בלימלעך האָבן געגרייכט כמעט ביז די קני, און קאַטשן-גראָז און אפילו שטעכעכץ איז אַזוי געדיכט פּאַרלאָזט געווען ווי אַ וואַלד.

— וואָס אַ מענטש פּאַרזייעט נישט, דאַרף עס נישט האָבן, וואַקסט עס אַזוי געדיכט — האָט וועלכע באַמערקט, אָפּ׳לאָזנדיק דיק פון דער ערד עפּעס אַן אויסגעריסענעם ווילדן גראָז-קושאַק.

— ווי איטלעכעס שלעכטס! קיין עבירות פּאַרזייעט קיינער נישט, און ס׳איז פול דערמיט די וועלט.

— וואָרן דאָס איז פרוכטבאַר! מיינע טייערע! כּל-זמן ס׳איז דאָ זינד, אַזוי לאַנג וועט זיין מענטש. מ׳זאָגט דאָך: מ׳זאָל קיין עבירהלע נישט מאַכן, וואָלט נישט געווען וואָס צו לאַכן; אָדער דאָס: ווען ס׳זאָל נישט זיין קיין זינד, וואָלטן מענטשן געפגרט ווי די הינט! דאָס מוז אוודאי צו עפּעס צונוץ קומען,

פונקט ווי דער קזשאַק, וואָרן ביידע האָט פאַן יעזוס באַשאָפן! — האָט יאַגוסטינקאַ אויף איר שטייגער געפּריידיקט.

— דער פאַן יעזוס האָלט דאָרט שלעכטס באַשאַפן! וואָס דען! אַ מענטש איז פּונקט ווי אַ חזיר, אַלץ מוז ער מיט זיין פּיסק אויסנאָרען! — האָט האַנקאַ שטרענג אויסגערופן, אַז זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

די זון האָט זיך שוין געהאַט שפּאָר אויפגעהויבן, און פון די נעפּלען איז שוין קיין זכר נישט געווען, ווי פון דאָרף האָבן זיך ערשט די פויערס אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען.

— אַרבעטאָרערינס! וואַרטן, ביז דער טוי וועט זיך ניי אָפּטרוקענען, זיי זאָלן זיך חלילה די פיסלעך נישט איינבעצן — האָט האַנקאַ חוזק געמאַכט.

— קיינער איז נישט אַזוי גיריק צו דער אַרבעט, ווי עץ!

— וואָרן נישט איטלעכער דאַרף אַזוי האָרעווען, נישט איטלעכער! — האָט זי שווער אָפּגעזיפצט.

— ענקערער וועט אַהיימקומען, וועט עך ענק גוס רוען.

— כ'האָב שוין אַ נדר געטון צו גיין קיין טשענסטאָכאָוו צו דער הייליקער מאַמען, ווען ר'זאָל נאָר אַהיימקומען. דער וואָיט האָט מיר צוגעזאָגט, אַז הייַנט.

— פון רעגירונגס־אַמט ווייסט ער, מוז עס זיין אמת יאָ, עפּעס הייַיאָר פאַרנעמט זיך אַ שפּאָרער עולם קיין טשענסטאָכאָוו. די אָרגאַניסטעכע גייט אויך אַפּנים און זי האָט געזאָגט, אַז דער גלח אַליין פירט די קאָמפּאַניע!

— און ווער וועט אים דעם בויך אונטערטראָגן! — האָט זיך יאַגוסטינקע צעלאַכט. — אַליין וועט ער אים נישט דערשלעפּן אַזאַ שטיק וועגס. ער זאָגט צו, ווי שטענדיק.

— כ'בין שוין עטלעכע מאָל געווען מיט דער קאָמפּאַניע, אָבער כ'וואָלט איצלעכעס יאָר געגאַנגען — האָט די פיליפּקען פון הינטערן וואַסער אָפּגעזיפצט.

— אויף לייַדיק אַרומצוגיין איז יעדער אַ בעלן.

— יעזוס! — האָט זי ווייטער הייס געצויגן, נישט קוקנדיק אויף די שטעכווערטלעך. — טאַטש דער מענטש פילט זיך דאָך, גלייך ער וואָלט אין הימל אַריין געגאַנגען, ס'איז אים עפּעס אַזוי לייכט אויפן וועג און אַזוי גוט. און וואָס פאַר אַ וועלט מען זעט זיך אָן, און וויפיל מ'איז כתּלל! ס'געדויערט איינגאַנצן אַ פּאָר וואָכן, און דעם מענטש דאַכט זיך אויס, ווי ער וואָלט אויף גאַנצע יאָרן פון די צרות און דאגות פּטור געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט דערנאָך אויפסניי געבוירן געוואָרן.

— אמתדיק, גאָטס חסד דערקוויקט דאָס אַזוי! צמת — האָבן טייל צוגעשטימט.

פון דאָרט איז, מיט דער סטעזשקע לעבן טייך, צווישן די גראָזן און די געדיכטע יונגע אָלשינע, עפּעס אַ שיקסל צו זיי געלאָפן. האַנקאַ האָט די אויגן פאַר דער זון פאַרשטעלט, אָבער זי האָט נישט געקענט דערקענען ווער דאָס איז, ערשט פון דער נאָענט האָט זי דערקענט יוזקען, וועלכע איז געלאָפן, ווי ווייט זי האָט געקענט, שרייענדיק שוין פונדערווייטנס און מאַכנדיק מיט די הענט:

— האַנוש! אַנטעק איז אַהיימגעקומען! האַנוש!

האַנקאַ האָט אַ שליידער געטון די מאָטיקע און זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַ פויגל צום פליען, אָבער מיט קוק האָט זי זיך באַטראַכט, אַראָפּגעלאָזט דעם אויפגעשאַרצטן וועלניאַק, און כאָטש ס'האָט זי אונטערגעטראָגן, כאָטש דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט, אַז ס'האָט איר אַ ש אָטעם פאַרפעלט און זי האָט קוים געקענט אַ וואָרט אַויסרעדן, האָט זי רויק, ווי קיינמאָל גאַרנישט, אויסגערופן:

— אַרבעטס עך דאָ אַליין, און אויף אָנבייטן קומטס אין כאַלופּע אַריין.

זי איז אַוועקגעגאַנגען געלאַסן, נישט געאײַלט זיך, אויספרעגנדיק יוזקען וועגן אַלדינג.

די פויערטעס האָבן זיך איבערגעקוקט, ווייענדיק פולשטענדיק באַטראַכט פון איר רויקייט.

— נאָר פּאָר מענטשן איז זי מפֿורסם אַזוי רעק. כּדי ס'זאָל נישט חוזק מאַכן פֿון איר, אַז זי יאָגט זיך אַזוי צום מאַן. יעך וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן! — האָט די יאַגוסטינקע געזאָגט.

— איך אויך נישט! ס'זאָל זיך נאָר אַמאָל אַנטעקן נישט פֿאַרגלוסטן קיין נײַע ליבעס!..

— ר'האָט שוין נישט אונטער דער האַנט יאַגושען, איז אפשר וועט ער אָנווערן דעם חשק.

— מײַנע טײַערע! אַז אַ מאַנצבערשוין פֿאַרשמעקט אַ ספּידניצע, איז ער גרייט אין דער וועלט אַרײַן נאָכצולויפֿן.

— אוי, איז דאָס אמת, אַ בהמה וועט זיך אַזוי נישט צעווילדעווען, ווי וועלכער מאַנספּערשוין טיילמאָל...

זיי האָבן שוין געהאַלטן אין איין באַטשקען, קוים זיך רירנדיק בײַ דער אַרבעט, און האַנקאַ איז אַלץ כּסדר אַזוי געגאַנגען, און ווי מיט באַדאַכט, אײַנגעצעגנהט מיט די אָנגעטראָפֿענע אויפֿן וועג, כאָטשיק זי האָט נישט געוווסט, וואָס זי רעדט און וואָס מען ענטפֿערט איר, ווארן אין קאָפּ האָט זי נאָר דאָס אײַנע געהאַט, אַז אַנטעק איז אַהיימגעקומען און אַז ער וואַרט אויף איר.

— און מיט ראַכאַן איז ער געקומען? — האָט זי זיך געהאַלטן אין איין איבערפֿרעגן.

— נו, מיט ראַכאַן! טאָטש כ'האָב דאָך שוין ענק געזאָגט!

— און ווי אַזוי זעט ער אויס, האַ? ווי אַזוי?

— איך ווייס, ווי אַזוי? ער איז אַרײַנגעקומען און באַלד פֿון דער שוועל אַראָפּ זיך אַ פֿרעג געטון: ווו איז האַנקאַ? כ'האָב געזאָגט, און אַליין בין איך אין דער אותו רגע געלאָפֿן נאָך ענק. נו, און דאָס איז עס!

— ער האָט זיך געפֿרעגט אויף מיר! אַז זאָל דיר פּאַן יעזוס... זאָל דיר... — האָט זי זיך סכּנותדיק געפֿריידט.

זי האָט אים פֿונדערווײַטנס שוין דערזען, ער איז געזעסן

מיט ראָכאָן אויפֿן גאַניק, און דערזעענדיק זי, איז ער אַרויס־
געגאַנגען אַנטקעגן, פֿון הויף אַרויס.

זי איז געגאַנגען צו אים וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער און
וואָס אַמאָל שווערער, אָנכאַפּנדיק זיך אויפֿן וועג באַם פּלויט,
וואָרן די פֿיס האָבן זיך אונטער איר געבויגן, ס'האָט איר אָטעם
פֿאַרפֿעלט, די טרערן האָבן זי געשטיקט, און אין קאָפּ האָט זיך
איר אַזוי געמישט, אַז זי האָט קוים באַוויזן צו רויס־צושטאַמ־
לען:

— דו ביסט עס! דו! — די טרערן האָבן פֿאַרגאָסן
די איבעריקע ווערטער, וואָס זענען מיט פֿרייד אָנגעפּילט גע־
ווען.

— איך בין דאָס, האַנוש! איך! — ער האָט זי פֿעסט
צוגעדריקט צו דער ברוסט, און ר'האָט זי צוגעטוליעט מיט אַזאַ
גוטסקייט און מיטן גאַנצן האַרץ. זי האָט זיך געדריקט צו אים
שוין אײַנגאַנצן אָן באַוווּסטזײַן און נאָר די גליקלעכע טרערן
זענען איר שטראָמענווייז געריגען איבערן בלאַסן פּנים, און די
ליפּן האָבן זיך געטרייסלט. זי האָט זיך אים אײַנגאַנצן, ווי אַ
פֿאַרבענקט קינד אין די אָרעמס איבערגעגעבן.

זי האָט לאַנג קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, און
וואָס האָט זי דען געקענט רעדן און ווי אַזוי עס אַרויסזאָגן, וואָס
אין איר האָט זיך געטון! טאַטש זי וואָלט דאָך אַנידערגעקניט
פֿאַר אים, טאַטש זי וואָלט דאָך דעם שטויב פֿון אונטער אים
אָפּגעקערט, איז דעריבער האָט זיך איר נאָר טייל מאָל פֿון
דער ברוסט עפּעס אַ וואָרט אַרויסגעריסן, פֿלאַנדיק, ווי אַ וויכ־
טיק קערנדל און ווי אַ בלום, וואָס שמעקט מיט פֿרייד און באַ־
טויעט מיט בלוט פֿון האַרץ, און די אויגן די געטרייע און אי־
בערגעגעבענע, די אויגן, וואָס זענען פֿול געווען מיט גרענעצ־
לאָזער ליבע, האָב זיך אים אונטער די טריט געלייגט, ווי די
הינט, איבערגעבנדיק זיך אויף זײַנע פֿאַרלאַנגען און אויף זײַן
חסד.

— זעסט שלעכט אויס, האַנוש! — האָט ער אַ שעפּטש גע־
טון, גלעטנדיק זי צערטלעך איבערן פּנים.

— ווי דען... כ'האָב אַזוי פיל געהאַט אויסצושטיין, אַזוי פיל מיך אויסגעוואַרט...

— די נקבה האָט זיך איבערגעאַרבעט — האָט ראָכאָ זיך אָנגערופן.

— עך זענט אויך דאָ! כ'האָב אינגאַנצן אָן עך פאַרגעסן! — האָט זי אים אָנגעהויבן צו בגריסן און אים קושן, און די הענט, ער האָט גאָר שפּאַסיק אויסגערופן:

— ס'איז קיין וואונדער נישט. כ'האָב ענק צוגעזאָגט אים צו ברענגען, איז האָט עך אים...

— יאָ, כ'האָב אים! כ'האָב! — האָט זי אויסגערופן, בלייבנדיק שטיין אין פלוצלינגדיקער דערשטוינונג פאַר אַנטעקן. ער איז עפּעס ווייסער געוואָרן, אויסגעאיידלט און ר'האָט אַזוי שיין אויסגעזען, אַזוי העלדיש, פּריציש, גלייך ווי לגמרי אַן אַנדערער, זי האָט דאָס נישט געקענט פאַרשטיין.

— כ'האָב מיך דען פאַרענדערט, וואָס דו שליפּיעסט אַזוי אויף מיר?

— ס'הייסט ניין, אָבער ביסט עפּעס אינגאַנצן גאָר אַן אַנדערער.

— וואַרט-צו, כ'וועל גיין אין פעלד אַריין אַרבעטן, וועל איך באַלד צוריק ווערן ווי פריער.

מיטאַמאָל איז זי אַ לויף אַריין געטון אין שטוב נאָכן יינגסטן קינד.

— האָסט עס נאָכנישט געזען! — האָט זי אויסגערופן, אַרויסטראָגנדיק דעם פינאַנדערגעשריגענעם יונג — גיב נאָר אַ קוק, ר'איז ענלעך צו דיר, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

— אַ פעסטער פּראָבעק! — ר'האָט אים אייגגעוויקלט אין דער פאָלע פון דער קאַפּאָטע און צוגעהוידעט.

— ראָכאָ הייסט ער! פּיעטראַס, קום נאָר דו אויך אַהער צום טאַטען — זי האָט אונטערגערוקט דעם עלטערן, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויפגראַבלען אויפן פאָטערס קניען, פלאַפּלענדיק עפּעס, אַנטעק האָט מיט אַ מאָדנער פילבאַרקייט ביידע אַרומגענומען.

— האַרציקע ווערימלעך, טייערע קרישעלעך! ווי פּיעטראַס איז אַ וואַקס אויף געטון, גע, און עפּעס פּלאַפּלט ער אויף זיין לשון.

— אוודאי, און ר'איז אַזאַ עקשן, און אַ'אַ פּיפּיקער. לאָז ער זיך גאָר צוכאַפּן צו דער בייטש, איז באַלד קנאַקט ער מיט איר און טרייבט אַרויס די גענדז — זי האָט אַראָפּגעקניט צו זיי. — פּיעטראַס, זאָג: טאַטאַ! זאָג.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון און ר'האָט נאָך אפילו מער עפּעס געפּלאַפּלט מיט זיין לשון, ציִענדיק דעם פאָטער באַ די האָר.

— יוזקאַ, וואָס גייסטו עפּעס פון מיר אַזוי זייטיק? — קום צו — האָט ער באַמערקט.

— כ'שעם מיך — האָט זי אַ פּישטש געטון.

— קום שוין צו, נאַרעלע, קום! — ר'האָט זי מיט אַ גע-פּיל אַרומגענומען, ברידערלעך. — אַציַנד דאַרפסטו מיך אַלדינג האָרכן, ווי אַ טאַטען. האָב נישט קיין מורא, כ'וועל נישט זיין שטרענג צו דיר, און וועסט נישט האָבן פון מיר קיין שום עוולה.

דאָס מיידל האָט זיך יעמערלעך צעקלאָגט, דערמאַנענדיק דעם פאָטער מיטן ברודער.

— ווען דער וואָיט האָט מיר דערציילט וועגן זיין טויט, איז גלייך ס'וואָלט מיר ווער מיט אַ קלאָניצע דערלאַנגט, ס'איז מיר אַזש פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. אַזאַ טייערער פּראָ-בעק, אַזאַ ליבער ברודער. און ווער וואָלט זיך דאָס געריכט. כ'האָב מיר שוין געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי מ'וועט זיך מיטן גרונט איינטיילן, כ'האָב שוין אפילו וועגן אַ ווייב פאַר זיינעטוועגן געטראַכט — האָט ער שטיל געקלאָגט, מיט אַ טיפער ווייטיק, אַז ראָכאָ האָט אַזש, כדי אָפּצוּווענדן די טרויעריקע גע-דאַנקען פון אַלע, אויסגערופן, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט:

— גענוג איז גוט צו רעדן, און מיר שפּילן שוין די קיש-קעס אַ מאַרש.

— גאָט מיינער, כ'האָב גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, יוזקאַ גיב

גאָר אַ כאַפּ די געלע הענדלעך. טשיפּאָכני! טשיפּ, טשיפּ טשיפּ, טשיפּ! און אפשר פריער עטלעכע אייער, האַ? און אפשר ברויט? ס'איז פריש און נעכטיקע פּיטער? שנייד אָפּ די קעפּ און בריי אָפּ מיט קאָכעדיק וואַסער! כ'וועל ענק באַלד פאַרטיק מאַכן. וואָס פאַר אַ גאַפּ איך בין, כ'זאָל פאַרגעסן!

— לאָז איבער, האַנוש, די הענדלעך אויף שפּעטער, און מאַך עפּעס אַזוינס אויף אונדזער שטייגער. ס'איז מיר שוין אַזוי דערעסן געוואָרן די שטאָטישע מאכלים, אַז כ'וואָלט מיך מיט פאַרגעניגן אַנידערגעזעצט צו אַ שיסל באָרשטש מיט קאַרטאָפל — האָט ער זיך פריילעך צעלאַכט — נאָר פאַר ראַכאַן קאָך אָפּ עפּעס אַנדערש.

— לאָז ענק גאָט באַצאָלן. ס'שמעקט מיך אָן גראָד טאַקיש דאָס אייגענע!

האַנקאַ האָט זיך אַ נעם געטון צוגרייטן, נאָר ווייל די קאַרטאָפליעס האָבן שוין געפּאַרקעט אין טאָפּ, האָט זי נאָר אַרויסגעטראָגן קעלבאַס פון קאַמער צום באָרשטש.

— פאַר דיר, יאַנטאָש, האָב איך איבערגעלאָזט. דאָס איז פון דער מאַטשאָרע, וואָס האָסט דאַמאָלס געהייסן קיילן פאַר פּסח.

— נע, נע, אַ נישקשהדיק שטיקל אַרבעט, נאָר כ'האָף צו גאָט, מ'וועט עס בייקומען. יאָ, ראַכאָ, און ווו זעגען אונדזערע מתנות?

דער אַלטער האָט אונטערגערוקט אַ שפּאָרן פּאַק, פון וועלכן אַנטעק האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען פאַרשידענע זאַכן און איטלעכן באַזונדער איינגעטיילט.

— נאַדיר, האַנוש, דאָס איז פאַר דיר, אַז ס'וועט דיר אַמאָל אויסקומען אין וועג אַריין ערגעץ — ער האָט איר דערלאַנגט אַ וואַלענע טוך, פּונקט אַזעלכע, ווי די אָרגאַניסטעכע האָט געהאַט, אינגאַנצן שוואַרץ און מיט רויטע און גרינע קראַטן.

— פאַר מייגעטוען. ווי דו האָסט עס אַזוי געדענקט, יאַנ-

טאָש — האָט זי מיט אַ טיפֿער דאַנקבאַרקייט אַרויסגע־שטאַמלט.

— באַ, ווען נישט ראַכאַ, וואָלט איך פֿאַרגעסן, אָבער זיי האָבן מיך דערמאָנט און מ׳זענען מיר ביידע געגאַנגען אָפּקלויבן און קויפֿן.

און אָנגעקויפֿט האָט ער שפּאָר, וואָרן דעם ווייב האָט ער נאָך צוגעגעבן אַ פּאָר שיך און אַ זיידן טיכל צום קאָפּ, אַ בלויס מיט געלע בלימעלעך. יוזקען האָט ער אויך אַזעלכעס געגעבן, נאָר אַ גרינס, און שפּיצן און אַ פּאָר שנורן פּאַטשערקעס מיט אַ לאַנגער באַנד צום פֿאַרבונדן, פֿאַר די קינדער ווידער האָט ער געבראַנגט לעקעכלעך און אָרגאַנקעלעך, ר׳האָט אפילו געהאַט פֿאַר דער קאָוואַלאָווע אויך, וואָרן ר׳האָט עפּיס אָועקגעלייגט איינגע־וויקלט אין פּאַפּיר, און ר׳האָט אַפילו אָן וויטעקן נישט פֿאַרגעסן, אויך נישט אָן פּאַראַבעק.

זיי האָבן אַזש אויסגעשריגן פֿון באַוווּנדערונג, ווען מ׳האָט וואָס אַמאָל אַ נייע הערלעכע זאַך באַוויזן, זיי האָבן עס באַקוקט און צוגעמאָסטן מיט אַזאַ שמחה, אַז האַנקען זענען אַזש טרערן געריבען איבערן פֿאַרויטלטן פּנים, און יוזקאַ האָט זיך באַם קאָפּ אָנגעכאַפּט פֿאַר באַוווּנדערונג.

ראַכאַ האָט זיך צעשמייכלט, אַ רייב טוענדיק זיך אין די הענט, אַנטעק ווידער האָט נאָר צוגעפּייפֿט.

— צ׳האָט ענק פֿאַרדינט אויף די מתנות. ראַכאַ האָט מיר דערציילט, ווי אַלץ איז געגאַנגען כשורה אין באַלעבאַטישקייט. לאָזט מיך נאָר געמאַך, כ׳האָב נישט געבראַנגט מ׳זאָל מיר דערפֿאַר דאַנקען — האָט ער אויס־ערופֿן, פֿאַרטיידיקנדיק זיך, וואָרן זיי האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף געטון האַלדזן און קושן.

— ס׳האָבן מיך אפילו קיינמאָל נישט געחלומט אַזעלכע הערלעכקייטן — האָט האַנקאַ מיט טרערן געשעפּטשעט, אָנידער־זעצנדיק זיך צומעסטן די שיך. — זיי זענען אַ דושעבלע ענג, די פֿיס זענען מיר אָנגעלאָפֿן פֿון באָרוועס אַרומגיין, נאָר איפֿן ווינ־טער וועלן זיי פּונקט גוט זיין.

ראָכאָ האָט זיך אָנגעהויב׳ אויספרעגן וועגן דאָרף און וועגן פאַרשידענע ענינים. זי האָט אים נאָר דערציילט איינס איבערן צעבטן, פאַרע דיק זיך אַזוי פלייסיק אַרום דעם עסן, אַז אינגיכן האָט זי פאַר זיי אַנידערגעשטעלט אַ שאַרע שיסל מיט פעט באַשמאַלצענע קאַרטאָפליעס, און נישט קיין קלענערע מיט באָרשטש, אין וועלכן ס׳איז ווי אַ גרויס ראָד, אַ שטיק קעלבאַס אַרומגעשווומען.

זיי האָבן זיך פלינק אַ נעם געטון צום אָנבייסן.

— אָט, דאָס הייסט אַ מאכל — האָט ער פייערלעך אויסגעשריגן — דער קעלבאַס איז זייער געשמאַק. נאָך אַזאַ מעשה דערפילט ערשט דער מענטש עפּעס אַ וואָג אין לייב. נישט ווי מ׳האָט מיך געקעכלט אין דעמדאָזיקן קרימינאַל, אַז ס׳זאָל זיי אין די געדערים דרייען.

— דו האָסט דיך דאָס נעבעך אָנגעליטן הונגער.

— וואָס הייסט, טאַטש כ׳האָב דאָך שוין די לעצטע צייט נישט געקענט אפילו עסן.

— די פויערן האָבן דערציילט, ווי אַזוי מען שפייזט דאָרטן, אַז, אפנים, נאָר אַ הונט, וואָס איז שוין גוט הונגעריק, וואָלט זיך צו אַזאַ עסן געכאַפּט, ס׳איז אמת!

— אוודאי איז עס אמת, אָבער נאָר צום ערגסטן איז געווען, וואָס מען האָט געדאַרפט זיצן פאַרשלאָסן. כל-זמן עס איז געווען קאַלט, איז נאָך געווען מיטצודערליידן, אָבער קוים האָט נאָר די זון אָנגעהויבן צוצוואַרעמען און עס האָט מיר אַ שמעק געטון די ערד, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל שוין משוגע. די פרייהייט האָט מיר געשמעקט, ווי דידאָזיקע קעלבאַסע. כ׳האָב שוין די קראַטן אפילו געפרוווט רייסן. נאָר מ׳האָט מיר געשטערט.

— ס׳איז אמת, אַז מען שלאָגט דאָרט? — האָט זי מיט שרעק געפרעגט.

— מ׳שלאָגט! וואָרן דאָרט געפינען זיך אַזעלכע מיני רוצחים, וועלכע דאַרפן פשוט שוין על פי יושר אַלע טאָג אַרייַנכאַפּן אַ פּאָר שטעקנס. מיך האָט מען זיך נישט דערוועגט אפילו

מיטן פינגער אָנצורירן, האָלט נאָר, יוכע, ווער זיך געפּרווט, וואָלט איך אים געגעבן צו שמעקן, נע!

— פאַרשטייט זיך, ווער האָלט דיך דען גובר געווען, העלד מייַנער, ווער? — האָט זי מיט פרייד צוגעשטימט, אייַנקוקנדיק זיך אין אים און האָכנדיק אויף זייַן מיגדסטן ווונק.

זיי האָבן זיך עפּעס גיך אָפּגעצאַרטיקט מיטן עסן און געגאַנגען שלאָפן אין שייער אַריי, וווהין האַנקאַ האָט זיי שוין געהאַט אָנגעטראָגן איבערבעטן מיט קושנס אויפן תבו..ה-קאַסטן.

— אַם גאָטעס ווילן, טאַטש מ׳וועלן דאָ ווי גריזון צעלאָזט ווערן — האָט זיך ראָכאַ צעלאַכט.

זי האָט שוין גאָרניש געענטפערט, נאָר, פאַרמאַכנדיק נאָ־זיי דאָס טויער, דעמאָלס איז זי ערשט איינגאַנצן פון די כוחות אָפּגעפאַלן און אַוועקגעלאָפן אין גאָרטן אַריין די פּיעטרעשקע פּיעלען. זי האָט זיך אַ ווייַלע אַרומגעקוקט און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. זי האָט געוויינט פון פרייד, זי האָט געוויינט, וואָס די זון האָט זי אין די פּלייצעס געוואַרעמט, וואָס די גרינע ביימער האָבן זיך איר איבערן קאָפּ געוויגט, וואָס די פייגל האָבן געזונגען, וואָס אַלץ האָט אַזוי געשמעקט און געבליט און וואָס איר איז אַזוי גוט געווען, אַזוי שטיל און אַזוי גליקזעליק אויף דער נשמה, ווי נאָך עפּעס אַ הייליקער ווידוי, אָדער גאָר נאָך בעסער.

— ווי דו האָסט עס אַזוי אַלץ געמאַכט, יעזוס! — האָט זי אַרויסגעקרעכצט, אויפהייבנדיק די פאַרטרערטע אויגן צום הימל, מיט דער אויפריכטיקסטער, און לגמרי אומבאַשרייבלעכער דאַנקבאַרקייט פאַר אַזוי פיל גוטס. וואָס האָט זי געטראָפן.

— און ווי פאַרענדערט אַלץ איז שוין געוואָרן! — האָט זי אַ פאַרווונדערטע אויסגערופן, אַ גליקלעכע, כמעט געפילט זיך, ווי אין הימל אַריין גענומען, אַזוי, אַז די גאַנצע צייט, וואָס זיי זענען געשלאָפן, איז זי אַרומגעגאַנגען, קוים זיך איינהאַלטנדיק פון חלשן וליבן גליק. זי האָט געוואַכט איבער זיי, פּונקט ווי

אַ קוואַקע איבער אירע הינדעלעך. זי האָט די קינדער ווייט אין סאַד אַריין אַוועקגעטראָגן, כדי זיי זאָלן נישט אַמאָל קיין געשריי טאָן. זי האָט פון הויף אַלע שטיינער אַרויסגעטריבן, נישט קוקנדיק אפילו, וואָס די חזירים צופּרעסן די יונגע קאַלטאָפל, און די הינער צעגראַבלען די אויפגייענדיקע אוגערקעס. זי האָט אָן דער גאַנצער וועלט פאַרגעסן, אַריינבליקנדיק יעדעס מאָל צו די שלאָפנדיקע.

און דער טאָג האָט זיך עפּעס אַזוי לאַנגווייליק געצויגן, אַז זי האָט זיך שוין נישט געקענט קיין עצה טאָן. וואָרן ס'איז פאַרביי די צייט פון אָנבייס, פאַרביי די צייט פון מיטאָג, און זיי זענען כסדר אַלץ געשלאָפן. זי האָט אַלע צו דער אַרבעט אַרויסגעטריבן, נישט דאגהנדיק אפילו, וואָס מען טוט דאָרט אָפּ אָן איר, היטנדיק נאָר, און טרעטנדיק כסדר פון שייער צו דער כאַלופּע.

אפשר הונדערט מאָל האָט זי די מתנה אַרויסגענומען, צוגעמאָסטן, באַקוקט און אויסגערופן:

— און ווו איז דאָ נאָך אַ צווייטער אַזאַ גוטער, און ר'זאָל אַזוי געדענקען, ווו?

ביז זי איז ענדלעך אין דאָרף אַריין געלאָפן, צו די פרי-ערטעס, און ווען זי האָט נאָר באַמערקט, האָט זי צו אים שוין פונדערווייטנס געשריגן:

— צ'ווייסט, טאַטע מיינער איז דאָך געקימען. ער שלאָפט זיך איצט אין שייער.

און די אויגן און דאָס פּנים האָט בייַ איר געלאַכט, און זי האָט אַזוי אינגאַנצן געאָטעמט מיט פרייד און שמחה, אַז די פריערטעס האָבן זיך אַזש געוווּנדערט.

— ר'האָט זי פאַרכישופט דערדאָזיקער שד, צי וואָס? זי איז דאָך אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ.

— זי וועט זיך דאָס באַלד אָנהייבן בלאָזן, און די נאָז פאַררייסן, צ'וועט זען!

— לאָז זין נאָר אַנטקעגן נעמען צו זיינע פרזערדיקע

זאַכן, וואָס איר שוין דער גוידער ווייכער ווערן — אַזוי האָבן זיי איינגעטעוהט.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט די אַלע ריידעלעך נישט גע־הערט, נאָר, קומענדיק צו לויפן אין דער כאַלופּג אַריין, האָט זי זיך פּאַסט אַ נעם געטון צוצוגרייטן אַ זעטיק מיטאָג, אָבער, דערהערנדיק די געענדז, וואָס האָבן באַם סטאַוו געשריגן, איז זי אַרויסגעפאַלן צו זיי מיט שטיינער איינצושטילן, אַז ס'איז שיער נישט געקומען צוליב דעם צו אַ מחלוקת מיט דער מיל־נערין.

זי האָט גראָד געהאַט דאָס פאַרנאַכט־עסן די מענטשן אויפן פעלד אַרויסגעשיקט, ווי די מאַנספּערשוינען זענען אַריינגעקומען פון שייער. זי האָט זיי צוגעגרייט דאָס מיטאָג פאַרן הויז אין שאָטן און אין דער קילקייט, דערלאַנגענדיק אַפילו בראָנפן מיט ביער, אויף אַ צושפּייז האָט זי אָנידערגעשטעלט אפשר אַ האַלבע זיפּ מיט גוטע צייטיקע ווייַשלען, וואָס זי האָט געבראַכט פון דעם גלחס גאָספּאָדיניע.

— אַ זעטיק מיטאָג, ווי אויף אַ חתונה — האָט זיך ראָכאָ בעוויצלט.

— אַז דער באַלעבאָס איז אַהיימגעקומען, איז נאָך אַ קליי־נע חתונה? — האָט זי אָפּגעענטפערט, פאַרענדיק זיך לעבן זיי, אַליין ווינציק־וואָס עסנדיק.

נאָכן פאַרענדיקן איז ראָכאָ אַוועקגעגאַנגען אין דאָרף אַריין, צוזאָגנדיק צו קומען איבאָווגט, זי ווידער האָט נישט דערייסט דעם מאַן אַ פרעג געטון:

— ווילסט באַקוקן די באַלעבאַטישקייט?

— גוט! שוין איס יום־טוב, מ'זעט זיך דאַרפן אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט! גאָט מיינער, כ'האָב מיך שוין אָפּלו נישט גע־ריכט, אַז כ'וועל אַזוי גיך אַהיימקומען!

ער האָט אָפּגעזופּט און ר'איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט אים קודם־כל אַריינגעפירט אין דער פערד־שטאַל, ווו דריי פערד האָבן געפאָרסקעט, און אין דער פאַרצוימונג האָט זיך אַרומגע־פאָרעט אַ זשרעבאָקל; דערנאָך אין דער ליידיקער בהמות־שטאַל,

דערנאָך ווידער נאָך אין שייער ריין, צום הייעריקן היי; ר'האָט אַפילו אַריינגעבליקט אין די כליווצס און אונטער דער שאָפּע, וווּ עס זענען געשטאַנען פאַרשידענע מכשירים און כלים.

— די בריטשקע וועט מען דאַרפן אַריבערפירן אויף דער קליאַפּיסקע, וואָרן ז'ווערט איינגאַנצן פונאַנדערגעטרוקנט ווערן.

— איין מאָל דען האָב איך עס פּיעטרעקן געזאָגט? וואָס קומט דערויס, אַז ער האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגן.

זי האָט אָנגעהויבן צונויפרופן די חזירימלעך און די עופות, באַרימענדיק זיך זייער מיט דער פאַרמערונג, און ווען ער האָט דאָס אויך געהאט באַקוקט, האָט זי אים באריכות דערציילט וועגן די פעלד-אַרבעטן, ווי וואָס ס'איז געזייעט געוואָרן אין וויפיל פון איטלעכן באַזונדער, קוקנדיק אים דערביי אויפמערקזאַם אין די אויגן אַריין און ווי אַפּוואַרטנדיק עפּעס, אָבער ער האָט זיך דאָס מיט אַ סדר אַלץ אין קאָפּ אַריין גענומען, אויספרעגנדיק זיך נאָר וועגן דעם און וועגן יענעם, און ערשט צום סוף האָט ער אויסגערופן:

— ס'איז מיר אַזש שווער צו גלייבן, אַז דו האָסט דיך דאָס מיט דעם אַלעם געקענט אַן עצה געבן!

— פאַר דייבעטוועגן איז וואָלט איך נאָך מער געקענט — האָט זי הייס אַ שעפּטשע געטון, זייענדיק סכנותדיק צופרידן פון די שבחים.

— ביסט אַ כוואַט, האַנוש, אַ כוואַט! כ'האָב מיך לחלוטין נישט געריכט, אַז דו ביסט אַזעלכע.

— אַז מ'האָט געדאַרפט, איז פאַרשטייט זיך, אַז דער מענטש האָט קיין הענט נישט געזשאַלעוועט. ר'האָט אַפילו באַקוקט דעם סאָד, וואָס איז פול געווען מיט שוין האַלב רויטלעכע ווייַנשלען, און די ביטלעך, ווו ס'זענען געוואַקסן ציבעלעס, פּיעטרושקע און קרויט.

זיי האָבן זיך שוין אומגעקערט אַהיים, ווי, אַדורכגייענדיק לעבן פאַטערס זייט, האָט ער אינעווייניק דורכן אָפענעם פענסטער אַ קוק אַריין געטון.

— און ווו איז עפּעס יאַגנאַ? — האָט ער מיט דערשטויבטע אויגן איבערן ליידיקן צימער אַ פֿיר געטון.

— ווי! באַ דער מוטער! כ'האָב זי אַרויסגעטריבן! — האָט זי, אויפֿהייבנדיק אויף אים די אויגן, האַרט אויסגערופֿן.

ר'האָט צונויפֿגעצויגן די ברעמען, אַ ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט, און פֿאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט ער רויק, ווי נישט ווילנדיק, אַ וואָרף געטון:

— די דאָמיניקאָוואַ איז אַ בייזער הונט, זי וועט אונדז נישט אַדורכלאָזן אָן אַ פּראָצעס.

— זיי זענען שוין אַפּנים נעכטן געלאָפֿן אײַנגעבן אין סאָנד אַרײַן.

— פֿון אײַנגעבן אין סאָנד אַרײַן ביזן אַרויסנעמען אַ כּתב, איז נאָך אַ מהלך רב. אָבער מען דאַרף עס זיך גוט נעמען אין קאָפּ אַרײַן, זי זאָל אונדז נישט אַמאָל אָפּטון עפּעס אַ שטיקל.

זי האָט אים דערציילט, פֿון וואָס דאָס אַלץ איז אַרויסגעקומען און ווי אַזוי ס'איז געשען, פֿאַרשטייט זיך, אויסמײַדנדיק אַ סך זאַכן. ער האָט איר נישט איבערגעהאַקט, נישט אויסגעפֿרעגט, ר'האָט נאָר געקנייטשט מיט די ברעמען און געגלאָצט מיט די אויגן, ערשט דאַמאָלס, ווען זי האָט אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר פֿון אָפּשרײַבעכץ, האָט ער זיך בייסיק צעלאַכט:

— ס'האָט נאָר אַזוי פֿיל די ווערט, וואָס דו קענסט מיט עס הינטער דער וואַנט אַהינטערגיין.

— אוודאי, ס'הייסט ס'איז דאָך דאָס זעלבע, וואָס דער טאַטע האָט איר געגעבן.

— און עס שטייט טאַקע אַ צעבראָכן פּאַסיקל! ווען זי וואָלט געוועזן אָפּגעשריבן באַם ראַיענט, וואָלט עס געהאַט אַ ווערט. פֿאַר אַ געלעכטער האָט זי עס אַ וואָרף געטון!

ר'האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס, גענומען פּיעטרושען אויף דער האַנט און געלאָזט זיך גיין צו דער פּלויט-עפֿענונג.

— כ'וועל נאָר באַקוקן די מעלדער און כ'וועל באַלד צו-

ריקקומען! — האָט ער היבטער זיך אַ וואָרף געטון, און זי איז איבערגעבליבן, כאָטש זי האָט זייער שטאַרק באַגערט מיט אים מיטצוגיין. ער ווידער האָט, אויסמיידנדיק דעם שייער, וואָס איז שוין אויפגעפרישט געווען און געווען פול מיט היי, ר'האָט נאָר זייטיק אויף אים אַ קוק געטון.

— מאַטעוש האָט עס אַזוי אויספּאַראַטן. בלויז שטרוי איז אויפן דאַך פאַרנוצט געוואָרן אַשר דריי בינטלעך — האָט זי נאָך אים נאָכגערופן, שטייענדיק בײַ דער פלויט-עפענונג.

— גוט, גוט — האָט ער אַ מרוקע געטון, ר'איז נישט אַזוי נייגעריק געווען יעדער באַרישקייט צו וויסן. ר'איז דורכגעגאַנגען די קאַרטאָפל, און מיט דער מיעדזע זיך אַוועקגעלאָזט.

היי-יאָר איז אויף די פעלדער פון דער זייט דאָרף כמעט געווען בלויז ווינטער-תבואות, און דעריבער האָט ער ווייניק מענטשן אויפן וועג באַגעגנט, און מיט וועמען ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן, האָט ער קורץ באַגריסט און גיך פאַרבייגעגאַנגען. אָבער וואָס אַמאָל האָט ער לאַנגזאַמער אָנגעהויבן צו גיין, וואָרן פיעטרוש האָט אים אַראָפּגעשווערט און די שטילע, אָנגעוואַרעמטע לופט האָט אים עפּעס אויסטערליש צעבומען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאָ זיך אַנידערגעזעצט, נישט אויפהערנדיק כמעט צו באַקוקן יעדע אייבציקע בייט באַזונדער.

— האָ, האָ! דאָס געל-געוווקס דישעט אויס דעם ליאַן! — האָט ער אויסגעשריגן, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן די בייטן, וואָס זענען געווען בלויז פון די בלומען, אָבער געדיכט דורכגעמישט מיט דעם געל-געוווקס — זי האָט אוודאי געקויפט פאַרפּאַסקודזשעטע זאָמען און עס נישט אויסגעווייעט!

דערנאָך האָט ער זיך צופּגעשטעלט לעבן גערשטן, וואָס איז זייער מאָגער געווען און שוין צוגעברענט, און קוים וואָס מ'האָט אים פון דעם שטעכעכץ רומיאַנעק און שטשאָו אַרויסגעזען.

— זיי האָבן אויף נאַסן גרונט געזייעט! פאַרנאַרעט דאָס פעלד, ווי אַ חזיר! אַז ס'זאָל דיך, יוכע, פאַר אַזאַ באַאַרבעטן

בא די קישקעס דרייען! און ווי די שטשערווע האָט דאָס פאַרבראָנעוועט! בלויזער פערזש און באַדיליעס!

ר'האָט אַ דערצערנטער אַ שפּיי געטון און איז אַרויפגעקומען אויף אַ גרויסן פּאָס קאָרן, וואָס האָט פּונקט ווי אַ וואַסער, אין דער זון געבאָדן, זיך בעוויגט און געלייגט זיך אים צו די פיס, שלאָגנדיק מיט די גרילצנדיקע, שווערע זאַנגען. אַ טיפע פרייד האָט אים אַרומגענומען, וואָרן ס'איז הערלעך געווען אויפגעוואַקסן, ס'האָט געהאַט אַ גראָבע שטרוי און זאַנגען, ווי די בייטשן.

— ווי אַ וואַלד גייט עס אויף! דאָס איז נאָך דעם טאַטנס פאַרזייעכץ! אין הויף אַפילו איז נישט בעסער! — ער האָט פונאַנדערגעקרישלט אַ זאַנג, דאָס קערנדל איז געווען שיין און פול, אָבער גאָר ווייך — אין צוויי וואָכן אַרום וועט צייט זיין מיט דער קאָסע אַראָפצונעמען. דער האָגל זאָל עס נאָר נישט אויסשלאָגן.

אָבער איבערן ווייץ האָט ער זיך צום לענגסטן פאַרהאַלטן און די אויגן אָנגעזעטיקט, וואָרן כאָטש ר'איז נישט געגאַנגען אַזוי גלייך, דאָ גאַנצע קנוילן, דאָ אינגאַנצן אויסגעביסן, אָבער די שוואַרצלעכע, גלאַנציקע פעדערלעך האָבן שוין אַרויסגעגלאָצט געדיכטע און גרויסע זאַנגען.

— ס'שיט זיך נישקשה. מ'דאַרף נאָר ערטערווייז אויסשניידן, ס'איז צו געדיכט. כאָטשביק ס'שטייט אויפן בערגל און ס'האָט עס גאָרנישט געשאַדט פון דער היץ! ריין גאָלד וואַקסט!

ער איז וואָס אַמאָל געגאַנגען ווייטער, אַרויפשטייגנדיק געלאָסן אויף דעם נישט פילבאָרן בערגל, אויף וועלכן ס'איז אויפגעוואַקסן אַ שוואַרצע וואַנט פון וואַלד. דאָס דאָרף איז געבליבן הינטער אים, ווי אויף דער סאַמער דנאָ, עס האָט זיך געבאָדן אין סעדער, און דורך די הפסקות צווישן די כאַלופּעס האָט אַרויסגעגלאַנצט דער סטאַוו, אָדער עפּעס אַ פענסטער האָט זיך אויף דער זון צעשפּילט.

ערגעץ הינטערן צמענטאַרזש האָט מען געשניטן היי, און די קאָסעס האָבן איבער די ערד, ווי די בלויע בליצן געשימערט, אויף אַנדערע ערטער ווידער האָבן זיך גערויטלט די מלבושים פון די פויערטעס. און סטאַדעס ווייסע גענדז האָבן זיך געפּאַשעט אויף די שמאָלע פאַרלעגענע פעלדער, און נאָכן דאָרף האָבן זיך אויף די גרינע קאַרטאָפל-פעלדער מענטשן, ווי די מאַרעווקעס, באַוועגט, נאָך העכער, אין די נישט אָנזעבאַרע ווייטקייטן, האָבן עפעס געמיגעט דערפער, איינזאַמע הייזער, איינגעהויקערטע ביימער איבער די וועגן, אומגעהייערע שטחים פעלדער און דאָס אַלץ האָט אויסגעזען ווי אין אַ בלוילעך און זידנדיק וואַסער פאַרטרונקען.

אַ טיפע שטילקייט האָט אינדערהייך איבער דער ערד געשוועבט, די צעגליטע לופט האָט אונדז געבלענדט מיט איר שימערדיק אָטעמענדיק מיט אַזאַ חמימה, אַז דורך די ווייסלעכע, צעציטערטע פלאַמען איז פון צייט צו צייט אַ באָטשאַן דורכגעפלויגן, שווער זיך טראָגנדיק אויף די פאַרחלשטע פליגל און פאַרמאַטערטע קראָען זענען דורכגעפלויגן.

נישט געזעענע לערכעס האָבן ערגעץ געזונגען, דער הימל איז געהאָנגען הויך, צעפלאַמט און ריין, אַז נאַר ווו-נישט-ווו האָט אויף די בלויע פעלדער עפעס אַ ווייס וואָלקנדל, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע, געוואַכט.

איבער דער ערד ווידער האָט זיך צעשטיפט אַ טרוקענער, און הייסער ווינט, וואַקלענדיק זיך, ווי אַ שיכורער, טייל מאָל אַ ריס טוענדיק מיט אַ געפייף, אַז ר'האָט אונדז פייגל איבערגעשראָקן, אָדער ליגנדיק ערגעץ-ווו פאַרבאָרגן, פלוצלינג אַ זעץ געטון אין די תבואות און צונויפגעקנוילט זיי, צעמישט, איבערגעשטורעמט ביזן דנאָ און ווידער פאַרפאַלן געוואָרן נישט צו וויסן וווהין, און די צעוויגטע ביימן האָבן זיך נאָך לאַנג אין שטיל געסודעט, ווי זיי וואָלטן זיך אויף דעם שטיפער פאַרקלאָגט.

אַנטעק איז געבליבן שטיין הינטערן וואַלד, אויף אַ אומפאַראַקערט שטיק פעלד און ווידער אין כעס געוואָרן.

— נאָך נישט פאַראַקערט! די פערד שטיין אָן אַרבעט.

דאָס מיסט ווערט פאַרברענט אויף דער קופּע און דער זאַרגט זיך אפילו גאָרנישט! אַז ס'זאָל דיך, יאָ! — האָט ער אַ שילט געטון, אַוועקלאָזנדיק זיך ווייטער מיטן וואַלד צום צלם־צו אויפן טאָפּאָלן־וועג אַרויס.

ר'האָט זיך געפילט פאַרמאַטערט, ס'האָט אים גערוישט אין קאָפּ, און דער שטויב האָט אים אין האַלדז געשטיקט, ר'האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטערן צלם אין שאָטן פון די בוזשאָזע־לעך, אַוועקגעלייגט דעם שלאָפנדיקן פּיעטרושן אויף דער קאַפּאָטע, און אָפּווישנדיק זיך דעם געדיכטן שווייס, האָט ער זיך פאַרקוקט אויף דער וועלט און זיך פאַרטראַכט.

די זון האָט זיך שוין גענייגט צו די וועלדער־צו און די ערשטע שרעקעוודיקע שאָטנס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן פון אונטער די ביימער, קריכנדיק צו די תבואות. דער וואַלד האָט עפּעס גערוישט אין דער שטיל מיט די שפּיצן, וואָס האָבן אויף דער זון געפלאַקערט, און די געדיכטע לעשטשענע און אַשינע־קרוינען האָבן געציטערט ווי אין אַ קעלט. דזשענטשאָלן האָבן פאַרביסן געפּיקט, און ערגעץ ווייט האָבן סראָקעס געקראַקעט. טיילמאָל האָט צווישן די מיט מאָך־באַוואַקסענע דעמבעס אַ שימער געטון אַ שפּיל־פויגעלע, גלייך ווי ס'וואָלט עמעצער אַ צונויפגעוויקלט קניילעכל מיט רעגנבויגן אַ וואָרף געטון.

אַ קילקייט האָט אַ בלאָז געטון פון די טונקעלע, שטילע טיפענישן, וואָס זענען נאָר וווּ נישט וווּ פון די זונען־שטראַלן דורכגעריסן געוואָרן.

ס'האָט אַ צי געטון מיט אַ ריח פון שוואָמען, זשיוויצע און גאָלדענע פּעדימלעך.

מיטאַמאָל האָט אַ שפּאַרבער אַ שאָס אַרויס געטון פון וואַלד, אַרומגעקרייזט אין אַ קרייז־פאָרם איבער די פעלדער, אַ סעקונדע זיך אַ וואַקל געטון און אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ דונער, אין דער תבואה אַריין...

צבטעק האָט זיך אַ ריס געטון צו גיין נישט לאָזן, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט, ס'האָט זיך אַ שיס געטון מיט אַ מבול פון פעדערן, דער רוצח איז אַנטלאָפן, די קוראָפּאַטקעס

האָבן זיך יעמערלעך צעשריגן, און עפעס אַ העל אָן איבערגע־שראָקנס איז בלינד אין דער וועלט אַריין געלאָפן, פונדערווייטנס האָט זיך אים נאָר דאָס ווידעלע געוויזן.

— ווי דאָס קוקט זיך אַזוי אָפּ! אַזאַ גוֹלן, יוכע! — האָט ער געשעפּטשעט, צוריק זיך אַנידערזעצנדיק — נאָר וואָס, אַז אַ שפּאַרבער דאַרף דאָך אויך לעבן, און אפילו ס'נישטיקסטע ווערימל. אַזוי איז שוין דער סדר עולם! — האָט ער געטראַכט, באַדעקנדיק פּיעטרושעס פּנימל, וואָרן אַ חברה בינען האָבן איבער עס עקשנותדיק געזוּמט, און עפּעס אַ האַריקער טשמיעל האָט אומאויפהערלעך געראַשט.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ערשט נישט לאַנג נאָך האָט ער זיך געריסן אויף דער פריי, צו די דיקע פעלדער, ווי די נשמה איז אים שיער נישט פון בענקשאַפט אַרויסגעשפּרונגען!

— זיי האָבן מיך אויסגעפייניקט, די שטשערוועס! — האָט ער אַ שעלט געטון, נישט רירנדיק זיך שוין פון אָרט, וואָרן דאָ נישט ווייט פון אים, האָבן פון קאָרן עטלעכע וואַכטלען די קעפּלעך אַרויסגעשטעקט, צוזאַמענרופנדיק זיך אויף זייער שטייגער, אָבער מיטן קוק האָבן זיי זיך באַהאַלטן, וואָרן אַ גאַנצע מחנה שפּאַצן זענען אויף די בזשאָזעס אַרויפגעפאַלן, און נאָמד זיך אויסגעקייקלט, טשוויטשערנדיק אָן אַ שיעור, אָנקלאַפּנדיק זיך און שלאָגנדיק און קריגנדיק זיך, ביז זיי זענען פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, בלייבנדיק זיצן אויף די ערטער, אַ שפּאַרבער האָט ווידער אַרומגעקרייזט און אַזוי נידעריק, אַז זיין שאָטן איז איבער די בייטן געלאָפן.

— ר'האָט ענק דערציילט אַ מעשה, פּיסקאַטשעס! פּונקט אַזוי געשעט אויך מיט מענטשן! נישט מיט איינעם קען מען מער מאַכן מיט מורא, ווי מיט בעטן — האָט ער זיך געטראַכט.

קליינשיקע וואַסער־פייגעלעך האָבן זיך לעבן אים אַריפּן

טעג באַוויזן, זיי האָבן געטרייסלט מיט די ווײדעלעך, צוריקגע-
די זיך אַזוי נאָנט, אַז ווי נאָר ער האָט אַ ריר געטון מיט
דער האַנט, זענען זיי איבערן ראָוו אַנטלאָפן געוואָרן.

גאַראַנים! אַ האָר נאָך, וואָלט איך געווען איינס געכאַפּט
פאַר פּיעטרושען!

קראָען זענען פון וואַלד אַרויסגעקראָכן, זיי האָבן געמאַ-
שירט שורות־ווייז, אויסדזשאָבענדיק, וואָס ס'האָט זיך נאָר
געלאָזט, גאָר דערפילנדיק אַ מענטש, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַר-
זיכטיק, מיט פאַרדרייטע קעפּלעך כאַפּן אַ בליק צו אים און
אַרומגיין, איבערשפּרינגענדיק וואָס אַמאָל נענטער, און שאַרפּנ-
דיק די עקלהאַפטע, רוצחישע שנאָבלען.

— צ'וועט פון מיר גאַרנישט בהנאה זיין — ר'האָט אַ וואָרף
געטון אַ שטיקל ערד, זיי זענען שטיל, ווי די גנבים, אַנטלאָפן
געוואָרן.

דערנאָך ווידער, ווייל ער איז אַזוי געבליבן זיצן ווי פאַר-
שטאַרט, פאַרקוקט אויף דער וועלט און מיט דער גאַנצער
נשמה אין אירע שטימען זיך איינגעהאָרכט, האָבן צו אים
אַלע מיני באַשעפענישן געקריגן אַ חוצפּהדיקן צוטריט; מאָ-
רעוקעס זענען אים אויף די פּלייצעס געקראָכן, שמעטער-
לינגען האָבן זיך אים כּסדר אין די האָר איינגעפּלאָנטערט,
און זשוקעס האָבן אים איפּן פּנים אַרומגעשפּאַצירט, און גרי-
נע אויסגעפּאַשעטע לישאַיעס האָבן זיך אים פלינק אויף די
שטיוול געצויגן, דאָ האָבן אים עפּעס וואַלד־פייגעלעך איבערן
קאָפּ אַ כשוויטשער געטון, און אַ וויעוויורקע, וואָס האָט זיך
פון וואַלד געאיילט, האָט דעם רויטן ווײדל פאַרריסן, שלאָגנ-
דיק זיך מיט דער דעה אין אויגנבליק, צי זי זאָל נישט
קיין שפּרונג טון אויף אים, אָבער ער האָט דערפון אפילו
גאַרנישט געוווּסט, ער איז גאָר געהאַט פאַרזונקען אין עפּעס,
וואָס האָט געשלאָגן פון די אומגעהייערע פעלדער, זעטנדיק אים
די נשמה מיט אַ פאַרשיכורנדיקער און לגמרי אומבאַשרײַבלעכער
זיסקייט.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט זיך צוזאַמען מיט דעם ווינט איבער די תבואות געוואָרפן; גלייך ער וואָלט מיט אַ ווייכעטשקער, פייכטער גראָז־גרינקייט געגלאַנצט; גלייך ער וואָלט געפלאָסן ווי אַ שטראָם איבער די הייסע זאַמדן דורך די לאָנקעס, וואָס זענען דורכגענומען געווען מיט אַ ריח פון היי; דאָ ווידער האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט מיט די פייגל ערגעץ הויך געפלויגן, זייער הויך, איבער דער גאַנצער וועלט און מיט אַן אומבאַגרייפבאַרער מאַכט צו דער זון געשריגן; דאָ איז ער ווידער געוואָרן ווי אַ רוישן פון פעלדער, ווי דאָס וויגן זיך פון אַ וואַלד, די קראַפט און אימפעט פון יעדער מין געוויקס און די גאַנצע מאַכט פון דער הייליקער ערד, וואָס זי געבירט אין געזאַנג און אין פרייד. ער האָט דאַמאָלס אַלץ געוווּסט, נישט נאָר דאָס, וואָס מ'קען זען און פילן, אָנרירן און פאַרשטיין, נאָר אויך אפילו דאָס, וואָס איז אוממעגלעך צו כאַפּן זיך דערויף, און וואָס נאָר אַ טייל נשמות דערזעען דאָס אין דער שעה פון שטאַרבן, און אויך דאָס, וואָס עס קנוילט זיך נאָר אין אַ מענטשלעכן האַרץ, עס ווערט איבערגעפילט און ס'פאַרטראָגט אים אין עפּעס אומבאַקאַנטע געגנטן און דריקט אַרויס זיסע טרערן און מיט נישט אײַנגעשטילטע בענקשאַפטן, לייגט עס אים, ווי מיט שטיינער צו.

דאָס אַלץ האָט זיך געצויגן איבער אים, פּונקט ווי וואָלקנס, אַז איידער וואָס־ווען ר'האָט דאָס גאָר געקענט באַגרייפן, זענען שוין אַנדערע אָנגעקומען, שוין נײַע און נאָך מער אומבאַגרייפבאַרע.

ער איז געווען וואַך, און דער שלאָף האָט זיך אים אין די אויגן ווי מיט מאָן געשיט און אים געפירט ערגעץ איבער פאַרשיידענע מזלות און אין לענדער פון אַנטציקונגען געבּרענגט, אַז ענלעך האָט ער זיך דערפילט, פּונקט ווי בשעת דער האָסטיע־אויפהייבונג, ווען די נשמה דערהייבט זיך ערגעץ און שוועבט אַ קנייענדיקע אין מיני מלאכים־גערטענער, אויף מיני הימלען און גן־עדנס פול מיט גליק.

ער איז דאָך געווען אַ האַרטע נאַטור און נישט קיין גי־

כער געריכט צו ווערן, אָבער אין דידאָזיקע ווונדערלעכע מינוטן איז ער גרייט געווען אויף דער ערד צו פאַלן, צודריקן זיך צו איר מיט די הייסע ליפּן און די גאַנצע ליבע ווערט אַרומצונעמען.

— ס'איז נישט אַנדערש, נאָר די לופט צעגעמט מיך אַזוי! — האָט ער זיך געפּרווט שיצן, רייבנדיק די אויגן מיט דער פויסט און אָנצינענדיק מיט רוגזה די ברעמען, צי האָט ער אָבער דען זיך געקענט גובר זיין, צי האָט ער דען געקענט אין זיך דערשטיקן דעם תענוג, וואָס האָט אים דורכגעגליט?

וואָרן ער האָט זיך ווידער אויף דער ערד דערפילט, אויף זיינע עלטערנס און אור-עלטערנס שטיקל ערד, צווישן אייגענע. איז טאַקע קיין וווּנדער נישט, וואָס די נשמה האָט זיך אין אים אַזוי בעפרייט, און יעדער קלאַפּ פון האַרץ האָט זיך אים אויסגעדאכט, ווי זי רופט אויף דער גאַנצער וועלט שטאַרק חדוהדיק:

— טאַטש כ'בין דאָך ווידער דאָ! כ'בין דאָ און וועל בלייבן!

ער איז אין זיך געשפּאַנט געוואָרן, גרייט צו טראָגן זיך אין דעם בייעם לעבן, מיט וועלכן זיין טאַטע איז שוין געגאַנגען, מיט וועלכן ס'זענען דורכגעגאַנגען זיינע זיידעס און עלטערזיידעס, און פּונקט אַזוי ווי זיי, האָט ער די אַקסלען איינגעבויגן, כדי צו נעמען אויף זיך די שווערע מי און זי צו טראָגן נישט דערשראָקן און אומדערמידלעך אַזוי לאַנג, ביז וואַנען פּיעטרוש וועט אים אין דער רייע נאָך נישט פאַרטרעטן...

— אַזוי מוז שוין זיין! דער יונגער נאָך דעם אַלטן, דער זון נאָך דעם טאַטן, און אַזוי כסדר, כל זמן דיין ווילן איז, דער באַרעמהאַרציקער יעזוס — האָט ער שטרענג געטראַכט.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים אויף דער האַנט און גידעריק אַראָפּגעזונקען זיין בליי-שווערן קאָפּ, וואָרן פאַרשידענע דערינערונגען און רעיונות זענען אים מיט אַ גאַנצער מחנה באַפאַלן, און עפּעס אַ שטרענגע און שטראָפנדיקע שטימע, ווי דאָס וואָלט געווען די שטימע פון געוויסן, האָט אים אָנגעהויבן פריי-

דיקן אירע ביטערע און ווייטיקדיקע אמת, ער האָט זיך געבויגן פאַר איר און אינטערטעניק געוואָרן, מודה זייענדיק זיך אויף אַלע חטאים און עבירות. . .

שווער איז אים פאַרגעקומען דידאָזיקע ווידוי, און זייער ניט גרינג די חרטה, אָבער ער האָט גובר געווען אין זיך די האַרטנעקיקייט, דערשטיקט אין זיך די אַמביציע און די גאווה, קוקנדיק אויף זיין גאַנץ לעבן מיט אומברחמנותדיקע אויגן פון באַוווסטזיין; יעדער ענין זיינס האָט ער איצט דורכגעזען דורך און דורך, דורכנעמענדיק אים מיט זיין פאַרשטאַנד און שטעלנדיק צו אַ שטרענגן משפּט.

— אַ נאַר בין איך געווען, אַט וואָס! אויף דער וועלט מוז זיך גיין מיט זיין סדר! אמת, זייער קלוג האָט מיין טאַטע געזאָגט; ווען אַלע פאָרן אין איין זייט אַריין, איז ווי צו יענעם, וואָס פאַלט פון וואָגן אַראָפּ, ער וועט אונטער די רעדער אַרונטערפאַלן! וועסט צופיס קיין פערד ניט איבעריאָגן! אַז יעדער מענטש מוז אַלץ מיט זיין אייגענעם שכל דערגיין! ניט אייבעמען קאָסט עס צו טייער! — האָט ער טרויעריק געטראַכט און אַ פאַרדריסלעך שמייכעלע האָט אים איבער די ליפּן אַ שוועב געטון.

פון וואַלד האָבן די האָלץ-ווערעם אָנגעהויבן צו גריגערן און די דורכציענדיקע סטאַדעס צו ריטשען.

ער האָט אויפגעהויבן פּיעטרושן און געלאָזט זיך מיט אים גיין מיט דער זייט פון טאָפּאָלן-וועג, אַדורכלאָזנדיק די סטאַדעס, וואָס זענען פון די וואַלד-פּאַשעס געגאַנגען.

אַ שטויב האָט זיך פון אונטער די קאָפּיטעס אויפגעהויבן און ביז איבער די טאָפּאָלן ווי אַ וואָלקן אַרויפגעשלאָגן, און די פון זון-פאַרגאַנג פאַרויטלטע נעפּלען האָבן זיך געוויגט די שווערע, האַרנדיקע קעפּ, און יעדע ווייל האָבן די שעפּסן, וואָס זענען דורך הינטלעך צונויפגעיאָגט געוואָרן זיך צוזאַמענגעקנוילט, וואָרן זיי האָבן זיך נאָר געריסן אין די תּבֿיאות אַריין, וואָס זענען בײַם וועג געשטאַנען; עס האָבן געקוויטשעט די חזירים, וואָס מ'האָט זיי מיט די בייטשן געשמיסן, די קעלבלעך האָבן מיט אַ

געבעטש די פּאַרלוירענע מוטערס געזוכט. עטלעכע פּאַסטוכעס זע־נען אויף פערד געריטן, און די איבעריקע זענען געגאַנגען מיט די סטאַדעס, קנאַלנדיק מיט די בייטש, טומלענדיק און שרייענ־דיק, איינער האָט זיך צעזונגען, אַז ס'האָט זיך אזש אויף ווי ווייט צעטראָגן.

אַנטעק איז שוין געהאַט הינטערשטעליק געבליבן הינטער אַלע, ווי וויטעק האָט אים דערזען, איז ער געקומען צוצולויפן אים באַגריסן און אַ קוש געטון אין דער האַנט אריין.

— ביסט נישקשהדיק, זע איך צוגעוואַקסן! — האָט ער זיך ליבלעך צום שגצל אָנגערופן.

— אמת, וואָרן די הויזן, וואָס כ'האָב אין יעשען געקריגן, זענען מיר שוין ביז די קניען.

— זאָרג דיך נישט, די באַלעבאָסטע וועט דיר געבן נייע, זי וועט דיר געבן! די קי האָבן עפּעס וואָס צו עסן?

— ווו האָבן זיי דאָרט, דאָס גראָז איז אינגאַנצן פאַרברענט, ווען די באַלעבאָסטע זאָל זיי אין שטאַל עפּעס נישט אונטערוקן, וואָלטן זיי אינגאַנצן די מילך אָנגעוווירן. גיטס מיר פּיעטרושן, וועל איך אים אַ קאַפּ איבערפירן אויפן פערד — האָט ער גע־בעטן.

— גיי דאָרט, ר'וועט זיך נישט דערהאַלטן און קען נאָך אַראָפּפאַלן!

— כ'האָב אים דען שוין ווייניק אויף די זשריביע אַרומ־געפירט! כ'וועל דאָך אים צוהאַלטן, דער קליינער חלשט אַזש צו אַ פערדל. — ר'האָט אים גענומען און אים אַרויפגעזעצט אויף עפּעס אַן אַלטער שקאַפּע, וואָס האָט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געשלעפּט, פּיעטרוש האָט זיך אַ כאַפּ אָן געטון מיט די הענטלעך בײַ דער גזשיווע, אַ קלאַפּ געטון מיט די באָרוועסע פּיס־לעך די פערדישע זייטן און מיט פרייד געשריגן.

— אַ כוואַט דאָס איז! מיין טייערער פאַראָבעק! — האָט אַנטעק אַ שעפּטשע געטון. ר'האָט זיך באַלד אַראָפּגעדרייט אין פעלד אריין און מיט די מיעדזעס האָט ער זיך צוגעקריגן צום וועג, וואָס פירט הינטער די שייערן.

די זון איז נאָך-וואָס געהאַט פאַרגאַנגען, און דער גאַנצער הימל איז געבליבן שטיין איינגעטונקען אין גאָלד און אין אַ בלאַסלעכער גרינקייט, דער ווינט האָט אויפגעהערט, די תבואות האָבן די שווערע קעפּ אַראָפּגעהאָנגען, און איבער די טויען האָט זיך געטראָגן דאָס דאָרפס-געטומל און עפּעס ווייטע געזאַנגען.

ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי אָנגעלאָדנט מיט דערינע-רונגען, וואָרן יאַגושיאַ איז אים אויפן זכרון געקומען, ער האָט בסדר באַקאַנט געזען פאַר זיך אירע בלויע אויגן און בליש-טשענדיקע ציין און די רויטע, פולע ליפּן, וואָס האָבן עפּעס אַזוי נאָנט געאָטעמט, אַז ער האָט אַזש אויפגעציטערט און איז שטיין געבליבן. ווי אַ לעבעדיקע איז זי פאַר אים געשטאַנען, ר'האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, ווילנדיק זי פאַריאָגן פון זכרון, אָבער ווי אויף להכעיס איז זי לעבן אים געגאַנגען, זייט בײַ זייט, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, און ווי אַמאָל, האָט זיך אים אויס-געוויזן, שלאָגט פון איר מיט אַזאַ גלוסטיקער היץ, אַז דאָס בלוט האָט אים אַזש אין קאָפּ אַרײַן אַ זעץ געטאָן.

— און אפשר איז טאַקע גוט, וואָס זי האָט זי אַרויסגעיאָגט פון דער כאַלופּע! ווי אַ דזשאַגע האָט זי אין מיר געשטעקט, ווי אַ ווייטיקלעכע דזשאַגע. אָבער וואָס ס'איז געווען, וועט זיך שוין מער נישט אומקערן — האָט ער אָפּגעזיפצט מיט אַן אויס-טערליש פאַרקלעמט האַרץ. — ס'איז נישט קיין אופן געווען. און אויסגלייכנדיק זיך, האָט ער זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— געענדיקט זיך דער שפּיל פאַרן טייוול! — ער איז שוין אַרײַנגעגאַנגען אין הויף אַרײַן.

אין הויף איז געווען טומלדיק און פול מענטשן, מ'האָט זיך געפּאָרעט אַרום די אָוונט-אַרבעטן, יוזקאַ האָט פאַר דער שטאַל די קי געמאָלקן, רייסנדיק זיך מיט אַ קוויטשעדיקן טאָן, האַנקאַ ווידער האָט קלוסקעס אויפן גאַניק פאַרקנעטן.

אַנטעק האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן פּיעטרעקן. וועלכער האָט די פערד געפּאָיעט, און איז אַרײַנגעגאַנגען באַטראַכטן דעם פּאָ-טערס שטוב, האַנקאַ איז אים געקומען נאָכצולויפן.

— מ׳וואָלט געדאַרפֿן צו מאַכן אַן אָרדנונג און מ׳האָט זיך דאָ אַהער איבערצירען. ס׳איז דאָ קאַלך?

— כ׳האָב געקויפֿט נאָך אויפֿן יאַריד, באַלד מאָרגן רוף איך אַהער סטאַכאָן, וועט ער אויסווייסן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף דער זייט וועט אונדז זיין באַקוועמער.

ער האָט זיך עפּעס פֿאַרטראַכט, אַרומקוקנדיק אַלע ווינק־לען.

— ביסט געווען אין פֿעלד? — האָט זי נישט דרייסט געפֿרעגט.

— כ׳בין געווען, ס׳איז אַלץ גוט, האַנוש, איך אַליין וואָלט עס בעסער נישט געמאַכט.

זי איז כּבֿודיק רויט געוואָרן, צופֿרידן זייענדיק פֿון דעם לויבן.

— נאָר פּיעטרעק וואָלט געמעגט גיין פּאַשען חזירים, און נישט אַרבעטן אויף קיין גרונט! אַ גזלה!

— ס׳הייסט, כ׳ווייס דען נישט! כ׳האָב מיך שוין אפֿילו נאָכגעפֿרעגט וועגן אַ נייעם פּאַראָבעק.

— איך וועל אים געמען אין דער האַנט אַריין, און אויב ער וועט זיך נישט האַרכן, וועל איך אים אַרויסיאָגן צו אַלדי־שוואַרצע יאָר!

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער די קינדער האָבן אָנגעהויבן שרייען, איז זי צו זיי אַוועקגעלאָפֿן. אַנטעק ווידער איז אַוועק אין הויף אַריין, אַלץ געניי באַטראַכט, און אַזוי שטרענג, אַז ער האָט נאָר פֿון צייט צו צייט עפּעס אַזאַ וואָרט אַ וואָרף געטון, אַז אויף פּיעטרעקן איז אַזש די הויט געגרויזלט געוואָרן, און וויטעק, מורא האָבנדיק זיך אים אויף די אויגן צו ווייזן, האָט זיך נאָר פֿונדערווייטנס, זייטיק פֿון אים דורכגע־שמוגלט...

יוזקאַ האָט שוין געמאָלקן די דריטע קו, זינגענדיק דאָס אַמאָל הילכיקער:

„שטיי, שיוועליאַ, שטיי!
מילך אין שקאָפּעק גיי!"

— עפּעס רייסטו דיך אַזוי, גלייך ס׳וואָלט דיך ווער פון דער הויט געשונדן! — האָט ער אויף איר אַ געשריי געטון.

— זי האָט ראַפּטום אָפּגעהאַקט, נאָר ווייל זי איז אָבער געווען אַן עקשנטע און אַ נישט אָפּטרעטנדיקע, האָט זי ווייטער געזונגען, נאָר שוין עטוואָס שטילער און ווי עפּעס שרעקעוודיקער:

„די מאַמע האָט דיר געלאָזט איבערגעבן,
זאָלסט מילך אַ כך מיר געבן,
שטיי, שיוווליאַ, שטיי!“

— וואָלסט בעסער פאַרמאַכט דאָס מויל, דער באַלעבאָס איז אין שטוב! — האָט זי האַנקאַ אַנגעזידלט, טראָגנדיק אַ טרונק פאַר דער לעצטער קו — וועסט דיך מיר, דאַכט זיך, באַלד דאָ פאָלגן — האָט זי צוגעגעבן.

ער האָט בײַ איר צוגענומען דאָס צעבערל, און אַנידערשטעלנדיק עס דער קו, האָט ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון:

— רייס דיך, יושיאַ, רייס דיך, וועלן די שטשאָרעס גיכער פון דער שטוב אַנטלויפן...

— כ׳וועל טון דאָס, וואָס מיר וועט געפעלן! — האָט זי רוגזהדיק און אָנגרייפנד אַ וואָרטשע געטון, אָבער, ווי זיי זענען נאָר אוועקגעגאַנגען, איז זי באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, קוקנדיק נאָר אַ ביסל קרום אויפן ברודער און מיט דער נאָז געדרייט.

האַנקאַ האָט זיך איצט געפּאָרעט לעבן די חזירים, שלעפּנדיק אַזוי פלינק די שווערע צעבערלעך מיט פרעסן, אַז ער האָט זי אַזש באַדויערט, האָרן ר׳האָט אויסגערופן:

— לאָזן די שקצים אַריינטראָגן, ס׳איז צו שווער, זע איך, פאַר דיר! וואַרט, כ׳וועל דיר צונעמען אַ שיקסע, וואָרן די יאַגוסטינקע העלפט דיר אַזוי פיל צו, וויפיל דער הונט אין דרויסן. וו איז זי עפּעס הײַנט?

— צו די קינדער איז זי אַװעקגעלאָפֿן, זי מאַכט מיט זיי שלום! אַ שיקסע װאָלט טאַקע גאַנץ גוט צונוצגעקומען, נאָר עס איז אָבער אַ גרויסע הוצאה. כ'װאָלט מיר אַליין אויך אַן עצה געגעבן, אָבער, אַז דו הייסט... דו האָסט צו שאַפֿ... — זי האָט אים פֿון דאַנקבאַרקייט שיִער ניט אין דער האַנט אַריין אַ קוש געטון, אָבער זי האָט נאָר מיט שמחה צוגעװאָרפֿן: — אי מ'װאָלט מער געענדזלעך געקענט צוכאָװען, אי נאָך אַ חזירל האָבן אויף צו פֿאַרקויפֿן!

— האָבן מיר זיך אויף אַ באַלעבאַטישקייט אַנידערגעזעצט, איז דאַרף מען אָנהייבן לעבן װי באַלעבאַטים אַזוי װי ס'פֿלעגט זיך אַמאָל פֿירן, באַ די עלטערן! — האָט ער נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת אַרויסגעזאָגט.

און נאָך דער װעטשערע האָט ער זיך אַרויסגעזעצט פֿאַר דער כאַלופּע, װאָרן ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿצוקומען באַקאַנטע און גוטע פֿרייַנט, באַגריסנדיק אים און פֿרייענדיק זיך מיט זיין אַהיימקומען.

געקומען איז מאַטעוש מיט גזשעלען, דעם װאַיטס ברודער, עס איז געקומען סטאַכאַ פּלאָשקאַ, קלאָנב מיטן זון, דער ברודערנזון אַדאַם און אַנדערע.

— מ'האָט געװאַרט אויף דיר, װי אויף אַ ישועה! — האָט גזשעלאַ אויסגערופֿן.

— װאָס האָב איך געזאָלט טון, אַז ז'האָבן מיך געהאַלטן און געהאַלטן, װי די װעלף! אַז ס'איז קיין אופֿן ניט געװען זיך פֿון זיי אַרויסצורייסן!

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּריזבע, אין שאָטן, אײַן ראָכאַ נאָר איז געזעסן אונטער פֿענסטער אין דער ליכט, װאָס האָט זיך מיט אַ ברייטן פּאַס ביז אין סאָד אַריין אויסגעגאָסן.

ס'איז געװען אַ שטילער אָװנט, װאַרעם און אָן אַ װינטער אַרויסגעשטערנט. צװישן די ביימער האָבן די פֿייערלעך פֿון די כאַלופּעס אַרויסגעלויכטן, דער סטאַװ האָט פֿון צייט צו צייט אַ

מרוטשע געטון, ווי אָפּזיפּצנדיק, און אומעטום האָבן זיך מענטשן הינטער די ווענט געקילט.

אַנטעק האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן פאַרשידענע זאַכן, ווי ראָכאָ האָט אים פּלוצלינג איבערגעריסן:

— צ׳ווייסט, דער נאַטשאַלניק האָט אָנגעזאָגט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום דאַרף זיך ליפּצע צונויפנעמען און באַשליסן וועגן אַ שקאָלע!

— וואָס גייט עס אונדז אָן, זאָלן זיך די טאַטעס זאָרגן! — האָט זיך פלאָשקאָ אַרויסגעכאַפּט, אָבער גזשעלאַ איז אויף אים אויפגעזעצן:

— ס׳איז גרינג אויף די טאַטעס אַזוי אַלץ אַרויפצולייגן, און אַליין זיך אויסצולייגן מיטן פּאָמפּ אַרויף! טאַקע דעריבער, וואָס קיינער פון די יונגע וויל זיך וועגן גאָרנישט דעם קאָפּ ברעכן, זעט דאָס דאָרט אַזוי גוט אויס!

— מ׳וועט מיר אָפּשרייבן דעם גרונט, וועל איך מיך דאַמאָלס דאַגעהן.

ב׳האָט זיך שטאַרק גענומען אַמפּערן וועגן דעם, ביז אַנטעק האָט זיך אַריינגעמישט.

— וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ שקאָלע אין ליפּצע מוז זיין, נאָר אויף אַזאַ מין, וואָס דער נאַטשעלניק וויל, דאַרף מען קיין גראָשן נישט געבן.

ראָכאָ האָט אים אונטערגעשטיצט, סטראַשענדיק זיי, אַז אַנדערנדיק זיך אַקעגנצושטעלן.

— צ׳וועט צאַפּשטימען צו גילדן, און דערנאָך וועט מען ענק הייסן צוגעבן צו רובל... און ווי אַזוי איז געווען מיטן באַשטימען אויף אַ הויז פאַרן סאָנד, האַ? זיי האָבן זיך ווי אויסגעפּאַשעט פאַר ענקער געלט. ס׳איז זיי נישקשהדיקע בייכער אויפגעוואַקסן!

— יעך וועל שוין זיין דערין, אַז די גראָמאַדע זאָל נישט צאַפּשטימען — האָט גזשעלאַ אַ מורמל געטון, צוזעצנדיק זיך צו ראָכאָן, וועלכער האָט אים אָוועקגעגעבן אָן אַ זייט, און געבנ-

דיק אים עפּעס שריפּטן און בּכיעך, אים שטיל און עפּעס חיכ־טיק געפּריידיקט.

די איבּעריקע האָבּן נאָך גערעדט צווישן זיך וועגן דעם און וועגן יענעם, נאָר עפּעס ווי פֿאַרשלאָפֿן און נישט מיט קיין גרויס חשק. אפֿילו מאַטעוש איז עפּעס היינט געווען אומעטיק, ווייניק זיך אָנגערופֿן, און נאָר זייטיק אַנטקעגן מיט די אויגן נאָכגעגאַנגען.

זיי האָבּן זיך שוין געהאַלטן בּאַם פֿונאַנדערגיין, וואָרן מ׳האָט זיך דאָך געדאַרפֿט מיטן טאָג צוגלייך צו דער אַרבּעט אויפֿהייבּן, ווי דער קאָוואַל איז געקומען צו לויפֿן, בּאַקלאָגנדיק זיך אַז ער קומט ערשט פֿון הויף צו פֿאָרן, און ער האָט דאָס גאַנצע דאָרף און אַלע אין דער וועלט געשאָלטן.

— וואָס האָט עס ענק ווידער אַ בּיס געטון? — האָט האַנ־קאַ, אַרויסבּליקנדיק דורכן פֿענסטער, געפֿרעגט.

— וואָס? ס׳איז אַ חרפּה אויסצוזאָגן, אַ חבֿרה טראַמבּעס זענען זיי אונדזערע פֿויערן, נישט מער! דער דזשעדזשיץ האַנדלט מיט זיי ווי מיט מענטשן, ווי מיט בּאַלעבּאַטים, און זיי — ווי די נעבּדז־פּאַסטוכעס! זיי האָבּן שוין אַלע געהאַט אָפּגעמאַכט מיטן דזשעדזשיץ, אַלע זענען שוין געווען איינשטימיק, און ווען ס׳איז געקומען צום אונטערשרייבּן, איז אייבּער קראַצט זיך אין קאָפּ און מרוטשעט: יעך ווייס! דער צווייטער זאָגט: כ׳על מיך נאָך פֿרעגן דעם ווייבּ; דער דריטער ווידער הייבּט אָן סקאָמליען, אַז מ׳זאָל אים נאָך צוגעבּן דאָס קליינע לאָנקעלע דערלעבּן. און ביי מאַך מיט אַזעלכע. דער דזשעדזשיץ איז אַזוי אין כּעס גע־וואָרן, אַז ער וויל שוין אפֿילו נישט הערן און געדענקען וועגן קיין שלום, און ר׳האָט אָפּליק בּאַפֿוילן, אַז מ׳זאָל די ליפּצער בּהמות נישט אַרויסלאָזן אויף די וואַלד־פּאַשעס, און ווער ס׳וועט אַרויסטרייבּן, זאָל מען פֿאַרנעמען.

זיי זענען אַזוי אויפֿגערעגט געוואָרן פֿון דערדאָזיקער אומ־געריכטער ידיעה, שעלטנדיק די שולדיקע דע־ין, און וואָס אַמאָל מער קריגנדיק זיך צווישן זיך, ווי מאַטעוש האָט זיך טרויעריק אָנגערופֿן:

— אַלץ קומט דערפֿון, וואָס דאָס פֿאָלק איז פֿאַרבלענדזשעט און פֿאַרנאַרישט, ווי די אָקסן, און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיי צום שכל דערפֿירן!

— ווייניק האָט מיכאל אין זיי, אין איטלעכן באַזונדער אַריינגערעדט?

— וואָס מיר מיכאל! ער יאָגט זיך נאָר נאָך זיין ריווח און ר'האַלט מיטן הויף, איז פֿאַרשטייט זיך, אַז דער עולם גע־טרויעט אים נישט. זיי הערן אים אויס, אָבער פֿאָלגן וועלן זיי אים נישט...

דער קאָהאַל איז אויפֿגעשפּרונגען, הייס פֿאַרשטעלנדיק, ווי אַזוי אים גייט נאָר אין גוטס פֿון דאָרף, ווי ער לייגט נאָך צו זיין אייגנס, אַבי נאָר דעם שלום דורכצופֿירן.

— זאָלסט אפֿילו מאַכן אַ צלם, וועט מען דיר אויך נישט גלייבן — האָט מאַטעוש אַ מרוק געטון.

— נו, זאָל אַן אַנדערער פּרוּוון, וועלן מיר זען, צי ער וועט זיך אַן עצה געבן! — האָט ער אויסגערופֿן.

— געוויס, אַז אַן אַנדערער דאַרף זיך צו דער זאַך נע־מען.

— נאָר ווער? אפֿשר דער גלח אָדער נאָר דער מיל־נער? — האָבן זיך שפּאָטישע קולות געלאָזט הערן.

— ווער? אַנטעק באָרינאַ! און אויב ער וואָלט שוין דעם דאָרף קיין שכל נישט אויסגעלערנט, איז דאַרף מען זיך שוין אויפֿן גאַנצן עסק אויספֿייפֿן...

— וואָס עפּעס איך? ווער וועט מיך דען האָרכן, האַ? — האָט ער אַ צעמישטער געשטאַמלט.

— דו האָסט שכל, ביסט איצט דער ערשטער אין דאָרף, וועלן דיך אַלע האָרכן.

— אמת! פֿאַרשטייט זיך! נאָר דו אייבער! מיר וועלן דיר נאָכגיין! — האָבן זיי געשטורעמט גערעדט. אָבער דעם קאָ־וואַל האָט דאָס עפּעס נישט געשמעקט, וואָרן ער האָט זיך אומ־רויִק אַ דריי געטון, אַ ציפּ געטון די וואָנסע און גיפּטיק זיך צע־לאַכט, ווי נאָר אַנטעק האָט אַ זאָג געטון:

— נישט קיין הייליקן קלעבן דאָך סעפּ, קען איך דאָך אַ פּרווו טון, מ'וועט זיך הלכן ס'איז טאָג וועגן דעם באַראַטן.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין, אָבער איטלעכער באַזונדער האָט אים נאָך אין אַ זייט אַריין אָוועקגענומען, צוזאָגנדיק אים נאָכצוגיין, און קלאָנב האָט אים נאָך דאָס געזאָגט:

— איבערן פאָלק מוז שטענדיק עמעצער הערשן אַזעלכער, וואָס האָט אַ פאַרשטאַנד, אַ קראַפט און אַ אַן ערלעכן מיין.

— און ער וועט זיך אַן עצה געבן, ווי עס געהער צו זיין, און אפילו מיט אַ שטעקן די זשעברעס אָנטאַפּן אויך! — האָט זיך מאַטעוש צעלאַכט.

זיי זענען זיך צעגאַנגען. אונטערן פענסטער איז נאָר איבערגעבליבן אַנטעק מיטן קאָוואַל, וואָרן ראָכאָ האָט געקניט אויפן גאַניק, פאַרזונקען אין זיינע תפילות.

זיי האָבן זיך לאַנג מיישב געווען אין אַ טיף שטילקייט.

אַזוי, אַז מ'האָט נאָר האַנקען געהערט, ווי זי פאַרעט זיך אַרום איבער דער שטוב; זי האָט אויפגערודערט דאָס בעטגעוואַנט, איבערציענדיק עס מיט ריינע ציכלעך, דאָ האָט זי זיך לאַנג געוואַשן, ווי אויף עפּעס אַ גרויסן יום טוב, און דערנאָך האָט זי, צעקעמענדיק זיך די האָר אונטערן פענסטער, אַרויסגעבליקט אויף זיי, וואָס אַמאָל מיט מער אומגעדולד, אויפמערקזאַם אויפשטעלנדיק די אויערן, ווי דער קאָוואַל האָט אים שטילערהייט געשמועסט אַז ער זאָל דאָס עסק לאָזן געמאַך, וואָרן מיט די פויערן וועט ער קיינמאָל צו קיין סוף נישט קומען, און אַז דער דזשעדזשיץ איז קעגן אים.

— ס'איז נישט אמת! ר'האָט פאַרן געהאַפּט אין סאָנד! — האָט זי דורכן פענסטער אַ וואָרף געטון.

— אַז צ'ווייסט יאָ בעסער, איז לאָמיר בעסער רעדן וועגן עפּעס אַנדערש... ר'איז געווען בייז ווי אַ הונט.

אנטעק האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסציענדיק זיך שלעפעריק.

— דאָס קען איך דיר נאָך זאָגן אויף צום סוף; מ׳האָט די נאַר ארויסגעלאָזט ביז די ספּראַווע, אמת? וועסט דיך אַריינמישן אין פרעמדע געשעפטן, איז ווייסטו, ווי אַזוי מ׳וועט דיך פאַרמשפּטן?...

אַנטעק האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט און זיך אַזוי שטאַרק פאַרטראַכט, אַז דער קאָוואַל איז, נישט דערוואַרטנדיק זיך שוין אויף קיין ענטפער, צו זיך אַהיימגעגאַנגען.

האַנקאַ האָט זיך געדרייט לעבן פענסטער, כסדר ארויסקוקנדיק צו אים, ער האָט נישט געהערט, האָט זי זיך ענדלעך צו אים שרעקעוודיק און ווי מיט געבעט אָפּגערופן:

— קום, יאַנטאַש, ס׳איז צייט צו גיין שלאָפן... האָסט דיך היינט נישט ווייניק אָנגעמאַטערט...

— כ׳גיי, האַנוש, כ׳גיי... — ער האָט זיך שווערלעך אונטערגעהויבן.

זי האָט זיך אָנגעהויבן גיך אויסציִען, שעפּטשענדיק מיט ציטערדיקע ליפּן פּאַטשערזש.

— און אַז מ׳וועט מיך פאַרמשפּטן אויף סיביר, איז וואָס? — האָט ער אַריינגייענדיק אין שטוב, פאַרדאַגהט געטראַכט.

V.

— פּיעטרעק, בּרענג נאָר אַריין אַ פּאָר העלצלעך — האָט האַנקאַ, וועלכע איז געווען אינגאַנצן פאַרפּאַטשקעט און פאַר־מעליקט באַם בּרויט מאַכן, פון פאַרן הויז אַ געשריי געטון.

אין דעם באַק־אויוון האָט שוין געברוישט אַ פעסט פייער, זי האָט אים אַלע מאָל דורכגעשאַרט. זי איז געלאָפן אויסאַר־בּעטן די ברייטלעך און אויפן גאַניק זיי אַרויסטראָגן, אויף אַ ברעט, וואָס האָט עטוואָס אויף דער זון אַרויסגעשטאַרט, כּדי זיי זאָלן בּעסער יערן. זי האָט זיך זייער פלינק געפּאַרעט, וואָרן דאָס טייג איז שוין כּמעט איבּערגעלאָפן פון דער גרויסער דזשידזשע, וואָס איז געווען איבּערגעדעקט מיט אַן איבּער־בּעט.

— יוזקאַ, וואַרף צו האָלץ אין אויוון אַריין, וואָרן ער איז נאָך שוואַרצלעך!

אָבּער יוזקאַ איז נישט געווען, און פּיעטרעק האָט זיך אויך נישט אַזוי געאײַלט צו האָרכן, ער האָט אין הויף געלאָדנט

מיסט, ארומגלעטנדיק דעם פול אָנגעלייגטן וואָגן, אַז ער זאָל זיך אויפן וועג נישט צו צעשיטן, און זיך רוק איינגעטונקט מיטן בליינדן דזשאַד, וואָס האָט בײַ דער סטאַדאָלע שטרוי־גאַר־טלען אָפּגעפּלאַכטן.

די ביכמיטאָנדיקע זון האָט נאָך אַזוי געבאַקן, אַז פון די ווענט איז געריבען זשיוויצע, די ערד האָט געברייט, און די לופט האָט געפּרעגלט, ווי מיט פלאַם־פייער, אַז ס׳איז שווער געווען זיך אַ ריר צו טון. פליגן האָבן זיך נאָר מיט אַ געזום אַרום וואָגן געדרייט, און די פערד, איז אַ וואונדער, וואָס זיי האָבן די שטריק נישט צעריסן און זיי פיס נישט צעבראָכן, וואַרפנדיק זיך און אָפּיאָגנדיק, נישט צו קריגן קיין ביס.

איבערן הויף איז געהאָנגען אַ שלעפעריקע, דערדריקנדע חמימה, דורכגעזאַפּט מיט דעם שאַרפן ריח פון מיסט, אַז אפילו די פייגל זענען אַנטשוויגן געוואָרן, די הינער זענען אונטער די פלויטן געלעגן, ווי נישט לעבעדיקע, און די חזירימלעך האָבן זיך מיט אַ געקרעכץ אין דער בלאָטע לעבן דער ברונעם געגנאָ־רעט, ווי דער דזשאַד האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרעקלעך צו ביסן, וואָרן פון דער שטאָל האָט נאָך שטאַרקער אַ צי געטון.

— צו געזונט אייך, דזשאַדעשי!

— נישט פון קיין רויך־גאַס בלאָזט עס, און כאָטשיק איך בין געוווינט דערצו, אָבער ס׳האָט מיר אַ דריי געטון אין דער נאָז נאָך ערגער ווי טאַבאַק.

— צו וואָס אָבער איינער איז צוגעוווינט, שמעקט עס אים!

— ביסט אַ נאַר, וואָסי, נאַר צואה שמעק איך דען אויס אויף דער וועלט!...

— אַזוי איז עס, וואָרן כ׳האָב מיך דערמאָנט, אַז אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין דזשאַדושקע*) בײַ די זעלבער, ווען ער

*) א גבעגדלדיקער, לערער

האָט מיר בשעתן לערנען ס׳ערשטע מאָל אַ שמ״ר געטון איבערן פּיסק...

— און האָט דיך דערצו צוגעוויינט, האַ? כי! כי! כי!...

— גייטס שוין, ס׳איז מיר גיך צוגעגעסן געוואָרן אַזאַ מין לערע, אַז כ׳האָבן אַמאָל דערקנאַסט די שטשערווע ערגעץ אין אַ ווינקל, האָב איך אים אַזוי דעם פּיסק צעקיילט, אַז ער איז אויש געשוואָלן געוואָרן, ווי אַ באַניע. ער האָט מיך שוין דערנאָך נישט געשלאָגן...

— האָסט לאַנג געדינט?

— גאַנצע פינף יאָר! כ׳האָב מיך נישט געהאַט פאַרוואָס אויסצוקויפן, האָב איך געמוזט שלעפּן אויף מיר די ביקס. נאָר מתחילת, כל־זמן כ׳בין געווען אַ שוטה, האָט מיר יעדער אַריינבעלייגט, ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט, און כ׳האָב מיך אָנגעליטן צרות, אָבער די קאַמראַטן האָבן מיך אויסגעלערנט, אַז, אויב ס׳האָט מיר עפּעס געפעלט, האָב איך צוגעגנבעט, אָדער עפּעס אַ שיקסע, אַ דינסטמיידל, האָט געגעבן, ווייל כ׳האָב צוגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן! און ווען זיי האָבן מיר צוליב די קאַרטאָפליעס אַ צונאָמען געגעבן, און ווען זיי האָבן געלאַכט פון מיין לשון און פון מיין פאַטשערזש...

— אַזעלכע פאַרשטונקענע געצנדינער, פון פאַטשערזש האָבן זיי געלאַכט.

— איז האָב איך איטלעכן באַזונדער די זשעבערעס אָנגעטאַפּט, האָבן זיי אויפגעהערט!

— טה, אַזאַ גבור ביסטו דאָס!

— יאָ גבור, נישט גבור, אָבער מיט דריי וואָלט איך מיר אַן עצה געגעבן! — האָט ער זיך מיט אַ שמייכל באַרימט.

— ביסט געווען אויף די מלחמה, האַ?

— ווי דען, כ׳האָב דאָך געקעמפט מיט די טערקן. מ׳האָבן מיר זיי פולשטענדיק מנצח געווען!

— פּיעטרעק, וווּ איז זשע דאָס האָלץ — האָט האַנקאַ ווידער אַ געשריי געטון.

— דאָרט, וווּ ס'איז פריִער געווען! — האָט ער אונטער דער נאָז אָפּגעוואָרטשעט.

— טאַטש די באַלעבאָסטע רופט דאָך דיך — האָט אים דער דזשאַד פאַרגעהאַלטן.

— זאָל זי רופן, וואָס דען, כ'וועל איר נאָך אפשר די כּלים אויך וואַשן!

— ביסט טויב, צי וואָס? — האָט זי אַ קוויטש געטון, אַרויסלויפנדיק פון הויז.

— איך וועל אין קיין אויוון נישט הייצן, כ'האָב מיך נישט אויסגעדונגען דערצו! — האָט ער אָפּגעענטפערט.

זי האָט אויף אים געעפנט אַ מויל אויף איר שטייגער.

אָבער דער פאַראַבעק האָט איר זייער חוצפּהדיק געענטפערט, נישט האַבנדיק אין זינען זי אפילו צו האָרכן, און ווען זי איז אים מיט עפּעס אַ וואָרט צו שטאַרק פאַרפאָרן, האָט ער אַרייַנגעשטעקט די ווידלע און מיסט און מיט כּעס אויסגערופן:

— צ'האָט דאָ נישט צו טון מיט יאַגנען, צ'וועט מיך מיט קיין שרייען נישט אַרויסטרייבן.

— וועסט שוין זען, וואָס כ'וועל דיר טון! וועסט מיך האָבן צו געדענקען! — האָט זי אים געסטראַשעט, ביזן ביין געטראָפן, און שוין אַ דערצערנטע האָט זי זיך אַזוי אַרום ברויט געפּאָרעט, אַז אַ וואָלקן פון מעל האָט די שטוב אָנגעפילט און אַרויסגעזעצט דורכן פענסטער. זי האָט נאָר געמורמלט עפּעס אויף דעמדאָזיקן עזות-פּנים, אַרויסטראָגנדיק די ברויטן אויפן באַניק דאָ צוואַרפנדיק אַ פּאָר העלצלעך אין אויוון אַרייַן, אָדער אַרויסכאַפּנדיק אַ בליק צו די קינדער. זי איז שוין פאַרמאַטערט געווען פון דער אַרבעט און פון דער חמימה, וואָרן אין שטוב האָט אַזש געשמעקט די היץ, און אין פעדערהויז, וווּ ס'האָט געפּלאָקערט אַ פייער אין באַק-אויוון, האָט מען אויך קוים גע-

קענט אויסהאַלטן, דערצו האָבן נאָך די פֿליגן פֿון װעלכע די װענט זענען שוואַרץ געװען, אומאױפֿהערלעך געזומט און זייער לעסטיק געביסן, האָט זי כמעט מיט אַ געװיין זיך מיט אַ צװייג אָפּגעיאָגט. זי איז שוין אַזוי דערשוויצט געװען און אַזוי צעריצט, אַז זי האָט װאָס אַמאָל פֿאַמעלעכער און אומגעדולדיקער געאַרבעט.

זי האָט גראָד דאָס לעצטע ביסל טײג אױסגעקנעטן, װי פּיעטרעק איז פֿון פֿאָדװאָרזש אַרױסגעפֿאָרן.

— װאַרט, כ'װעל דיר געבן עפּעס צו עסן!

— פּררר! כ'על טאַקיש עסן, ס'דרייט מיר שוין בישקשה דיק אין בויך נאָכן מיטאָג.

— האָסט געהאַט װײניק?

— אײ... מאָגער עסן, לויפֿט עס אַדורך דורכן בויך, װי דורך אַ זיפּ.

— מאָגער! קוקטס אים אָן! װאָסי, פֿלייש װעל איך דיר געבן? כ'עס אַליין אױך נישט קיין קעלבאַס אין די װיבקלען. אַנדערע האָבן פֿאַר שניט-צײַט דאָס אױך נישט. גיב נאָר אַ קוק, װי אַזוי די קאָמאָרניצעס לעבן.

זי האָט אַנידערגעשטעלט אױפֿן באַניק אַ דזשיזשקעלע זױערע מילך און אַ לאַבן ברויט.

ער האָט זיך גיריק אַנידערגעזעצט צום עסן און פֿאַמעלעך זיך אונטערגעהאַקט, צוװאַרפֿנדיק טיילמאָל צו שטיקלעך ברויט דעם באַטשאַן, װאָס האָט זיך געבראַנגט צו שלעפּן פֿון סאָד און אים אָפּגעהיטן, װי אַ הונט.

— מאָגער, בלויז סערוועסקע — האָט ער געמורטשעט, אונטערלעבנדיק זיך שוין אַ ביסל.

— און אפשר װאָלסטו געװאָלט סאַמע סמעטענע, װאַרט צו אַ ביסל.

און װען ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעלייגט צו דער זעט און באַ די לייצן אָנגעטומען, האָט זי אים, װעלנדיק אַ טשעפּע טון, אַ װאָרף געגעבן:

— שטעל דיך צו יאַגושען, זי וועט דיר געבן פּעטע צו פּסן.

— אודאי, וואָרן כּל־זמן זי איז דאָ געווען באַלעבאָסטע, איז קיינער פון קיין הונגער נישט געשטאָרבן — ער האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד מיט דער בייטש, דעם וואָגן מיט די אַקסלען אונטערגעשפּאַרט, און פון אָרט גערירט.

ר'האָט איר פּונקט געטראָפן אין שוואַכן אָרט אַריין, אָבער נאָך איידער זי האָט זיך אים פאַרקליבן צו ענטפערן, איז ער אַוועקגעפאָרן.

די שוואַלבן האָבן זיך צעטשוויטשערט אונטערן דאַך, און אַ סטאַדע טויבן זענען מיט אַ וואָרקען אויפן גאַניק אַראָפּגעפאַלן, און ווען זי האָט זיי אַראָפּגעטריבן, האָט זיך דערטראָגן צו איר עפּעס אַ קוויטש פון סאַד, זי האָט זיך דערשראָקן, זי האָט געמיינט, אַז די חזירים נאָרען איבער די ציבעלעס, אָבער צום גליק האָט דאָס נאָר אַ שכניש חזיר אונטערן פּלויט זיך געגראָבן.

— שטעק נאָר אַריין דעם פּיסק, און צענאָרע, וועל איך דיר שוין דערציילן אַ מעשה.

און ווי זי האָט זיך נאָר־וואָס צוריק געהאַט גענומען צו דער אַרבעט, ווי דער באָטשאַן איז אַ האָצקע אַרויף געטון אויפן גאַנעק, צוגעצייעט זיך אַ קאָפּ, און צוקוקנדיק זיך דאָ מיט איינעם, דאָ מיטן צווייטן אויג, האָט ער אָנגעהויבן צו דזשאָבען אין די ברויטן אַריין, שלינגענדיק דאָס טייג מיט גרויסע שטיקער.

זי איז אַרויסגעפאַלן צו אים מיט אַ געוואַלט.

ער איז אַנטלאָפן מיט אַן אויסגעצויגענעם שנאָבל, — מאַכנדיק געוואַלטיק מיטן האַלדז, און ווען זי האָט אים שוין געהאַט דעריאָגט, און געוואַלט אים אָפּמעסטן מיט אַ האָלץ, האָט ער זיך אַ ריס אויף געטון און אַרויפגעפלויגן אויפן שייער און איז לאַנג דאָרט געשטאַנען, גרעגערנדיק און אָפּווישנדיק זיך דעם שנאָבל אָן שטרוי פון דאַך.

— וואַרט, צו גנב, איך וועל דיר נאָך די פּיס אונטער-

האַקן — האָט זי אים געדראָעט, פאַרגלעסנדיק אויפסניי די צע־צעכערטע ברויטן.

יוזקאַ איז גענקומען צו לויפן, האָט זי צו איר דעם גאַנצן כעס אויסגעלאָזט.

— ווי פליסטו דאָס אַרום? שטענדיק יאָגסטו דיך ווי אַ קאַץ מיטן פעגכער! איך וועל עס דערציילן אַנטעקן, ווי אַרבעטזאַם דו ביסט! שאַ" אויס פון אויוון, נאָר גי־כער!

— כ בין נאָר געווען באַ קאַשיאַ פלאַשקען. אַלע זענען אין פעלד, און דער אָרימער נעבעך האָט אפילו נישט ווער קיין ביסל וואַסער צו דערלאַנגען.

— וואָס איז איר דען, ז׳איז קראַנק?

— זיכער פאַקן, וואָרן זי איז רויט און צעגליט ווי אַ פייער.

— ברענג נאָר מיט זיך מיט די קרענק, גיב איך דיך באַלד אָפּ אין שפּיטאָל אַריין.

— אוודאי, כ׳בין שוין, הייסט עס, באַ וויניק קראַנקע גע־זעסן! צ׳געדענקסט נישט, ווי כ׳האָב לעבן ענק געדולטשעט, ווען צ׳זענט געלעגן אין קימפּעט. — און זי האָט שוין געגרע־בערט ווייטער, ווי איר שטייגער איז, אַראָפּיאָגנדיק די פליגן פון טייג און בעמענדיק זיך צום אַרויסשאַרן די קוילן פון אויוון.

— מ׳דאַרף די מענטשן אַוועקטראָגן עסן אין פעלד אַריין — האָט זי האַנקאַ איבערגעריסן.

— כ׳וועל באַלד לויפן. אָפּפּרעגלען אייער פּאָר אַנ־טעקן?

— פרעגל, נאָר לאָז דיר דאָרט נישט צו פיל ווילגיין מיטן שמאַלץ!

— צ׳זשאַלעוועט אים?

— גיי שוין, גיי. אָבער וואָס צו פעט, קען עס נאָך אַנטעקן פאַרשאַטן.

דעם שיקסל האָט זיך זייער געגלוסט צו לויפן, איז האָט

זי זיך מיטן קוק אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט, און נאָך איי-
דער האַנקאַ האָט באַוויזן דעם אויוון צו פאַרקלעבן, האָט זי
פאַרנומען די דריי קאַביאַלקעס מיט מילך, ברויט און פאַרטוכל
אַריין און איז אַוועקגעלאָפן.

— גיב אַ בליק צו דער לייוונט, צי זי האָט זיך אויסגע-
טרוקנט, און צוריקצווועגס נעם איין, ביז זון-אונטערגאַנג וועט
זיך נאָך אויסטריקענען — האָט זי איר דורכן פענסטער נאָכגע-
רופן, אָבער יוזקאַ איז שוין געווען נאָך דער פלויט-עפענונג,
נאָר אַ לידל האָט זיך נאָך איר נאָכגעטראָגן, און פון קאָר-
אַרויס האָט פון צייט צו צייט דאָס פלאַקסענע קעפל אַ שימער
געטון.

אויפן הייפל אונטערן וואַלד האָבן די קאָמאַרניצעס פונאַנ-
דערגעוואָרפן דאָס מיסט, וואָס פיעטרעק האָט צוגעפירט און אַנ-
טעק האָט עס צוגעאַקערט.

און ווייל די ליימיקע ערד איז טראָץ דעם, וואָס מ'האָט
זי ערשט נישט לאַנג געהאַט געבראָנעוועט, געווען אויסגע-
באַקן און האַרט, האָבן זיך די ערד-שטיקער געשפּאָלטן, פּינקט
ווי די פעלזן-שטיינער, און די פערד האָבן געצויגן דאָס אַקער-
אייזן מיט אַזאַ מין אָנשטרענגונג, אַז די שטריק האָבן זיך אַזש
געריסן.

אַנטעק האָט, ווי אַ צוגעוואַקסענער צו די האַנטאַבעס,
עקשנותדיק געאַקערט, פאַרגעסנדיק אָן דער גאַנצער וועלט, טייל-
מאָל האָט ער אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש איבער די פערדי-
שע פיס, און אָפטמאָל גאָר האָט ער מיט אַ טשמאָקען זיי צו-
געטריבן, וואָרן זיי זענען שוין געהאַט פולשטענדיק אָפּגעשטאַ-
נע, די אַרבעט איז געווען שווער אין שווייס האָט זיך געגאָסן,
אָבער מיט דער האַרטער און פּילבאַרער האַנט האָט ער דאָס
אַקעראייזן געפירט און געשניטן אַ שטיק נאָך אַ שטיק, ליגנדיק
געשיקט ברייטע, גלייכע בייטן, וואָרן דאָס שטיק פעלד איז גע-
געגאַנגען אויף ווייץ. קראָען זענען אין די ברוזדעס געקראָכן,
אויסזוכנדיק די רעגן-ווערים, דער ברוינער זשורעבאָק ווידער,
וואָס האָט געצופּט דאָס גראָז אויף דער מיעדזע, האָט זיך גע-

דיסן נאָכאַנאַנד גיריק צו דער קלאַטשע, וועלנדיק אָנכאַפּן דער מיטערס ציצלעך.

— וואָס איז האָט זיך ווידער פאַרגלוסט, דו צוציק אייבער — האָט אַנטעק אַ מרוק געגעבן, אַ שמיר טועדיק אים אייבער די פיס, אַז ער האָט אַזש דעם ווידל פאַריסן און אַ שפרונג צפ געטו, אַן אַ זייט. ער האָט ווייטער געדולדיק געאַקערט, באַר אויף אַזוי פיל איבעררייסנדיק די חמימהדיקע שטילקייט, וואָס ער האָט זיך דאָרט טיילמאָל מיט עפּעס אָפּגערופן צו די ווייבער, אָבער ער איז שוין געווען פאַרמאַטערט מיט דער אַרבעט און פון דער היץ, אַז ווי באַר פיעטרעק איז אָפּגעפאָרן, האָט ער פון כעס אַ געשריי געטון:

— די ווייבער וואַרטן, און דו שלעפּסט דיך, ווי אַ שמאַטשאַרזש!

— אוודאי, דער וועג איז שווער, און דאָס פערד רירט שוין קוים מיט די פיס.

— און פאַרוואָס־זשע ביסטו דאָס אַזוי לאַנג אונטערן וואַלד געשטאַנען? כ׳האָב געזען.

— צ׳קענט גיין אַ קוק טון, כ׳וועל מיט קיין זאַמד, ווי אַ קאַץ, נישט פאַרשאַרן.

— פּיסקאַטש, שטשערווע. וויאָ, אַלטע, וויאָ!

אָבער די פערד זענען וואָס אַמאָל אַלץ מער אָפּגעשטאַנען, איינגאַנצן שוין מיט אַ שוים באַדעקט, און אים האָט אויך, כאָטש ער׳איז געווען אויסגעטון ביז די ווייסע הויזן און אין העמד, דער שווייס דאָס פּנים פאַרגאָסן, און די הענט זענען אָפּגעשטאַנען פון דער אַרבעט, אַז ווען ער האָט דערזען יוזקען, האָט ער מיט שמחה אויסגערופן:

— ביסט פּונקט גוט געקומען, מיט די לעצטע כוחות אַרבעטן מיר שוין.

ר׳האָט צוגעאַקערט דעם פּאַס ביז אונטערן וואַלד. אויסגעשפּאַנט די פערד און באַפרייענדיק זיי פון דער קעלושע, האָט ער זיי אַרויפגעלאָזט אויף דעם גראָזיקן וועג, לעבן וואַלד, און אַליין האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין שאָטן אַריין באַלד אין

עק וואַלד, און ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָט ער אָנגעהויבן אַרויסעסן פון די קאַביאַלקעס, און יוזקאַ האָט אים אָנגעהויבן צו בריגערן אין אויער אַריין.

— לאָז מיך אָפּ, כ׳בין נישט טשיקאַווע צו דיינע נייעסלעך — האָט ער צאַרנדיק אַ וואָרטשע געטון, זי האָט אים בייז אָפּגעהאַוקעט און אַוועקגעלאָפן אין וואַלד אריין נאָך יאַגדעס.

דער וואַלד איז געשטאַנען אַ שטילער, אַ צעגליטער, אַ שמעקעדיקער און ווי עטוואָס אַ פאַרגעלטער פון דעם זונענשטראָם, אַז נאָר טיילמאָל האָבן זיך שטילעטשקע אַ באַוועג געטון די גרינע קרוינען-קעפּ און פון די טיפענישן האָט עפּעס אַ צי געטון מיט אַ ריח פון זשיוויצע, אָדער גאָר עפּעס פאַרבלאָנקעטע קולות און פייגל-געזאַנגען האָבן זיך פונדערווייטנס קוים דערטראָגן.

אַנטעק האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און גערייכערט אַ פּאַפּיראָס, אָבער ווי דורך אַ וואָס אַ מאָל טיפערן נעפּל האָט ער געזען דעם דזשעדזשיק, ווי ער שפּרינגט אויפן פערד איבער די פאָדלעשיער פעלדער, און עפּעס מיגנשן מיט טיקעס.

הויכע כאָיאַכעס, ווי פון מעש אויסגעשמידטע, האָבן זיך איבער אים אויפגעהויבן, וואַרפנדיק אויף די אויגן אַ וויגנדיקן און מיט שלאָף פייניקנדן שאָטן. ער איז שוין איינגאַנצן געווען פאַרזונקען אין דער שטילקייט, ווי עפּעס אַ וואָגן האָט זיך צערוישט.

— דעם אָרגאַניסטערס פאַראָבעק איז עס, ר׳פירט אין טאַרטאַק אריין, יאָ — האָט ער אַ טראַכט געטון, אויפהייבנדיק דעם שווערן קאָפּ, און איז צוריק אַנידערגעפאַלן, אָבער ער איז שוין מער נישט איינגעשלאָפן, ווארן עמעץ האָט אויסגערופן: זאָל זיין געלויבט!

קאָמאַרניצעס זענען געשטיקט פון וואַלד אַרויסגעגאַנגען מיט משאות האָלץ אויף די פּלייצעס, אויפן סוף האָט זיך נאָכגע-

שלעפט יאַגוסטינקע, אַן איינגעהויקערטע אונטער דער משא כּמעט ביז דער ערד.

— רוטס ענק אָפּ, די אויגן קריכן דאָך שוין ענק פֿון אויבן אַרויס.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט דערלעבן, אָנשפּאַרנדיק די משא אָן אַ בוים און קוים זי האָט געאָטעמט.

— ס'איז נישט פֿאַר ענק קיין זעלכע אַרבעט — האָט ער מיטפֿילנדיק איר אַ שעפּטש געטון.

— אמת טאַקע, אַז כ'בין שוין אינגאַנצן פֿון די כּוחות אָפּגעפֿאַלן.

— פּיעטרעק, געדיכטער די קופּקעלעך, געדיכטער! — האָט ער אַ געשריי געטון צום פֿאַראָבעק. — פֿאַר וואָס פֿאַרטרעט ענק קיינער נישט!

— זי האָט זיך נאָר אַ פֿאַרקרום געטון, אָפּקערנדיק די פֿאַרייטלטע, ווייטיקדיקע אויגן.

— צ'ווגנט עפּעס אַזוי ווייך געוואָרן, אַז מ'קען ענק גאָר איצט נישט דערקענען.

— אפֿילו קרעמיען גיט זיך אויף דעם האַמער אונ-טער — האָט זי אַ קרעכץ געטון, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ — צרות וועלן גיכער דעם מענטש דורכפֿרעסן ווי זשאַ-ווער — אייזן.

— אַ שווערער פֿאַר-שניט-צייט היי-יאָר אפֿילו פֿאַר באַלע-באַטים.

— ווער ס'פֿאַרמאָגט נאָר אַ שטיקל ריבל מיט קליען, דער דאַרף נישט רעדן פֿון קיין נויט.

— דערבאַרמטס ענק אָן גאָט, טאַטש קומטס צו גיין אין אָוונט, וועט זיך נאָך דאָרט געפֿינען אין דער כאַלופּע. וועלכעס קערצל קאַרטאָפֿליעס. צ'וועט שניט-צייט אָפּאַרבעטן.

זי האָט זיך ביטער פֿונאַנדערגעוויינט, נישט קענענדיק אפֿילו אַרויסברענגען קיין וואָרט פֿון דאַנקבאַרקייט.

— און אפֿשר וועט נאָך האַנקאַ דאָרט עפּעס מער געפֿי-נען — האָט ער מיט גוטסקייט צוגעגעבן.

— ווען נישט האַנקאַ, וואָלטן מיר שוין לאַנג געהאַט אויסגעפּגרט — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אַרויסגעשעפּטשעט. — פֿאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל אָפּאַרבעטן, ווען מ'וועט נאָר דאַרפֿן. און נישט פֿאַר מיר זאָג איך דאָס. זאָל דיר גאָט באַצאָלן! וואָס פֿאַר אַ ווערט האָב איך דען, אַ ביסל מיסט נאָר, וואָס מ'טרעט עס מיטן טרעפּ צו, נישט ווינציק אַפֿילו דערפֿון, און צו הונגער בין איך שוין נישקשהדיק צוגעוויינט, אָבער, ווען מײַנע טײַערע ווערימלעך צעפּישטשען זיך: באָבע־שי, עסן! און ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו פֿאַרשטאָפּן די הונגעריקע בײַכלעך, איז זאָג איך ענק, אַז כ'וואָלט מיר די הענט אָפּגעהאַקט, אָדער פֿון אַלטאַר עפּעס אַראָפּגעריסן און צום ייִד אַוועקגעטראָגן, אַבי זיי זאָלן זיך אָנעסן.

— זיצט ענק, הייסט עס, ווידער מיט די קינדער!

— כ'בין דאָך אַ מאַמע. כ'וועל זיי גיין אַליין איבערלאָזן אין אַזאַ נויט! און הײַ־יאָר, איז גלײַך ווי דאָס גאַנצע שלעכטס וואָלט זיך אויף זיי אַרויפֿגעלייגט. די קו איז זיי געפֿאַלן, די קאַרטאָפֿליעס פֿאַרפֿוילט געוואָרן, אַז מ'האָט געמוזט קויפֿן צום זעצן, דער ווינט האָט דעם שײַער אומגעוואָרפֿן, און דערצו קרענקט נאָך כּסדר די שנור מײַנע נאָך דער לעצטער קימפּעט און אַלץ איז איבערגעבליבן אויף גאָטס באַראָט.

— ג'אוודאי, וואָרן וואָיטעקן שמעקט נאָר דער בראָנפֿן און ליגט שטענדיק אין קרעטשמע.

— פֿון צרות האָט ער זיך נאָר טיילמאָל אָנגעשיכּורט. פֿון זײַנע צרות, אָבער, ווען ער האָט אין וואַלד געקריגן אַרבעט, איז שמעקט ער שוין אַפֿילו נישט אַרײַן צום ייִד, זאָלן אַנדערע עדות זאָגן — האָט זי דעם זון הייס פֿאַרטיידיקט. — דעם אָרימאַן ציילט מען נאָך איטלעכעס גלעזל! ר'האָט זיך צעלאָזט דאָס אַ ביסל יעזוס דער ליבער מיטן כּעס, צעלאָזט זיך, בע. מען זאָל זיך דאָס אַזוי פֿאַרלייגן אויף איין נאַרישן פּויער. און פֿאַרוואָס? וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָט ער געטון? — האָט זי געמורמלט, אויפֿהייבנדיק צום הימל אַ פּאָר פֿײַערדיקע, פֿרעגנדיקע אויגן.

— צ'האָט זיי דען ווייניק אויסגעשאָלטן? — האָט ער מיט באַטאָנונג אויסגערופן.

— גייטס שוין, וואָלט יעזוס דאָרט אויסגעהאָרכט דאָס באַרישע בילן! וואָס דען: — אָבער זי האָט באַלד צוגעגעבן, ווי עפּעס שרעקעוודיקער און אומרויקער — אַז אַ מאַמע שעלט אפילו די קינדער, איז ווינטשט זי זיי סיי ווי אין האַרץ קיין שלעכטס. בשעת מ'איז אין צאָרן, שטעכט די צונג ווי אַ צאָרן. ווי דען...

— ר'האָט שוין פאַרדינגען די לאַנקע וואַיטעק, האַ?

— דער מילנער האָט אויף איר געפרעגט: גאַנצע טויזנט גילדן, אָבער יעך האָב נישט געלאָזט, וואָרן דעמדאָזיקן וואָלף, אַז עס פאַלט עפּעס אַריין אין די נעגל אַריין, איז וועט פון אים שוין דער טייוול אַליין נישט אַרויסרייסן. און אפשר וועט זיך נאָך טרעפן ווער אַנדערש מיט געלט?

— אַ העלעכע לאַנקע, ווי אַ גאָלד, ס'איז זיכערע צוויי מאָל שניט אין יאָר, ווען כ'זאָל אַזוי האָבן ליגן אַן איבעריקן גראָשן! — האָט ער אָפּגעזיפצט. באַלעקנדיק זיך, ווי אַ קאַץ צו דער מילך.

— מאַטשעי האָט זי שוין אויך געוואָלט קויפן, וואָרן זי ליגט אַקוראַט לעבן יאַגושיעס פעלד.

ר'האָט אַ ציטער געטון באַם דערמאָנען דעמדאָזיקן נאָמען, נאָר ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אַ פרעג געטון, ווי נישט ווילנדיק, פירנדיק מיט די אויגן איבער די פעלדער, ווייט.

— וואָס טוט עס זיך דאָרטן אָפּ באַ דער דאָמיניקאָווע!

אָבער זי האָט אים מיטן קוק דורכגענומען, אַ שמייכעלע האָט איר נאָר אַ שוועב געטון איבער די פאַרוועלקטע ליפּן, די אויגן האָבן איר אויפגעפלאַקערט, און צוריקנדיק זיך, האָט זי מיט ווייטיק אָנגעהויבן רעדן:

— וואָס זאָל דאָרט זיין! אַ גיהנום איז דאָרט, נישט מער! אין דער כאַלופע זעט אויס ווי נאָך אַ לוויה, אַ פּראָסט יאָגט

אַזש פון אומעטיקייט, און ס'איז נישטאָ פון ערגעץ קיין טרייסט, נישט קיין הילף! זיי ווייזן זיך באַר אויס די אויגן און וואַרטן אויף גאָטס אַ ישועה! און דערעיקרשט יאַגושיאַ...

און ווי אַ געוועב, האָט זי אָנגעהויבן פונאַנדערשפּינען וועגן יאַגושעס אומעטיקייטן, ווייטיקן און פּאַרלאָזטקייט. זי האָט גערעדט הייס, צוחנפנדיק זיך צו אים און ווי צערטלענדיק אים בײַ דער צונג, אָבער ער האָט עקשנותדיק געשוויגן. מיטאַמאָל האָט אים אַזאַ פּרעסנדיקע בענקשאַפט צעשפּאַרט, אַז ר'האָט זיך אינגאַנצן פונאַנדערגעטרייסלט.

אַ גליק, וואָס יוזקאַ האָט זיך אומגעקערט, טראָגנדיק בײַ אַ האַלב פּאַרטוך מיט שוואַרצע יאַגאָדעס, זי האָט אים אָפּגעשיט אַ ביסל יאַגאָדעס אין קאַפּעליוש אַריין, און צוזאַמענגעמענדיק די קאָביאַלקעס, איז זי גיך אַהיימגעלאָפן.

און יאַגוסטיקע האָט, נישט דערוואַרטנדיק זיך פון אים קיין שום ענטפער, אָנגעהויבן צו שלעפן איר משא און צו קרעכצן.

— לאָזטס אָפּ! פּיעטרעק, נעם זי אויף אויפן וואָגן! — האָט ער געגעבן אַ קורצן באַפעל.

ער האָט זיך ווידער אַ נעם געטון צום אַקעראייזן און אַ גפּוויסע צייט בעדולדיק געשניטן די אויסגעבאַקענע האַרטע ערד, ער האָט זיך אײַנגעבויגן אונטער דעם עול, ווי אַן אָקס, אָפּגעגעבן זיך אינגאַנצן דער אַרבעט, אָבער סיי ווי האָט ער דאָס בענקשאַפט אין זיך נישט דערשטיקט.

דער טאָג האָט זיך אים שוין געלאַנגווייליקט, אַז ער האָט פון צייט צו צייט אַ בליק געטון אויף דער זון און מיט אומגעדולדיקע אויגן געמאָסטן דאָס פעלד, אַ שפּאַר שטיק איז נאָך געלעגן צום פּאַראַקערן. ער איז וואָס אַמאָל אַלץ מער געוואָרן אָנגעבלאָזן, און נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט ער געשמיסן די פערד, און שטרענג געשריגן אויף די ווייבער, אַז זיי זאָלן זיך שנעלער רירן; ס'האָט אים עפּעס אַזוי אונטערגעטראָגן, אַז ער האָט קוים אויסגעהאַלטן, און אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך אים אין קאָפּ געקנוילט און פינסטער געמאַכט אין די אויגן, אַז דאָס

אַקעראײַזן האָט זיך אים װאָס אַמאָל אָפּטער אין דעם האַנט גע־שאָקלט, פֿאַרטשעפּענדיק אָן שטײנער, אונטערן װעלדל װידער האָט ער זיך אַזױ געהאַט אונטער עפּעס אַ װאָרצל אײַנגעקאַפּעט, אַז דאָס אַקער־מעסער האָט זיך אָפּגעריסן.

עס איז שױן נישט קײן אױפֿן געװען װײַטער צו אַקערן, האָט ער פֿאַרנומען דעריבער דאָס אַקעראײַזן אױפֿן װאָגן, און אײַנשפּאַנענדיק דאָס פֿערד, איז ער אַהײמגעפֿאָרן נאָך אַ בײַעם.

אין דער כאַלופּע איז געװען פּוסט און אַלץ איז געלעגן צעװאָרפֿן און פֿאַרמעליקט, און האַנקאַ האָט זיך מיט עמעצן גע־קריגט אין סאָד.

— אַ שליאַך! אױף אַרומצוקריגן זיך האָט זי צײַט! — האָט ער געמרוקעט, גײענדיק אין הױף אַרײַן, אָבער דאָרט איז ער נאָך מער אין כּעס געװאָרן, װאָרן אױך דאָס צװײטע אַקער־אײַזן, װאָס ער האָט אַרױסגעצױגן פֿון אונטער דער שאָפּע, איז שױן גאָרנישט װערט געװען. ער האָט לאַנג עפּעס גע־מײַסטרעװעט אַרום דעם, װאָס אַמאָל אומגעדולדיקער, צוהאָרכנ־דיק זיך צו דער קריג, װאָרן האַנקאַ האָט שױן אַ צאָרנדיקע געשריגן:

— באַצאָל פֿאַרן שאָדן, װעל איך דיר אַרױסלאָזן דאָס חזיר, אױב נישט, װעל איך אײַנגעבן אין סאָנד אַרײַן! באַצאָל פֿאַר לײַװנט, װאָס זי האָט מיר װיאָסנע בשעת דעם װײַסן צע־ריסן, און פֿאַר אױסגעפּרעסטע קאַרטאָפֿליעס. כ׳האָב אױף אַלצ־דינג עדות! קוקסט זי אָן, װאָס פֿאַר אַ חכמת. זי װעט זיך אי־רע חזירים פּאַשען אױף מײַן פֿעלד! און ס׳צװײטע מאָל װעל איך דײַן חזיר און דיר אַלײן די פֿיס אונטערהאַקן! — האָט זי פֿאַרביסן געשריגן, און װײַל די שכנטע איז איר אױך נישט שולדיק געבליבן, איז האָבן זײ זיך שױן געקריגט אױף מעסער־שפּיץ, פּאָכענדיק צו זיך שױן דורך די פּלױטן מיט די פֿױסטן.

— האַנקאַ! — האָט ער אַ געשרײ געגעבן, פֿאַרלײגנדיק זיך דאָס אַקעראײַזן אױפֿן אַקסל.

זי איז געקומען צו לויפן א צעווילדעוועטע און א צעשויבערטע, ווי א קוואָקע.

— דו רייסט דיך אזוי, אז מ'הערט אויש אויפן גאנצן דאָרף!

— מיינס באַשיק איך! גאָר ווי דען, כ'וועל דערלויבן, אַז פרעמדע חזירים זאָלן אויף מיינע בייטן גאָרען! זיי מאַכן מיר אַזוי פיל שאָדן אָן, זאָל איך שווייגן? נישט בײַ זייער לעבן, כ'וועל נישט שענקען! — האָט זי געוואַלטעוועט, אַז ער האָט איר אויש שטרענג איבערגעריסן:

— טו דיך איבער, וואָרן דו האָסט א פנים, ווי א דבר אחר.

— אוודאי, צו דער אַרבעט וועל איך מיך גיין איבערטון, ווי אין קלויסטער אַריין, ווי דען.

ער האָט מיט פאַראַכטונג אויף איר א קוק געטון, וואָרן זי האָט אויסגעזען, גלייך ס'וואָלט זי ווער פון אונטערן בעט אַפּערגעשלעפּט, און א הייב טועגדיק מיט די אַקסלען, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

דער קאַוואַל איז געווען בײַ דער אַרבעט; שוין פון דערווייטנס האָבן אָפּגעשאַלט די הילכיקע, שטאַרקע קלעפּ פון די האַמערס, און אין דער קוזשניע האָט געברושט דאָס פייער און כ'איז געווען הייס, ווי אין א גיהנום. מיכאל האָט גראָד טאַקע צוזאַמען מיטן געהילף זײַנעם אָפּגעשמידט עפּעס א גראָבע שטאַנגע, א שווייס האָט זײַן פאַריסטע פּנים אָפּגעגאָסן, אָבער ער האָט געשמידט אומ־ערמידלעך און ווי מיט פאַרביסנקייט.

— פאַר וועמען עפּעס אַזאַ פעסטע אַקס?

— צו פלאַשקעס וואָגן! ער וועט פירן צום טאַרטאַק!

אַנטעק האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל, אָפּדרייענדיק זיך א פאַפּיראָס.

די האַמערס האָבן בסדר צלץ געקלאַפּט עקשנותדיק, קנאַלנדיק אומאויפהערלעך: איינס, צוויי, איינס, צוויי, און דאָס רויטע אײַזן, וואָס איז מיטן גאַנצן כוח געקלאַפּט געוואָרן, האָט זיך אויס-

געאַרבעט ביסלעכווייז, ווי אַ טייג, זיי האָבן עס טאַקע אַזוי גע־קנעטן, ווי זיי האָבן געוואָלט, אַז די גאַנצע קוזשניע האָט זיך אויש געטרייסלט.

— דו וואָלסט נישט געוואָלט פירן? — האָט מיכאַל אויס־גערופן, אַריינשטעקנדיק דאָס אייזן אין פייער און אַ ריר טוענ־דיק מיטן בלאָז־זאַק.

— דער מילנער וועט מיך דען צולאָזן, ער האָט דאָך אפּנים אָנגענומען דאָס איבערפירן בשותפות מיטן אָרגאַניסטער און מיט די יידן איז ער אַ גאַנצער גוטער ברודער.

— פערד האָסטו, דאָס געשפּאַן האָסטו גרייט, און דער פּאַראָבעק שלעפּט זיך נאָר אַרום בײַ דער כאַלופּע. מ׳צאָלט ניש־קשהדיק — האָט ער, צוגעבנדיק אים חשק, אַ שעפּטשע גע־טון.

— אמת טאַקע, ס׳וואָלט מיר צונוץ געקומען וועלכער גראָשן אויפן שניט, נאָר וואָס, כ׳וועל דאָך דעם מילנער וועגן קיין הילף נישט גיין בעטן.

— מ׳וואָלט געדאַרפט אַ שמועס טון מיט די סוחרים.

— כ׳קען זיי דען צומאָל! ווען דו וואָלסט דיך אַ ווי גע־וואָלט פאַר מיר איינשטעלן!

— אַז דו בעטסט, וועל איך אַ שמועס טון, כ׳וועל נאָך היינט צו זיי אַהינלויפן.

אַנטעק האָט זיך שנעל אַ צי צוריק געטון פון פאַר דער קוזשניע, וואָרן די האַמערס האָבן זיך ווידער פונאַנדערגעשפּילט, און די פונקען האָבן געשפּריצט מיט אַ פייערדיקן און ברענענדיקן רעגן.

— כ׳וועל באַלד קומען, כ׳וועל נאָר אַ קוק טון, וואָס פאַר אַ האָלץ מ׳פירט.

און אויפן טאַרטאַק האָט די אַרבעט געקאָכט, ווי אין אַ בינשטאָק. דאָס האָלץ־שניידן איז שוין געגאַנגען אָן אויפהער. די זעגן האָבן מיט אַ טויבן געגרילץ דורכגעפרעסן די לאַנגע קלעצער, און דאָס וואַסער האָט מיט אַ געשריי געוואָרפן זיך אין די רעדער אין טייך אַריין, און אַ צעשוימט, אָן אָפּגעמאַ־

שפּרטס האָט עס זיך ריזלענדיק אין די ענגע בּרעגן געקאָכט. פון די וועגענער האָט מען אַראָפּגעוואָרפן די כאַיאַרעס, וואָס זענען קוים געווען פון די צווייגן אַרומגעהאַקט, אוז די ערד האָט געקרעכצט, זעקס פויערן ווידער האָבן זיי אַרומגעטשעשעט אויף אַ קאַנט, און אַנדערע האָבן די ברעטער אויף דער זון אַרויסגעטראָגן.

מאַטעוש האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער פאַבּריק, אַז וואָס אַ ווײַלע האָט מען אים אויף אַן אַנדערער זײַט געזען, ער האָט זיך טיכטיק געפּאָרעט, באַפעלנדיק און אויפמערקזאַם אויף אַלץ אַכטונג געטון.

זיי האָבן זיך פרײַנדלעך באַגריסט.

— און ווו איז עפּעס באַרטעק? — האָט אָנטעק אַ פרעג געטון, אומקוקנדיק זיך צווישן די מענטשן.

— ליפּצע איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן, איז ער אַוועק מיטן ווײַבּ.

— ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס אייביק שלעפּן זיי זיך אַרום איבּער דער וועלט! אַרבּעט, זע איך, האָסטו אויף לאַנג, אַזוי פיל האָלץ!

— ס'וועט סטאַיען אויף אַ יאָר אָדער אפשר נאָך מער. אויב דער דזשעדזשיץ זאָל זיך מיט אַלע פאַרגלײַכן, וועט ער בּאַ אַ האַלבּן וואַלד אויסהאַקן און פאַרקױפן.

— אין פאָדלעשיע מעסט מען עפּעס הײַנט ווידער אויס די ערד.

— וואָרן אַלע טאָג באַווײַזט זיך שוין עמעץ אַנדערש צום פאַרגלײַכן זיך! אָקסן יוכעס, זיי האָבן זיך בּישט געוואָלט האַ־כן, אַז די גאַנצע גראָמאַדע זאָל זיך פאַרגלײַכן, וועט דער דזשעדזשיץ געבּן מער, און אַצינדערט מאַכן זיי עס אײַנציקווײַז שטילערהייט, אַבּי וואָס גיכער.

— ס'זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען פונקט ווי דאָס אײזל: ווילסט, אַז ס'זאָל אַ גײן טון פאָרויס, איז ציִ אים בּאָם ווײדל! פאַרשטײט זיך, אַז זיי זענען אָקסן, דער דזשע־

דזשיק רייסט בא אישלעכן אייבציקן עפעס אפ, ווארן זיי פארגלייכן זיך דאך יעדערער באזונדער.

— האסט שוין אפגענומען דיין גרונטו!

— ס'איז נאך נישט פארביי די געהעריקע צייט נאכן טאטנס טויט און מען קען זיך נאך נישט צעטיילן, אבער כ'האב מיר שוין מיין שטיקל פעלד אפגעקוקט.

נאכן טייך, צווישן די אלכעס, האט א שימער געטון עפעס א פנים, ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז דאס איז יאגושיא. איז כאטש ער האט דא איינגעטעהט, אבער ער ג'יז שוין אומרוזקער מיט די אויגן איבער די געדיכטעכישן באם טייך געלאפן.

— ס'איז אזא היץ, מ'דארף זיך גיין אויסבאדן — האט ער ענדלעך אויסגערופן און אוועקגעגאנגען אראפצו מיטן טייך, מכלומרשט ווי אויסקלייבנדיק זיך א באקוועם ארט, אבער ווי באר די ביימער האבן אים פארשטעלט, האט ער זיך געלאזט גיין גיכער.

דאס איז זי טאקיש געווען. זי איז געגאנגען מיט דער מאטיקע צום קרויט.

— יאגושיא! — האט ער אויסגערופן, ווען ער האט זיך מיט איר אויסגעגלייכט.

זי האט זיך זייטיק אומגעקוקט, און דערקענענדיק דאס קול און זיין פנים, וואס האט זיך ארויסגעבויגן פון צווישן די געדיכטעכישן, איז זי מיט שרעק געבליבן שטיין, נישט וויסנדיק לחלוטין, וואס זי האט צו טון, איינגאנצן רויטלאז און דערשראקן.

— דו דערקענסט מיך דען נישט? — האט ער הייס א שעפטשע געטון, פרוונדיק צו איר אריבערגיין אויף דער אנדערער זייט. אבער דער טייך איז אויף דעם ארט געווען טיף, כאטש אפילו שמאל, אפשר אויף עטלעכע טריט.

— וואס הייסט, כ'וואלט דיך נישט דערקענט? — האט זי זיך מיט שרעק אומגעקוקט הינטער זיך אויפן קרויט-פעלד, וו עפעס פויערטעס האבן זיך גערודעלט.

— איז ווי=זשע באַהאַלטסטו דיך, אַז ס'איז קיין אָפּן דיך נישט צו זען?

— ווו? דיינע האָט מיך אַרויסגעטריבן פון דער כאַלופּע, זיץ איך בײַ דער מאַמען...

— טאַטש טאַקע אויך וועגן דעם וואָלט איך מיך גערן געוואָלט מיט דיר אויסשמועסן. קום אַרויס, יאַגנאַ, אינאָווענט הינטערן צמענטאַרזש. כ'וועל דיר עפּעסטשיס זאָגן, קום! — האָט ער הייס געבעטן.

— אחדאי, ס'זאָל מיך נאָך ווער באַמערקן! כ'האָב שוין גענוג פאַר דעם אַמאָליקן... — האָט זי האַרט אויסגערופן. אָבער ער האָט אַזוי געחלשט פאַר איר, אַזוי געסקאָמליעט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך איר צעבראָכן, זי האָט אָנגעהויבן צו קריגן אויף אים רחמנות.

— און וואָס פאַר אַ נייעס ווילסטו מיר דאָס זאָגן? צו וואָס רופסטו מיך?

— כ'בין דיר שוין טאַקע אַזוי פרעמד געוואָרן, יאַגוש?

— נישט פרעמד, אָבער אויך נישט קיין אייגענער! עס ליגן מיר נישט אין קאָפּ קיין זעלכע זאַכן...

— קום נאָר, וועסט נישט קיין חרטה האָבן. האָסט מורא הינטערן צמענטאַרזש, טאָ קום הינטערן גלחס סאַד, געדענקסט נישט ווו? דו געדענקסט נישט, יאַגוש?...

זי האָט אַזש דעם קאָפּ אָפּגעווענדט, אַזאַ רויטקייט האָט זי באַשלאָגן.

— פלוידער נישט, טאַטש כ'שעם מיך... — זי איז שטאַרק מבויש געוואָרן.

— קום, יאַגוש, כ'וועל ביז האַלבע נאַכט אפּיליק וואַרטן...

— איז וואַרט... — זי האָט זיך פּלוצלינג אַ דריי אויס געגעבן און אַוועקגעלאָפן אויפן קרויט-פעלד.

ער האָט איר גיריק נאָכגעקוקט, און ס'האָט אים אַזאַ גליקסטיקייט צרומגעכאַפּט און אַזאַ פלאַם האָט אים דאָס בלוט

אויפגעבראָוזט, אַז ער איז גרייט געווען איר נאָכצולויפן און אין אַלעמענס אויגן זי צו נעמען... ר'האָט זיך קוים געהאַלטע־ן...

— ס'איז נישט אַנדערש, נאָר די היץ האָט מיך אַזוי צע־נומען! — האָט ער געטראַכט, אויסטועלנדיק זיך אייליק צום באָדן.

ר'האָט זיך פיין אָפגעקילט און גענומען זיך פאַרטראַכטן וועגן זיך אַליין.

— ווי דער מענטש א'ז אַזוי שוואַך, ווי אַ שטרויעלע, אַ ליאַדע וואָס טראָגט אים אַוועק...

ר'האָט זיך פאַרשעמט, אומגעקוקט זיך, צי ס'האָט אים ווער מיט איר צוזאַמען נישט געזען, און מיט אָנשטרענגונג אַלץ צעקייעט, וואָס מ'האָט אים וועגן איר אַלץ אָנדער־ציילט.

— אַזעלכע ביסטו דאָס, יאַגאָדקעלע, אַזעלכע! — האָט ער מיט פאַראַכטונג און ווי מיט רחמנות געטראַכט. אָבער מיט־אַמאָל איז ער שטיין געבליבן אונטער עפעס אַ בוים און איז אַזוי געשטאַנען מיט צוגעמאַכטע אויגנלעדלעך, וואָרן זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט פאַר די אויגן אין איר גאַנצער פראַכט.

— ס'איז, דאַכט זיך מיר, אַזעלכע אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ! — האָט ער אַרויסגעקרעכצט און ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט זי נאָך איין מאָל זען, נאָך איין מאָל מיט די אָרעמס אַרומנעמען, צודריקן צום האַרץ און אָנטרינקען זיך מיט אירע רויטע ליפּן, טרונקען אויף טויט און לעבן דעמדאָזיקן זיסן האָניק, טרינקען ביז דער דנאָ...

— נאָך דאָס איינע לעצטע מאָל, יאַנוש! דאָס לעצטע מאָל! — האָט ער, ווי צו איר מיט רחמים געבעטן, ער האָט זיך לאַנג דערנאָך די אויגן געווישט, בלאָנדזשענדיק מיט זיי איבער די ביימער, איידער ר'האָט זיך געכאַפּט, ווו ער געפינט זיך, און איז אַוועקגעגאַנגען אין דער קוזשניע אַריין. מיכאַל איז

בעוועט אַליין און ר'האָט זיך גראָד געהאַט געגומען צום אָקער-אייזן.

— און ר'וועט אויסהאַלטן דיין וואָגן אַזאַ משא? — האָט ער געפרעגט.

— כ'זאָל נאָר האָבן אַזוי פיל אַרויפצולייגן...

— אַז איך זאָג דיר צו, איז גלייך וואָלסט שוין געהאַט אויפן וואָגן.

אַנטעק האָט אָנגעהויבן שרייבן מיט קרייד אויף דער טיר און רעכענען.

— ביז שניט וואָלט איך נאָך פאַרדינט באַ אַ דריי הונ-דערט גילדן! — האָט ער אויסגערופן מיט שמחה.

— וואָלסטו פונקט געהאַט אויף דער ספּראַווע — האָט דער קאָוואַל ווי אַן חשק זיך אָנגערופן.

אַנטעק האָט זיך פּלוצלינג אָנגעכמורעט און די אויגן האָבן אים מרה-שחורהדיק אויפגעגלאַנצט.

— ווי אַ ביין אין האַלדז שטייט מיר די ספּראַווע מיי-נע. וואָס איך דערמאָן מיך אָן איר, פאַלט מיר אַלץ פון די הענט אַרויס, אַז ס'הערט זיך מיר אַוש אויף גלוסטן צו לעבן...

— ס'איז קיין וווּנדער נישט, נאָר דאָס שטויגט מיך, וואָס דו פּרוווּסט דיר נאָך נישט זוכן קיין שום עצה דער-צו.

— און וואָס קען איך מיר העלפן?

— יעדנפאַלס דאַרף מען עפּעס טון! נאָר וואָס דען! אַרונטערלייגן זיך אונטערן מעסער, ווי דאָס קעלבל דעם שוחט?

— וועסט מיטן קאָפּ קיין מויער נישט דורכברעכן! — האָט ער ווייטיקלעך אָפּגעזיפצט.

מיכאַל האָט ווייטער געשמידט מיט פאַרביסנקייט, אַנטעק ווידער איז פאַרזונקען אין אומרויקע און שרעקעוודיקע מחשבות און אַזעלכע רעיונות זענען אים אין קאָפּ אַריין געקומען, אַז ער איז אַזש אויפן פּנים פאַרענדערט געוואָרן און זיך פון אָרט

אויפגעריסן, ראַטלאָז לויפנדיק מיט די אויגן איבער דער וועלט; אָבער דאָס שוואָגערל האָט אים געלאָזט אַזוי לאַנג זיין פאַר־טראַכט, שפּאַנירנדיק נאָר אים מיט זיינע ביטערע שליפּיעס, ביז ער האָט ענדלעך שטיל אויסגערופן:

— קאַזשימיערזש פון מאָדליק האָט זיך געקענט אַן עצה טון...

— דער, וואָס איז אַנטלאָפן געוואָרן קיין אַמעריקע?

— פּאַקע דער אייגענער! אַ חכם, יוכאַ, ר'האָט מיט דער נאָז דאָס פּאַפּיר דערשמעקט.

— מ'האָט אים דען אויפגעוויזן, אַז ער האָט דערהרגעט דעם סטראַזשניק?

— ר'האָט נישט געוואַרט, ביז מ'וועט אים אויפווייזן! ר'איז נישט קיין נאַר, ר'זאָל גיין פוילן אין קרימינאַל...

— אים איז גרינג געווען, אַ בחור.

— ס'ראַטעוועט זיך דער, וועלכער מוז. איך רעד דיך צו גאָרנישט צו, כדי זאָלסט נישט מיינען, אַז איך האָב דאָ עפּעס מיינס אַ זאַך אין זינען, איך זאָג דיר נאָר ווי אַזוי עס האָבן אַנדערע אין אַזאַ מין פאַל געטון. ווי אַזוי דיר געפעלט, אַזוי טו. וואָיטעק גיידאַ פון וואָליק איז אויך אַהיימגעקומען פון קרימינאַל אין סאַמע חגא. וואָסי, צען יאָר איז נאָך נישט ס'גאַנצע לעבן, מ'קען אויסהאַלטן...

— צען יאָר, האַרציקער יעזוס! — האָט ער אַ קרעכץ געטון, אָנכאַפּנדיק זיך באַם קאָפּ.

— און ר'איז אַזוי פיל אָפּגעזעסן נאָך באַ שווערער אַר־בעט, פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אַ שפּ..ר שטיק צייט.

— אַלץ אין דער וועלט בין איך גרייט איבערצוטראָגן, נאָר נישט זיצן. יעזוס! כ'בין געזיצן די פּאָר חדשים, האָב איך געמיינט, אַז איך ווער משוגע...

— און אין פאַרלויף פון דריי וואָכן וואָלסטו שוין געווען מעבר לים, זאָל יאַנקעל זאָגן...

— ס'איז שרעקלעך ווייט! ווי אַזוי גייט מען, אַלץ אַוועק־

שליידערן, איבערלאָזן ס'הויז, די קינדער, די ערד, דאָס דאָרף און אין אַזאַ ווייטער וועלט אַריין, אויף אייביק! — אַ פּחד האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— וויפיל זענען דאָס מיטן גוטן ווילן אַוועק, און קיינעם פעלט גאָרנישט איין זיך אומצוקערן אין דעם גן-עדן אַריין.

— און מיר איז אפילו צו טראַכטן וועגן דעם שרעקלעך!

— אוודאי, אָבער זע דיך נאָר מיט וואַיטעקן און הער אויס, וואָס ער דערציילט זיך אָן פון דעם קרימינאַל, וועסטו נאָך ערגער באַטריבט ווערן! וואָס הייסט, אַ פויער איז אַלס נישט קיין גאַנצע פערציק יאָר, און ר'איז שוין לגמרי גרוי געוואָרן און איינגעהויקערט, שפּייט מיט בלוט און קוים וואָס ער שלעפּט מיט די פיס. אָט אַ ליאַדע מינוט שמעקט ער דיר אין פעלד אַריין. אָבער וואָס טויג דיר אַ כּך צו רעדן, האָסט דיר דיין שכל, איז טו, ווי ער הייסט דיר.

ר'איז פונקט אין דער רעכטער צייט אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרשטייענדיק, אַז ער האָט שוין פאַרזייעט אין אים אומרו. איז האָט ער שוין דאָס איבעריקע איבערגעלאָזט דער צייט, פרייענדיק זיך נאָר פאַרבאָרגענערהייט פון די פּירות, וואָס ער האָט זיך געריכט צו קלייבן. נאָר, ענדיקנדיק דאָס אַקעראיין, האָט ער זיך פריילעך אָפּגערופן:

— אַצינד וועל איך אַ לויף טון צו די סוחרים, און דעם וואָגן גרייט צו אויף מאָרגן, וואָרן דו וועסט פירן. וועגן דער ספּראַווע טראַכט נישט אַריין, ס'איז זיך אַ שאָד דעם קאָפּ קאַליע צו מאַכן, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין, און וואָס דער באַרעמהאַרציקער גאָט וועט געבן. כ'וועל קומען צו דיר אין אָוונט.

אָבער אַנטעק האָט אַזוי גיך נישט פאַרגעסן; ער האָט אַראָפּגעשלונגען זיינע גוטפריינטשאַפטלעכע מעשיות, ווי אַ פיש דאָס ווערימל אויפן האַטשיק, און געשטיקט זיך דערמיט, ס'האָט אים צוש באַ דער לעבער געריסן, אַז ער האָט זיך קוים געקענט רירן אונטער דעם פּחד פון די פיינלעכע רעיונות.

— צען יאָר! צען יאָר — האָט ער טײַלמאָל אַרויסגעשעפּטשעט, פאַרשטאַרט ווערנדיק פון פּחד.

די באַכט איז צוגעפאַלן, מענטשן זענען געגאַנגען פון די פעלדער, אין הויף האָט זיך אויפגעהויבן נישט קיין קלײנער טומל, וואָרן וויטעק האָט געבראַכט צו טרײַבן די סטאַדע, און די ווײַבער האָבן זיך געפּאַרעט אַרום דער מילך און פאַרשידענע אַרבעטן, דאָס דאָרף האָט זיך אַזש געטרײסלט פון די פאַרנאַכטיקע געשפּרעכן און געשרײען פון די קינדער, וואָס האָבן זיך אין סטאַוו געבאָדן.

אַנטעק האָט אַרויסגעצויגן דעם וואָגן היגזערן שײַער, אַרונטער, כדי אים אויסצולאַדעווען און אַרומזען אויף מאָרגן אָבער אינגיכן איז אים אַלץ פאַרמיאוסט געוואָרן, אַז ער האָט באָר אַ געשרײ געטון אויף פּיעטרעקן, וואָס האָט געפּאָיעט די פערד בײַ דער ברונעם:

— שמיר אויס דעם וואָגן און לאַדעווע אים אויס, ווערסט פון מאָרגן אָן פירן אין טאַרטאַק אַרײַן.

דער פאַראָבעק האָט מיט כּעס אַ שפּלט געטון. ס'האָט אים נישט געשמעקט אַזאַ אַרבעט.

— פאַרמאַך דעם פּיסק און טו, וואָס מ'הייסט דיר! האָנוש, גיב דרײַ מעסטלעך האָבער אויף אָבריק, און קאָניטשינע ברענג זײ פון פעלד, פּיעטרעק, זאָלן זײ זיך אַ ביסל איבערפּאַשען...

האַנקאַ האָט אים געפּרוווט איבערפרעגן, אָבער ער האָט באָר עפּעס אָפּגעמרוקעט, און פאָרענדיק זיך נאָך אַ ביסל איבערן הויף, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו מאַטעושן, מיט וועלכן ער האָט איצט געלעבט אין גרויס גוטפרײַנטשאַפט.

מאַטעוש איז באָר וואָס געהאַט אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט און האָט גראָד געכלעפּטשעט פאַר דער כאַלופּע אַ ביסל זויערע מילך אָפּצוקילן זיך.

פון ערגעץ, ווי פון סאָד, האָט זיך געטראָגן זייער אַ שטילער יעמערלעך ווײנען.

— ווער גרילצט עס דאָרט אַזוי?

— נאַסטושיאַ. איך האָב דאָס אַ קאָפּ־פאַרדרייעניש מיט די ליבעס: דאָס אויפרופן איז שוין פאַרביי, דער שלוב דאַרף זיין אין זונטיק, און די דאָמיניקאָוואַ האָט נעכטן געלאָזט אָנזאָגן דורכן סאָלטיס, אַז דאָס באַלעבאַטעשאַפט איז אויף איר אָפּגעשריבן און אַז שימעקן וועט זי אפילו קיין בייט נישט געבן און אים נישט אַריינלאָזן אין שטוב אַריין. און זי וועט עס היינטיק טון, איך קען גוט די דאָזיקע היגנישע זריעה.

— און וואָס זאָגט דערויף שימעק?

— און וואָס, אַזוי ווי ר׳האָט זיך אַריינגעזעצט אינדערפרי אין סאָד אַריין, אַזוי זיצט ער דאָרט ביז איצטער, אַזוי ווי אַ סלופּ, אַז ער ענטפערט אפילו נישט נאַסטושען אויך. איך האָב שוין אפילו מורא, אַז דער שגץ זאָל נישט אַמאָל משוגע ווערן.

— שימעק! — האָט ער אַ געשריי געטון אין סאָד אַריין — קום נאָר אַהער; באַרינאַ איז געקומען, איז אפשר וועט ער דיר עפּעס העלפן...

נאָך עפּעס אַ קורצער ווייל האָט ער זיך באַוויזן און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּריזבע, נישט באַגריסנדיק זיך מיט קיינעם. ס׳איז אמת טאַקע, דער שגץ האָט לגמרי שלעכט אויסגעזען, און געווען אויסגעדאַרט, ווי אַן אָשינע־ברעט, נאָר, וואָס די אויגן האָבן געפלאַקערט. אין אויסגעמאָגערטן פּנים איז געווען באַהאַלטן עפּעס אַ פעסטער באַשלוס.

— און וואָס האָסטו אויסגעטראַכט? — האָט אים מאַטעוש ווייך אַ פרעג געטון.

— און וואָס, כ׳וועל נעמען אַ האַק און כ׳וועל זי דערממיתן, ווי אַ הונט!

— ביסט אַ שוטה! דאָס באַטשקען לאָז איבער פאַר דער קרעטשמע.

— ה׳ גאָט איז אין הימל, ווי כ׳וועל זי דערממיתן. וואָס בלייבט מיר דען איבער, האַ? דעם גרונט, וואָס אין מיר איינגעגעבליבן נאָכן טאַטן, נעמט זי מיר צו, פון דער כאַלופּע

טרייבט זי מיך אַרויס אויסצאָלן צאָלט זי מיר נישט אײַנס, איז וואָס זאָל איך טאָן? וווּ וועל איך מיך, יתום, אַהינטאָן, וווּ? און דאָס זאָל מיך אַזוי אַן אייגענע מאַמע באַצאָלן! — האָט ער געקרעכצט, אָפּווישנדיק מיטן אַרבל די טרערן, אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפגעריסן און אַ געשריי געגעבן:

— כ'וועל מײַנס נישט שענקען, אין דער הינטישער מאַמען אַרײַן, כ'זאָל אַפילו וויסן דערפאַר אין קרימינאַל פאַרפוילט צו ווערן, וועל איך נישט שענקען!

זיי האָבן אים אויף אַזוי פיל באַרויִקט, וואָס ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געזעסן אַן אָנגעכמורעטער, און אַזאַ אָנגעצויגענער, אַז ער האָט אַפילו נישט געענטפערט אויף באַסטושעס טרערנדיקע שעפּטשען. זיי ווידער האָבן זיך מיישב געווען, ווי אַזוי אים אַרויסצוהעלפן, נאָר וואָס, אַז ס'איז פון גאָרנישט אַרויסגעקומען, ווײַל ס'איז קיין שום עצה קעגן דער דאָמיניקאַזען נישט געווען. ערשט באַסטקאַ האָט, אַוועקנעמענדיק דעם ברודער אַן אַ זײַט, אים עפּעס געגעבן צו פאַרשטיין.

— אַ נקבֿה, און זי האָט פאָרט געפונען אַ גוטע עצה! — האָט ער מיט שׂמחה אויסגערופן, אומקערנדיק זיך צוריק פאַר דער כאַלופּצע. — זי זאָגט, אַז מ'זאָל קויפן פון דזשעדזשיץ אויף פּאָדלעשיע זעקס מאָרגעס אויף אויסצאָלן! נו וואָס, אַ גוטע עצה? און דער מאַמען וועט מען קענען ווײַזן אַ פײַג, לאָז זי משוגע ווערן פאַר כּעס...

— די עצה איז, אמת, אַ גוטע, ווי יעדער עצה, נאָר וווּ נעמט מען געלט?...

— באַסטושיאַ האָט אירע טויזנט גילדן, אויף האַנט-געלט וועט זײַן גענוג...

— און וווּ איז נאָך אַ כאַלופּע, אַ ליוועטנאָוש, סכשירים, זאָמען?

— וווּ? אָט דאָ! אָט דאָ! — האָט שימעק מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן, אויפשפּרונגענדיק פאַר זיי און שאָקלענדיק מיט די פאַרדריקטע פויסטן.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אָבער צי ווייסטו דיר [illegible]

עצה געבן? — האָט אַנטעק נישט צוגלייבנדיק זיך אַ מרוקע געטון.

— גיטס מיר נאָר ערד, איז וועט עס זען, גיטס! — האָט ער מיט קראַפט אויסגעשריגן.

— איז זיך נישטאָ וואָס צו ברעכן דעם קאָפּ, הייסט עס, נאָר מ'דאַרף גיין צום דזעדזשיץ און קויפן?

— וואַרט נאָר צו, אַנטעק, באַלד, לאָמיך נאָר דאָס אין געדאַנק גוט צו צעקייען...

— צ'וועט זען, ווי כ'וועל מיר אַן עצה געבן! — האָט שימעק גיך גערעדט. — ווער האָט בײַ דער מאַמען געאַקערט? ווער האָט געזייעט? ווער האָט אַראָפּגענומען? טאַטש איך אײַבער אַליין נ[..]ר! און כ'האָב שלעכט אין פעלד געאַרבעט, האַ? כ'בין אַ פוילער, האַ? זאָל דאָס גאַנצע דאָרף עדות זאָגן, זאָל די מאַמע זאָגן! גיטס מיר נאָר גרונט, העלפטס מיר נאָר צו, האַרציקע ברידער, איז וועל איך עבק שוין ביזן טויט אַריין אָפּדינען. העלפטס מיר צו, האַרציקע מענטשן, העלפטס! — האָט ער געשריגן, לאַכנדיק און וויינענדיק נאָכאַנאַנד, לגמרי ווי אַ פאַרשיכורטער פון דער פריידיקער האָפנונג.

און ווען ער האָט זיך אַ קאַפּ באַרויקט, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן בשותפות אַרײַנצוטראַכטן זיך און זיך מיישב זיין איבער דעמדאָזיקן געדאַנק.

— אַז דער דזשעדזשיץ זאָל נאָר באַשטיין אויף אויסצוצאָלן! — האָט נאַסטושיאַ אָפּגעזיפצט.

— איך מיט מאַטעושן וועלן מיר האָפּטן, איז דאַכט זיך מיר, אַז [.]ר וועט געבן.

נאַסטושיאַ האָט אים אַזש אין די הענט אַרײַן געוואָלט קושן פאַר אַזוי פיל גוטסקייט.

— כ'האָב שוין אַליין פאַרזוכט גענוג צרות, און ווייס איך שוין דעם טעם דערפון! — האָט ער שטיל אויסגערופן, אויפשטעלנדיק זיך צום אַוועקגיין, וואָרן ס'איז שוין איינגאַנצן געהאַט טונקל געוואָרן איבער דער ערד. גאָר וואָס דער הימל

איז נאָך געווען העל און די רויטקייט האָט זיך נאָך אויף מערב געברענט.

אַנטעק איז אַ ווײַלע געשטאַנען לעבן סטאַוו, שלאַנגדיק זיך מיט דער דעה, אין וועלכער זייט אַריין צו גיין, נאָר עפּעס נאָך אַ מינוט קלערן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים.

ער איז פונדעסטוועגן געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי געצווּנגען, אָפּשטעלנדיק זיך יעדעס מאָל מיט באַקאַנטע, וואָרן אויף די וועגן איז געווען פול מיט מענטשן, מיט אַרומשלעפּנדיקע עופות און קינדער. די לידלעך האָבן זיך אַזש געטרייסלט איבער די הייף, ערגעץ-ווו האָבן זיך איבערגעשראָקענע געגנדז צעשריגן, אונטער דער מיל האָבן די באָדנדיקע שקצימלעך געמאַכט געוואַלטן, עפּעס קומעס האָבן זיך אויף דער אַנדערער זייט סטאַוו געקריגט, עס האָט אויסגעזען, ווי באַ די באַלצערקאָוועס, און אַ דורכדרינגענדע שטימע פון אַ פּאַסטוך-פּייפל האָט אין די אויערן געבויערט.

כאָטש אַנטעק האָט זיך נישט אַזוי געאײַלט און האָט זיך באַנק גערן אָפּגעשטעלט אויפן וועג און מיט אַ ליאַדע וועמען אײַנגעטענהט, פונדעסטוועגן איז ער ענדלעך געבליבן שטיין פאַר זײַן כאַלופּע. די פענסטער זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלט און באַלויכטן, אַ קינד האָט אונטער דער וואַנט געוויינט, פון הויף האָט זיך דערטראָגן דאָס קוויטשעדיקע שרייען פון האַנקען און פון צייט צו צייט דאָס בייזע אָפּהאַווקען פון יוזקען.

ער האָט זיך ווידער אַ וואַקל געטון מיט דער דעה, נאָר ווען לאַפּאַ האָט לעבן אים אַ סקאָמליע געטון און אָנגעהויבן אויף אים אַרויפשפּרינגען פון פרייד, האָט ער אים אַ קאָפּ געטו- מיט אַ פלוצלינגדיקן כעס און זיך צוריק אין דאָרף אַריין אומגעקערט. ער איז צוגעפאַלן צום גלחס וועגל, דורכגעכאַפּט זיך לעבן די אָרגאַניסטערס אַזוי שטיל, אַז אפילו די הינט האָבן אים נישט דערשמעקט, און זיך אַרײַנגערוקט אונטערן גלחס סאָד

אַרונטער, באַלד לעבן דער ברייטער מיעדזע, וואָס האָט אָפּגעטיילט צווישן דעם גלחס און קלאָנבס ערד.

ס'האָט אים פאַרשטעלט אַ טיפער שאָטן פון ברייט־צעוואַקסענע ביימער.

דער לבנה־שערפּ איז שוין געהאָנגען אויף דעם טונקעלן הימל און די שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן וואָס אַמאָל שימערירנדיקער צו צעפלאַקערן; ס'האָט זיך געשטעלט אַ טויִקער אָוונט און זייער אַן אָנגעוואַרעמטער, אַן אמת זומערדיקער. די וואַכטלען האָבן פון די תבואות אַרויס גערופן, פון די ווייטע לאָנקעס האָט זיך געטראָגן דאָס גרעבלעכע רוישן פון די באָנקעס, און איבער די פעלדער איז געהאָנגען אַזאַ צעשמעקטע שטילקייט, אַז ס'האָט זיך אַזש אין קאָפּ געמישט.

באַר יאַגושיאַ איז עפּעס נישט געקומען.

דאַקעגן האָט אפשר אויף אַ האַלבע סטאַיע ווייטער פון אַנטעקן, געשפּאַצירט אויף דער מיעדזע דער גלח אין ווייסן אָנגעטון און אין בלויזן קאָפּ, אַזוי פאַרזונקען אין זיינע תפילות, אַז גלייך ווי ער וואָלט נישט געזען, ווי זיינע פערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אויף אַ מאָגער, אויסגעריבן שטיק פעלד, זענען אַריבערגעגאַנגען איבער דער מיעדזע און גיריק זיך איינגעפרעסן אין קלאָנבס קאָניטשינע, וועלכע האָט זיך ווי אַ וואַלד געשוואַרצט און איז הערלעך געווען אויפגעוואַקסן, באַדעקט מיט בלומען.

דער גלח איז כסדר געגאַנגען הין און צוריק, מורמלענדיק די תפילות, מיט די אויגן איבער די שטערן געבלאָנדזשעט און פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט, אויפמערקזאַם זיך איינגעהאָרכנדיק. און ווען עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון ערגעץ־ווו אונטערן דאָרף, האָט ער זיך איילִיק אומגעקערט, בייזערנדיק זיך מכלומרשט מיט כעס אויף די פערד:

— וווּ ביסטו דאָס פאַרקראָכן, גרויער? אין קלאָנבס קאָניטשינע, האַ? צ'האָט געזען, וואָס פאַר אַ ליידאַקעס דאָס זענען! ס'שמעקט ענק אַן פרעמדס, האַ? און מיט אַ בייטש ווילט

עך כאַפּן איבער די פּיסלעך? נו, איך זאָג, מיט אַ בייטש! — האָט ער זייער שטרענג געסטראַשעט.

אָבער די פערד האָבן אַזוי געשמאַק געכרופּעט, אַז דער גלח האָט אַזש קיין הערץ נישט געהאַט זיי אַרויסצוטרייבן פון דעם שאָדן, דעריבער האָט ער זיך נאָר אומגעקוקט און שטי-לערהייט געפּריידיקט:

— נו, פּרעסטס אַזוי איינער מיטן צווייטן, פּרעסטס... כ'וועל שוין דערפאַר אָפּזאָגן אַ תפילה פאַר קלאָנבס נשמה אָדער דעם שאָדן מיט עפּעס באַפרידיקן! גנבים, ווי זיי האָבן זיך דאָס צוגעכאַפּט צו דער פרישער קאָניטשינע!

און ר'האָט ווידער אָנגעהויבן צו גיין הין און צוריק, גע-זאָגט תפילות און געהיטן, ס'איז אים נישט איינגעפאַלן אפילו, אַז אַנטעק קוקט אויף אים, הערט און וואַרט מיט וואָס אַמאָל אַ גרעסערער אומרויִקייט אויף יאַגושען.

ס'איז אַזוי אַדורך אַ שפּאָר שטיקל צייט, ווי אַנטעקן איז מיטאַמאָל אויפן רעיון געקומען צוצוגיין צו אים און אויסרעדן זיך פאַר אים וועגן זיין באַטריבטקייט.

— אַזאַ געלערנטער, איז וועט ער אפשר גיכער געפינען עפּעס אַן עצה! — האָט ער זיך געטראַכט, צוריקציענדיק זיך מיט די שאָטנס הינטער דעם שייער אַרונטער, און ערשט פון הינטערן ווינקל דרייסט אָפּגעגאַנגען אויף דער מיעדזע אַרויף און הויך אַ הוסט געטון.

און דער גלח האָט, דערהערנדיק, אַז עמעץ קומט אָן, אַ געשריי געטון אויף די פערד:

— געמיינע שאַדנווינקלען! קיין אויג טאָר מען פון זיי נישט אַראָפּלאָזן, באַלד קריכן זיי אין פרעמדס, ווי די חזירים! ווישטאַ קאַשטאַן! — און אונטערהייבנדיק דאָס מלבוש, האָט ער זיי מיט געאיילעניש אַרויסגעטריבן.

— באַרינאַ! וואָס מאַכסטו? — האָט ער אויסגערופן, דערקענענדיק אים פון דער באַנט.

— טאַטש, כ'וועך אַרום דעם דאַבראָדזשעי, כ'בין שוין געזעסן אויף דער פּלעבאַניע.

— כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אָפּזאָגן די תּפילות אין אַ בײַנל צוצוהיטן די פערד, וואָרן וואָלעק איז אַוועקגעלאָפן אין הויף אַריין. נאָר דאָס זענען עפּעס אַזעלכע ווילדע שאַדנווינקלען, אַז זאָל גאָט שומר ומציל זיין, כ׳קען מיר מיט זיי קיין עצה נישט געבן. גיב אַ קוק, ווי קלאָגבן האָט זיך די קאָניטשיבע אויסגע־שיט ווי אַ וואַלד! פון מיין זריעה... פאַר דאָס איז מיינע אַזוי אויסגעפרוירן געוואָרן אַז ס׳איז נאָר איבערגעבליבן רומיאַנעק מיט שטעכעכץ! — האָט ער ווייטיקלעך אָפּגעזיפצט, אַנידערזעצנדיק זיך אויף אַ שטיין. — נו, זעץ דיך אַנידער, וועלן מיר שמועסן! אַ הערלעכע צייט! אין אַ דריי וואָכן אַרום וועלן זיך שוין די קאָסעס פונאַנדערקלינגען! נו, איך זאָג דיר!...

אַנטעק האָט זיך אַנידערגעזעצט דערלעבן און אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו דערציילן, מיט וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען. דער גלח האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, געטון אַ שמעק טאַבאַק און אַ געשריי געטון אויף די פערד איין מאָל און ס׳צווייטע מאָל, ניטנדיק דערביי ווי ס׳געהער צו זיין.

— ווו קריכסטו, ביסט בלינד, אַז ס׳איז פרעמדס? קוקסט זיי אָן, די פּאַסקודנע חזירים!...

עפּעס אַנטעקן איז נישט געגאַנגען שפּאָר, ר׳האָט זיך פאַר־איקעט און מיט די רייד זיך געפּלאָנטערט.

— איך זע, אַז דיך דריקט עפּעס זייער שטאַרק. זיי דיך אָפנהאַרציק מודה, וועט דיר גרינגער ווערן, זיי דיך מודה! פאַר וועמען־זשע דען וועסטו דיין האַרץ אויסגיסן, אויב נישט פאַרן גלח? — ר׳האָט אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ און מכבד גע־ווען מיט אַ שמעק טאַבאַק. און אַנטעק האָט, אָנגעמענדיק דרייסט־קייט, אים אויסדערציילט אַלע זיינע צרות.

דער גלח האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט איבער זיינע רייד, אָפּגעזיפצט און צום סוף אויסגערופן:

— איך וואָלט דיר פאַר דעם גאַיאָווע, וואָס האָסט דער־הרגעט, אַרויסגעגעבן אַ קלויסטער־תּשובה: האָסט פאַרטיידיקט דיין טאַטען, און ווייל ער איז געווען אַ ליידאַק און אַ לוטעראַנער, איז נישט אַזאַ גרויסער היזק. אָבער דער סאָנד וועט דיר נישט

שעבקען. זיבציקסטנס וועסטו אָפּזיצן פיר יאָר! און וואָס פאַר אַן עצה גיט מען דיר דאָ! גאָט מייבער! אין אַמעריקע לעבן אויך מענטשן, און פון קרימינאַל קומט מען אויך אַהיים. אָבער ס'עשטע איז שלעכט און ס'אַנדערע איז אויך נישט בעסער.

ער איז געווען דערפאַר, אַז אַנטעק זאָל כאָטש נעמען און מאָרגן אַנטלויפן. דאָ האָט ער ווידער געעצהט איבערצובלייבן און אָפּזיצן די שטראָף, און צום סוף האָט ער גאָר געזאָגט:

— איינס איז זיכער: איבערגעבן זיך אויף גאָטס באַראָט און וואַרטן אויף אַ ישועה פון אייבערשטן.

— וואָס דען, און מ'וועט מיך פאַרשליסן אין קייטן און קיין סיביר פאַרטרייבן...

— פונדעסטוועגן וויפיל קומען אַהיים, איך האָב אַליין געקענט אַזאַ איינעם...

— אמת, נאָר וואָס וועל איך נאָך די פאָר יאָר אינדערהיים טרעפן, האַ? דאָס ווייב וועט זיך דען קענען אַליין אַן עצה געבן? ס'וועט פון אַלעם אַ תל ווערן? — האָט ער ראַטלאָז געשעפטשעט.

— כ וואָלט דיר מיטן גאַנצן האַרץ גערן געהאָלפן, אָבער וואָס קען איך... וואַרט, כ'וועל אָפּריכטן אַ הייליקע גאָטעסדינסט, אַז גאָט זאָל דיר אַנדערש מאַכן. טרייב מיר אַריין די פערד אין שטאָל אַריין, ס'איז שפּעט! נו, איך זאָג דיר, ס'איז שפּעט, ס'איז צייט צו גיין שלאָפן!

אַנטעק איז אַזוי דורכגענומען געווען פון די צרות, אַז ערשט אַרויסגייענדיק פון גלחס הויף, האָט ער זיך דערמאָנט אָן יאַגושען און איז אין איילעניש אַהינגעלאָפן.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט שוין געוואַרט, אַן איינגעקאָרטשעטע הינטערן שייער.

— כ'האָב געוואַרט און געוואַרט!

דאָס קול אירס איז געווען ווי הייזעריק פון דעם טוי.

— כ'האָב דען געקענט דעם גלח לאָזן שטיין און אַוועקגיין? — ר'האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— ס'ליגן מיר נישט קיין זעלכע שטיק אין קאָפּ, נישט קיין צאַצקען זיך!

— טאַטש, כ'דערקען דאָך דיך גאָרנישט! — ר'האָט זיך דערפילט געטראָפן.

— אַזוי ווי דו האָסט מיך איבערגעלאָזט, פּונקט אַזעלכע בין איך...

— אָבער אינגאַנצן נישט ענלעך צו זיך... — ר'האָט זיך בענטער צו איר צוגערוקט.

— אַזאַ לאַנגע צייט האָסטו גאָרנישט געדאַגהט וועגן מיר און אַצינד ווונדערסטו דיך?

— אַז מער איז שוין גאָרנישט מעגלעך, אָבער כ'האָב דען געקענט קומען צו לויפן צו דיר, האַ?

— און איך בין נאָר איבערגעבליבן מיט אַ מת און מיט אַ גרימעניש! — זי האָט זיך אַ טרייסל געטון פון קעלט.

— און ס'איז דיר אפילו אויפן געדאַנק נישט ארויף צו קומען כאַפּן אַ בליק צו מיר, האָסט עפּעס אַנדערש אוודאי בעהאַט אויפן רעיון!...

— האָסט דען געוואַרט אויף מיר, יאַנטאַש, האָסט בעוואַרט? — האָט זי נישט צוגלייבנדיק זיך אַרויסגעשטאַמלט.

— און נאָך ווי אַזוי! וואָס הייסט, ווי אַ וואַנזיניקער האָב איך מיך יעדן טאָג בײַ די קראַטן אַנגעהאַנגען און די אויגן אויסגעקוקט נאָך דיר, און כ'האָב דיך אַלע טאָג געוואַרט! — אַ פּלוצלינגער ווייטיק האָט מיט אים אויפגעטרייסלט.

— יעזוס מיין ליבער! האָסט דאָך מיך אַזוי געשאָלטן דאַמאָלס הינטער דעם סטויג! און ביסט דאָך אַזוי דאַמאָלס בייז געווען! און ווען מ'האָט דיך פאַרנומען, האָסטו אפילו קיין קוק נישט געטון אויף מיר, קיין וואָרט אפילו נישט אויסגערעדט...

כ'געדענק עס גאַנץ גוט, פאַר אַלץ האָסטו אַ גוט וואָרט געהאַט, אפילו פאַרן הונט, נאָר פאַר מיר נישט! דאָס האָב איך שוין יאָ געמיינט, אַז כ'וועל פּשוט משוגע ווערן!

— כ'האָב נישט געפילט קיין שום כעס צו דיר, יאַגוש,

ביין. נאָר ווען די נשמה גריזשעט זיך פון עגמת נפש בײַ אַ מענטש, איז וואָלט ער זיך און די גאַנצע וועלט אומגע־ברענגט...

זיי האָבן געשוויגן, שטייענדיק שוין איינער לעבן אַנדערן, זייט בײַ זייט. די לבנה האָט זיי גלייך אין די פּנימער אַריין גע־לויכטן. זיי האָבן שווער געאָטעמט, געליטן פון בייסנדיקע דערי־בערונגען, די אויגן זענען בײַ זיי פאַרשווומען געוואָרן אין טרערן פון ווייטיק און פּיין.

— נישט אַזוי פלעגסטו מיך אַמאָל באַגריסן! — האָט ער אומעטיק אויסגערופן.

זי האָט זיך פלוצלינג צעוויינט און מיט אַזעלכע ביטערע טרערן, ווי אַ קינד.

— ווי אַזוי זאָל איך דיך באַגריסן, ווי אַזוי? ווינציק האָ־סטו מיך שוין באַעוולהט און אויסגענוצט, אַז אַצינד קוקן מענטשן אויף מיר, ווי אויף אַ הונט...

— איך האָב דיך אויסגענוצט? איבער מיר איז דאָס? — אַ כעס האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— און טאַקיש איבער דיר! איבער דיר האָט מיך די פלאַנדרע פון דער כאַלופּע אַרויסגעטריבן, דאָס חזירישע מיסט! איבער דיר בין איך צו שאַנד און שפּאָט געוואָרן איבערן גאַנצן דאָרף...

— און דעם וואָיט געדענקסטו שוין נישט? און אַנדערע, האַ? — האָט ער מוראדיק אַרויסגעפּלאַצט.

— אַלץ איבער דיר! אַלץ! — האָט זי געשעפּטשעט וואָס אַמאָל מער צעווייטיקט. — און פאַרוואָס האָסטו מיך צו דיר באַ־צוונגען, ווי אַ הונט דאָרט? האָסט דאָך געהאַט דיין ווייב. כ'בין געווען אַ נאַר, און דו האָסט מיך אַזוי געפּענטעט, אַז כ'האָב שוין אַ חוץ דיר גאָרנישט וועלט נישט געזען! און פאַרוואָס האָסטו מיך דערנאָך אַליין איבערגעלאָזט, אויף פאַרציקונג?

אָבער אויך ער איז פון די ווייטיקן מיטגעריסן געוואָרן און דורך די פאַרדריקטע ציין אַרויסגעשיפּעט.

— איך האָב דיך געהייסן זאָלסט װערן מײַן שטיפֿמאַמע? איך האָב דיך אפֿשר אויך געצװוּנגען זאָלסט דיך מיט איטלעכן אײנציקן, װער עס האָט נאָר געװאָלט, אַרומטל'קען, האַ?

— אין פֿאַרװאָס האָסטו מיר נישט פֿאַרװערט? װען װאָלסט מיך ליב געהאַט, װאָלסטו מיך נישט געלאָזט אַזױ פֿרײַ, נישט איבערגעלאָזט אײנע אַלײן, נאָר װאָלסט מיך אָפּגעהיטן פֿון פֿאַרשידענע פּגעס, װי אַנדערע טוען עס! — האָט זי זיך װײטיקלעך און אַזױ פֿיל מיט אומגעהײערע יסורים אָנגעזאָפּט, געקלאָגט, אַז ער האָט זיך שױן נישט געהאַט, מיט װאָס צו פֿאַרטײדיקן. יעדער מין כּעס איז פֿון אים אָפּגעפֿאַלן און דאָס האַרץ האָט זיך צעצאַפּלט פֿון ליבע.

— שטילער, יאַגוש, שטילער, קינדעלע! — האָט ער מיט בערירטקייט געשעפּטשעט.

— און אַזאַ עולה איז מיר געשען, איז פֿאַלסטו נאָך אויך אָן אויף מיר, װי אַלע, דו אויך, דו אויך! — האָט זי געכליפּעט, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָן שײַער.

ער האָט זי אַנידערגעזעצט לעבן זיך אויף דער מיעדזע און זי אָנגעהויבן צוצודריקן צום האַרץ, און טוליען, און גלעטן זי איבער די האָר, און אָפּװישנדיק איר פֿאַרװײנט פּנים, האָט ער איר די צעציטערטע ליפּן אױסגעקושט, און די אויגן, װאָס זענען מיט ביטערע טרערן פֿאַרגאָסן געװען, די ליבע און אַזעלכע פֿאַראומעטיקטע אויגן. ר'האָט זי געצערטלט, געהאַלדזט און באַרויִקט, װיפֿיל ר'האָט נאָר געקענט. אַז זי האָט שױן װאָס אַמאָל שטילער געװײנט, צודריקנדיק זיך צו אים, און מיט אַזאַ אָנפֿאַרטרויען זיך אים אויפֿן האַלדז אָנגעהאָנגען, און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף זײַנע בריסטן, װי אויף אַ מוטערלעך האַרץ, װוּ עס איז אַזױ גוט אַלע װײטיקן און טרויערן אױסצוװײנען...

אָבער אַנטעקן האָט זיך שױן בעמישט אין קאָפּ, װאָרן אַזאַ גלוסטיקייט האָט פֿון איר געשלאָגן און ס'האָט אים אַזוי צעגליט איר װאַרעמקייט, אַז ער האָט זי װאָס אַמאָל מער

שטורמישער געקושט און וואָס אַמאָל שטאַרקער צו זיך צוגעדרוקט...

מתחילת האָט זי זיך נישט געכאַפּט, אין וואָס דאָ גייט און וואָס עס טוט זיך דאָ אָפּ מיט איר. ערשט דאַמאָלס ווען זי האָט זיך שוין אינגאַנצן דערפילט אין זיין מאַכט און ווען ער האָט אָנגעהויבן אירע ליפּן מיט זיינע גליענדיקע קושן צו צעקנעטן, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו רייסן און מיט שרעק צו בעטן, כמעט מיט געוויין:

— לאָז מיך, יאַנטאָש! לאָז אָפּ! גאָט מיינער, וואָרן כ׳וועל שרייען!

אָבער צי האָט זי זיך דען שוין געקענט אַרויסרייסן פון אזא מחבל. אַז ער האָט זי צוגעדריקט, אַז ס׳האָט איר אַזש אָטעם פאַרפעלט, און זי איז אינגאַנצן מיט אַ היץ און צאַפּל דורכגענומען געוואָרן.

— ס׳לעצטע מאָל דערלויב מיר, ס׳לעצטע מאָל! — האָט ער געחלשט פאַר איר, קוים שוין אָטעמענדיק.

די וועלט האָט זיך אַזש מיט איר אַ דריי געטון און זי איז אַראָפּגעפאַלן, ווי אויף דער דנאָ פון עפּעס אַ גן עדן, און ער האָט זי גענומען, ווי ער פלעגט זי אַמאָל נעמען, מיט פייער. מיט דער גלוסטיקער קראַפט פון ליבע, און זי האָט זיך אים אויך אָפּגעגעבן, ווי אַמאָל, אין זיסער פּיין פון אָנמעכטיקייט אויף אומגעהייער גליק, אויפן סאַמע טויט...

ווי אַמאָל, יעזוס מיינער! ווי אין יענע צייטן! ווי שטענדיק!

די נאַכט איז געוואָרן אויסגעשטערנט, די לבנה איז הויך בעהאַנגען אינדערמיט הימל; אַן אָנגעוואָרעמטע, צעשמעקטע לופט האָט די פאַרשלאָפענע פעלדער אין טיפער שטילקייט איינגעהילט: די גאַנצע וועלט איז געלעגן, ווי אַן אָטעם אין פאַרשיכורטער פאַרגעסנהייט און אין זיסער געצערטלטקייט פון אומבאַוווּסטזיין.

און זיי האָבן שוין לחלוטין נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן

גאָרנישט, גאָרנישט, א זיץ פייער און שטורעם, און גאָרנישט, ס חוץ אייביק באַגערטער און אייביק נישט געזעטיקטער בענקשאַפט. פונקט ווי טיילמאָל זין אָפּגעדאַרטביימל באַהעפט זיך מיטן דונער און גיט אַ זיץ אַרויף אין הימל אַריין מיט אַ פלאַם־פייער, אַז זיי קומען ביידע שוין אום אינייבעם, קנאַלנדיק מיט אַ פריידיקן געזאַנג פון אומקום, אַזוי זענען זיי אויך פאַרפאַלן געוואָרן אין עפעס נישט געזעטיקטע פלאַמען. עס האָט אויפגעלעבט אין זיי די אַמאָליקע ליבע און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקוילט, אַרויסשיסנדיק מיט אַ געדיכט, פריידיק פייער אויף איין אויגנבליק נאָר פון פאַרגעסנהייט, נאָר אויף דעם אייבעם מאָמענט פון דער לעצטער פרייד.

וואָרן ווען זיי האָבן זיך ווידער אויפגעזעצט לעבן זיך, האָט עס זיי עפעס אַזוי די נשמות באַטויבט, אַז זיי האָבן אויף זיך שרעקעדיקע בליקן געוואָרפן, בגנבה, פונאַנדערלויפנדיק זיך מיט די אויגן, ווי מיט בושה און ווייטיק.

בחנם האָט ער מיט די ליפן געזוכט אירע ליפן, וואָס זענען דורשטיק געווען נאָך קושן, ווי אַ מאָל: זי האָט זיך פון אים מיט אַ ווידערווילן אָפגעקערט.

בחנם האָט ער איר די זיסטע צונעמען געשעפטשעט: זי האָט אים נישט אָפגעענטפערט, זייענדיק שטאַרק פאַרקוקט אין דער לבנה; דעריבער איז ער אויפגעברויזט און אָפגעקילט געוואָרן, ווערנדיק דורכגענומען מיט אַ אויסטערלישער אומעטיקייט און ווייטיק.

זיי זענען געזעסן, נישט וויסנדיק ווי, וואָס צו רעדן, ווערנדיק אומגעדולדיק און אָפגעוואַרט נאָר, ווער ס'וועט זיך דער ערשטער אַ ריר טון און זיך אַוועקגיין געזעגנטערהייט.

און אין יאַנושען איז גלייך ווי אַלץ וואָלט שוין געהאַט בענצלעך פאַרלאָשן געוואָרן און אויף אַש זיך צעשיט, וואָרן זי האָט זיך מיט אַ פאַרבאָרגענעם כעס אָפגערופן:

— אָבער דו האָסט דאָך מיך באַצוואונגען, ווי עפעס אַ גזלן, גנב!

— ביסט דען נישט מיינע, יאַנוש, נישט מיינע? — ר'האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, האָט זי אים געוואַלטיק אַ שטויס אָפּגעטון.

— כ'בין נישט דיינע, נישט קיינעמס, פאַרשטייסט? קיינעמס נישט!

זי האָט זיך ווידער צעוויינט, אָבער ער האָט זי שוין נישט באַרויקט, נישט איינגענומען, נאָר נאָך עפּעס אַ שטיקל צייט האָט ער צו איר מיט אַ וויכטיקער שטימע אַ זאָג געטון:

— יאַנוש, וואָלסט מיט מיר אַוועק אין דער וועלט אַריין?

— וווהין דען? — זי האָט אויף אים אויפגעהויבן די פאַרוויינטע אויגן.

— און אַפילו אין סאַמע אַמעריקע! וואָלסט מיט מיר אַוועק יאַנוש?

— און וואָס וועסטו מאַכן מיט דיין ווייב?

ר'האָט זיך געגעבן אַ וואָרף, גלייך עמעצער וואָלט אים מיט אַ בייטש אַ שמיר געטון.

— כ'פרעג מיך גאַנץ ערנסט! כּם וועסטו איר איינגעבן, צי וואָס?

ר'האָט זי אַ כאַפּ געטון אַרום דער טאַליע, פעסט זי צוגעדריקט, און קושנדיק זי ליידנשאַפטלעך איבערן גאַנצן פּנים, האָט ער זי אָנגעהויבן בעטן און חלשן פאַר איר, אַז זי זאָל מיט אים אַוועק אין דער וועלט אַריין, ווו זיי וואָלטן שוין צוזאַמען אויף אייביק איבערגעבליבן. אַ שפּער שטיק צייט האָט ער מיט איר אַזוי גערעדט וועגן זיינע פּלענער און האָפענונגען, וואָרן ר'האָט זיך פּלוצלינג אָנגעטשעפּעט אָן דעם געדאַנק פון אַנטלויפן מיט איר, ווי אַ שיכור אָן אַ פּלויט, און ווי אַ שיכור האָט ער איך געפּלוידערט, זייענדיק אַרומגענומען מיט אַ פיבערהאַפטער צעבּרויזטקייט. זי האָט אויסגעהערט אַלדינג ביזן סוף אַריין און בייסיק אָפּגעענטפערט!

— האָסט מיך באַצװוּנגען צו אַן עבירה, איז מײַנסטו, אַז איך בין שוין אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ און כ׳וועל דיר גלייבן אין אַלע דײַנע בבא מעשׂיות...

ער האָט באַ אַלעם געשוואוירן, אַז ער זאָגט דעם הייליקן אמת; זי האָט אים שוין נישט געוואָלט אפילו אויסהערן, און אַרויסרייסנדיק זיך פון זײַנע הענט, האָט זי אַ שעפּטש געטון:

— ס׳חלומט זיך מיר אפילו נישט מיט דיר צו אַנטלויפן. צו וואָס? ס׳איז מיר דען שלעכט אַליין? — זי האָט זיך אַרומגעהילט מיט דער פאַטשיילע, אומקוקנדיק זיך אויפמערקזאַם! — ס׳איז שפּעט, כ׳מוז שוין לויפן!

— ווו אײַלסטו דיך דאָס אַזוי, קיינער קוקט דאָך דיר נישט נאָך פון דער כאַלופּע?

— אָבער פאַר דיר איז שוין צײַט, האַנקאַ לופּטערט שוין דאָרט דאָס איבערבעט און זיפצט...

ר׳איז דערצערנט געוואָרן פון די ווערטער, ווי אַ הונט, און ר׳האָט מיט גיפט אַ שיפּע געטון:

— איך האַלט דיר נישט פאָר, ווער עס וואַרט דאָרט אויף דיר אין די קרעטשמעס...

— און ווען דו זאָלסט וויסן, אַז נישט איינער איז אפילו גרייט צו וואַרטן ביז דער זון, ווען דו זאָלסט וויסן! האַלטסט צופיל פון דיר און מיינסט, אַז דו איינער אַליין ביסט נאָר דאָ! — האָט זי גערעדט, לאַכנדיק פון אים מיט שפּאָט.

— טאָ לויף דיר כאַטשביק אַפילו צום ייִד, לויף! — האָט ער קוים אַרויסגעבראָנגט.

אָבער זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט; זיי זענען נאָך געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן, אָטעמענדיק נאָר שווער און אָנקוקנדיק זיך מיט צאָרנדיקע שליפּיעס, ווי זוכנדיק איינער דעם אַנדערן מיט די ווייטיקסטע ווערטער אָנצוגרייפן.

— האָסט מיר געהאַט עפּעס צו זאָגן, טאָ זאָג מיר, וואָרן ער וועל איך שוין צו דיר נישט אַרויסקומען...

— שרעק דיך נישט, כ׳וועל דיך נישט ארויסרופן גיין...

— וואָרן ווען וואָלסט מיר אפילו צו די פיס געפאַלן, וואָלט איך אויך נישט אַרויסגעגאנגען.

— פאַרשטייט זך, עס סטאַיעט דיר קיין צייט נישט, צו אזוי פיל אַזש דאַרפסטו יעדע נאַכט אַרויסצוגיין...

— אַז זאָלסט פגרן, ווי אַ הונט! — זי איז אַ שפרונג אויף געטון און מיטן פעלד אַוועקגעלאָפן.

ער האָט זי נישט נאָכגעיאָגט, נישט אפילו איר נאָכגערופן, זעענדיק, ווי זי לויפט איבער די בייטן, ווי אַ שאָטן, און איז הינטער די סעדער פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט זיך נאָר די אויגן אויסגעריבן, ווי ער וואָלט פון שלאָף אויפגעשטאַנען, און אומעטיק אָפגעזיפצט.

— כ׳בין שוין לגמרי פון זינען אַראָפ! יעזוס, וווהין אַ נקבה קען אַלץ פאַרפירן.

ס׳האָט אים אַ מאָדנע בושה אַרומגעכאַפּט. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין כאַלופּע אַריין. ער האָט זיך נישט געקענט שענקען דאָס, וואָס עס איז געשען, און דאָס האָט אים שרעקלעך געגריזשעט און געפייניקט.

דאָס געלעגער האָט אויף אים שוין געוואָרט גרייט אין סאָד, אין אַ פּולקאַשעק, וואָרן אין שטוב איז קיין אופן נישט געווען זיך אויסצושלאָפן, ווייל ס׳איז געווען הייס און אָן אַ שיעור פליגן.

אָבער ער איז נישט אַנטשלאָפן געוואָרן; ער איז געלעגן איינגעקוקט אין דעם ווייטן שימערן פון די שטערן, און איינהאָרכנדיק זיך צו די שטילע טריט פון דער נאַכט, האָט ער געטראַכט וועגן יאַגושען.

— ס׳איז נישט גוט מיט איר, ס׳איז שלעכט אָן איר! אַז זאָלסט! — האָט ער שטיל אַ שעלט געטון, און ווייטיקלעך אָפּגעזיפצט, איבערגעדרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס איבערבעט, אַראָפּגעשטעלט די פיס אויף דעם קאַלטן, באַטויעטן גראָז, אָבער דער שלאָף איז נישט

געקומען אין די געדאַנקען וועגן איר האָבן אויף קיין אויגנבליק נישט אויפגעהערט.

וועלבעס קינד האָט זיך צעוויינט אין דער כאַלופּע און האַקאַ האָט עפּעס אָנגעהויבן מורמלען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָבער נאָך אַ ווײַלע איז צוריק שטיל געוואָרן, און ס'זענען אים ווידער באַפֿאַלן פֿאַרשידענע מחשבות און האָבן זיך געצויגן דורך אים, פּונקט ווי פֿריילינגדיקע, שמעקנדיקע ווינטלעך, וויגן איין די נשמה מיט זיסע דערינערונגען; אָבער ער האָט זיך שוין נישט געלאָזט פֿון זיי פֿאַנגען, פֿאַרקערט. ר'האָט זיך ביכטער פֿאַרטראַכט איבער זיי, אַז צום סוף איז דערצו דערגאַנגען, אַז ער האָט צו זיך פֿייערלעך אַליין אויסגערופֿן, ווי בשעת דער הייליקער ווידוי:

— ס'מוז איין מאָל נעמען אַ סוף דערצו, ס'איז אַ חרפּה און אַן עבירה! וואָס וואָלטן עס מענטשן ווידער געזאָגט! טאַטש כ'בין דאָך אַ טאַטע פֿון קינדער און אַ באַלעבאָס. ס'מוז נעמען אַ סוף.

ער האָט פּעסט באַשלאָסן, אָבער ער איז אים געווען אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד.

— זאָל זיך נאָר אַ מענטש אַביסעלע נאָכגעבן, ווערט ער שוין אַזוי פֿאַרהיימישט מיט דעם שלעכטן, אַז אַפֿילו דער טויט קען אים שוין נישט שיידן! — האָט ער ביטער און הויך געטראַכט.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, דער גאַנצער הימל האָט זיך איבערגעטון ווי אין אַ גראָב לײַוונטענעם קיטל, אָבער אַנטעק איז נאָך אַלץ נישט געשלאָפֿן, ערשט דאַמאָלס, ווען דער ווײַסער טאָג האָט אים אָנגעהויבן אין די אויגן אַרײַנקוקן, איז האַנקאַ געקומען צו לויפֿן אים וועקן. ר'האָט אויף איר אויפגעהויבן דאָס פֿאַרכמורעטע פּנים, אָבער ער איז עפּעס אַזוי אויסטערליש צו איר גוט געווען, אַז ווען זי האָט אים דערציילט, מיט וואָס פֿאַר אַ מעשה דער קאָוואַל איז נעכטן שפּעט אין אָוונט צו איר געקומען, האָט ער איר אַ גלעט געטון איבער די נישט צוגעקעמטע האָר

— אַז ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן מיט דעם פירן, וועל איך זיך שוין עפּעסטשיס קויפן אויפן יאַריד.

זי האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט דערדאָזיקער ליבלעכקייט, אַז זי האָט אָנגעהויבן חלשן פאַר אים, אַז ער זאָל איך קויפן אַ גלעזערן שענקל אויף טעלערס, אַזוי ווי די אָרגאַניסטערס האָבן געהאַט.

— ס'וועט זיך דיר באַלד פאַרגלוסטן אפשר אַ הויפישע קאַנאַפּע! — האָט ער זיך צעלאַכט, צוזאָגנדיק איר פונדעסטוועגן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געבעטן. ער איז גיך אויפגעשטאַנען, וואָרן די אַרבעט האָט געוואַרט און מ'האָט געדאַרפט דעם קאָרג אין דעם יאָך איינשפּאַנען און ציִען, ווי אַלע טאָג.

ער האָט זיך נאָך אויסגעשמייסט מיטן קאָוואַל און באַלד נאָכן אָנבייסן האָט ער פּיעטרעקן אַוועקגעשיקט צום מיסט פירן, און אַליין איז ער געפאָרן מיט אַ פּאָר פערד געשפּאַנט אין וואַלד אַריין.

אויף דער פּאַרעמבע האָט אַזש געפויקט פון דער אַרבעט; אַ שפּאַרער עולם האָט זיך געפּאָרעט באַ דעם אַרומטשעשען די ביימער, וואָס מ'האָט נאָך ווינטער אָנגעשניטן, אַז פּונקט ווי דאָס אומאויפהערלעכע פּיקן פון די דזשענטשאָלן, אַזוי האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן דאָס האַקן פון די העק און דאָס גרילצן פון די זעג. אין די געדיכטע גראָזן ווידער פון דער פּאַרעמבע האָבן זיך געפּטשעט די ליפּצער סטאַדעס און פייערן האָבן גערויכט.

ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דאָ האָט זיך אַמאָל אָפּגעטון, און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. זעענדיק, ווי עס אַרבעטן שוין בשלום די ליפּצער מיט זשעפּקער שליאַכטע און מיט אַנדערע צוזאַמען:

— די נויט האָט זיי צוגעבראַכט צום שכל. נו, האָט מען געדאַרפט דאָס אַלדינג, האַ? — האָט ער אויסגערופן צו פּיליפּן, דער יאַגוסטינקעס זון, וועלכער האָט כאַיאַרעס אַרומגעטשעשעט.

— און ווער איז דען שולדיק געווען דערין, אויב נישט

דער דזשידשיץ מיט די באַלעבאַטים! — האָט דער פויער, נישט אויפהערנדיק די צווייגן אַרומצוהאַקן, מרה שחורהדיק אָפּגעענטפערט.

— ידער גאָר אַשר האָט מערסטנטייל'ס דער כעס און דאָס באַרישט אונטערהיצן צוגעהאָלפן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן אָרט, ווו ער האָט דערממיתט דעם גאַיאָווע, און עפּעס אַזאַ צאַרניק געפיל האָט אים אונטער דער ברוסט אַ קלעם געטון, אַז ער האָט אַזש געשאָלטן:

— אַ שטשערווע, צוליב אים ווערט פון מיר אַזאַ תל! כ'זאָל קענען, וואָלט איך דיר נאָך צוגעלייגט! — ר'האָט אַ שפּיי געטון און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

און אַזוי האָט ער שוין גאַנצע טעג געפירט צום טאַרטאַק, צוכאַפּנדיק זיך צו דער אַרבעט מיט אַזאַ ברען, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויף טויט פאַראַרבעטן, נאָר טראָץ דעם, האָט ער נישט געקענט אין זיך אָפּטויטן דאָס געדעכעניש וועגן יאַגושען, נישט וועגן דער אומגליקלעכער ספּראַווע זייגע.

עפּעס אין אַ געוויסן טאָג האָט אים מאַטעוש געזאָגט, אַז ער האָט געקויפט דעם גרונט אויף פאָדלעשיע, דער דזשעדזשיץ האָט אים געגעבן אויף אויסצוצאָלן און ר'האָט אים נאָך צוגעזאָגט לייסטן און האָלץ-אָפּפאַלעכץ צו געבן. באַסטושעס שליב האָט מען אָפּגעלייגט, ביז וואָגען שימעק וועט זיך ווי ס'איז נישט איינאָרדנען.

וואָס זענען אים דאָרט אָנגעגאַנגען פרעמדע עסקים, ר'האָט נאָך ווייניק געהאַט זייגע אייגענע דאגות? און דערצו נאָך, האָט אים שוין דער קאַיאַל כמעט טאָג-טעגלעך און אויף פאַרשידענערליי אופנים געשראָקן מיט דער ספּראַווע און ביסלעכווייז, פאַרזיכטיק, און זייער כיטרע האָט ער אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב ער וואָלט זייער נייטיק געדאַרפט, איז וואָלט דער אָדער יענער געגעבן געלט...

אַנטעק איז שוין הונדערט מאָל גרייט געווען אַ שליידער

-יעק צו טון אַלדינג און אַנטלויפן, אָבער וואָס ער האָט א קוק געטון אויפן דאָרף און וואָס ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער בייט אָוועק פונדאַנען אויף אייביק, האָט אים אַזאַ מורא אָרומגע-נומען, אַז ער וואָלט שוין באַשטאַנען צו גיין אין קרימינאַל אַריין, ר'וואָלט שוין באַשטאַנען אויף אַלעם ערגסטן, אַבי נאָר נישט דאָס.

אָבער אויך וועגן קרימינאַל האָט ער געטראַכט מיט פאַר-צווייפלטקייט אין דער נשמה.

דעריבער איז ער פון די אַלע קאַמפן מיט זיך אָפגעפאַלן פון פנים, ביטער געוואָרן און פאַר דער שטוב איז ער געוואָרן שלעכט און אומפאַרשטענדלעך. האַנקאַ האָט זיך דעם קאָפּ גע-בראָכן, בחנם פּרוּווּנדיק געוואויר צו ווערן, וואָס אים איז גע-שען. מתחילת האָט זי אים אפילו חושד געווען, אַז ר'האָט זיך חייטער צונויפגעפאָרט מיט יאַגושען. נאָר אַזוי ווי זי האָט גע-האַט אַ שאַרף אויג, און די אונטערגעפּאַשעטע יאַגוסטינקאַ האָט זיי אויך נאָכגעקוקט, אויך אַנדערע האָבן עס באַשטעטיקט, אַז זיי מיידן זיך בפירוש אויס און קומען זיך אין ערגעץ נישט צונויף, האָט זי זיך שוין פון דער זייט באַרויקט. נאָר וואָס קומט דערויס, וואָס זי האָט אים געטריי געדינט, אַז צו עסן האָט ער געהאַט דאָס בעסטע און אין דער צייט, אין שטוב איז געווען ריין, אַלץ אין אָרדנונג, וואָס די באַלעבאַטישקייט האָט זיך ווי-סוּם בעסטן געפירט, אַז ער איז כסדר געווען אין כעס, אָנגע-כמורעט, פאַר אַ ליאַדע וואָס האָט ער געשאָלטן און קיין גוט וואָרט איר נישט געגעבן.

און נאָך ערגער איז געווען, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילער, אַ באַטריבטער, אַן אומעטיקער, ווי אַ האַרב-סטיקע נאַכט, נישט ער האָט זיך געבייזערט, נישט געשריגן, נאָר כסדר שווער אָפּגעזיפצט און אויף גאַנצע אָוונטן אָוועקגעגאַנגען מיט די באַקאַנטע טרינקען אין קרעטשמע אַריין.

פרעגן אים אָפן האָט זי נישט געהאַט די דרייסטקייט, און

ראַכאָ האָט זיך געשוווירן, אַז ער ווייסט אויך פון גאָרנישט צו זאָגן, און דאָס האָט געקענט גאַנץ אמת זיין, וואָרן דער אַליסער איז איצט נאָר אַהיימגעקומען אויף באַנאַכט, און גאַנצע טעג האָט ער אַרומגעוואַנדערט אין דער געגנט מיט זיינע ביכלעך, און געלערנט פרומע תפילות צו יעזוסעס האַרץ, וואָס די רעגירונג האָט עס געהאַט פאַרבאָטן אין די קלויסטערן אָפּצוריכטן.

ביז עפּעס אין אַן אָוונט, ווען מ׳איז נאָך געזעסן אין שטוב באַ די שיסלען, וואָרן אַ ווינט האָט זיך פון מערב זייט אויפגעהויבן, האָבן די הינט זיך אין אַ גאַנצע מחנה באַם סטאַוו צעבילן. ראַכאָ האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפל און אויפמערקזאַם זיך איינגעהאָרכט.

— עמעץ אַ פרעמדער! מ׳דאַרף געבן אַ בליק אַרויס!

אָבער ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך באַלד אומגעקערט אַ בלאַסער און שנעל אויסגערופן:

— שוועדן קלינגען אויפן וועג! ווי באַלד מ׳וועט זיך פרעגן אויף מיר, בין איך אין דאָרף!

ער איז אַ שפּרונג געטון אין סאָד אַריין און פאַרפאַלן געוואָרן.

אַנטאָק איז שטערבלעך בלאַס געוואָרן און איז אויף די פיס אויפגעשפּרונגען. די הינט האָבן שוין געהאַווקעט לעבן הויף, אויפן גאַנעק האָבן זיך צעטראָגן שווערע טריט.

— און אפשר איז מען דאָס שוין נאָך מיר געקומען? — האָט ער מיט שרעק אַרויסגעקרעכצט.

אַלע זענען ווי אָפּגעשטאָרבן, דערזעענדיק די סטראַזשניקעס אויף דער שוועל.

אַנטאָק האָט זיך נישט געקענט קיין ריר טון, ער איז נאָר מיט די אויגן געלאָפן איבער אַלע פענסטער און טירן. אַ גליק, וואָס האַנקאַ האָט זיי, גאַנץ באַם באַוווסטזיין זייענדיק, פאַרבעטן צו זיצן, אונטעררוקנדיק זיי אַ באַנק.

זיי האָבן זיך העפלעך באַגריסט, איינצייטיק אַ שמועס טו-

ענדיק וועגן א חעטשערע, אזוי, אז זי האט זיי געמוזט מאכן א בעפרעגלטס פון אייער.

— וווהין עפעס אזוי שפעט? — האט אנטעק ענדלעך א פרעג געטון.

— דינסטלעך! נישט קיין קליינע דיעלא האבן מיר! — האט דער עלטסטער אפגעענטפערט, פירנדיק מיט די אויגן איבער אלע פארזאמלטע אין שטוב.

— מסתמא נאך גנבים? — האט אנטעק דרייסטער צוגעווארפן, ארויסברענגענדיק א פלאש פון קאמער.

— אי נאך גנבים? — אי נאך עפעס אנדערש! טרינקטס צו אונדז לחיים, באלעבאס!

ר'האט מיט זיי אויסגעטרונקען. זיי האבן זיך צוגעכאפט צו דעם געפרעגלטס, אז די לעפל האבן אזש געקלונגען.

אלע זענען געזעסן שטילעטשקע. פונקט ווי די איבערגעשראקענע העזלעך.

די סטראזשניקעס האבן אויסגעפוצט די שיסל אויף ריין, פארטרונקען נאכאמאל מיט בראנפן, און דער עלטסטער האט, אפווישנדיק זיך די וואנסעס, בגילופינדיק זיך אנגערופן:

— שוין לאנג ווי מ'האט ענק פון טורמע ארויסגעלאזט, א?

— ס'הייסט דער פאן עלטסטער ווייסט דען נישט!

ער האט עטוואס א צאפל געטון.

— און ווו איז עפעס ראכא? — האט פלוצלינג דער עלטסטער א פרעג געטון.

— וועלכער ראכא? — ר'האט מיטן קוק פארשטאנען און באדייטנד זיך בארוקט.

— בא אייך ווינט אפנים עפעס א געוויסער ראכא?

— און אפשר מיינט דער פאן עלטסטער דעמדאזיקן דזשאדטשינע, וואס גייט ארום איבערן דארף? אמת, טאטש ער הייסט דאך טאקע ראכא!

דער סטראַזשניק האָט זיך אומגעדולדיק אַ האַרף געטאָן און שטרענג אויסגערופן:

— מאַכטס גאָר נישט קיין חיצן, ער וווינט דאָך בײַ אײַך, מ׳ווייסט דאָך!

— אמת טאַקע, אַז ער פּלעגט נישט איינמאָל בײַ אונדז צוזיצן, אָבער ער פּלעגט אויך בײַ אַנדערע זיצן. אַ דזשאַד אַ בעטלער, איז ווי ס׳איז אים אויסגעקומען, דאָרט האָט ער דעם קאָפּ אַנידערגעלייגט. הײַנט אין דער כאַלופּע, אַן אַנדערש מאָל אין שטאַל, און טײלמאָל גאָר פּשוט אונטער אַ פּלויט. וואָס האָט עפּעס אויף אים דער פּאַן סטאַרשי אַזוינס דערזען?

— אַזוי, וואָס זאָל זײַן, גאַרנישט, כ׳פֿרעג גאָר אַלס באַקאַנטשאַפֿט...

— אַן אָרנטלעכער מענטש, מישט זיך נישט אין קיינעמס געשעפֿטן אַרײַן — האָט האַנקאַ צוגעגעבן.

— נו, מיר ווייסן, ווער ער איז פֿאַר אײנער, מיר חייסן! — האָט ער באַדייטונגספֿול געמרוקעט, פּרווונדיק אויף פֿאַרשידענערליי אופֿנים וועגן אים אויסצופֿרעגן. ר׳האָט שוין אפֿילו מיט טאַבאַק מכבד געווען, אָבער אַלע האָבן זיך גאָר כּסדר געהאַלטן בײַ אײנס, אַזוי, אַז ער האָט, נישט קענענדיק גאַרנישט אויסשמעקן, מיט כּעס זיך פֿון דער באַנק אויפֿגעהויבן —
און איך זאָג, אַז ער וווינט בײַ ענק אין דער כאַלופּע!

— כ׳האָב דאָך אים נישט באַהאַלטן אין קעשענע! — האָט אַנטעק אָפּגעוואָרטשעט.

— איך בין דאָ אַהערגעקומען דינסטלעך, איר פֿאַרשטייט, באַרינאַ! — האָט זיך דער עלטסטער מיט צאָרן אַ וואָרף געטאָן, אָבער ער איז עפּעס באַלד צוריק גוט געוואָרן, באַקומענדיק אויפֿן וועג אַ פֿערטל שאָק אייער און אַ שפּאָר שטיקל פֿרישע פּוטער.

וויטעק איז זיי נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט, דערציילנדיק דערבאָך, אַז זיי האָבן אָפּגעטרעטן בײַם סאָלטיס און געפּרוּווט אַרײַנכאַפּן אַ בליק אין טייל פֿענסטער, וואָס זענען נאָך געווען

באַלויכטן, נאָר די הינט האָבן אַזוי געבילן, אַז ס׳האָט זיך זיי אין ערגעץ נישט איינגעגעבן געהיים אַריינקוקן, זענען זיי מיט גאָרנישט אַוועקגעגאַנגען.

אָבער דערדאָזיקער פּאַרפּאַל האָט עפּעס אַזוי מאָדנע געווירקט אויף אַנטעקן, אַז, ווי נאָר ער איז איבערגעבליבן אַליין אויג אויף אויג מיטן ווייב, האָט ער זיך פאַר איר אָנגעהויבן אויסצוגעבן מיט זיין באַטריבטקייט.

זי האָט אים אויסגעהערט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, אויפמערקזאַם, נישט אַדורכלאָזנדיק קיין איין וואָרט. ערשט דאַמאָלס, ווען ער האָט צום סוף אָנגעזאָגט, אַז עס בלייבט זיי גאָרנישט איבער עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אַלץ צו פאַרקויפן און אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין, כאָטשביק קיין אַמעריקע, איז זי געבליבן שטיין פאַר אים אַ בלאַסע, ווי די וואַנט.

— כ׳על נישט גיין, און די קינדער אומברענגען וועל איך נישט לאָזן! — האָט זי דראָענדיק אויסגערופן — כ׳על נישט גיין! און אויב וועסט מיך צווינגען, וועל איך די קינדער מיט אַ האַק די קעפּ אָפּהאַקן און אַליין וואַרף איך מיך כאָטשביק אין דער ברונעם אַריין! כ׳זאָג דעם ריינעם אמת, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן! זאָלסט עס דיר נעמען אין זכרון אַריין! — האָט זי געשריגן, קניענדיק פאַר די בילדער, ווי צו אַ פייערלעכער שבועה.

— שטילער! טאָטש כ׳זאָג דאָך נאָר אַזוי!

זי האָט אַ קאָפּ דעם אָטעם געכאַפּט און שוין שטילער אויסגערופן, קוים איינהאַלטנדיק די טרערן:

— וועסט דיינס אָפּזיצן און וועסט אַהיימקומען! האָב נישט קיין מורא, כ׳וועל מיר אַן עצה געבן... כ׳וועל דיר אפילו קיין בייט נישט פאַרלירן, דו קענסט מיך נאָך נישט... כ׳וועל פון די נעגל נישט אַרויסלאָזן... דער פּאַן יעזוס וועט העלפן, איז וועל איך אַזאַ צרה אויך איבערטראָגן — האָט זי שטיל געוויינט.

ער האָט זיך לאַנג מיישב געווען און צום סוף האָט ער געזאָגט:

— וואָס דער איבערשטער וועט געבן, דאָס וועט זײַן; מ'דאַרף וואַרטן אויף דער ספּראַווע.

און פֿון קאַוואַלס כיטרע באַמיִונגען איז גאָרנישט געוואָרן.

VI

— לייג דיך שוין אַמאָל אַנידער און שטער מיר נישט! — האָט מאַטעוש מיט כּעס אַ וואָרטשע געטון, איבערדרייענדיק זיך אויף דער צווייטער זייט.

שימעק איז אויף אַ ווײַלע געבליבן ליגן, און ווי באַר יענער האָט ווידער אָנגעהויבן צו כראָפּען, האָט ער זיך שטיל אָנגעהויבן אַרויסגראַבלען פון תּבֿואה־קאַסטן, וואָרן עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין שייער, ווו זיי זענען געשלאָפן, רייסט זיך שוין אַריין דער ערשטער פרי־מאָרגן־גרוי.

ער האָט אין דער פינסטער צונויפגעקליבן איבער דער ליים־פּאָדלאָגע אַלע מכשירים, וואָס ר׳האָט זיך נאָך פון נעכטן געהאַט אָנגעגרייט, און ר׳האָט זיך אַזוי געאײַלט, אַז עס איז אים כּסדר עפּעס מיט אַ שרעקלעכן קלאַנג פון די הענט געפאַלן, אַז מאַטעוש האָט אַזש פון שלאָף גע־שאָלטן.

איבער דער ערד אָבער איז נאָך געלעגן אַ פינסטער־ניש, נאָר די שטערן זענען שוין געווען עטוואָס בלאַסלעך, אויף

מזרח-זייט האָט זיך שוין אַ קאָפּ געהאַט פונאַנדערגעריבן, און די ערשטע העלער האָבן שוין מיט די פליגל אָנגעהויבן קלאַפּן, קריייענדיק מיט אַ הייזעריק קול.

שימעק האָט צוזאַמענגענומען אין אַ טאָטשקע אַריין, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט, און גנבענדיק זיך שטילערהייט לעבן דער כאַלופּע, האָט ער זיך אַרויסבאַקומען צום סטאַו.

דאָס דאָרף איז געשלאָפן, ווי דערהרגעט, אפילו אַ הונט האָט נישט קיין ביל געטון, און אין דער שטילקייט האָט מען נאָר געהערט דאָס ריזלען פון וואַסער, וואָס האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך די אַראָפּגעלאָזטע סטאַווידלעס פון דער מיל.

אויף די וועגן, וואָס זענען באַשאָטנט געווען מיט סעדער, איז נאָך געווען אַזוי פינסטער, אַז ווו-נישט-ווו נאָר האָט קוים אַ געווייסטע וואַנט אַ שימער געטון, דער סטאַו ווידער האָט נאָר אויף אַזוי פיל פון דער נאַכט אַרויסגעבליקט, פּונקט ווי די שיין, וואָס שלאָגט אָפּ פון די שטערן.

אָבער, צוגייענדיק ביז דער מוטערס כאַלופּע, האָט ער פּאַמעלעכער אָנגעהויבן שטעלן די טריט, אויפמערקזאַם זיך איינהאָרכנדיק, וואָרן אין הויף-איינגאַנג האָט זיך געהערט, ווי עמעץ וואָלט געגאַנגען מיט אַ שטילן און אומאויפהערלעכן געמורמל.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער מיטאַמאָל דערהערט דער מוטערס קול.

ער איז פאַרשטאַרט געוואָרן און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, נישט וואַגנדיק זיך קיין ריר צו טון, די אַלטע ווידער האָט, נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף קיין ענטפער, ווידער אָנגעהויבן צו גיין.

ער האָט זי געזען, ווי אַ שאָטן, וואָס האָט זיך אונטער די ביימער גערוקט; זי האָט זיך מיטן שטעקעלע דעם וועג געטאַפּט און איז געגאַנגען, זאָגנדיק מיט אַ האַלב קול עפּעס אַ תּפילה.

— שלעפט זיך אַרום באַנאַכט, ווי אַ רשע איבערן

גיהנום — האָט ער אַ טראַכט געטון, אָבער ער האָט עפעס אַזוי שמורצלעך אָפגעזיפצט און שטילעטשקע, מיט שרעק זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט. — ס'גריזשעט זי מיין עולה! ס'גריזשעט — האָט ער מיט אַ טיפער צופרידנקייט איבערגעחזרט, אַרויסגייענדיק אויפן ברייטן, אויסגעפאַרענעם וועג הינטער דער מיל, און מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן לויפן, ווי ס'וואָלט אים ווער געיאָגט, נישט קוקנדיק אויף קיין שטיינער און אויף קיין גריבער.

ערשט באַם צלם האָט ער זיך אָפגעשטעלט, אויף דעם שייד־וועג פון די פאָדלעשיער וועג. ס'איז נאָך צו פינסטער געווען זיך צו שטעלן צו דער אַרבעט, האָט ער זיך די ריבער אַנידערגעזעצט אונטער דער פיגור, צו כאַפן אַ ביסל דעם אָטעם און צוצוואַרטן.

— אַ גנבישע צייט, ס'איז קיין אופן נישט איצט אונטערצושיידן פון אַ בייט ביין וואַלד — האָט ער געוואָרטשעט, בלאָנדזשענדיק מיט די אויגן איבער דער וועלט. די פעלדער זענען געלעגן פאַרטרונקען אין די טונקעלע פינסטערנישן, אָבער אויפן הימל האָבן שוין וואָס צמאָל מער אויפגעגליט די גאָלדענע שטרייפן פון פרימאָרגן.

די צייט האָט זיך אים געלאַנגווייליקט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן פאַטשערזש, אָבער יעדעס מאָל, וואָס ער האָט מיט דער האַנט די באַטויעטע ערד באַרירט, האָט ער די ווערטער פאַרלוירן און זיך דערמאָנט מיט שמחה, אַז ער גייט שוין אויף אייגנס, אויף אַ באַלעבאַטעשאַפט.

— איך האָב דיך און וועל דיך שוין נישט אָפלאָזן — האָט ער געטראַכט מוטיק, מיט פרייד, און מיט אַן אומגעהייערער פאַרברענטקייט פון ליבע האָט ער זיך איינגעפרעסן מיט די צעגליטע אויגן אין די צעקאָלטנעוואַטע טונקלענישן אונטערן וואַלד, ווו עס האָבן שוין געוואַרט אויף אים די זעקס מאָרגעס, וואָס ר'האָט געקויפט פון דזשעדזשיק.

— איך וועל ענק אַרומנעמען, האַרציקע יתומים, און נישט פאַרלאָזן כל־זמן כ'וועל לעבן! — האָט ער געמורמלט, צוציענ-

דיק דעם פעלץ אויף דער אויפגעדעקטער ברוסט, וואָרן אַ קעלט האָט אים עטוואָס אַדורכגענומען, און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פּלייצעס אָן צלם, פּאַרקוקט אין דעם פרימאָרגן, האָט ער אָנגעהויבן כראַפּען, ער איז באַזיגט געוואָרן פון שלאָף.

די פעלדער האָבן שוין געגרויט, פּונקט ווי די ברייט צעגאָסענע וואַסערן, די טוי־גרויע תבואות האָבן אים באַרירט מיט די פונאַנדערבאַזעגטע זאַנגען, און ער איז אויף די פיס אויפגעשפּרונגען.

— דער טאָג איז שוין גרויס ווי אַן אָקס, ס'איז צייט צו גיין אַרבעטן — האָט ער אַ שעפּטש געטון, אויסציענדיק זיך די ביינער, און אַנידערגעקניט פאַרן צלם די תפילה אָפּצוזאָגן, אָבער ער האָט שוין נישט אַזוי גיך געמאָלן ווי אַ מיל, ווי ער פלעגט עס שטענדיק מאַכן, אַבי נאָר איבערצוקומען, און אַ סך זיך אָנצוזיפצן, אין דער ברוסט זיך אָנצוקלאַפּן און אַזוי פיל מאָל זיך איבערצולמען, אַז די האַנט איז אים אַזש פאַרשטאַרט געוואָרן: היינט איז אינגאַנצן געווען אַנדערש, ער האָט אַזוי האַרציק געבעטן און אַזוי מיט דער גאַנצער נשמה, גאָט זאָל אים העלפן, אַז טרערן זענען אים גערינען, און אַרומנעמענדיק יעזוסעס פיס, האָט ער אָנגעהויבן סקאָמליען, איינקוקנדיק זיך מיט די טרייע אויגן אין זיין פאַרפייניקט און הייליק פּנים.

— העלף מיר, באַרמהאַרציקער יעזוס! די אייגענע מאַמע האָט מיך בעוולהט, נאָר אויף דיין השגחה גיב איך מיך, יתום, איבער! העלף! טאַטש, ווי דער נידעריקסטער שוין שטעל איך מיך דאָך צו דער שווערער אַרבעט! אמת טאַקע, איך בין זינדיק, אָבער העלף מיר באַרעמהאַרציקער האַר, איך וועל שוין אויף אַ גאָטעסדינסט מנדר זיין, אָדער אפשר אויף צוויי! כ'וועל ליכט קויפן, און אַז כ'וועל מיך אַרויפאַרבעטן, וועל איך אפילו אַ באַלדאַך לאָזן מאַכן! — האָט ער געבעטן און מבטיח געווען, צופאַלנדיק האַרציק מיט די ליפּן צום צלם, ער איז אַרום אים אויף די קני אַרומגעגאַנגען, הכנעהדיק די ערד געקושט און ער איז אויפגעשטאַנען אַן אָן אַ שיעור געשטאַרקטער און גלייבנדיקער אין זיך.

און ער האָט זיך דערפילט שטאַרק און גרייט שוין אויף אַלעם און מיט אַזאַ גוט געמיט, אַז ווען ער האָט די שוואַרצע טאָטשקע אַ נעם געטון, האָט ער זי בעשטופּט, ווי אַ פעדערל, שטרענג פירנדיק מיט די אויגן איבער ליפּצע, וואָס איז געלעגן בידעריקער, און איינגעאָנצן נאָך אין נעפּלען איינגעהילט, פון וועלכע נאָר דער קלויסטער־שפּיץ האָט הויך אַרויפגעשטאָגן, שימערנדיק מיטן גאָלדענעם צלם אין די רויטע מאָרגן־שטראַלן.

— צ'וועט זען! העי! צ'וועט זען! — האָט ער מיט שמחה אויסגעשריגן, אַרויסבייענדיק אויף זיין גרונט. ער איז געלעגן באַלד לעבן וואַלד, מיט איין זייט צו די ליפּצער פעלדער אָנגעשפּאַרט, אָבער גאָט דערבאַרעמדיקער, וואָס פאַר אַ גרונט איז דאָס געווען! אַ שטיק ווילד אומבאַאַקערט פעלד, פול מיט גריבער נאָך דער ציגעלניע, צעבראָכענע ציגל, שטיינדלעך, מיט דערנער פאַרוואַקסן. קעניג-פלאַנצן, הינט־רומיאַנעק און פעדישער שטשאַוו האָבן זיך געדיכט אויף די בערגלעך געמערט, און אויף טייל ערטער האָט זיך מיט מאַטערניש אַ צעדרייט סאָסנעלע אויפגעהויבן, דאָ אַ קעמפּע אָלכעס אָדער יאַלאָווע־ביימלעך, אין די טאָלן ווידער און גריבער זעגען טשטשיבעס און בעמווזעכץ, ווי די יונגע וועלדער, געדיכט געוואַקסן. מיט איין וואָרט, די ערד איז געווען אַזעלכע, אַז אַ הונט וואָלט זיך אויף איר נישט געוואָלט אומקוקן, אַז אפילו דער דזשעדזשיץ אַליין האָט אים דערפון אָפּגעריידט, אָבער דער שנך האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— פּונקט ווי פאַר מיר! כ'וועל מיר מיט אַזעלכער אויך אַן עצה געבן!

און מאַטעוש האָט אים אויך נישט געראָטן, מיט שרעק אַ קוק טוענדיק אויף דעמדאָזיקן ווילדן שטיק פעלד, ווו די פּאָלוואַרק־הינט האָבן נאָר זייערע חתונות עפּראַוועט. אָבער שימעק האָט כסדר געהאַלטן אין איין טענהן זיינס, צום סוף האָט ער פעסט אַ זאָג געטון:

— כ'האָב שוין געזאָגט! איטלעכע ערד איז גוט, אַז אַ מענטש טוט זיך נאָר צו צו איר!

און ער האָט זי גענומען, וואָרן דער דזשעדזשיך האָט וואָלוול פאַרקויפט, צו זעכציק רובל אַ מאָרגע. און ר'האָט נאָך צוגעזאָגט בייהילפיק צו זיין אין האָלץ און אין אַנדערע זאַכן.

— וואָסי, פאַרוואָס זאָל איך מיר דאָס נישט קענען קיין עצה געבן! — האָט ער אויסגעשריגן, אַרומנעמענדיק זי מיט די צעגליטע אויגן, און אַנידערשטעלנדיק די טאָטשקע אויף דער מיעדזע, האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוניין זיינע גרענעצן, וואָס זענען געווען מיט אַריינגעשטעקטע צווייגן אַרומגעצייכנט.

ער איז בעגאַנגען געלאַזן און מיט אַזאַ שטילער און טיפער פרייד, אַז דאָס האַרץ האָט אים אַזש ווי מיט האַמערס געקלאַפט, אין דעם האַדז פאַרשפאַרט. ער איז געגאַנגען, אָפּסדרנדיק באַ זיך אין קאָפּ מיט אַן אָרדנונג, וואָס ר'האָט צו טון און פון וואָס אָנצוהייבן. ר'האָט דאָך עפּעס געדאַרפן אַרבעטן פאַר זיך, פאַר באַסטושען, פאַר דעם קומענדיקן דור פון די פּאַטשעשיז, אין דעריבער האָט ער זיך מיט אַזוי פיל כּוח און מיט שרעקלעכן חשק אָנגענומען, פּינקט ווי אַ הונגעריקער וואָלף, ווען ער כאַפּט צו אַ שעפּס, און רייסט זיך צו צום לעבעדיקן פלייש.

און אַרומגייענדיק דאָס גאַנצע פעלד, האָט ער מיט ישוב הדעת אָנגעהויבן זיך אָפּצוקלייבן אַ פּלאַץ אויף אַ כאַלופּע.

— ס'איז אַ וראַט דאָס בעסטע, דאָס דאַרף איז אַנטקעגנאיבער און דער וואַלד אין דער זייט, ס'וועט גרינגער זיין האָלץ זיך צו פאַרשאַפן און ווינטער וועט דאָ שטילער זיין — האָט ער זיך געטראַכט, און באַצייכנדיק מיט שטיינער פיר ווינקלען האָט ער פון זיך אַראָפּגעשליידערט דעם פּעלץ, זיך אַבערגעצלמט, זיך גענומען צום אויסגלייכן די ערד און אויסוואַרצלען די ווערבעס.

דער טאָג האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן אַ גאָלדענער, פון דאָר האָבן זיך געטראָגן די געריטשן פון די ספּאַדעס,

וואָס מ׳האָט אויף דער פּאַשע אַרויסגעטריבן, עס האָבן געסקריפּעט די ברונען־דרענגער, מענטשן זענען צו דער אַרבעט אַרויסגעגאַנגען, אויף די וועגן האָבן וואָגנס געררישט, און עס האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע שטימען צוזאַמען מיטן לייכטיטשקן ווינטעלע, וואָס האָט זיך אין די תּבֿואות צעשטיפט. אַלץ האָט זיך געפירט, פּונקט ווי יעדן טאָג. נאָר שימעק האָט, אויף גאָרנישט קוקנדיק, ווי פאַרגעסן זיך אין דער אַרבעט, טיילמאָל נאָר האָט ער דעם רוקן אויסגעגלייכט, אָפּגעעטעמט, די אויגן, וואָס זענען מיט שווייס באַגאָסן געווען, זיך אויסגעווישט, און ווידער זיך צוגעטון צו דער ערד, פּונקט ווי אַ נישט אָנגעזעטיקטע פּיאַווקע, מורמלענדיק כסדר, לויט זיין געוווינהייט, צו איטלעכער זאַך, ווי צו עפּעס אַ בעל חי.

ער האָט גראָד עפּעס אָנגעהויבן אַרויסציִען אַ גרויסלעכן שטיין און ער האָט גערעדט:

— ביסט דיך גענוג אויסגעלעגן, אָפּגערוט דיך, איז וועסטו מיר איצטער קענען די כאַלופּצ אונטערשפּאַרן.

און אויסהאַקנדיק קזשאַקעס מיט דערנער, האָט ער מיט אַ שפּאָטיש געלעכטערל געזאָגט:

— פאַרטיידיק דיך נישט, שוטה! ר׳מיינט, ר׳וועט זיך מיר אַנטקעגנשטעלן! וואָס דען! כ׳וועל דיך גיין איבערלאָזן, זאָלסט די הויזן דערנאָך צערייסן, הא?

צו די שטיינדלעך, וואָס ליגן שוין דאָ פון דורות־לאַנג, האָט ער ווידער געזאָגט:

— און אייך ענק וועל איך רירן, ס׳איז שווער זיך אַזוי צו קוועטשן אויף אַ קופּע! כ׳וועל פון ענק מאַכן אַ בריק לעבן דער שטאַל, ניט באַ די באָרינעס!

און טיילמאָל, אָנשעפּנדיק אָטעם, האָט ער די ערד זייגע מיט ליבלעכע אויגן אַרומגענומען און הייס געשעפּטשעט:

— דו ביסט מיין! ביסט מיין! קיינער וועט דיך פון מיר נישט אַרויסרייסן!

און, ווי מיטפילנדיק נעבעך דער מיט דערנער פאַרוואַקסענער, אומפרוכטבאַרער, נישט געררעטעניש־פעקער און פאַר־

לאָזטער ערד, האָט ער צערטלעך, ווי אַ קינדעלע זי גע־טרייכלט:

— וואַרט צו אַ קאַפּ, יתומה, כ׳וועל דיך באַאַרבעטן, אָנ־כאַשען, אויסצאַצקען, אַז דו וועסט פּרוכטבאַר ווערן, פּונקט ווי אַנדערע. האָב נישט קיין מורא, כ׳וועל דיר אַלץ געהעריק טון, אַלץ געהעריק טון.

די זון האָט זיך איבער די פעלדער אויפגעהויבן און אים אַ לייכט געטון אין די אויגן אַריין.

— אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם! — האָט ער אויסגע־רופן, צומרוזשענדיק די אויגן. — ס׳גייט ווייטער אויף היצן און אויף אַ טרוקעניש — האָט ער צוגעגעבן, וואָרן זי האָט זיך אַ שרעקלעך פּאַררויטלטע אויפגעהויבן.

אינגיכן האָט זיך דאָס קלויסטער־גלעקל אָפּגערופן, און איבער די ליפּצער קוימענס זענען פּאַמעלעך בלוילעכע רויכן אויפגעשטיגן.

— וואָלסט אפשר עפּעס איצט געגעסן, באַלעבאָס, הא? — ער האָט צוגעצויגן דעם פּאַסיק — נאָר די מאַמע וועט דיר שוין קיין קאַבאַלקעס נישט אַרויסברענגען, ניין — האָט ער טרויע־ריק אָפּגעזיפצט.

און אויף די פּאָדלעשיער פעלדער האָט אָנגעהויבן ווימ־לען פון מענטשן, פּונקט ווי ער, האָבן זיי זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, אויף די נאָר־וואָס ערשט באַקומענע שטחים ערד, ר׳האָט דערזען סטאַכאָ פלאָשקען, וואָס האָט מיט אַ פּאָר פעסטע פערד געאַקערט.

— יעזוס מייגער, ווען וועסטו מיר כאָטש איינעם געבן — האָט ער געטראַכט.

וואַכניק יוזעף האָט אָנגעפירט שטיינער אויף אַ פונדאַמענט צו אַ כאַלופּע, קלאָנב מיט די זין האָט אַרומגעקאָפּעט אַ ראָח אַרום זיין ערד, און גזשעלאַ, דעם וואָיטס ברודער, האָט בײַם סאַמע וועג, לעבן צלם, עפּעס לאַנג מיט אַ טיקע אויסגע־מאָסטן.

— דער פלאַץ איז חי אָפּגעמאָסטן אײַך אַ קרעטשמע — האָט שימעק באַמערקט.

גזשעלאַ איז, באַצײכנדיק מיט פלעקנדלעך דעם אויסגע־מאָסטענעם פּלאַץ, געקומען צו גײן אים באַגריסן.

— האַ, האַ! דו אַרבעטסט, זע איך, פאַר צען! — דער־שטױנונג האָט מען אין זײַנע אויגן געזען.

— און איך דאַרף דען נישט צו האָבן? וואָס פאַרמאַג איך? מער נישט, ווי אַ פּאָר הויזן און די גאַלע בעגל!

האָט ער אַ מרוק געטון, נישט אָפּרײַסנדיק די הענט פון דער אַרבעט. גזשעלאַ האָט אים צוגעזיזן דאָס און יענץ און זי איז אומגעקערט צו זײַנעם, און נאָך אים זענען צוגעקומען אַנ־דערע, ווער מיט אַ גוט וואָרט, ווער גלאַט אויף אַ שמועס, און ווער נאָר אַ נאַפּיראָס אויסצורײכערן און די צײַן אויסצו־שטשירען, אָבער שימעק האָט וואָס אַמאָל אומגעדולדיקער אָפּגע־ענטפערט, אַז צום סוף האָט ער שוין שאַרף צו פריטשעקן אויסגעשריגן:

— וואָלסט בעסער דײַנס געגאַנגען אַרבעטן און אַנדערע נישט געשטערט! יום־טוב מאַכן זיי זיך, די יוכעס!

און ער אַלײן איבערגעבליבן, וואָרן מ׳האָט אים שוין אויסגעמיטן.

די זון האָט זיך וואָס אַמאָל העכער אויפגעהויבן. זי איז שוין געהאָנגען איבערן קלויסטער, זיך אָן אָפּהאַלט געטראָגן, פאַרגיסנדיק די וועלט מיט אַ בלענדנדיקער שײַן און וואַרעמקייט, דער ווינט איז ערגעץ־ווו פאַרפאַלן געוואָרן, אַז די היץ האָט שוין אָן שום שטערונג די ערד אַרומגענומען מיט אַ שימערנדי־קער היל, אין וועלכער די תבואות האָבן זיך געבאָדן, ווי אין אַ צעריזלטער, שטילעטשקער זידיקייט.

— מיך וועסטו אַזוי גיך נישט אַראָפּטרײַבן — האָט ער ווי קעגן דער זון אויסגעשריגן, און דערזעענדיק נאַסטושען מיטן אָנבײַסן, איז ער אַנטקעגנגעגאַנגען, צוכאַפּנדיק זיך גיריק צו די קאָביאַלקעס.

נאַסטושיאַ האָט עפּעס אומרויִק אַ בליק געוואָרפן אויף די פעלדער.

— ס'וועט דען עפּעס דאָ געראָטן אויף אַזעלכע זומפּיקע און נאַסע פעלדער!

— אַלץ וועט געראָטן, וועסט זען, אַז וועסט אַפילו האָבן ווייץ אויף קיכנס.

— וואַרט אַזוי לאַנג, ביז די וועלף וועלן די קאָבעלע אויפעסן.

— ז'וועלן נישט אויפעסן, נאַסטוש! גרונט איז דאָ, איז טאַקע גרינגער אויסצוּוואַרטן, טאָטש גאַנצע זעקס מאָרגעס געהערן דאָך צו אונדז — האָט ער גערעדט, עסנדיק אין איילעניש.

— וואָס דען, וועסטו גריזשען די ערד, און ווי אַזוי וועלן מיר איבערווינטערן?

— דאָס איז שוין מיין זאַך, זאָרג דיך נישט! כ'האָב שוין וועגן אַלץ אַדורכגעטראַכט, און וועל אויף אַלדינג געפינען אַן עצה! — ער האָט אָפּגערוקט די ליידיקע קאָבי־אַלקעס, אויסגעצויגן די ביינער און זי אונטערגעפּירט, ווייזנדיק און געבנדיק איר אַלץ צו פאַרשטיין.

— דאָ, אויף דעם אָרט וועט שטיין די כאַלופּע — האָט ער מיט שמחה אויסגערופן.

— זי וועט שטיין! פון בלאָטע וועסטו זי מסתמא אויפקלעבן, ווי אַ שוואַלב!

— ניין, פון ביימער מיט צווייגן, און פון ליים, און פון זאַמד, און פון וואָס ס'וועט זיך נאָר לאָזן, אָבי נאָר עפּעס אַ ייִעריל אויסצוהאַלטן, ביז וואַגען מ'וועט זיך נישט אַרויסהעלפן.

— אַ וואַזשנעם הויף, זע איך, האָסטו אויסגעטראַכט! — האָט זי ווי מיט אַן חשק אַ וואָרטשע געטון.

— כ'וויל גלייכער אין אַ בויד וווינען, איידער בײַ צמענן אויף קאָמאָרינע.

— די פלאַשקאָווא האָט געזאָגט, אַז מ'זאָל זיך צו זיי אַריינצינען אויף איבער ווינטער, און זי האָט אַליין צוגעזאָגט אונדז אַ שטוב צו געבן, פון איר גוטן האַרץ.

— פון גוטן האַרץ. וואָס דען, זי מוז עס זיכער וועלן טון דער מאַמען אויף צולהכעיס, וואָרן זיי גריזשען זיך דאָך אַרום צווישן זיך, ווי די הינט. אַ פאַרשטונקענע טאַרבע, כ'דאַרף נישט איר גוטסקייט. האָב נישט קיין מורא, באַטוש, כ'על דיר אויסלאַדעווען אַזאַ כאַלופע, אַז ס'וועט זיין אַי אַ פענסטער, אַי אַ קוימען, און אַלדינג, וואָס מ'דאַרף נאָר. וועסט זען, אַז אַזוי ווי דער אמן אין פאַטשערזש, אַזוי וועט זי אין דריי וואָכן אַרום שטיין, אַז כ'זאָל מיר אַפילו דאַרפן די הענט און פיס איבעראַרבעטן, און שטיין וועט.

— אוודאי, וועסט דיר נאָך אפשר אַליין אויפשטעלן!

— מאַטעוש וועט מיר העלפן, ר'האָט מיר צוגעזאָגט.

— די מאַמע וואָלט מיט גאָרנישט עפעס צוגעהאָלפן? — האָט זי, ווי שרעקנדיק זיך, אויסגערופן.

— כ'וואָל וויסן אויסצוגיין, און בעטן וועל איך נישט — האָט ער אויסגעשריגן, אָבער זעענדיק, אַז זי איז נאָך מער אומעטיק געוואָרן, האָט ער זיך פאַרדאַגהט! און ווען זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט לעבן קאָרן, האָט ער זיך מיט שרעק גענומען פאַרענטפערן.

— און צי קען איך דען, באַסטוש? וואָס הייסט, זי האָט דאָך מיך אַרויסגעיאָגט און דיך האָלט זי דאָך אין איין זידלען.

— נאָט מיינער, וואָלטן זיי כאָטש עפעס אַ קוטשינע געגעבן, און אַזוי זעען מיר דאָך, ווי די ערגסטע דזשאַדעכעס, אָן גאָרנישט, אַז ס'איז אַ מורא אַזש אַ טראַכט צו טון.

— ס'וועט זיין אַ קו אויך, באַסטוש, ס'וועט זיין, כ'האָב מיר שוין איינע אָפגעקוקט.

— וואָרן מ'פאַרמאָגן מיר דאָך נישט קיין פּיצל בהמהלע, נישט גאָרנישט! — האָט זי זיך צעוויינט, צוטוליענ־דיק זיך צו אים. ער האָט איר אָפּגעווישט די אויגן, געגלעט איבערן קאָפּ, אָבער ווייל אויך אים איז געוואָרן עפּעס טרויע־ריק, וואָרן ס'איז אַ נס, וואָס ער האָט אַליין נישט אַרויסגע־בעטשעט, איז ער אַ שפּרונג אויף געטון אויף די פיס, געכאַפּט די לאָפּעטע און אויסגעשריגן, ווי ער וואָלט שרעקלעך אין כעס געווען:

— האָב גאָט אין האַרץ, נקבה, אַזוי פיל אַרבעט איז פאַר־האַן, און דו האַלטסט דיך נאָר אין איין באַקלאָגן.

זי האָט זיך אונטערגעהויבן, פיל מיט שווערע דאגות, און נישט ווייניק צרות.

— וואָרן אויב מיר וועלן פון הונגער שטאַרבן, וועלן אונדז די וועלף דאָ אויפן אָפּענעם פעלד אויפפרעסן.

ער איז אויף אַן אמת אין כעס געוואָרן, און נעמענדיק זיך צו דער אַרבעט, האָט ער שטרענג אויסגערופן:

— האָסטו צו בעטשען און גלאָט אַבי אין דער וועלט אריין צו פּלוידערן, טאָ זיך בעסער אינדערהיים.

זי האָט זיך געוואָלט צו אים צודריקן און אים איבער־בעטן, אָבער ער האָט זי אָפּגעשטופּט.

— וואָס דען, אַצינד איז די צייט אויף ליבעכצן, אוודאי! — פונדעסטוועגן האָט ער זיך געלאָזט אַ גלעט טון, כאָטש ער האָט זי, נאָך געבייזערט אויף די ווייבערישע פּלוידערייען, אַז זי איז אוועקגעגאַנגען אַ רויקע און אפילו אַ פריילעכע.

— גאָט מיינער! טאָטש אַ נקבה איז דאָך אויך אַ מענטש און פונדעסטוועגן פאַרשטייט זי גאָרנישט, וואָס אַ מענטש. נאָר געוויינט און נאָר געקלאָגט, ס'וועט דאָך אַליין פון הימל נישט אַראָפּפאַלן, אויב מ'וועט מיט די הענט נישט אויסאַרבעטן. אַזוי ווי די קינדער, דאָ געוויינט, דאָ געלאַכט, דאָ געכעסט זיך און געקלאָגט! גאָט מיינער!

ער האָט געמורמלט, פעסט צוטוענדיק זיך צו דער

אַרבעט, אַז ער האָט איינגיכן אָן דער גאַנצער וועלט פאַר־געסן.

און אַזוי האָט ער שוין געאַרבעט טאָג־איין, טאָג־אויס, אַזוי ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער זיך פון שלאָף אויפגעריסן און אומגעקערט זיך אין שפּעטן אָוונט, אַז אָפטמאָל האָט ער אפילו דאָס מויל אַ גאַנצן טאָג אויף קיינעם נישט גע־עפנט. עסן האָט אים געבראַנגט טערעסקאַ, אָדער עמעץ אַנ־דערש, וואָרן נאַסטוּשיאַ האָט אָפּגעאַרבעט באַם גלחס קאַרטאָפ־ליעס.

מתחילת פלעגט דער אָדער יענער אַריינכאַפּן אַ בליק צו אים, אָבער ווייל ער איז נישט זייער צופרידן געווען פון די שמועסן, איז האָט מען נאָר פונדערווייטנס אויף אים געקוקט, באַוואונדערט זיין אומדערמידלעכע האַרעוואַניע.

— אַ האַרטע יוכע! ווער וואָלט זיך דאָס געקענט ריכטן! — האָט קלאַנב אַ מרוקע געטון.

— טאַטש ס'איז דען נישט די דאָמיניקאָוועס זריעה! — האָט עמעץ אַנדערש מיט אַ געלעכטער אויסגערופן, אָבער גזשע־לאַ, וועלכער האָט אים פון סאַמע אָנהייב אָן אויפמערקזאַם אָב־סערווירט, האָט אויסגערופן:

— אמת טאַקע, אַז ער האַרעוועט, ווי אַן אָקס, אָבער מ'וואָלט אים געדאַרפן אַ קאָפּ צו פאַרגרינגערן.

— פאַרשטייט זיך, אַליין וועט ער זיך נישט קיין עצה געבן, מ'וואָלט געדאַרפן. ער איז דאָס ווערט! — האָבן אַלע צוגעשטימט, נאָר, וואָס קיינער האָט זיך נישט צוגעאיילט צו זיין דער ערשטער, אָפּוואַרטנדיק, ביז וואַנען ער וועט אַליין בעטן.

אָבער שימעק האָט נישט געבעטן, ס'איז אים דאָס אפילו אויפן רעיון נישט געקומען, איז דעריבער האָט ער זיך וועלכן ס'איז טאָג זייער שטאַרק פאַרוואונדערט, דערזעענדיק עפּעס אַ וואָגן, וואָס פאָרט צו צו אים.

יענדרזשיק האָט אָנגעטריבן און שוין פונדערווייטנס האָט ער פריילעך געשריגן:

— ווייז מיר, ווו כ׳האָב צו פאַראַקערן! טאַטש דאָס בין איך דאָך!

שימעק האָט ערשט נאָך אַ לאַנגער ווײַלע זײַנע אויגן גע־גלייבט.

— אַז דו האָסט דיך דאָס אַזוי אײַנגעשטעלט, נע, זיי וועלן דיך אָנקיילן, אַרימער נעבעך, וועסט זען.

— טאָ לאָזן זיי! און אויב זיי וועלן מיך אָנקיילן, וועל איך אינגאַנצן שוין צו דיר צושטיין.

— און ס׳איז דיר אַזוי אַליין אײַנגעפאַלן מיר צוצו־העלפן?

— אַליין! כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט, נאָר כ׳האָב מורא געהאַט, מ׳האָט מיך געהיטן און מתחילת האָט מיך יאַגושיאַ אויך אָפגערעדט — האָט ער ברייט פונאַנדערדערציילט, געמענ־דיק זיך צו דער אַרבעט, אַז זיי האָבן שוין אַ גאַנצן טאָג גע־אַקערט צוזאַמען, און אָפפאָרנדיק, האָט ער נאָך צוגעזאָגט אויך אויף מאָרגן צו קומען.

און גלייך מיט זון־אויפגאַנג איז ער געקומען צו פאָרן, און שימעק האָט באַלד באַמערקט די בלויע צייכנס אויפן פנים, אָבער ער האָט זיך אים ערשט פאַרנאַכט אַ פרעג גע־טון:

— זיי האָבן דיר אַ פיין גיהנום אוודאי, געמאַכט?

— אי... זי איז בלינד, איז איר ניש ט אַזוי גרינג געווען מיך צו דערטאַפּען, און אַליין איר אונטער די נעגל וועל איך דאָך אויך נישט אַרונטערקריכן — האָט ער עפּעס אומעטיק אַ זאָג געטון.

— און יאַגנאַ האָט דיך נישט אויסגעגעבן?

— יאַגושיאַ איז דאָך נישט קעגן אונדז.

— כל־זמן ס׳פליט איר עפּעס נישט איבער דער נאָז, ווער קען דען פאַרשטיין אַ נקבה! — האָט ער טרויעריק אָפגעזיפצט און אים פאַרווערט מער צו קומען.

— כ׳וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן, וועסט מיר שוין שפּעטער העלפן, באַם פאַרזייען.

און ער איז ווידער אַליין איבערגעבליבן און אומדערמידלעך געאַרבעט, ווי אַ פערד אין קער־ראָד, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער פאַרמאַטערטקייט, נישט אויף דער היץ, וואָרן די טעג זענען כסדר געווען אַזעלכע הייסע, צעגליטע און שטיקנדע, אַז די ערד האָט אַזש געפּלאַצט, די וואַסערן האָבן אויסגעטריקנט, די גראָזן זענען געל געוואָרן, און די תבואות זענען שוין קוים לעבעדיקע געשטאַנען אין דערדאָזיקער גיהנום־דיקער שׂרפה, די פעלדער זענען געוואָרן ליידיק און טויב, וואָרן ס'איז קיין אופן נישט געווען באַ דער אַרבעט אויסצוהאַלטן, ס'איז פשוט געפאַלן שטיקער פלאַם־פייער פון הימל, און די זון האָט די אויגן אויסגעפרעסן. דער ווייסלעכער, טריבער הימל איז געהאַנגען, פונקט ווי אַ פייערדיקע, צעציטערטע פלאַכטע, אַרומהילנדיק די גאַנצע ערד מיט אַזאַ חמימה, אַז קיין ווינט האָט זיך נישט קיין ריר געטאָן, נישט קיין בוים האָט זיך באַוועגט, נישט קיין פויגל האָט געזונגען, אָדער ערגעץ אַ מענטשלעכע שטימע זאָל זיך אָפּרייסן, און יעדן טאָג האָט אַלצייַנס די זון געוואַנדערט פון מזרח אויף מערב, זייענדיק מיט אומברחמנותדיק פייער און טרוקעניש.

אָבער שימעק האָט זיך יעדן טאָג אָן אונטערשיד געשטעלט צו דער אַרבעט, נישט לאָזנדיק זיך פון דער היץ פאַרטרייבן, אַז אפילו אין די נעכט פלעגט ער אין פעלד שלאָפן, אַבי קיין צייט נישט צו פאַרלירן, ביז וואַנען מאַטעוש האָט אים אַזש איינגעהאַלטן פון דעמדאָזיקן עקשנות, אָבער ער האָט אים קורץ און שאַרף אָפּגעענטפערט:

— זונטיק וועל איך מיך אָפּרוען!

ערשט אַרום שבת אין אָוונט איז ער געקומען אין כאַלופּע אַריין, אָבער אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער איז באַ דער שיסל אַנטשלאָפן געוואָרן, און צומאָרגנס איז ער כמעט אַ גאַנצן טאָג געשלאָפן, וואָרן ערשט אַרום פאַרנאַכט האָט ער זיך פון געלעגער אַראָפּגעשלעפּט, און איבערטוענדיק זיך יום־טובדיק, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט באַ די אָנגעגליטע שיסלען. די ווייבער האָבן זיך לעבן אים געפּאָרעט, ווי אַרום עפּעס אַ וויכטיקער פער-

זאָן, אָפּט אים צולייגנדיק און אַכטונג טוענדיק אויף יעדן חונק זיינעם. ער ווידער האָט, אָנלייגנדיק זיך צו דער זעט, נאָכגע־לאָזט דעם פּאַסעק, אויסגעגלייכט זיך די ביינער און פרייליך אַרויסגעפּלאַצט:

— זאָל דיר גאָט באַצאָלן, מאַמע! און איצטער לאָמיר ביין אַ קאָפּ אַ הוליע טון!

און זיך אָוועקגעלאָזט מיט באַסטושען אין קרעטשמע אַריין, און גאָך זיי מאַטעוש מיט טערעסקען.

דער ייִד האָט זיך אים געבייגט ביזן גאַרטל אַריין, גע־שטעלט אים בראָנפן אומגעבעטן און באַלעבאָס אים אָנגערופן, פון וועלכן שימעק האָט נישט ווינציק הנאה געהאַט, און פיין זיך אָנטרינקענדיק, האָט ער זיך צווישן די ערשטע געריסן און זיינס אַלץ מען אַרויסגעזאָגט.

אין קרעטשמע איז געווען אַ נישקשהדיקער עולם און די בווי האָט, כדי צוצוגעבן מער חשק, אויפגעשפּילט, אָבער קיינער האָט זיך נאָך צו די טענץ נישט גענומען, נאָר מ'האָט געטרונקען צו זיך לחיים, באַקלאָגנדיק זיך אויף דער היץ, דאָ אויף דער פּאַ־שניט־צייט, ווי געוויינטלעך אין אַ קרעטשמע.

די באָרינעס מיטן קאָוואַלס משפּחה זענען אפילו געקומען, אָבער זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַלקערזש אַריין און, ווייזט אויס, אַז זיי האָבן זיך נישקשהדיק געלאָזט ווילגיין, וואָרן דער ייִד האָט זיי נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין אַריינטראָגן בראָנפן און ביער.

— אַנטעק קוקט היינט אויף זיין חייב, ווי אַ הונט אויף אַ ביין, אַז ער דערקענט שוין אפילו קיין מענטש נישט — האָט יאַמבראָזש אומעטיק זיך פּאַרקלאָגט, בחנם אַריינבליקנדיק אין אַלקערזש אַריין, פונוואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן די קליינגענדיקע ליבע שטימען.

— וואָרן ס'איז אים ליבער זיין אייגענער טרעפּ, ווי אַ פּאָר שטיוואַליעס, וואָס פּאַסן אויף יעדן אייגנס קנס פוס — האָט יאַגוס־טינקע מיט אַ געלעכטערל געזאָגט.

— אָבער אין אַזעלכע פּיס וועט זיך אַ מענטש גאַ־

נישט ווי טון! — האָט עמעץ צוגעוואָרפן, און די גאַנ־צע קרעטשמע האָט אַ זעץ אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער, פאַר־שטייענדיק, אַז דאָס מיינט מען יאַגושען.

נאָר שימעק האָט נישט געלאַכט, וואָרן אַרומכאַפנדיק יענ־דזשיכן אַרום האַלדז, האָט ער אים געקושט, און שוין מיט אַ גוט פאַרשיכורטער שטימע געפריידיקט:

— מיך דאַרפסטו האָרכן, דו מיאַרקיר דיר נאָר, ווער עס רעדט צו דיר.

— טאַטש כ׳ווייס דאָך, אוודאי... נאָר די מאַמע ט׳גע־הייסן — האָט ער מיט אַ וויינעדיק קול געשטאַמלט.

— וואָס דאָרט מאַמע! מיך דאַרפסטו האָרכן, כ׳בין אַ באַ־לעבאָס.

די מוזיקאַנטן האָבן אַ רימפּל אויף געטון אַ שפּאַציר-טאַנץ, ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, אַ געקלאַפּעריי פון אָפּצאַסן, די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע האָבן זיך צעסקריפּעט, מ׳האָט אויפגעזוגגען לידלעך, פאָרן האָבן זיך אַ לאָז געטון אין טאַנץ, האָט אויך שימעק אַ כאַפּ געטון באַסטושען בײַ דער טאַליע, די קאַפּאָטע צעלאָזט, דאָס היטל אויף אַ זייט זיך אָנגעטון, אַ זעץ אַרויס געגעבן מיט אַ דאַ דאַנאַ, אַרויסגערוקט זיך דער ער־שטער און צום הילכיקסטן געשריגן, צום פייערדיקסטן אין דער פּאָדלאָגע אָפּגעקלאַפּט, צום שאַרפסטן אַ דריי אויס זיך גע־טון און רעשיק זיך געוואַקלט, פריילעך, הילכיק ווי אַ קוואַל, האָס איז מיט פריילינגס-קראַפט אָנגעפולט.

אָבער ווען ער האָט זיך שוין געהאַט איבערגעטאַנצט איין מאָל און ס׳צווייטע מאָל, האָט ער זיך געלאָזט פון די ווייבער אַרויספירן פון קרעטשמע און שוין אַן אויסגעניכטערטער איז ער מיט זיי געזעסן פאַר דער כאַלופּע, יאַגוסטינקאַ איז אויך גע־קומען צוצוקריכן און אַזוי האָבן זיי זיך איניינעם אייגעטענהט, וואָרן, כאָטשיק ס׳איז עפּעס געווען און שימעק האָט זיך שוין בעקליבן אַהיימצוגיין, אָבער ס׳איז אים עפּעס נישט געווען אַזוי־שפּאָר, האָט ער אָפּגעצויגן, פאַרשלעפּט. צו גאַסטקען זיך צו־

געטוליעט און עפעס אַזוי אָפּגעזיפצט, אַז די מאַמע האָט צו אים אַזש אויסגערופן:

— בלייב שוין איבער אין שייער, וו וועסטו דיך דאָרט גיין שלעפן באַנאַכט.

— כ׳וועל אים שוין אויסבעטן דאָרט אין דער בויד — האָט נאַסטקאַ דערקלערט.

— לאָז אים צו דיר אַרונטער אונטערן איבערבעט גאַסטוש — האָט זיך יאַגוסטינקאַ אָפּגערופן.

— וואָס עבק פאַלט דאָרט איין! אוודאי, און וואָס נאָך! — האָט זי אַ פאַרשעמטע זיך פאַרטיידיקט.

— טאַטש ס׳איז דאָך דיין פויער! איי ס׳איז דאָרט אַ קאָפּ פריער, איידער דער גלח הייליקט עס, איז נישט קיין עבירה, און דער שגצטשינע האָרעוועט דאָך נעבעך, ווי אַן אָקס, קומט אים אַ מתּנה.

— אמת ווי דער טאָג! נאַסטוש! נאַסטוש! — איז ער אַ שפרונג אויף געטון, ווי אַ וואָלף, צום שיקסל, דער־קנאַסט זי ערגעץ אין סאָד, און נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון דער גאָרשטש, האָט ער זי געקושט און געחלשט פאַר איר:

— וועסט מיך אַרויסטרייבן, גאַסטוש? וועסט מיך אַרויס־טרייבן, טייערסטע, אין אַזאַ נאַכט?

די מוטער האָט זיך עפעס פאַרפאָרעט אין פעדער־הויז, און יאַגוסטינקאַ האָט, אַוועקגייענדיק, נאָך אויסגע־רופן:

— פאַרווער אים נישט, נאַסטוש! ס׳איז דאָ חייניק גוטס אויף דער וועלט, און אַז עס טרעפט זיך אַמאָל, פונקט ווי אַ קערנדל אַ בלינדער הון, איז לאָזט עס נישט פון די נעגל אַרויס.

זי האָט זיך געמיטן אין הויף־איינגאַנג מיט מאַטעושן, וועל־כער האָט, דערזעענדיק דורכן פענסטער, וואָס אין שטוב קומט פאָר, אַ געשריי געטון צו שימעקן:

— אויף דיין אָרט וואָלט איך דאָס שוין לאַנג געהאַט געטון!

און, אַ פּייף טוענדיק, איז ער אַוועקגעלאָפן אויפן דאָרף זוכן מזל.

אָבער צומאָרגנס, ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, איז שימעק שוין געשטאַנען בײַ דער אַרבעט, ווי שטענדיק, און געהאָרעוועט אומדערמידלעך, נאָר, ווען נאַסטוש האָט אים געברענגט דאָס אָנבייסן, האָט ער זיך גיריקער צו אירע רויטע ליפּן, ווי צו די קאָביאַלקעס צוגעכאַפּט.

— נאָר גיב מיך אויס, איז וועל איך דיר דעם קאָפּ מיט קאָכעדיק וואַסער אָפּגיסן — האָט זי געדראָע·, צוד·יקנדיק זיך צו אים.

— ביסט מיין, נאַסטוש... האָסט דיך מיר אַליין אָפּגעגעבן... כ'וועל דיך שוין נישט אָפּלאָזן — האָט ער הייס מיט דער צונג געקאַרקלט, און אַריינבליקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער שטילער צוגעגעבן: — דאָס ערשטע מוז זיין אַ ייִנגל.

— ביסט אַ נאַר! וואָס דען, וואָס פאַר אַ ליצנות אים ליגט אין קאָפּ! — זי האָט אים אָפּגעשטופּט און אַ פאַרפלאַמטע איז זי אַנטלאָפן, וואָרן נישט ווייט פון זיי האָט זיך באַוויזן פאַן יאַצעק, ר'האָט זיך געדרייכערט אַ ליולקעלע, די פידל געהאַלטן צוגעדריקט אונטערן אָרעם, און לויבנדיק באָט, האָט ער וועגן פאַרשידענע זאַכן אויסגעפרעגט. שימעק האָט זיך גאַנץ גערן פאַר אים באַרימט, וואָס ער האָט שוין אַלץ אויפגעטון. פלוצלינג איז ער שטיין געבליבן, ווי פאַרשטומט און די שליפעס אַרויסגעגלאָצט, וואָרן דער פאַן יאַצעק האָט די פידל אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע און גענומען אויסקנעטן ליים.

שימעק האָט אַוש די לאָפּעטע פון דער האַנט אַרויסגעלאָזט און דאָס מויל אויפגעשפּרייט.

— וואָס וווּנדערסטו דיך אַזוי, האַ?

— וואָס הייסט? דער פאַן יאַצעק וועט מיט מיר צוזאַמען אַרבעטן?

— יאָ, כ'וועל. כ'וועל דיר צוהעלפן בײַ דער כאַלופּע בויען, דו מיינסט, אַז איך וועל נישט קענען? וועסט זען.

און זיי האָבן שוין אין צווייען געאַרבעט. באמת האָט דער אַלטער קיין סך כּוח נישט געהאַט און צו פויערישע אַרבעט נישט געווען צוגעוווינט, אָבער ער האָט געהאַט אַזעלכע מאָדנע אופנים, אַז די אַרבעט איז בײַ אים געגאַנגען באַדייטנד שנעלער און געשיקטער. פאַרשטייט זיך, אַז שימעק האָט אים אַלדינג געהאַרכט, מרוששענדיק נאָר פון צייט צו צייט:

— גאָט מיינער! דאָס איז נאָך אויף דער וועלט נישט געשען... אַז אַ דזשעדזשיץ...

דער פאַן יאַצעק האָט נאָר אַ שמייכל געטון און אָנגעהויבן שמועסן וועגן אַזעלכע פאַרשידענע זאַכן און אַזעלכע ווּנדער וועגן דער וועלט דערציילט, אַז שימעק איז אים שיִער נישט צו די פיס געפאַלן פון דאַנקבאַרקייט און באַוווּנדערונג. נאָר ער איז נישט דרייסט געווען, אָבער אין אָוונט איז ער אַוועקגעלאָפן דערציילן וועגן אַלדינג באַסטושען.

— מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ ביסל משוגעתאַטע, טאָמער ער איז דאָך, ווי אַ גלח, אפשר נאָך קלוגער! — האָט ער פאַרענדיקט.

— ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס רעדן גאַנץ קלוג און טוען נאַריש! אוודאי, ווען ער זאָל טאַקע זיין בײַם רעכטן שכל, וואָלט ער דיר דען צוגעהאָלפן, האַ? אָדער ער וואָלט יערעמקעס בהמות געפאַשעט?

— אמת, אַז ס'איז טאַקע קיין אופן נישט דאָס צו פאַרשטיין!

— נישט אַנדערש, נאָר ער איז נישט בײַם קלאָרן זינען.

— אָבער קיין בעסערן מענטש פון אים וועסטו אָבער אויך אויף דער וועלט נישט געפינען.

און ער איז אים אָן אַ שיעור דאַנקבאַר געווען, פאַר דערדאַזיקער גוטסקייט, אָבער כאָטש זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט, פון די זעלבע קאָבי־אַלקעס געגעסן, און אונטער איין פעלץ געשלאָפן, איז דאָך עפעס נישט אויסגעקומען זיך מיט אים בענטער צו באַפריינדן.

— סוף כל סוף איז ער דאָך פון דער זרע פון דזשעדזשיצעס — האָט ער געטראַכט מיט טיפער אַכטונג און דאַנקבאַרקייט, וואָרן מיט זיין הילף איז דאָך דאָס הייזלטשינע געוואַקסן, ווי אויף הייוון, ערשט דאַמאָלס, ווען מאַטעוש איז צוהילף געקומען און אַדאַם קלאַנב האָט אים אָנגעפירט פון וואַלד אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געדאַרפן, איז די בויד געבליבן שטיין אַזאַ פיינע, אַז מ׳האָט זי אַזש פון ליפיעץ אַרויסגעזען. מאַטעוש האָט כמעט אַ גאַנצע וואָך פעסט געהאָרעוועט, צוטרייבנדיק נאָך די איבעריקע, און ווען זיי האָבן שבת נאָכמיטאָג פאַרענדיקט, האָט ער אויפן קוימען אַ גרינעם קראַנץ פאַרשטעקט און אַוועקגעלאָפן צו זיין אַרבעט.

שימעק האָט נאָך אויסגעווייסט די כאַלופע און אויפגערוימט די שפענער און דאָס מיסט, דער פאַן יאַצעק ווידער האָט זיך אָנגעטון, גענומען דאָס פידעלע אונטערן אָרעם און מיט אַ געלעכטערל אויסגערופן:

— דאָס בעסטעלע איז פאַרטיק, איצט זעץ דיר אַריין אַ קוואָקע...

— טאַטש מאָרגן נאָך דער אָוונט־תּפילה איז דאָך דער שלוב — האָט ער זיך אים אַ וואָרף געטון דאַנקען.

— כ׳האָב נישט געאַרבעט אומזיסט! אַז מ׳וועט מיך אַרויסטרייבן פון דאָרף, וועל איך צו דיר קומען אויף קאָמאָרנע — ער האָט פאַרייכערט דאָס ליולקעלע און אַוועקגעקראָכן אין דער זייט פון וואַלד.

און שימעק, כאָטשביק ער האָט שוין אַלץ געהאַט געענדיקט, איז נאָך עפעס אַרומגעקראָכן די מידע ביינער זיך אויס-

געצויגן און געקוקט אויף דער כאַלופּע מיט אַן אומגעריכטער פרייד.

— מיין! פאַרשטייט זיך, אַז זי איז מיין! — האָט ער גערעדט, און ווי די אויגן נישט גלייבנדיק, האָט ער אָנגעטאַפּט די ווענט, אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום און צוגעקוקט דורכן פענסטער, אַריינצינענדיק אין זיך מיט ליבלעכקייט דעם ווייכן ריח פון קאַלך און פון רויטליים, אַז ערשט אַרום בין־השמשות האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דאָרף אַריין זיך צוצוגרייטן אויף מאָרגן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן שוין געוווּסט וועגן שלוב, דעריבער האָט עמעץ פון די שכנהטעס אויף דער דאָמיניקאָווען דערטראָגן. אָבער די אַלטע האָט זיך געמאַכט, אַז זי שטויסט זיך נישט אָן, וועגן וואָס מען רעדט.

צומאָרגנס, זונטיק האָט שוין פון פריִען מאָרגן אַן יאַגו־שיאַ נאָכאַנאַנד זיך פון שטוב, שטילערהייט דורך די גערטענער, דורכגעשמוגלט מיט היבשע פעקלעך, שלעפנדיק דאָס אַלץ צו נאַסטושען, אָבער די אַלטע, כאָטשבײַק זי האָט גאַנץ גוט געפּילט, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, האָט זיך גאָרנישט אַנטקעגנגעשטעלט, זי איז נאָר אַרומגעקראָכן אַ שווייגנדיקע און אַזאַ פאַרמרהשחורה־טע, אַז יענדזשיך האָט זיך ערשט נאָך דער סומע געוואַגט צו איר צוצוגיין.

— כ׳על שוין גיין, מאַטוליו! — האָט ער אַ שעפּטש געטון, האַלטנדיק זיך פונדערווייטנס, פאַרזיכטיק.

— וואָלסט בעסער די פערד אויף די קאָניטשינע אַרויסגעטריבן...

— ס׳איז דאָך היינט שימעקס חתונה. צ׳ווייסט דען נישט...

— דאַבקען גאָט, וואָס נישט דייבע! — האָט זי זיך גיפטיק צעלאַכט. — און שיכור דיך נאָר אָן, וועסט שוין זען, וואָס כ׳וועל דיר טון! — האָט זי מיט כעס אים געגראָזשעט, און ווען דער שגץ האָט זיך גענומען יום־טובדיק איבערטון, האָט זי זיך ערגעץ אויפן דאָרף אַוועקגעשלעפּט.

— און שיכור דיך נאָר אָן, להכעיס וועל איך מיך טאַקיש יאָ אָנשיכורן! — האָט ער געמורמלט, לויפנדיק דורכן דאָרף צו מאַטעושעס כאַלופע. מ׳איז אַקוראַט אַרויסגעגאַנגען אין קלויסטער אַריין, נאָר שטיל, אָן געזאַנגען, אָן געשרייען און אָן מוזיק. דער שלוב איז אויך אײַנגאַנצן אָרים פאַרגעקומען, בלויז צוויי ליכט נאָר, אַזוי, אַז יאַגושיאַ האָט זיך גענומען ביטער צעוויינען. און שימעק האָט זיך עפּעס געוואָרפן און געשריגן, פאַרטשעפּענדיק אויף די מענטשן און אויפן ליידיקן קלויסטער געקוקט. אַ גליק, וואָס אַרויסגייענדיק שוין, האָט דער אָרגאַניסטער אַ שפּיל אויף געטון אַזאַ פריילעכס און אונטערהייבנדיקס, אַז די פיס האָבן אַזש אונטערגעציטערט, און ס׳איז געוואָרן עפּעס לעבעדיקער און פריילעכער אויף די נשמות.

יאַגוש האָט זיך באַלד נאָכן שלוב אומגעקערט צו דער מוטער, נאָר דערנאָך האָט זי צייטנווייז אַרײַנגעכאַפּט אַ בליק צו די חתונה־לייט, וואָרן מאַטעוש האָט אויפגעשפּילט אויף דער פידל, פּיעטרעק באָרינעס האָט אונטערגעהאַלטן אויפן פלייטל, און עמעץ האָט טרעקלען צוגעפּייקט, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן טאַנצן אין דער ענגער שטוב, און טייל, מיט מער חשק, האָבן זיך פּשוט צעטאַנצט פאַר דער כאַלופּע, צווישן די טישן, וו עס האָבן זיך די חתונה־לייט געהאַט באַזעצט, עסנדיק און טרינקענדיק, און אײַנטענהדיק אין דער שטיל, וואָרן ס׳איז עפּעס נישט פּאַסיק געווען פונאַנדערצושרייען זיך באַטאָג און ניכטערנערהייט.

שימעק איז כסדר נאָכגעקראָכן דעם ווייב, אין די ווינקלען זי געצויגן, און אַזוי ברענענדיק געקושט, אַז מ׳האָט אַזש פון אים חוזק געמאַכט, און יאַמבראָזש האָט טריב אויסגערופן:

— פריי דיך, מענטש, הײַנט, וואָרן מאָרגן וועסטו וויינען! — און מיט די שליפיעס נאָכן גלעזל זיך געיאָגט.

וואָס אַן אמת, איז קיין גרויס התלהבות נישט געווען, אין אויף קיין גרעסערער פאַרווײַלונג האָט זיך נישט געוויזן, וואָרן אַ סך האָבן, אָפּעסנדיק אַ קאָפּ און אָפּזיצנדיק, ווי געוויינטלעך,

א שטיקל צייט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען און דער הימל איז געבליבן שטיין אין פלאַמען פון די רויטע שטראַלן, זיך גענומען גיין אַהיים. נאָר איין מאַטעוש האָט זיך סכנותדיק צעהוליעט, ר׳האָט געשפּילט, געזונגען, די שיקסעס צו די טענץ געשלעפּט, מיט בראָנפן מכבד געווען, און ווי נאָר יאַגושיאַ האָט זיך באַוויזן, האָט ער זיך צו איר זייער שטאַרק צוגעטשעפּעט, אין די אויגן איר פאַרקוקט און אינדערשטיל, עפּעס הייס איר איינגערוימט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די מיט טרערן צעפלאַקערטע אויגן פון טערעסקען, וועלכע האָט נישט אָפּטרעטנדיק געהיטן.

יאַגוש האָט זיך נישט אָפּגעדרייט פון אים, וואָרן ר׳האָט זי נישט געקילט, נישט געבריט, זי האָט אים געדולדיק אויסגעהערט, אויפמערקזאַם נאָר אַכטונג טוענדיק, צי די אַנטעקס קומען נישט אָן, זי האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט מיט זיי טרעפן. צום גליק זענען זיי נישט געקומען, ס׳איז אויך קיינער נישט געווען פון די גרעסערע באַלעבאַטים, כאָטש זיי האָבן זיך פון דער איינלאַדונג נישט אָפּגעזאָגט, און מתנות אויף דער חתונה, ווי דער מנהג איז געווען, געשיקט, איז דעריבער, ווען ס׳האָט עמעצער דערפון דערמאָנט, האָט די יאַגוסטינקאַ אויף איר שטייגער אויסגעשריגן:

— מ׳וואָלט געשמאַקע מאכלים געווען אָפּגעקאָכט, און ס׳וואָלט זיי אַ שמעק געטון אַ קופּיצ בראָנפן, וואָלט מען זיך פון זיי מיט קיין שטעקן נישט געקענט אָפּיאָגן, אָבער בחנם האָבן זיי נישט ליב מיט די בייכער צו שאָקלען און מיט די טרוקענע צונגען צו מאָלן.

און ווייל זי איז שוין געווען אַ דזשעבעלע שיכור, האָט זי, דערזעענדיק יאַשעק פּזשעוראָטניק, ווי ער האָט אין אַ ווינקל שמערצלעך געזיפצט, די נאָז געווישט, און מיט די נאַרישצוואַטע אויגן געקוקט אויף נאַסטושען, אים צוגעצויגן צו איר גלאַט אַזוי אויף אַ געלעכטער.

— כאַפּ אַ״יין מיט איר אַ טאַנץ, האָב כאָטש אַזוי פיל הנאה, אַז די מאַמע האָט דיך נישט געלאָזט מיט איר חתונה

האָבן, און דריי דיך לעבן איר, אפשר וועט זי דיר פון גוטן האַרץ עפּעס שענקען, זי האָט אַ מאַן, איז איר שוין אַלצייַנס, אייבער צי מעו׳.

און זי האָט זיך צערעדט מיט אַזעלכע טרעפלעכע זאַכן, אַז אין די אויערן האָט אַזש געגרילצט, און ווען יאַמבראָזשי האָט זיך אויך צום גלעזל צוגעכאַפּט און אויף זיין שטייגער גענומען דאָס מויל צעלאָזן, איז האָבן שוין ביידע מיטן רעדל אָנגעפירט, פּיסקעווענדיק ביז געלעכטער, אַז אַלע בייכער האָבן זיך אַזש געטרייסלט, נישט באַמערקנדיק אפילו בשעת דער פּאַרווייַלונג, ווי די קורצע נאַכט איז זיי אַהינגעקומען.

אַז מיטן קוק איז פון אַלע פרעמדע איבערגעבליבן נאָר איין יאַמבראָזשי, וואָס האָט אַלע פלעשער ביז טרוקן אויסגענייגט. דאָס יינגע פּאָר ווידער האָט באַשלאָסן זיך באַלד איבערצוטראָגן אויפן אייגענעם, מאַטוש האָט זיי אפילו געצוווּנגען איבערצובלייבן אין דער כאַלופּע אויף אַ געוויסער צייט, אָבער שימעק האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַנטליען פון קלאַנבן דאָס פערד, די קאַסטנס און בעטגעוואַנד און אַלע כלים אַרויפגעפּאַקט אויפן וואָגן, באַסטושען מיט פּאַראַד אויפגעזעצט, דער מוטער צו די פיס געפאַלן, מיטן שוואָגער זיך צעקושט, אַלע פאַמיליאַנטן ביזן גאַרטל אַריין זיך געבייגט, זיך איבערגעצלמט, אַ שמיר געטון דאָס פערד און פון אָרט געריירט, און דערלעבן זענען מיטגעגאַנגען די באַגלייטערס.

און זיי זענען אַזוי בעגאַנגען אין שטילשווייגן, די זון האָט זיך גראָד נאָר-וואָס געהאַט באַוויזן, די פעלדער זענען געבליבן שטיין אין די צעפינקלטע טויען און אין פייגל-געזאַנג, עס האָבן זיך פונאַנדערבאַוועגט די שווערע זאַנגען און דורך די גאַנצע וועלט האָט אָפּגעהילכט די חדווהדיקע פרייד פון טאָג, וואָס האָט, ווי אַ הייליקע תפילה, פון יעדער שטרויעלע אַרויסגעאָטעמט און זיך צוזאַמען צום קלאָרן הימל אויפגעהויבן.

ערשט נאָך דער מיל, ווען צווי באָטשאַנעס האָבן אָנגעהויבן הויך איבער זיי אַרומקרייזן, האָט די מוטער, אַ קנאַק טוענדיק מיט די פינגער, זיך אָפּגערופן:

— קיין עין הרע! אַ גוטער סימן, ס'וועלן זיך פּרוכפּערן קינדערלעך.

באַסטושיאַ איז אַ קאָפּ רויט געוואָרן, און שימעק האָט, אונטערשפּאַרנדיק דעם וואָגן אויף די אויסגעהאַקטע לעכער, ווילי־וּנגעריש אַ פּייף געגעבן און שטרענג מיט די אויגן אַ פיר געטון.

און ווען זיי זענען אַליין איבערגעבליבן, האָט זיך באַסטושיאַ, אומקוקנדיק זיך איבער איר נייער באַלעבאַטישקייט, יעמערלעך צעוויינט, אַז שימעק האָט אַזש אַ געשריי געטון:

— בעטשע נישט, דו נאַרול! אַנדערע האָבן דאָס אויך נישט! מ'וועט דיך נאָך מקנא זיין — האָט ער צוגעגעבן, און ווייל ער איז זייער פאַרמאַטערט געווען און אַ ביסל שיכור אויך, האָט ער זיך אַלייג אַנידער געטון אין אַ חינקל אויפן שטרוי און איינגיכן זיך צעכראָפּעט. און זי האָט זיך אַרונטערגעזעצט אונטער דער וואַנט און געוויינט, קוקנדיק אויף די ווייסע ווענט פון ליפּצע, וואָס מ'האָט פון די סעדער אַרויסגעזען.

און נישט איינמאָל האָט זי נאָך געוויינט אויף איר נייעם באַר שוין וואָס אַמאָל זעלטענער, וואָרן דאָס דאַרף האָט זיך, ווי צוזאַמענגערעדט, מען זאָל זיי אַרויסהעלפן. די ערשטע איז געקומען די קלאַנבאָווע מיט אַ הינדל אונטערן אָרעם און מיט אַ כטאָדע הינדעלעך אין אַ קיישל און, ווי ס'ווייזט אויס, האָט זי געמאַכט אַ גוטן אָנהייב, וואָרן כמעט אַלע טאָג האָט צו איר עמעץ פון די באַלעבאָסטעס אַריינגעבליקט, און נישט מיט קיין גאָלע הענט.

— טייערע מענטשן, און מיט וואָס וועל איך דאָס ענק אָפּדינען — האָט זי אַ גערירטע געשעפּטשעט.

— ס'קען זיין מיט אַ גוט וואָרט אויך — האָט די שיקאָרעכע אָפּגעוועגדט, געבנדיק איר אַ שטיקעלע לייוונט.

— אַז דו וועסט קומען אַ ביסל צו דיר, וועסטו עס אָריִמערע אוועקגעבן — האָט די צעסאַפּעטע פלאָשקאָווע צוגעגעבן, אַרויסציִענדיק פון אונטערן פאַרטוך אַ נישקשהדיק שטיקל סלאָנינע.

און מ'האָט איר אַזוי פיל אָנגעטראָגן, אַז ס'האָט געקענט
כּעבוג זיין אויף לאַנגע צייטן, און עפּעס אין אַ געוויסן בין־
השמשות האָט איר יאַשעק געבּרענגט צו פירן זיין קרוטשעקן,
או, אָנבּינדנדיק אים אונטער דער כאַלופּע, איז ער אַנטלאָפן,
ווי אַן אָפּגעבּריטער.

מ'האָט נישט ווינציק געלאַכט, ווען מ'האָט וועגן דעם דער־
ציילט דער יאַגוסטינקען, וועלכע האָט זיך אומגעקערט פון
וואַלד, די אַלטע האָט זיך מיט פאַראַכטונג פאַרקרומט און אויס־
גערופן:

— אַרום מיטאָג־צייט האָט ער פאַר דיר, נאַסטוש, גע־
קליבן יאַגאַדעס, נאָר די מוטער האָט עס בּאַ אים צוגענומען.

VII

זי איז אַוועקגעגאַנגען צו די באַרינעס, טראָגנדיק רויטע יאַגאָדעס פאַר יוזקען, און ווייל האַנקאַ האָט גראָד געמאָלקן די קי פאַר דער כאַלופע, האָט זי זיך לעבן איר אַנידערגעזעצט אויף דער פּריזבע, ברייט איר פונאַנדערדערציילנדיק, וואָס פאַר אַ מתנות מען שענקט אַלץ נאַסטושען.

— אודאי, דאָס טוט מען אַלץ דער דאָמיניקאַווען אויף צו להכעיס — האָט זי פאַרענדיקט.

— נאַסטקען איז דאָס אַלציינס, אָבער איך דאַרף אויך עפּעס אַהינטראָגן — האָט האַנקאַ אַ שעפּטש געטון.

— גרייטס צו וועל איך איר אַוועקטראָגן — האָט זי זיך אַליין פאַרגעשלאָגן, ווי פון דער שטוב האָט זיך דערטראָגן די שוואַכע, בעטנדיקע שטימע פון יוזקען:

— האַנוש, גיטס איר מיין חזירל! איך וועל זיכער שטאַרבן, וועט נאַסטוש דערפאַר אַ תפילה פאַר מיר אָפּזאָגן.

דאָס האָט פונקט צוגעטראָפן צו האַנקעס געדאַנק, וואָרן זי האָט באַלד וויטעקן געהייסן נעמען דאָס חזירל אויף אַ שטריקל און עס צו באַסטושען אַוועקטרייבן, עפּעס אַליין צו איר אַהינגיין האָט זי זיך ווי געוואַקלט.

— וויטעק, זאָג איר נאָר, אַז דאָס חזירל איז פון מיר! און לאָז זי באַלד קומען צו לויפן, וואָרן איך קען מיך שוין נישט קיין ריד טון! — האָט זי זיך שמערצלעך באַקלאָגט, וואָרן זי איז נעבעך אַ וואָך צייט שוין קראַנק געווען, זי איז געלעגן אויף דער צווייטער זייט פון דער כאַלופּע אַ געשוואָלענע, אין היץ, און אינגאַנצן באַלייגט מיט קרעץ. מתחילת האָט מען זי אויף באַטאָג אַרויסגעטראָגן אין סאַד אַריין אונטער אַ בוים, וואָרן זי האָט זייער שטאַרק געבעטן.

נאָר וואָס קומט דערויס, אַז ס'האָט זיך אַזוי פאַרערגערט, אַז יאַגוסטינקע האָט זי נישט געלאָזט אויף דער לופט אַרויס־טראָגן.

— דו מוזסט ליגן אין דער טונקל, וואָרן אויף דער זון פאַלן אַלע קרעץ אויף דער לעבער.

איז זי אַזוי געלעגן אין דער טונקעלער שטוב, האַלטנ־דיק אין איין קרעכצן און באַקלאָגן זיך, אַז מ'לאָזט צו איר נישט צו קיין קינדער, נישט קיינער פון אירע חברטאָרינס, וואָרן די יאַגוסטינקע, וועלכע האָט אויף איר אַכטונג געגעבן, האָט מיט אַ שטעקן איטלעכן איינציקן אַוועקגעטריבן.

און אַצינדערט, ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעשמו־עסט מיט האַנקען, האָט זי דער קראַנקער אונטערגערוקט אַ ביסל יאַגאָדעס און גענומען אויסקנעטן אַ זאַלב פון ריין רעטשקע־מעל, געדיכט אויסגעאַרבעט מיט פרישער, אומגעזאַלצענער פּוטער און מיט בלויז געלעכלעך. זי האָט דערמיט גראָב אַרומגעלייגט יוזקעס פּנים און האַלדז, און דאָס האָט זי אַרומגעוויקלט מיט נאַסע טיכער, דאָס שיקסל האָט זיך געדולדיק אונטערגעגעבן די רפואות, נאָר מיט שרעק אַלעמאָל זיך געפרעגט:

— און ס'עלן נישט זיין קיין דזשאָבעס אויפן פּנים?

— קראַץ נישט, וועט דיר אָפּגיין אָן שום צייכן, פּונקט ווי נאַסטושען.

— אַז עס ס׳ווענדזשעט אַזוי, יעזוס מײַנער! איז בינדעס מיר שוין גלײַכער אַרום די הענט, וואָרן כ׳וועל נישט אויסהאַלטן! — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, קוים זיך אײַנהאַלטנדיק פֿון צו רײַסן די הויט. די אַלטע האָט אָפּגעמורמלט אויף איר עפּעס אַ שפּרוך, באַרויכערט זי מיט אויסגעטרוקנטע קרײַטעכצער, און צובינדנדיק איר די הענט צו די זײַטן, איז זי אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

יוזקאַ איז געלעגן שטיל, אײַנגעהאָרכט אין דעם געזום פֿון די פֿליגן און אין דעם מאָדנעם גערויש, וואָס האָט איר כּסדר איבערן קאָפּ געהילכט, זי האָט געהערט, ווי דורך אַ חלום, ווי טײַלמאָל ס׳האָט ווער פֿון די שטוב־מענטשן צו איר אַרײַנגעבליקט און אַ וואָרט אַוועקגעגאַנגען, דאָ האָט זיך איר ווידער אויסגעדאַכט, ווי שווערע צווייגן מיט רויטע עפּלעך הענגען איבער איר אַראָפּ אַזוי נידעריק, זי באַמיט זיך בחנם אויפֿצוהייבן און קען זיי בשום אופֿן נישט דערגרייכן, דאָ ווידער, ווי שעפּסעלעך וואָלטן זיך אַרום איר געשטופּט מיט עפּעס אַזאַ יעמערלעך געבעטש, אָבער, ווי נאָר וויטעק האָט זיך אין שטוב אַרײַנגערוקט האָט זי אים באַלד דערקענט.

— האָסט אַוועקגעטריבן דאָס חזירל? וואָס האָט נאַסטושיאַ געזאָגט?

זי איז אַזוי צופֿרידן געווען פֿון חזירל, אַז זי האָט עס שיִער נישט אין ווידל אַרײַן אַ קוש געטון.

— קוקסט אים אָן, ער וועט דאָ פֿון נאַסטושען אויך מאַכן!

— כ׳זאָג דעם רײנעם אמת! און זי האָט געהייסן זאָגן, אַז זי וועט מאָרגן קומען צו דיר צו לויפֿן.

זי האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו וואַרפֿן אויפֿן בעט און מוראדיק צו שרײַען:

— טרײַב זיי אַוועק, וואָרן זיי וועלן מיך צעטרעטן, טרײַב אַוועק! באַשיוכבי! באַש! באַש!

און ווי זי וואָלט איינגעשלאָפן, אַזוי איז די נעלעגן רויק. וויטעק איז אָפּגעקנאָנגען, אָבער יעדע ווײַלע האָט ער צו איר אַרײַנגעבליקט. זי האָט אים אומרויִק אַ פרעג געטון:

— צי איז שוין מיטאָג?

— ס׳מוז שוין זײַן האַלבע נאַכט, אַלע שלאָפן.

— אמת טאַקע, ס׳איז פינסטער! נעם אַרויס די שפּאַצן פון אונטערן דאַך אָפּער, זײַ פישטשען, ווי מ׳וואָלט זײַ די פעדערלעך אויסגעריסן!

ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן נעסטן, ווי זי האָט, באַמיִענדיק זיך אויפצוהייבן, אַ געשריי געטון:

— און וווּ איז די שיוווּליאַ! וויטעק, לאָז נישט אַרײַן אין קײַן שאָדן, וואָרן דער טאַטע וועט דיך אָנקיילן.

עפּעס איינמאָל האָט זי אים געהייסן זיך בעסער אָנידערזעצן און שעפּטשענדיק אים דערציילט:

— האַנקאַ לאָזט מיך נישט גיין אויף באַסטושעס חתונה, אָבער אויף צו להכעיס וועל איך יאָ גיין און כ׳וועל מיר אָנטון דעם בלויען גאַרסעט און אין דעם קליידל, וואָס כ׳בין מיט גס געווען אויפן אָטפּוסט. מ׳וועט זיך די אויגן נאָך מיר אויסקוקן, וועסט זען! וויטעק, רײַס מיר אָן אַ פּאָר עפּל, לאָז דיך נאָר האַנקאַ נישט כאַפּן! פאַרשטייט זיך, אַז נאָר מיט די פּאַראָבקעס וועל איך טאַנצן! — זי איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און איינגעשלאָפן. וויטעק ווידער איז גאַנצע שעהן לעבן איר זיך געזעסן, מיט אַ צווײַג די פליגן אָפּגעיאָגט און וואַסער צוגעטראָגן, וואַכנדיק איבער איר, ווי אַ קוואָקע, וואָרן האַנקאַ האָט אים איבערגעלאָזט אין דער כאַלופּע זיך צו הילף, און די בהמות האָט אויף זײַן אָרט געפּאַשעט צוזאַמען מיט זײַנע מאַטשוש פון די קלאָגביס.

מתחילת האָט זיך דעם שנצל געבענקט נאָכן וואַלד און אַרומצושטיפן, נאָר יוזקעס קרענק האָט אים אַזוי פיל יסורים פאַרשאַפט, אַז ער וואָלט געגעבן איר דעם הימל אַראָפּגענייגט און כסדר נאָר אַרײַנגעטראַכט, מיט וואָס ער זאָל זי פאַרשפּילן און עפּעס ברענגען איר זי זאָל לאַכן.

עפּעס וועלכן טאָג האָט ער איר געבּרענגט אַ גאַנצע סטאַדע יונגע קוראָפּאַטוועס.

— יושיאַ, גיב אַ גלעט די פייגעלעך, וועלן זיי אַ פּישטש טאָן, גיב אַ גלעט.

— ווי אַזוי, כ'האָב דען מיט וואָס — האָט זי אַרויסגעקרעכצט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

און ווען ער האָט איר אויפגעבונדן די הענט, האָט זי גענומען די פלאַטערנדיקע פייגעלעך אין די פאַרשטאַרטע, מאַכטלאָזע הענטלעך, צודריקנדיק זיי צום פּנים און צו די אויגן.

— די הערצלעך קלאַפּן אין זיי אַזוי, זיי האָבן נעבעך אַזוי מורא!

— כ'האָב זיי אַליין געכאַפּט, וועל איך זיי גיין אָפּלאָזן — האָט ער זיך פאַרטיידיקט, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיי אָפּגעלאָזט.

אַן אַנדערש מאָל ווידער האָט ער איר געבּרענגט אַ יונג העזל, און האַלטנדיק עס בײַ די אויערן, האָט ער עס איר אויפן איבערבעט אַנידערגעזעצט.

— טרוסיקל טייערס, טרוסיקל, פון דער מאַמען האָט מען דיך צוגענומען, יתומל, פון דער מאַמען!

האָט זי געשעפּטשעט, דריקנדיק עס צו דער ברוסט, ווי אַ קינדעלע, און גלעטנדיק עס און צערטלענדיק, אָבער דאָס העזל האָט אַ בעקע געטאָן, ווי מ'וואָלט עס פון דער הויט געשונדן און ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון די הענט, אַ שפּרונג געטאָן אין פעדערהויז אַרײַן, צווישן דער גאַנצער סטאַדע הינער, אַז זיי זענען זיך צעפלויגן מיט אַ שרעקלעך געשריי, אַ שאָס אַרויס געטאָן אויפן גאַניק און דורך לאַפּאַן, וואָס האָט אין פעדערהויז געדרימלט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין סאַד אַרײַן, דער הונט האָט זיך נאָכגעיאָגט, און נאָך זיי ביידע — וויטעק, נישט מיט קיין קלענער געשריי, פון וועלכן עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ יאַריד, אַז האַנקאַ איז אַזש געקומען צו לויפן פון

פּאַדוואַרזש, און יוזקאַ האָט אַזוי געלאַכט, אַז דער בויך האָט איר שיִער געפּלאַצט.

— אפשר האָט עס דער הונט געכאַפּט, האַ? — האָט זי אים דערנאָך, זייענדיק אַ קאָפּ אומרויִק, געפרעגט:

— וואָס דען, ר'האָט אים נאָר דעם ווידל אָנגעזען, דער האָז איז אַריין אין דער תבואה, ווי אַ שטיין אין וואַסער, אַ אַ פלינקער! זאָרג דיך נישט, יוזקאַ, כ'וועל דיר ברענגען עפּעס אַנדערש.

און ר'האָט אָנגעבראַכט וואָס ר'האָט נאָר געקענט: דאָ וואַכטלען, ווי מיט גאָלד באַשפּרענקלטע, דאָ יעזשן, דאָ אַ פּאַרהיימישטע וויעוויאָרקע, וועלכע איז, צו אַלעמענס גרעסטן געלעכטער, איבער דער שטוב אַרומגעשפּרונגען, דאָ יונגע שוועלבעלעך, וואָס האָבן אַזוי יעמערלעך געפּישטשעט, אַז די אַלטע האָבן זיך אַזש מיט אַ געשריי אין שטוב אַריינגעריסן, אַז יוזקאַ האָט אים געהייסן אָפּגעבן, דאָ כלערליי אַנדערע פאַרשידנקייטן, אַליין שוין נישט געדענקענדיק וואָס, און וויפיל עפּל מיט באַרנעס האָט ער איר אָנגעבראַכט, וואָס זיי האָבן קוים געדאָנזשעט געהיים פון די עלטערע אויפצועסן, אָבער דאָס האָט זי שוין נישט געוויילט. וואָרן זי האָט אָפט געקוקט, ווי נישט באַמערקנדיק עס, און זי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אַ פאַרמאַטערטע און אָן חשק.

— כ'וויל נישט, ברענג עפּעס בייעס! — האָט זי זיך געפּיעשטשעט, אָפּקערנדיק די אויגן און אפילו נישט געקוקט אויפן באָטשאַן, וואָס האָט זיך איבער דער שטוב אַרומגעשפּאַצירט, געדזשאָבעט אין אַלע טעפּ אַריין און בחנם זיך אונטערגעצייעט הינטער דער טיר אויף לאַפּעס, ערשט דאַמאָלס, ווען ער האָט איר געבראַכט אַ לעבעדיקע זשאַלבע, האָט זיך איר פּנים עטוואָס אויסגעלייטערט.

— הארציקער יעזוס, ווי שיין דאָס איז, ווי געמאַלעוועט!

— נאָר היט דיך, אַז זי זאָל דיר אין דער נאָז אַריין נישט קיין דזשאָבע טון, זי איז בייז, ווי אַ הונט.

— טה, זי רייסט זיך אַפּילע נישט צו אַנטלויפֿן, זי איז אַ היימישע, צי וואָס?

— זי האָט די פֿליגל אין די פֿיס אַרומגעבונדן, און די שליפּיעס האָב איך מיט סמאָלע פֿאַרגאָסן.

זיי האָבן זיך אַ געוויסע צייט געשפּילט מיטן פֿויגל, אָבער די זשאָלנע איז כּסדר געווען אומבאַהאָלפֿן און טרויעריק, זי האָט נישט געוואָלט עסן און זי איז, צום גרויסן עגמת-נפש פֿון אַלע שטוב-מענטשן, געפּגרט.

און אַזוי זענען זיי די טעג אַדורכגעגאַנגען.

און אויף דער וועלט איז כּסדר געווען הייס, וואָס נענטער צום שניט, איז די חמימה געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַז באַטאָג איז שוין קיין אופֿן נישט געווען זיך אין פֿעלד אַריין צו ווייזן, און די נעכט האָבן אויך קיין קילקייט נישט געבראַכט, וואָרן זיי זענען געווען שטיקנדיקע און וואַרעמע, אַז אפֿילו אין סאָד האָט מען פֿון דער היץ זיך נישט געקענט אויסשלאָפֿן, פּשוט אַ מפּלה האָט זיך אויפֿן דאָרף אָנגערוקט, דאָס גראָז איז שוין אַזוי פֿאַרברענט געווען, אַז די בהמות זענען הונגעריקע פֿון די פּאַשעס צוריקגעקומען און אין די שטאַלן געריטשעט, די קאַרטאָפֿליעס זענען פֿאַרוועלקט געוואָרן, איינגעשרומפּן געוואָרן, ווי די ניסלעך, און אַזוי זענען זיי שוין איבערגעבליבן, דער צוגעברענטער האָבער איז קוים פֿון דער ערד אויפֿגעוואַקסן, דער גערשטן איז געל געוואָרן, דער קאָרן האָט זיך פֿאַר דער צייט אויסגעטריקנט, ווייסנדיק זיך מיט די אומפֿרוכטבאַרע זאַנגען. מען האָט זיך נישט ווינציק געדאגהט צוליב דעם, קוקנדיק מיט אַ טרויעריקער האָפֿנונג אויף יעדן זונ-אונטערגאַנג, צי עס האָט זיך נישט געוויזן אויף קיין ענדערונג, אָבער דער הימל איז כּסדר געווען אָן וואָלקנס, און אינגאַנצן ווי אין אַ גלאָזיקער, ווייסלעכער שׂרפֿה, די זון איז פֿאַרגאַנגען אַ רייגע און מיט קיין מינדסט וואָלקנדל נישט פֿאַרטונקלט.

נישט איינער האָט שוין האַרציק פֿאַר די בילדער פֿון דער אַלערהייליקסטער גנבעטן, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן, די פֿעלדער זענען וואָס אַמאָל מער פֿאַרחלשט געוואָרן, אָפּגע-

וועלט, און די נישט צייטיקע פרות זײַנען פֿון די ביימער אַראָפּגעפֿאַלן, די ברוגזעס זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן, און אַפֿילו אין סטאַוו איז אַזוי פֿיל וואַסער אָפּגעקומען, אַז דער טאַרטאַק האָט שוין נישט געקענט מער אַרבעטן, און די מיל איז דעסגלייכן געשטאַנען טויב פֿאַרמאַכט, האָט דעריבער דאָס פֿאָלק, זייענדיק שוין זייער פֿאַרצווייפֿלט, זיך צונויפֿגעקליבן אויף אַ גאָטעסדינסט מיט אַ פּראָצעסיע, אויף וועלכן דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך צונויפֿגענומען.

און מ'האָט אַזוי הייס און מיטן גאַנצן האַרץ מתפּלל געווען, אַז אַפֿילו אַ שטיין וואָלט עס גערירט.

און, ווייזט אויס, דער פּאַן יעזוס האָט זיך מרחם געווען, כאָטשיק צומאָרגנס האָט זיך גאָר געמאַכט אַזוי הייס, אַז מ'האָט געשוויצט, אַזוי שטיקנד און פֿאַרגע, אַז די פֿייגל זײַנען אויס פֿאַרחלשטע געפֿאַלן, די בהמות האָבן יעמערלעך געריטשעט אויף די פּאַשעס, די פֿערד האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין אינדרויסן, און די מענטשן, זייענדיק שוין אויסגעפּייניקט ביז לעצט, אָן כּוחות, האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די חמימהדיקע סעדער, מורא האָבנדיק זיך אַרויסצווייזן, אַפֿילו אין גאָרטן אַרײַן. אָבער עפּעס אַרום סאַמע מיטאָג-צײַט, ווען אַלץ האָט שוין אויסגעזען ווי דעם לעצטן אָטעם-צוג אויסצוהויכן אין דער ווייסלעכער, צעשימערטער זידיקייט, איז די זון פּלוצלינג פֿאַרטונקלט געוואָרן און פֿאַרנעפּלט, ווי ס'וואָלט ווער אַ באַרשטש אַש אין איר אַ שיק געטון, און אינגיכן האָט ערגעץ הויך אַ קנאַל געגעבן, און פּונקט ווי אַ טשאַטע פֿייגל מיט גרויסלעכע פֿליגל, האָבן וואָלקנס מיט בלויקייט אָנגעזאַפּט פֿון אַלע זײַטן אָנגעצויגן, אַראָפּלאָזנדיק זיך וואָס אַמאָל נידעריקער און שרעקעדיקער.

אַ פּחד האָט אַ בלאָז געטון. אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן שטיין מיט אַ פֿאַרבאָרגענער ציטערניש.

עס האָבן זיך צעקנאַלט ווייטע דונערן, ס'האָט זיך אָנגעריסן אַ קורצער ווינט, איבער די וועגן האָבן זיך קנוילנדיקע וואָלקנס שטויב אויפֿגעהויבן, די זון האָט זיך ווי אַ געלעכל אין זאַמד צעגאָסן, ס'איז ראַפּטום טונקל געוואָרן, און אויפֿן הימל

האָבן זיך מחנות בליצן צעווימלט, ווי ס׳וואָלט עמעצער מיט פֿייערדיקע שטריק אַלעמאָל אַ שימער געטון און דער ערשטער דונער האָט ערגעץ נאָענט אַ קנאַק אַרײַן געגעבן, אַז די מענטשן זענען אַזש פֿון די כאַלופּעס אַרויסגעלאָפֿן.

מיטאַמאָל איז אַלץ אויפֿגעקאָכט געוואָרן ביזן סאַמע גרונט, די זון איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, ס׳האָט זיך געמאַכט אַ ווילדער געמיש, עס האָט אויפֿגעברויזט אַזאַ זאַווערוכע, אַז אין דער צעקאָלטענעוואַטער טונקלקייט האָבן זיך גאָר געגאָסן שטראָמען פֿון בלענדנדיקע ליכטיקייט, עס האָט געדונערט, דונערן האָבן זיך איבערן הימל געקייקלט, עס האָט גערוישט אַ גאָסרעגן און עס האָבן געקרעכצט די ווינטן און די ביימער.

די דונערן האָבן אַרײַנגעשלאָגן איינער נאָכן אַנדערן, אַז ס׳האָט אין די אויגן אַזש געבלענדט, און ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פּלייציקער רעגן, אַז מ׳האָט די וועלט נישט אַרויסגעזען, און אויף טייל ערטער איז געגאַנגען אַ האָגל.

דער שטורם האָט געדויערט אַ שעה, אַז די תּבֿואות האָבן זיך אַזש געלייגט, און איבער די וועגן זענען גאַנצע שוימיקע טײַכן געפֿלאָסן, און וואָס ס׳האָט אויף אַ ווײַלע אויפֿגעהערט און זיך אָנגעהויבן אויסלײַטערן, איז האָט ווידער אָנגעהויבן צו דונערן, גלײַך ווי טויזנטער וועגענער וואָלטן איבער פֿאַרפֿרוירענע גרודעס געפֿאָרן, און אַ פֿרישער רעגן האָט ווי פֿון צעבערס אָנגעהויבן גיסן.

מיט שרעק האָט מען אויף דער וועלט אַרויסגעבליקט, דאָ און דאָרט האָט מען שוין לעמפּלעך אָנגעצונדן, זינגענדיק: „אונטער דײַן שוץ,” אויף טייל ערטער ווידער האָט מען הייליקע בילדער אויף די פֿריזבעס אַרויסגעטראָגן, ס׳זאָל באַשיצן פֿאַר אַן אומגליק, אָבער גאָט צו דאַנקען, דער שטורם איז אַריבער, נישט צעמאַכנדיק קיינעם קיין שום שאָדן. ערשט דאַמאָלס ווען ס׳האָט זיך שוין געהאַט כמעט באַרויִקט, און וואָס אַמאָל אָנגעהויבן דראָבנער צו רעגענען, האָט פֿון עפּעס אַ לעצטן וואָלקן, וואָס איז איבערן דאָרף צעצפּגעהאָנגען, אַ שלאָג אַרײַן געטון אַ דונער אין וואַיטס שייער.

ס'האָט אַ זעץ אַרויס געטון אַ פּלאַם מ'ט אַ רויך, און מיטן קוק איז די גאַנצע סטאָדעלע געשטאַנען אין פייער. אין דאָרף האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעך געוואַלט, און ווער ס'האָט נאָר געקענט, איז געלאָפן צו דער שרפה, אָבער ס'האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן ראַטעווען, ס'האָט זיך געברענט פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ קופּע מיט אָנגעלייגטע שטשאַפּעס, וואָרן אַנטעק מיט מאַטעושן און אַנדערע האָבן נאָר עקשנותדיק געשיצט דער קאַזלאָוועס כאַלופּע און אַנדערע געביידן. אַ גליק איז, וואָס ס'האָט נישט אויסגעפּעלט קיין וואַסער און בלאָטע אויפן וועג, וואָרן אַ טייל דעכער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רויכן, און פּונקען זענען שוין געדיכט אויף די נאָענטסטע הייף געפלויגן.

דער וואָיט איז נישט געווען אין דער היים, ער איז נאָך אינדערפרי געהאַט אַוועקגעפאָרן אין דער גמינע אַריין, די וואָיטאָווע ווידער האָט שרעקלעכע יעלות געמאַכט, אַרומלויפנדיק הין און צוריק, ווי אַ צעקוואָקעטע הון. ווען די סכנה איז שוין געהאַט פאַרביי און מ'האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין, האָט זיך צו איר צוגערוקט די קאַזלאָווע, און אָננעמענדיק זיך אונטער די באָקעס, האָט זי גיפטיק אויסגעשריגן:

— זעסט שוין, פאַן יעזוס האָט זיך מיט דיר אָן עצה געגעבן פּאַני וואָיטאָווע, ער האָט זיך! פאַר מיין עוולה!

און ס'וואָלט געווען דערגאַנגען ביז אַ געשלעג, וואָרן די וואָיטאָווע איז אַ שפּרונג צו געטון צו איר מיט די נעגל, קוים וואָס אַנטעק האָט זיי באַוויזן פונאַנדערצוטיילן און דערביי האָט ער אַזוי אָנגעשריגן אויף דער קאַזלאָווע, אַז זי האָט זיך, ווי אַ הונט, וואָס מ'האָט אים אַ קאָפּע געטון צוריק, אין איר כאַלופּע אומגעקערט, וואָרטשענדיק נאָר און צובילנדיק:

— בלאָז דיך, פּאַני וואָיטאָווע, בלאָז, כ'וועל מיר מיינס מיט פּראָצענט אָפּשלאָגן.

אָבער קיינער האָט זי נישט געהאָרכט, דער שייער האָט זיך אויסגעברענט, מ'האָט צוגעלייגט מיט בלאָטע די רויכעדיקע בלאָטניעס און מ'איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים, ס'איז נאָר

איבערגעבליבן די וואַיטאָטע, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פֿאַר אַנטעקן. ער האָט געדולדיק אויסגעהערט, וואָס ר'האָט נאָר געקענט, אויף די רעשט האָט ער נאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער שטורעם האָט זיך שוין געהאַט איבערגעטראָגן אויף די וועלדער און אין געדיכטעניש, די זון האָט זיך באַוויזן, איבערן בלויען הימל האָט אַ סטאַדע ווייסע וואָלקנדלעך דורכגעצויגן, די פֿייגל האָבן אויפגעזונגען, די לופֿט איז געווען פֿריש און קילבלעך, די מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען אָפּלאָזן די וואַסערן און די אויסגעריסענע שטיקער אויסצוגלייכן.

אַנטעק האָט זיך כמעט פֿאַר דער סאַמער כאַלופּע אומגעריכט אָנגעשטויסן אויף יאַגנען, זי איז געגאַנגען מיט אַ קיישל און מיט אַ מאָטיקע, ער האָט זי איילינק באַגריסט, אָבער זי האָט אויף אים אַ בליק געוואָרפֿן מיט אירע וועלפֿישע אויגן און, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, אַוועקגעגאַנגען.

— טה, וואָס פֿאַר אַ האַרטע פּאַרשוינטע! — האָט ער אַ דערצערנטער אַ כרוק געטון, און באַמערקנדיק יוזעפֿן אין הויף־איינגאַנג, איז ער שטרענג אויף איר אָנגעפֿאַלן, וואָס זי קריכט אַרום זין דער בנץ.

וואָרן דעם שיקסל איז שוין אויף אַזוי פֿיל בעסער געווען, אַז זי האָט שוין גאַנצע טעג געקענט אָפּליגן אין סאָד, די קרעצלעך האָבן זיך שוין געהאַט פֿיין אונטערגעהיילט און צוגעטרוקנט, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום צייכנס, איז האָט די יאַגוסטינקע טאַקע נאָר בגנבה זי נאָך געשמירט מיט דעם זאַלב, וואָרן האַנושיאַ האָט זיך געקרומט. וואָס עס איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי פֿיל פּוטער מיט אייער.

איז זי זיך אַזוי געלעגן גאַנצע טעג כמעט איינע אַליין, ס'איז איר ביסלעכווייז בעסער געוואָרן, וויטעק האָט זיך שוין צוריק געהאַט אומגעקערט צו די בהמות, טיילמאָל איז נאָר וועל־

כע חברטאָרין געקומען צו לויפן אויף א קורצן שמועס, דאָ איז ראַכאָ א ווײלע געזעסן, דאָ האָט איר די אַלטע יאַגאַטאַ שטענדיק דערציילט איינס און דאָס זעלבע: אַז זי וועט פעווגע אין שניט-צייט שטאַרבן אין קלאָגבס שטוב און ווי עס פּאַסט פאַר א באַלעבאָסטע; צום מיינסטנס אָבער איז זי איבערגעבליבן מיט לאַפּען, וואָס האָט נישט אָפּטרעטנדיק איבער איר געוואַכט, און מיטן באַטשאַן, וואָס איז געקומען צו גיין אויף יעדער רוף, און מיט די פייגל, וואָס זענען זיך געהאַט צוזאַמענגעפלויגן צו די קרישקעלעך ברויט.

וועלכן ס'איז טאָג, ווען ס'איז קיינער נישט געווען אין דער כאַלופע, האָט צו איר יאַגושיאַ אַריינגעבליקט, מיטברענגענדיק איר א גאַנצע גאָרשטש מיט קאַרטאָפעלקעס, אָבער נאָך איידער יוזקאַ האָט איר באַוויזן צו דאַנקען, האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ האַנקעס קול, און יאַגנאַ איז אַן איבערגעשראָקענע אַנטלאָפן.

— זאָל דיר זיין צו געזונט! — האָט זי דורכן פלויט אויסגערופן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

זי איז געלאָפן צום ברודער, טראָגנדיק אים עפּעס אונטערן בוזעם.

זי האָט באַסטושען געטראָפן בײַ דער קו, וואָס האָט געכלעפּטשעט פון א צעבערל, שימאָן האָט אויפגעשטעלט עפּעס א קעמערל און זייער שטאַרק זיך צוגעפּייפט.

— צ'האָט שוין א קו? — האָט זי זיך אַן א שיעור פאַרוווּנדערט.

— מיר האָבן! וואָס, אפשר נישט קיין שיינע? — האָט באַסטושיאַ מיט שטאָלץ געזאָגט.

— א פיינע קו, זי מוז שטאַמען פון הויפ'שע, ווען האָט עץ זי געקויפט!

— אמת טאַקע, אַז די קו איז אונדזערע, כאָטשיק מ'האָט זי נישט געקויפט! אַז כ'וועל דיר אַלדינג דערציילן, וועסטו דיך באַם קאָפּ אָנכאַפּן און וועסט נישט וועלן גלייבן! עפּעס נעכטן, ווען ס'האָט גאָר-וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן, האָב איך דערפילט,

ווי עפּעסטעיס רייבט זיך אָן דער וואַנט, אַז די בויד האָט זיך אַזש אָנגעהויבן טרייסלען, טראַכט איך מיר, מ׳טרייבט אַודאַי אויף דער פּאַשע, און אַ חזיר איז צוגעקומען פון דער בלאָטע זיך אויכרייבן. האָב איך מיך צוריקגעלייגט און בין נאָך נישט געהאַט איינגעשלאָפן, און דאָ הער איך ווידער, ווי עפּעסטשיס ריטשעט אַזוי שטילערהייט. כ׳גיי אַרויס, גיב אַ קוק, עס שטייט אַ קו, צוגעבונדן צו דער טיר, ס׳ליגט פאַר איר אַ גאַנטשש היי. דאָס אייטער איז פול און זי ציט אויס די מאָרדע צו מיר, כ׳האָב מיר איבערגעווישט די אויגן, וואָרן ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער שלאָף באַטויבט מיך אַזוי, אָבער ניין, עס שטייט אַ לעבעדיקע קו, זי ריטשעט און לעקט מיך איבער די פינגער. פאַרשטייט זיך, כ׳בין געווען זיכער, אַז זי האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער סטאַדע, שימעק האָט אויך אַזוי געזאָגט: מ׳וועט דאָ באַלד נאָך איר קומען צו לויפן! נאָר דאָס איינע האָט מיך עפּעס באַאומרויקט, וואָס זי איז געווען צוגעבונדן. וואָס הייסט, אַליין האָט זי זיך דאָך אויפן שטריק נישט געבונדן. אָבער ס׳איז אַדורך די מיטאָג-צייט, און קיינער איז נאָך איר נישט געקומען, האָב איך זי אויסגעמאָלקן, כדי איר גרינגער צו מאַכן, וואָרן זי האָט שוין די מילך פון די ציצן פאַרלוירן, ס׳איז אַדורך דער אָוונט, פאַרביי אויך די נאַכט, כ׳האָב מיך פונאַנדערגעפרעגט אין דאָרף, כ׳האָב אפילו געפרעגט דעם הויפישן פּאַסטוך, קיינער האָט נישט געהערט, אַז ס׳זאָל עמעצן אַ קו פאַרלוירן ווערן. דער אַלטער קלאָגב האָט געזאָגט, אַז דאָ מוז עפּעס שטעקן אַ גנביש שפּיצל, און ס׳גלייכסטע וואָלט געווען די קו אַוועקצופירן אין קאַנצעלאַריע אַריין! ס׳איז מיר טאַקיש אַ שאָד געווען, אָבער פאַרפאַלן. אַרום מיטאָג-צו קומט צו גיין ראַכאַ און זאָגט:

— ביסט אַן ערלעכע און אַ באַדערפערין, איז האָט דיך פאַן יעזוס געבענטשט מיט אַ קו.

— פאַרשטייט זיך, אַז קיין קו פאַלן טאַקע נישט פון הימל אַראָפּ, אפילו אַ נאַר וועט דערין נישט גלייבן — ער

האָט זיך באַ די װערטער צעלאַכט, און אַזעקגײענדיק, זאָגט ער:

— די קו איז שנקער, האָטס נישט קײן מורא, קײנער װעט זי שנק נישט קומען אָפּנעמען!

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פון אים. בין איך אים צו די פיס געפאַלן און אָנגעהױבן דאַנקען. אָבער ער האָט זיך אױסגעריסן.

— און אַז צ'װעט באַגעגענען פאַן יאַצעקן — האָט ער צוגעזאָגט מיט אַ שמײכעלע — זאָלט עך אים פאַר דער קו נישט דאַנקען, װאָרן ער קען שנק נאָך מיט אַ שטעקן אַרײנצײלן, ער האָט נישט ליב, אַז מען דאַנקט אים.

— איז האָט, הײסט עס, פאַן יאַצעק שנק די קו געגעבן!

— צי װאָלט זיך דען געפונען װער אַנדערש אַזאַ גוטהאַרציקער פאַרן אָרימען פאָלק!

— אמת, ער האָט דאָך סטאַכאָן געגעבן האָלץ אױף אַ כאַלופּע און העלפט אים אַזוי פיל צו!

— אַ הײליקער מענטש פשוט, אַז איך זאָג אַלע טאָג אַ תפילה פאַר אים!

— ס'זאָל דיר נאָר װער דאָס בהמהלה נישט אַרױספירן.

— װאָס, מיר זאָל מען גײן צוגנבענען אַ קו! יעזוס, ס'טאָטש כ'װאָלט דאָך יענעם די שליפּיעס אױסגעריסן, כ'װאָלט דאָך איר אין דער װעלט אַרײן נאָכגעלאָפן! פאַן יעזוס װאָלט נישט דערלאָזט צו אַזאַ עװלה! אין שטוב װעל איך זי אױף באַנאַכט אַרײנפירן, ביז װאַנען שימעק װעט נישט אױפבױען דאָס קאַמערל. יאַשעקס קרוטשעק װעט אױך דאָס בהמהלע צו היטן! מײן האַרציקע טרײסט, מײן ליבסטע! — האָט זי געשעפּטשעט, אַרומנעמענדיק זי אַרום האַלדז און קושנדיק איר אין דער מאַרדע, אַז די קו האָט אַזש אַ קרעכץ געטון, דער הונט האָט פרײלעך אָנגעהױבן צו בילן, די הינער האָבן זיך איבערגעשראָקע-

בע צעקוואַקעט, און שימעק האָט וואָס אַמאָל הילכיקער געפייפט.

— מ׳זעט פון דעם אַרויס, אַז פאַן יעזוס בענטשט ענק! — האָט יאַגושיאַ אָפּגעזיפצט, ווי מיט אַ שטילער ווייטיק, צוקוקנדיק זיך אַזוי צו ביידע. זיי האָבן זיך איר אויסגעוויזן אַזוי פאַרענדערט, נישט צום דערקענען, דער עיקרשט האָט זי שימעק פאַרוואונדערט, טאָטש זי האָט דאָך אים געקענט פאַר אַ שלים-מזל, וואָס האָט קיין צוויי נישט געקענט ציילן, אין דער כאַלופּע איז ער גאָר געווען אַן אונטערשטופּער, און ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט האָט מיט אים אַלע לעכער פאַרשטעקט, און אַצינד ווייזט ער איר זיך גאָר איינגאַנצן אַן אַנדערער, ר׳האָט זיך גאַנץ געשיקט איינגעאָרדנט, געהאַלטן זיך ווירדיק און גערעדט, ווי אַ חכם.

— וועלכעס איז דאָס ענקער פעלד? — האָט זי נאָך אַ לאַנג פאַרטראַכטן זיך געפרעגט.

באַסטושיאַ האָט איר אָנגעהויבן ווייזן, אויפקלערנדיק איר, וווּ און וואָס זיי וועלן אַלץ זייען.

— און פונהאַנען־ישע וועט ער נעמען זריעה?

— שימעק האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיין, וועט מוזן זיין, בחנם לאָזט ער קיין שום וואָרט נישט אַרויס.

— ס׳איז דאָך מיין ברודער, און כ׳הער דאָס אַלץ אויס, פונקט ווי וועגן אַ פרעמדן.

— און ר׳איז אַזאַ אָרנטלעכער, אַזאַ בר-דעת און אַזאַ אַרבעטסזאַמער, אַז ס׳איז כמעט דער צווייטער אַזעלכער אויף דער וועלט נישטאָ — האָט זי מיט היץ פאַר באַסטושען זיך מודה געווען.

— זיכער — האָט זי אומעטיק איינגעשטימט — וועמענס זענען דאָס די מיט קאָפּצעס אַרומגעצייכנטע פעלדער?

— אַנטעק באַרינעס! זיי אַרבעטן נישט אויף זיי, וואַרטן זיי אַפּנים אויף צו צעטיילן זיך מיט דער ירושה.

— ס'וועט זיין אפשר א האלבע וולוק, נו! ס'גייט זיי בנשקשה.

— זאל זיי פאן יעזוס געבן צען מאל אזוי פיל מער. טאטש אנטעק האט דאך געהאפט באם דזשעדזשיק פאר אנדזער גרונט, און נישט מיט איין זאך אונדז ארויסגעהאלפ.

— אנטעק האט זיך אנגענומען פאר שימעקן! — זי איז שטיין געבליבן פון פארוואונדערונג.

— האנקא איז אויך נישט ערגער פון אים, זי האט מיר געגעבן א חזירל, עס איז נאך קליינטשיק, אבער עס וועט זיין פון עס נחת, ווארן עס שטאמט פון א פרוכטבארן גאטונעק.

— דערציילסט בבא-מעשיות. האנקא האט דיר געגעבן א חזירל, ס'איז פשוט אומגלויבלעך.

זיי האבן זיך אומגעקערט צו דער כאלופע, און יאגושיא האט, אויסקראצנדיק פון טיכל א צענער-רובל, נאסטושען אין דער האנט ארייגעשטופט.

— נעם די פאר גראשן, כ'האב פריער נישט געקענט, ווארן דער ייד האט מיר נאך פאר די גענדז נישט געהאט אפגעגעבן.

זיי האבן איר געדאנקט פון גאנצן הארץ, איז דעריבער האט זי, אוועקגייענדיק, געזאגט:

— ווארטס צו, די מאכע וועט זיך איבערבעטן, וועט זי ענק נאך עפעס-וואס פונדעסטוועגן געבן.

— איך באדארף נישט, זאל זי זיך מיט מיין עוולה די טרומנע אויסבעטן! — האט שימעק אזוי פלוצלינג ארויסגעפלאצט און מיט אזא היציקייט, אז זי איז שוין אן א ווארט אויסצורעדן אוועקגעגאנגען.

זי האט זיך אומגעקערט אהיים א שרעקלעך פארטראכטע, אן אומעטיקע און עפעס א פארבענקטע.

— און איך וואס? א טרוקענע באדיליע, ווען וועלכער

קיינער שטייט נישט דערבײַ — האָט זי שווער אָפּגעזיפֿצט.

ערגעץ־ווו אין האַלבן וועג האָט זי באַגעגנט מאַטפֿוּשן, וועלכער איז געלאָפֿן צו דער שוועסטער, אָבער ער האָט זיך מיט איר אומגעקערט און אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערכט צו דעם דערציילן וועגן שימעקן.

— נישט אַלעמען איז אַזוי גוט — האָט ער נאָר טרויעריק אַ זאָג געטון.

ס׳האָט זיך נישט געקלעבט דער שמועס. ער האָט כסדר עפּעס אָפּגעזיפֿצט, קראַצנדיק זיך פֿאַרדאַגהט אין קאָפּ, און יאַגושיאַ האָט זיך פֿאַרקוקט אויף ליפּצע, וואָס איז איבגאַנצן געשטאַנען אין פֿלאַמען פֿון זון־פֿאַרגאַנג.

— העי, ווי שטיקנדיק און ענג עס איז אויף דערדאָזיקער וועלט — האָט ער ווי צו זיך אויסגערופֿן.

זי האָט אים מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק אין די אויגן אַריינגעקוקט.

— וואָס פֿעלט דיר דען? פֿאַרקרומסט דיך, ווי נאָך עסיק.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן, ווי דאָס לעבן און דאָס דאָרף און אַלדינג איז אים פֿאַרמיאוסט געוואָרן, און אַז ער וועט זיכער אין דער וועלט אַריין אַוועק, ווו די אויגן וועלן אים נאָר טראָגן.

— טאָ האָב חתונה, וועסטו האָבן אַן ענדערונג — האָט זיזי זיך געוויצלט.

— ווען ס׳זאָל מיך דאָס אַזוי וועלן די, וועלכע איך האָב אויפֿן געדאַנק — ער האָט איר צודרינגלעך אין די אויגן אַריינגעקוקט. זי האָט ווי עפּעס אָן חשק און גלייכצייטיק אַ צעמישטע דעם קאָפּ אָפּגעדרייט.

— פֿרעג דיך איר! איטלעכע אייבציקע וועט מיט דיר חתונה האָבן, און נישט אייבע קוקט שוין אויס דעם שדכן.

— און אויב זי וועט מיר אָפּזאָגן! וועט זיין אַ חרפּה און כ׳וועל מיר ס׳האַרץ אָפּעסן.

— וועסטו שיקן מיט בראָנפן צו אַן אַנדערער.

— איך בין נישט פון די, כ'האָב מיר איינע אָפּגעקוקט, איז נעמט מיך שוין נישט צו קיין אַנדערער.

— אַ מאַנספּערשוין שמעקט איטלעכע נקבה אַליינס, און מיט יעדער איינציקער וואָלט ער געקענט קומען אין אַ באַנט־קייט.

ער האָט זיך נישט פאַרטיידיקט, נאָר ער האָט אָנגעהויבן פון אַן אַנדערער זייט.

— דו ווייסט, יאַנוש, די שקצים וואַרטן נאָר אָפּ די צייט, אַז מ'זאָל קענען צו דיר שיקן מיט בראָנפן.

— זאָלן זיי אַליין אויסכלאָיען, כ'וועל מיט קיינעמען נישט חתונה האָבן! — האָט זי מיט קראַפט אויסגעשריגן, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרטראַכט דעריבער, און זי האָט עס געזאָגט מיטן גאַנצן האַרץ, וואָרן קיין איינער איז איר נישט בעסער געפעלן געוואָרן פון אַ צווייטן, אמת טאַקע, אַ חוץ יאַשיאָן, אָבער יאַשיאָ...

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, איבערגעבנדיק זיך מיט ליבלעכקייט די דערינערונגען וועגן אים, אַז מאַטעוש האָט, נישט קענענדיק זיך בשום אופן אָנשטויסן, זיך צוריק אומגעקערט צו דער שוועסטער.

זי ווידער האָט, בלאָנדזשענדיק מיט די דערשראָקענע אויגן איבער דער וועלט, געטראַכט:

— וואָס טוט ער איצט דאָרט, האַ?

זי האָט זיך געוואַלטיק אַ ריס געטון, עמעץ האָט זי פּלוצלינג אַרומגענומען און פעסט צוגעדריקט.

— וועסט דיך מיר אָצינד נישט אַרויסגליטשן — האָט ער ליידנשאַפטלעך געשעפּטשעט.

זי האָט זיך אַ דערצערנטע אים פון די נעגל אַרויסגעריסן.

— צ'וועט מיך נאָך איינמאָל אָנרירן, וועל איך ענק די

שליפיעס אויסדראפען אין ענק אזא גיהנום אָנמאַכן, אַז דאָס באַצע דאָרף וועט זיך צוזאַמענלויפן.

— שטילער, יאַנוש, טאַטש כ'האָב דאָך דיר געבראַנגט אַ מתנה — און ר'האָט איר אַריינגעשטופט אין דער האַנט אַ בייטש קרעלן.

— שטעקטס ענק דאָס ערגעץ-אַנדערש, איך שטיי אַזוי פיל נאָך ענקערע מתנות, ווי נאָך דעם צעבראָכענעם שטיקעלע!

— יאַנוש, וואָס פאַראַרבעסטו, האַ! — האָט ער אַ פאַר-חונדערטער אַרויסגעשטאַמלט.

— אָט וואָס, צ'זענט אַ חזירניק, נישט מער! און צ'זאָלט ענק נישט דערוועגן מיך מער צו טשעפּען.

זי איז פון אים אוועקגעלאָפן מלא חמא, און ווי אַ שטורעם איז זי אין דער כאַלופּע אַריינגעפאַלן, די מוטער האָט געשיילט קאַרטאָפליעס, און יענדרזשיק האָט געמאָלקן די בהמות אין הויף-איינגאַנג, האָט זי זיך דעריבער פלינק גענומען צו די אָוונט-אַרבעטן, אָבער זי האָט זיך געטרייסלט פון כעס, און נישט קענענדיק זיך בארויקן, איז זי ווידער אַרויסגעלאָפן.

— כ'וועל אַריינבליקן צו די אָרגאַניסטערס — האָט זי דער מוטער געזאָגט.

זי איז אָפט די לעצטע צייט אַהינגעגאַנגען, דינענדיק זיי אויף פאַרשידענערליי אופנים, אַבי כאָטש טיילמאָל אַ וואָרט וועגן יאַשיאָן צו הערן.

איז זי טאַקע געלאָפן, אַ גיריקע נאָך ידיעות וועגן אים, און מיט עפּעס אַ שטילער האָפנונג פון צו דערהערן היינט עפּעס בייעס.

און אינגיכן האָבן אין דער פינסטערניש אויפגעלויכטן די העלע פענסטער פון יאַשיאָס צימער, וווּ מיכאַל האָט אונטערן העגלאָמפּ איצט עפּעס געשריבן, דער אָרג-

ניסטער מיטן ווייב ווידער זענען געזעסן פאַרן הויז, אויף דער קיל.

— יאַשיאַ קומט מאָרגן נאָכמיטאָג צו פאָרן! — האָט זי די אָרגאַניסטעכע באַגעגנט מיט דער נייעס, פון וועלכער זי איז שיִער נישט געפאַלן קיין טויטע, די פיס האָבן זיך אונטער איר געבויגן, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן זעצן, זי האָט שיִער דעם אָטעם נישט פאַרלוירן, זי איז איינגאַנצן אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פייערן און ציטערנישן, אַז זי איז, כּדי מ׳זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אָפּגעזעסן אַ קליינע ווײַלע, און אַנטלאָפן, ווי ס׳וואָלט זי עמעצער נאָכגעיאָגט, אַזש אויפן טאָפּאָלן־וועג אַרויס, אונטערן וואַלד...

— יעזוס מיין טייערער! — האָט זי מיט דאַנקבאַרקייט אַרויסגעפּלאַצט, אויסציִענדיק די הענט, טרערן זענען איר פון די אויגן געריבען, און אַזאַ פרייד האָט זיך אין איר צעזונגען, אַז ס׳האָט זיך איר געגלוסט צו לאַכן, און שרייען, און ערגעץ־ווּ לויפן, און קושן די ביימער, און צוטוליען זיך צו די פעלדער, וואָס זענען אין דער לבנה־שיין געשלאָפן.

— יאַשיאַ קומט צו פאָרן, ער קומט צו פאָרן — האָט זי ציִיטנווייז אַרויסגעשעפּטשעט, אויפרייסנדיק זיך פלוצלינג, ווי אַ פויגל, און זי איז געלאָפן אַ מיטגעריסענע מיט דער גאַנצער קראַפט פון דערוואַרטונג און בענקשאַפט, ווי זי וואָלט איר גורל און אומבאַשרייבלעך גליק אָקעגנגעלאָפן.

ס׳איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען זי האָט זיך געהאַט צוריק אומגעקערט, אין די פענסטער איז שוין געווען פינסטער, ס׳האָט זיך נאָך געלויכטן בײַ די באַרינעס, ווו ס׳האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ שפּאָרער עולם, און זי איז אַהיימגעגאַנגען אָפּוואַרטן דעם מאָרגן און חלומען וועגן יאַשיאַס אַהיימקומען.

אָבער בחנם האָט זי זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, דעריבער האָט זי זיך, ווען די מוטער האָט זיך צעכראָפּעט, שטילערהייט אויפגעהויבן, און אַרומהילנדיק זיך מיט

דער פאטשיילע, אנידערגעזעצט פארן הויז אפצוזארטן דעם שלאף אדער דעם פרימארגן.

אין באַרינעס כאַלופּע, פון יענער זייט סטאַז, האָט זיך נאָך געלויכטן אויף איין זייט, און פון צייט צו צייט האָבן זיך דערטראָגן פון דאָרטן שטילע ווידערקולות פון געשפּרעכן.

זי האָט זיך איינגעקוקט מתחילת אין דעם ציטערדיקן ליכט-אָפּשיין אויפן וואַסער און זי האָט וועגן אַלעם פאַרגעסן, פאַרזונקען ווערנדיק אין פאַרנעפּלטע און צעשימערטע רעיונות, וואָס האָבן זי אַרומגעוועבט, ווי מיט שפּינוועבס, און מיטאמאָל זי פאַרטראָגן אין עפּעס אַ שטילן פאַרנאַכט, אַ פאַרוויסלטן פון זון-פאַרגאַנג, אין דער וועלט פון נישט איינגעשטילטע בענקשאַפטן.

די לבנה איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען, אַ געלבלעכע טונקלקייט האָט די פעלדער איינגעהילט, די שטערן האָבן הויך געלויכט, און טיילמאָל איז וועלכער שטערן מיט אַזאַ געשווינדקייט און אַזוי ערגעץ שרעקלעך ווייט אַראָפּגעפאַלן, אַז דער אָטעם איז איר אַזש אין האַרץ פאַרשפּאַרט געוואָרן, און אַ פראָסט איז די ביינער דורכגעגאַנגען. טיילמאָל האָט אַ וואַרעם, לייכטיטשקע ווינטעלע, ווי מיט ליבלעכע הענט, אַ צאַרטלעכן גלעט געטון, און צייטנווייז האָט זיך פון די פעלדער אַ הייסער, צעשמעקטער אָטעם אויפגעהויבן און דאָס האַרץ דורכגענומען, אַז זי איז אַזש געשפּאַנט געוואָרן, און די אָרעמס געעפנט. דאָס איז זי אַזוי געווען איינגעגאַנגען אין רעיונות פאַרזונקען און אין אַ געפיל פון אומבאַשרייבלעכער זיסקייט, פונקט ווי אַ געוויקס, וואָס ווערט געשפּאַנט און ווערט אָנגעזאַפּט אין זיך... און די נאַכט האָט זיך געשלייכט איבער איר אַזוי שטיל און פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט דאָס מענטשלעכע גליק איבעררייסן.

בײַ די באַרינעס דאָס זיך נאָך אַלץ געלויכטן, און אויפן גרעג האָט ווײַטעק וואַכזאַם געהיטן, אַז קיין אומבעבעטענער גאַסט

זאָל זיך נישט אונטערהאַרכן, וואָרן זיי זעגען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ שטילער, פרייַנטלעכער באַראַטונג פאַר דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמלונג אין דער קאַנצעלאַריע, אויף וועלכער דער וואָיט האָט אַלע ליפּצער באַלעבאַטים אויפגעפאָדערט.

אין דער שטוב איז געווען טונקל, עפּעס אַ שטיקל ליכטל האָט שוואַך אויפן קוימען געצאַנקט, אַז מ'האָט נאָר טייל קעפּ בעקענט אין דערדאָזיקער געדיכטעניש אונטערשייד, וואָרן עס זענען זיך געהאַט צוזאַמענגעקומען בײַ אַ צוואַנציק פויערן, אַלע די, וועלכע האָבן געהאַלטן אויף דער זייט פון אַנטעקן מיט גזשעלען.

ראָכאַ, וועלכער איז געזעסן ערגעץ אין דער טונקל, האָט ברייט געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס עס וואָלט פאַרן דאָרף אַרויסגעקומען, אויב זיי וואָלטן מסכים געווען אויף צו בויען אַ שקאָלע אין ליפּצע. און דערנאָך האָט גזשעלאַ יעדן איינציקן באַזונדער געלערנט, וואָס ער האָט צו זאָגן דעם נאַטשעלניק און ווי אַזוי צו שטימען.

לאַנג אין דער נאַכט אַריין האָט מען זיך באַראַטן, וואָרן עס איז נישט אָפּגעגאַנגען אָן קיין קריגערייען און אַמפּערנישן, אָבער צום סוף האָבן אַלע איינגעשטימט אויף איינס, און איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבן צו טאָגן, זענען זיי זיך איילינק פונאַנדערגעגאַנגען, וואָרן צומאָרגנס האָט מען זיך געדאַרפט גאַנץ פרי לאָזן אין וועג אַריין.

נאָר יאַגושיאַ איז נאָך איבערגעבליבן אויף דער פּריזבע, ווי איינגאַנצן שוין פאַרזונקען אין מחשבותן און אין דער נאַכט, זי איז געזעסן אַ טויבע און אַ בלינדע אויף אַלדינג, פון צייט צו צייט נאָר שעפּטשענדיק, ווי די הייסע ווערטער פון אַן אומענדלעכער תפילה:

— ער קומט צו פאָרן, ער קומט צו פאָרן!

און זי האָט זיך נישט ווילנדיק געציטערט, ווי פאַרן פרי-

מאָרגן, ווי וועלנדיק דערבליקן, וואָס עס טראָגט פאַר איר דער פאַרטאָג, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן גרויען איבער דער ערד, מיט שרעק און פרייד זיך איבערגעבנדיק דעמדאָזיקן, וואָס עס האָט געדאַרפן געשען.

VIII

ס'איז שוין געווען אַרום מיטאָג־צייט, די היץ איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, דער גאַנצער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דער קאַנצעלאַריע, און דער נאַטשעלניק איז נאָך אַלץ נישט געווען. דער שרייבער איז אַלעמאָל אַרויסגעקומען אויף דער שוועל, און פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט די אויגן, האָט ער זיך איינגעקוקט אויפן ברייטן וועג אַרויס, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט אויסגעקרומטע ווערבעס, אָבער דאָרטן האָבן נאָר געגלאַנצט קאַלוזשעס, וואָס זענען איבערגעבליבן נאָכן נעכטיקן מבול, עפּעס אַ פאַרשפּעטיקטער וואָגן האָט זיך פּאַמעלעך געשלעפּט, און ווי־נישט־ווי האָט זיך צווישן די ביימער אַ פויערישע קאַפּאָטע אַ ווייס געטון.

די גראָמאַדע האָט גערולדיק געוואַרט, נאָר איין וואָש וואָס ר'איז אַרומגעלאָפן, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַרויסגעבליקט אויפן וועג און וואָס אַמאָל היציקער צוגעיאָגט די פויערן, וואָס האָבן פאַרשיט די אויפגעריסענע לעכער און גריבער אויפן פּלאַץ פון פאַר דער קאַנצעלאַריע.

— גיכער, חב״הו! גאָט מײַנער, מ׳זאָלן מיר נאָר דאָנזשען, איידער ער וועט אָנקומען.

— באַדאָסטס ענק נאָר נישט פאַר מורא — האָט זיך פון דער קופּע עמעצנס קול אָפּגערופן.

— ריִרטס ענק, מענטשן! איך גפּין מיך דאָ אַלס באַאַמטער, נישט די צייט איצט אויף קיין וויצן.

— פּאַניע וואָיט, ס׳זאָל ענק זיין צום טויט — האָט זיך עמעץ פון די זשעפּיצער צעלאַכט.

— ווער ס׳וועט נאָך אויפעפענען אַ פּיסק, וועל איך אים קאָזע אַריין הייסן איינזעצן — האָט דער וואָיט שטרענג אַ געשריי געטון און איז אַוועקגעלאָפן אַ קוק געבן פון צמענטאַרזש, ווייל ר׳איז געלעגן אויף אַ בערגל. צו וועלכן די קאַנצעלאַריע איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיט אַ זייט.

גרויסעלעכע, דורות-אַלטע ביימער האָבן זיך איבערן צמענטאַרזש אויפגעהויבן, דער קלויסטער-שפּיץ האָט אַדורכגעגרויט פון צווישן די צווייגן. די שוואַרצע אָרעמס ווידער פון די צלמים האָבן זיך איבערן שטייבערנעם צוים אַרויסגעבויגן אויף די דעכער און אויפן וועג אַרויס, וואָס האָט געפירט דורכן דאָרף.

גאָרנישט אויסקוקנדיק, האָט דער וואָיט אַנידערגעשטעלט איינעם פון די סאָלטיסעס איבער די מענטשן, און אַליין איז ער אַריינגעגאַנגען אין קאַנצעלאַריע, וו ס׳איז כסדר ווער אַריינגעגאַנגען אָדער אַרויסגעגאַנגען, וואָרן דער שרייבער האָט יעדע ווײַלע וועמען פון די באַלעבאַטים אויסגערופן, דערמאַנענדיק אים שטילערהייט די פאַרלעגענע שטייערן, דעם נישט באַצאָלטן פּאָדאַטעק אויפן סאָנד, אָדער נאָך עפּעס בעסערס. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מיני דערמאָנונגען האָבן קיינעם נישט געשמעקט, אָבער מ׳האָט זיי זיפצנדיק אויסגעהערט, וואָרן וואָס האָבן זיי געזאָלט טון איצט, אין אַזאַ שווערער פאַר-שניט-צייט? האָבן זיי דען געקענט באַצאָלן, אַז נישט איינעם האָט שוין אפילו אויף זאַלץ נישט געסטאַיעט, איז האָט מען זיך אים נאָר ביזן באָרטל אַריין געבייגט, ווער-נישט-ווער האָט אים אפילו אין דער

האַנט אַריין אַ קוש געטון, און אַנדערער ווידער האָט אים דעם לעצטן גילדנטשיבנצ אין דער אויפגעשטעלטער גאַרשטש אַריינ־געשטעקט, און אַלע האָבן אַלצייַנסדיק געבעטן, מ'זאָל זיי ביזן שניט אָדער ביזן נאָענטן יאַריד צוּוואַרטן.

דער שרייבער איז געווען אַ כיטרער און אַ קלוּגער פויגל, ער האָט דאָס טאַקע געשוּנדן די הויט פון עולם, אַז ס'האָט אַזש געקנאַקט, מכלומרשט האָט ער אַלץ צוּגעזאָגט, און וועמען מיט די סטראַזשניקעס געסטראַשעט, וועמען ער האָט אַן אייגל גע־מאַכט, מיט וועמען ער איז געווען אַ גאַנצער גוטער ברודער, און פון איטלעכן איינציקן האָט ער עפּעס אויסגענאַרט, דאָ האָט אים האָבער פאַרפּצלט, דאָ האָט ער געדאַרפן האָבן יינגע געבדז־לעך פאַרן נאַטשעלניק, דאָ האָט ער זיך באַשטעלט שטרוי אויף שטריק אָפּצופּלעכטן, אַז יאָ געדן נישט געדן האָט מען אים געמוזט צוזאָגן, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, און פאַרן אוועק־גיין האָט ער פון די מער באַקאַנטערע אוועקגענומען אָן אַ זייט און זיי מכלומרשט פון גוטפריינטשאַפט וועגן געעצהט:

— שטימטס אָפּ אויף אַ שקאָלע, וואָרן אַז צ'וועט ענק אָנטקעגנשטעלן, קען זיך נאָך דער נאַטשעלניק חלילה דערבייזערן און ר'איז גרייט נאָך ענק קאַליע צו מאַכן דאָס פאַרגלייכן זיך מיטן דזשעדזשיץ וועגן וואַלד — האָט ער די ליפּצער מענטשן געוואָרנט.

— וואָס הייסט, מיר פאַרגלייכן זיך דאָך פון גוטן ווילן! — האָט זיך פלאָשקאַ פאַרוווּנדערט.

— אמת, אָבער עץ הייסט דען נישט: צוויי פריצים וועלן זיך שוין געבן אַן עצה, און דער פויער בלייבט אָן אַ פלייצע.

פלאָשקאַ איז אַוועקגעגאַנגען, זייער אַ באַטריבטער, דער שרייבער האָט ווייטער אויסגערופן מענטשן, און וואָס אַמאָל פון אַן אַנדער דאָרף, איטלעכן סטראַשענדיק מיט עפּעס אַנדערש און נישט איינעם האָט ער געצווּנגען, אַזוי, אַז מיטן קוק האָט זיך וועגן דעם איבער דער גאַנצער גראָמאַדע צעטראָגן.

און נישט קיין קליינער עולם האָט זיך צוזאַמענגענומען,

וואָרן ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער צוויי־הונדערט פויערן, וועלכע האָבן זיך גאַנצע דערפער מיטאַמאָל געשטעלט, אייגענע לעבן אייגענע, אַז מ'האָט גרינג געקענט אונטערשיידן, וועלכע עס זענען פון ליפּצע, וועלכע פון מאָדליץ. און וועלכע פון פּושילענקע אָדער פון זשעפּקע, וואָרן איטלעכעס דאָרף איז געגאַנגען אַנדערש אָנגעטון, אָבער, ווי נאָר ס'האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן דער קלאַנג, אַז מ'גייט אָפּשטימען אויף אַ שקאָלע, ווייל אַזוי וויל דער נאַטשעלניק, האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסמישן, איבערצוגיין פון איין קופּע אין דער צווייטער און זיך, לויט ווי איינעם איז געפעלן, הברן זיך, אַז בלויז נאָר די זשעפּיצער שליאַכטע האָט זיך געהאַלטן באַזונדער, קוקנדיק פאַרריסן און שטרענג אויף די פויערן, כאָטשיק זיי זענען אַזעלכע אָרימעלייט געווען, אַז ווי מ'האָט פון זיי חוזק געמאַכט, איז אויסגעקומען דריי פויערן אויף איין קו־ווײדל; דער איבעריקער עולם ווידער, האָט זיך, ווי גראַכאָווינעס, איבערן גאַנצן פּלאַץ פונאַנדערגעשפּרייט, אַ סך האָבן זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון צמענטאַרזש און בײַ די וועגענער.

צום מיינסטנס האָט מען זיך געפּאַקט אין קרעטשמע אַריין, וואָס איז געשטאַנען אַקעגנאיבער דער קאַנצעלאַריע צווישן אַ קעמפּע ביימער, ווי אין אַ שאָטנדיק וועלדל, דאָרט האָט מען זיך צום מיינסטנס געשטופּט, וואָרן כאָטש אַ קילבלעך ווינטל האָט מיט די פעלדער געוויגט, דאָך האָט זיך אַ שרעקלעכע היץ אויפגעהויבן, ס'האָט אַזוי געבריט, אַז נישט איינער האָט שוין קוים מיט דער נשמה געפּאָכט, און בײַם ביער זיך געגאַנגען זוכן אַ קילונג. דעריבער איז טאַקע די קרעטשמע געווען איבערגעפולט, און אונטער די ביימער איז מען קופּעסווייז געשטאַנען, אײַנטענהדיק אין דער שטיל און פאַרטראַכטנדיק זיך איבער דערדאָזיקער נייעס, גלייכצייטיק האָבן זיי אויפמערקזאַם אכטונג געגעבן אויף דער אַנדערער זייט הויז, וווּ דאָס גערודער אין געדרייעריי איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער.

פון צייט צו צייט האָט די שרייבערין אַרויסגעשטעקט דורכן פענסטער די אויסגעפּאַשעטע מאָרדע און געשריגן:

— אייל דיך צו, מאַגדאַ! אַז זאָלסט די פיס צעבּרעכ׳, דו טליק איינע!

דאָס שיקסל איז יעדע ווילע דורך צימערן דורכגעלאָפן, אַז ס׳האָט אַזש געפּויקט און די שויבן האָבן גענומען קלונגען. עפּעס אַ קינד האָט זיך הימל־שרייענדיק צעיעלהט, ערגעץ הינטערן הויז האָבן זיך איבערגעשראָקענע הינער צעקוואָקעט, און דער פאַרשוויצטער קאַנצעלאַריע־דינער האָט גענומען טרייבן די הינדלעך, וואָס זענען זיך איבער די תבואות און אויפן וועג צעפלויגן.

— ווייזט אויס, אַז מ׳וועט דאָ אויפנעמען דעם נאַטשעלניק — האָט עמעץ אויסגערופן.

— דער שרייבער האָט אפנים נעכטן געפּרענגט צו פירן אַ גאַנצן פּולקאָשעק מיט געטראַנקען.

— זיי וועלן זיך אָנזויפן, ווי פאַראַיאָרן.

— זיי קענען זיך דען נישט דערלויבן, דער עולם גיט ווייניק שטייערן, און קיינער קוקט דאָך זיי נישט אין די הענט אַריין — האָט מאַטעוש אויסגערופן, אָבער עמעץ האָט אַ געשריי געטון:

— שטילערהייט, סטראַזשניקעס זענען געקומען.

— ווי די וועלף שלעפּן זיי זיך אַרום, אַז מ׳קען גאָרנישט דערזען, פונוואַנען און דורך וואַנען זיי קומען.

פונדעסטוועגן זענען זיי מיט שרעק אַנטשוויגן געוואָרן, וואָרן די סטראַזשניקעס האָבן זיך אַנידערגעזעצט לעבן דער קאַנצעלאַריע, אַרומגערינגלט דורך אַ קופּע מענטשן, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפּונען דער וואָיט, דער מילבער, און עטוואָס ווייטער האָט זיך געדרייט דער קאָוואַל, וועלכער האָט זיך אויסטערקזאַם צוגעהאָרכט.

— דער מילבער לעקט זיך אונטער, ווי אַ אויסגעריקער הונט!

— וואָרן, פאַר וועמען מ׳האָט מורא, דער איז אים צום ליבסטן!

— אויב די סטראַזשניקעס זענען שוין דאָ, קומט אודאי

דער נאַטשעלניק באַלד צו פֿאָרן! — האָט גזשעלאַ, דעם ווײַס ברודער אויסגערופֿן און איז אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט אַרײַן, וווּ ס׳איז געשטאַנען אַנטעק, מאַטעוש, קלאַנב און סטאַכאַ פּלאַש־קאַ, באַראַטנדיק צווישן זיך, זענען זיי זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען צווישן עולם, אײַנטענהנדיק מיט זיי און געבנדיק זיי עפּעס וויכ־טיקס צו פֿאַרשטיין. מ׳האָט אין גרויס שטילקייט אויסגעהערט, נאָר טײלמאָל וואָס עמעץ האָט אָפּגעזיפֿצט, אַ קראַץ זיך געטון פֿאַרדאגהט, אָדער אַ וואָרף געטון זײַטיק מיט די אויגן צו די סטראַזשניקעס, וואָס אַמאָל ענגער זיך צוזאַמענפּאַקנדיק.

אַנטעק האָט, זײַענדיק אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צום ווינקל פֿון דער קרעטשמע, גערעדט קורץ, שטאַרק און ווי באַפֿעלנד, אין דער צווייטער קופּע ווידער אונטער די ביימער האָט מאַטעוש געפּריידיקט מיט וויצלעך, אַזוי, אַז נישט איינער האָט זיך צעלאַכט, אין דער דריטער גראָמאַדע לעבן צמענטאַ־זש האָט גזשעלאַ אַזוי קלוג גערעדט, ווי ער וואָלט פֿון אַן אָפֿן ביכל אַרויסגעלייענט, אַז ס׳איז שווער אים געווען צו פֿאַרשטיין.

און אַלע דריי האָבן אָנגערעדט צו איינס: אַז מען זאָל נישט האָרכן דעם נאַטשעלניק, נישט די, וועלכע האַלטן שטענדיק מיט דער רעגירונג, און אויף דער שקאָלע נישט צו שטימען.

דער עולם האָט פֿאַרזאַמלטערהייט אויסגעהאָרכט, וואַק־לענדיק זיך דאָ אין איין זייט אַרײַן, דאָ אין דער צווייטער, פּונקט אַזוי ווי אַ וואַלד, ווען אַ שטורמווינט בלאָזט מיט אים.

קיינער האָט דאָס וואָרט נישט גענומען, מ׳האָט נאָר צו־שטימיק געשאָקלט מיט די קעפּ, וואָרן דער נאַרישסטער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון דער שקאָלע וועט מען נאָר אַזוי פֿיל נחת האָבן, וואָס מ׳וועט הייסן אויף איר צאָלן בייע שטייערן, און דערצו האָט זיך קיינער נישט געאײַלט.

פֿונדעסטוועגן האָט אַן אומרו דעם עולם באַהערשט, זיי זענען איבערגעטרעטן פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, מ׳האָט אָנגע־

הויבן צוצוהיסן און צוצושנאָרכען, און קיינער האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס מען זאָל טון.

אמת, גושעלאַ האָט גאַנץ קלוג גערעדט, אַנטעק האָט גלייך אין די הערצער אַריין געטראָפן, אָבער ס'איז אויך געווען אַ מורא אַקעגנצושטעלן זיך דעם באַטשעלניק און איינרייסן מיט דער רעגירונג.

איינער האָט זיך אומגעקוקט אויפן צווייטן, יעדער איינציקער האָט זיך באַזונדער דעם קאָפּ געבראָכן, און אַלע ווידער האָבן זיך פאַרקוקט אויף די רייכערע, אָבער דער מילנער און די ערשטע באַלעבאַטים פון אַנדערע דערפער האָבן זיך געהאַלטן עפּעס אָן אַ זייט, שטייענדיק ווי בכיוון אין די אויגן פון די סטראַזשניקעס און פון שרייבער.

איז צוגעגאַנגען צו זיי אַנטעק מיט אַ פאָרשלאַג, אָבער דער מילנער האָט אָפּגעמרוקעט.

— ווער ס'האָט שכל, דער ווייסט אַליין, ווי אַזוי ער האָט צו שטימען — און האָט זיך אומגעדרייט צום קאָוואַל, וועלכער האָט איטלעכן איינציקן צופּאָטאַקעוועט, אָבער ער האָט זיך אומרויִק געדרייט צווישן דער גראָמאַדע, אויסשמעקענדיק, וואָס דאָ גרייט זיך, און צום שרייבער איז ער אַריינגעגאַנגען, מ'טן מילנער איינגעטענהט, גושעלען מיט טיטון מכבד געווען און זיך אַזוי אויסבאַהאַלטן מיט זיינע געדאַנקען, אַז ביזן סוף אַריין האָט מען נישט געוווּסט מיט וועמען ער האַלט.

אָבער די מערהייט איז שוין געווען גענייגט צו שטימען קעגן דער שקאָלע, מ'האָט זיך פונאַנדערגעשיט איבערן פּלאַץ. און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער מיטאָגדיקער חמימה, האָט מען וואָס אַמאָל טומלדיקער און האַרטנעקיקער איינגעטענהט, ווי דער שרייבער האָט דורכן פענסטער אַ רוף געטון:

— קומטס נאָר דאָ וועלכער אַהער!

קיינער האָט זיך אָבער נישט גערירט, ווי זיי וואָלטן נישט דערהערט.

— לאָז נאָר עמעצער אַ לויף טון אין הויף אַריין נאָך די כיש, מ'האָט נאָך אינדערפרי געדאַרפט שיקן, און עפּעס

שיקט מען נישט! נאָר גיכער — האָט ער באַפעלנדיק אַרויס־געדונערט.

— מ׳זענען מיר דאָ נישט געקומען קיינעמס משרת זיין — האָט זיך עפּעס אַ שטרענגע שטימע אָפּגערופן.

— זאָל ער אַליין לויפן, ס׳איז אים אַ שאָד דעם קאַלדן פונאַנדערצוטרייסלען — האָט זיך עמעץ צעלאַכט ווייל דער שרייבער האָט פאַרמאָגט אַ בויך ווי אַ פויק.

דער שרייבער האָט נאָר אַ שעלט געטון, און נאָך אַ ווײַלע איז דער וואָיט אַרויסגעגאַנגען פון הויף, אַריבערגעכאַפּט זיך הינטער דער קרעטשמע און הינטנאַרומעט פון דאָרף זיך אַוועק־געלאָזט אין הויף אַרײַן.

— ר׳האָט דער שרייבערינס קינדער איבערגעוויקלט און אונטערגעווישט, וועט ער זיך איצט אַ קאָפּ איבערלופּ־טערן.

— פאַרשטייט זיך, די פּאַני שרייבערין האָט נישט ליב קיין זעלכע ריחות בײַ זיך אין די צימערן.

— אינגיכן וועט מען אים הייסן די פּאָרצעלייענע כּלי אַרויסטראָגן — האָט מען זיך געוויצלט.

— עפּעס נישט פראָסט, מען זעט נאָך נישט דעם דזשע־דזשיק — האָט זיך עמעץ געוווּנדערט, אָבער דערויף האָט דער קאַטאַל מיט אַ כיטרע שמייכעלע אָפּגעענטפערט:

— ר׳איז נישט קיין נאַר ער זאָל זיך ווייזן!

מען האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט פרעגעדיקע בליקן.

— פאַרשטייט זיך, ווער הייסט דאָס אים זיך אײַנרייסן מיטן באַטשעלניק, פאַר דער שקאָלע וועט ער דאָך נישט שטימען, ער וואָלט הינציק געמוזט צאָלן! אַ חכם!

— אָבער דו, מיכאַל, האָלטסט מיט אונדז, האַ? — האָט אים מאַטעוש צו דער וואַנט צוגעדריקט.

דער קאַוואַל האָט זיך אַ דריי געטון, ווי אַ צוגעטרעטענע שלאַנג, און אָפּבורטשענדיק עפּעס, האָט ער זיך אָנגעהויבן דורכשטופּן צום מילנער, וועלכער האָט זיך צוגערוקט צו די

פויערן און געזאָגט צום אַלטן פלאַשקען הויך אַזוי, אַז איך בדערע זאָלן הערן:

— און איך עצה ענק, שטימטס אַזוי, ווי עס פאַרלאַנגט די רעגירונג. אַ שקאַלע דאַרף מען האָבן, און זאָל זי זיין די ערגסטע, איז אַלץ בעסער ווי גאָרנישט. און אַזעלכע וואָס עך מיינט, וועט מען נישט געבן. פאַרפאַלן, וועסט מיטן קאָפּ קיין מויער נישט דורכהאַקן. צ׳וועט נישט וועלן באַשליסן, איז וועט מען אַן ענקער דערלויבעניש אויפשטעלן.

— אַז מיר וועלן נישט געבן קיין געלט, איז פאַר וועלכן וועלן זיי אויפשטעלן? — האָט זיך עמעץ פון דער קופּע אָפּגע-רופן.

— ביסט אַ נאַר! זיי וועלן אַליין בעמען, און אויב וועסט נישט געבן מיטן גוטן ווילן, וועט מען דיר די לעצטע קו פאַר-קויפן, און וועסט נאָך גיין זיצן אין קאָזע אַריין פאַר אַנטקעגנ-שטעלן זיך! פאַרשטייסט! דאָס איז נישט קיין עסק מיטן דזשע-דזשיק — האָט ער זיך געוואָנדן צו די ליפּצער — מיטן נאַטשעלניק איז נישט פאַרהאַן קיין וויצן. איך זאָג ענק, טוטס, וואָס מען הייסט, און דאַנקטס גאָט, וואָס ס׳איז נישט ער-גער.

מ׳האָט אים אין געדאַנק אַלע געגעבן רעכט, נאָר דער אַלטער פלאַשקאַ האָט נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת אומגעריכטערהייט אויסגערופן:

— צ׳זאָגט אמת, און ראָכאָ האָט דאָס פאָלק פאַרפירט און שטופּט זיי צו אונטערגאַנג.

און דערויף איז אַרויסגעטרעטן עפּעס אַ באַלעבאָס פון פּושילעבקע און הויך אויסגערופן:

— וואָרן ראָכאָ האַלט מיט די פּריצים און דערפאַר העצט ער אונטער קעגן דער רעגירונג!

מ׳האָט אים פאַרשריגן פון אַלע זייטן, אָבער דער פויער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן, און ווי נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט ער ווידער זיין שטימע אויפגעהויבן.

— נאָר נאַראָנים העלפן אים צו! אַזוי זאָג איך! — האָט

ער אַ פּיר געטון מיט די קלוגע אויגן — און װעמען עס שמעקט נישט, זאָל ער זיך אַנידערשטעלן, װעל איך אים אין די אויגן אַרײַן איבערחזרן, באַראַנים! װאָרן זײ װײסן נישט, אַז ס'איז שטענדיק אַזוי געװען, אַז די פּריצים בונטעװען זיך, העצן אויף דאָס פאָלק, פירן צו אומגליק, אָבער װען עס קומט דערפאַר צו באַצאָלן, איז װער צאָלט? די פּויערן! און אַז מען קװאַרטירט ענק אײַן קאָזאַקן איבער די דערפער, איז װער כאַפּט אַרײַן די בײַטשן? װער װעט לײַדן? װעמען װעט מען אין קרימינאַל אַרײַן שלעפּן? און נאָר ענק, פּויערן! די פּריצים װעלן זיך פאַר ענק נישט אָננעמען, ניין, זײ װעלן אַלץ פאַרלייקענען, װי די יו־דאַשן, און זײ װעלן נאָך די עלטסטע אין די הײף שײַן אויפ־נעמען.

— װאָרן װאָס פאַר אַ װערט האָט פאַר זײ דאָרט דאָס פאָלק, אויף אַזוי פיל נאָר, עס זאָל פאַר זײ דעם קאָפּ לײגן.

— און װען זײ װאָלטן געקענט, װאָלטן זײ מאָרגן צוריק אײַנגעפירט די פּאַנשטשיזנע! — האָבן זיך פאַרשידענע אויס־רופן געלאָזט הערן.

— גזשעלאַ זאָגט — האָט ער װידער אָנגעהויבן — מען זאָל לערנען אויף אונדזער לשון, און אויב זײ װילן נישט, זאָל מען נישט אָפּשטימען אויף קײן שקאָלע, נישט געבן קײן גראָשן, אָקעגנשטעלן זיך. און אוודאי, נאָר דעם פאַראָבעק איז גרינג צום באַלעבאָס אַ געשרײ צו טון: כ'װעל נישט אַרבעטן, קוש מיר אין דאָס, און צו אַנטלויפן פאַר די שטראָף. אָבער דאָס פאָלק װעט נישט אַנטלויפן און צו אַ בונט די שטעקנס אויפ־הײבן װעט עס נישט אויפהײבן, װאָרן קײן שום אַנדערער װעט פאַר אים די פּלײצעס נישט אויפשטעלן... דאָס זאָג איך ענק, ס'װעט ענק װעלװעלער אויסמאַכן אויפצושטעלן אַ שקאָלע, איי־דער אַקעגנצושטעלן זיך דער מאַכט. און אַז מען װעט אויף אונ־דזער לשון נישט לערנען, דאָס איז אמת, אָבער סײַ װי פאַר קײן רוסישע װעלן זײ אונדז נישט איבערמאַכן, װאָרן קײן שום פּאַטשערזש, און נישט צװישן זיך װעלן זײ קײן שום אַנדער

לשון נישט רעדן, און נאָר אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געלערנט! און אויף צום סוף וועל איך ענק נאָך דאָס זאָגן: לאָמיר האַלטן אויף אונדזער זייט! און אויב די פּחדנים רייסן זיך צרום צווישן זיך, איז נישט אונדזער עסק. זאָלן זיי זיך אַרומקריגן און אויפפרעסן איינס ס׳אַנדערע, ס׳איז אונדז אַלציינס די בייטשן צי יענע בייטשן, אַז זאָל זיי קיין דבר נישט מיידן.

אַ געדיכטער עולם האָט זיך אַרום אים צוזאַמענגעדריקט און פאַרשריגן אים, ווי אַ משוגענעם הונט, בחנם האָט אים דער מילנער אין זיין שוץ גענומען, בחנם האָבן זיך אויך אַנדערע פאַר אים אָנגענומען. גזשעלעס אָנהענגער האָבן אים שוין אָנגעהויבן מיט די פויסטן צו דראָען, אַז ס׳איז גאַנץ מעגלעך ס׳וואָלט אפשר נאָך צו עפּעס ערגערס דערגאַנגען, אָבער דער אַלטער פּריטשעק האָט אויסגעשריגן:

— די סטראַזשניקעס הערן!

ס׳איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן און דער אַלטער איז אַרויסגעטרעטן און כמעט מיט כעס אָנגעהויבן:

— דעם הייליקסטן אמת האָט ער געזאָגט, מיר דאַרפן נאָר קוקן פאַר אונדזער טובה וועגן! שטילערטס, האָסט געזאָגט דיינס, איז לאָז אויך אַן אַנדערן זיינס אַרויסזאָגן! זיי רייסן זיך און מיינען, אַז די גרעסטע קעפּ זענען זיי! פאַרשטייט זיך, אַז ווען אין שרייען זאָל ליגן די גאַנצע חכמה, איז וואָלט אַ ליאַדע שרייער מער חכמה פאַרמאָגט, ווי דער גלח אַליין! לאַכטס, יוכעס, און איך וועל ענק יאָ דערציילן, ווי אַזוי עס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען די פּריצים האָבן זיך געבונטעוועט; איך געדענק דאָס גאַנץ גוט, ווי מ׳האָט אונדז די אויגן פאַרבלענדט און צוגעשווירן, אַז, ווען ס׳וועט זיין פּוילן, וועלן זיי אונדז געבן פרייהייט, און גרונט מיט וועלדער, און אַלדינג! זיי האָבן צוגעזאָגט, גערעדט, און דאָס וואָס מיר האָבן אַצינדערט, האָבן אונדז אַנדערע גאָר געגעבן, און מ׳האָט זיי נאָך געמוזט באַשטראָפן, פאַר וואָס זיי האָבן דעם פאָלק מיט נאַרייט געוואָלט גרינגער מאַכן! האָרכטס די פּריצים, אויב צ׳זענט נאַראָנים, אָבער מיך וועלן זיי נישט נעמען אויפן שטריקל, איך

חייס שוין, וואָס פאַר אַ חערט ס׳האָט זייער פוילן: אַז דאָס איז נאָר אַ בייטש אויף אונדזערע פּלייצעס, אַ פּאַנשטשיזנע און אַנ־טערדריקונג! צ׳וועט מיך נאָך...

— און גיטס אים דאָרט וועלכער אין פּיסק אַריין, זאָל ער אויפהערן — האָט זיך עפּעס אַ שטימע אַרויסגעריסן.

— און אַצינדערט — האָט ער ווייטער געצויגן — בין איך פּונקט דער אייגענער פּריץ, ווי אַנדערע, כ׳האָב מיר מיין רעכט, און קיינער וועט נישט דערוועגן מיך מיט קיין פינגער אָנצורירן! דאָרט איז פאַר מיר פוילן, וו ס׳איז מיר גוט, וו כ׳האָב...

עס האָבן אים איבערגעריסן שפּאָטישע קולות, וואָס האָבן זיך געשיט אויף אים פון אַלע זייטן, ווי אַ האָגל:

— אַ חזיר קוויטשעט אויך פון צופרידנקייט, און לויבט זייער דעם כליוו און די פולע קאָריטע!

— און פאַר דעמדאָזיקן אָנקאָרמענען וועט ער קריגן מיט אַ דראָנג אין קאָפּ אַריין און מיט אַ מעסער אין גאָרגל.

— אויפן יאַריד האָט אים אַ סטראַזשניק אָנגעקיילט, זאָגט ער, אַז קיינער דערוועגט זיך אים נישט אָנצורירן.

— ר׳פּלאַפּלט, און ווייסט אַזוי פיל, וואָס אַ פערדישער חיידל!

— אַ וואַזשנער פּריץ, ר׳האָט די פרייהייט, אוודאי, די פליי טראָגן אים אַליין אַרום אויף דער פרייהייט!

— פּונקט אַזוי האַלטן אויך די וויעכטשעס פון די שטיול געלערנט!

— ר׳קען קיין הון נישט טאַפּן, וועט ער דאָ קומען אַרויס־טרעטן! אַ שטיק טינוף יוכע! אַן אָקס!

דער אַלטער איז סכנותדיק אין כעס געוואָרן, אָבער ער האָט נאָר געזאָגט:

— שטשענוועס! זיי האָבן שוין אפילו פאַר קיין גרויע האָר נישט קיין דרך ארץ!

— האַלט מען, הייסט עס, פאַר יעדער גרויע קאָבילע גע־

דאַרפֿט דרך-ארץ האָבן, נאָר דערפֿאַר, וואָס זי איז גרוי, האַ?

מ'האָט אַ שאָס אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער, און גלייכ-צייטיק האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסדרייען, אויפהייבנדיק די אויגן אויפן דאַך פֿון דער קאַנצעלאַריע, וווהין דער דיבער איז אַרויפגעקראָכן, און אָנכאַפנדיק זיך באַם קומען. האָט ער געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין.

— יוזעק, פֿאַרמאַך נאָר דאָס מויל, וואָרן עס וועט דיר נאָך עפּעס אַרייַנפֿליען! — האָט מען געשריגן מיט אַ געלעכטער, ווייל אַ גאַנצע טשאַטע טויבן האָבן איבער אים אַרומגעקרייזט, אָבער ער האָט מיטאַמאָל אַ ריטשע געטון:

— ער פֿאָרט! ער פֿאָרט! ער דרייט זיך שוין אַראָפּ פֿון פּושילענקער וועג!

די גראַמאַדע האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום הויז און וואָס אַמאָל געדיכטער זיך צונויפּפּאַקן, קוקנדיק מיט געדולד אויף דעם נאָך ליידיקן וועג.

די זון האָט זיך גראַד אָקוראַט אַ רוק געטון אַ קאָפּ אָן אַ זייט, פֿון אונטערן שטרוי-דאַך אַפער, אַזוי, אַז פֿון אונטערן אָקאַפּ האָט זיך וואָס אַמאָל אַ גרעסערער שאָטן אַרויסגערוקט, אין וועלכן מ'האָט אַנידערגעשטעלט אַ טיש, באַדעקט מיט אַ גרין טישטוך, מיט אַ צלם אינדערמיט. דער רויטער, אָנגעבלאָזענער געהילף האָט אַרויסגעטראָגן פּאַפּיר אויפן טיש אַרויף און כסדר עפּעס געמייסטרעוועט אין דער גאָז.

דער שרייבער האָט זיך געשווינד גענומען איבערטון אין די יום-טובדיקע מלבושים, און אין גאַנצן הויז האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן געשרייען פֿון דער שרייבערין, אַ געקלאַנג פֿון טעלערס, אַ טומל פֿון איבערגערוקטע זאַכן און אַ געלויפעריי, אין עפּעס אַ רגע אַרום האָט זיך אויך דער וואָיט באַוויזן. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, אַ רויטער, ווי אַ בוראַק, און אַ דערשוויצטער, קוים וואָס ער האָט דעם אָטעם געכאַפּט, אָבער שוין מיט דער קייט אויפן האַלדז, און אַ פּיר טוענדיק,

מיט די אויגן איבער דער גראמאדע, האט ער שטרענג אויסגע־רופן:

— שטילערטס דארט, מענטשן, ס'איז דא נישט קיין קרעטשמע!

— פיעטער, קומטס נאר אהער, כ'וויל ענק עפּעסשיס זאגן! — האט קלאנב צו אים אויסגערופן.

— אוודאי, נישטא דא קיין פיעטער, נאר א באמ־טער! — האט ער גאוהדיק אפּגעענטפערט.

מ'האט א בעם געטון אויף די צונגען דאס ווארט, אז די בייכער האבן זיך זיי אזש געטרייסלט פון געלעכטער, ווי דער וואיט האט מיטאמאל פייערלעך אויסגעשריגן:

— טרעטס פונאנדער, מענטשן! דער נאטשעלניק!

עפּעס א קארעטע האט זיך טאקע אויפן וועג באוויזן, און אונטערשפּרונגענדיק אויף די גריבער, האט זי זיך אפּגעדרייט צו דער קאנצעלאריע.

דער נאטשעלניק האט אויפגעהויבן די האנט צום שטערן, די פויערן האבן אראפּגענומען די קאפּעליושן, ס'איז געווארן שטיל, דער וואיט מיטן שרייבער זענען צוגעפאלן אים העלפן אויסשטייגן פון דער קארעטע, און די סטראזשניקעס האבן זיך אנידערגעשטעלט בא דער טיר, אויסגעגלייכט, ווי די שטעקנס.

דער נאטשעלניק האט זיך געלאזט העלפן אויסשטייגן און אויסטון דעם ווייסן מאנטל, און אויסדרייענדיק זיך, האט ער א פיר געטון מיט די אויגן איבער דער גראמאדע, א גלעט זיך געטון דאס געלבלעכע בערדל, אנגעכמורעט זיך, א שאקל געטון מיטן קאפּ און אריינגעגאנגען אין שטוב אריין, וווהין דער שרייבער, וואס איז געווען איינגעבויגן ווי א דוע, האט אים פאר־בעטן.

די קארעטע איז אוועקגעפארן, די פויערן האבן זיך ווי־דער א שפּאר צו געטון ארום טיש, פארשטייענדיק, אז באלד וועט זיך אנהייבן די פארזאמלונג, אבער ס'איז דורכגעגאנגען אפשר א גאנצע שעה, און דער נאטשעלניק האט זיך אלץ נישט באוויזן, נאר פון שרייבערס צימערן האט זיך צעטראגן דאס

נעקלאַנג פון גלעזער, געלעכטערן און עפּעס ריחות, וואָס האָבן אין דער נאָז געדרייט.

און ווען דאָס וואַרטן איז זיי שוין געהאַט דערעסן גע־וואָרן און די זון האָט וואָס אַמאָל מער געבאַקן, האָט מען זיך איינציקווייז גענומען בגנבה אַרייַנכאַפּן אין קרעטשמע אַריין, אַז דער וואַיט האָט אַזש אַ געשריי געטון:

— נישט פונאַנדערקריכן! און ווער ס'וועט פעלן, דעם וועט מען פאַרשרייבן שטראָף...

פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט זיך נאָך איינגעהאַלטן, שעלט־דיק נאָר מיט טויטע קולות און מיט אומגעדולד געקוקט אויפן שרייבערס פענסטער, וואָרן ס'האָט זיי עמעצער פאַרמאַכט פון איבערווייניק און פאַרהאָנגען.

— מ'שעמט זיך צו ווייזן אין דער עפנטלעכקייט.

— ס'איז בעסער, וואָרן איטלעכער איינציקער מאַכט נאָר מיטן האַלדז, און שלינגט אומזיסט דאָס שפּייַעכץ! — האָבן זיי גערעדט.

פון אַרעשט, וואָס שטייט אין איין רייע מיט דער קאַנצע־לאַריע, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ יעמערלעכער בעטש, און נאָך אַ ווײַלע איז אַרויסגעקראָכן דער סטאַיקע, צוזענדיק באַם שטריקל אַ שפּאַר קאַלב, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט מיטן גאַנצן כּוח, אָבער מיטאַמאָל האָט עס אים אַ זעץ געטון מיטן קאָפּ, אַז דער פּויער איז אַזש אַ פאַל געגעבן צו דער ערד, פאַריסן דעם ווידל און אַוועק, אַז אַ שטויב האָט זיך נאָך נאָך אים אויפגע־הויבן.

— כאַפּטס דעם גנב! כאַפּטס!

— שיט אים זאַלץ אויפן ווידל, וועט ער זיך אומ־קערן!

— אַן עזות פּנים דאָס איז, אַנטלאָפן פון דער קאָזע און נאָך דעם ווידל אויפן פאַן וואַיט פאַריסן!

האָבן זיי זיך געוויצלט און חוזק געמאַכט פון סטאַיקע, וועל־כער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָכן קאַלב און ערשט מיט דער הילף פון די סאָלטיסעס האָט ער אים אַריינגעטריבן אין הויף. און זיי

האָבן נאָך דעם אָטעם נישט געהאַט געכאַפּט, האָט זיי שוין דער חיים געהייסן בעמען און אויסקערן דעם אַרעשט, און ר׳האָט אַליין אַכטונג געגעבן, אָפּגעהיטן און נישט ווינציק צוגעהאָלפן, מורא האָבנדיק, אַז דעם נאַטשעלניק זאָל זיך אַמאָל נישט פאַרגלוסטן דאָרט אַהין אַריינצוקוקן.

— וואָס, מען דאַרף אויסרייכערן, כדי ער זאָל נישט דערשמעקן, וואָס פאַר אַן אַרעשטאַנט דאָ האָט זיך געפונען.

— האָטס נישט קיין מורא, נאָכן בראָנפן וועט ער אָנוווערן דעם פילער.

ס׳האָט נאָך דאָרט ווער-נישט-ווער עפּעס אַ שטעכווערטל געוואָרפן, אַז דער וואָיט האָט אַזש אַ בליק געטון מיט די שלי־פיעס און די ציין פאַרהאַקט, אָבער סוף כל סוף זענען זיי אפילו די חיצן אויך פאַרמיאוסט געוואָרן, און ס׳האָט זיי אַזוי געפּייניקט דאָס וואַרטן אויף דער זון און דער הונגער, אַז זיי האָבן זיך אין אַ גאַנצער מחנה אַ לאָז געטון זיך אונטער די ביימער, נישט לייגנדיק קיין אַכט שוין אויף דעם פאַרוווערן פון וואָיט, צו וועלכן גזשעלאַ האָט נאָר אַ זאָג געטון:

— אוודאי, די מענטשן זענען הינט, זיי וועלן דיר נישט צופאַלן צו די פיס, זאָלסט אפילו שרייען ביז באַנאַכט! — און זייענדיק צופרידן, וואָס זיי זענען אַראָפּ פון די סטראַזשני־קעס אויגן, האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן צו דרייען צווישן עולם, דערמאָנענדיק איטלעכן באַזונדער, ווי אַזוי ער האָט צו שטימען.

— נאָר האָטס נישט קיין מורא! — האָט ער צוגעגעבן — דאָס געזעץ איז מיט אונדז! וואָס מיר וועלן באַשליסן, וועט זיין, און וואָס די גראָמאַדע וויל נישט, וועט זי קיינער דערצו נישט ברענגען.

אָבער די מענטשן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט באַוויזן אין די שאָטנס אַנידערצולייגן, נישט עפּעס איבערצובייסן, ווי די סאָלטיסעס האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענצורופן, און דער חיים איז געקומען צו לויפן מיט אַ געשריי:

— דער נאַטשעלניק קומט אַרויס! קומטס גיכער! מיר הייבן אָן!

— ר׳האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט גוטע מאכלים, טראָגט עס אים שוין אונטער! אונדז איז נישט געאײַלציק! לאָז ער וואַרטן!

האָבן זיי מיט כּעס געמורמלט, שווער זיך צוזאַמענקלויבנדיק פאַר דער קאַנצעלאַריע.

די סאָלטיסעס האָבן זיך געשטעלט בראש פון זייערע דערפער, דער וואָיט האָט זיך באַזעצט הינטערן טיש, האָבנדיק לעבן זיך דעם געהילף-שרייבער, וועלכער האָט, דלובענדיק אין דער נאָז, געפּייפט אויף די טויבן, וואָס זענען איבערגעשראָקענע פון דעם טומל, פון דאַך אַראָפּגעפלויגן, קרייזלענדיק מיט אַ צעפלאָטערטן ווייטן וואָלקן.

— שווייגן! — האָט עמעץ פון די סטראַזשניקעס, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטייפט בײַ דער שוועל, מיטאַמאָל אַ געשריי געטון.

אַלע אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטון צו דער טיר, אָבער פון איר איז נאָר אַרויסגעקומען דער שרייבער מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט און זיך אַרונטערגעשטופּט הינטערן טיש.

דער וואָיט האָט אַ טרייסל געטון מיטן גלעקל און פייערלעך אויסגערופן:

— מיר הייבן אָן, ליבע מענטשן! שטילער דאָרטן, מאָדליצער! דער פּאַן סעקרעטאַר וועט איבערלייענען, הייסט עס, וועגן דער שקאָלע! און הערטס אויס מיט קאָפּ, כּדי איטלעכער זאָל פאַרשטיין, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך!

דער שרייבער האָט אָנגעטון די ברילן און אָנגעהויבן געלאַסן און שאַרף צו לייענען.

ער האָט שוין געהאַט געלייענט אַ שפּאָרע ווײַלע, בײַ אַ פולשטענדיקער שטילקייט, ווי עמעץ האָט אַ געשריי געטון:

— אַז מיר פאַרשטייען גאָרנישט!

— לאָז מען לייענען אויף אינדזער לשון! מיר פאַרשטייען ניש! — האָבן זיך אַ סך שטימען אָפּגערופן.

די סטאַזשניקעס האָבן זיך אויפמערקזאַם געגומען אַ־ום־קוקן איבער דער גראַמאַדע.

דער שרייבער האָט זיך פאַרקרומט, אָבער ער האָט שוין געלייענט, פאַרטייטשנדיק דערנאָך אויף פויליש.

עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט מיט אָנשטרענגונג אויסגעהאָרכט, צעקייענדיק יעדעס וואָרט און קוקנדיק אויף אים, ווי אויף אַ בילד. דער שרייבער האָט געלאָזן געצויגן:

...אַזוי ווי מ׳האָט באַפוילן אויפצושטעלן אַ שקאָלע אין ליפּצע, וועלכע זאָל אויך דינען פאַר מאָדליץ, פּזשילענקאַ, זשעפּקע, און אַנדערע קלענערע דערפער.

דערנאָך האָט ער לאַנג וועגן דעם אויסגעפירט, וואָס פאַר אַ נוצן מ׳וועט דערפון האָבן, ווי אַזוי בילדונג איז זייער אַ גוטע זאַך, ווי אַזוי די אָמטן טראַכטן נאָר אַריין טאָג און נאַכט, ווי אַזוי דעם פאָלק מיט הילף אונטערצוקומען, עס אונטערשטיצן, בילדן און פאַרטיידיקן פון שלעכטס. דערנאָך ווידער האָט ער אויסגערעכנט, וויפיל מ׳דאַרף האָבן אויף אַ פּלאַץ מיטן פעלד, וויפיל אויף דער געביידע אַליין און אויפן אויסהאַלט די שולע, צוזאַמען שוין מיטן לערער, אין אַז אויף דעם אַלעם וועט מען באַדאַרפן צו באַשליסן אַ צוגאַב־שטייער צו צוואַנציק קאָפּיקעס פון דער מאָרגע. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אויסגעווישט זיך די ברילן און ווי צו זיך אַליין אויסגערופן:

— דער פאַן נ. טשעלביק האָט געזאָגט, אַז אויב עך וועט היינט באַשליסן, וועט ער דערלויבן אָנצוהייבן דאָס בויען נאָך דאָס יאָר, און אויפן קומענדיקן הארבסט וועלן שוין די קינדער גיין אין שקאָלע אַריין.

ער האָט געענדיקט, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, איטלעכער אייינציקער האָט זיך איבערגעלייגט, אײנקאָרטשענדיק זיך גאָר, ווי אונטער דער משא פון נייעם שטייער, ביז דער וואָיט האָט זיך ערשט אָפּגערופן:

— צ׳האָט גוט געהערט, וואָס דער פאַן סעקרעטאַר האָט בעלייענט?

— מ׳האָבן מיר געהערט! פאַרשטייט זיך, מ׳זענען מיר דאָך נישט טויב! — האָט מען זיך דאָ און דאָרט אָפּגערופן.

— און ווער ס׳האָט קעגן דעם, זאָל ער אַרויסטרעטן און זאָגן זיינס.

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן שטויסן מיט די עלנבויגנס, אַרויסשטופן פאָרויס, צו קראַצן זיך, איבערקוקן זיך און אויף די עלטערע געכאַפּט אַ בליק, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט אַרויסצורייסן זיך דער ערשטער.

— אויב ס׳איז יאָ אַזוי, וועלן מיר שנעל באַשליסן וועגן דעם שטייער און אַהיים — האָט דער וואָיט פאַרגעלייגט.

— איז וואָס־זשע בלייבט, צ׳זענט אַלע איינשטימיק מסכים? — האָט דער שרייבער פייערלעך געפרעגט.

— ניין! מיר ווילן נישט! ניין! — האָט גזשעלאַ אַ בעשריי געטון און נאָך אים נאָך עטלעכע צענדליק.

— מיר דאַרפן נישט אַזאַ שקאָלע! מיר ווילן נישט! מ׳האָט שוין גענוג שטייערן! ניין! — האָט מען שוין פון אַלע זייטן גערופן, און וואָס אַמאָל דרייסטער, העכער און שטרענגער.

אויף דעם געשריי איז אַרויסגעקומען דער נאַטשעלניק און געבליבן שטיין אויף דער שוועל, אַלע זענען אויף זיין אָנבליק אַנטשוויגן געוואָרן, און ער האָט זיך אַ ציפּ געטון באַם בערדל און זייער ווייך אויסגערופן:

— וואָס מאַכט עך, באַלעבאַטים?

— אַ שיינעם דאַנק! — האָבן די ערשטע פון ברעג אָפּגעענטפערט, האַקלענדיק זיך אונטערן דרוק פון דער גראָמאַדע, וואָס האָט זיך געשטופּט פאָרויס, כדי צו הערן דעם נאַטשעלניק, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף דער טיר־רעם. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו רעדן אויף זיין לשון, אָבער ער האָט כסדר אָפּגעגרעבצט.

די סטראַזשניקעס זענען אַ שפּרונג אַריין געטון צווישן עולם און גענומען רופן:

— אַראָפּ די היטלען! די היטלען!

— אַוועק שטשערווע, און פּלאָנטער דיך דאָ נישט אונטער די פיס! — האָט זיי עמעץ אָפּגעזידלט.

און דער באַטשעלניק, כאָטש ער האָט אַזוי זיס געפּרעדיקט, האָט געענטפערט און אויף פּויליש:

— באַשליסט תיכף דעם פּאָדאַטעק, וואָרן כ'האָב נישט קיין צייט.

און ער האָט שטרענג געקוקט אין די פּנימער אַריין, אַ פּחד האָט נישט איינעם דורכגענומען, דער המון האָט זיך אַ וויג געטון ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקעדיקע און שטילע געשעפּטשען.

— נו וואָס, שטימען מיר פאַר דער שקאָלע? זאָגט, פּלאָשקאַ? ווי אַזוי-זשע טוען מיר?... ווו איז גזשעלאַ? ער הייסט שטימען! לאָמיר שטימען, מענטשן, לאָמיר שטימען!

ס'האָט וואָס אַמאָל הילכיקער געקאָכט, ווי גזשעלאַ איז אַרויסגעטרעטן און דרייסט געזאָגט:

— אויף אַזאַ שקאָלע וועלן מיר נישט באַשטימען קיין איין גראָשן.

— מיר וועלן נישט באַשטימען! מיר ווילן נישט! — האָבן אים אפשר הונדערט אויסגעשרייען אונטערגעשטיצט.

דער באַטשעלניק האָט שטרענג פאַרקנייטשט דעם שטערן.

דער וואָיט איז דערשראָקן געוואָרן און דעם שרייבער זענען אַזש די ברילן פון דער נאָז אַראָפּגעפאַלן, נאָר גזשעלאַ האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן, האָט פאַרזונקען אין אים אַ פּאָר שטרענגע שליפּיעס, וועלנדיק נאָך עפּעס צוגעבן, ווי דער אַלטער פּלאָשקאַ איז אַרויסגעטרעטן, און פאַרנייגנדיק זיך נידעריק, מיט הכנעה אָנגעהויבן:

— איך בעט איבער דעם כבוד פון הויכווירדיקן נאַטשעל-ניק, וואָס איך וועל דאָ זאָגן, ווי איך פאַרשטיי עס לויט מיין שכל: אַ שקאָלע צו באַשטימען, פאַרשטייט זיך, וועלן מיר באַ-שטימען, נאָר אונדז ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז צו פיל אַ גילדן מיט צען גראָשן פון דער מאָרגע. ס'זענען איצט שווערע צייטן און אַ גראָשן איז שווער צו קריגן! דאָס האָב איך נאָר געוואָלט זאָגן.

דער נאַטשעלניק האָט נישט געענטפערט, ער איז געווען פאַרזונקען אין עפעס רעיונות, אַז פון צייט צו צייט האָט ער נאָר צושטימענדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און די אויגן זיך אויסגעווישט, איז דער וואָיט דעריבער דרייסטער געוואָרן און מיט ברען גענומען רעדן פאַר דער שקאָלע; נאָך אים האָבן אויך זיינע חברים צום זעלבן געשטויסן, דער מילנער האָט צום היציקסטן געפּיסקעוועט, נישט קוקנדיק אויף די שאַרפע שטעכ-ווערטלעך פון גזשעלאָס אָנהענגער, ביז דער דערצערנטער גזשע-לאַ האָט ענדלעך אויסגערופן:

— מ'גיסן מיר נאָר איבער פון פּוסטן אין ליידיקן אַריין — און אָפּטשאַטעווענדיק אַ גוטע געלעגנהייט, איז ער צוגעטרעטן און דרייסט אַ פרעג געטון:

— פון וואָס פאַר אַ מין אייגנטלעך דאַרף עס זיין די נייע שקאָלע?

— אַזוי ווי אַלע! — האָט ער אויסגערופן, אויפ-עפענענדיק די אויגן.

— איז גראָד אַזעלכע דאַרפן מיר נישט האָבן!

— אויף אונדזערס אַ שקאָלע וועלן מיר אַפילו באַשטימען צו האַלבע רובל פון דער מאָרגע, און אויף אַן אַנדערע קיין פּרוטה נישט.

— וואָס טויג אונדז אַזאַ שקאָלע? מיינע האָבן זיך דריי יאָר געלערנט און — ני בע, ני מע.

— שפּילערטס, מענטשן, שפּילערטס!

— זיי האָבן זיך צעבריקעוועט די שעפּסן, און אַט ווי דו זעסט נישט, גיט דער וואָלף אַ שפּרונג אַרויף אויף דער סטאַדע.

— פּיסקאַטשעס, יוכעס, אַ נייע צרה וועלן זיי אויף אַלע אויספּיסקעווען.

אַזוי האָבן זיי אייבער איבערן אַנדערן געשריגן, אַז ס'איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל, וואָרן יעדער האָט געוואָלט זיינס אויפווייזן און אַנדערע איבערשפּאַרן, וואָס אַמאָל מער זיך צעהיצט, זיי זענען צעשלאָגן געוואָרן אויף קופּעס, און אומעטום האָט אויפגעקאָכט אַמפּערנישן און קריגערייען, דערעיקרשט האָבן גזשעלאַס אַנגהענגער צום הילכיקסטן און עקשנותדיקער געפּיסקעוועט, אַרויסטרעטנדיק קעגן דער שקאָלע. בחנם האָט דער וואָיט, דער מילנער און באַלעבאַטים פון אַנדערע דערפער געגעבן צו פאַרשטיין, געבעטן, און געסטראַשעט אפילו מיט באַטווייסט וואָס, די מערהייט האָט וואָס אַמאָל מער חוצפּהדיקער געווילדעוועט, אַרויסרעדנדיק, וואָס אייבעם איז נאָר אויף דער צונג געקומען.

דער נאַטשעלניק איז געזעסן, ווי גאָר בישט הערנדיק, ער האָט עפּעס איינגערוימט דעם שרייבער, לאָזנדיק זיך זיי אויסרעדן צו דער זעט, און ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך שוין גענוג בחנם אָנגעבילט, האָט ער דעם וואָיט געהייסן אַ קלונג טון.

— שטילער דאָרט! שטילער! אויסהערן! — האָבן די סאָלטיסעס באַרוקט.

און איידער ס'איז נאָך אינגאַנצן שטיל געוואָרן, האָט זיך צעטראָגן זיין באַפעלנדיקע שטימע:

— אַ שקאָלע מוז זיין, צ'פאַרשטייט! האָרכן און טון, וואָס מ'הייסט ענק!

ער האָט שרענג גערעדט, אָבער זיי האָבן זיך ווייניק וואָס דערשראָקן, און קלאָנב האָט אַ פּאַטש געטון אויף צוריק:

— מיר באַפעלן נישט קיינעמען צו גיין אויפן קאָפּ, איז זאָל מען אונדז אויך אַזוי דערלויבן צו באַוועגן זיך, ווי אַזוי עמען די פיס זענען אויסגעוואַקסן.

— פאַרמאַכטס דעם פּיסק! שטילערטס, הינטישע געבלוטן! — האָט דער וואַיט געזידלט. קלינגענדיק בחנם.

— דאָס וואָס כ׳האָב געזאָגט, דאָס וועל איך נאָכאַמאָל איבערחזרן, אַז אין אונדזער שקאָלע מוז מען לערנען אויף אונדזער לשון.

— קאַרפּיענקאָ! איוואַנאָוו! — האָט ער אַ ריטשע געטון אויף די סטראַזשניקעס, וואָס זענען געשטאַנען איגדערמיט פון דער ענגשאַפט, אָבער די פויערן האָבן זיי מיטן קוק צוזאַמענגעדריקט צווישן זיך, און עמעצער האָט זיי איינגערוימט:

— לאָז נאָר עמעצער וועמען אָנרירן... מיר זענען דאָ דרייהונדערט... צ׳זאָלט דאָס ענק נעמען אין זינען אַריין...

און גלייכצייטיק איז מען זיך פונאַנדערגעטרעטן, מאַכנדיק אַ פרייען דורכגאַנג, און שטופנדיק זיך נאָך זיי ביזן נאַטשעלניק מיט אַ טויב צעיושעטע געוויש, צוסאַפּענדיק נאָר, און זידלענדיק און פאָכענדיק מיט די פויסטן, און פון צייט צו צייט האָט זיך איינער פון דער קופּע אַרויסגעריסן מיט אַ וואָרט:

— איטלעכעס באַשעפעניש האָט זיין שטימע, נאָר אונדז הייסט מען האָבן אַ פרעמדע.

— און שטענדיק נאָר באַפעלן, אז דו, פויער, האָרך, צאָל און מיטן היטל די ערד פאַרקער.

— איינגיכן וועט מען אָן אַ דערלויבעניש הינטערן שייער נישט לאָזן אַרויסגיין.

— אַז זיי זענען יאָ אַזעלכע גרויסע לייט, איז לאָזן זיי הייסן די חזירים זאָלן זינגען, ווי די לערכעס! — האָט אַנטעק אַ שאָס אַרויס געטון, מ׳האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און ער האָט אַ צעיושעטער ווייטער געגרופן:

— אָדער זאָל זיי אַ גאַנדז אַ ריטשע טון, אַז זיי וועלן דאָס מאַכן, וועלן מיר באַשליסן אויף אַ שקאָלע.

— זיי הייסן צאָלן שטייערן, צאָלן מיר; זיי הייסן געבן רעקרוטן, גיבן מיר, אָבער אוועק פון...

— שטילערהייט נאָר, קלאָגנ. זיין מאַיעסטעט דער קייסער אַליין האָט געגעבן אַן אוקאַז און דאָרט שטייט געשריבן, ווי אַן אָקס, אַז שקאָלעס און סאָנדעס דאַרפן זיין אויף פויליש! אַזוי האָט דער קייסער אַליין באַפוילן, און אים וועלן מיר האָרכן! — האָט אַנטעק געמאַכט גע-וואַלט.

— ווער ביסטו פאַר איינער? — האָט דער נאַטשעל-ניק אַ פרעג געטון, איינעסנדיק זיך אין אים מיט די אויגן.

ער האָט אויפגעציטערט, אָבער דרייסט אָפּגעענט-פערט, ווייזנדיק אויף די פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש.

— דאָרט שטייט געשריבן. ס'האָט מיך נישט געהאָט קיין סראָקע — האָט ער עזותדיק צוגעגעבן.

דער נאַטשעלניק האָט זיך עפּעס צוזאַמענגערעדט מיטן שרייבער און דער האָט איבעגיכן געמאָלדן: אַז אַזוי ווי אַנטאָנ-באָרינאַ שטייט אונטער אַ קרימינעלער אויספאָרשונג, האָט ער נישט קיין רעכט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער גמינע-פאַרזאַמ-לונג.

אַנטעק איז פאַר כעס רויט געוואָרן, נאָר נאָך איידער ער האָט געוואָלט אַ וואָרט ענטפערן, האָט דער נאַטשעלניק אַ געשריי געטון:

— „פּאַשאָל וואָן!“ — און ר'האָט אויף אים אַ וויז געטון די סטראַזשניקעס מיט די אויגן.

— צ'זאָלט נישט אָפּשטימען, חברה! דאָס געזעץ איז מיט אונדז! האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא! — האָט אַנטעק עזותדיק געשריגן.

און ר'איז פאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען צום דאָרף, אומ-

קוקנדיק זיך אויף די סטראַשניקעס, ווי אַ וואָלף אויף די
פּאַסטוך-הינט, אַז זיי זענען וואָס אַמאָל ווייטער הינטערשטעליק
געבליב:.

אָבער אין דער גראַמאַדע האָט פּלוצלינג אויפגעקאָכט
ווי אין אַ קעסל, אַלע מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן רעדן,
שרייען און פאַרביסן זיך צו אַמפּערן, אַז מ׳האָט שוין קיינעמען
נישט געהאָרכט, נאָר איינצלנע ווערטער פון קללות, דראָונ-
בען און געשפּאָטערייען זענען, ווי די שטיינער איבער די קעפּ
געפלויגן. גלייך ווי דער שטן וואָלט זיי אין זיין מאַכט אַריין
גענומען, אַזוי האָבן זיי זיך היציק געריסן, און קיינער האָט
נישט געקענט פאַרשטיין, פונוואַנען און צוליב וואָס דאָס איז גע-
קומען?

מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן דער שקאָלע, וועגן
אַנטעקן, וועגן געכטיקן רעגן, ווער עס האָט די פּאַריאַריקע
היזקות זיין שכן דערמאַנט, ווער עס האָט נאָר גלאַט זיין
לעבער פריי געלאָזט, ווער ווידער עס האָט צוליבן בלויזן
עקשנות געקריגט זיך, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַזאַ מיש-
מאַש, אַזאַ געוואָלט און מהומה, אַז עס האָט שוין אויסגע-
זען, אַז אַ ליאַדע רגע וועט מען זיך באַ די קעפּ און פאַר
די גאָרגלען אָנכאַפּן. גושעלאַ האָט געפּרוווט באַרויקן, עס
האָבן געפּרוווט אַנדערע, זיי האָבן אָבער נישט געקענט
גובר זיין די מהומה, דער וואָיט האָט געקלונגען, אַז די הענט
זענען אים אַזש פאַרשטאַרט געוואָרן, רופנדיק צו אָרדנונג, און
ס׳איז אַלץ געווען אומזיסט. ווי די צעיושעטע אינדיקעס זענען
זיי זיך געשפּרונגען אין די אויגן אַריין, זייענדיק שוין בלינד
און טויב אויף אַלדינג.

ערשט עמעצער פון די סאָלטיסעס האָט גענומען צימ-
בלען מיט אַ שטעקן אין אַ ליידיק פאַס אַריין, וואָס איז אונ-
ט:רן אָפּדאַך געשטאַנען, אַז ס׳האָט זיך אַזש צערוישט ווי אַ
פויק, דאַמאָלס זענען ערשט די מענטשן עטוואָס צו זיך געקו-
מען, איינשטילנדיק איינער דעם אַנדערן.

דער נאַטשעלניק האָט, נישט קענענדיק זיך שוין דער־וואַרטן די שטילקייט, מיט כעס אַ געשריי געטון:

— שטילער דאָרט. געוואַלד די באַראַטונג! שווייגן דאַמאָלס ווען איך רעד, און האָרכן. צ׳זאָלט באַשליסן אויף אַ שקאָלע.

ס׳איז געוואָרן שטיל, ווי מ׳וואָלט מיט מאַן געזייעט, אַ פּחד איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן, אַ פראָסט איז די ביינער דורכגעגאַנגען, אַז זיי זענען געבליבן שטיין ווי פאַרשטאַרט, אָנקוקנדיק זיך שטום איינער דעם אַנדערן און ראַטלאָז, אפילו אין געדאַנק האָבן זיי נישט געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן, וואָרן ער איז געשטאַנען גרויזאַם, פינקלדיק מיט די אויגן איבער די דערשראָקענע פּנימער.

ער האָט זיך צוריק אָנידערגעזעצט, און דער וואָיט, דער מילנער און אַנדערע האָבן זיך אַ לאָז געטון צווישן דעם עולם, צוצורעדן זיי מען זאָל זיך פאָלגן און זיי געסטראַשעט.

— שטימען פאַר דער שקאָלע, שטימען.

— ס׳קען זיין שלעכט. צ׳האָט געהערט?

דער שרייבער האָט דערווייל קאָנטראָלירט די אָנוועזנדע אַזוי, אַז יעדער ווײַלע האָט עמעץ אָפּגעשריגן:

— ר׳איז דאָ! ר׳איז דאָ!

נאָכן קאָנטראָלירן איז דער וואָיט אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקעלע און אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— ווער ס׳איז פאַר דער שקאָלע, זאָל אַריבערגיין אויף דער רעכטער זייט און אויפהייבן די האַנט.

אַ שפּאָרער עולם איז אַריבערגעגאַנגען, אָבער אַ סך מער פון עולם איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, דער נאַטשעלניק האָט געקנייטשט דעם שטערן און באַפוילן, אַז צוליב ריכטיקייט, זאָל מען אָפּשטימען נאָכאַמאָל.

בושלאַ איז צוליב דעם זייער באַטריבט געוואָרן, פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט, אַז קוים ווער איטלעכער באַ-

זונדער גיין שטימען, וועט ער זיך נישט דערוועגן אַנטקעגנצושטעלן.

אָבער ס׳איז שוין נישט געווען קיין שום אַנדערע עצה. דער געהילף האָט אָנגעהויבן אויסרופן, און אַלע זענען געגאַנגען לויט דער רייע, מיט אַ סדר, און דער שרייבער האָט לעבן פאַמיליען־נאָמען געצייכנט אַ שטרעכעלע, אויב ער איז געווען פאַר דער שקאָלע, אָדער געמאַכט אַ צלמל, ווען ער איז געווען קעגן.

ס׳האָט זיך לאַנג דאָס געשלעפט, וואָרן ס׳איז געווען אָן אַ שיעור מענטשן, נאָר צום סוף האָט מען געמאָלדן:

— צוויי־הונדערט שטימען פאַר דער שקאָלע, אכציק — קעגן.

גזשעלעס לייט האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלט.

— אויפסנייַ שטימען! מ׳האָט אָפּגענאַרט!

— איך האָב געזאָגט: ניין, און ר׳האָט מיר געצייכנט אַ שטרעכעלע! — האָט זיך עמעץ געריסן, און נאָך אים האָבן אַ סך דאָס אייגענע באַשטעטיקט, די היציקערע ווידער האָבן אָנגעהויבן שרייען:

— נישט לאָזן זיך, צערייסן די פּאַפּירן, צערייסן!

אַ בליק, וואָס די הויפּישע קאַרעטע איז פאַרפאָרן פאַר דער קאַנצעלאַריע, דעריבער האָבן די מענטשן יאָ ווילנדיק נישט ווילנדיק געמוזט זיך אָפּרוקן אַן אַ זייט, דער נאַטשעלניק ווידער האָט, איבערלייענענדיק דעם בריוו, וואָס דער לאָקיי האָט אים דערלאַנגט, פייערלעך דערקלערט:

— יאָ, זייער גוט; אין ליפּצע וועט זיין אַ שקאָלע!

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט שוין קיינער די פּאַרע פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, זיי זענען געשטאַנען, ווי אַ מויער, קוקנדיק אויף אים רויק.

ער האָט אונטערגעשריבן עפּעס פּאַפּירן, איינגעזעצט אין דער קאַרעטע און אָוועקגעפאָרן.

מ׳האָט זיך אים הכנעהדיק גענייגט, ער האָט אויף קיי־נעם אפילו נישט קיין קוק געטון, נישט מיטן קאָפּ קיין שאָקל געגעבן, ער האָט עפּעס אַ רעד געטון מיט די סטראַזש־ניקעס, אָפּגעדרייט זיך אויף אַ זייטיק רעגל צום מאָדליצער הויף.

מ׳האָט אַ ווײַלע אים נאָכגעקוקט אין שטילשווייגן, ביז איי־נער פון גזשעלעס לייט האָט אויסגערופן:

— אַ שעפּעלע, כאָטש לייג אים צו צו אַ ראַנע, און דו ריכטסט דיך גאָרנישט, ווי ער וועט דיר אַ ריס טון מיט די ציין, נאָך ערגער פון אַ וואָלף, און אונטער די קאָפּיטעס דיך צעטרעטן.

— נאָר ווי אַזוי האָלט מען איין גזלנים, אויב נישט מיט דער מורא.

גזשעלאַ האָט נאָר אָפּגעזיפצט, אַ קוק געטון אויף דער גראַ־מאָדע און שטיל אַ שעפּטש געטון:

— מיר האָבן היינט פאַרשפּילט, פאַרפאַלן, דער עולם איז נאָך נישט איינגעווינט זיך אקעגנצושטעלן.

— פאַר אַ ליאַדע וואָס האָט ער מורא, איז וועט ער זיך נישט אַזוי גרינג איינגעוויינען.

— מיינע ליבע, און וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס, אפילו דאָס געזעץ האַלט ער פאַר גאָרנישט.

— פאַרשטייט זיך, געזעצן האָט מען דאָך געשריבן פאַר אונדז, און נישט פאַר זיך אַליין.

עפּעס אַ פויער פון פּושילענקע איז אונטערגעגאַנגען, באַ־קלאָגנדיק זיך פאַר גזשעלען:

— כ׳האָב געוואָלט גיין מיט ענק, אָבער ווי ער האָט מיך אַ בויער אַדורך געטון מיט די שליפּיעס, האָב איך דאָס לשון פאַרגעסן, און דער שרייבער האָט פאַרשריבן, ווי אים איז געפעלן.

— אַזוי פיל שווינדל איז געווען, אַז מ׳וואָלט געקענט זיך פאַרקלאָגן אויף דעמדאָזיקן באַשלוס.

— קומטס אין קרעטשמע אריין. זאָל עס דער טייוול בע־מען — האָט מאַטעוש אַ שעלט געטון, און אָפּקערנדיק זיך צו דער גראָמאַדע, האָט ער געגעבן אַ געשריי: — עץ ווייסט, מענטשן, וואָס דער באַטשעלניק האָט ענק פאַרגעסן צו זאָגן? אָט דאָס, אַז עץ זענט פאַסטוך-הינט און שעפּסן. און עץ וועט טייער באַצאָלן פאַר דער געהאָרכזאַמקייט, נאָר זאָל מען ענק שינדן פון דער הויט, אַז עץ זענט אַזעלכע שוטים.

מ׳האָט אים אָנגעהויבן צוריק צו ענטפערן, עמעצער האָט אפילו דעם פיסק אויף אים אויפגעעפנט, נאָר זיי זענען באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, וואָרן עפּעס אַ יידישע בריקע איז פאַר־ביי געפאָרן, אין וועלכער ס׳איז געזעסן יאַשיאַ דעם אָרגאַניס־טערס.

די ליפּצער האָבן אים אַרומגערינגלט, און גזשעלאַ האָט אים וועגן אַלעם דערציילט. יאַשיאַ האָט אויסגעהאָרכט, אויסגעשמועסט זיך וועגן דעם און וועגן יענעם און געהייסן פאָרן.

אַלע זענען אַוועק אין קרעטשמע אַריין, און נאָכן צווייטן גלעזל האָט מאַטעוש אַ זעץ אַרויס געטון:

— און איך זאָג ענק, אַז אין אַלדינג איז שולדיק דער חאַים מיטן מילנער.

— אמת, זיי האָבן צום מייַנסט אָנגערעדט און געסטראַ־שעט — האָט סטאַכאָ פלאָשקאַ פּאָטאַקעוועט.

— און דאָס, וואָס דער באַטשעלניק האָט געדראָעט, איז, ווייזט אויס, ווי ער וואָלט שוין עפּעס געוווּסט וועגן ראָכאָן — האָט עמעץ אַ שעפּטש געטון.

— אויב ער ווייסט נישט, וועט מען אים זאָגן. ס׳וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע.

— ווו זענען די סטראַזשניקעס? — האָט גזשעלאַ אומ־רואיק אַ פרעג געטון.

— זיי זענען געבאַנגען אַז מיטן וועג קיין ליפּצע

גושעלאַ האָט זיך אַ דריי געטאָן איבער דער קרעטש־טע, און מ׳האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי ער האָט זיך אָפּגעטראָגן, און איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין מיט די מי־דעס, אומקוקנדיק זיך אַרומערקזאַם אויף אַלע זייטן.

IX

אַנטעק האָט זיך אומגעקוקט צו דער גראַמאַדע, ווי אַ קאַץ, וואָס מ׳טרייבט זי אָפּ פון דער שיסל, און ער האָט געטראַכט, צי ער זאָל זיך נישט אַמאָל צוריק אומקערן, נאָר זעענדיק די אַנקומענדיקע סטראַזשניקעס, איז אים מיטאַמאָל אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן, וואָרן ער האָט אָפּגעבראָכן אַ שפּאָרע צווײַג אויפן וועג, און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ פּלויט, האָט ער זי אָרומגעשניצט, צופּאַסנדיק זי צו דער האַנט און אַכטונג טוענדיק אויף די הינט, וועלכע האָבן זיך, כאָטשיק זײ זענען געגאַנגען גאַנץ געלאַסן, מיט אים אײַנגיכן אויסגעגלײַכט.

— וואָהין גײט דאָס דער פּ׳ן סטאַרשי, אויסשפּיאָנירן עפּעס? — האָט ער גיפּטיק אָנגעהויבן.

— דינסטלעך, פּאַניע באַלעבאָס, און אפשר גײען מ׳ר גראָד אין אײן זײט אַרײַן, האַ?

— כ׳וואָלט געדן מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט, נאָר

דאַכט זיך מיר, אַז אונדזערע וועגן צעגייען זיך ערגעץ אַנ־דערש.

ער האָט זיך גיך אומגעקוקט, אויפן וועג איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש, נאָר, וואָס די קאַנצעלאַריע איז נאָך געווען צו נאָנט, האָט ער זיך דעריבער געלאָזט גלייך גיין מיט זיי, האַלטנדיק זיך לעבן פּלויט און אויפמערקזאַם אַכטונג טוענדיק, אַז זיי זאָלן אים נישט אַמאָל פּלוצלינג באַפאַלן.

דער עלטסטער האָט זיך אָנגעשטויסן און גענומען רעדן מיט אים זייער פריינטלעך און שרעקלעך זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט נאָך פון פרימאָרגן אָן אין מויל נישט גע־האַט.

— דעם נאַטשעלניק האָט דער שרייבער נישט געוואָלט ווען, האָט ער מסתמא געמוזט פאַרן פאַן סטאַרשי אויך עפּעס איבערלאָזן אַ חלקל. אין די דערפער וועט מען דאָך קיין גע־שמאַקע מאכלים נישט אָנידערשטעלן; וואָס, קלוסקעס מיט קרויט איז נישט פאַר קיין זעלכע פּריצים — האָט ער פון זיי בכּי ן חוזק געמאַכט, אַז דער יינגערער, אַ פעסטער בחור מיט לויפנד־קע אייגעלעך, האָט עפּעס אַ מורמל געטון, אָבער דער עלטסטער האָט קיין וואָרט נישט געלאָזט פאַלן.

אַגטעק האָט נאָר אַ שמייכל געטון, אויסצירנדיק וואָס צמאָל בעסער די פּיס, אַז זיי האָבן אים קוים נאָכגעדאָנזשעט, נישט לייגנדיק שוין קיין אַכט אויף די גריבער, נישט אויף די קאַלו־זשעס. דאָס דאַרף איז געווען ליידיק, ווי אויסגעשטאָרבן, און די זון האָט אַזוי געבאַקן, אַז נאָר טיילמאָל, וואָס עמעץ האָט זיי דאָרט פון אַ שטוב נאָכגעקוקט, אָדער ערגעץ אין אַ ש ט ן האָבן זיך קינדערישע קעפּלעך געוויזט, נאָר די הינטלעך, וואָס האָבן זיי געטריי באַגלייט מיט נישט קליין געבילעריי און האַו־קען.

דער עלטסטער האָט פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס, און אַ שפּריץ טוענדיק מיטן שפּייעכץ צווישן די ציין, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן, ווי אַזוי ער האָט דאָס קיינמאָל נישט קיין רו, נישט

באַטאָג, נישט באַנאַכט, װאָרן שטענדיק איז נאָר דינסט און דינסט.

— אװדאי איז נישט הײנט אַזױ גרינג פון די פױערן כאַטש עטװאָס אױסצוציִען...

דער סטראַזשניק האָט נאָר אַ שעלט געטון, פאַרפאָרנדיק אַזש ביז אין דער מאַמען אַרײַן, אָבער אַנטעק, װײל ס'איז אים שױן געהאַט דערעסן געװאָרן די נאַרישע רײד, האָט פעסטער צוזאַמענגעדריקט דעם שטעקן און שױן, פולשטענדיק פאַרטשעפּע־דיק, אױסגערופן:

— איך װעל זאָגן דעם גאַנצן אמת, פון ענקער דינסט קומט נאָר אַזױ פיל אַרױס, װאָס אין די דערפער בילן זיך די הינט אָן, און װער־נישט־װער װערט פון לעצטן גילדן פּטור.

און דאָס האָט נאָך אױך דער עלטסטער געקענט פאַר־לײדן, כאָטש ר'איז שױן געהאַט גרין געװאָרן פון כעס, און באַ דער שװערד זיך געכאַפּט, אָבער ערשט דאַמאָלס, װען זײ זענען צוגעגאַנגען צו דער לעצטער כאַלופּע, האָט ער זיך פלוצלינג אַ װאָרף געטון אױף אַנטעקן און צום קאַמראַט אױסגע־שריגן:

— נעם אים!

זײ האָבן זיך אָבער שלעכט אױסגעפּאָרעט, װאָרן נאָך אײדער זײ האָבן אים באַװיזן צו פאַרהאַלטן, האָט ער זײ פון זיך אַ שלײדער אָפּ געטון, װי די הינט, אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײט אונטער אַ כאַלופּע אױסגעשטשירעט די צײן, װי אַ װאָלף, און, פאָכענדיק מיטן שטעקן, האָט ער אױפגעקאָכט מיט אַ פאַר־שטיקטער, אָפּגעהאַקטער שטימע:

— גײטס ענק ענקער װעג... צ'װעט מיט מיר גאָרנישט אױסשפּילן... כ'װעל מיך אױף קײן פיר אױך נישט לאָזן... װאָרן כ'על ענק די צײן אױסהאַקן, װי די הינט... װאָס װילט עץ פון מיר?... כ'בין ענק גאָרנישט שולדיק... און אױב עץ זוכט ענק אַ געשלעג, גוט... באַשטעלטס ענק נאָר פריִער אַ פּאָר װעגענער ענקערע בײנער אַװעקצופירן... און לאָז נאָר

װער צוגיין און מיך אָנרירן, פּרוּװ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, דראָענדיק זיי מיטן שטעקן און ר'איז שוין גרייט געװען כאַפּטש נעמען זיי און דערהרגענען.

די סטראַזשניקעס זענען געבליבן שטיין, װי איינגעגראָבן, װאָרן דאָס איז געװען אַ ריזיקער פּייער, אַ צעװילדעװעטער, און דער שטעקן האָט אים אַזש אין דער האַנט געװאָרשטשעט, איז דעריבער האָט דער עלטסטער, זעענדיק, אַז דאָס זענען נישט קיין חכמות, געפּרוּװט מאַכן פֿון דער גאַנצער מעשה אַ חיץ.

— האַ! האַ! פֿיין, אָט האָט זיך אונדז דער שפּאַס איינגעגעבן! — און האַלטנדיק זיך באַ די זייטן, מכלומרשט פֿון געלעכטער, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט, אָבער אָפּגייענדיק באַ אַ צען טריט, האָט ער אים אַ גראַזשע געטון מיט דער פֿויסט און אינגאַנצן שוין אַנדערש אויסגעשריגן:

— מיר װעלן זיך נאָך זען, פּאַניע באַלעבאָס, און נאָך אַ שמועס טון.

— אַז ס'זאָל דיך פֿריער אַ מגפה באַגעגענען! — האָט ער באַלד צוריק אָפּגעענטפֿערט. — ס'דען, ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ מורא, דרייט ער זיך אויס מיט אַ װיץ, איך װעל נאָך אויך מיט דיר אַמאָל אַ רעד טון, לאָמיך דיך נאָר פּאַקן ערגעץ אין אַ װינקל — האָט ער געמרוּשעט, אַכטונג געבנדיק, ביז זיי זענען אים פֿון די אויגן פֿאַרשװוּנדן געװאָרן.

— יענער האָט זיי אויף מיר אָנגערייצט, אַ שוטה, ר'האָט געמיינט, אַז זיי װעלן מיך נעמען, װי הינט אַ האָז. דאָס איז פֿאַר מיין אַקעגנשטעלן זיך, אמת, דאָס שמעקט אים נישט — האָט ער געטראַכט, און צוגייענדיק ביזן הויפּישן גאָרטן, אַ שפּאָר שטיק נאָכן דאָרף, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין שאָטן, כדי זיך אָפּצורוען, װאָרן ער האָט זיך נאָך אינגאַנצן געטרייסלט און דערשװיצט געװען, װי אַ מויז.

דורך דער הילצערנער פֿאַרצוימונג האָט זיך אַרויסגעזען

דער הינטער הויף, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגיק אָרט מיט לערכן-ביימער אַרומגערינגלט, די אויפגעפּראַלטע פענסטער האָבן זיך געשוואַרצט, ווי די לעכער, און אויפן זיילנפאַרמיקן גאַניק זענען געזעסן עפּעס פּריצים און, ווייזט אויס, באַם עסן, וואָרן די דינער האָבן זיך כסדר געדרייט לעבן זיי, עס האָבן געקלונגען די כלים, און פון צייט צו צייט איז אַ לאַנגער, פריילעכער געלעכטער צו אים דערגאַנגען.

— אַזעלכע איז נישקשה! זיי עסן, טרינקען און ס'גייט זיי גאָרנישט אָן — האָט ער געטראַכט, נעמענדיק זיך צום ברויט מיט קעז, וואָס האַנקאַ האָט אים געהאַט אין קעשענע אַרייַנגעשטעקט.

ער האָט געגעסן, בלאָנדזשענדיק מיט די אויגן איבער די רייזיקע ליפּעס, וואָס האָבן דעם וועג אַרומגעברעגעוועט און וואָס זענען אינגאַנצן געווען איינגעטונקען אין בלומען און אין בינען-געזום, אַ זיסער, פון דער זון צעגליטער ריח האָט אים אַזוי ליבלעך אַרומגענומען. ערגעץ פון אַ סאַדזשעווקע האָט אַ קאַטשקע אַ קוואַקע געטון און ס'האָט זיך צעטראָגן אַ שלעפעריק קוואַקען פון זשאַבעס. פון די געדיכטעניש אַרויס האָבן זיך פונאַנדער-געציטערט שטילעטשקע קולות פון פאַרשידענע באַשעפעניש, און אויף די פעלדער האָט זיך די מוזיק פון די פעלד-גרילן פון צייט צו צייט אויפגעהויבן און ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער נאָך אַ געוויסער צייט איז אַלץ פאַרטויבט געוואָרן, ווי פון דער זונען-היץ פאַרגאָסן. די וועלט איז געוואָרן פאַרשטומט. און אַלץ וואָס האָט נאָר געלעבט, האָט זיך אין די שאָטנס באַהאַלטן פאַר דער שרפה, אַז בלויז נאָר די שוואַלבן זענען הין און צוריק אומאויפהערלעך געפלויגן.

די מיטאָג-צייט האָט שוין געקאָכט מיט אַזאַ זידיקייט, אַז די אויגן האָבן ווי געטון פון די בלענדעניש און פון דער חמימה, אפילו די שאָטנס האָבן געבריט, די לעצטע קאַלוזשעס זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן, און דערצו נאָך האָט פון דער כמעט צייַטיקער תבואה און פון די פאַרבאַקענע אומפאַראַקער-

טע שטחים פעלדער פון צייט צו צייט, ווי פון אַן אָפענעם אויוון אַ ציי געטון.

אַנטעק, האָט זיך אויסרוענדיק גאַנץ פיין, מונטער זיך אויפגעלאָזט צו די נישט ווייטע וועלדער, אָבער קוים האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון די שאָטנס אויפן וועג, וואָס איז אין דער זון פאַרטריקנט געווען, האָט אים אַזש אַ שוידער דורכגענומען און ער איז שוין געגאַנגען ווי דורך זידיקע, ווייסלעכע פלאַמען. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע, אָבער סיי ווי האָט זיך אים דאָס העמד צו די פאַרשוויצטע זייטן, ווי אַ הייס בלעך צוגעקלעבט, ער האָט אַראָפּגעצויגן אויך די שטיוול, זינקענדיק אין זאַמד, ווי אין הייסן אַש.

די פאַרקרומטע בערעזקעס, וועלכע זענען ערטערווייז געשטאַנען, האָבן באַך נישט געוואָרפן פון זיך קיין שאָטן, דאָס קאָרן האָט זיך געבויגן איבערן וועג מיט די שווערע זאַנגען, און די אין דער היץ פאַרבלענדטע בלומען זענען פאַרחלשטע אַראָפּגעהאָנגען.

אַ חמימהדיקע שטילקייט איז אין דער לופט געלעגן, מ'האָט אין ערגעץ קיין מענטש נישט געזען, נישט קיין פויגל, נישט קיין שום באַשעפעניש, און אין ערגעץ האָט קיין בלעטל נישט אַ ציטער געטון, נישט דאָס שוואַכסטע גרעזל, גלייך ווי אין דער דאָזיקער שעה וואָלט אַ מחבל אויף דער וועלט אַראָפּגעפאַלן, און מיט די צעגליטע ליפּן די גאַנצע קראַפט פון דער פאַרחלשטער ערד אויסגעזויגן.

אַנטעק איז געגאַנגען וואָס אַמאָל פאַמעלעכער, טראַכטנדיק וועגן דער פאַרזאַמלונג, אַזוי, אַז פון צייט צו צייט האָט אים אַ כעס אַרומגעכאַפּט, דאָ האָט אים אַ געלעכטער געשטיקט, דאָ האָט אים אַ ווידערווילן אַרומגענומען.

— און גייט טו עפּעס אויף מיט אַזעלכע! פאַר אַ ליאַדע סטראַזשניק דערשרעקן זיי זיך... ווען מ'וואָלט זיי געהייסן דעם נאַטשעלניקס שטיוול האָרבן, וואָלטן זיי אויך געהאָרכט. אָקסן יוכס, אָקסן — האָט ער געטראַכט מיט רחמנות צו זיי און גלייכצייטיק מיט אַ כעס. — אמת טאַקע, אַז איטלעכן איז

שלעכט. יעדער איינציקער קאָרטשעט זיך, ווי אַן אָנגעטרעטענער שלאַנג, און איטלעכער איינציקער לעבט קוים פון צרות, איז ווי אַזוי-זשע זאָל זיי ליגן אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן. דאָס פאָלק איז פינסטער און עלנט, פילט עס אפילו גאַרנישט, אין וואָס עס נייטיקט זיך — האָט ער שטאַרק געדאגהט פאַר אַלע און האַרציק געזאָרגט.

— אַ מענטש איז ווי אַ חזיר, ס'איז אים נישט לייכט דעם פּיסק צו דער זון אויפצוהייבן.

ער האָט זיך דעם קאָפּ געבראָכן און אָפּגעזיפצט, און אַזוי פיל האָט ער באַר געהאַט פון דעם קלערן און פון די דאגות, וואָס ער האָט דערפילט, ווי אים איז אויך שלעכט, און אפשר נאָך ערגער פון אַנדערע.

— וואָרן באַר די איז גוט, וועלכע טראַכטן וועגן גאָרנישט!

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז געגאַנגען אַזוי שטאַרק פאַרמוטשט, אַז ער איז שיִער נישט אַרויפגעקראָכן אויף דעם ייִד, דעם שמאַטשאַרוש, וואָס איז אונטער דער תבואה געזעסן.

— עך זעגט אָפּגעשטאַנען, אמת, עס איז אַזוי הייס — האָט ער זיך דער ערשטער אָפּגערופן, אָפּשטעלנדיק זיך אַ קאָפּ.

— דאָס איז אַן אויזן, דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט, און נישט קיין היץ — האָט דער ייִד אַרויסגעפּלאַצט, און אויפשטעלנדיק זיך, האָט ער פאַרלייגט די שלייען אויפן אַלטן, איינגעהויקערטן קאַרג, צוגעשפּאַרט זיך צו דער טאָטשקע, ווי אַ פּיאַווקע, שטופּנדיק זי פאָרויס מיט אַן אומגעהייערער אָנשטרענגונג, וואָרן זי איז געווען אָנגעלאָדנט מיט זעק שמאַטעס און מיט הילצערנע פודלעס, און אויף דעם איז נאָך געשטאַנען אַ קויש מיט אייער און אַ שטייגל מיט הינער, דערצו איז דער וועג געווען אַ זאַמדיקער און אַ שרעקלעכע היץ, איז כאָטש ער האָט זיך מיט די לעצטע כוחות געריסן און געשטופּט, האָט ער דאָך געמוזט זיך יעדע ווײַלע צופּרוען.

— נחום, דו וועסט דיך פאַרשפּעטיקן אויף שבת! — האָט ער מיט אַ וויינענדיקן טאָן זיך דערמאָנט. — נחום שטופּ, דו ביסט שטאַרק, ווי אַ פערד! — האָט ער, צוגעבנדיק זיך חשק, געמורמלט — נחום, נו, איינס... צוויי.. דריי... — און ר'האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער טאָטשקע מיט אַ פאַרצווייפלט געשריי, געשטופּט זי עטלעכע טריט און ווידער זיך אָפּגעשטעלט.

אַנטעק האָט צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז פאַרבייגעגאַנגען, אָבער דער ייִד האָט אים רחמנותדיק צוריקגערופן:

— העלפט מיר צו, באַלעבאָס לעבן, כ'וועל גוט באַצאָלן, כ'קען שוין נישט, כ'קען שוין לחלוטין נישט — ער איז אַרויפגעפאַלן אויף דער טאָטשקע, בלאַס, ווי אַ מת, און קוים וואָס ער האָט געאָטעמט.

אַנטעק האָט אָן אַ וואָרט אויסצורעדן זיך אומגעקערט, אַרויפגעלייגט אויף דער טאָטשקע די קאַפּאָטע מיט די שטיוול, פעסט זי אָנגענומען און אַזוי ראַש געשטופּט, אַז דאָס ראָד האָט אַזש אַ פּישטשע געטון און אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן. דער ייִד האָט געדרעפּטשעט דערלעבן, כאַפּנדיק לופט מיט דער פאַרשטיקטער ברוסט, און צוגעבנדיק אים חשק, גערעדט:

— נאָר ביזקעלע דעם וואַלד, דאָרט איז אַ גוטער וועג, ס'איז שוין נישט וייט, כ'על ענק געבן אַ גאַנץ צענערל.

— שטופּ עס דיר אין דער נאָז אַריין! שוטה, כ'שטיי אַ סך נאָך דיין צענערל! נע, ווי אַזוי די ייִדן טראַכטן, אַז אַלץ אין דער וועלט איז נאָר פאַר געלט.

— זייט נישט אין כעס, וועל איך ענק געבן אַ שיין שפּילעכל פאַר די קינדער, ניין? איז אפשר פאָדים, נאָדלען, עפּעס אַ בענדל? ניין? אפשר אַ זעמל, קאַרמעלקעס, בייגל אָדער נאָך עפּעס? איך האָב אַלדינג. און אפשר וועט דער פאַן נאַספאָדאַרזש קוים אַ פּעקל טיטון? און אפשר געבן אַ גלעזל

פֿײַנעם בראָנפֿן? איך האָב פֿאַר זיך, נאָר אַלס באַקאַנטשאַפֿט. אויף מײַנע באמנות, נאָר אַלס באַקאַנטשאַפֿט!

ער האָט זיך פֿאַרהיסט, אַזש די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן פֿון אויבן, און ווען אַנטעק האָט אָנגעהויבן אַ קאַפּ פּאַמעלעכער צו גיין, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון צו דער טאָטשקע און געשלעפּט זיך, קוקנדיק אויף אים מיט טרערן אין די אויגן.

— ס'וועט זײַן אַ גוט געדעטעניש, קאָרן איז שוין געפֿאַלן — האָט ער פֿון אַן אַנדערע זײַט אָנגעהויבן.

— או, ס'זאָל אפֿילו נישט געראָטן, צאָלט מען אויך ווייניק. שטענדיק צום שאָדן פֿון די באַלעבאַטים.

— אַ שיינע צייט האָט גאָט געגעבן, די קערנער זענען שוין טרוקן — ער האָט די זאַנגען אויסגעקרישלט און געגעסן.

— אוודאי, דער פּאַן יעזוס האָט אַזוי באַכגעלאָזט, אַז דער בערשטן איז שוין פֿאַרפֿאַלן.

זיי האָבן אײַנגעטעגהט געלאַסן וועגן דעם און וועגן יענעם, ביז ראַבען זיי זענען אַרויף וועגן דער פֿאַרזאַמלונג, וועגן וועלכער דער ייִד האָט געוווּסט, וואָרן ר'האָט, אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זײַטן מיט מורא, אויסגערופֿן:

— עץ ווייסט, נאָך ווינטער האָט דער נאַטשעלניק געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט איין מײַסטער אויף אויפֿצושטעלן אַ שקאָלע אין ליפּצע. מײַן איידעם האָט זיי געמעקלט.

— נאָך ווינטער? פֿאַר דעם באַשליסן? וואָס רעדט עץ?

— ער האָט זיך אפֿשר געזאָלט פֿרעגן אַ דערלויבעניש? ער איז דען נישט קיין דזשעדזשיץ אויף זײַן פֿאָוויאַט?

אַנטעק האָט אים געגומען אויספֿרעגן, וואָרן דער ייִד האָט געוווּסט אַ סך משיקאַווע זאַכן און גאַנץ גערן דערציילט, נאָר צום סוף האָט ער ווי צושטימענדיק אויסגערופֿן:

— אזוי מוז זיין. דער גאָספּאָדאַזש לעבט פון דער ערד דער סוחר פון האַנדל, דער דזשעדזשיק פון פּאָלוואַרק, דער גלח פון דער פּאַראַפיע, און דער באַאַמטער פון אַלעמען. אזוי מוז זיין און אזוי איז גוט, וואָרן איטלעכער דאַרף אַ ביסל לעבן. ס'איז נישט אמת אזוי?

— מיר דאַכט זיך, אַז נישט אין דעם גייט עס, אַז איי־נער זאָל דעם אַנדערן די הויט אָפּשינדן, נאָר, כּדי איטלעכער זאָל לעבן ערלעך, ווי גאָט האָט געבאָטן.

— וואָס קען מען זיך העלפן? איטלעכער לעבט, ווי ער קען.

— איך וויים, אַ יעדער איינער היט זיינע ביינער, און טאָ־קע דעריבער איז שלעכט.

דער ייד האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און זיינס זיך ווייטער געטראַכט.

זיי זענען אַקוראַט צוגעקומען צום וואַלד און אויף אַ האַר־טערן וועג, אַנטעק האָט אָוועקגעשטעלט די טאָטשקע, געקויפט פאַר אַ גאַנצן גילדן צוקערלעך פאַר די קינדער, און ווען דער ייד האָט אים אָנגעהויבן צו דאַנקען, האָט ער אַ בורטשע גע־טון:

— ביסט אַ נאַר, כ'האָב דיר צוגעהאָלפן, ווייל ס'איז מיר געפעלן.

ער האָט זיך ראַש אַ לאָז געטון צו ליפּצע־צו, אַ לייטזע־ליקע קילקייט האָט אים אַרומגענומען, די פונאַנדערגעשפּרייטע ביימער האָבן אזוי דעם וועג פאַרשטעלט, אַז נאָר אינדערמיט האָט זיך אַרויסגעזען אַ פּאַס הימל, און אויף דער ערד האָט גע־פינקלט אַ צעשימערטער טייך פון זון. דער וואַלד איז געווען אַן אַלטער און אַ דערהאַבענער, דעמבעס, סאָסנעס און בזשאָזעס זע־נען געשטאַנען אין אַ געדיכטער, אויסגעמישטער ענגשאַפט, און אונטן האָבן זיך צו די גראָבע שטאַמען צוגעטוליעט די דראָבנע לעשטשינע, אָשינע, יאַלאָווע־ביימעלעך און גראַבינע, ערטערווייז ווידער האָבן זיך כאַזנקעס עזותדיק פונאַנדערגעשפּרייט, אויפ־הייבנדיק זיך גיריק צו דער זון.

אויפן וועג האָבן נאָך געדיכט געגלאַנצט די קאַלוזשעס נאָכן נעכטיקן שטורם, און עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אָפּגעבראָכענע ביימער־שפּיצן און צווייגן, און וווּ־ניט־וווּ האָט אַ שלאַנק ביימעלע, וואָס איז מיטן וואָרצל געווען אויסגעריסן, דעם וועג אין דער ברייט פאַרלייגט, פונקט ווי אַ מת. ס׳איז געווען שטיל, פריש און טונקל, ס׳האָט געשמעקט מיט שימל און מיט שוואָמען. די ביימער זענען געשטאַנען אָן באַוועגונג, ווי פאַרקוקט אין הימל אַריין, און דורך די געדיכטע ביימער־קרוינען האָט זיך באַר ערטערווייז די זון דורכגעריסן, קריכנדיק, ווי די גאָלדענע שפּינען, איבערן מאָך, איבער די רויטע יאַגדעס, וואָס זענען, ווי פאַרגליווערטע טראָפּן בלוט, איבער די בלאַסע גראָזן פונאַנדערגעשיט געווען.

אַנטעקן האָט די קילקייט און די טיפע רויִקייט פון וואַלד אַזוי אַדורכגענומען, אַז, אַנידערזעצנדיק זיך ערגעץ אונטער אַ בוים, איז ער נישט ווילנדיק אַנדרימלט געוואָרן. אויפגעוועקט האָט אים ערשט דאָס געטופּעריי און דאָס פאָרסקען פון אַ פערד, און דערזעענדיק דעם דזשעדזשיק, וועלכער איז געפאָרן רייטנדיק, איז ער צו אים צוגעגאַנגען.

זיי האָבן זיך באַגריסט געווייַנטלעך, ווי שכנים.

— אָבער ווי עס באַקט, האַ? — האָט דער דזשעדזשיק אָנגעהויבן, גלעטנדיק די אומרויִקע קלאַטש.

— יאָ. עס באַקט. אפשר אין אַ וואָך אַרום וועט מען דאַרפן אַרויסגיין מיט דער קאָסע.

— אויף די מאָדליצער פעלדער לייגט מען שוין דאָס קאָרן, אַז ס׳איז אַזש אַ מחיה.

— דאָרט זענען זאַמדן, נאָר היי־יאָר איז אומעטום פרוכטבאַר שביט.

דער דזשעדזשיק האָט אים אַ פרעג געטון וועגן דער פאַרזאַמלונג אין קאַנצעלאַריע, און דערהערנדיק אַלץ, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען, האָט ער אַזש די אויגן פון פאַרוווּנדערונג ברייט אויפגעעפנט.

— און עץ האָט אַזוי בקול רם, אָפן געפּאָדערט אַ פּוילישע שקאָלע?

— ווי כ׳דערצייל, כ׳על דאָך נישט מאַכן פון מיין מויל קיין כאַליוזע.

— ווי עץ האָט דאָס אַזוי געזאָגט מיט דעם אַרויסצוטרעטן דעם נאַטשעלניק אין די אויגן, נע, נע?

— אין אוסטאַוו שטייט וועגן דעם, ווי אַן אָקס געשריבן, האָב איך געהאַט דאָס רעכט.

— אָבער פונוואַנען איז ענק גאָר אין קאָפּ איינגעפאַלן צו פאָדערן אַ פּוילישע שקאָלע?

— פונוואַנען! טאַטש מיר זענען דאָך פּאָליאַקן, און נישט קיין דייטשן, צי דאַרט אַנדערע.

— ווער האָט ענק דערצו אָנגערעדט? — האָט ער שטילער, צובייגנדיק זיך צו אים, געפרעגט.

— קינדער קומען אויף אָן אַ לערער צום שכל — האָט ער, אויסדרייענדיק זיך, געענטפערט.

— כ׳זע, אַז ראַכאַ דרייט זיך נישט בחנם אַרום איבער די דערפער — האָט ער מיט דעמזעלבן טאָן געצויגן.

— און צוזאַמען מיטן פּאַנס פעטערל, אויף וויפל זיי קענען, לערנען זיי דאָס פאָלק.

ער האָט דאָס באַטאָנענדיק אַרויסגעזאָגט, קוקנדיק אים שאַרף אין די אויגן אַריין. דער דזשעדזשיץ האָט זיך עפעס אומרויק אַ דריי געטון, אַנהייבנדיק פון עפעס אַנדערש. אָבער אַנטעק האָט זיך בכיוון אומגעקערט צו דעמדאָזיקן ענין און צו אַנדערע פאַרשידענע פויעריש׳ אָנגעווייטיקטע פראַגן, באַקלאָגנדיק זיך כסדר אויף דער פינסטערקייט און פאַרלאָזנקייט, אין װעלכן דאָס פאָלק לעבט.

— וואָרן זיי האָבן קיינעמען נישט! כ׳ווייס דאָך, ווי אַזוי די גלחים אַרבעטן איבער זיי, ווי אַזוי זיי רופן זיי צו טעטיקייט, אָבער דאָס איז אַלץ ווי אַן אַרבעס אָן דער וואַנט.

— אַוודאי, מיט דרשות וועט מען אַזוי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס.

— מיט װאָס־זשע? ביסט קלוג געװאָרן, זע איך, אין קרי־מינאַל — האָט ער גיפּטיק אַ װאָרף געטון, אַז אַנטעק איז אַזש רויט געװאָרן, אַ בליץ געטון מיט די שליפּיעס, אָבער רויק אָפּ־געענטפערט:

— אַװדאי בין איך קלוג געװאָרן, װאָרן כ'װייס, אַז אין אַלעם בייזן זענען שולדיק די פּריצים.

— רעדסט פון װעג, װאָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי דיר דאָס געטון?

— אָט דאָס, אַז נאָך אין די צייטן פון פּוילן האָבן זיי נאָר אויף אַזוי פיל װעגן פאָלק געזאָרגט, אַז מ'זאָל עס מיט בייטשן אונטערטרייבן און באַדריקן, און אַליין האָט מען אַזוי געבאַלע־װעט, ביז מ'האָט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרבאַלעװעט, אַז איצטער דאַרף מען אַלץ פון אויפסניי אָנהייבן, נאָכאמאָל.

דער דזשעדזשיק, װעלכער איז געװען אַ גיכער, איז אין כּעס געװאָרן און אַ געשריי געטון:

— אַ זאַשע דיר, דו כאַם אייגער, צו דעם, װאָס די פּריצים האָבן געטון, היט בעסער אָפּ דאָס מיסט און די װידלע, פאַר־שטייסט! און די צונג האַלט צװישן די ציין, אַז מ'זאָל זי דיר נישט אָפּהאַקן!

ר'האָט אַ סװישטש געטון מיט דעם שפּיצרוט און אַזוי, אַז דער קלאַטשע האָט זיך אַזש די לעבער צעשפּילט.

אַנטעק װידער איז זיך געגאַנגען אין זיין זייט אַריין, דער־בלייבן אַ בייזער און אַן אויפגעקאָכטער.

— אַ הינטישע זריעה! — האָט ער מיט כּעס געמורמלט — יאַשניע פּאַנעס, הינטישע געבלוטן! אַז ער האָט געדאַרפן די פּויערישע טובה, האָט ער זיך מיט יעדן אייניציקן געחברט. אַ שטשערװע! אַליין איז ער אַפילו קיין געבראָטענע לויז נישט װערט, און אַנדערע װעט ער אָנרופן כאַמעס! — איז ער גע־װאָרן מלא חמה, אַ קאָפּע טוענדיק פאַר כּעס די מוכאָרעס, װאָס זענען אים אויפן װעג געשטאַנען.

ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען פון װאַלד אויפן טאַפּאָלן־װעג, װי ער האָט מיטאַמאָל דערהערט עפּעס באַקאַנטע שטימען, ער

האָט זיך אויפֿמערקזאַם אומגעקוקט: אונטערן צלם איז געשטאַנען אין שאָטן פֿון די בוזשאָזעס עפּעס אַ פֿאַרשטויבטע בריקע און אויפֿן ראַנד פֿון וואַלד איז געשטאַנען יאַשיאָ דעם אָרגאַניסטערס מיט יאַגושיען.

ער האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, זייענדיק פֿולשטענדיק זיכער, אַז ס'האָט זיך אים נאָר אַזוי אויסגעדאַכט, אָבער ניין, זיי זענען געשטאַנען אינגאַנצן עטלעכע טריט פֿון אים, איינגעקוקט איינער אין אַנדערן און אויסטערליש צעשמייכלט.

ער האָט זיך נישט ווינציק פֿאַרוווּנדערט, אָנשטעלנדיק דערביי די אויערן, אָבער כאָטש ער האָט געהערט שטימען, האָט ער פֿונדעסטוועגן נישט געקענט צוזאַמענשטעלן זיך און אויפֿכאַפּן קיין איין וואָרט.

— זי האָט זיך אוודאי אומגעקערט פֿון וואַלד, ער איז געפֿאָרן, און זיי האָבן זיך געטראָפֿן — האָט ער געטראַכט, אָבער אין דעם אויגנבליק האָט אים עפּעס אַ ביס געטון אין האַרץ, ר'איז געוואָרן באַטריבט, און אַ טויבער, שמערצלעכער פֿאַרדאַכט האָט אים ערגעץ אין דער לעבער אַ שטאָך געטון.

— נישט אַנדערש, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט! — נאָר, דערזעענדיק אָבער יאַשיאָס גלחיש-קליידער און זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי הייליק, האָט ער זיך באַרויקט, אָפּזיפֿצנדיק מיט אַן אומגעהײַערער לײַכטקייט, ר'האָט נאָר נישט געקענט פֿאַרשטיין יאַגושען, פֿאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי אויסגעשלייערט אין וואַלד אַרײַן? און פֿאַרוואָס האָבן זיך אירע צעפֿינקלטע אויגן אַזוי געבליצט? וואָס האָבן איר אַזוי די רויטע ליפּן געציטערט, און ס'האָט געשלאָגן פֿון איר מיט אַזאַ פֿרייד? ער האָט זי אַרומגענומען מיט זײַנע וועלפֿישע, הונגעריקע שליפּיעס, ווען זי האָט, אויסשטרעקנדיק זיך פֿאַרויס מיט די אויפֿגעבלאָזענע בריסטן, אים דערלאַנגט דאָס קישעלע, פֿון וועלכן יאַשיאָ האָט אַרויסגעקליבן יאַגאָדעס, ער האָט אַליין געגעסן און איר אין מויל אַרײַנגעשטופּט...

— כמעט אַ גלח, און ס׳גלוסט זיך אים צו שפּילן, ווי אַ קינדעלע.

האָט ער מיט רחמנות־געפיל אַ שעפּטשע געטון און ראַש זיך געלאָזט גיין אהיים, אַנשטויסנדיק זיך לויט דער זון, אַז ס׳האָט שוין געמוזט זיין אַרום פאַרנאַכט.

— כל־זמן איך באַריר נישט די דאָזיקע ווונד, אַזוי לאַנג טוט נישט וויי! — האָט ער געטראַכט וועגן יאַגושען. — און ווי גיריק זי האָט אויף אים געקוקט, זי האָט דאָך אים שיִער נישט אויפגעגעסן. און זאָל זיין אַזוי, און זאָל זיין אַזוי...

בחנם האָט ער זיך געפּרוּווט אָפּשאָקלען, די ווונד האָט אים סיי ווי ביזן בלוט געבערט.

— און פון מיר איז זי גאָר אַנטלאָפן, ווי פון אַ פּעסט. פאַרשטייט זיך, אַ בייער בעזים קערט גוט, אַ גליק, וואָס מיט יאַשיאָן וועט זי גאָרנישט אויפטון — איז ער וואָס אַמאָל מער צעווייטיקט געוואָרן — אַ טייל נקבות זענען דיר, פּונקט ווי אַ צויג, זי וועט דיר נאָכלויפן איטלעכן אייגציקן, ווער עס וועט נאָר אַ פייף טון.

ער איז געלאָפן גיך, ער האָט נישט געקענט באַגראָבן אין זיך די דאָזיקע ביטערע דערייבערונגען, עפּעס מענטשן האָבן אים אויסגעמיטן, ר׳האָט אפילו קיינעם נישט באַמערקט. ער האָט זיך ערשט באַרויקט הינטערן דאָרף, ווען ער האָט דערזען די אָרגאַניסטעכע, וועלכע איז געזעסן באַם ראָוו מיט אַ זאַק אין דער האַנט. דאָס יינגסטע קינד האָט זיך לעבן איר געטאָרגלט אין זאַמד, און אַ סטאַדע אונטערגעפּליקטע געבדז האָבן געציפּט דאָס גראָז אונטער די טאַפּאָלן.

— אַזש ביז צהבר איז די פּאַני מיט די געגדז פאַרקראָכן? — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּווישנדיק דאָס פאַרשוויצטע פּנים.

— כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אַקעגן יאַשיאָן, ער דאַרף אָט באַלד אָנקומען.

— טאַטע כ׳האָב דאָך אים נאָר־וואָס אויסגעמיטן אונטער, וואַלד.

— יאשיאָן! איז פאַרט ער שוין? — האָט זי אויסגע־שריגן, אויפשפרונגענדיק אויף די פיס. — פילושיט, פילו, פילו, וווהין שאַדנחינקלען, וווהין? — האָט זי אַ קוויטש געטון, ווייל די געבדז זענען עפעס אומגעריכט צוגעפאַלן צום קאָרן, וואָס איז געשטאַנען באַם וועג, און גענומען עס פאַרביסן צו דרעשען.

— אַ בריקע איז געשטאַנען אונטער דער פיגור, און ער האָט איינגעטעגהט מיט עפעס אַ פרוי.

— ער האָט אוודאי באַגעגנט אַ באַקאַנטע און זיי שמועסן. איז וועט ער דאָ באַלד אָנפאָרן. אַ ווייל ייִנגל, ער וועט אפילו קיין פרעמדן הונט נישט אַדורכלאָזן אָן אַ גלעט. און וועמען האָט ער דאָס באַגעגנט?

— כ'האָב נישט אַזוי גוט דערקענט, נאָר ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יאַגושען — און זעענדיק, אַז די אַלטע האָט זיך עפעס נישט גערן פאַרקרומט, האָט ער מיט אַ באַדייטונגפול שמייכעלע צוגעוואָרפן: — כ'האָב נישט דערקענט, וואָר, זיי זענען מיר פאַרשוווּנדן פון די אויגן ערגעץ אין וועלדל... מסתמא צוליב דער היץ...

— באַ אַלע הייליקע! וואָס ענק פאַלט ווידער איין, יאַשיאַ וואָלט זיך דאָס מיט אַזעלכער אָפּגעגעבן...

— זי איז אַזוי גוט, ווי אַלע אַנדערע, און אפשר נאָך בע־סער! — ער איז שרעקלעך אין כעס געוואָרן.

די אָרגאַניסטעכע האָט פלינקער אָנגעהויבן באַוועגן מיט די שפּיזלען, איינקוקנדיק זיך עפעס אויפמערקזאַם אין זאָק. — אַז די צונג זאָל דיר אָפּגעדאַרט ווערן, פלעשטשון אײנער — האָט זי געטראַכט, טיף געטראָפן — יאַשיאָ זאָל ווידער מיט אַזאַ שיקסעטשינע... ר'איז דאָך שוין כמעט אַ גלח.. — אָבער ס'זענען איר אויפן געדאַנק געקומען פאַרשידענע געשיכ־טעס פון גלחים, און אָן אומרו האָט זי באַהערשט. זי האָט זיך אַ קראַץ געטון מיטן שפּיזל אין קאָפּ, באַשליסנדיק ברייטער זיך פונאַנדערצופרעגן, אָבער אַנטעק איז שוין נישט געווען, גלייכ־צייטיק האָט זיך אויפן וועג, פון וואַלד, אויפגעהויבן אַ וואָלקן

פון שטויב און זיך געקלערט צו איר, וואָס אַמאָל שנעלער, און עס איז נישט אויסגעגאַנגען קיין רגע, האָט זי יאָשקאַ שוין געדריקט מיטן גאַנצן כּח און האַרציק געשמייכלט:

— טייערע מאַמעשי! מאַמעשי!

— באַ אַלע הייליקע! טאַטש וועסט דאָך מיך דערשטיקן! לאָז אָפּ, מתבל, לאָז אָפּ! — און ווען ער האָט אָפּגעלאָזט, האָט זי אים אַליין גענומען צודריקן, קושן און פירן איבער אים מיט די אויגן פול מיט ליבע.

— מ׳האָט דאָס דיך אויסגעמאָגערט, קרישעלע מיינס! ביסט אַזוי בלאַס, זונדל! זעסט אַזוי שלעכט אויס!

— מ׳פּאַשעט דאָרט נישט מיט קיין יויכן אויף הייליק וואַסער! — האָט ער געלאַכט, הוידענדיק דעם ברודער, וועלכער האָט אַזש געפּישטשעט פון פרייד.

— האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיך שוין אונטערפּאַשען — האָט זי געשעפּטשעט, גלעטנדיק אים צערטלעך איבערן פּנים.

— איז פאָרן מיר, מאַמעשי, וועלן מיר גיכער זיין אינדערהיים.

— און די גענדז? באַ אַלע הייליקע, זיי זענען ווידער אַריין אין דער תבואה!

ער איז אַ לויף געטון זיי אַרויסטרייבן, וואָרן זיי האָבן זיך ווידער געכאַפּט צום קאָרן, שיילנדיק די זאַנגען, אַזש אַ מחיה. דערנאָך האָט ער דעם ברודער אַריינגעזעצט אין דער בריקע, און פאַרטרייבנדיק פאַר זיך די גענדז, איז ער געגאַנגען אין פערמיט וועג, דערציילנדיק וועגן זיין רייזע.

— גיב נאָר אַ קוק, ווי דער פעטמיק האָט זיך אויסגעשמירט! — האָט זי באַמערקט, אָנווייזנדיק אויפן קליינעם.

— ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו פרישע יאַגאָדעס. עס, מאַמעשי, עס, כ׳האָב געטראָפן אין וואַלד יאַגודשען, זי האָט זיך אויסגעקערט מיט יאַגאָדעס, האָט זי מיר אַ ביסל אָפּגעשיט... — ער האָט זיך שעמעוודיק פאַררייטלט.

— מיט אַ ווײַלע צוריק האָט מיר טאַקע באַרינאַ געזאָגט, אַז ער האָט ענק באַגעגנט...

— כ'האָב אים נישט געזען, ר'האָט געמוזט אוודאי ערגעץ זײַטיק פאַרבײַגײן.

— מײַן קינד, אויפן דאַרף זעען די מענטשן דורך די אױגן אַדורך, אַפילו דאָס, וואָס ס'איז לחלוטין נישט געווען! — האָט זי מיט באַטאָנונג אויסגערופן, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן אויף די צעשימערטע שפּיזלען.

יאָשיאַ האָט זיך געמאַכט, ווי נישט פאַרשטײן, וואָרן דערזעענדיק אַ טשאַטע טויבן, וואָס זענען נידעריק איבער די תּבֿואות געפלויגן, האָט ער אויף זיי אַ שיב געטון אַ שטײנדל און פריילעך אויסגערופן:

— מ'דערקענט באַלד לויט די אויסגעפּאַשעטע בײַכער, אַז דאָס זענען דעם גלחס...

— שטילער, יאָשיאַ, עמעצער קען נאָך הערן! — האָט זי אים ווייך פאַרגעהאַלטן, חלומענדיק וועגן דעם געדאַנק, ווי ער וועט אַמאָל ווערן אַ גלח, און זי וועט זיך מיט אים באַזעצן אויף די עלטערע יאָרן, אָפּצולעבן אירע טעג אין רו און מיט גליק.

— און ווען וועט פעלעק אַהיימקומען אויף וואַקאַציע?

— די מאַמע ווייסט דען נישט, אַז מ'האָט אים אַרעסטירט?

— באַ אַלע הייליקע! אַרעסטירט! און וואָס האָט ער אויסגעטון? כ'האָב עס שטענדיק אָבער געפּעגהט, און פאַרויסגעזאָגט, אַז ער וועט שלעכט ענדיקן! אַזאַ ליידאַק, ס'האָט אים פּונקט געפּאַסט צו זײַן ערגעץ אַ שרײַבערלטשיגע, אָבער דעם מילנער האָט זיך דווקא פאַרגלוסט פון אים צו מאַכן אַ דאָקטאָר! און זיי האָבן זיך דאָס מיט אים גרויס געהאַלטן, אַזוי די בעז פּאַדריסן, און איצט זיצט דאָס זונדל אין קרימינאַל, זיי האָבן פון נחת! — זי האָט זיך אָש געטרייסלט פון עפּעס אַ נקמה־דיקער פרייד.

— אָבער דאָס איז פולשטענדיק עפּעס אַנדערש, ער זיצט אין ציטאַדעל.

— אין ציטאַדעל, מוז עס אוודאי זיין עפּעס פּאָליטיש — האָט זי דאָס קול אַראָפּגעגידערט.

יאַשיאַ האָט איר נישט געקענט ענטפערן, צי האָט ער נישט געוואָלט, נאָר זי האָט מיט שרעק געפּליסטערט:

— קרישעלע מיינס, נאָר דו מיש דיך מיר נישט אין גאָר־נישט.

— באַ אונדז טאָר מען אפילו נישט רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, מ׳וואָלט באַלד אַרויסגעטריבן.

— זעסט שוין! מ׳וואָלט דיך אַרויסגעטריבן, און וואָלסט נישט געוואָרן קיין גלח! טאַטש כ׳וואָלט דאָך געשטאָרבן פון חרפּות און בושות! גאָט מיינער, זיי דיך מרחם איבער אונדז!

— זאָל די מאַמע פאַר מיר נישט קיין מורא האָבן.

— דו פאַרשטייסט דאָך, ווי מיר האָרעווען און מיר באַ־מיען זיך, אַז ס׳זאָל ענק כאָטש זיין אַ ביסל בעסער. דו ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, ווי שווער ס׳איז, מיר זענען אַזוי פיל אין שטוב, און די הכנסות ווערן וואָס אַמאָל קלענער, און ווען נישט דאָס פּיצל ערד, וואָלטן מיר געמוזט לעבן אונגזער גלח נישט איינמאָל פאַר הונגער שטאַרבן. דו ווייסט, דער גלח איז דאָך איצט אַליין זיך משווה מיט די פויערן וועגן שלובן און לוויות, אַליין, שוין געהערט אַזעלכע זאַכן! ער זאָגט, אַז דער טאַטע באַרייסט די מענטשן! אַ וואַזשנער בעל טובה מיר אויף אַ פּרעמ־דער קעשענע.

— וואָרן ר׳האָט טאַקע אינדערעמתן באַריסן — האָט ער נישט דרייסט קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס רעדסטו! אויפן טאַטן ועסטו אָנפאַלן? אויף אַן אייגענעם טאַטן! און אויב ער האָט טאַקיש באַריסן, איז פאַר וועמען? ר׳האָט דאָך נישט געריסן פאַר זיך, נאָר פאַר ענק, פאַר דיר, אויף דיין לערע — האָט זי זיך שמערצלעך באַקלאָגט.

יאַשיאַ האָט זי אָנגעהויבן איבערצובעטן, אָבער עפּעס

גרײלצנדיק קלינגען, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿין סטאַוו, האָט אים איבערגעריסן.

— די מאַמע הערט? דער גלח גייט דאָ זיכער צו אַ קראַנקן מיטן פּאַן יעזוס.

— גיכער קלינגט מען דאָס אויף די בינען, זיי זאָלן נישט אַנטלויפֿן, זיי האָבן זיך געמוזט אויסראָיען אין דער פּלעבאַניע. דער גלח היט איצט מער אָפּ זיין ביק און דעם בינשטאָק, ווי דאָס קלויסטער.

זיי זענען גראָד צוגעפֿאָרן צום צמענטאַרזש, ווי מיטאַמאָל האָט זיך אויף זיי אַ שיט געטון אַ זומענדיק גערויש, אַז יאַשיאָ האָט קוים באַוויזן צום פֿורמאַן אַ געשריי צו טון:

— בינען! האַלטס איין די פֿערד, וואָרן זיי וועלן זיך דערשרעקן.

אויפֿן קלויסטער־פּלאַץ האָט גערוישט אַן אומגעהייער בינען־געזעמל, זיי האָבן זיך געטראָגן אינדערהייך, ווי אַ צעזוימטער וואָלקן, אַרומגעקרייזלט, אָפּקוקנדיק זיך אַ באַקוועם אָרט, דאָ האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט, דורכפֿליענדיק צווישן די ביימער, און נאָך זיי איז נאָכגעלאָפֿן דער גלח אין די בלויזע הויזן און אין איין העמד, אָן אַ קאַפּעלוש, אַ דערשוויצטער און אומאויפֿהערלעך געפּאַכט מיטן שפּריצער. יאַמבראָזש ווידער האָט, אונטערגעבנדיק זיך זייטיק, אין די שאָטנס, פּאַרביסן צוגעקלונגען און געמאַכט געוואָלטן. זיי זענען אַזוי אַרומגעלאָפֿן דעם פּלאַץ עטלעכע מאָל, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין איין מינוט, וואָרן די בינען זענען וואָס אַמאָל נידעריקער אַראָפּגעפֿאַלן, ווי האָבנדיק בדעה אַראָפּצולאָזן זיך אויף אייבעם פֿון די הייזער, אַזוי, אַז די קינדער זענען זיך פֿון אונטער די ווענט צעלאָפֿן, אָבער מיטאַמאָל האָבן זיי זיך צוריק אַ קאַפּ אויפֿגעהויבן און געלאָזט זיך גלייך אויף יאַשאָס בריקע. די אָרגאַניסטעכע האָט געמאַכט אַ געוואַלט, און אַריבערנעמענדיק די ספּודניצע איבערן קאָפּ, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט ערגעץ אין אַ ראָוו, די פֿערד האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן, אַז דער פֿורמאַן איז אויש אַראָפּגעשפּרונגען צו פּאַרדעקן זיי די בליפּיעס, די גענדז זענען זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן, נאָר יאַשיאָ איז

זיך געשטאַנען רויק מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ, דאָס בינען-געזעמל האָט זיך ראַפּטום אַ דריי אויס געגעבן כמעט שוין לעבן אים און גלייך זיך אוועקגעלאָזט צום גלאָקנטורם.

— וואַסער! — האָט דער גלח אַ ריטשע געטון, לאָזנדיק זיך וואָס שנעלער נאָך זיי. ר׳איז צו זיי צוגעפאַלן פון זייער נאָענט און האָט זיי אַזוי באַשפּריצט, אַז נישט קענענדיק שוין מער רירן מיט די פאַרנעצטע פליגל, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אויפן פענסטער פון גלאָקנטורם.

— יאַמבראָזש! אַ לייטער, אַ זיפּ, נאָר גיכער, וואָרן זיי אַנטלויפן! ריר דיך שוין, לאָמער הינט! וואָס מאַכסטו עפּעס, יאַשיאַ, ציגד נאָר אָן אַ פייער אין די קטורת-פאַן, מ׳דאַרף זיי אונטערריכן, וועלכן זיי זיך באַרויקן! — האָט ער אַ צעהיצטער געמאַכט געוואַלטן, נישט אויפהערנדיק צו באַשפּריצן דעם אַראָפּפאַלנדיקן בינען-געזעמל; און ס׳איז נישט אַדורך קיין רגע, איז די לייטער געשטאַנען אונטער דעם גלאָקנטורם, יאַמבראָזשי האָט צוגעקלונגען, יאַשיאַ האָט גערויכט פון דער קטורת-פאַן, ווי פון אַ קוימען, און דער גלח האָט זיך געגראַבטשעט אַרויף אינדערהייך, און דערגרייכנדיק די בינען, האָט ער געגראַבלט צווישן זיי איכזוכנדיק די מוטער.

— זי איז דאָ! דאַנקען גאָט, זיי וועלן שוין נישט אַנטלויפן! רויכער אונטער, יאַשיאַ, פון אונטן, וואָרן זיי וועלן זיך צעקריכן! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט, צוזאַמענשאַרנדיק די בינען מיט די גאָלע הענט; ר׳האָט לחלוטין נישט קיין מורא געהאַט, כאָטש זיי האָבן זיך אים באַזעצט אויפן קאָפּ און אויפן פנים געקראָכן. ער האָט נאָר מיט זיי עפּעס איינגעטענהט, אַריינגעקליבן אין דער זיפּ און אַריינגעקליבן, וואָרן דאָס בינען-געזעמל איז געווען זייער גרויס.

— אַכטונג געבן! זיי בונטעווען זיך, זיי קענען נאָך אַ ביסל טאָן! — האָט ער געוואָרנט, אַראָפּגייענדיק פון דער לייטער, אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצער כמאַרע, וואָס האָבן געווירבלט איבער אים מיט אַ געזום און אַ גערויש, און אַראָפּגייענדיק איך

דער ערד, האָט ער געטראָגן פֿאַר זיך די זיפּ, אַזוי וויכטיק און פֿייערלעך, ווי אַ מאָנסטראַנץ. יאַשיאַ האָט אים באַרויכט, וויגנדיק מיט דער קטורת־פֿאַן, יאַמבראַ׳ש האָט געקלונגען, שפּריצנדיק אויף זיי נאָכאַנאַנד, און מיט אַזאַ פּראָצעסיע האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום בינען־גאָרטן, נאָך דער פּליעבאַניע, וווּ אין אַן אָפּגעזונדערטער פֿאַרצוימונג איז געשטאַנען עטלעכע צענדליק פֿונאַנדערגעזוימטע בינשטאָקן, גלייך ווי אין יעדן איינציקן באַזונדער וואָלט געראַיעט.

און ווען דער גלח האָט זיך פֿאַרנומען מיטן באַזעצן די בינען, האָט יאַשיאַ, וועלכער איז שוין געווען גוט הונגעריק און פֿאַרמאַטערט, אָפּגעצויגן שטילערהייט אַהיים.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט זיך אָן אַ שיעור מיט אים געפֿריידט, און וואָס פֿאַר אַ קוויטשערייען דאָרט איז פֿאָרגעקומען, קושן און אויספֿרעגעכצן, איז גאָרנישט איבערצוגעבן. ווי נאָר ס׳איז אַריבער די ערשטע פֿרייד, האָט מען אים באַזעצט הינטערן טיש און גענומען צוטראָגן פֿאַרשידענע מטעמים, און אונטערשטופּן, און בעטן און אים איינרעדן ער זאָל עסן, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אַזש געטרייסלט פֿון די געשרייען און דעם געלויפֿעריי, וואָרן אַלע מיטאַמאָל האָבן אים געוואָלט מיט עפּעס דינען און צו זיין מיט אים ווי צום נאָענטסטן. גראָד אין דעם גערודער איז אַריינגעפֿאַלן אַ צעיאָכמעטעטער גזשעלאַ, דעם מאַיטעס ברודער, אויספֿרעגנדיק זיך אומרויִק, צי מ׳האָט נישט געזען ראָכאָן? אָבער קיינער האָט אים אויף די אויגן נישט געזען.

— כ׳קען אים אין ערגעץ נישט געפֿינען — האָט ער פֿאַרדאגהט זיך באַקלאָגט, און נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין געשפּרעכן, איז ער אים ווייטער אַוועקגעלאָפֿן זוכן אין די כאַלופּעס, און באַלד נאָך זיין אַוועקגיין האָט מען יאַשיאַן געשיקט רופֿן אין דער פּלעבאַניע אַריין. ער האָט אָפּגעצויגן, באַלאַמוטשעט, אָבער גיין האָט ער געמוזט.

דער גלח האָט אים אָפּגעצערט אויפֿן גאַניק באַם פֿאַרנאַכטיקן עסן, אויסגעקושט אים, ווי אַ פֿאָטער, און אַנידער־

זעצנדיק אים לעבן זיך, האָט ער זייער ליבלעך אויסגערופן:

— כ'בין זייער צופרידן, וואָס ביסט געקומען צו פאָרן, כ'וועל האָבן מיט וועמען די תפילות אָפּצוזאָגן! אָבער, ווייסט, וויפיל איך האָב היי-יעריקע ראָיען? פּופּצען! און שטאַרקע, פּונקט ווי אַלטע, טייל האָבן שוין אָנגעאַרבעט צו פּערטל ביגשטאָק מיט האָניק! כ'האָב נאָך מער בינען געהאַט, כ'האָב געהייסן יאַמבראָזשין היטן דעם בינען-גאָרטן, אָעער די טראָמבע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און די בינדעלעך פיו... איבער די פעלדער און וועלדער, און איין בינען-געזעמל האָט מיר דער מילנער צוגעגנבעט! נו, איך זאָג דיר, אַז ער האָט צוגעגנבעט! זיי זענען אַנטלאָפן אויף זיין באַרנבוים, האָט ער זיי צוגענומען, ווי אייגענע, און ר'האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען פון אָפּגעבן! ער איז בייז צוליבן ביק, איז נעמט ער פון מיר נקמה, ווי ער קען נאָר, אַ גזלן אייגער! האָסט שוין געהערט וועגן פעלעקן? די עכברושים בייסן דאָס, ווי די אָסעס, אַ שיאָ! — האָט ער אַרויסגעקרעכצט, אָפּיאָגנדיק זיך מיטן טיכל פון די פליגן, וואָס זענען אים כסדר אויף דער לישינע אַ־אָפּגעפאַלן.

— נאָר נישט מער, וואָס ער זיצט אין ציטאַדעל.

— ס'זאָל זיך שוין כאַטש מיט דעם ענדיקן! ר'האָט אויסגעשפּילט, האַ? און כ'האָב אָבער געזאָגט, און געגעבן צו פאַרשטיין, האָט ער זיך מיר נישט געהאָרכט דער אייזל אייגער און אַצינד האָט ער אַ פייגע התיגה! אַן אַלטער תּרח, אַ נאַרן-קאָפּ, נאָר פעלעקן איז אַ שאָד, אַ פעיקע שעלמע, לאַטיין קען ער אויסגעצייכנט, אַז אפילו אַ ביסקופּ קען נישט בעסער. נאָר וואָס קומט דערויס, אַז ער האָט נאָך גרינגע פייגעלעך אין קאָפּ און פאַרנעמט זיך מיט דער מאַטיקע קעגן דער זון... און ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן: ווי אַזוי איז דאָס... אַהאַ! דאָס, וואָס מען טאָר נישט, ריר נישט, און וואָס ס'איז פאַרבאָטן, מייד אויס פונדערווייטנס. אַן הכנעהדיק קעלבל זייגט צוויי מוטערס... יאָ... — האָט ער שטילער בגזויגן און וואָס אַמאָל שוין שלאַ-

בעריקער, אָפּיאָגנדיק זיך פון די פליגן. — נעם עס דיר גוט אין קאָפּ אריין, יאַשיאָ! נו, איך זאָג, געדענק! — ער האָט צראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרזונקענדיק אין דעם טיפן פּאָטעל, אָבער ווען יאַשיאָ איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול, האָט ער אויפגעעפנט די אויגן און געמורמלט: — די ביינער האָבן מיך פאַרמאַטערט! קום צו גיין יעדן אָוונט די תפילה אָפּזאָגן. נאַר, גיב אויף דיר אַכטונג און ווער נישט צו היימיש מיט די פויערן, וואָרן ווער עס גיט זיך אָפּ מיט פּלעוועס, דעם עסן די חזירים אויף. נו, איך זאָג, זיי עסן אויף און פאַרטיק! — ער האָט צוגעדעקט מיטן טיכל די לישינע און זיך אויף אַן אמת שוין צעכראַפּעט.

משמעות, אַז דער אָרגאַניסטער האָט אויך דאָס אייגענע געטראַכט, וואָרן, דער פּאַראָבעק האָט אַרויסגעפירט די פערד אויף דער פּאַשע און יאַשיאָ איז אויף איינס אַרויפגעשפּרונגען, האָט דער אַלטער אַ געשריי געטון:

— זאָלסט מיר שוין אַראָפּקריכן! עס פּאַסט נישט, אַז אַ גלח זאָל רייטן אַן אַ זאָטל און מיט פּאַסטוכער זיך אָפּגעבן!

ס'האָט זיך אים שרעקלעך געוואָלט פאָרן, אָבער ער איז אַראָפּגעקראָכן אַ פאַרשעמטער, און ווייל דער בין־השמשות איז שוין צוגעפאַלן, איז ער אַוועקגעגאַנגען הינטער די גערטענער, אָפּצוזאָגן די אָוונט-תפילות, אָבער האָט ער דען געקענט זיך באַהערשן, ווען עפּעס אַ לידל פון אַ שיקסל האָט זיך ערגעץ נישט חייט צעקלונגען און באַבעס האָבן ערגעץ אין אַ סאָד איינגעטענהט, אַז איטלעכס וואָרט איז איבערן טוי געפלויגן, און ס'האָבן געמאַכט געוואַלטן די קינדער, וואָס האָבן זיך באַם סטאַוו געבאָדן, ערגעץ אַנדערש ווידער האָבן זיך געלעכטערן פונאַנדער־געטרייסלט, דאָ אַ ריטשען פון בהמות, דאָ האָבן זיך דעם גלחס פערלהינער דורכדרינגלעך געריסן און דאָס גאַנצע דאָרף האָט גערוישט פון די פאַרשידענע קולות, ווי אַ צעזומטער בינשטאָק, אַזוי, אַז ער האָט זיך כסדר טועה געווען, און ווען ער האָט שוין ענדלעך אָנגעכאַפּט דעם פאָדעם, און צווידערקנעענדיק לעבן קאָרן,

די צעתפילהטע אויגן אין דעם אויסגעשטערנטן הימל פארזונקען און די נשמה ערגעץ אין די הויכע וועלטן פארטראגן, האבן זיך פון דארף א דערטראג געטון אזעלכע דורכדרינגלעכע געשרייען, געיאמערן און קללות, אז ער איז אנטלאפן געווארן צהיים, זייער אן איבערגעשראקענער און אן אומרויקער.

די מוטער איז אים טאקע גראד ארויסגעגאנגען רופן צום נאכטעסן.

— וואס איז דארט געשען? מ'שלאגט זיך, צי וואס?

— יאזעף וואכניק האט זיך אומגעקערט פון קאנצעלאריע א ביסל אנגעשיכורט האט ער זיך צעהרגעט מיט זיינער. די באבע האט שוין פון לאנג בעדארפן ארייכאפן א פסק. האב נישט קיין מורא, ס'וועט איר גארנישט זיין.

— אבער זי שרייט דאך, ווי ס'וואלט זי ווער פון דער הויט אפגעשינדן.

— געוויינטלעך, ווייבעריש געשרייען, ווען ער זאל זי אויסקיילן מיט א שטעקן, וואלט זי געווען שטיל! זי וועט זיך מארגן אירס אפשלאגן, זי וועט זיך אפשלאגן! קום, קרישעלע, ווארן דאס נאכטעסן וועט קאלט ווערן.

ער האט זיך קוים צום עסן צוגערירט, און פילנדיק זיך זייער מיד פון וועג, האט ער זיך באלד געלייגט שלאפן. אבער אינדערפרי, ווי באר די זון האט אויפגעשיינט, איז ער שוין געשטאנען אויף די פיס. ער האט ארומגעקוקט די פעלדער, געברענגט קאניטשינע די פערד, גערייצט זיך מיטן גלחס אינדיקעס, אז זיי האבן זיך אזש צעהאלדערט, באגריסט די הינטלעך, אז זיי האבן זיך שיער נישט פאר פרייד פון די קייטן אפגעריסן, די טויבן קערנער צוגעשיט, געהאלפן דעם יונגערן די בהמות ארויסטרייבן, אנגעהאקט האלץ אויף מיכאלס ארט, אויסגענישטערט אין סאד די צייטיקע מאלגאזשאטקעס, מיטן זשרעבאק א ביסל קונצן געמאכט. אומעטום איז ער געווען און אלץ האט ער מיט די קושנדיקע אויגן באגריסט, ווי הארציקע גוטע פריינט, ווי אייגענע ברידער, אפילו די מאלחעס, וואס זענען מיט בלומען אפגעשיט געווען, אפילו די חזירימלעך, וואס האבן זיך אויף דער זון

צעוואָרעמט, אפילו די קראַפּיווע און דאָס אומקרויט, וואָס איז פאַרבאָרגן אונטער די פלויטן געוואַקסן, ביז וואַנען די מוטער, וואָס איז אים מיט בליקן פול ליבע נאָכגעלאָפן, האָט אים מיט אַ נאָכגעביק שמייכעלע אַ שעפּטש געטון:

— משוגענער איינער! משוגענער!

און ער האָט געשוועבט און געשטראַלט, פונקט ווי דער חמוז־טאָג, אַ לויטערער, אַ צעשמייכלטער, אַ צעזוניקטער, אָנגעזאַפּט מיט וואַרעמקייט און אַרומנעמענדיק די גאַנצע וועלט מיט דער ליבנדיקער נשמה, אָבער, ווי נאָר דאָס קלויסטער־גלעקל האָט זיך צעקלונגען, האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און אין קלויסטער אַריין אַוועקגעלאָפן.

דער גלח איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ לויב־תפילה, יאַשיאַ איז געגאַנגען פאָרויס אין אַ נייַ קיטל, באַפּוצט מיט פריש־רויטע בענדלעך, דער אָרגל האָט אויפגעשפּילט מיט געקליבענע, רויִקע טענער, פון כאָר האָט זיך דערהויבן אַ גרעבלעך קול, פון וועלכן די פלעמלעך האָבן זיך צעציטערט, בײַ אַ צענדליק מאָן האָבן פאַרן אַלטאַר אַנידערגעקניט — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גאָטעסדינסט.

יאַשיאַ, כאָטש ער האָט משמש געווען בײַ דער גאָטעסדינסט, און אין די הפסקות הייס מתפלל געווען, פונדעסטוועגן האָט ער באַמערקט יאַגושען, וועלכע האָט געקניט עטוואָס אָן אַ זייט, און ווען ער האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער געזען אירע בלויע, בלישטשענדיקע אויגן, וואָס זענען פאַרזונקען געווען אין אים, און עפּעס אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע אויף די עטוואָס אָפענע, רויטע ליפּן.

באַלד נאָך דער תפילה האָט אים דער גלח מיטגענומען אין דער פלעבאַניע אַריין און אים אַוועקגעזעצט שרייבן, און ערשט נאָכמיטאָג האָט ער זיך אויפן דאָרף אַרויסגעריסן צו באַזוכן די באַקאַנטע.

ס'ערשטע איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו די קלאָנבעס וואָרן זיי זענען צום נאָנטסטן געזעסן, גאָר דאָס וועגל אַריבערצוגיין. אין דער כאַלופּע האָט ער אָבער קיינעם נישט געטראָפן, און

באַר אין פּעדערהויז, וואָס איז געווען דורך און דורך אויפגע-פּראַלט, האָט זיך עפּעס אַ ריר געטון אין ווינקל, און עפּעס אַ קול האָט אַ כריפּע געטון:

— טאַטש דאָס בין איך דאָך, יאַגאַטאַ! — זי האָט זיך אונטערגעהויבן, צעשפּרייטנדיק די הענט פאַר פאַרוואונדערונג — יעזוס, פון יאַשיאַ!

— ליגסט ענק רויק. צ'זענט קראַנק, האַ? — האָט ער זאָרגזאַם זי געפרעגט, און צורוקנדיק זיך אַ קלעצל, זיך נאָענט לעבן איר אַנידערגעזעצט, קוים דערקענענדיק איר פּנים, וואָס איז געווען אויסגעטרוקנט, ווי די ערד.

— אויף גאָטס רחמים וואַרט איך שוין נאַר — איר קול האָט פייערלעך אָפּגעקלונגען.

— וואָס איז דען?

— גאָרנישט, דער טויט וואַקסט נאַר אין מיר און וואַרט אויף שניט. די קלאָנבעס האָבן מיך אַריינגענומען, אַז כ'זאָל מיר באַ זיי אָפּשטאַרבן, איז בין איך מתפּלל און קוק אויס געדולדיק די שעה, ווען דער מלאך המות וועט אָנקלאַפּן און זאָגן: קום, פאַרפּייניקטע נשמה!

— פאַרוואָס-זשע נעמען זיי ענק נישט אַריין אין שטוב?

— אוודאי, כּל זמן ס'איז נאָך נישט די צייט, איז פאַרוואָס זאָל איך זיי אַן אָרט פאַרנעמען... זיי האָבן אַזוי אויך געמוזט דאָס קעלבל פון פּעדערהויז אַרויספירן. אָבער זיי האָבן מיר צו-געזאָגט, אַז אויף דער לעצטער שעה מיינער וועלן זיי מיך אַי-בערטראָגן אין שטוב אַריין, אויף אַ בעט, אונטער בילדער, און אַ ליכט וועלן זיי מיר אָנצינדן... און דעם גלח ברענגען... און דערנאָך וועלן זיי מיך אין די יום-טובדיקע מלבושים אָנקליידן און אַ באַלעבאַטישע לוויה מיר מאַכן. פאַרשטייט זיך, איך האָב אויף אַלעם געגעבן... און ערלעכע מענטשן וועלן קיין יתומה אפשר נישט באַעוולהן. נישט לאַנג נאָך וועל איך זיי דאָך דאָ אַן אָרט פאַרלייגן, ניין... און פאַר עדות האָבן זיי מיר צוגעזאָגט, פאַר עדות.

— און ס'איז ענק נישט אומעטיק אייגע אַליין? — די-

שטימע איז בײַ אים אָנגעזאָפּט געװען מיט רחמנות און טרערן.

— ס'איז מיר זייער גוט, פּריצל. ס'הייסט מיט ווינציק וועלט זע איך מיך דען אָן דורך דער טיר? ווער ס'גייט מיטן וועג אַדורך, ווער ס'גיט ערגעץ אַ רעד, ווער ס'בליקט אַמאָל אַריין, ווער ס'גיט צַמאָל אַ וואָרף אַ גוט וואָרט, אַז גלייך כ'וואָלט מיר איבערן דאָרף אַרומגעקראָכן. און גייען אַלע אַוועק צו דער אַרבעט, גראַבלען די הינער אין מיסט, דאָ גיט אַ חזיר אַ שנאָרך הינטער דער וואַנט, אַ הונט גיט אַ בליק אַריין, שפּאַצן פליען אַריין אין פּעדערהויז, די זון גיט אַ שיין אַריין אַ קאָפּ פאַרן אונטערגיין, און טײַלמאָל גיט אַ שטיפער עפּעס אַ וואָרף אַריין, און דער טאָג גייט אַדורך, דער מענטש דאַנקט גאָרנישט זיך אומצוקוקן. און בײַנאַכט קומט מען אויך צו מיר צו גיין אוודאי... און נישט איינע..

— ווער איז דאָס אַזעלכעס? ווער? — האָט ער איר פון דער נאָנט אין די אָפּענע, און ווי נישט זעענדיקע אויגן אַרייגעקוקט.

— ס'הייסט, אַלע מיינע אייגענע, וואָס זענען שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָרבן, און די אַלע קרובים און באַקאַנטע. איך זאָג דעם ריינעם אמת, פּריצל, זיי קומען... און אַנומלטן — האָט זי מיט אַ שמייכעלע פון אומבאַשרייבלעך גליק און זיסקייט אַ שעפּטש געטון — איז געקומען צו מיר די הייליקע פּאַניענקע און רוימט מיר איין שטילערהייט: ליג דיר, יאַגאַטאַ, פאַן יעזוס וועט דיך באַלוינען!... די סאַמע טשענסטאָכאָווער, כ'האָב באַלד דערקענט... אין אַ קרוין איז זי געגאַנגען אָנגעטון, אין אַ מאַנטל, און אינגאַנצן אין גאָלד און אין קרעלן... זי האָט מיר אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ און אויסגערופן: האָב נישט קיין מורא,יתומה, וועסט דיר זיין די ערשטע באַלעבאָסטע אין הימלישן פּאַלאַץ, אַ פּריצה וועסטו זיין, אַ דזשעדזשיטשקע...

אָט אַזוי האָט די אַלטע גערעדט, פּונקט ווי אַן איינשלאָפנדיק פייגעלע. יאַשיאַ ווידער האָט, אַן איינגעבויגענער איבער איר, אויסגעהאָרכט און געקוקט, ווי אין עפּעס אַ רעטעניש פולער

טיפעניש, ווו עפעס פאַרבאָרגנס ריזלט, און רעדט און גלאַנצט, און עפעס אַזעלכעס געשעט, וואָס דער מענטשלעכער שכל קען עס שוין להלוטין נישט משיג זיין. ס'איז אים געוואָרן עפעס אַזוי שרעקלעך, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט בשום אופן אָפרייסן פון דעמדאָזיקן מענטשלעכן שטיבעלע, פון דעמדאָזיקן אויסגעטליעטן שטרויעלע, וואָס שוין, ציטערנדיק ווי אַ שטראַל, שוין לעשנדיק זיך אין דעם בין-השמשות, האָט נאָך געחלומט וועגן טעג פון אַ ניי לעבן. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער פון אַזוי באַנאַנט אַרייַנגעבליקט אין דעם מענטשלעכן, אומברחמנות-דיקן גורל, איז טאַקע קיין ווונדער נישט, וואָס ס'האָט אים אַ שרעקלעכער פחד אַרומגענומען, אַ ווייטיק האָט אים דאָס האַרץ צוגעדריקט, די טרערן האָבן אים די אויגן פאַרפלאָסן, אַ מיטפילנ-דיק רחמנות-געפיל האָט אים צו דער ערד אַראָפּגעבויגן, און אַ הייסע, בעטנדיקע תפילה האָט זיך שוין אַליין פון די ציטערדיקע ליפן געריסן.

די אַלטע האָט זיך אויפגעכאַפט, און אויפהייבנדיק דעם קאָפ, האָט זי מיט אַנטציקונג געשעפטשעט:

— אַלערהייליקסטער מלאך! האַרציק גלח מיינס!

דערנאָך איז ער נאָך לאַנג געשטאַנען ערגעץ הינטער אַ וואַנט, וואַרעמענדיק זיך אויף דער זון און אָנזעטנדיק די אויגן מיט דעמדאָזיקן לויטערן טאָג און מיטן לעבן, וואָס האָט געקאָכט אַרום אים.

וואָרן וואָסי, אַז דאָרט גייט אויס עפעס אַ נשמה אין די בעגל פון טויט.

די זון האָט נישט אויפגעהערט צו לייכטן, די תבואות האָבן געפרוישט, ווייסע וואָלקנדלעך זענען הויך פאַרבייגעשווומען, קינדער האָבן זיך אויף די וועגן געשפילט, איבער די סעדער האָבן זיך צייטיק ווערנדיקע עפל גערויטלט, אין דער קוזשניע האָבן געקלאַפט די האַמערס, אַז ס'האָט זיך אַזש איבערן גאַנצן דאָרף צעטראָגן, עמעץ האָט אַ וואָגן זיך אויסגעלאַדעוועט, עמעץ האָט אַ קאָסע זיך געשמידט, צוגרייטנדיק זיך צום שניט, ס'האָט געשמעקט

ברויט, וואָס איז ערשט פֿריש אָפּגעבאַקן געוואָרן, ווײַבער האָבן אײַנגעטענהט, טיכער האָבן זיך אויף די פּלויטן געטריקנט, מ׳האָט זיך באַוועגט אויף די פֿעלדער און אין די הייף, אַזוי ווי אַלע טאָג. אַזוי ווי שטענדיק האָט זיך דער מענטשן־געווימל געגראַבלט אין זאָרגן און אין דאגות, נישט טראַכטנדיק אַפֿילו, ווער ס׳וועט זיך דאָרט דער ערשטער פֿון ב״עג אַרײַנקאָלע״ן.

ס׳וואָלט דען געמעגן דערפֿון עפּעס אַרויסגעקומען.

דעריבער האָט זיך אויך יאַשאַ גיך אָפּגעטרייסלט פֿון טרויער און אין דאָרף אַרײַן אַוועקגעגאַנגען.

ער איז אַ שטיקל צײַט געזעסן בײַ מאַטעושן, וועלכער האָט שוין סטאַכאַס כאַלופּע ביזן דאַך־געשטעל אַרויפֿגעצויגן; ער איז אַ ביסל געשטאַנען בײַם סטאַוו מיט דער פּלאַשקאָוון, וועלכע האָט בעזייסט לײַוונט; ער האָט באַזוכט די קראַנקע יוזשיאַ; אויסגעהערט דער וואַיטאָוועס באַקלאָגעכצן; צוגעקוקט זיך אין דער קוזשנע, ווי דער קאָוואַל האָט די קאָסעס געשטאָלט און די שערפֿן אָנגעשאַרפֿט; אַ בליק געוואָרפֿן אין די גערטנער, וווּ ס׳האָבן צום מײַנסטן ווײַבער און שיקסעס געאַרבעט, און אומעטום האָט מען אים זייער גערן אויפֿגענומען, באַגריסנדיק זיך מיט אים פֿרײַנטלעך און געקוקט אויף אים מיט נישט ווינציק שטאָלץ: וואָרן ר׳איז דאָך אַ ליבער קינד געווען, איז דעריבער האָט ער זיך מיט אַלע ווי מיט קרובֿים געפֿילט.

און ערשט אויפֿן סאַמע סוף האָט ער אָפּגעטרעטן צו דער דאָמיניקאָוון; די אַלטע איז געזעסן פֿאַרן הויז און געשפּינען וואָל, ער האָט זיך זייער געוווּנדערט דערויף, וואָרן זי האָט געהאַט צוגעבונדענע אויגן.

— מיט די פֿינגער טאַפּ איך און כ׳ווייס אַפֿילו, וואָס פֿאַר אַ דרום דאָס איז, צי אַ דינער, צי אַ גראָבער — האָט זי אים דערקלערט, און זייענדיק זייער דערפֿרייט פֿון זײַן באַזוך, האָט זי אַ רוף געטון יאַגושען, וועלכע איז מיט עפּעס פֿאַרנומען געווען אין פֿאָדהאָרזש.

זי איז באַלד געקומען צו לויפֿן, נאָר עטוואָס נאַקעטלעך, וואָרן זי איז נאָר געגאַנגען אין וועלניאַק און אין העמד, אָבער

דערזעענדיק יאַשיאָן, האָט זי די ברוסטן מיט די הענט פֿאַר־שטעלט, און פֿאַררייטלענדיק זיך ווי אַ ווייַנשל, איז זי אַוועקגע־לאָפֿן אין כאַלופּע אַריין.

— יאַגוש, ברענג נאָר אַרויס מילך, וועט זיך אפשר דער־כּאָן יאַשיאָ אָפּקילן!

זי האָט אײַנגיכן אַרויסגעבראַכט אַ פֿולע מעלק־כּלי און אַ טעפּעלע, זי איז שוין געווען אָנגעטאָן מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ. נאָר עפּעס אַזוי מין פֿאַרשעמט, אַז ווען זי האָט גענומען אָנגיסן די מילך, האָבן איר די הענט געציטערט און איז נאָכאַנאַנד דאָ בלאַס געוואָרן, דאָ רויט געוואָרן, נישט וואַגנדיק די אויגן אויפֿ־צוהייבן.

און די גאַנצע צייט האָט זי זיך צו אים מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופֿן, ערשט דעמאָלס, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי אים אַרויסבאַגלייט אויפֿן וועג, נאָכקוקנדיק אים אַזוי לאַנג, ביז ער איז איר פֿון די אויגן נישט פֿאַרשוווּנדן גע־וואָרן.

ס'האָט זי אומנאַטירלעך צו אים עפּעס געצויגן און זי אַזוי שרעקלעך אונטערגעטראָגן, אַז, כּדי נישט צו לאָזן זיך אויפֿן יצר הרע, איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין סאַד אַריין, מיט ביידע הענט זיך באַ עפּעס אַ בוים אַרומגעכאַפּט, און צוטוליענדיק זיך צו אים, איז זי כמעט אָן אָטעם און אָן באַוווּסטזיין געבליבן שטיין, אַ באַדעקטע ווי מיט אַ מאַנטל פֿון די צווייגן, וואָס זע־נען מיט עפּל אַראָפּגעהאָנגען. זי איז געשטאַנען מיט צוגעמאַכ־טע אויגנלעדלעך, מיט אַ שמייכל, וואָס איז פֿאַרבאָרגן געווען אין די ווינקלען ליפּן, פֿול מיט גליק, און גלײַכצײַטיק מיט פּחד, און פֿול מיט עפּעס אַזעלכע זיסע טרערן און ליבלעכן צאַפּל, ווי דעמאָלס, ווען זי האָט אויף אים אין יענער פֿרילינג־נאַכט דורכן פֿענסטער געקוקט.

אָבער יאַשיאָן האָט עפּעס אויך ווי געצויגן צו איר, וואָרן כאָטש אפֿילו נישט ווילנדיק, האָט ער דאָך טײלמאָל צו זיי אַרײַנגעבליקט, אױ, אַ קורצער ווײַלע און איז אַוועקגעגאַנגען אַן אויסטערליש דערפֿרייטער. און יעדן טאָג, ווען ער האָט זי אין

קלויסטער געזעסן, האָט זי איבער דער גאַנצער צייט פון דער תפילה געקניט, און אזוי שטאַרק איז זי געווען אַריינגעטון אין דער תפילה אין געפילט זיך, חי אין הימל געגומען, אַז ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַ זיסער גערירטקייט, דערציילנדיק טייל-מאָל וועגן איר פרומקייט.

די מוטער האָט נאָר מיט די אָרעמס געהויבן.

— זי האָט פאַרוואָס גאָט איבערצובעטן, זי האָט...

יאַשיאָ האָט געהאַט אַ רייגע נשמה, ווי די ווייסטע בלום, איז האָט ער נישט פאַרשטאַנען דאָס שטאָך-וואָרט, און ווייל זי פלעגט צו זיי קומען, וואָרן אַלע אין שטוב האָבן זי ליב געהאַט, ווייל ער האָט געזען ווי פרום זי איז געווען, איז אים קיין שום חשד אויפן געדאַנק אפילו נישט געקומען. ער האָט זיך נאָר איצט געוואונדערט, וואָס פון זיין קומען אָן איז זי נאָך קיין איינמאָל נישט געווען.

— כ'האָב טאַקע געשיקט נאָך איר, וואָרן כ'האָב אַ סך צו פרעסן — האָט די מוטער אָפגעענטפערט.

און זי איז טאַקע אינגיכן געקומען אַזוי אויסגעשלייערט, אַז יאַשיאָ האָט זיך פאַרוואונדערט.

— וואָס איז דאָס, צ'גייט אויף אַ חתונה?

— און אפשר האָט מען צו ענק מיט בראָנפן געשיקט? — האָט וועלכעס פון די שיקסלעך אַ פישטש געטון.

— ס'וואָלט דען עמעצער די העזה געהאַט, טאַטש כ'וואָלט דאָך אים פאַרטריבן ווי דער פעפער חאַקסט! — האָט זי זיך צעלאַכט, רויט ווערנדיק, ווי אַ רויז, ווייל אַלע האָבן זי אָנגע-קוקט.

די אַלטע האָט זי באַלד אָנגעשטעלט פרעסן, עס זענען איר באַלד נאָכגעלאָפן דעם אָרגאַניסטערס טעכטער צוזאַמען מיט יאַשיאָן, און ס'איז זיי באַלד געוואָרן אַזוי פריילעך, זיי האָבן זיך אַזוי געשיט פון געלעכטער פון אַ ליאַדע נאַרישקייט און געמאַכט געוואַלטן, אַז די אָרגאַניסטעכע האָט זיי געמוזט איינ-שטילן:

— שטילערס, סראַקעס! יאַשיאָ, גיי בעסער אין גאָרטן

אַריין, ס׳פּאַסט נישט דאָ צו שטיין און די ציין צו שטשי-רען.

האָט ער יאָ גערן נישט גענומען דאָס ביכל און זיך אַוועקגעשלעפּט, ווי געוויינטלעך, אין פעלד אַריין, און דאָרט ערגעץ הינטערן דאָרף, אויף די מיעדזעס, אונטער די גאַרנביימער, אויף די גרענעץ-בערגלעך, פלעגט ער אָפּ-זיצן, אַ פאַרטיפטער אין לייענען, אָדער גלאַט אַזוי פאַרזונקען אין רעיונות.

אָבער יאַנושיאַ האָט שוין געקענט זיינע איינזאַמע באַ-העלטענישן, זי האָט שוין גוט געוווּסט, ווו אים צו זוכן מיט די פאַרבענקטע אויגן, ווויִין זיך צו טראָגן צו אים כאָטשבּיק נאָר מיטן בלויזן פריידיקן געדאַנק. זי האָט לעבן אים אַרומגעקרייזט, ווי אַ שמעטערלינג אַרום אַ פלעמל. און אַרומקרייזן האָט זי גע-מוזט, ס׳האָט זי אומאויפהאַלטבאַר געשטויסן צו אים און עקשנות-דיק צו אים געצויגן, אַז זי האָט זיך שוין אומבאַוווּסטזיניק אי-בערגעגעבן דעם ווילן פון יענער, עפּעס גלוסטיקער קראַפט, זי האָט זיך איבערגעגעבן די צעשוימטע וואַסערן, וואָס האָבן זי פאַרטראָגן אין אַזעלכע אויסגעחלומטע וועלטן פון גליק, זי האָט זיך מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן האַרץ איבערגעגעבן, נישט טראַכטנדיק אפילו, אויף וואָס פאַר אַ ברעג זיי וועלן זי פאַר-טראָגן, צו וואָס פאַר אַ גורל.

און צי זי האָט זיך אין שפּעטער נאַכט געלייגט שלאָפן, צי זי האָט זיך מיטן פרימאָרגן פון געלעגער אויפגעריסן, איז האָט שטענדיק מיט איין און דער זעלבער תפילה איר האַרץ געצאַפּלט:

— כ׳וועל אים ווידער זען! כ׳וועל אים זען!

און טיילמאָל, ווען זי פלעגט פאַרן אַלטאַר קניען, און דער גלח איז מיט אַ גאָטעסדינסט אַרויסגעטרעטן און דער אָרגל האָט מיט דורכנעמענדיקע טענער אויפגעשפּילט, און עס האָבן אַ מייע געטון די קטורת-רויכן, און עס האָבן זיך פו-נאַנדערגעציטערט די געפליסטערן פון די תפילות, און ווען זי האָט זיך מיט די אין תפילה-פאַרזונקענע אויגן פאַרקוקט אויף

יאשיאַן, וועלכער האָט, אין ווייסן אַנגעטון, אַ שלאַנקער, אַ הערלעכער, מיט פאַרלייגטע הענט געשוועבט אין די רויכן און קאַלירן, וואָס האָבן פון די פענסטער געשלאָגן, איז האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַ לעבעדיקער מלאך איז פון בילד אַראָפגעגנידערט און אָט שוועבט ער צו צו איר מיט אַ זיסן שמייכל... ער ביים... אַז אַ גן עדן האָט זיך אין איר נשמה געעפנט, זי איז געפאַלן אויפן פנים, צו שטיבל, צודריקנדיק זיך מיט די ליפן צו די ערטער, ווו זיינע טריט זענען אַדורכגעגאַנגען, און מיטגעריסן פון אַנטציקונג, האָט זי מיטן גאַנצן כוח פון מענטשלעכן גליק געזונגען:

— קדוש! קדוש! קדוש!

און נישט איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז די גאָטעסדינסט האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט, אי די מענטשן זענען זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען, און יאַמבראַזש האָט שוין מיט די שליסלען אין דעם ליידיקן קלויסטער געקלונגען, און זי האָט נאָך אַלץ געקניט, פאַרקוקט אין דעם ליידיקן אָרט נאָך יאַשיאַן, אַ צעתפילהטע מיט דער הייליקסטער שטילקייט פון פאַרשיכורונג, מיט דערדאָזיקער פרייד, וואָס איז אין איר אַנגעזאָפט געווען ביז ווייטיק, בלויז מיט די טרערן, וואָס זענען איר אַליין פון די אויגן גערונען, ווי די פולע, וואָגיקע און ריינסטע קערנער.

אַזוי, אַז די טעג זענען שוין געוואָרן פאַר איר, ווי די כסדרדיקע יום-טובים, ווי די פייערלעכע אָטפּוסטן אין אומאויפהערלעכער פרייד פון גאָטעסדינסטן, וואָס האָבן זיך כסדר אין איר נשמה אָפּגעריכט, וואָרן ווען זי האָט אין פעלד אַרויסגעבליקט, האָבן מיט דעמזעלביקן די צייטיקע זאַנגען געקלונגען, עס האָט געקלונגען די אויסגעבאַקענע ערד, עס האָבן געקלונגען די סעדער, וואָס זענען אונטער דער משא פון די פרוכטן אַראָפּגעהאָנגען, עס האָבן געקלונגען די ווייטע פעלדער; און די וואַנדערנדיקע וואָלקנס, און די אַלערהייליקסטע האָסטיע פון דער זון, וואָס איז איבער דער וועלט דערהויבן געווען, און אַלדינג האָבן אינאיינעם מיט איר נשמה געזונגען אין הימל-גרייכענדן הימן פון דאַנקבאַרקייט און פרייד:

— קדוש! קדוש! קדוש!

העי, ווי הערלעך איז די וועלט, ווען מען קוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן!

און וואָס פאַר אַ קראַפט האָט דאָס דאַמאָלס דער מענטש אין יענער הייליקער שעה! מיט גאָט וואָלט ער זיך געקענט שטעלן מלחמה האַלטן, ער וואָלט זיך פון טויט נישט געלאָזט נעמען, אפילו דעם גורל וואָלט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט. דאָס לעבן איז באַ אים איין שמחה. און אַ ברודער איז אים יעדעס שוואַכסטע באַשעפעניש! פאַר יעדן טאָג וואָלט ער מיט דאַנקבאַרקייט געקניט, יעדע נאַכט וואָלט ער געבענטשט און אויף יעדן אָרט וואָלט ער זיך צווישן די נאָנטע פונאַנדערגעטיילט, ער איז רייך, און עס קומט אים נאָך כסדר צו קראַפט, ליבע און נאָך מער הערלעכע טעג.

איבער וועלטן טראָגט זיך זיין נשמה, הויך, זי קוקט פון דער נאָנט אין די שטערן, זי גרייכט חוצפּהדיק דעם הימל, זי חלומט פון אייביקן גליק, וואָרן עס דאַכט זיך איר, אַז ס׳איז שוין נישטאָ קיין שום גרענעץ, קיין שום אָפּהאַלט פאַר איר קראַפט, פאַר איר ליבע.

אַזוי האָט אויך יאַגושען אויסגעזען די צייט, ווען זי האָט ליב געהאַט.

די טעג האָבן זיך געצויגן געוויינטלעכע, טעג פון שווייסיקער צוגרייטונג צום שניט, און זי האָט זיך שנעל געפּאָרעט באַ דער אַרבעט, אַ צעזונגענע, ווי אַ לערכע, אַן אומדערמידלעך פריילעכע און חדוהדיק צעבליט, ווי די רויז אין איר אייגענעם גערטנדל, ווי די מאַלוועס, אַ שלאַנקע, און ווי אַ בלום אויף דער גאָט־געבענטשטער בייט, די שטאַרקסטע און אַזוי אַלעמענס בליקן צוגעצויגן, אַזוי מיט אירע פלאַקערדיקע שליפיעס געכישופט, שטענדיק אַזאַ צעשמייכלטע, אַז אפילו עלטערע מענטשן זענען איר מיט די אויגן נאָכגעגאַנגען, און די פּאַראָבקעס האָבן זיך ווידער לעבן איר אָנגעהויבן צו דרייען און זיפצנדיקע אונטער איר כאַלופּע אָפּצושטיין, אָבער זי האָט יעדן איינציקן פון זיך משלח געווען.

— זאָלסט אפילו אין דער ערד איינוואַקסן, ווע־סטו סיי ווי סיי גאָרנישט אויסשטיין — האָט זי אָפּגע־שפּעט.

— פֿון איטלעכן לאַכט זי זיך אויס! און שטאָלץ, ווי אַ פּריצהטע! — פֿלעגט מען זיך קלאָגן פֿאַר מאַטעושן, וועלכער האָט נאָר שמערצלעך אָפּגעזיפֿצט, וואָרן ער אַליין אפילו האָט נאָר אַזוי פֿיל אויפגעטון, וואָס ער האָט געקענט אַמאָל מיט דער דאָ־מיניקאָווען אין אַ בין השמשות זיך אויסטענהן, און קוקן בלויז אויף יאַגושען, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אין דער שטוב, און צו הערן אירע לידלעך. האָט ער טאַקע געקוקט און אַזוי הייס זיך איינגעהאָרכט, אַז ער איז וואָס אַמאָל אַלץ פֿאַרכמורעטער אַוועקגעגאַנגען און וואָס אַמאָל אָפּטער אין קרעטשמע אַריינגע־בליקט, און דערנאָך האָט ער אין דער כאַלופּע פֿאַרשידענע סקאַנ־דאַלן אָנגעמאַכט. פֿאַרשטייט זיך, אַז צום מייגסטנס האָט טערעסקאַ אַריינגעכאַפּט, אַז זי איז שוין אַרומגעגאַנגען קוים אַ לעבעדיקע פֿון גרימעניש. איז דערפֿאַר טאַקע, ווען זי האָט דאָוועבישטשיס באַגעגנט יאַגושען, האָט זי זיך פֿון איר אָפּגעקערט מיט די פּליי־צעס און אויסגעשפּיגן.

אָבער יאַגושיאַ, זייענדיק פֿאַרקוקט ערגעץ פֿאַר זיך, איז אַדורכגעגאַנגען, נישט זעענדיק זי אפילו.

טערעסקאַ האָט, אַ דערצערנטע, צו די שיקסעס, וואָס האָבן באַם סטאַוו געוואַשן, זיך געווענדט:

— צ'האָט געזען, ווי דאָס בלאָזט זיך! דאָס גייט זיך אַזוי אַדורך און ס'גיט שיין אפילו קיין בליק נישט אויף קיי־נעם.

— און אויסגעשלייערט איז זי, ווי אויף אַן אָט־פּוסט.

— ווי הייסט, ביז מיטאָג זיצט זי דאָך אָפּ פֿאַרן שפּיגל באַם צוקעמען.

— און האַלט זיך נאָר אין איין צוקויפֿן בענדער און פֿאַר־שידענע שלייערצכן — האָבן זיי מיט קנאה גערעדט, וואָרן די

וויבער האָבן איר ווידער אָנגעהויבן פון אַ געוויסער צייט, קויט האָט זי זיך נאָר איבערן דאָרף באַוויזן, באַכצוטיקן זייערע שאַרפע בליקן, ווי די נעגל, און אַזעלכע גיפטיקע, ווי די זשמיעס. באַ אַ ליאַדער בעלעגנהייט האָט מען זי אויף די צונגען געטומען און זי דורכגעגישטערט, אַז זאָל גאָט אָפּהיטן, וואָרן מ'האָט איר בשום אויפן נישט געקענט שענקען, וואָס זי האָט זיך אַזוי געשלייערט, ווי קיינער נישט, און זי איז געווען שענער פון אַלע, נישט דערמאָנענדיק שוין דאָס, וואָס זי האָט מיט די מענער פאַראַרבעט.

— האַלט זיך גרעסער פון איטלעכן איינציקן, אַז ס'איז אַ־ש שווער דאָס איבערצוטראָגן!

— און שלייערט זיך, ווי אַ דושעדזשיצקע, און פּונקטאָגן נעמט זי דאָס דערויף!

— טה, און פאַרוואָס האָט דאָס דער וואָיט באַ איר אַזאַ חסד?

— מ'זאָגט יאַקאָש, אַז אַנטעק קאַרגט אויף נישט — האָבן זיך די באַלעבאָסטעס אויפן אויער איינגערוימט, צוזאַמענקלויבנדיק זיך פאַר דער פּלאַשקאָוועס הויף.

— אַנטעק זאָרגט אַזוי פיל וועגן איר, ווי אַ הונט וועגן פינפטן פוס — האָט זיך יאַגוסטינקאַ אַריינגעמישט — דאָרט שטעקט בראָד עמעץ אַנדערש! — האָט זי, אַזוי געבבדיק אָנצוגעהערן, זיך צעלאַכט, אַז מ'האָט אָנגעהויבן פאַר איר חלשן באַ אַלע הייליקייטן, אָבער זי האָט נישט אויסגעגעבן, נאָר צום סוף האָט זי אַזוי געזאָגט:

— איך טראָג נישט קיין רכילות. צ'האָט אויגן, איז קוקט אַליין נאָך.

פון דעם מאָמענט אָן האָבן יאַגנעס הונדערט פאַר שליפיעס נאָך פאַרביסענער טריט באַ טריט נאָכגעשפּיאָנירט, פּונקט ווי די יאַגהינט נאָך אַ העזל.

אָבער יאַגושען איז, כאָטש זי האָט אויף יעדן שריט און טריט געטראָפן אָט די פאַרבאַרגענע, היטנדיקע שליפיעס, דאָך

גאַרנישט אײַנגעפֿאַלן, וואָס איז איר דאָרט, איבעריקנס, דאָס אָנגעגאַנגען, אַז זי האָט אין יעדער צייט געקענט יאָשיאָן זען און דערטרינקען זיך אין זײַנע אויגן אויף טויט.

צו די אָרגאַניסטערס האָט זי שוין כמעט יעדן טאָג אַרײַנגעבליקט און שטענדיק אין אַזאַ צײַט, ווען יאָשיאַ איז געווען אינדערהיים. אַזוי, אַז טײַלמאָל, ווען ער האָט זיך גענומען לעבן איר אַנידערגעזעצט און ווען זי האָט דערפֿילט אויף זיך זײַן בליק, האָט זי שיער נישט געחלשט פֿון גלוסטיקייט, ס'האָט זי אַזאַ היץ אַרומגענומען, די פּיס האָבן זיך געטרייסלט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס, ווען אַבערש ווידער, ווען ער האָט אין צווייטן צימער די שוועסטערן געלערנט, האָט זי אויש דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן, זייענדיק אײַנגעהאָרכט אין זײַן שטימע, ווי אין אַ זיסן געקלאַנג, ביז וואַנען די אָרגאַניסטערנע האָט דאָס באַמערקט:

— וואָס הערט עץ ענק עפּעס אַזוי אויפֿמערקזאַם צו?

— וואָרן דער פּאַן יאָשיאַ רעדט אַזוי געלערנט, אַז ס'איז מיר שווער אים צו פֿאַרשטיין!

— צ'וואָלט געוואָלט! — האָט זי זיך נאַכלעסיק צעלאַכט. — און ווייניק שוואַלעס לערנט ער זיך דען — האָט זי מיט שטאָלץ צוגעוואָרפֿן, צערייגלענדיק זיך אין אַ ברייטן שמייכל ווענן זון, וואָרן זי האָט זי זייער ליב געהאַט און זי גערן פֿאַרבעטן, ווייל יאַגושיאַ האָט מיט חשק בײַ יעדער מין אַרבעט צוגעהאָלפֿן, און דערבײַ פֿלעגט זי נאָך אָפֿט עפּעס מיטברענגען דאָ באַרנעס, דאָ יאַגאָדעס, דאָ טײַלמאָל אַפֿילו אַ שטיקל פֿרישע פּוטער.

יאַגושיאַ האָט שטענדיק או סגעהערט די אַלע מעשיות מיט דער זעלבער אײַפֿעריקייט, נאָר קוים האָט זיך יאָשיאַ פֿון שטוב אַרויסגעריכט, האָט זי זיך אויך מכלומרשט אָנגעהויבן אײַלן צו דער מוטער; וואָרן זי האָט שרעקלעך אים ליב געהאַט נאָכצוקוקן פֿונדערווײַטנס, און נישט איינמאָל פֿלעגט זי, אַ פֿאַרבאָרגענע אין דער תבֿואה אָדער הינטער עפּעס אַ בוים, לאַנג אויף אים

קוקן און מיט אזא גערירטקייט, אז זי האט זיך נישט געקענט איינהאלטן פון וויינען

אבער שוין גאר צום ליבסטן זענען בא איר געווען די קורצע, ווארעמע, העלע נעכט, אז ווי נאר די מוטער איז אנטשלאפן געווארן, האט זי דאס בעטגעוואנט אין סאד ארויסגעטראגן, און ליגנדיק אויפן רוקן א פארקוקטע אין הימל, וואס האט דורך די צווייגן דורכגעשימערט, איז זי פארזונקען אין עפעס אומגעהייערע זיסע חלומות ווארעמע ווינטלעך האבן איר איבערן פנים געגלעט, די שטערן האבן איר אריינגעקוקט אין די אויגן. וואס זענען ברייט געעפנט געווען. פול ריחות-אנגעזאפטע שטימען פון דער פינסטערניש, שטימען פולע מיט אומרויקן פלאם און גלוסטיקייט, פארשטיקטע שעפטשען פון די בלעטער, שלעפעריקע, אפגעריסענע געפליסטער פון באשעפענישן, ווי פארשטיקטע זיפצן, ווי קולות, וואס טראגן זיך ערגעץ פון אינטער דער ערד, ווי שרעקעוודיקע שטילשווייגענישן האבן זיך אין איר מיט א וואונדערלעכער מוזיק געגאסן און דורכגענומען מיט א היץ, מיט א צאפל, איר דעם אטעם פארשטיקט און זי אין אזעלכע תאווהדיקע גלוסטיקייטן געשפאנט, אז זי האט זיך אראפגעקאלערט אויף דעם קאלטן, טוי-פייכטן גראז, פאלנדיק שווער, ווי א צייטיקע פרוכט... און זי איז געלעגן אנמעכטיק, אנגעפולט מיט עפעס א הייליקער, פרוכטבארער קראפט, פונקט ווי די צייטיק ווערנדיקע פעלדער, פונקט ווי די שווער אנגעלאדנטע צווייגן, פונקט ווי דער פאס אויסגעשטאנענער וויין, וואס איז גרייט דעם שערף זיך אונטערצוגעבן, די פייגל, צי גאר די ווינטן, ווארן אויף וואס פאר א גורל ס'זאל נישט זיין, האט ער שוין מיט בענקשאפט געווארט...

אט אזעלכע קורצע, ווארעמע, העלע נעכט האט יאגושיא געהאט און אט אזעלכע חמימהדיקע, צעגליטע תמוז-טעג, וועלכע זענען פארביי, ווי א זיסער, א שטענדיק באגערטער חלום.

זי איז טאקע ארומגעגאנגען, ווי אין א חלום, קוים

שוין אונטערשיידנדיק, ווען עס איז געווען טאָג, און ווען נאַכט.

די דאָמיניקאַנקאַ האָט געפילט, אַז עפּעס קומט מיט איר אויסטערלישס פאָר, אָבער זי האָט עס נישט געקענט באַגרייפן, האָט זי זיך דעריבער נאָר געפרייט מיט איר אומגעריכטער און אייפעריקער פרומקייט.

— כ׳וועל דיר זאָגן, יאַגוש, אַז ווער עס איז מיט גאָט, איז גאָט מיט אים! — פלעגט זי מיט גוטסקייט איבער־חזרן.

יאַגושיאַ האָט נאָר אַ שמייכל געטון, פול מיט שטילער, הכנעהדיקער גליקלעכקייט און דערוואַרטונג.

עפּעס וועלכן טאָג האָט זי זיך נישט ווילנדיק אָנגע־שטויסן אויף יאַשיאָן. ער איז געזעסן אונטער אַ גרענעץ־בערגל מיט אַ ביכל אין דער האַנט. זי האָט זיך שוין נישט געקענט צוריקציען און געבליבן שטיין פאַר אים, איינגאַנצן מיט אַ רויט־קייט באַדעקט און שטאַרק פאַרשעמט.

— וואָס טוט עך דאָ?

זי האָט אַ דערשראָקענע אָנגעהויבן שטאַמלען, מורא האָבנ־דיק, ער זאָל זיך עפּעס נישט אָנשטויסן.

— זעצטס ענק, איך זע, אַז צ׳זענט פאַרמאַטערט.

זי האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט, נישט וויסנדיק וואָס צו טין, האָט ער זי אַ ציִ געטון בײַ דער האַנט, און זי האָט זיך לעבן אים אַנידערגעזעצט, באַהאַלטנדיק געשווינד די באָרוועסע פיס אונטערן וועלניאַק.

אָבער אויך יאַשיאָ איז געווען צעמישט, ער האָט זיך עפּעס די ראַטלאַז אין אַלע זייטן אומגעקוקט.

פוסט איז געווען אויף די פעלדער, די ליפּצער דעכער און סעדער האָבן זיך פון די תבואות אויפגעהויבן, פונקט ווי מייטע אינדזלען, דער ווינט האָט עטוואָס אַ שאַר געטון מיט די זאַנגען, ס׳האָט געשמעקט מיט צעוואַרעמטער מאַטשעזשאַנקע און מיט קאָרן, עפּעס אַ פויגל איז איבער זיי דורכגע־פלויגן.

— ס'איז שרעקלעך הייס היינט! — האָט ער באַמערקט, אַבי נאָר עפּעס אָנצוהייבן.

— און נעכטן האָט אויך נישקשהדיק געבאַקן! — ס'האָט זי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז עפּעס אַ פריידיקע שרעק, אַז זי האָט קוים געקענט אַ וואָרט אויסרעדן.

— אַ ליאַדע טאָג וועט מען אָנהייבן שניידן.

— זיכער... פאַרשטייט זיך... — האָט זי צוגעשטימט, פאַרזינקענדיק אין אים די שווערע אויגן.

ער האָט אַ שמייכל געטון און געפּרוווט אָנהייבן רעדן פרייער, כמעט אין שפּאַס:

— יאַגושיאַ ווערט וואָס אַ טאָג שענער...

— ווי קום איך צו שיינקייט! — אַ רויטקייט האָט זי באַדעקט, די טונקעלע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פלאַמען, און די ליפּן האָבן אויפגעציטערט מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע פון פרייד.

— און יאַגושיאַ וויל טאַקע אינדערעמתן נישט חתונה האָבן?

— ס'חלומט זיך מיר אפילו נישט, ס'איז מיר דען שלעכט אַליין!

— און קיין איינער געפעלט אייך נישט, האַ? — איז ער וואָס אַמאָל דרייסטער געוואָרן.

— קיינער נישט, ניין, קיינער! — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויף אים מיט אירע זיס־צעחלומטע אויגן, ער האָט זיך צוגעבויגן און זיך טיף אַריינגעקוקט אין די בלויע תהומען; אַ תפילה האָט זי געזאָגט שטעקן אין איר בליק, די טיפסטע, און זיסטע, און פאַרטרויעלעכסטע תפילה, אַ הייסער אויסגעשריי פון האַרץ, וואָס רייסט זיך אַרויס בשעת מ'הייבט אויף די האָסטיע. די נשמה האָט אין איר געפלאַטערט, ווי די פינקלענישן פון דער זון איבער די פעלדער, ווי אַ פויגל, וואָס איז הויך איבער דער ערד צעזונגען.

ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט און אויסטערליש אומרויִקער, אויסגעריבן זיך די אויגן און אויפגעשטאַנען.

— כ׳מוז שוין גיין אַהיים! — ער האָט זיך געזעגנט, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, און מיט דער ברייטער מיעדווע צום דאָרף־צו אַוועקגעגאַנגען, לייענענדיק פון צײַט צו צײַט דאָס ביכל, דאָ האָט ער מיט די אויגן געבלאָנדזשעט, אָבער עפּעס אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אומגעקוקט און איז שטיין געבליבן.

יאַגושיאַ איז מיט עטלעכע טריט הינטער אים נאָכגעגאַנגען.

— וואָרן מיר איז דאָ אַרומעט אַ סך בעסער — האָט זי זיך אַ דערשראָקענע ווי פאַרענטפערט.

— איז לאָמיר־זשע גיין צוזאַמען — האָט ער אַ מרוק געטאָן, נישט זייענדיק זייער צופרידן פון דער געזעלשאַפט, ער האָט אַרײַנגעטאָן די אויגן אין ביכל, און גייענדיק פּאַמעלעך, האָט ער מיט אַ האַלב קול געלייענט.

— וועגן וואָס איז דאָ אָנגעשריבן? — האָט זי מיט שרעק זיך אַ פרעג געטאָן, אַרײַנקוקנדיק אין די בלעטלעך.

— אויב עס ווילט, וועל איך ענק אַ ביסל לייענען.

און ווייל נישט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַ צעצווייגטער בוים, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין שאָטן און אָנגעהויבן צו לייענען. יאַגושיאַ האָט זיך אַראָפּגעזעצט טשיפּקע אַקעגנאיבער, און אָנשפּאַרנדיק די גאָמבע אויף דער פויסט, האָט זי זיך מיט דער גאַנצער נשמה אײַנגעהאָרכט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן.

— ווי געפעלט ענק? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אַ וואָרף געטאָן, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

זי איז רויט געוואָרן, און אַוועקנעמענדיק די אויגן, האָט זי פאַרשעמט אַ מרוקע געטאָן:

— יעך ווייס... דאָס איז נישט קיין מעשה וועגן מלכים, האָ?

ער האָט זיך נאָר אַ פּאַרקרום געטון און ווידער אָנגעהויבן צו לייענען, אָבער שוין געלאַסן, און וואָרט באַ וואָרט: וועגן פעלדער און תבואות האָט ער געלייענט, וועגן עפּעס אַ הויף, וואָס שטייט אין אַ בזשאָזע-וועלדל, ווי וועגן עפּעס אַ דזשעדזשיצס אַ זון, וועלכער איז צוריקגעקומען אַהיים, און וועגן אַ הויפּישער פּאַניעקע, וואָס איז זיך מיט קינדער אין גאָרטן געזעסן... און אַלץ איז געווען צוגעפּאַסט צום גראַם, אַקוראַט, ווי אין די תּפֿילהדיקע בעזאַנגען. גלייך ווי עמעץ וואָלט דאָס פון דער אַמבאָנע אַראָפּ פאָרגעלייענט, אַז טיילמאָל האָט זיך איר געוואָלט זיפצן, איבערצלמן זיך און אַרויסוויינען, אַזוי האָט עס זי באַם האַרץ אָנגענומען.

אָבער ס'איז זייער הייס געווען אין דערדאָזיקער שטילקייט ווו זיי זענען געזעסן, אַרום זיי איז געשטאַנען אַ געדיכטע וואַנט פון קאָרן, דורכגעפלאָכטן מיט די בלויע קאָרנבלימלעך, מיט וויקע און מיט שמעקעדיקע פּאָוואָיען, אַז קיין פּיצל ווינטל האָט נישט קיין קיל געטון, נאָר אין דערדאָזיקער הייסער שטילקייט האָט זיך טיילמאָל אַ שיט געטון אַ גרילץ פון די אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, טיילמאָל האָבן שפּאַצן צווישן די צווייגן זיך צעטשוויטשערט. אַ דורכפלי:ענדיקע בין האָט אַ זום געטון, און יאַשיאָס שטימע, וואָס איז מיט אַזאַ זיסקייט אָנגעזאַפּט געווען, האָט געקלונגען, נאָר יאַגושיאַ, כאָטשיק זי איז איינגעקוקט געווען אין אים, ווי אין דעם הערלעכסטן בילד, און זי האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרלוירן, האָט זיך איינמאָל און ס'צווייטע מאָל אַ וויג געטון, וואָרן די היץ האָט זי צעגומען און אַ שלאָף האָט זי געפּייניקט, אַז זי האָט קוים שוין געקענט אויסהאַלטן.

צום גליק האָט ער איבערגעריסן דאָס לייענען און איר טיף אין די אויגן אַריינגעקוקט.

— אמת, ווי הערלעך, וואָס?

— פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז הערלעך... ווי כ'וואָלט אַ מוסר-דרשה געהערט.

די אויגן האָבן אים אַזש אויפגעבליצט, און אויפן פּנים

שנען אים פאַרשידענע קאָלירן אַרויסגעקומען, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערציילן, לייענענדיק נאָכאַמאָל דידאַקטיק ערטער, ווי עס איז געווען באַשריבן וועגן די פעלדער און וועלדער, אָבער זי האָט אים איבערגעריסן:

— דאָס ווייסט דאָך אַ קינד אויך, אַז אין אַ וואַלד וואַקסןביימער, אין טייכן איז דאָ וואַסער און, אַז מ׳זייעט אויף די פעלדער, איז צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ אָפּדרוקן?...

יאָשיאָ האָט זיך אַזש צוריקגעצויגן פון פאַרווונדערונג.

— מיר געפעלן נאָר אַזעלכע מעשיות וועגן מלכים, וועגן מחבלים, אָדער וועגן רוחות, וואָס, אַז מען הערט דאָס אויס, גייען אַזש מאַרעווקעס דעם מענטש אַדורך און ווי ער וואָלט הייסע קוילן אין דער ברוסט אָנגעשיט. אַז ראָכאָ דערציילט אַמאָל אַזעלכע מעשיות, וואָלט איך אים טאָג און נאַכט אויסגעהערט. צי האָט דער פאָן יאָשיאָ ביכלעך וועגן דעם?

— און ווער וואָלט עס געלייענט אַזעלכע בבא־מעשיות! — האָט ער מיט פאַראַכטונג אַרויסגעפּלאַצט, זייענדיק טיף געערגערט.

— בבא־מעשיות! אוודאי, טאַטש ראָכאָ האָט דאָך וועגן דעם געלייענט און פון געדרוקטן.

— נאַרישקייטן האָט ער ענק געלייענט און בלויז געניאַרעריי!

— ווי הייסט, איז וואָלט מען נאָר צוליב געניאַרעריי אַזעלכע הערלעכע מעשיות אויסגעטראַכט?...

— יאָ דאָס אַלץ זענען בבא־מעשיות און אויסגעטראַכט.

— איז אויך בישט אמת וועגן שדים? און וועגן מחבלים? — האָט זי וואָס אַמאָל שמערצלעכער געפרעגט.

— ס׳איז נישט אמת, איך זאָג דאָך ענק! — האָט ער אַן אומגעדולדיקער אָפּגעענטפערט.

— איז דאָס אויכעט נישט אמת, אַז פאַן יעזוס האָט מיטן הייליקן פּיעטער אַרומגעוואַנדערט, האַ?...

ער האָט נישט באַוויזן אָפּצוענטפערן, וואָרן פּלוצלינג איז זי פון אונטער דער ערד אַרויס אויסגעוואַקסן די קאָזלאָווא, און אָפּשטעלנדיק זיך דערלעבן, האָט זי זיי מיט שמייכלענדיקע שלי־פּיעס אָנגעקוקט.

— און דאָרט זוכט מען אַרום דעם פאַן יאַש איבערן גאַנצן דאָרף — האָט זי זיס אויסגערופן.

— וואָס איז דאָרט געשען?

— אפשר דריי בריקעס מיט זשאַנדאַרן זענען אין דער פּלעבאַניע אַריין אָנגעקומען.

ער איז אויפגעשפּרונגען אַן אומרויקער און כמעט אַן איין אָטעם אוועקגעלאָפן.

יאַגושיאַ איז אויך געגאַנגען אין דאָרף אַריין, אָבער עפּעס זייער פּאַראומעטיקט.

— כ׳האָב ענק זיכער געמוזט דעם פּאַטשערזש איבעררייסן, האַ? — האָט די קאָזלאָווא, גייענדיק דערלעבן אַ שיפּע גע־טון.

— פּאַטשערזש ווידער! ער האָט מיר אַרויסגעלייענט פון אַ ביכל אַזעלכע הערלעכע מעשיות, צוגעפּאַסטע צום גראַם.

— טה... און איך האָב גאָר אינגאַנצן עפּעס אַנדערש געמיינט. די אָרגאַניסטעכע האָט מיך אַ שיק געטון אים זוכן... לויף איך אין דער זייט אַריין, כ׳קוק מיך אום... לײדיק... האָט מיך עפּעסטשיס אַ ציפּ געטון, אַרונטערצוקוקן אונטער דעם באַרנבוים... כ׳גיב אַ קוק.., זיצן זיך צוויי טייבעלעך... טענהן איין... אמת, אַ צוגעקליבן אָרט... ווייט פון מענטשנס אויגן... אמת..

— אַז ס'זאָל ענק די פּאַסקודנע צונג אָפּדאַרן — האָט ד
אַרויסגעפּלאַצט, אַוועקלאָזנדיק זיך פֿאַרויס.

— און ס'וועט דיר האָבן ווער די זינד צו פֿאַרגעבן! —
האָט זי איר גיפּטיק נאָכגעשריגן.

X

יאַגושיאַ האָט באַלד באַם ערשטן אַריינקום באַמערקט, אַז אין דאָרף טוט זיך עפּעס וויכטיקס אָפּ, די הינט האָבן פאַרביסע־נער איז די הייף געבילן, די קינדער האָבן זיך אין די סעדער באַהאַלטן, אַפּערבליקנדיק נאָר פון הינטער די ביימער און פּלויטן, מענטשן זענען שוין אַהיימגעגאַנגען פון די פעלדער, כאָטש די זון איז נאָך הויך געשטאַנען, אויף אַנדערע ערטער האָבן זיך מאַטלענדיקע ווייבער שטיל צונויפגעקליבן, און פון אַלע פּנימער האָט זיך אַראָפּגעזען אַ שרעקלעכע אומרויקייט, און אַלעמענס אויגן האָבן אויסגעדרוקט פול שרעק און דערוואַרטונג.

— וואָס טוט זיך דאָ אָפּ? — האָט זי אַ פרעג געטון באַ דער באַלצערקווינען, וועלכע האָט פון הינטער אַ וואַנט אָפּגעקוקט.

— כ'ווייס נישט, מ'זאָגט הפנים, אַז עפּעס חיילות גייט פון וואַלד.

— יעזוס, מאַריאַ! חיילות! — די פּיס האָבן זיך איר פון שרעק געבויגן.

— און קלאָנביאַק האָט נאָר וואָס דערציילט, אַז קאָזאַקן
בייען פון וואָליע — האָט די פריטשקוונאַ, וועלכע איז ערגעץ־ווו
געלאָפן, אַריינגעוואָרפן.

יאַגושיאַ האָט אָנגעהויבן צו שטעלן גיכערע טריט, מיט
נישט וויַנציק שרעק אָנקוקנדיק צו דער כאַלופּע. די מוטער איז
געזעסן אויף דער שוועל און געשפּינען, און לעבן איר אַ פּאָר
מאַטלענדיקע ווייבער.

— כ'האָב זיי געזען, ווי כ'זע ענק, זיי זיצן אויפן גאַ־
ניק, און די עלטסטע זענען באַם גלח אין די סאַלאַ־
נען.

— און מיכאַל דעם אָרגאַניסטערס האָט מען געשיקט נאָכן
וואָיט.

— נאָכן וואָיט! מענטשן מיינע, דאָס איז נישט קיין
חכמות! האַ, האַ, שיינע מעשיות וועלן דערפון אַרויסקומען, שיינע
מעשיות...

— און אפשר זענען זיי נאָר געקומען די שטייערן איינ־
מאָנען.

— אוודאי, וואָלט אַזש אַזאַ עולם אָנגעקומען, האַ? דאָס
מוז שמעקן מיט עפּעס אַנדערש.

— זיכער, אָבער קיין שום גוטס וועט דערפון נישט אַרויס־
קומען, צ'וועט זען, צ'וועט געדענקען מיינע רייד.

— וועל איך ענק זאָגן, נאָכוואָס זיי זענען געקומען — האָט
יאַגוסטינקע, צוגענענענדיק צו זיי, אָנגעהויבן.

זיי האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אויף איין קופּע, און פּונקט
ווי די גענדז, האָבן זיי די העלדזער אויסגעצויגן, אויסהערנדיק
מיט נייגעריקייט.

— דאָס וועט מען ענק פאַרשרייבן צו די זעלנער — האָט
זי קראַקענדיק זיך צעלאַכט, אָבער קיין שום האָט איר נישט
אונטער־געהאַלטן, נאָר די דאָמיניקאָווא האָט איר מיט אַ שטאָך אַ
זאָג געטון:

— עך האָט שטענדיק אין זינען די הינטישע קונצן.

— וואָרן פון אַ ליאַדע דאָס מאַכט עך אַ גאַנץ עסק! אַלע

האָבן שיער נישט די ציין פאַר שרעק פאַרלוירן, און איטלעכע וואָלט גערן געוואָלט ס'זאָל עפּעס זיין. אַ וואַזשנע זאַך מיר זשאַנדאַרן!

די פלאַשקאָווא האָט אַריינגעשטופּט איר אויסגעפּאַשעטן קאָלדן אין הויף אַריין און גענומען דערציילן, ווי ס'האָט זי באַלד עפּעס־טשעס אַ פּיק געטון, ווען זי האָט נאָר די בריקעס דערזען, ווי...

— שטילערהייט! אָט לויפן זיי, גושעלאַ מיטן וואַיט, צו דער פלעבאַניע.

זיי האָבן אַ פיר געטון די אויגן אויף דער צווייטער זייט סטאַו, באַגלייטנדיק אַזוי די גייענדיקע.

— טה, איז רופט מען גושעלען אויכעט.

אָבער זיי האָבן נישט געטראָפן, וואָרן גושעלאַ האָט געלאָזט דעם ברודער פאָרויס, און אַליין האָט ער באַטראַכט די בריקעס, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דער פלעבאַניע, ר'האָט אויסגעפרעגט די פורמאַנעס, צוגעקוקט זיך צו די זשאַנדאַרמען, וואָס זענען געזיצן אויפן גאַניק, און עפּעס זייער אַ באַאומרויקטער איז ער אַוועקגעלאָפן צו מאַטעושן, וועלכער איז געווען פאַרנומען באַ סטאַכאָס כאַלופּע. ער איז גראָד געזעסן אויפן דאַך־באַלקן, אויסהאַקנדיק לעכער צו פאַרזעצן די קראָקוועס.

— זיי זענען נאָכנישט אַוועקגעפאָרן? — האָט ער אַ פרעג געטון, נישט אויפהערנדיק צו אַרבעטן.

— ניין, אָט דאָס איז די צרה, וואָס מ'ווייסט נישט נאָכוואָס זיי זענען געקומען

— אין דעם שטעקט גאָרנישט קיין גוטס! — האָט דער אַלטער אַרויסגעשטאַמלט.

— און אפשר וועגן דער פאַרזאַמלונג! דער נאַטשעלניק האָט טאַקע געדראָעט, און די סטראַזשניקעס האָבן זיך שוין דאָ און דאָרט נאָכגעפרעגט, ווער עס בונטעוועט ליפּצע — האָט מאַטעוש אויסגערופן, אַראָפּרוקנדיק זיך אויף דער ערד.

— דאָס זעט אָקוראַט אויס, אַז מ'איז געקומען נאָך

מיר! — האָט גושעלאַ א מורמל געטון, אומקוקנדיק זיך אומרויק. ער איז בלאַס געוואָר, און שווער מיט די ברוסטן געאַרבעט.

— און מיר דאַכט זיך, אַז גיכער נאָך ראָכאָן! — האָט סטאַכאַ באַמערקט.

— זמת, מ'האָט זיך שוין טאַקע וועגן אים באַכגעפרעגט! ווי דאָס איז מיר אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען! — האָט ער מיט אַ פאַרלייכטערונג אָפגעאָטעמט, אָבער זייענדיק שרעקלעך פאַרדאגהט וועגן ראָכאָן, האָט ער טרויעריק אויסגערופן:

— ס'איז שוין קיין שום ספק נישט, אַז אויב זיי האָבן דאָ עמעצן צו נעמען, איז נאָר ראָכאָן!

— ווי הייסט, קען מען אים דען אַרויסגעבן, הא? און איינגעבעם טאָטן, הא? — האָט מאַטעוש אויסגעשריגן.

— וואָס דען, ס'איז דען אַן אופן זיי זיך אַקעגנצושטעלן, ס'קען גאָר קיין רייד דערפון נישט זיין...

— לאָז ער זיך חוּ ערגעץ באַהאַלטן, מ'דאַרף אים מודיע זיין, אוודאי... — האָט ביליצאַ געשטאַמלט.

— און אפשר איז עס גאָר עפעס אַנדערש, אפשר איז דאָס מיטן וואָיט גאָר אַן ענין... — האָט סטאַכאָ נישט דרייסט זיך אָנגערופן.

— אויף יעדן פאַל לויף איך אים אָנזאָגן! — האָט גישעלאַ אויסגערופן און איז אַ שאָס געטון אין קאָרן אַריין, דורכקלויבנדיק זיך מיט די גערטנער צו באָרינען.

אַנטעק איז געזעסן אויפן גאַניק, אָפשמידנדיק אַ שערפ אויפן שמיד-אייזן. ער איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפרונגען, דערהוּסנדיק זיך וועגן וואָס עס גייט.

— ער איז גראָד איצט געקומען צו גיין. ראָכאָ, קומטס נאָר דאָ אַהער! — האָט ער אַ געשריי געטון.

— וואָס איז געשען? — האָט דער אַלטער געפרעגט, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ דורכן פענסטער, אָבער נאָך איידער

זיי האָבן אים באַוויזן עפּעס צו זאָגן, איז בעקומען צו לויפן, אַ שרעקלעך דעריאַכמעטער, מיכאַל דעם אָרגאַניסטערס.

— עך ווייסט, צו ענק, אַנטאָני, שיטן זיך אַ חברה זשאָנדאַרן! זיי זעבען שוין באַם סטאַוו!...

— דאָס איז נאָך מיר! — האָט ראָכאָ אַ קרעכץ געטון, אַראָפּלאָזנדיק טרויעריק דעם קאָפּ.

— יעזוס, מאַריאַ! — האָט האַנקאַ אַ געשריי געטון, בלייבנדיק שטיין אויף דער שוועל, און אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין.

— שטילער! מ׳דאַרף עפּעס געפינען אַן עצה! — האָט אַנטעק אַ שעפּטש געטון, אָנשטרענגענדיק דעם געדאַנק.

— מ׳וועט דאָס גאַנצע דאָרף אַליאַרמירן און מען וועט ענק נישט אַרויסגעבן, ראָכאָ! — האָט זיך מיכאַל געכאַפּט, אויסברעכנדיק אַ פּעסטע צווייג און גרויזאַם פירנדיק מיט די אויגן.

— פּלוידער נישט! ראָכאָ, הינטערן סטויג אַרונטער און אַריין אין קאָרן, נאָר גיכער! ליגטס דאָרט אונטער ערגעץ אין אַן אַקער-גראָבן, ביז האָבן איך וועל ענק נישט קיין רוף טון. נאָר געשווינד, כדי זיי זאָלן נישט אָנקומען...

ראָכאָ האָט זיך אַ דריי געטון איבער דער שטוב, ר׳האָט יוזקען, וועלכע איז געלעגן אין בעט, אַ וואָרף געטון עפּעס פּאַפּירן, און אַ שעפּטשע געטון:

— באַהאַלט אונטער דיר, און גיב נישט אַרויס!

און אַזוי ווי ר׳איז געשטאַנען, אָן היטל און אָן דער קאַפּאָטע, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין סאָד אַריין און פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אַ שטיין אין וואַסער, אַז נאָר ערגעץ-ווו הינטערן סטויג האָט זיך דאָס קאָרן אַ ריר געטון.

— ביי אַוועק, גזשעלאַ! האַנקאַ, צו דיין אַרבעט! אַנטלויף, מיכאַל, און קיין פּיפּס נישט! — האָט אַנטעק באַפוילן, אַנידערזעצנדיק זיך צוריק צו דער איבערגעריסענער אַרבעט, און ווידער אָנגעהויבן צו שאַרפן דעם שערפּ אַזוי גלייך און רויק, ווי פריער, נאָר וואָס יעדע ווײַלע האָט ער די שאַרף אונ-

שער דער ליכט אויפגעהויבן, און געפּליצט מיט די שליפּיעס אויף אַלע זייטן, וואָרן דאָס געבילערײַ פון די הינט האָט זיך וואָס אַמאָל מער דערנעענטערט און אײַנגיכן האָבן זיך דערטראָגן שווערע טריט, אַ געקלאַנג פון שווערדן און געשפּרעכן...

ס'האַרץ האָט אים אַ קלאַפּ געטון, און די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט, אָבער ער האָט געשיצט גלײַך, אַקוראַט, כּסדר נאָכאַנאַנד, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן, אַזש ביז זיי זענען פאַר אים שטיין געבליבן.

— ראַכאָ איז אין דער היים? — האָט דער וואַיט געפרעגט, זייענדיק שטאַרק איבערגעשראָקן.

אַנטעק האָט די גאַנצע באַנדע מיט אַ בליק אַרומגענומען און געלאַסן אָפּגעענטפערט:

— ער מוז זײַן אין דאָרף, וואָרן כ'האָב אים שוין פון איינדערפרי אָן נישט געזען.

— עפענען! — האָט עמעץ אַן עלטסטער אַרויסגעדונערט מיט אַ באַפעל.

— ס'איז דאָך אָפן! — האָט אַנטעק אָפּגעבורטשעט, אויפהייבנדיק זיך פון דער באַנק.

דער באַמטער איז צוזאַמען מיט די זשאַנדאַרמען אַרײַן אין דער כאַלופּע, און די סטראַזשניקעס זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן אָפּצוהיטן דעם סאַד מיטן הויף.

אויפן וועג האָט זיך שוין געהאַט צוזאַמענגעקליבן העכער אַ האַלב דאָרף, צוקוקנדיק זיך אין שטילשווייגן, ווי אַזוי מען האָט דורכגעטרייסלט דאָס גאַנצע הויז, ווי אַ קופּע היי. אַנטעק האָט זיי געמוזט אַלץ ווײַזן און אויפעפענען, און האַנקאַ איז געזעסן בײַם פענסטער מיט דעם קינד בײַ דער ברוסט.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געזוכט בחנם, אָבער זיי האָבן אַזוי אומעטום דורכגענישטערט, נישט אַדורכלאָזנדיק לגמרי גאָרנישט, אַז עמעצער האָט אפילו אונטערן בעט אַרונטערגעקוקט.

— ער זיצט דאָ׳ט און וואַרט טאַקע אויף ענק! — האָט זי אַ מרוקע געטאָן.

דער עלטסטער האָט דערזען אויפן טיש עפּעס אַ ביכל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ יעזוס־בילדל. ער איז אַ שפּרונג־צו געטאָן דערצו, ווי אַ קאַץ, און גענומען עס אויפמערקזאַם באַטראַכטן.

— פונוואַנען האָט איר דאָס?

— ס׳קען זיין, ראָכאַ האָט עס אַנידערגעלייגט, ליגט עס אַזוי.

— די באַרינאַווא איז נישט גראַמאָטנע! — האָט דער וואַיט דערקלערט.

— ווער קען פון ענק לייענען?

— קיינס נישט, מען האָט אונדז אַזוי גוט געלערנט אין דער שקאָלע, אַז איצט קען אפילו קיינער נישט אין ביכל פון פּאַטשערזש קיין וואָרט צונעמען! — האָט אַנטעק אָפּגעענטפערט.

דער עלטסטער האָט אָפּגעגעבן דאָס ביכל אַן אַנדערן און געלאָזט זיך אויף דער צווייטער זייט הויז.

— וואָס איז דאָס, אַ קראַנקע? — האָט ער עטוואָס צוגעגאַנגען צו יוזקען.

— יאָ, זי ליגט שוין פון עטלעכע וואָכן אויף פּאַקן.

דער באַאַמטער האָט זיך אין איילעניש צוריקגעצויגן אין פאַרדערהויז אַריין.

— אין דער שטוב האָט ער דאָס געוווינט? — האָט ער דעם וואַיט אויסגעפרעגט.

— אין דער, און ווו ס׳איז אים אויסגעקומען, געוויינטלעך, ווי אַ דזשאַד.

זיי האָבן דורכגעקוקט יעדער ווינקל, ווכנדיק אפילו הינטער די בילדער. יוזקאַ איז זיי נאָכגעקראָכן מיט די צעפּלאָנטעטע אויגן, און זי האָט זיך אַזוי געטרייסלט פון שרעק, אַז ווען עמעצער האָט זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי אין אומבאַוווסטזיין אַ קראַקע געטאָן:

— יאָ, כ'האָב אים אַוודאי אונטער מיר באַהאַלטן, האַכסס!...

און ווען זיי האָבן געענדיקט, איז אַנטעק צוגעטרעטן צום עלטסטן, און בייגנדיק זיך צו אים ביזן גאַרטל, האָט ער מיט אַן הכנעהדיק קול אים אַ פרעג געטון:

— כ'בעט איבער זיין כבוד, צי האָט ראָכאָ געמאַכט עפּעס אַ גנבה?...

דער באַאַמטער האָט אים עפּעס אַ קוק געטון פון דער באַנט אין פּנים אַריין און באַטאָנענדיק צו אים אויסגערופן:

— און טאָמער וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דו באַהאַלטסט אים, וועט עך שוין ביידע צוזאַמען הולכן, דו הערסט?...

— אוודאי הער איך, נאָר כ'קען מיך בשום אופן נישט אָנשטויסן אין וואָס פאַר אַן ענין דאָ גייט! — ער האָט זיך פאַרדאַגהט אַ קראַץ געטון, דער באַאַמטער האָט אויף אים שאַרף אַ קוק געטון און זיך אַוועקגעטראָגן אין דאָרף אַריין.

זיי זענען נאָך אַרומגעגאַנגען איבער פאַרשידענע כאַלופּעס, אַריינגעבליקט דאָ און דאָרטן, אויספרעגנדיק ווער ס'איז זיי נאָר אונטערגעקומען, אַזוי, אַז די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען, און די ווען זענען מיט סטאַדעס, וואָס מ'האָט פון די פּאַשעס אַראָפּגעטריבן געווען פאַרפּאַקט, ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן, גאָרנישט האָבנדיק אויפגעטון.

דאָס דאָרף האָט אָפּגעטעמט, און מיטאַמאָל האָבן אַלע בעקריגן לשון, וואָרן איטלעכער איינציקער האָט דערציילט, ווי אַזוי מ'האָט געזוכט בײַ קלאָנבן, ווי אַזוי בײַ גושעלען, ווי אַזוי בײַ מאַטעושן, און יעדער איינציקער האָט צום בעסטן געווען און צום ווינציקסטן מורא געהאַט און צום מיינסטנס זיי די יאָרן דערגאַנגען.

ביז אַנטעק האָט, ווען ער איז שוין געהאַט איבערגעבליבן אַליין, שטיל אַ זאָג געטון צו האַנקען:

— דער ענין, זע איך, איז אַזעלכער, אַז ס'איז אים שוין קיין אופן נישט אין דער כאַלופּע צו האַלטן.

— וואָס הייסט, וועסט אים אַרויסטרייבן! אַזאַ הייליקער מענטש, אַזאַ בעל טובה!

— אַז זאָל עס דער רוח נעמען! — האָט ער אַ שעלט געטון, נישט וויסנדיק שוין, וואָס מען הייבט אָן צו טון. אַ גליק, וואָס איינגיכן איז געקומען צו לויפן גזשעלאַ מיט מאַטעושן, און כדי עפּעס פעסטערס צו באַשליסן, האָבן זיי זיך פאַרמאַכט אין שייער, וואָרן אין דער כאַלופּע איז כסדר וועד אַרייַנגעפאַלן עפּעס אויסשפּירן.

די פינסטערניש האָט שוין אינגאַנצן געהאַט די וועלט אַרומגענומען, האַנקאַ האָט אויסגעמאָלקן די בהמות, און פּיעטרעק איז געקומען צו פאָרן פון וואַלד, ווי זיי זענען ערשט אַרויסגעקומען. אַנטעק האָט באַלד גענומען אויסלאַדעווען די בריקע, און גזשעלאַ מיט מאַטעושן זענען, כדי די אויגן צו פאַרבלענדן, מכלומרשט געגאַנגען זוכן ראַכאַן איבער די הייזער.

מ'האָט זיך זייער דערויף געוווּנדערט, וואָרן איטלעכער איינציקער איז גרייט געווען צו שווערן, אַז ער זיצט באַהאַלטן ערגעץ בײַ באָריבען.

— באַלד נאָכמיטאָג איז ער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן און מ'הערט נישט און מען זעט נישט! — האָבן די גוטע פרייַנט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג.

— ער האָט אַ גליק, ער וואָלט שוין געווען בעגאַנגען אין קייטלעך!

און מיטן קוק האָט זיך צעטראָגן, אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט, אַז ראַכאַ געפינט זיך שוין נישט אין דאָרף פון נאָכמיטאָג אָן.

— ער האָט דערשנאַפּט און ער איז נישט געוואָרן, חוץ דער פעפער וואַקסט! — האָט מען צופרידן צווישן זיך איינגעטענהט.

— באַר זאָל ער דאָ מער נישט צוריקקומען, מ'דאַרף אים

דאָ נייטיק גישט האָבן! — האָט דער אַלטער פלאַשקאַ אויסגערופן.

— ער מאַכט ענק קאַליע? און אפשר האָט ער ענק מיט עפּעס באַעוולהט, האַ? — האָט מאַטעוש אַ וואָרטשע געטון.

— ר'האָט אַ קנאַפּע מהומה אָנגעמאַכט? ר'האָט ענק ווייניק געבונטעוועט? דורך אים קען נאָך אַמאָל דאָס גאַנצע דאָרף ליידן...

— טאָ כאַפּטס אים און גיטס אים אַרויס!...

— צ'וואָלט געהאַט שכל, וואָלטן זיי אים שוין לאַנג געהאַט...

מאַטעוש האָט אים געשאָלטן און געוואָלט שלאָגן, מ'האָט די קוים פונאַנדערגענומען, האָט ער אים נאָר מיט דער פויסט געדראָעט, אָנגעזידלט ווי אין אַ הונט אַריין און אַוועקגעגאַנגען. און ווייל אויף דער וועלט איז שוין געהאַט גוט פינסטער געוואָרן, איז זיך דער עולם איבער די כאַלופּעס פונאַנדערגעגאַנגען.

דערויף האָט נאָר אַנטעק טאַקע געוואַרט, וואָרן אַזוי ווי נאָר די וועגן זענען אָפּגעליידיקט געוואָרן און די מענטשן האָבן זיך באַזעצט צו די וועטשערעס, און איבערן דאָרף האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן די ריחות פון סלאָנינע, דאָס געקראַצעריי פון לעפל און שטילע געשפּרעכן בײַ די שיסלען, האָט ער געבראַכט צו פירן ראָכאָן אין יוזקעס זײַט אַריין, גישט לאָזנדיק אָנצינדן קיין פייער.

דער אַלטער האָט עפּעס־וואָס איבערגעכאַפּט, צוזאַמענגענומען וואָס ס'איז געווען ז'ינס, און אָנגעהויבן זיך געזעגענען מיט די ווייבער. האַנקאַ איז אים געפאַלן צו די פיס, און יוזקאַ האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ היילנדיק און ביטער געוויין.

— בלײַבטס געזונט, אפשר וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל זען! — האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געשעפּטשעט, צודריקנדיק זיי צו דער ברוסט, און קושנדיק זיי די קעפּלעך, ווי אַן

איינגענער טאטע. נאָר ווייל אַנטעק האָט זייער צוגעיאָגט, האָט ער, בענטשנדיק נאָך די קינדער און די שטוב־מענטשן, זיך אי־בערגעצלמט און געלאָזט זיך גיין דורך דער פלויט־עפענונג היג־טערן סטויג אַרונטער.

— די פערד וועלן ווארטן בא שימעקען אין פאַדלעשיע, און מאַטעוש וועט ענק אַוועקפירן.

— כ'מוז נאָך אַרייַנבליקן צו עמעצן אין דאָרף... וווּ וועלן מיר זיך טרעפן?...

— לעבן דער פיגור אונטערן וואַלד, מיר גייען אַלע באַלד אַהין...

— איז גוט, וואָרן כ'האָב נאָך מיט גושעלען זייער אַ סך צו רעדן.

און ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינסטערניש, אַז מ'האָט אַפילו קיין טריט נישט געהערט.

אַנטעק האָט איינגעשפאַנט די פערד, אַרויפגעלייגט אויף דער פור עפעס אַ פערטל קאָרן און אַ זאַק קאַרטאָפל, איינגע־טענהט עפעס לאַנג מיט וויטעקן אין אַ זייט און הויך דערנאָך אויסגערופן:

— וויטעק, פיר אַוועק די פערד צו שימעקען קיין פאַדלע־שיע און קום צוריק! פאַרשטייסט?

דאָס שגצל האָט נאָר אויפגעבליצט מיט די שליפּיעס, צו־געריסן זיך צו די פערד און זיך אַ לאָז געטון פון דער קאַפּיטע; וועק אַזוי ראַשיק, אַז אַנטעק האָט אים אויש נאָכגע־שריגן:

— געלאַסענער, וואָרן וועסט מיר, יוכע, די שקאַפּע דער־מאָרדעווען!

דערווייל האָט זיך ראָכאַ בגנבה אַריבערגעכאַפּט צו דער דאָמיניקאָווען, וווּ ער האָט געהאַט ליגן עפעס זאַכן, און זיך פאַר־מאַכט אין אַלקער.

יענדרושיק האָט געהיטן אויפן וועג, יאַגושיאַ האָט כסדר פון הויף אַרויסגעבליקט, און די אַלטע האָט, זיצנדיק אין שטוב, זיך אומרויִק איינגעהאָרכט.

ס'איז פאַרבײַ אַ שפּאָר שטיקל צײַט, ביז וואַנען ער איז אַרויסגעקומען, ער האָט נאָך עפּעס גערעדט מיט דער דאָמיניקאָווען צו אַ זײַט, און פאַרוואַרפנדיק דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס, האָט ער שוין געוואָלט גיין, אָבער יאַגושיאַ האָט זיך אײַנגעשפּאַרט אים נאָכצוטראָגן דאָס פּעקל כאָטשביק ביזן וואַלד.

ער האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, און געזעגענענדיק זיך מיט דער אַלטער, האָבן זיי זיך דורכן סאַד אויף די פעלדער אַוועקגעלאָזט.

זיי זענען געגאַנגען מיט די מיעדזעס פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק און אין שטילשווײַגן.

ס'איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט און זייער אַ צעפּינקלטע מיט שטערן, די אײַנגעשלאָפענע ערד איז געלעגן פאַרזונקען אין שטילקייט, נאָר ערגעץ-ווו אין דאָרף האָט אַ הונט געבילן...

זיי זענען שוין געהאַט צוגעקומען צום וואַלד, ווי ראָכאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און זי בײַ דער האַנט אָנגענומען.

— יאַגוש! — האָט ער גוטמוטיק געשעפּטשעט — הער מיך אויפמערקזאַם אויס.

זי האָט זיך גוט צוגעהערט, אײַנגאַנצן אַ צעציטערטע פון עפּעס אַ שלעכט פאָרגעפיל.

ער האָט געפּרײדיקט, ווי אַ גלח בשעת דעם מתוודה זײַן, פאַרוואַרפנדיק איר אַנטעקן, דעם וואַיט און צום מײַנסטן יאַשיאָן! ער האָט זי געבעטן און באַשווירן מיט כל השבועות, אַז זי זאָל זיך אַרומקוקן ווו זי איז אין דער וועלט, און זאָל אָנהייבן לעבן אַנדערש!

זי האָט אָפּגעקערט דאָס פאַרשעמטע פּנים, פײַערן פון בושה האָבן זי אָפּגעגאָסן, און דאָס האַרץ האָט געקלעמט פון פּײַן, נאָר, ווען ער האָט דערמאָנט יאַשיאָ, האָט זי שטרענג דעם קאָפּ אויפגעהויבן.

— און וואָס פאַר אַ שלעכטס טו איך דאָס אָפּ מיט אים, האַ?

ער האָט איר אויף זיין שטייגער אָנגעהויבן אויפצווייזן, און צאַרט איר פאָרצושטעלן, אויף וואָס פאַר אַ נסיון זיי שטעלן זיך אויס און צו וואָס פאַר אַן עבירות און שלעכטע זאַכן דער שטן קען זיי פאַרפירן...

זי האָט נישט געהאָרכט, נאָר כסדר געזיפצט און מיט די געדאַנקען זיך צו יאַשיאָן געטראָגן, אַז די גלאַנציקע און מיט בלוט אָנגעפילטע ליפן האָבן שוין אַליין געשעפטשעט אַזוי זיס, הייס און אין אומבאַוווסטזיין:

— יאַשיאַ! יאַשיאַ! — און די צעפלאַקערטע אויגן האָבן זיך ערגעץ־ווו געטראָגן, ווי די פייגל, די פריידיק צעזונגענע, און איבער זיין טייערן קאָפּ אַרומגעקרייזט...

— טאַטש כ'וואָלט דאָך אין דער ווייטער וועלט מיט אים אַוועקגעלאָפן! — האָט זיך איר נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן, אַז ראָכע האָט אויפגעציטערט, אַ קוק געטון איר אין די אויגן אַריין, וואָס זענען ברייט געעפנט געווען, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אויפן ראַנד פון וואַלד אונטערן צלם האָבן זיך ווי קאַפּאָטעס אַ ווייס געטון.

— ווער איז דאָרט? — ער האָט זיך אומרויק אָפּגעשטעלט.

— דאָס זענען מיר! אייגענע!

— די פיס פּלאָנטערן זיך מיר שוין, כ'מוז מיך אַ קאַפּ אָפּרוען — האָט ער אויסגערופן, אַנידערזעצנדיק זיך צווישן זיי. יאַגושיאַ האָט אַראָפּגעלייגט דעם פּאַק און זיך אַוועקגעזעצט עטוואָס אָן אַ זייט, אונטערן צלם, אין דעם טיפן שאָטן פון די בושאָזעס.

— צ'זאָלט נאָר נישט האָבן דאָ עפּעס קיין נייע צרות...

— אי... ס'ערגסטע איז, וואָס ער פאַרלאָזט אונדז שוין! — האָט אַנטעק געזאָגט.

— ס'קען גאַנץ מעגלעך זיין, אַז כ'וועל מיך אַמאָל אומקערן, גאַנץ מעגלעך!...

— הינטישע געבלוטן, מ'זאָל אַ מענטש אַזוי יאָגן, ווי אַ משוגענעם הונט! — האָט מאַטעוש אויפגעפלאַקערט.

— און פאַרוואָס, גאָט דו מײַנער, פאַרוואָס? — האָט גושעלאַ געקרעכצט.

— ווײַל כ'וויל אמת און יושר פאַרן פאָלק! — האָט ער זיך פײַערלעך אָנגערופן.

— ס'איז איטלעכן אײנציקן שלעכט אויף דער וועלט, נאָר גאָר צום ערגסטן איז שוין דעם ערלעכן.

— האָב נישט קיין עגמת נפש, גושעלאַ, ס'וועט זיך נאָך איבערענדערן צום גוטן, ס'וועט זיך איבערענדערן...

— כ'מײן אויך אַזוי, וואָרן שוין וואָלט געהען צו טראַכטן, אַז אַלע באַמיונגען זענען בחנם.

— וואַרט אַזוי לאַנג, ביז די וועלף וועלן דערוויל די קאַבילע אויפעסן! — האָט אַנטעק אָפּגעזיפצט, אײַנקוקנדיק זיך אין די שאָטנס, וווּ עס האָט זיך צו אים אַרויסגעוויזט יאַגושעס פּנימל.

— איך זאָג ענק, אַז ווער עס רײַסט אַרויס דאָס ווילד־גראָז און פאַרזייעט מיט גוטע זאָמען, דער וועט אין דער צײַט פון שניט אַראָפּנעמען!

— און אויב עס וועט נישט טראָגן קיין פּרוכט? דאָס קען דאָך אויכעט געשען, נײַן?

— יאָ, אָבער יעדער אײנציקער פאַרזייעט מיט דעם גלויבן, אַז עס וועט אים צוויי מאָל אַזוי פיל געראָטן.

— אוודאי, ס'וואָלט ווער דאַרט געוואָלט בחנם האָרעווען!

זיי האָבן זיך טיף פאַרטראַכט איבער די אַלע זאַכן.

אַ ווינט האָט אויפגעבלאָזן, די בזשאָזעס האָבן זיך איבער זיי צעשאָרכט, דער וואַלד האָט אויפגערוישט, און איבער די פעלדער האָט זיך אַ טראָג געטון אַ גרילצנדיק געוויש פון די תבואות. די לבנה איז אַרויסגעשווומען און געטראָגן זיך איבערן הימל, ווי דורך אַ גאָס פון ווײַסע וואָלקנס, וואָס זענען שורות־ווײַז געווען אָנגעלייגט, די ביימער האָבן געוואָרפן שאָטנס, דורכגעזייעט מיט לבנה־ליכט, לעלקעס זענען שטיל, מיט אַ זיגזאַגיקן

פלי איבער זייערע קעפּ דורכגעפלויגן, און עפּעס אַן אומעט האָט די הערצער דורכגענומען.

יאַגושיאַ האָט זיך שטיל צעוויינט, נישט צוויסן פאַרוואָס.

— וואָס איז דיר דאָס, וואָס? — האָט ראָכאָ גוטמוטיק זי געפרעגט, גלעטנדיק זי איבערן קאָפּ.

— יעך ווייס, ס'איז מיר עפּעס אומעטיק...

אָבער אַלעמען איז געווען אומעטיק, און עפּעס אַ ווייטיק האָט די הערצער צענומען, אַז זיי זענען געזעסן מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, מיט פאַרוועלקטע אויגן אַרומנעמענדיק ראָכאָן, וועלכער האָט בּאַ זיי אַציינד אויסגעזען ווי אַ געטלעכער מאַן. ער איז געזעסן אונטערן צלם, פון וועלכן דער שווער אַראָפּהענגענדיקער קריסטוס וואָלט ווי געבענטשט מיט די פאַרבלוטיקטע הענט זיין גרויע, פאַרמאַטערטן קאָפּ, און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ שטימע פול מיט בטחון:

— פאַר מיר זאָלט עץ ענק נישט שרעקן, כ'בין נאָר אַ שטויבעלע, איין שטרויעלע פון אומגעהייערן פעלד, מ'וועט מיך נעמען און אומברענגען, טאָ איז וואָס, אַז אַזעלכע בלייבן נאָך איבער אָן אַ שיעור, און איטלעכער איינציקער איז דעסגלייכן גרייט זיין לעבן אוועקצוגעבן פאַר דער זאַך... און אַז עס וועט קומען די צייט, וועלן זיי זיך באַווייזן אין די טויזנטער, מ'וועט קומען פון די שטעט, מ'וועט קומען פון די כאַלופּעס, מ'וועט קומען פון די הייף, און אין אומענדלעכע רייען וועלן זיי זייערע קעפּ לייגן, זייער בלוט וועלן זיי געבן און פאַלן איינער נאָכן אַנדערן, אויפוואַקסנדיק אין קופּעס, ווי די שטיינער, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען פון זיי וועט נישט אויפשטייגן יענער הייליקער, אויסגעבענקטער קאַשטשיאַל... און איך זאָג ענק, אַז ער וועט שטיין און אויסהאַלטן אויף דורי־דורות, און קיין שום בייזע קראַפט וועט אים שוין נישט קענען מנצח זיין, וואָרן ער וועט האָבן אויפגעוואַקסן פון געאָפּפערטן בלוט און פון ליבע...

און ער האָט ברייט דערציילט, ווי אַזוי קיין איין טראָפּן בלוט, נישט קיין איין טרער, נישט קיין שום אָנשטרענגונג ווערט נישט פאַרפאַלן בחנם, ווי אַזוי עס ווערן כסדר געבוירן, פּונקט

די תבֿואה אויף די געמיסטיקסטע פעלדער, אַלץ נייע באַשיצער, נייע כּוחות, נייע קרבנות, ביז וואַנען עס וועט אָנקומען יענער היילי,ער טאָג, דער טאָג פון תּחית המתים, דער טאָג פון אמת און יושר פאַרן גאַנצן פאָלק...

ער האָט גערעדט הייס, און מאָמענטנווייז אַזוי גיך, אַז ס'איז קיין אופן נישט געווען אַלץ צו פאַרשטיין, אָבער ס'האָט זיי אַדורכגענומען אַ הייליק פייער, די הערצער זענען געשפּאַנט געוואָרן פון באַגייסטערונג און פון אַבערגלויבן, קראַפט און באַגער, אַז אַנטעק האָט אַזש אויסגערופן:

— יעזוס... פּירטס נאַר... וועל איך אפילו אויפן טויט גיין, כ'וועל גיין...

— אַלע וועלן מיר גיין, און וואָס ס'וועט אונדז נאָר אויפן וועג ליגן — וועלן מיר צעטרעטן!...

— און ווער וועט זיך דען אונדז אַקעגנשטעלן, ווער וועט אונדז גובר זיין? זאָל נאָר ווער פּרווון...

האָבן זיי אַלע אייגער נאָכן אַנדערן אַרויסגעפּלאַקערט, און וואָס אַמאָל ברענענדיקער, אַז ער האָט זיי געמוזט איינשטילן, און צורוקנדיק זיך נאָך נענטער, האָט ער זיי אָנגעהויבן לערנען, וואָס פאַר אַ באַגערטער טאָג דאָס וועט זיין, און וואָס דאַרפן זיי טון, כּדי אים צוצואיילן...

ער האָט גערעדט אַזעלכע וויכטיקע און לגמרי אומגעריכטע זאַכן, אַז זיי האָבן אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט פּחד און פרייד צוזאַמען, אויפנעמענדיק יעדער וואָרט זיינס מיט אַ ציטער פון האַרציקן גלויבן, ווי די הייליקסטע קאַטוניע... וואָרן ער האָט זיי דעם הימל געעפנט, דעם גן עדן געוויזן, אַז די נשמות האָבן זיי פון אַנטציקונג געקניט, די אויגן ה בן אומבאַשרייבלעכע הערלעכקייטן געזען, און די הערצער האָבן זיך געזעטיקט מיט דעם מלאכישן, איבערזיסן געזאַנג פון האָפענונג...

— אין ענקער מאַכט איז עס, אַז ס'זאָל אַזוי געשען! — האָט ער פאַרענדיקט, זייענדיק שוין נישט ווינציק פאַרמאַטערט. די לבנה האָט זיך אונטער אַ וואָלקן באַהאַלטן, דער הימל איז גרוי

געוואָרן און די פעלדער האָבן זיך ווי פאַרנעפּלט, דער וואַלד האָט עפּעס אַזוי שטיל געמורמלט, און שרעקעוודיק האָבן די תבואות געגרילצט, און ערגעץ פון ווייטע דערפער האָבן זיך הינט-געבילן געטראָגן, זיי זענען אָבער געזעסן שטום, מאָדנע שטיל, נאָך ווי פאַרהאַרכט, און ווי פאַרשיכורט פון זיינע רייד און עפּעס אַזוי פייערלעך, ווי נאָך אַ גרויסער שבועה.

— כ'מוז שוין אַוועקגיין! — האָט ער אויסגערופן, אויפשטייענדיק. ער האָט איטלעכן אין די אָרעמס גענומען, צוגעדריקט און געזעגנענדיק זיך געקושט. זיי האָבן זיך שיִער פון ווייטיק נישט צעוויינט. ער האָט אַנידערגעקניט, אָפּגעזאָגט אַ קורצע תפילה, אַנידערגעפאַלן אויפן פּנים און זיך צעוויינט, אַרומנעמענדיק די ערד מיט די הענט, ווי אַ מאַמע, וואָס מען פאַרלאָזט זי אויף אייביק.

יאַגושיאַ האָט זיך אַזש צעכליפּעט, די פויערן האָבן שטילערהייט אַ טרער אָפּגעווישט.

און זיי זענען זיך באַלד צעגאַנגען.

אין דאָרף אַריין האָט זיך נאָר אומגעקערט אַנטעק מיט יאַגושען, יענע זענען ערגעץ הינטערן וואַלד פאַרפאַלן געוואָרן.

— זאָלסט דיך פאַר קיינעם וועגן דעם, וואָס האָסט געהערט, מיט קיין וואָרט נישט אַרויסכאַפּן! — האָט ער נאָך אַ לאַנגע ווילע אויסגערופן.

— צי לויף איך דען אַרום מיט נייעסן איבער די כאַלופּעס! — האָט זי מיט כּעס אַ וואָרטשע געטון.

— און זאָל שוין גאָט אָפּהיטן, אַז דער וואָיט זאָל זיך דערפון דערוויסן — האָט ער זי שטרענג מתרה געווען.

זי האָט נישט אָפּגעענטפערט, שטעלנדיק נאָר אַ גיכערן טריט, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט אויסמיידן, ער האָט זיך געהאַלטן דערלעבן, פאַרקוקנדיק איר נאָכאַנאַנד אין דעם פאַרוויינטן און דערצערנטן פּנים...

די לבנה האָט ווידער אויפגעשיינט און איז געהאָנגען גלייך איבערן וועג, אַז זיי זענען געגאַנגען ווי איבער אַ זילבערנער מיטדוז, די ברעגן אַרומגענומען מיט געדרייטע שאָטנס פון די ביי-

מער. מ'טאָמאָל האָט אים דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון, די בעבק־שאַפט האָט איר נישטגעזעטיקטע אַ־עמס אויסגעצויגן, ער האָט זיך אַ קאָפּ צוגערוקט, נענטער, אַזוי באַנגט, אַז נאָר מיט דער האַנט אויסשטרעקן און זי צו זיך צוציִען, אָבער ער האָט נישט אויסגע־שטרעקט, ס'האָט איִם דרייסטקייט פאַרפּצלט, און איר עקשנותדיק און פאַראַכטלעכע שטילשווייגן האָט אים אָפּגעהאַלטן, איז דערי־בער האָט ער איראָניש אויסגערופן:

— דו לויפסט אַזוי, גלייך וואָלסט געוואָלט פון מיר אַנט־לויפן. . .

— און ס'איז טאַקע אמת! ס'וועט אונדז נאָך ווער זען און ס'זענען שוין גרייט נייע רכילותן.

— אָדער דו איילסט זיך גאָר צו ווען אַן אַנדערן!

— אַוודאי, איך טאָר דען נישט! כ'בין דען נישט קיין אלמנה!

— כ'זע, אַז מ'רעדט נישט אומזיסט, אַז דו קירעוועסט דיך צו זיין אַ גלחישע גאַספּאַדינע. . .

זי האָט זיך אויפגעריסן ווי אַ ווינט, און טרערן האָבן זיך איר פון די אויגן מיט געדיכטע און ברענענדיקע שטראָמען אַ גאָס געטון.

XI

אויף טייל ערטער, אויף זאַמדן און לייכטערע גרונטן איז מען שוין מיט שערפן אַרויסגעגאַנגען, ערטערווייז אויף די מער בערגיקע פעלדער האָבן שוין אפילו קאָסעס אויפגעבליצט, אָבער אין די דערפער, ווו ס'איז געווען פעסטערע ערד, האָט מען זיך ערשט גענומען צוגרייטן, און דער שניט האָט זיך אַ ליאַדע טאָג געזאָלט אָנהייבן.

דעריבער האָט מען אויך אין ליפּצע, עפּעס אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך ראַכאָס אַנטלויפן, גענומען ערנסט זיך צוגרייטן צום שניט, מ'האָט אויף אינדערגיך אויסגעלאַדעוועט די לייטערס און אין סטאַוו האָט מען די מער אויסגעטרוקנטע וועגענער געווייקט, מ'האָט צוגערוימט די שייערן, אַז זיי זענען שוין געשטאַנען דורך און דורך אויסגעפּראַלטע. אין די שאָטנס פון די סעדער האָט מען ערטערווייז שטרוי-גאַרטלען אָפּגעדרייט, און אונטער יעדער כאַלופּע כמעט האָבן אָפּגעקלונגען די געשאַרפטע קאָסעס, די ווייבער האָבן זיך שנעל געפּאַרעט באַם ברויט באַקן און צוגרייטן פאַרשידענע זאַפּאַסן, און פון דעם אַלעם האָט זיך געמאַכט אַזאַ

גערודער, אַזאַ צעשטרייטקייט. אַז דאָס דאָרף האָט אויסגעזען ווי פֿאַר עפּעס אַ גרויסן יום־טוב.

דערצו איז זיך נאָך פֿון אַנדערע דערפֿער אַ שפּאָרער עולם אָנגעפֿאָרן, איז האָט געקאָכט אויף די וועגן און אונטער דער מיל, ווי אויף אַ יאַריד. וואָרן דערעיקרשט איז מען געקומען מיט תבואה צום מאָלן, אָבער ווי אויף אַ שטראָף פֿון גאָט, איז אַזוי ווינציק וואַסער געווען, אַז נאָר איין ראָד האָט געאַרבעט, און דאָס נאָר קוים זיך רירנדיק. פֿונדעסטוועגן האָט מען געדולדיק אָפּגעוואַרט יעדער זיין ריי, וואָרן איטלעכער איינציקער האָט נאָך פֿאַרן שניט געוואָלט אָפּמאָלן.

נישט ווינציק האָט מען זיך אויך געפּאַקט צום מילנערס שטוב מעל קויפֿן, פֿאַרשידענע קאַשעס, און אַפֿילו נאָך פֿאַרסיק ברויט.

דער מילנער איז געלעגן קראַנק, אָבער משמעות. אַז עס האָט זיך גאָרנישט געטון אָן זיין דערלויבעניש, וואָרן ער האָט אַ געשריי געטון צום ווייב, וועלכע איז געזעסן אויפֿן הויף, אונטערן געעפֿנטן פֿענסטער:

— די זשעפּעצער זאָלסטו פֿאַר קיין גראָשן נישט געבן, זיי האָבן געפֿירט זייערע קי צום גלחס ביק, טאָ זאָל זיי דער גלח באָרגן עפּעס אַנדערש אויך.

און ס׳האָבן שוין נישט געהאָלפֿן קיין שום געבעטן און קיין שום חלשן, בחנם האָט זי זיך אויך פֿאַר די אָרימערע אָנגענומען. ער האָט זיך פֿאַרעקשנט און קיין איינעם נישט, ווער ס׳האָט נאָר די קי געפֿירט אין דער פּלעבאַניע אַריין, נישט דערלויבט צו באָרגן אַפֿילו קיין האַלבע קוואָרט מעל.

— ס׳איז זיי געפֿעלן געוואָרן דעם גלחס ביק, טאָ זאָלן זיי אים מעלקן! — האָט ער אויסגעשריגן.

די מילנערין האָט אויך, עפּעס אַ קווענקלדיקע, אַ פֿאַרחיינטע און מיט אַן אַרומגעבונדן פּנים, מיט די אָרעמס געהויבן, אָבער, ווי זי האָט נאָר געקענט, האָט זי בגנבה פֿונדעסטוועגן נישט איינעמען געבאָרגט.

ס'איז אָנגעקומען די קלאָנבאָווע, בעטנדיק אַ האַלב פּערטע-לע הירזש.

— צאָלט עך באַלד, טאַ געמטס, אָבער אויף באָרג וועל איך קיין קערנדל נישט געבן.

זי איז זייער באַטריבט געוואָרן, וואָרן אינדערראַמתן איז זי טאַקע געקומען אָן געלט.

— טאָמעך האָלט מיט אים איינס, זאָל ער אים בעטן אַ ביסל הירזש.

זי האָט זיך באַליידיקט און ארויסרופנדיק געזאָגט:

— פאַרשטייט זיך, אַז ער האַלט מיטן גלח און ער וועט האַלטן, אָבער דאַ וועט שוין קיינמאָל מער מיין פוס נישט שטיין.

— אַ קליינער היזק, גישט קיין גרויסער שאָד! פּרוווטס מאָלן ערגעץ אַנדערש!

זי איז אוועקגעגאַנגען זייער אַ פאַרדאגהטע, וואָרן אין שטוב איז שוין קיין גראָשן נישט געווען, נאָר, אַנשטויסנדיק זיך אויף דער קאָוואַלאָווע, וועלכע איז געזעסן אונטער דער פאַר-מאַכטער קוזשניע, האָט זי דאָס האַרץ פאַר איר אויסגעגאָסן און זיך צעוויינט אויפן מילנער.

אָבער די קאָוואַלאָווע האָט זיך מיט אַ שמייכל אָנגע-רופן:

— דאָס אייגע קען איך ענק נאָר זאָגן, אַז נישט לאַנג שוין וועט ער נאָך אַזוי געוועלטיקן.

— אוודאי, און ווער וועט זיך דאָס קענען אָן עצה געבן מיט אַזאַ עושר, ווער?

— אַז מ'וועט אים בײַ דער זייט אוועקשטעלן אַ ווינט-מיל, וועט מען זיך שוין מיט אים אָן עצה געבן.

די קלאָנבאָווע האָט אויך די אויגן ארויסגעוועצט פאַר דער-שטוינונג.

— מיינער וועט דאָס אויפשטעלן די ווינטמיל. ער איז באַר-וואָס אוועקגעגאַנגען מיט מאַטעושן אין וואַלד אַריין, האָלץ

אויסקלויבן, אויף פאָדלעשיע וועלן זיי שטעלן, לעבן דער פי־גור.

— טה... מיכאל שטעלט אַ חינטמיל. כ׳וואָלט מיך גיכער אויפן טויט געריכט, נע, נע. אָבער גוט אַזוי דעם הויט־שינדער, לאָז אים דער קאַלדן אָפּפאַלן.

ס׳איז איר אַזוי לייכטער געוואָרן, אַז זי האָט אָנגעהויבן בעשוויגדער אַהיימצוגיין, אָבער דערזעענדיק האַנקען, וועלכע האָט געוואַשן וועש פאַר דער כאַלופּע, איז זי אָפּגעטרעטן טיילן זיך מיט דערדאָזיקער אומגעריכטער נייעס.

אַנטעק האָט עפּעס געמאָנדרעוועט לעבן וואָגן, און דער־הערנדיק דאָס געשפּרעך, האָט ער אויסגערופן:

— מאַגדאַ האָט ענק געזאָגט דעם ריינעם אמת, דער קאָ־מאַל האָט שוין געקויפט פון דזשעדזשיץ צוואַנציק מאָרגעס אין פּאָדלעשיע, באַלד לעבן דער פיגור און דאָרט שטעלט ער אויף די חינטמיל! דער מילנער וועט משוגע ווערן פאַר כעס, אָבער זאָל ער געכאַפּט ווערן! ער האָט זיך שוין אַלעמען אַזוי געגעבן צו פילן, אַז קיין אחד וועט אים נישט באַדויערן.

— צ׳ווייסט עפּעס גאָ־נישט וועגן ראָכאָן?

— גאָרנישט מיט גאָרנישט — ער האָט זיך פון איר עפּעס געשווינד אָפּגעקערט.

— דאָס איז וווּנדערלעך, שוין דער דריטער טאָג און מ׳ווייסט נישט, וואָס עס איז מיט אים געשען.

— ס׳איז דאָך שוין נישט איינמאָל אַזוי געשען, אַז ער איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, און דערנאָך האָט ער זיך ווידער באַוויזן.

— ווער פון ענק גייט דאָס קיין טשענסטאָכאָוו? — האָט האַנקאַ אָנגעהויבן.

— יעווקאַ מיינע גייט מיט מאַטעושן. היי־יאָר גייט וויני־ציק־ווער פון דאָרף.

— און איך גיי אויך, איך וואָלט מיר טאַקע אויס אין וועג־אַריין, די לייכטסטע קליידער.

— נאָר פון אַנדערע דערפער הפּנים גרייט מען זיך שפּאָר.

— אַ פיינע צייט האָבן זיי זיך אויסגעקליבן, אויף די גרעסטע אַרבעט — האָט אַנטעק אַ מרוקע געטון, אָבער דעם ווייב האָט ער זיך נישט אַקעגנגעשטעלט, ווייסנדיק שוין פון לאַנג וואָס פאַר אַ נדר זי האָט געטון.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן דערציילן וועגן פאַרשידענע זאַכן, ווי די יאַגוסטינקע איז אַרייַנגעפאַלן.

— צ'ווייסט — האָט זי אַ קוויטש געטון — אפשר מיט אַ שעה צוריק איז יאַשעק געקומען פון די זעלנער!

— טערעסקעס מאַן! טאַטש זי האָט דאָך געזאָגט, אַז ער קומט ערשט צום קאַזעַן.

— כ'האָב אים גאָר־וואָס געזען, ער זעט אויס זייער פיין, און ר'איז זייער פאַרבענקט צו די זייניקע.

— אַ גוטער פּויער געווען, נאָר אַן עקשן. טערעסקאַ איז אינדערהיים?

— זי רייסט ליאָן באַם גלח און זי ווייסט נאָך נישט, וואָס עס וואַרט זי אינדערהיים.

— ס'וועט זיך דאָס ווידער מאַכן אַ קאָך אין ליפּצע, מ'וועט דאָך אים אוודאי באַלד דערציילן.

אַנטעק האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, וואָרן ס'האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט דידאָזיקע נייעס, נאָר ער האָט זיך נישט אָנגערופן. נאָר פאַר דאָס האָט האַנקאַ מיט דער קלאַנבאָווען, וועלכע האָבן באמת מיטגעפילט טערעסקען, אָנגעהויבן פּאַרויסצוזען פאַר איר די ערגסטע זאַכן, ביז די יאַגוסטינקע האָט זיי איבערגעריסן:

— דעם הונט אין דער בודע אַזאַ יושר! אוודאי, ס'וועט זיך אוועקגיין אַזאַ קאַלב אויף גאַנצע יאָרן אין דער וועלט אַריין, איבערלאָזן ס'ווייב אַליין, און דערבייַ, אַז דער אָרימער נעבעך טרעפט זיך עפעס, איז ער זי גרייט כאַטשביק צו דערמיתן! און אַלע זענען אויך אויף איר אש להבה! ווו־זשע איז דער יושר! דער מאַנספּערשוין מעג זיך לאָזן ווילגיין, ווי אויף

אַ הינטישער חתונה, און קיינער וועט אים דערפאַר קיין שלעכט וואָרט אפילו נישט זאָגן! ס'איז לגמרי אַ שלעכטע אָרדנונג אויף דער וועלט! וואָס, אַ נקבה איז נישט קיין לעבעדיק נפש, פון האָלץ איז זי אויסגעשניצט, צי וואָס? וואָס דען, און אויב זי מוז שוין יאָ פאַראַנטוואָרטלעך זיין, איז זאָל דער געליבטער גלייך צאָלן מיט איר, זיי האָבן דאָך ביידע בשותפות געזינדיקט. פאַרוואָס קומט דאָס אים עפעס באָר פרייד, און איר רק צו וויינען, האַ?

— מיינע טייערע, אַזוי איז שוין פון דורי-דורות, און אַזוי וועט עס שוין בלייבן! — האָט די קלאָנבאָווע אַ שעפטשע געטאָן:

— ס'וועט בלייבן, אַז ס'זאָל פון מענטשן אַ תל ווערן, און דער טייוול זאָל זיך פרייען, נאָר איך וואָלט עס אינגאַנצן אַנדערש געמאַכט: ס'האָט עמעצער גענומען אַ פרעמד ווייב, איז זאָל ער זי זיך צונעמען אויף שטענדיק, און אויב ער וויל נישט, וואָרן ס'האָט אים שוין בעסער אַ פרישע פאַרשמעקט, מיט אַ שטעקן דער שטשערווע און אין קרימינאַל אַריין!

אַנטעק האָט זיך פינאַנדערגעלאַכט פון איר צעהיצטקייט, איז זי אַ שפרונג צו געטון צו אים מיט אַ געשריי:

— פאַר ענק איז עס נישט מער ווי נאָר אַ געלעכטער, האַ? פאַרעיפושטע רוצחים, איטלעכע איז פאַר ענק די טייערסטע, כל-זמן צ'קריגט זי נישט אָן! און דערנאָך מאַכן זיי נאָך חוזק!

— צ'רייסט ענק אַזוי, ווי אַ סראָקע אויף אַ רעגן! — האָט ער אָן חשק איר אַ וואָרף געטון.

זי איז אָוועקגעלאָפן אין דאָרף אַריין און זי איז ערשט געקומען אַרום אָונט-צו, נאָר אַ שטעקלעך פאַרווייינטע.

— וואָס איז עס ענק געשען? — האָט זי האַנקאַ אַ פרעג געטון.

— וואָס, כ'האָב מיך אָנגעטרונקען מיט מענטשלעכע יסורים, און ס'איז מיר אַזש נישט גוט געוואָרן — האָט זי זיך צעוויינט און מיט טרערן אין די אויגן און כליפענדיק האָט זי אָנגעהויבן

צו רעדן — צ׳ווייסט, די קאָזלאָווא האָט גענומען יאַשעקן אונ־טער איר השגחה און זי האָט אים שוין אַלדינג אויסדער־ציילט.

— נישט די, וואָלט אים אַן אַנדערע געווען געזאָגט, אַזעל־כע זאַכן קען מען נישט באַהאַלטן.

— כ׳זאָג ענק, אַז אויף עפּעס שרעקלעכס פאַרנעמט זיך אין זייער כאַלופּע! כ׳בין אַהינגעלאָפן צו זיי, איז קיינער נישט געווען. איצט גיב איך אַ בליק אַריין, זיצן ביידע און וויינען, אויפן טיש ליגן אויסגעלייגט די מתּ׳ות, וואָס ער האָט איר געבּרענגט. יעזוס, אַ פּראָסט האָט מיך אַזש דורכגענומען, ווי כ׳וואָלט אין אַ קבר אַריינגעקוקט. זיי רעדן נישט צו זיך, נאָר זיי וויינען. מאַטעושס מוטער האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, האָבן זיך מיר אַזש די האָר אויפן קאָפּ אויפגע־שטעלט.

— צ׳ווייסט נישט, ער האָט עפּעס דערמאָנט מאַטעושן? — האָט אַנטעק אומרויִק אָנגעהויבּן.

— ער איז אויפגעקאָכט אויף אים, אַז זאָל גאָט אָפּהיטן! יאַ־שעק וועט אים דאָס נישט שענקען, ביין!

— האָטס נישט קיין מורא, מאַטעוש וועט בּאַ אים קיין מחילה נישט קומען בעטן — האָט ער צאָרניק אָפּגעווענדט, און נישט אויסהערנדיק מער, איז ער אַוועקגעלאָפן קיין פּאַדלעשיע מתּרה צו זיין דעם גוטנפריינט.

ער האָט אים ערשט געפונען בּאַ די שי־עקס, ער איז גע־זעסן מיט באַסטושען בּאַ דער וואַנט און האָבן זיך שטיל עפּעס בּאַראַטן, ער האָט אים בּאַלד אַרויסגערופן, און ווען זיי זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שפּאָר שטיקל וועג, האָט ער אים דערציילט.

מאַטעוש האָט זיך אַזש פאַרקײַכט און אָנגעהויבּ צו שעלטן.

— אַז זאָל אַ דונער דערשלאָגן אַזאַ מין נייעס!

זיי האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין, מאַטעוש האָט זיך עפּעס געקרומט און אַזוי שמערצלעך און שווער אָפּגע־זיפצט.

— איך זע, אז ס'איז דיר אומעטיק און עס איז דיר באַנג — האָט אַנטעק פאַרזיכטיק אַריינגעוואָרפן.

— ווי זאָל מיר דאָרט באַנג זיין, זי איז מיר שוין א בײן אין האַלדז געשטאַנען. עפעס אַנדערש באַטריבט מיך.

אַנטעק האָט זיך פאַרטראַכט, אָבער ר'האָט אים אויף קיין שום פאַל נישט געקענט אויספרעגן.

— ס'וואָלט נישט געשטאָרט קיין צייט, יוען כ'זאָל אַלע וועלן באַדויערן! זי איז מיר אַריינגעפאַלן אין די בעגל, האָב איך גענומען, איטלעכער אייִנציקער וואָלט דאָס זעלבע געטון! האָב נישט קיין מורא, כ'האָב געגאַנגען, ווי אַ הונט אין דער ברונעם, וואָרן וויפיל געבעטשערײ און געקלאָגערײ איך האָב מיך געמוזט אַנהאָרכן, וואָלט געגוג געווען פאַר אַנדערע צען. בין איך אַנטלאָפן, איז זי מיר ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען. זאָל זיך יאַשעק אויך מיט איר אָנפרייען. ס'ליגן מיר נישט איצט קיין ליבעס אין קאָפּ, נאָר אינגאַנצן עפעס אַנדערש.

— ס'וואָלט שוין זיכער צייט געווען זאָלסט חתונה האָבן.

— נאַסטקאַ האָט אויך טאַקע דאָס אײגענע געזאָגט.

— שיקסעס געפינט זיך אין דאָרף, ווי מאָן, ס'איז נישט שווער אויסצוקלויבן.

— כ'האָב מיר שוין פון לאַנגע, לאַנגע צייטן עפעסטשיס אָפּגעקוקט — האָט זיך אים נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן.

— טאָ בעט מיך כ'זאָל זיין אַ שדכן און מאַך אַ חתונה, כאָטשביק באַלד נאָך שניט.

ס'האָט אים עפעס נישט געשמעקט דאָס געשפּרעך, וואָרן ר'האָט זיך פאַרקרומט און ווידער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן יאַשעקן, און געוויר ווערנדיק אַלדינג, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן שימעקס באַלעבאַטעשאַפט, דערביי האָט ער מכלומרשט, ווי נישט ווילנדיק אויסגעגעבן, אַז יענדרזשיק האָט דערציילט בסוד נאַסטקען, אַז די דאָמיניקאָווע האָלט בײַ אײנגעבן אין סאָנד אַריין וועגן יאַגושעס גרונט נאָך מאַטשעין.

— אַז דער טאַטע האָט איר פאַרשריבן, לײקנט דאָך קײנער איר נישט אָפּ, פאַרשטײט זיך, אַז די ערד אַליין וועל איך

איר נישט צָפּגעבן, אָבער כ'וועל איר הײליק באַצאָלן, וויפיל ס'איז ווערט! אַ מחלוקהניצע, פּראַצעסן ווילט זיך איר!

— ס'איז אמת, אַז יאַגושיאַ האָט האַנקען אָפּגעגעבן דעם אָפּשריפּטס-אַקט? — האָט ער פּאַרזיכטיק אַ פרעג געטון.

— וואָס קומט דערויס, אַז זי האָט זיך נישט אָפּגעשריבן באַם ראַיענט.

מאַטעוש איז ווי פּריילעכער געוואָרן, און נישט קענענדיק זיך שוין מער איינהאַלטן, האָט ער אין געשפּרעך אַלעמאָל פאַר־משפּעט וועגן יאַגושען, צָפּליובנדיק זי זייער שטאַרק.

אַנטעק האָט, אָנשמייכלענדיק זיך אין וואָס אים גייט, שפּאָ־טיש אויסגערופן:

— האָסט געהערט, וואָס מ'רעדט ווידער וועגן איר?

— די באָבעס האָבן איר שטענדיק אַלדינג צוגעטשע־פּעט.

— נאָך יאַשיאָן דעם אָרגאַניסטערס לויפט זי אָפּנים נאָך, ווי אַ צויג — האָט ער בכיוון צוגעגעבן.

— האָסט געזען? — ער איז רויט געוואָרן פאַר כעס.

— באַכשפּיאָנירן, שפּיאָניר איך איר נישט נאָך, וואָרן ס'קילט מיך נישט און ס'בריט מיך נישט, נאָר ס'זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס זיי זעען אַלע טאָג, ווי זי קומט זיך צוגויך מיט יאַשיאָן אין וואַלד, דאָ אויף די מיעדזעס...

— מ'דאַרף זיי אויסקיילן איינס באַ ס'אַנדערע, וואָלטן זיי באַלד אויפגעהערט צו טראָגן רכילות.

— פּרווו, אפשר וועלן זיי זיך דערשרעקן און אויפהערן! — האָט ער געלאָסן גערעדט, ס'האָט אים פּלוצלינג אַ ריס געטון אַ שרעקלעך פאַרדריסלעכע אייפערזוכט וועגן יאַגושען, און בלויז דער געדאַנק אַליין, אַז מאַטעוש קען נאָך אַמאָל מ'ט איר חתונה האָבן, האָט אים געביסן, ווי אַ משוגענער הונט.

ער האָט אים נישט געענטפערט אויף זיינע אָנגרייפנדיקע און אָפּט נישט אָנגענעמע רייד, כדי זיך נישט אויסצוגעבן מיט זיינע יסורים, נאָר באַם צעשיירן זיך, האָט ער זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און מיט אַ בייז שמייכלעלע אַ זאָג געטון:

— און ווער עס וועט מיט איר חתונה האָבן, וועט שוין האָבן אַ שפּאָר ביסל שיזאָגערס...

זיי זעגנען זיך גאַנץ קאַלט פונאַנדערגעגאַנגען.

מאַטעוש האָט, אַפּגייענדיק עטלעכע טריט, זיך שטיל צע-לאַכט און אַ טראַכט געטאָן:

— זי מוז אים האַלטן פונדערווייטנס פון זיך, וואָס ער פּעסט זיך אַזוי אויף איר און גאַפּלט. און לאָז זי זיך דאָרט נאָכ-לויפן נאָך יאַשיאָן, אַזאַ קינד נאָך. עס ציט זי מער דאָרט אַהין דער גלח, ווי דאָס יינגל.

ער האָט געמיטלעך געטראַכט, וואָרן געווויר ווערנדיק פון אַנטעקן וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אָפּשריפט פון מאַטשעיען, האָט ער שוין אַנטשידן באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן. ער האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַמער צו גיין און אויסגערעכנט זיך אין געדאַנק, צו וויפיל ער וואָלט געדאַרפן אָפּצאָלן יענדזשיכן מיט שיטעקן, כדי ער זאָל אַליין איבערבלייבן אויפן באַלעבאַטעשאַפט, אויף גאַנצע צוואַנציק מאָרגעס.

— די אַלטע איז אַ פּושיקרע מענטש, אמת, אָבער זי וועט זיך דאָך נישט אייביקן.

ס'זענען אים געקומען אויפן געדאַנק יאַגושעס געשעפטלעך, האָט עס אים אַ קאַפּ טרויעריק געמאַכט.

— וואָס איז געווען דאָס איז נישטאָ, און אויב עס וועט זיך איר כאַרוועלן בייע קוגצן, וועל איך עס גיך פון איר אַרויס-האַקן.

פאַרן הויף נישט ווייט פון דער כאַלופּע האָט געוואַרט אויף אים די מוטער.

— יאַשעק איז אַהיימגעקומען — האָט זי אַ דערשראָקענע געשעפטשעט — מ'האָט אים שוין וועגן אַלעם דערציילט.

— איז בעסער, וועט מען זיך נישט דאַרפן אָפּצו-גאָרן.

— טערעסקאַ איז שוין דאַ עטלעכע מאָל געקומען צו

לויפן, זי סטראַשעט, אַז זי וועט זיך דערטרינקען... אַז זי וועט נישט...

— ס'איז זייער זיכער, אַז זי איז דאָס גרייט צו טון, זיכער — האָט ער אַ דערשראָקענער געשעפּטשעט, און ר'האָט אַזוי פיל געהאַט עגמת נפש דערפון, אַז ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל צו דער וועטשערע, האָט ער נישט געקענט עסן, נאָר ער האָט זיך כסדר צוגעהאָרכט צו יאַשעקס סאַד, וואָרן ס'האָט זיי נאָר אָפּגעטיילט אַ מיעדזע. ס'האָט אים וואָס אַמאָל אַ גרעסערער אומרו אַרומגענומען, ער האָט אָפּגערוקט די שיסל, אין רייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, האָט ער זיך בחנם געאַמפּערט מיט דער ציטערניש פון שרעק, בחנם האָט ער זיך אין אַלע נקבות געשאָלטן און בחנם האָט ער געוואָלט פון דער גאַנצער זאַך מאַכן אַ גאָרנישט, וואָרן די מורא פאַר טערעסקען האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער זיך אין אים צעוואַקסן און אים שוין געפּייניקט נישט צום אויסהאַלטן. שוין עטלעכע מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן, כדי ערגעץ אין דאָרף אַוועקצוגיין, צווישן מענטשן, אָבער ער איז געבליבן זיצן, וואַרטנדיק אַליין נישט וויסנדיק אויף וואָס.

ס'איז שוין געוואָרן נאַכט, ווי ער האָט פּלוצלינג דערהערט עפּעס טריט, און איידער ער האָט נאָך געקענט אונטערשיידן, פון וועלכער זייט זיי קומען אָן, איז אים שוין טערעסקאַ בעהאַנגען אויפן האַלדז.

— ראַטעווע, מאַטעוש! יעזוס, כ'האָב אַזוי געוואַרט אויף דיר, אַזוי דיך אויסגעקוקט.

ער האָט זי אַנידערגעזעצט לעבן זיך, נאָר זי האָט זיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט, ווי אַ קליין קינד, און מיט טרערן, וואָס האָבן זיך איר שטראָמענווייז פון די אויגן געגאָסן, פול פון פיין און פאַרצווייפלונג, האָט זי געשעפּטשעט:

— מ'האָט אים וועגן אַלעם דערציילט! כ'וואָלט מיך גיכער אויפן טויט געוווען געריכט, ווי אויף צוריקקומען. כ'בין געווען באַם גלחס ליאַן... קומט וועלכע צו לויפן און זאָגט מ'ר

אָן די בשורה... כ'בין שוין נישט אַנידערגעפאַלן אַ טויטע... כ'בין געגאַנגען, ווי אויפן טויט... דו ביסט נישט געווען אינ־דערהיים... כ'בין דיך געגאַנגען זוכן... ביסטו נישט געווען אין דאָרף... כ'האָב מיך אַזוי אַרומגעדרייט אפשר אַ שעה, אָבער כ'האָב געמוזט גיין... כ'קום אַריין אין דער כאַלופע... און ער שטייט אינדערמיט, בלאַס, ווי די וואַנט... ער איז אַ שפרונג צו געטון צו מיר מיט די פויסטן... ער זאָגט, כ'זאָל אים זאָגן דעם אמת... דעם אמת...

מאַטעוש האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטון און אָפּגעווישט פון פנים אַ קאַלטן, פראַסטיקן שווייס.

— האָב איך מיך פאַר אים מודה געווען... דאָס אָפּנאַרן וואָלט שוין סיי ווי נישט צוגעקומען... אַ האַק האָט ער אויף מיר געכאַפּט... כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז שוין מיין סוף און כ'האָב צו אים די ערשטע אויסגערופן: דערהרגע מיך! וועט אונדז ביידע גרינגער ווערן! אָבער ער האָט מיך אפילו מיט קיין פינגער נישט אָנגערירט! ער האָט מיך נאָר אָנגעקוקט, אַנידערגע־זעצט זיך לעבן פענסטער און זיך צעוויינט!... יעזוס דערבאַרעמ־דיקער, ווען ער וואָלט מיך כאָטש געווען אָנגעקיילט, אָנגעקאָ־פּעט, דערגידעריקט, וואָלט מיר אַ סך לייכטער געווען, אַ סך לייכטער, און ער זיצט און וויינט! און וואָס זאָל איך, אומגליק־לעכע, איצט טון, וואָס? ווו זאָל איך מיך אַהינטון! ראַטעווע מיך, וואָרן כ'וועל מיך אין דער ברונעם אַריינוואַרפן, אָדער כ'וועל מיר אַ מעשה אָנטון, ראַטעווע! — האָט זי געמאַכט גע־וואַלטן, פאַלנדיק אים צו די פיס.

— וואָס קען איך דיר דען העלפן, יתומה, וואָס? — האָט ער ראַטלאָז געשטאַמלט.

זי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעריסן מיט אַ ווילדן קוויטש פון צאָרנדיקן שגעון.

— איז צו וואָס־זשע האָסטו מיך גענומען? פאַרוואָס־זשע האָסטו מיך פאַרפירט? פאַרוואָס האָסטו מיך צו אַן עבירה געבראַכט?

— דאָס גאַנצע דאָרף וועט זיך דאָך דאָ צונויפֿלויפֿן. שטילער!

זי איז ווידער צו זיין ברוסט צוגעפֿאַלן, אים אַרומגענו־מען, באַדעקנדיק אים מיט קושן, זי האָט מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון שרעק, ליבע און פֿאַרצווייפֿלונג אָנגעהויבן צו היילן:

— אָ, מיין איינציקער, אָ, מיין פֿון טויזנטער איינער, דער־הרגע מיך, און טרייב מיך נישט אוועק פֿון דיר! האָסט מיך ליב, האַ? האָסט מיך ליב? טוליע מיך צו כאָטש דאָס לעצטע־קע מאָל, נעם מיך, באַשיץ מיך מיט דיר און גיב מיך נישט אָפּ אויף פּיין, לאָז מיך נישט חייבען, לאָז מיך נישט אונטערגיין! דיך איינציקן האָב איך נאָר אויף דער גאַנצער וועלט, דיך איינ־ציקן... נאָר לאָז מיך לעבן דיר איבער, און כ'וועל דיר דינען, ווי אַ געטרייער הונט, ווי דאָס בידעריקסטע מיידל!

זי האָט מיט ביטערע רייד געקרעכצט, רייד, וואָס האָבן זיך פֿון דער טיפֿעניש פֿון דער פֿאַרפּייניקטער נשמה גע־ריסן.

און מאַטעוש האָט זיך געקאָרטשעט, ווי אין צוואַנגען, און ווי ער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיך אויסגעדרייט פֿון צו געבן אַן אָנטשלאָסענעם ענטפֿער, אָפּקומענדיק נאָר מיט קושן, און מיטן צערטלען און צושטימענדיק אויף אַלדינג, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, ער האָט זיך מיט שרעק און אומגעדולד אומגע־קוקט אויף אַלע זייטן, וואָרן ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יאַשעק זיצט אין דער פּלויט-עפֿענונג.

אָבער אין עפּעס אַ מינוט אַרום האָט טערעסקאַ, דורכ־בליקנדיק דעם אמת דורך און דורך, אים אַ שטופּ אָפּ געטאָן פֿון זיך און אויסגעשריגן, שמייסנדיק מיט די ווערטער, ווי מיט אַ בייטש:

— דו נאַרסט אָפּ, ווי אַ הונט! האָסט מיך שטענדיק גע־נאַרט! וועסט מיך איצט שוין נישט פֿאַרפֿירן! האָסט מורא פֿאַר יאַגעקס שטעק, איז קאָרטשעסטו דיך, ווי אַ צוגעטרעטענער

שלאַנג! און איך האָב אים געגלייבט, ווי דעם בעסטן! גאָט מייַנער, גאָט מייַנער! און יאַשעק איז דאָך אַזאַ אָרנטלעכער, מתּנות מיר צוגעטראָגן, ר'האָט מיר קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט און איך האָב אים אַזוי אָפּגעדינט! אין אַזאַ פאַרפירער האָב איך געגלייבט, אַזאַ רוצח! אַזאַ הונט! גיי דיר צו יאַגוּשען! — האָט זי געמאַכט געוואַלטן, צושפּרינגענדיק צו אים מיט די פויסטן — גיי און לאָז ענק דער הינטשלעגער חתונה מאַכן, צ'פּאַסט ענק ביידע צו, אַ פּליאַק און אַ גנב!

זי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, פאַרגייענדיק זיך אין אַ שרעקלעך, שגעוגדיק געוויין.

מאַטעוּש איז געשטאַנען אַ'בער איר, נישט וויסנדיק, וואָס מ'הייבט אָן צו טון, די מוטער האָט געכליפּעט ערגעץ הינטער דער וואַנט, ווי יאַשעק איז אַריינגעקומען פון סאַד, און צוגייענדיק צום ווייב, האָט ער צו איר רירנד גענומען שעפּטשען, דורכגעווייקט מיט טרערן, און פול מיט גוטסקייט אין די רייד:

— קום אַהיים, קום יתומה. האָב נישט קיין מורא, כ'וועל דיר נישט טון קיין שום שלעכטס, דו ביסט שוין גענוג פאַר דייַנס אָפּגעקומען, קום, מייַן ווייב...

ר'האָט זי גענומען אויף די הענט און אַריבערטראָגנדיק זי דורך דער פּלויט-עפענונג, האָט ער אויסגעשריגן צו מאַטעוּשן:

— כּל-זמן כ'וועל לעבן, וועל איך דיר דיראַזיקע צוולה נישט שענקען, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן!

מאַטעוּש האָט געשוויגן, ס'האָט אים געשטיקט אַ בושה אין אים דאָס האַרץ מיט אַזאַ ביטערקייט און מיט אַזאַ פאַרקלעמטער פּיין פאַרגאַסן, אַז ער האָט זיך אָוועקגעטראָגן אין דער קרעטשמע אַריין און אַ גאַנצע נאַכט געטרונקען.

די גאַנצע געשיכטע האָט זיך מיטן קוק איבערן דאָרף צעטראָגן, און צו דער גרעסטער באַוווּנדערונג האָט מען וועגן יאַשעקס האַנדלונג מיט גרויס אַכטונג גערעדט.

— מיט קיין ליכט וועסטו נאָך אַזאַ איינעם נישט געפי־
נען — האָבן די פאַרביטערטע ווייבער גערעדט, שרעקלעך דער־
ביי אָנפאַלנדיק אויף טערעסקען, אָבער יאַגוסטינקע האָט זי פיי־
ערדיק פאַרטיידיקט.

— טערעסקאַ איז נישט שולדיק! — האָט זי געשריגן אי־
בער פאַרשידענע הייף, ווי זי האָט בלויז געהערט, אַז מען נעמט
זי אויף דער צונג — אַ סמאַרק איז זי נאָך געווען, ווען מ'האָט
יאַשעקן גענומען צו די זעלנער, זי איז איבערגעבליבן איינע
אַליין, אפילו אָן אַ קינד, איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס נאָך
אַזוי פיל יאָר האָט זיך איר פאַרבענקט אַ מאַנספּערשוין, קיין איי־
גענע וועלט אַזאַ תענית נישט אויסגעהאַלטן. און מאַטעוש האָט ווי אַ
הונט דערשמעקט און גענומען מאַכן צו איר אַן אייגל, צוגע־
זאָגט גילדענע בערג, אויף די מוזיקע גענומען, ביז וואַנען ער
האָט דאָס נאַרעלע פאַרפירט.

— און ס'איז גאָר קיין משפט נישטאָ אויף אַזעלכע פאַר־
פירערס — האָט וועלכע אָפּגעזיפצט.

— דער קאָפּ קריכט אים שוין אויס, און ס'ציט אים נאָך
צו נקבות.

— אַ בחורישער יתום, איז ווי זאָל ער זיך דאָס האַרץ דער־
כאַפּן, אויב נישט פון פרעמדס — האָבן די פּאַראָבקעס חוזק גע־
מאַכט.

— מאַטעוש איז אויך גאַרנישט שולדיק, צ'ווייסט דען נישט
דאָס, אַז די ציג גיט נישט, וועט דער הונט נישט נעמען! —
האָט זיך סטאַכאָ פּלאָשקאַ צעלאַכט, און זיי האָבן אים שוין
נישט דערפאַר אויסגעשניטן.

אָבער אינגיכן האָט מען אויפגעהערט וועגן דעם איינצו־
טענהן, וואָרן דער שניט איז געשטאַנען הינטער דער טיר; טעג־
זענען כסדר געווען העלעכע, טרוקענע און הייסע, אויף די בער־
גיקע פעלדער האָט זיך דאָס קאָרן ווי געבעטן אַ קאָסע, און דער
גערשטן איז שוין אויך צייטיק געוואָרן, איז יעדן טאָג עמעץ אַנ־
דערש אַרויסגעגאַנגען דורכשטערן די פעלדער, די רייכערע וועי
דער האָבן זיך שוין אומגעקוקט וועגן דינגען אַרבעטאַרער.

דער ערשטער האָט זיך אַרויסגעריסן דער אָרגאַניסטער, אַרויספירנדיק צום שניידן העכער אַ צענדליק פּויערטעס, ס'האָט זיך געשטעלט מיטן שערף אַפילו די אָרגאַניסטקע אַליין, די טעכטער האָבן זיך אויך גענומען שניידן, און דער אַלטער האָט אויף אַלץ אַכטונג געגעבן. יאַשיאַ איז ערשט געקומען צו לויפן נאָך דער מאָרגן-תפילה און ר'האָט זיך נישט לאַנג געפרייט מיטן שניט, וואָרן, ווי נאָר ס'האָט אַרום מיטאָג-צייט אָנגעהויבן צו באַקן, האָט אים די מוטער אַהיימגעטריבן, כדי ער זאָל זיך דעם קאָפּ אויף דער זון נישט דורכברענען.

— ער וועט זיך שוין אָפּזוכן אַ שאָטן בײַ יאַגושען, אָט דאָס גיב אים — האָט אים די קאָזלאָווע נאָכגעוואָרטשעט.

אין שטוב איז אים אָבער גשווען הייס, נודנע און די פליגן האָבן אַזוי עקשנותדיק געביסן, אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אין דאָרף אַרײַן, און אַדורכגייענדיק פאַרבײַ די קלאָנבעס, האָט ער דערהערט עפּעס פאַרשטיקטע קרעכצן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון דער איפּגעפּראַלטער כאַלופּע.

יאַגאַטאַ איז געלעגן אין פּעדערהויז בײַ דער שוועל, אין שטוב איז געווען ליידיק, וואָרן אַלע שטוב-מענטשן זענען געהאַט אוועקגעגאַנגען צום שניט.

ער האָט זי איבערגעטראָגן אין שטוב אַרײַן, אַנידערגעלייגט אויף אַ בעט, אָנגעטרונקען זי און אַזוי געמונטערט, אַז זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך און געעפנט די פאַרטרערטע אויגן.

— איך ענדיק שוין, פּריצל — האָט זי זיך צעשמייכלט, ווי אַן איבערגעוועקט קינד.

ער האָט באַלד געוואָלט לויפן נאָכן גלח, האָט זי אים אָנגעכאַפּט בײַ דער סוטאַנע.

— די פּאַניענקע האָט מיר הײַנט געזאָגט: „גרייט דיך צו אויף מאָרגן, געפּייניקטע נשמה!" כ'האָב נאָך צייט, פּריצל! מאָרגן... אַ דאַנק דיר, גאָט דערבאַרעמדיקער, אַ דאַנק! — האָט זי וואָס אַמאָל שלאַבעריקער געקרעכצט, אַ שמייכעלע האָט זיך צעשליעט אויף אירע ליפּן, זי האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט, און

זייענדיק ערגעץ פאַרקוקט, אין אַזעלכע ווייטקייטן, איז זי פאַרזונקען ווי אין אַ טיפער האַרציקער תּפילה, און יאַשיאַ, פאַרשטייענדיק, אַז די גסיסה האָט זיך שוין אָנגעהויבן, איז אַוועקגעלאָפן צוזאַמענרופן די קלאַנבעס.

ערשט אַרום באַכמיטאָג האָט ער צו איר אַרייַנגעבליקט, זי איז געלעגן אין בעט אין פולן באַוווּסטזיין, דאָס קופּערטל איז געשטאַנען לעבן איר אויף דער באַנק, זי האָט דערפון אַרויסגענומען מיט די פאַרשטאַרטע הענט אַלדינג, וואָס זי האָט זיך געהאָט אָנגעגרייט אויף דער לעצטער שעה: אַ ווייסע פלאַכטע אונטער זיך און אַ פרישן איבערצוג אויפן בעטגעוואַנט, נאָך אינגאַנצן אַ גוטן שפּריצער, און אַ שפּאַר שטיק גראַמניץ-ליכט און אַ בילדל פון דער טשענסטאָכאָווער אין דער האַנט אַריין און אַ ניי העמד, אַ פיינער וועלביאַק, אַ טשיפּעק, מיט פאַרשידענע פאַרפוצוונגען איבערן שטערן, צוזאַמען מיט אַ טוך צום אַרומבינדן זיך און פולשטענדיק נייע שיך; די גאַנצע טויטע אויסריכטונג, וואָס זי האָט דורכן גאַנצן לעבן אויסגעבעטלט, האָט זי לעבן זיך אַנידערגעלייגט, און איינקוקנדיק זיך אין שפּיגעלע, האָט זי זייער אַ גליקלעכע געשעפּטשעט:

— עס וועט זיין שיין, איך זע אויס ווי אַ פיינע באַלעבאַסטע.

זי האָט געהייסן, אַז מיט דעמדאָזיקן פאַרמעגן זאָל מען זי מאָרגן, באַלד פון אינדערפרי אויסשלייערן.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט זיך איר קיינער נישט אַנטקעגנגעשטעלט, מ'איז אַרומגעגאַנגען לעבן איר אויף די שפּיץ פינגער, בענוגנטוענדיק איר די לעצטע מינוטן, חיפּיל זיי האָבן נאָר געקענט.

יאַשיאַ איז לעבן איר געזעסן בין השמשות, לייענענדיק אויפן הויכן קול פאַרשידענע תּפילות, זי האָט אים נאָכגעזאָגט, איינדרעמלענדיק יעדע ווײַלע מיט עפּעס אַזאַ לייכטיטשקע שמייכעלע.

אין ווען מען האָט זיך געזעצט צו דער וועטשערע, האָט

זי פֿאַרלאַנגט אַ אייער געפּרעגלטס, פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נאָר אַ פּיק געטאָן איין מאָל, צוויי מאָל, האָט זי באַלד מיטאַמאָל דאָס עסן אָפּגערוקט פֿון זיך און אַ גאַנצן אָוונט איז זי שוין געלעגן שטיל. ערשט דאַמאָלס, ווען מ'האָט זי גענומען גיין לייגן שלאָפֿן, האָט זי צוגערופֿן טאַטעק:

— האָב נישט קיין מורא, כ'וועל דיר שוין לאַנג קיין אָרט נישט פֿאַרלייגן, ניין — האָט זי שרעקעוודיק אויסגערופֿן.

אויפֿן צווייטן טאָג אינדערפֿרי האָט מען זי אָנגעקליידט אַזוי, ווי זי האָט געהייסן, מ'האָט זי אַרויפֿגעלייגט אויף קלאָנבעס בעט, און אויף איר אייגן בעטגעוואַנט. זי אַליין האָט אָפּגעהיטן, אַז אַלץ זאָל זיין, ווי עס געהער צו זיין, זי האָט אַליין, ציטערנדיק, דאָס מאָגערע איבערבעט אויפֿגערודערט, זי האָט אַליין אָנגעגאָסן הייליק וואַסער אין אַ טעלער אַריין און אַרויפֿגעלייגט דערויף דעם שפּריצער, און דורכנישטערנדיק, אַז אַלץ איז שוין דאָ, ווי עס באַדאַרף צו זיין אין אַזאַ שעה בײַ באַלעבאַטים, האָט זי געבעטן מ'זאָל שיקן נאָכן גלח.

ער איז געקומען מיטן פּאַן יעזוס, ר'האָט זי צוגעגרייט אין דעמדאָזיקן לעצטן וועג אַריין און באַפֿוילן יאַשיאַן, אַז ער זאָל שוין דאָ צוזיין ביזן סוף, ווייל ער אַליין האָט זיך ערגעץ־ווּ געאײַלט.

יאַשיאַ האָט זיך אָנידערגעזעצט לעבן איר און געלייענט שטילערהייט פֿון אַ בוך, די קלאָנבעס זענען אויך איבערגעבליבן אינדערהיים, און אינגיכן איז געקומען צו לויפֿן יאַגושיאַ, אַריינשטופּנדיק זיך ערגעץ אין אַ ווינקל שׂיליטשקע, ווי אַ טרוסיקל. אין דער שטוב האָבן נאָר די פֿליגן געזומט, וואָרן די מענטשן האָבן זיך אַרומגעשלייכט אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, ווי די שאָטנס, קוקנדיק נאָר מיט שרעק אויף יאַגאַטען... זי איז געלעגן מיט אַ ראָזנקראַנץ אין די הענט, איינגאַנצן נאָך בײַם פֿולן באַוווסטזיין. געזעגענענדיק זיך מיט איטלעכן, ווער

ס'האָט נאָר אין שטוב אַרייִנגעבליקט ; טייל קינדער, וואָס האָבן זיך אין פעדערהויז און אונטער די פענסטער געשפּאַרט, האָט זי צו עטלעכע גראָשנס אייִנגעטיילט.

— נאַ דיר, און זאָג אָפּ פּאַטשערזש פאַר יאַגאַטען! — האָט זי מיט ליבלעכקייט געשעפּטשעט.

און דערנאָך האָט זי שוין גאַנצע שעהן צו קייגעם זיך נישט אָנגערופן.

און זי איז געלעגן אַזוי בכבודיק, באַלעבאַטיש-מעסיק, אויף אַ בעט און אונטער בילדער, אַזוי ווי זי האָט געחלומט באַם גאַנצן לעבן. זי איז געלעגן פול מיט שטילן שטאָלץ און אומ-באַשרייבלעכן גליק, פריידיקע טרערן האָבן זיך איר אין די אויגן געגרויט. זי האָט עפּעס באַוועגט מיט די ליפּן, גליקלעך געשמייכלט און איז פאַרקוקט געווען דורכן פענסטער אין טיפן הימל, אין די רחבותדיקע פעלדער, וווּ עס האָבן שוין ערטער-ווייַז קאָסעס מיט אַ געקלאַנג געבלינצלט און עס האָבן זיך גע-לייגט צייטיקע, שווערע קאָרן-זאַנגען, אין אַזעלכע ווייטקייטן, וואָס נאָר איר גוססדיקע נשמה האָט זיי געקענט דער-בליקן.

אָבער אין עפּעס אַ מאָמענט, ווען דער טאָג האָט שוין גע-האַלטן באַם פאַרגיין, און די שטוב איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט די רויטע שטראַלן פון זון-אונטערגאַנג, האָט זי זיך געוואַלטיק אויפגעטרייסלט, אויפגעזעצט זיך, און אויסצײענדיק די הענט האָט זי מיט אַ שטאַרקער, און ווי מיט אַ פרעמדער שטימע אויס-געשריען:

— די צייט איז אויף מיר שוין געקומען, געקו-מען.

און זי איז אַנידערגעפאַלן אויפן רוקן.

אין שטוב איז געוואָרן שרעקלעך, ס'האָבן אַרויסגעפלאַצט בעוויינען, מ'האָט אַנידערגעקניט לעבן בעט. יאַשיאַ האָט אָנגע-הויבן לייענען די תפילה פאַר גוססדיקע, די קלאַנגבאַ | אַ האָ

אָנגעצונדן אַ ליכט, די שטאַרבנדיקע האָט נאָכגעזאָגט יאַשיאַן, אָבער וואָס אַמאָל שטילער, וואָס אַמאָל קאַרקלענדיקער, די אויגן האָבן זיך איר געלאָשן, פּונקט ווי אַ זומער־טאָג, וואָס איז פון מי פאַרמאַטערט, דאָס פּנים איז פאַרזונקען אין אַ נעפּל פון אייביקן בין השמשות, זי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ליכט און איז אויסגעגאַנגען.

און געשטאָרבן איז זי די בעטלערין, פּונקט ווי די ערשטע באַלעבאָסטע אין דאָרף, און יאַמבראָוו, וועלכער האָט אַקוראַט געדאַנזשעט צום סוף, האָט איר די אויגן פאַרמאַכט! יאַשיאַ אַליין האָט פאַר איר אָפּגעזאָגט אַ הייסע תּפילה און דאָס גאַנצע דאָרף איז געקומען מתפּלל זיין לעבן איר טויטן קערפּער, וויינען און מיט קנאה באַוווּנדערן דעם גליקלעכן טויט און דאָס לייכטע אויסגיין.

נאָר יאַשיאַן, ווי נאָר ער האָט אַ בליק געטאָן אין אירע טויטע אויגן אין איר פאַרשטאַרט פּנים, וואָס איז ווי אַ שטיק ערד צעאַקערט געוועזן מיט די נעגל פון טויט, האָט אַזאַ פּחד אויפגעטרייסלט, אַז ער איז אַנטלאָפן געוואָרן אַהיים, געוואָרפן זיך אויפן בעט, אַריינגעדריקט דעם קאָפּ אין קישן און זיך צעוויינט.

באַלד נאָך אים איז אויך יאַגושיאַ נאָכגעלאָפן, און כאָטשיק זי איז אַליין געווען אָנגעפּילט מיט שרעק און ווייטיק, האָט זי אים אָנגעהויבן באַרויִקן און אָפּווישן דאָס פאַרווייניטע פּנים. ער האָט זיך צו איר צוגעטוליעט, ווי צו אַ מאַמע, אַנידערגעלייגט דעם צעווייטיקטן קאָפּ אויף איר ברוסט, אַרומגענומען זיי באַם האַלדז, און פאַרגייענדיק אַזש מיט אַ געכליפּעריי, האָט ער מיט ביטערע טרערן געקלאָגט:

— גאָט מיינער, ווי שרעקלעך דאָס איז, ווי מוראדיק!...

דערויף איז די אָרגאַניסטעכע אַריינגעקומען, זי האָט דאָס דערזען און אַ שרעקלעכער כּעס האָט זי אויפגעטרייסלט.

— וואָס טוט זיך דאָ! — איז זי אַרויסגעטרעטן אין דער

מיט שטוב אריין און א שיפע געטון, קוים זיך שוין קענענדיק איינהאלטן — קוקט זי נאר אן, וואס פאר א פילבארע אפטרופסטע זי איז מיר געווארן, ס'איז נאר א שאד, וואס יאשיא דארף שוין נישט האבן קיין ביאנקע, און קען זיך שוין אליין די נאז צופוישן!

יאגושיא האט אויף איר אויפגעהויבן די פארוויינטע אויגן, און ציטערנדיק פון שרעק, האט זי איר אנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער אלטערס טויט. יאשיא האט זיך אויך גיך א נעם געטון דערציילן, דערקלערנדיק דער מוטער, וואס מיט אים האט זיך בעטראפן, אבער די ארגאניסטכע, ווייזט אויס, שוין פון פריער זייענדיק גוט אונטערגעהעצט דורך די קומעס, האט אויף אים אויפגעעפנט א מויל:

— ביסט נאריש, ווי א קאלב! רוף דיך בעסער נישט אן, כדי זאלסט אויך אמאל נישט אריינכאפן קיין פסק!

זי איז מיטאמאל א שפרונג צו געטון צו דער טיר, אויפגעפראלט זי, ווי גרויס זי איז און א קוויטש געטון צו יאגושען:

— און דו טראג דיך ארויס, און דיין פוס זאל זיך מיר דא מער נישט געפינען, ווארן כ'וועל דיך מיט די הינט ארויסיאגן!

— וואס בין איך דא שולדיק, וואס? — האט זי געשטאמלט, נישט וויסנדיק שוין וואס עס טוט זיך מיט איר פאר בושה און ווייטיק.

— ארויס פונדאנען אין דער אותו רגע, ווארן כ'וועל הייסן די הינט אפלאזן! איך וועל מיך נישט גיין אנידערשטעלן דורך דיר ווייבען. אזוי ווי האנקא אדער די וואיטאוווע! איך וועל דיר ווייזן ליבעס, מאלפע איינע, וועסט מיך שוין האבן צו געדענקען, דו טליק! — האט זי זיך אויפן הויכן קול געריסן.

יאגושיא האט ארויסגעזעצט מיט א געוויין, זי איז

ארויסגעפלויגן פון הויז און אװעקגעלאָזט זיך אין דער װעלט אַריין.

און יאָשיאַ איז געבליבן שטיין, װי פון אַ דונער דער־שלאָגן.

XII

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטון איר נאָכצולויפן.

— וווהין? — האָט די מוטער מוראדיק אַ וואָרטשע געטון, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די טיר.

— פאַרוואָס האָט זי די מאַמע אַרויסגעטריבן, פאַרוואָס? ווייל זי איז אַזוי גוט געווען צו מיר! דאָס איז נישט יושרדיק, איך וועל דאָס נישט דערלאָזן! וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט זי געטון? האַ? — האָט ער מיט היץ געשריגן, אויסרייסנדיק זיך פון דער מוטערס האַרטע הענט.

— זעץ דיך אַנידער רויק, וואָרן כ'וועל אַרייַנרופן דעם טאַטן... פאַרוואָס? איך וועל דיר באַלד זאָגן: האָלטסט באַ ווערן אַ גלח, איז וויל איך נישט, אַז דו זאָלסט דיר אונטער מיין דאַך אויסהאַלטן אַ געליבטע, כ'וויל נישט דערלעבן צו אַזעלכע חרפות און בושות, אַז מענטשן זאָלן מיט די פינגער דיר נאָכווייזן! אָט דערפאַר האָב איך זי אַרויסגעטריבן, פאַרשטייסט שוין איצט?

— אין נאָמען פון פאָטער און זון! וואָס רעדט די מאַמע! — האָט ער אין טיפסטער אויפרעגונג אַרויסגעשטאַמלט.

— איך זאָג דאָס, וואָס איך ווייס! אמת, איך האָב געווּסט, אַז דו באַגעגנסט זי דאָ און דאָרט, אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז כ'האָב דיך נישט חושד געווען אין אַזעלכע זאַכן! כ'האָב מיר שטענדיק געטראַכט, אַז קוים טראָגט מיין זון דאָס גלחים-מאַנטל, וועט ער עס קיינמאָל נישט וואַגן צו פאַרפלעקן! וואָרן כ'וואָלט דיך געווען פאַרשאָלטן אויף אייביק און פון האַרץ אַרויסגעריסן, אפילו ווען ס'וואָלט איינציייִק געמעגט פלאַצן... — די אויגן האָבן זיך איר אָנגעצונדן מיט אַזאַ הייליקן פחד און אומרחמנות, אַז יאַשיאַ איז אַזש פאַרשטאַרט געוואָרן פאַר שרעק. — די קאָזלאָווע האָט מיר ערשט די אויגן געעפנט, און איצט האָב איך שוין אַליין געזען, צוואָס דידאָזיקע צויג האָט דיך געוואָלט דערבּרענגען...

ער האָט זיך שמערצלעך צעוויינט, און אונטער אַ געכליפּעריי און געיאָמער אויף די אַלע שרעקלעכע חשדים, האָט ער מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט דערציילט אַלע זייערע באַגעגענישן, אַז זי האָט אים פולשטענדיק געגלייבט, און צודריקנדיק אים צו דער ברוסט, האָט זי אים אָנגעהויבן די טרערן אָפּווישן, און צו באַרויִקן.

— וווּנדער דיך נישט אַזוי, וואָס כ'האָב מיך אַזוי דערשראָקן וועגן דיר, ווייל דאָס איז דער ערגסטער ליידאַק אין דאָרף...

— יאַגושיאַ! די ערגסטע אין דאָרף! — ער האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלייבט.

— ס'איז מיר אַפילו אַ חרפה, אָבער פאַר דיין טובה וועגן מוז איך דיר אַלץ אויסדערציילן.

און זי האָט דערציילט וועגן איר פאַרשידענע געשיכטעס, נישט קאַרגנדיק קיין צולאָג, נישט קיין רכילות, נישט די ערגסטע אויסטראַכטעכצן.

יאַשיאַן האָבן זיך די האָר אויפן קאָפּ אויפגעשטעלט, אַז ער האָט זיך אַזש פון אָרט אויפגעריסן און אויסגעשריגן:

— דאָס איז נישט אמת, כ'וועל עס קיינמאָל נישט גלייבן, אַז יאַגושיאַ זאָל זיין אַזאַ געמיינע, קיינמאָל נישט...

— די מאַמע זאָגט דאָס דיר, פאַרשטייסט? פון פינגער האָב איך מיר דאָס נישט אויסגעזויגן.

— בבא־מעשיות, מער גאָרנישט. דאָס וואָלט דאָך געווען שרעקלעך! — ער האָט פאַרצווייפלט די הענט פאַרבראָכן.

— און פאַרוואָס פאַרטיידיקסטו זי דאָס אַזוי פאַרביסן, האַ?

— איך פאַרטיידיק איטלעכן אומשולדיקן, איטלעכן.

— ביסט נאַריש, ווי אַן אָקס. — איז זי דערצערנט געוואָרן, זייענדיק געטראָפן פון זיין נישט גלייבן.

— ווי די מאַמע פאַרשטייט. אָבער אויב יאַגושיאַ איז טאַקע אַזאַ אויסוואורף, טאָ פאַרוואָס האָט איר די מאַמע דערלויבט אַריינצוקומען צו אונדז? — האָט ער זיך היציק אויפגעקאָכט, ווי אַ יונג הענדל.

— כ'וועל מיך נישט גיין פאַרענטפערן פאַר דיר, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ נאַר, און דו פאַרשטייסט גאָרנישט, נאָר כ'בין דיך מזהיר: האַלט דיך פון איר פונדערווייטנס, וואָרן אַז איך וועל ענק דערטאַפּן ערגעץ־ווו צוזאַמען, וועט עס מעגן זיין פאָרן גאַנצן דאָרף, וועל איך איר מאַכן אַזאַ התונה, אַז זי וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן! און דערביי קענסטו אויך עפּעס אַריינכאַפּן...

זי איז אַוועקגעגאַנגען, אַ קנאַק טוענדיק מיט דער טיר פאַר כעס.

און יאַשיאַ, נישט פאַרשטייענדיק אַפילו, וואָס יאַגושעס כבוד גייט אים אַזוי שטאַרק אָן, האָט אָראָפּגעשלונגען די מוטערס רייד, ווי שטעכיקע פּאָקזשיוועס, ער האָט זיך געשטיקט מיט זיי, אָנזעענדיק זיין נשמה מיט זייער פּיאָלון־ביטערקייט.

— ביסטו, הייסט עס, אַזעלכע יאַגויש! ביסטו אַזעלכע! —
האָט ער זיך בעקלאָגט מיט אַ שמערצלעכן פאָרוואורף, אַזוי, אַז ווען זי וואָלט זיך געווען אין דעם מאָמענט באַוויזן, וואָלט ער זיך פון איר געווען אָפּגעקערט מיט פאַראַכטונג און צאָרן. האָט ער זיך דען געקענט גאָר ריכטן אויף עפּעס ענלעכס? ס'איז אים אַפילו אין געדאַנק אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן נישט איינגעפאַלן. ער האָט פונדעסטוועגן אין זיי אַרייַנגעטראַכט מיט וואָס אַמאָל מער פּיין און שוין הונדערט מאָל האָט ער זיך אויפגעריסן, כדי זיך שטעלן איר פאַר די אויגן און וואַרפן איר אין פּנים אַרייַן דעם גאַנצן צעטל חטאים... זאָל זי הערן, וואָס מ'רעדט וועגן איר און זאָל זי דאָס אָפּלייקענען, אויב זי קען... זאָל זי זאָגן בקול רם: נישט אמת! — האָט ער מיט היץ געטראַכט, און וואָס אַמאָל טיפער געבלייבט אין איר אומשולד און ס'האָט אים אַרומגענומען אַזאַ רחמנות-געפיל, און ס'האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ שטילע בענקשאַפט, און אַזעלכע זיסע, פרייַדיקע דערינערונגען פון די באַגעגענישן, און עפּעס אַ זוניקער נעפּל פון אומבאַגרייַפלעכן תענוג האָט אים די אויגן פאַרשטעלט און דאָס האַרץ געקוועלט, אַז ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעריסן, און אָנגעהויבן שרייַען, ווי צו דער גאַנצער וועלט:
— נישט אמת! נישט אמת! נישט אמת!

אָבער בשעת דעם נאַכטעסן האָט ער עקשנותדיק געקוקט אין טעלער אַרייַן, אויסמייַדנדיק דער מוטערס בליקן און כאָטש מ'האָט געשמועסט וועגן יאַגאַטעס טויט, האָט ער זיך נישט אַרייַנגעמישט אין דעם געשפּרעך, גאָר כסדר זיך געמאַזשעט, איבערגעקליבן אין עסן, געקריגט זיך מיט די שוועסטערן, באַקלאָגט זיך אויף דער היץ אין שטוב, און ווי נאָר מ'האָט צוגעראַמט די שיסלען, האָט ער זיך אַוועקגעטראָגן אויף דער פּלעבאַניע — דער גלח איז זיך געזעסן אויפן גאַניק מיט דער ליולקע אין די ציין און עפּעס פאַרטון איינגעטענהט מיט ימאַגינאַציע, ער האָט זיי פונדערווייטנס נאָך אויסגעמיטן, און שפּאַצירנדיק ערגעץ אונטער די ביימלעך, האָט ער באַטריבט געטראַכט.

— און אפשר איז עס יאָ אמת! די מאַמע האָלט זיך דאָך דאָס נישט אויסגעטראַכט!

פון די פענסטער פון דער פּלעבאַניע האָבן זיך געגאָסן פּאַסן ליכט אויפן קלאָמבּ, ווו עס האָבן אַרומגעשטיפּט הינטלעך, וואַרטשענדיק אין גוטפּריינטשאַפט איינס אויף ס׳אַנדערע, און פון גאַניק אַראָפּ האָט זיך דערטראָגן אַ גרעבלעכע שטימע:

— און דעם געדשטן אין חזיר־טאָל האָסטו באַקוקט?

— דאָס שטרוי איז נאָך אַ דזשעבּלע גרין, אָבער די קערבער זענען שוין ווי פּעפּער.

— וואָלסט געדאַרפט מאָרגן אויסלופטערן מײַנע מלבושים, זיי וועלן פאַרשימלט ווערן און גאַרנישט ווערט זיין. דאָס קיטל און דאָס איבער־העמדל טראָג אַוועק דער דאָמיניקאַנער, זאָל עס יאַגושיאַ אויסוואַשן. יאָ, ווער איז דאָס געווען נאָכמיטאָג מיט אַ קו?

— עמעצער פון מאָדליץ. דער מילנער האָט אים באַגעגנט אויף דער בריק און געפּרוווט אים אַריבערציִען צו זיין ביק, ר׳האָט אים אפילו צוגעזאָגט צוצולאָזן אומזיסט, אָבער דער פויער האָט גלייכער געוואָלט אונדזערן...

— ער האָט שכל, פאַר אַ רובל וועט ער דאָך האָבן ריווח אויפן גאַנצן לעבן, קודם כל וועט ער דאָך האָבן פיינע בהמות. דו ווייסט נישט, די קלאָגבעס מאַכן יאַגאַטען אַ לויה?

— זי האָט דאָך זיי איבערגעלאָזט אויף דער קבורה גאַנצע צען גילדן.

— מ׳וועט זי קובר זיין מיט כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַלעבאָסטע. און זאָג דאָרטן די חברה־לייט, אַז וואַקס וועל איך זיי פאַרקויפן, זאָלן זיי זיך נאָר צוקויפן געווייסטן. מאָרגן האָט מיכאַל שוין באַדינען אין קלויסטער, און דו גיי אַרויס מיט די מענטשן צום שניידן און טרייב אונטער, דער באַראָמעטער איז עפּעס נישט זיכער, עס קען זיין אַ שטורעם! ווען קלויבט זיך דאָס צונויף די קאָמפּאַניע קיין טשענסטאָכאָוו?

— די לויב־גאָטעסדינסט האָבן זיי פאַ זאָגט אויף דאָנער-

שטיק, איז, פארשטייט זיך, אז באלד נאך דער גאטעס: ינגס דירן זיי זיך פון ארט...

יאשיאן האט א ביסל געררייצט דאסדאזיקע געשפרעך, איז ער אוועקגעגאנגען ווייטער, אזש ביז דעם נידעריקן געפלאכטע־נעם פלויט, וואס האט אפגעטיילט דעם סאד פון בינען־גארטן. אויף דער שמאלער פארוואקסענער סטעזשקע און געשפאצירט, אנשלאגנדיק זיך טיילמאל מיטן קאפ אין די ארצפהענגענדיקע, שווערע צווייגן מיט עפל.

ס'איז געווען א ווארעמער און א שטיקנדער אוונט, ס'האט געשמעקט מיט האניג און מיט אפגעשניטן קארן פון ערגעץ הינטער די גערטנער, די לופט איז געווען א שווערע, דורכגעזוי־מען מיט דער חמימה, געווייסטע בייטער־שטאכן האבן געשי־מערט אין דער פינסטערניש ווי ווייסע קליידער, וואס מ'האט צום טרוקענען אויסגעהאנגען. ערגעץ באם סטאו האבן עפעס הינט בייז געבילן, און פון די קלאנבעס האבן זיך פון צייט צו צייט דערטראגן טרויעריקע, קרעכצנדיקע געיאמערן.

יאשיא האט, ענדלעך שוין זייענדיק פארמאטערט פון דעם כסדרדיקן אריינטראכטן, אפגעדרייט זיך אהיים, ווי מיטאמאל האט ער דערהערט, ווי פון בינען־גארטן ארויס, עפעס פארשטיק־טע, הייסע שעפטשען.

ער האט קיינעם נישט באמערקט, אבער ער איז געבליבן שטיין און זיך איינגעהארכט מיט א פארכאפטן אטעם.

— ... אז פארזויערט זאלסטו ווערן... לאז מיך אפ, לאז, וואר'ן כ'על שרייען!...

— ... נאר... וואס רייסטו דיך? כ'וויל דיין שלעכטס, ווייל איך?...

— ...ס'קען נאך עמעצער דערהערן. גאט מיינער, טאטש זו צעקוועטשסט דאך מיר די זייטן... לאז אפ...

פיעטרעק די בארינבעס און מארינאַ דעם גלחס! ער האט זיי דערקענט לויט די שטימען און ער איז אוועקגעגאנגען מיט א שמייכל, נאר נאך עטלעכע טריט האט ער זיך צוריק אומגע־קערט אויפן פריערדיקן ארט און מיט אן אויסטערלישן קל פּב־

דיק האַרץ זיך איינגעהאָרכט. די געדיכטע קושאַקעס און די פינסטערניש האָט זיי פאַרשטעלט, ס'איז נישט קיין אופן געווען זיי צו באַמערקן, אָבער וואָס אַמאָל האָט ער שאַרפער געהערט די קורצע, אָפגעהאַקטע און מיט זידיקייט קאָכעדיקע ווערטער, זיי האָבן געזעצט ווי מיט פלאַמען, און טיילמאָל, האָבן דורך אַ לאַנגע ווײַלע געזאָטן פיבערדיקע, פאַרשטיקטע אָטעמען און אַמפּערגישן.

— ... פּונקט אַזעלכער, ווי יאַגושיאַ האָט, ווּעסט זײַן... נאָר לאָז דיך, מאַריש, נאָר...

— ...כ'וועל דיר טאַקע באַלד גלייבן... איך בין נישט קיין זעלכע... גאָט מײַנער, לאָז־זשע מיך דעם אָטעם כאַפּן...

די קושאַקעס האָבן זיך געוואַלטיק צערוישט, עפּעס אַ שווערס איז אַ פאַל געטון אויף דער ערד, אָבער נאָך אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אויפגעטרייסלט און ווידער האָבן זיך געהערט, צעגליטע שעפּטשען, איינגעשטילטע געלעכטערן און קושן.

— ...אַז איך קען שוין אפילו נישט שלאָפן, און שטענדיק נאָר טראַכט איך וועגן דיר, מאַריש... וועגן דיר, מײַן טײַערסטע...

— ...איטלעכער זאָגסטו דאָס אייגענע... כ'האָב געוואַרט אויף דיר ביז האַלבער נאַכט... ביסטו געווען בײַ אַן אַנדערער...

יאַשיאַ איז ווי פלוצלינג באַטויבט געוואָרן און זיך אויפגעטרייסלט ווי אַן אָשינע-ביימל. אַ ווינט האָט איבערן סאַד אַ בלאָז געטון, די ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן און ווי אין שלאָף זיך שטיל צעפּליסטערט, פון דעם בינען-גאָרטן האָבן אַזעלכע האָניג-ריחות אַ צי געטון, אַז ס'האָט אים אַזש אונטער דער ברוסט פאַרשפּאַרט, און די אויגן האָבן זיך מיט טרערן אָנגעגאָסן, ס'האָט אים דורכגענומען עפּעס אַזאַ פיבערהאַפטע היץ און עפּעס אַזאַ מין גלוסטיקייט האָט אים אָנגעהויבן קוועלן, אַז ער האָט זיך נאָר עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעצויגן, און אָפּגעזיפצט.

— ...זי גייט מיך אזוי פיל אָן, ווי אַז די שטערן...
יאַשיאָן האָט זי אַצינד אָנגערעדט...

ער איז צו זיך געקומען, אַריינגעדריקט זיך אין פלויט און וואָס אַמאָל שטאַרקער צעציטערט זיך איינגעהאָרכט.

— ...ס'איז אמת... זי גייט אַרויס צו אים אַלע נאַכט...
די קאָזלאָוזע האָט זי געפּאַקט אין וואַלד...

די וועלט האָט זיך מיט אים אַ דריי געטון און ס'איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ער האָט זיך קוים שוין אויף די פיס געהאַלטן, און דאָרט אין די געדיכטעניש האָבן רייצנדיק אָפּגעשמועדערט קושן, געלעכטערן און שעפּטשען...

— ...כ'וועל דיר באַלד ווי אַ הונט דעם קאָפּ מיט הייס וואַסער אָפּצוואַגן...

— ...באַר דאָס איינציקע מאָל, טייערסטע... טאַטש כ'וועל דיר גישט טון קיין שלעכטס... וועסט זען...

— ...פּיעטרוש, גאָט מייַנער, פּיעטרוש...

יאַשיאָ איז אַפּגעשפּרונגען און ווי אַ חיגט אַנטלאָפן, צעריסנדיק זיך די סוטאַנע און קושאַק. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין אַ רויטער, ווי אַ בוראַק, באַגאָסן מיט אַ שווייס און פיבערדיק, צום גליק האָט אויף אים קיינער קיין אַכט נישט געלייגט. די מוטער איז געזעסן לעבן קוימען מיט שפּינעכץ און געשפּינען, זינגענדיק אינדערשטיל: „Wszystkie nasze dzienne sprawy", די שוועסטערן האָבן צוזאַמען מיט מיכאַלן, וועלכער האָט געפּוצט די קלויסטער-לייכטערס, שטילערהייט אונטערגעהאָלפן, דער טאַטע איז שוין געשלאָפן.

יאַשיאָ האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער און גענומען זיך צום תּפילה-בוך, באַר וואָס קומט דערויס, אַז כאָטש ער האָט עקשנותדיק איבערגעחזרט די לאַטייניש ווערטער, פונדעסטוועגן האָט ער כסדר באַך אַלץ געהערט יענע שעפּטשען און יענע קושן, אַז לסוף האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אויפן ביכל און זיך איבערגעגעבן עפּעס אַזעלכע מין מאָדנע געדאַנקען, וואָס האָבן זיי מיט ווינטן געגליט.

— איז דאָס, הייסט עס, אַזוי? — האָט ער געבראַכט

וואָס אַמאָל מיט מער פּחד און גלייכצייטיק מיט עפּעס אַזאַ גלוסטיקן שוידער — איז דאָס, הייסט עס, אַזוי! — האָט ער מיטאַמאָל אויפן הויכן קול איבערגעחזרט, און ווילנדיק זיך אָפּרייסן פון די דאָזיקע מיאוסע מחשבות, האָט ער גענומען דאָס תפילהבוך אונטערן אָרעם און אַוועקגעגאַנגען צו דער מוטער.

— כ'וועל אָפּזאָגן פּאַטשערזש בײַ יאַגאַטען. — האָט ער שטיל און הכנעהדיק אויסגערופן.

— טאָ גיי־זשע דיר, זון, כ'וועל שפּעטער קומען נאָך דיר. — זי האָט אויף אים זייער ליבלעך אַ קוק געטאָן.

אין קלאַנבס כאַלופּע איז שוין כמעט קיינער נישט געווען, נאָר איין יאַמבראָזש האָט עפּעסטשיס דאָרט אַרויסגעמורמלט פון אַ ביכל בײַ דער געשטאָרבענער, וועלכע איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ פּלאַכטע. אויפן ראַנד פון בעט האָט געטליעט אַ גראָמניץ־ליכט, וואָס איז געווען אַרייַנגעשטעקט אין אַ קריגל, דורך די פענסטער האָבן אַרייַנגעקוקט צווייגן פול מיט עפּל, אַ באַכט מיט שטערן צעפינקלט, און פון צייט צו צייט האָט עפּעס אַ פאַרשפּעטיקטער דורכגייער דעם קאָפּ אַרייַנגעשטעקט, און פערדערהויז האָבן כסדר געוואָרטשעט די הינט.

יאַשיאָ האָט אַנידערגעקניט בײַ די ליכט און איז אַזוי הייס אין די תפילות פאַרזונקען, אַז ער האָט אפילו נישט געוווּסט, ווען יאַמבראָזש האָט אַהיימגעהינקט, די קלאַנבעס האָבן זיך געלייגט שלאָפן ערגעץ־ווו אין סאָד און די ערשטע הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען, אַ גליק איז, וואָס די מוטער האָט אָן אים נישט פאַרגעסן.

נאָר וואָס קומט דערויס, אַז דער שלאָף האָט אים כמעט נישט גענומען, וואָרן קוים האָט ער נאָר אָנגעהויבן איינצודרימלען, האָט זיך פאַר אים יאַגושיאַ, ווי אַ לעבעדיקע אַנידערגעשטעלט, אַז ער איז אַוש פון גלעגער אַראָפּגעשפּרונגען, זיך אויסגעריבן די אויגן און אַ דערשראָקענער זיך אויף אַלע זייטן אומגעקוקט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז קיינער נישט געווען, דאָס גאַנצע הויז איז געלעגן פאַרזונקען אין אַ האַרטן שלאָף, און

פון דער צווייטער שטוב האָט זיך דערטראָגן דעם פּאַטערס כראָפּען.

— איז אפשר האָט זי דאָס דעריבער... — ער האָט זיך פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק זיך אָן אירע הייסע קושן, צעפלאָקערטע אויגן און ציטערדיקע שטימע — און איך האָב געמיינט! — ער האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטון פון בושה, אַראָפּגעשפרונגען פון בעט, אויפגעעפנט דאָס פענסטער, און זיך אַריינזעצנדיק דערין, האָט ער שוין ביז פאַרטאָג געטראַכט און חרטה געהאַט אויף זיינע בשוגגדיקע חטאים און יצר הרעדיקע געדאַנקען.

אינדערפרי בשעת דער מאָרגן־תּפילה האָט ער אפילו נישט געוואַגט די אויגן אויפצוהייבן אויף מענטשן, נישט זיך אפילו אומצוקוקן איבערן קלויסטער, אָבער גלייכצייטיק נאָך הייסער געבעטן פאַר יאַגושען, וואָרן ער האָט שוין פולשטענדיק געגלייבט אין אירע שרעקלעכע זינד, ר'האָט נאָר בשום אופן נישט געקענט אויפוועקן אין זיך קיין שנאה און עקל צו איר.

— וואָס איז דיר? האָסט אָפּגעזיפצט, אַז די ליכט זענען שיער נישט פאַרלאָשן געוואָרן! — האָט אים דער גלח געפרעגט אין זיין חדר מיוחד.

— דאָס ברית מיך אַזוי די סוטאַנע! — האָט ער זיך באַקלאָגט, אָפּקערנדיק געשווינד דאָס פנים.

— אַז וועסט דיך צוגעוויינען, וועסטו זי טראָגן פּונקט ווי די צווייטע הויט.

יאַשיאָ האָט אים אַ קוש געטון אין דער האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען אויף אָנבייסן, דורכקלייבנדיק זיך מיט די שאָטנס, לעבן סטאַו, וואָרן די זון האָט געפּרעגלט שוין נישט צום אויסהאַלטן און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף מאַריניען דעם גלחס, וועלכע האָט געצויגן בײַ דער גושיטע דאָס בלינדע פערד און קוויטשעדיק געזונגען.

די דעריבערונגען האָבן אים ווי מיט אַן צאָל דורכגעשטאָכן, אַז ער איז אַזש צו איר אַ צאָרניקער צוגעגאַנגען.

— און פון וואָס פרייט זיך דאָס אַזוי מאַרינע? — ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ שעמעוודיקער נייגעריקייט.

— ווייל ס׳איז מיר פריילעך! — האָט זי זיך צעלאַכט, אַז די ווייסע ציין האָבן באַ איר אַזש אויפגעבליצט, זי האָט אַ צי געטון דאָס פערד און נאָך העכער זיך צעזונגען.

— נאָכן נעכטיקן איז זי אַזוי פריילעך! — ער האָט זיך שנעל אָפּגעקערט, וואָרן פון דער הויך־פאַרשאַרצטער ספּודניצע האָבן זיך אָפּערגעבלישטשעט די ווייסע קניען, ער האָט ראַטלאָז די הענט אויסגעשפּרייט און איז אָפּגעטרעטן צו די קלאָנבעס. יאַגאָטאַ איז שוין געלעגן מיטן גאַנצן פּראַכט אין דער מיט שטוב, אָנגעטון אין די יום־טובדיקע קליידער, אין טשיפּעק, מיט די כוואַליענדיקע באַפּוצונגען איבערן שטערן, מיט די שנורן פּאַטשערקעס אויפן האַלדז, אין אַ נייעם וועלניאַק און אין שיך מיט רויטע שיכבענדלעך פאַרשנורעוועט; אַ פּנים האָט זי געהאַט ווי פון געווייסטן וואַקס אָפּגעגאָסן, און זייער אַ צעשמייכלטס. אין די פאַרשטאַרטע פינגער האָט קרום געשטעקט אַ בילדל, צווייליכט האָבן איר צוקאָפּנס געברענט, יאַגוסטינקע האָט מיט אַ ברויסער צווייג די פליגן אָפּגעיאָגט, אַ רויך פון יאַלאָווע־צווייגן האָט זיך פון קוימען געצויגן און זיך איבער דער גאַנצער שטוב צעלייגט, יעדע ווייל איז עמעצער צריינגעגאַנגען אָפּזאָגן פּאַטשערזש פאַר דער געשטאָרבענער, און עטלעכע קינדער האָבן זיך הינטער די ווענט געפּלאָנטערט.

יאַשיאַ האָט זיך עפּעס שרעקעוודיק איבער דער טונקעלער כאַלופּע אומגעקוקט.

— די קלאָנבעס זענען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין — האָט די יאַגוסטינקאַ אים אַ שעפּטשע געטון — זי האָט זיי גאַנץ שפּאָר איבערגעלאָזט, איז מוזן זיי דאָס אויסגעבן אויף דער לחיה, זי איז דאָך אַ קרובה! די עקסאָרטע וועט צרשט זיין אין אָוונט, וואָרן מאַטעוש האָט נאָך נישט פאַרטיק געמאַכט די טרומנע...

ס׳האָט זיך געפילט אַ שלעכטער גערוך אין שטוב און דאָס געלע, שמייכלדיק־אומבאַוועגלעכע פּנים האָט אים מיט אַזאַ

שרעק דורכגענומען, אַז ער האָט זיך נאָר איבערגעצלמט און איז אַרויסגעגאַנגען, טרעפֿנדיק זיך האַרט פֿאַר דער שוועל פּנים אל פּנים מיט יאַגושען. זי איז געגאַנגען מיט דער מוטער, און דער־זעענדיק אים, איז זי שטיין געבליבן, אָבער ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אָן אַ וואָרט אויסצוריידן. ער האָט זי אפֿילו נישט באַגריסט. ערשט פֿון פֿאַרן טויער האָט ער זיך אויף איר נישט װילנדיק אומגעקוקט, זי איז נאָך געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט, אײַנגעקוקט אין אים מיט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן.

אין דער היים האָט ער נישט געוואָלט עסן קיין אָנבײַסן, באַקלאָגנדיק זיך אויף אַ שרעקלעכער קאָפּ־ווייטיק.

— גיי דיך אַ ביסל איבער, אפֿשר וועט דיר אויפֿהערן — האָט אים די מוטער געראָטן.

— וווהין זאָל איך גיין? אַז די מאַמע זאָל באַלד טראַכטן, גאָט ווייסט וואָס!

— יאַשיאָ, וואָס רעדסטו!

— די מאַמע לאָזט דאָך מיך פֿון שטוב זיך קיין ריר נישט טון! די מאַמע האָט דאָך מיר אפֿילו פֿאַרווערט מיט מענטשן צו רעדן! ס'הייסט... — ער האָט אַ צערייצטער זיך שטאַרק געקאָכט. און געענדיקט האָט עס זיך דערמיט, אַז זי האָט אים דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל מיט עסיק, געלייגט אים שלאָפֿן אין אַ טונקעלן צימער און פֿאַריאָגנדיק די קינדער אויפֿן הויף, האָט זי געוואַכט איבער אים, ווי אַ קוואָקע, ביז וואַנען ער האָט זיך נישט גוט אויסגעשלאָפֿן און נישט אָפּגעגעסן, ווי עס געהער צו זײַן.

— און איצט גיי דיך אַ ביסל איבער, גיי אויפֿן טאָפּאָלן־וועג, דאָרט איז אַ גרעסערער שאָטן און קילער. — ער האָט זיך באַרנישט אָפּגערופֿן, נאָר פֿילנדיק, אַז די מוטער קוקט אים אויפֿמערקזאַם נאָך, איז ער אויף צולהכעיס איר אַוועקגעגאַנגען לגמרי אין אַן אַנדערער זײַט אַרײַן. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן דאָרף, געקוקט אויף די קאָוואַליעס, וואָס האָבן מיט די האַמערן געדונערט, אַרײַנגעבליקט אין דער מיל, געקראָכן איבער די גערטנער, כאַפּנדיק שנעל אַ בליק אויף די ליאַנען־בייטן און ווו נאָר

עס האָט זיך אַ ווייבערישע ספּודניצע גערויטלט, געזעסן אַ ביסל מיטן פּאַן יאַצעק, וואָס האָט אויף עפּעס אַ מיעדזע געפּאַשעט ווראַנקעס בהמות. ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט מילך בײַ די שימעקס אין פּאָדעלשיצע, און זיך ערשט אומגעקערט אין דאָרף אַרײַן אַרום סאַמע בין השמשות, נישט באַגעגענדיק אין ערגעץ יאַגושען.

ער האָט זי ערשט צומאָרגנס אויף יאַגאַטעס לוויה דערזען, זי האָט אַזוי געקוקט אויף אים די גאַנצע צייט פון דער גאָטעסדינסט, אַז די אותיות האָבן אים אַזש אין די אויגן געטאַנצט און ער האָט זיך כסדר טועה געווען אין זינגען, און ווען מ'האָט דעם קערפּער געפירט אויפן צמענטאַרזש, איז זי, נישט קוקנדיק אויף די גרויזאַמע בליקן פון דער אָרגאַניסטעכע, געגאַנגען כמעט לעבן אים, אַזוי, אַז ווען ער האָט געהערט אירע שמערצלעכע זיפצן, איז ער אײַנגאַנצן ווי שניי אונטער דער פרילינגס־זון צעגאַנגען.

ווען מ'האָט די טרומנע אין קבר אַרײַן אַראָפּגעלאָזט, און עס האָבן אַרויסגעפּלאַצט יללות, האָט ער אויך איר ביטער געוויין דערהערט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט נאָך דער געשטאָרבענער כליפּעט זי אַזוי, נאָר פון שווערער פּײַן פון דעם צעווייטיקטן, באַעוולהטן האַרץ.

— איך מוז מיך מיט איר דורכשמועסן. — האָט ער באַשלאָסן, צוריקגייענדיק פון דער לוויה, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט שנעל אויף דער פרײַ אַרויסכאַפּן, וואָרן באַלד פון נאָכמיטאָג אָן האָבן מענטשן פון ווײַטלעכע דערפער און אַפילו פון אַנדערע פּאַראַפיעס זיך אָנגעהויבן צונויפפאָרן אויף דעם מאָרגעדיקן צוזאַמענקונפט פון די עולה רגל קיין טשענסטעכאָוו. די חבריה האָט געזאָלט אָפּגיין באַלד אינדערפרי, תיכף נאָך דער פייערלעכער גאָטעסדינסט. איז מען זיך פּאַמעלעך צוזאַמענגעפאָרן, פאַרפולנדיק די וועגן לעבן סטאַוו מיט וועגענער און געטומל. אַ שפּאָרער עולם איז אויך געקומען אויף דער פּלעבאַניע, אַז יאַשיאַ האָט געמוזט זיצן און אָפּפּאַרטיקן פאַרן גלח פאַרשיידענע ענינים. נאָר עפּעס ערשט אַרום פאַרנאַכט האָט ער, אָפּוואַרטנדיק

אַ גוטע געלעגנהייט, גענומען דאָס ביכל און אומבאַמערקט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף דער מיעדזע הינטער די שייערן, אונטער דעם באַרן־בוים, ווו ער איז נישט איינמאָל שוין געזעסן מיט יאַגושען.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אפילו נישט אַריינגעקוקט אין ביכל, ער האָט עס אַ וואָרף געטון אין גראָז אַריין, און אומקוקנדיק זיך איבער די פעלדער, איז ער אַריינגעשפרונגען אין קאָרן און אַראָפּגעבויגענערהייט זיך כמעט אויף אַלע פיר אַריבערגעכאַפּט אין די דאָמיניקאָוועס גערטנער אַריין.

יאַגושיאַ האָט גראָד איבערגעקאָפּעט די קאַרטאָפליעס, נישט ריכטנדיק זיך אפילו, אַז עמעץ קוקט אויף איר, וואָרן זי האָט זיך כסדר נאָכאַנאַנד שווערלעך אויסגעגלייכט און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער מאָטיקע און בלאָנדזשענדיק מיט די אומעטיקע אויגן איבער דער וועלט, האָט זי לאַנג און שווער אָפּגעזיפצט.

— יאַגושיאַ! — האָט ער שרעקעוודיק אויסגערופן.

זי איז בלאַס געוואָרן ווי אַ שטיק לייוונט און שטיין געבליבן, ווי איינגעגראָבן, קוים גלייבנדיק אירע אייגענע אויגן, עס האָט איר אָטעם פאַרפאַלט און אונטער דער ברוסט האָט איר אַ קלעם געטון, אָבער זי האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ צויבער־זעונג, און אַ זיסער שמייכל האָט זיך אויף די פלוצלינג רויט געוואָרענע ליפּן צעשפּילט, זיך צעשימערט מיט פלאַמען, און ווי אַ זון אַרויסגעפלאַקערט.

יאַשיאָן האָבן זיך דערגלייכן די אויגן צעפלאַמט און הוניג האָט זיין האַרץ פאַרגאָסן, ער האָט זיך אָבער נישט נאָכגעגעבן, ער האָט געשוויגן, זיך צוגעזעצט נאָר אויף דער בייט און געקוקט אויף איר מיט אַן אויסטערלישער ליבלעכקייט.

— כ'האָב מורא געהאַט, אַז כ'וועל דעם פאַן יאַשיאַ שוין קיינמאָל מער נישט זען...

גלייך ווי אַ שמעקעדיקער ווינט וואָלט פון די לאָנקעס אַ בלאָז געטון און אים דורכגענומען, אַז ער האָט אַזש דעם קאָפּ

אראָפּגעבויגן, אַזוי האָט זיך אים די שטימע כּמעט מ'ט אַן אומבאַגרייפלעך גליק אין דער נשמה צעקלונגען.

— און פאַר די קלאַנגעס, נעכטן, האָט דער כאַן יאַשיאַ אַפילו קיין קוק נישט געטון...

זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ צעפלאַמטע, ווי אַ רויזן־קזשאַק, ווי עפּל־בליעכץ, וואָס ווערט פאַרחלשט אין דער היץ פון בענקשאַפט, פול מיט הערלעכקייט און אינגאַנצן עפּעס ווי פאַרכישופט.

— ס'איז אַ וווּנדער דאָס האַרץ האָט מיר נישט געפּלאַצט! ס'איז אַ וווּנדער, וואָס איך בין פון זינען נישט אַראָפּ.

טרערן האָבן איר אין די ווייעס אויפגעגלאַנצט, פאַרדעקנדיק ווי מיט דימענטן דעם בלויען הימל פון די אויגן.

— יאַגושיאַ! — האָט זיך אים פון ערגעץ פון טיפן האַרץ אַרויסגעריסן.

זי האָט אַנידערגעקניט אין בייטן־ראָוו און צודריקנדיק זיך אים צו די קני, האָט זי זיך איינגעגעסן אין אים מיט אויגן — פייערדיקע תהומען, אויגן — בלויע, ווי דער הימל, און ווי דער הימל אומענדלעכע, אויגן פאַרשיכּורטע, ווי קושן און ווי אַרומהאַלדזונגען פון צערטלענדיקע הענט, אויגן, וואָס רייצן און זענען גלייכצייטיק פול מיט קינדערישער אומשולד.

ער האָט געוואַלטיק אויפגעציטערט און ווי באַשיצנדיק זיך פאַר עפּעס אַ כּישוף, האָט ער איר שאַרף אָנגעהויבן פאַרצוהאַלטן אַלע אירע חטאים; אַלע, וואָס די מוטער האָט אים נאָר דערציילט. זי האָט געטרונקען יעדעס וואָרט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן, כאָטש זי האָט ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען, זי האָט נאָר געוווּסט איינס, אַז אָט זיצט פאַר איר דער פון אַלע אויסדערוויילטער, אַז עפּעס רעדט ער, און די אויגן גליען אים, און זי קניט פאַר אים, ווי פאַר אַ הייליקן און איז מתפּלל צו אים מיט אומענדלעכן גלויבן פון ליבע.

— זאָג, יאַגוש, אַז דאָס אַלץ איז נישט אמת! זאָג! — איז ער צו איר בעטנדיק צוגעשטאַנען.

— ס'איז נישט אמת! ס'איז נישט אמת! — האָט זי צוגעשטימט מיט אַזאַ אויפריכטיקייט, אַז ער האָט איר באַלד געגלייבט. ער האָט איר געמוזט גלייבן. און זי האָט זיך אָנגעשפאַרט מיט דער ברוסט אויף זיינע קניִען, און פאַרזינקענדיק אין זיינע אויגן, האָט זי זיך שטיל אים מודה געווען אין איר ליבע... ווי בשעת דעם הייליקן מתוודה זיין זיך, האָט זי פאַר אים די נשמה אינגאַנצן געעפנט, זי האָט זיך אים צו די פיס געוואָרפן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט פייגעלע אין מיט אַ תפילהדיק, הייס געבעט האָט זי זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אויף זיין באַראָט.

יאָשיאָ איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, פונקט ווי אַ צעציטערט בלעטעלע אויף אַ שטורעמווינט. ער האָט זי געוואָלט אָפּשטופּן און אַנטלויפן, אָבער ער האָט נאָר אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ פאַרהאַלשטער און אומבאַוווּסטזיניקער שטימע:

— שטילער, יאָגוש, מען טאָר נישט אַזוי, ס'איז אַן עבירה, שטיל!

ביז זי האָט אינגאַנצן די כּוחות פאַרלוירן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן שוין ביידע שטילגעשוויגן, אויסמיידנדיק איינער דעם אַנדערנס בליקן, און גלייכצייטיק זיך געדריקט איינער צום אַנדערן אַזוי נאָנט, אַז זיי האָבן געהערט דאָס קלאַפּן פון די אייגענע הערצער און דאָס שטילע, ברענענדיקע אָטעמען. ס'איז זיי שרעקלעך גוט און פרייליך געווען. די טרערן זענען זיי ביידע איבער די בלאַסע פּנימער גערינען, באַ ביידע האָבן די רויטע ליפּן געשמייכלט, און די נשמות זענען, ווי בשעת דער האָסטיע-אויפהייבונג, פאַרזונקען געוואָרן אין עפּעס אַ הייליקער שטילקייט, וואָס האָט פאַרבאָרגן ערגעץ געלויכטן אויף די הויכקייטן. און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן נאָך העכער, איבער די וועלטן.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען און די ערד איז פאַרפלאָסן געוואָרן מיט רויטע שטראַלן, פונקט ווי מיט אַ גאָלדענעם טוי. אַלץ איז פאַרשטילט געוואָרן, אַלץ האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן און אַלץ איז ווי אָפּגעשטאָרבן אין דער איינגעהאַרכטקייט פון די

גלאָקן, וואָס האָבן אויפגעקלונגען צו דער אָוונט־תפילה, און אַלץ איז ווי פאַרזונקען אין אַ שטיל געבעט פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם הייליקן חסד פון פאַרגאַנגענעם טאָג. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אין פעלד אַריין באַשיט מיט דעם שטויב פון די רויטע שטראַלן, זיי זענען געגאַנגען עפּעס אויף אַזעלכע מיעדזעס פול מיט בלו־מען, צווישן צייטיקע תבואות, שאַרנדיק מיט די הענט איבער די אַראָפּהענגענדיקע זאַנגען ביז צו זייערע קני׳ען; זיי זענען געגאַנגען אין דעם אָפּשיין פון זון־פאַרגאַנג פאַרקויקט, אין די ברייטע, גאָל־דענע הימל־תהומען, מיט הימל אין די נשמות, הימל אין די אויגן און ווי מיט הימל־רעגנבויגנס איבער זייערע קעפּ.

גלייך ווי אַ געטלעכע תפילה וואָלט אין זיי אָפּגעריכט גע־וואָרן, אַזוי פול זענען זיי געווען מיט הייליקער גאָטעסדינסט, אַזוי האָבן זיי די נשמות געקניט פון אַנטציקונג און אַזוי האָבן אין זיי געזונגען די אין הימל אַוועקגענומענע הערצער, וועגן געטלעכן חסד, וואָס איז נאָר זיי אַליין געשאָנקען געוואָרן אין דערדאָזיקער שעה פון לעבן.

זיי האָבן מער קיין וואָרט צו זיך נישט אויסגערעדט, קיין איין וואָרט נישט, טיילמאָל נאָר האָבן זיך זייערע בליקן ווי בליצן דורכגעקרייצט, זייענדיק שוין איבגאַנצן צעגליט פון די אייגענע פלאַמען און נישט וויסנדיק מער, וואָס עס טוט זיך מיט זיי.

זיי האָבן דעסגלייכן נישט געוווּסט, אַז זיי זינגען עפּעס אַ געזאַנג, וואָס איז אין זיי אַליין געבוירן געוואָרן, און ווי אַ צע־טשוויטשערטער פויגל פליט עס איבער די טונקעלע פעלדער, אי־בער דער גאַנצער וועלט.

זיי האָבן נישט געוווּסט אפילו, וווּ זיי זענען און וווּ זיי גייען, און צוליב וואָס?

פּלוצלינג האָט ערגעץ פון דער נאָנט איבער זייערע קעפּ אַ דונער געטאָן אַ האַרטע און טרוקענע שטימע:

— יאַשיאַ, אַהיים!

ער איז מיטן אויגנבליק אויסגעניכטערט געוואָרן. זיי זע־נען געווען אויפן טאָפּאָלן־וועג, און די מוטער איז געשטאַנען

הארט לעבן זיי מיט א גרויזאם און אומבארחמנותדיק פנים — ער האט עפּעס אנגעהויבן צו שטאמלען און צו פּלאפּלען, וואס איינס איז צום צווייטן נישט געקומען.

— קום אהיים!

זי האט אים אנגענומען בא דער האנט און מיט פּעס אים נאך זיך א ציי געטון. ער האט זיך געלאזט, אן שום ווידערשטאנד, מיט הכנעה...

יאגושיא איז זיי נאכגעגאנגען, ווי א פּארכישופטע. אבער דא האט די ארגאניסטעכע פּלוצלינג א הייב אויף געטון פון וועג א שטיין און מיט א שרעקלעכער פּארביסנקייט אויף איר א ווארף געטון.

— וואך פון דאנען! אין דער בויד אריין די צויג! — האט זי מיט פּאראכטונג אויסגעשריגן.

יאגושיא האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, לגמרי נישט וויסנדיק וועמען זי מיינט, אבער ווען זיי זענען איר פון די אויגן פארשוווגדן געווארן, האט זי לאנג אויף די וועגן ארומגע-בלאנקעט, און דערנאך ביזן ווייסן טאג אריין הינטער דער וואנט געזעסן.

שעהן נאך שעהן זענען געגאנגען, עס האבן געקרייעט די הענער, עס האבן געהירזשעט די פערד בא די וועגעגער לעבן סטאוו, ס'האט אנגעהויבן טאגן, דאס דארף האט אנגעהויבן אויפ-שטיין, מ'האט גענומען וואסער פון סטאוו, מ'האט ארויסגעטריבן די בהמות אויף דער פּאשע, ווער ס'איז שוין צו דער ארבעט ארויסגעגאנגען, ערטערווייז האבן שוין ווייבער געגרעגערט, ער-גיץ אנדערש האבן קינדער שוין געוויינט, און זי איז כסדר אלץ געזעסן אויף איין ארט און מיט אפענע אויגן וואכעדיקערהייט געחלומט וועגן יאשיאן — אז זי רעדט עפּעס מיט אים, אז זיי קוקן זיך אן איינס דאס אנדערע פון דער נאנט, אז ס'האבן זי גאָז זיסע פייערן ארומגענומען, אז זיי גייען ערגעץ און זינגען עפּעס אזוינס, וואס זי האט זיך בשום אופן נישט געקענט דער-מאנען — און אזוי כסדר אלץ דאס אייגענע.

די מוטער האָט זי אויפגעוועקט פון די הערלעכע טרוימען, און אויף האַנקאַ, וועלכע איז צוגעקומען שוין אַ צוגעגרייטע אין וועג אַריין, זי האָט נישט איבעריק דרייסט איר די ערשטע די האַנט אויסגעשטרעקט אויף שלום.

— קיין טשענסטאָכאָוו גיי איך, איז זייטס מיר מוחל, וואָס כ'האָב געזינדיקט קעגן ענק...

— אַ שיינעם דאַנק פאַרן גוטן וואָרט, אָבער אַן עולה בלייבט אַן עולה! — האָט די אַלטע אַ מרוק געטון.

— לאָמיר דאָס נישט געדענקען! איך בעט ענק פון גאַנצן האַרץ, אַז צ'זאָלט מיר מוחל זיין.

— קיין כעס אין האַרץ פיל איך שוין נישט צו ענק — האָט די דאָמיניקאָווא שווער אָפּגעזיפצט.

— איך אויך נישט! כאָטשביק כ'האָב נישט ווינציק געליטן! — האָט יאַגושיאַ ערנסט אויסגערופן, און דערהערנדיק דאָס קלויסטער-גלעקל, איז זי זיך געגאַנגען איבערטון אין קלויסטער אַריין.

— צ'ווייסט, יאַשיאָ דעם אָרגאַניסטערס גייט דאָך מיט דער קאָמפּאַניע — האָט זיך האַנקאַ נאָך אַ ווײַלע אָפּגערופן.

דערהערנדיק די בייעס, איז יאַגושיאַ אַ האַלב אָנגעטועטע פון דער כאַלופּע אַרויסגעפלויגן.

— די אָרגאַניסטעכע אַליין האָט דאָס מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז ער האָט זיך דורכויס איינגעשפּאַרט צו גיין קיין טשענסטאָכאָוו! ס'וועט אונדז פריילעכער זיין צו וואַנדערן מיטן גלחל און ס'וועט פאַר אונדז אויך אַ כבוד זיין! זייטס געזונט. — זי האָט זיך מיט זיי פריינטלעך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויסטער אַריין, דערצײַלנדיק אויפן וועג די בייעס. פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט זיך זייער געוווּנדערט דערויף, נאָר די יאַגוסטינקאַ האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ און האָט שטיל אויסגערופן:

— דאָ מוז עפּעס זיין! ער גייט דיר נישט גלאַט אַזוי מיטן גוטן ווילן, גיין...

אָבער ס'איז נישט קיין צייט געווען אויף לענגערע טענות, יאָרן אפשר אַ האַלב דאָרף האָט זיך פאַרזאַמלט אין קלויסטער אַריין, און דער גלח איז שוין געהאַט אַרויסגעטראָטן מיט דער לויב־תּפילה, וואָס איז אָפּגעריכט געוואָרן לכבוד דעם עולה־רגל זיין.

יאַשקאָ האָט משמש געווען בײַ דער מאָרגן־תּפילה, ווי אַלע טאָג, נאָר הײַנט איז אים דאָס פּנים עפּעס בלאַסער געווען און אויך אויסטערליש צעווייטיקט. די אויגן זענען אים געווען בלוי אונטערגעהאַקט און פאַרגלאָזט פון טרערן, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע קלויסטער האָט אים ווי אין אַ נעפּל געשימערט; טערעסקאַ, וואָס איז געלעגן אויסגעקרייצט די גאַנצע צייט פון דער גאָטעסדינסט, די צעשראָקענע אויגן יאַגושעס, די מוטער, וואָס איז אויף דער הויפּישער באַנק געזעסן, און די וואַנדערער, וואָס זענען צו דער קאָמוניע צוגעטרעטן — ווי דורך אַ נעפּל האָט ער דורך די קוים אײַנגעהאַלטענע טרערן געזען, דורך דער ווייטיק, וואָס האָט אים דאָס האַרץ געריסן און דורך דעם שרעקלעכן טרויער.

דער גלח האָט פון אַלטאַר אַראָפּ געזעגנט די אַוועקגייענדיקע, און ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעשיט פאַרן קלויסטער האָט ער זיי באַשפּריצט מיט הייליק וואַסער און געבענטשט מ'האָט באַלד די פאָן אויפגעהויבן, דער צלם האָט געגלאַנצט פאַרויס, עמעץ האָט אויפגעזונגען און די קאָמפּאַניע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין ווייטן וועג אַרײַן.

פון ליפּצע איז געגאַנגען: האַנקאַ, מאַרישאַ באַלצערקוונאַ, די קלאַמבאָווע מיט דער טאָכטער, גושלאַ מיטן קרומען מויל, טערעסקאַ מיטן מאַן, וואָס האָבן אַ נדר געטאָן איבערן גאַנצן וועג קיין ביסל וואַרעמס אין מויל אַרײַן נישט צו נעמען, און עטלעכע קאָמאָרניצעס, נאָר צוזאַמען מיט די מענטשן פון אַנדערע דערפער האָט זיך צונויפגענומען בײַ אַ הונדערט מאַן.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיי אַרויסבאַגלייט, די וועגענער, וואָס זענען געווען אָנגעלייגט מיט פּעק זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן. אָבער נישט קוקנדיק אויף דער פריער שעה, איז די

היץ שוין געווען גרויס, די זון האָט אין די אויגן געבלענדט און אַ שטויב האָט זיך ווי אַ נעפּל אויפגעהויבן, אַז זיי זענען בעגאַנגען ווי אין גרויע, שטיקנדיקע וואָלקנס.

יאַגושיאַ איז בעגאַנגען מיט דער מוטער און מיט אַנדרעע. זי האָט שרעקלעך שלעכט אויסגעזען, זי האָט אינגאַנצן געציטערט פון באַנגקייט, און שלינגענדיק די ביטערע, יתומישע טרערן, בעקוקט אויף יאַשיאָן, ווי אין אַ זון אַריין; פאַרשטייט זיך, אַז פונדערווייטנס, וואָרן די אָרגאַניסטעכע מיט די קינדער האָבן אים אויף קיין מינוט נישט אָפּגעלאָזט, אַז ס׳איז קיין אופן נישט געווען אַ וואָרט צו אים אויסצורעדן, נישט אפילו אים פאַר די אויגן זיך צו ווייזן.

מאַטעוש האָט עפּעס גערעדט צו איר, דאָ די מוטער, דאָ אַנדרעע, אָבער וואָס — אַז זי האָט איינס געוווסט, אַז יאַשיאָ גייט אויף אייביק אַוועק, אַז זי וועט אים שוין קיינמאָל נישט זע , קיינמאָל נישט.

אונטער דער פיגור אין פּאָדלעשיע האָבן זיי אָפּגעזעגנט די קאָמפּאַניע, וואָס איז בעלד ווייטער אַוועקגעגאַנגען מיט געזאַנג, דערווייטערנדיק זיך וואָס אַמאָל מער, ביז וואַנען זי איז אינגאַנצן פון די אויגן פאַרשוווּנדן, נאָר ערגעץ-ווו אין דער מיט זון באַגאַטענער ווייטקייט, אויף די וועגן, האָבן זיך קנוילן שטויב אויפגעהויבן.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט זי בעקרעכצט, נאָכשלעבנדיק זיך ווי אַ מת נאָך די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין.

— כ׳וועל אַנידערפאַלן און אָפּשטאַרבן! — האָט זי געכראַכט, פילנדיק אין זיך ווי דעם אָנהייב פון טויט. זי איז געגאַנגען וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער און שווערער, אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות צוליב דער היץ, און אָפּגעמאַטערט פון דער שרעקלעכער פּיין.

— און וואָס זאָל איך איצט טון, הא? — האָט זי געפרעגט, פאַרקוקט אין דעם טאָג, וואָס איז עפּעס מאָדנע פוסט געווען און האָט שמערצלעך געבלענדט.

זי האָט מיט דורשט אָפּגעוואַרט די נאַכט און די שטיל־קייט, אָבער אויך די נאַכט האָט איר קיין רו און קיין טרייסט נישט געבראַכט, זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט ביז פאַרטאָג לעבן דער כאַלופּע, האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די וועגן, אפילו קיין פאָדלעשיע אַוועקגעלאָפן, אונטער דער פיגור, וווּ זי האָט צום לעצטן מאָל געזען יאַשיאָן און מיט די פון פיין צעגליטע אויגן האָט זי אויף דעם ברייטן, זאַמדיקן וועג ווי די סמנים נאָך זיי־נע טריט געזוכט, כאָטש דעם שאָטן נאָך אים, כאָטשבייק אַ גרודקעלע ערד, וואָס ער האָט עס אָנגעריירט.

ס'איז שוין גאַרנישט געווען, ס'איז פאַר איר שוין גאָר־נישט געווען, קיין שום דערבאַרמונג און קיין שום הילף.

ס'האָבן איר לסוף אפילו טרערן אויסגעפעלט, די זײַנען פון דעם טרויער און פאַרצווייפלונג אָפּגעטויט געוואָרן. די אויגן האָבן געלויכטן, ווי צוויי ברונעמס פון אומענדלעכער ווייטיק.

און נאָר טיילמאָל, בשעת דער תפילה, האָט זיך איר פון די פאַרבלענטע ליפּן אַ שמערצלעך באַקלאָגן אָפּגעריסן:

— פאַרוואָס קומט מיר דאָס אַלץ, גאָט מײַנער, פאַרוואָס?

. . . .

XII

בײַ דער דאָמיניקאַנען איז שוין געוואָרן גאָרנישט צום אויסהאַלטן. יאַגושיאַ איז אַרומגעקראָכן ווי אַן אומבאַוווּסטזיניקע און נישט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט זי איז. יענדרושיק האָט זיך אויך נאָר באַמיט פֿון דער אַרבעט פּטור צו ווערן, ער איז וואָס אַמאָל אַלץ מער צו די שימעקס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. פֿון באַלעבאַטישקייט איז געוואָרן אַזאַ תּל און אַזאַ פֿאַרלאָזנקייט, אַז נישט איינמאָל האָט מען די אומאויסגעמאָלקענע בהמות אויף דער פּאַשע אַרויסגעטריבן, די חזירים האָבן געקוויטשעט פֿון הונגער און די פֿערד האָבן די לייטערס אַרומגעגריזשעט, הירזשענדיק בײַ די ליידיקע זשלובן, וואָרן די אַלטע האָט זיך אַליין נישט געקענט מיט אַלעם קיין עצה געבן. זי איז אַרומגעגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, מיט פֿאַרבונדענע אויגן, האַלב בלינד, איז טאַקע קיין וווּנדער נישט, וואָס דער קאָפּ האָט איר פֿון דאגות געפּלאַצט.

וואָרן ווי דען: דאָס מיסט איבער ווײַץ איז אויסגעטרוקנט געוואָרן אין פֿעלד, און ס'האָט עס נישט געהאַט ווער צו פֿאַר-

אַקערן; דער ליאַן האָט זיך שוין געבעטן מען זאָל אים אויס־רייסן, די קאַרטאָפליעס וואָלט מען נייטיק געדאַרפן נאָך אַמאָל אַרומפּיעלען און אַרומקאָפּען, האָט פאַרפעלט האָלץ צום הייצן, פון די באַלעבאַטישע מכשירים איז אַ תל געוואָרן, דער שניט איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל, אַרבעט וואָלט געווען אפשר פאַר צען הענט. און דאָ איז אַלץ געגאַנגען, ווי עמעצער וואָלט זיך אין דער נאָז געדלוביעט. זי האָט אפילו צוגעדונגען אַ קאַמאַרניצע, אַליין אויך געהאָרעוועט, וויפיל זי האָט נאָר גע־קענט, און די קינדער צו דער אַרבעט געטריבן, אָבער יאַגושיאַ איז ווי טויב געווען פאַר אַלע געבעטן און דערקלערונגען, יענ־דרזשיק ווידער האָט אויף דער מוטערס יעדער באַמערקונג מיט כעס אַ בורטשע געטון.

— וואָרן כ׳גיב אַלץ אַ הרגע אַוועק און כ׳אַנטלויף אין דער וועלט אַריין! צ׳האָט אַרויסגעטריבן שימעקן, טאַ אַרבעטס ענק איצטער אַליין! אים בענקט זיך אפילו נישט נאָך ענק. אַ כאַלופּע האָט ער, אַ גראָשן האָט ער, אַ ווייב האָט ער, אַ קו האָט ער, און ר׳איז אַ באַלעבאָס מיטן פולן מויל — האָט ער גאָר וואַזשנע געפּיסקעוועט, האַלטנדיק זיך אָבער פונדער־ווייטנס.

— אמת טאַקע, דער רוצח האָט זיך אַלץ אַזוי פיין איינ־געאָרדנט! — האָט זי שווער אָפּגעזיפצט.

— אַ שאלה צי ער וועט זיך מיט אַלעם אַן עצה געבן, אפילו נאַסטושיאַ וווּנדערט זיך.

— מ׳וואָלט געדאַרפט עמעצן צוצודינגען, אָדער גאָר מיט אַ פּאַראָבעק מושווה ווערן... — האָט זי געמורמלט.

יענדרזשיק האָט זיך אַ קראַץ געטון און האָט נישט דרייסט אויסגערופן:

— וואָס דען, מ׳דאַרף גיין זוכן אַ פרעמדן, בשעת שימעק איז גרייט... מ׳זאָל אים נאָר אַ פּיפּס טון...

— פּיסט אַ נאַר! לויף נישט יענעם אַנטקעגן, ווען יענער האַלט זיך אין איין אָפּנייגן! — האָט זי אַ וואָרטשע געטון און

זיך געהאַלטן אין איין גריזשען וואָס זי וועט מוזן, אַזוי צי אַזוי, אָפּטרעטן און צו עפּעס אַ שטיקל אויסגלייך קומען.

נאָר צום מייסטן האָט זי געהאַט עגמת נפש פון יאַנו־שען, וואָרן בחינם האָט זי געפּרוּווט פון איר אַרויסקריגן וואָס עס איז איר? יענדרזשיק האָט אויך נישט געוווּסט, און באַ די קומעס איז זי נישט דרייסט געווען צו גיין זיך אויספּרעגן, כּדי זיי זאָלן נישט אַמאָל צופּיל צולייגן. דורך די גאַנצע דריי ט.ג. צייט די קאָמפּאַניע איז אַוועקגעגאַנגען קיין טשענסטאָכאָוו, האָט זי זיך אַרומגעבלאָנקעט מיט פאַרשידענע מחשבות, ווי אין עפּעס אַ פינסטערניש; ערשט אַרום שבת נאָכמיטאָג, ווען זי איז שוין געווען ביז גאָר פאַרדאגהט, האָט זי גענומען אַ פיינעם קאָטשער אונטערן אָרעם און אַוועקגעגאַנגען אין דער פּלעבאַניע אַריין.

ערשט אַרום פאַרנאַכט איז זי צוריקגעקומען אָן אויפגע־שטורעמטע, ווי אַ האַרבסטיקע נאַכט, אַ פאַרווייִנטע און אַ שווע־זיפּצנדיקע; זי האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט ביז נאָך דער וועטשערע. ווען זי איז איינע אַליין איבערגעבליבן מיט יאַנושען, האָט זי צוגעמאַכט די טיר אין פעדערהויז אַריין און אויסגערופן:

— דו ווייסט וואָס מען דערציילט וועגן דיר מיט יאַ־שיאַן?

— איך בין נישט טשיקאַווע אויף קיין רכילות! — האָט זי אָן חשק אָפּגעענטפערט, אויפהייבנדיק די פּיבערהאַפטע אויגן.

— דו ביסט יאָ טשיקאַווע צי נישט, אָבער ווִיסן זיין דאַרפ־סטו, אַז פאַר מענטשן ווִעסטו גאָרנישט באַהאַלטן! און ווער עס טוט אין דער שטיל, רעדט מען וועגן אים גאַנץ הויך! און אויף דיר רעדט מען, זאָל איין גאָט אָפּהיטן!

זי האָט דערציילט באריכות, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט באַם גלח און באַם אָרגאַניסטער.

— באַלד נאָך באַנאַכט האָט מען אויף אים געמאַכט אַ משפּט, דער אָרגאַניסטער האָט אים אָנגעשניטן אַ לעדער, דער גלח האָט פון זיין זייט אים צוגעלייגט ביטן ציבוק, און כּדי אים

אָפּצוהיטן פון דיר, האָט מען אים משלח געווען קיין טשענ־סטאָכאָוו. דו הערסט? געם־זשע דיר גוט אין זינען אַריין, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט! — האָט זי מיט כּעס אויסגע־שריגן.

— יעזוס מאַריאַ! מ'האָט אים געשלאָגן! יאַשיאָן האָט מען געשלאָגן! — זי איז אויפגעשפּרונגען, גרייט צו לויפן אים באַשיצן, אָבער זי האָט בלויז צווישן די ציין אויסגעשריגן:

— אַז זאָלן זיי די הענט אָפּדאַרן, ס'זאָל זיי קיין שום זכר נישט בלייבן! — און זי האָט זיך צעוויינט. פון די פאַר־רייטלטע אויגן האָבן זיך איר אַ גאַנץ געצײַן שטראָמען ביטערע טרערן, אין אַלע ווינקלען פון דער נשמה זענען מיט לעבעדיק בלוט אָפּגעפלאָסן.

אָבער די דאָמיניקאָוואַ האָט, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, גענומען זי שמייסן, ווי מיט שטעקנס, זי האָט איר אויפ־געמישט אַלע חטאים און עבירות, זי האָט איר אפילו קיין איין זאַך נישט געשאָנקען, אויסרעכענענדיק איר אַלדינג, וואָס עס האָט זי גאָר שוין פון לאַנג געבריט און אויף וועלכן זי האָט שרעקלעך געוויינט.

— דאָס מוז שוין איין מאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַ סוף, פאַרשטייסט! אַזוי ווייטער צו לעבן איז שוין פאַר דיר מער נישט קיין אופן! — האָט זי וואָס אַמאָל פאַרביסענער אויס־געשריגן, כאַטשיק ברענענדיקע טרערן זענען איר פון אונטער די טיכלעך פון די אַרומגעבונדענע אויגן אַפּערגערינען. — מ'זאָל דיך האַלטן פאַר די ערגסטע, מ'זאָל אויף דיר שוין מיט די פינגער באַווייזן! אַזאַ חרפּה אויף מיינע אַלטע יאָרן, אַזאַ חרפּה, יעזוס מייגער — האָט זי פאַרצווייפלט גע־קרעכצט.

— און עך זענט אויך צפּנים אין דער יונג נישט בעסער געווען! — האָט זי איר מיט אַ בייז וואָרט אַ פּאַטש געטון.

די אַלטע האָט זיך אַזוי אויפגעקאָכט פון כּעס, אַז זי האָט שוין קוים אַרויסגעקאָרקעט:

— אפילו אַ הייליקן וועט מען אויך נישט אַדורכלאָזן!

זי האָט שוין נישט געוואַגט מער זי צו שטראָפן, און יאַגושיאַ האָט זיך גאָר גענומען פרעסן עפּעס שפּיצן אויף מאָרגן. ס'איז געווען אַ ווינטיקער אָוונט. די ביימער האָבן גערוישט, איבערן הימל, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט דראָבנע וואָלקנס, איז געשווומען שנעל די לבנה, ערגעץ אויפן דאָרף האָבן שיקסעס געזונגען, און עפּעס אַ פידל האָט געגרימפּלט מיט זייער אַ האַרצרייסנדן טאָן.

פון פאַרן פענסטער האָט זיך דערטראָגן דער פאַרבייגייענדיקער וואַיטאָיועס קול:

— אַזוי ווי ר'איז נעכטן אַוועק אין קאַנצעלאַריע אַריין, אַזוי איז ער פאַרפאַלן געוואָרן...

— ער איז אַוועקגעפאָרן מיטן שרייבער אין פאָוויאַט אַריין נאָך נעכטן אויפדערנאַכט. — דער סאָלטיס האָט געזאָגט, אַז דער נאַטשעלניק זאָל זיי האָבן אַרויסגערופן — האָט מאַטעוש אָפּגעענטפערט.

ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך די אַלטע ווידער אָנגערופן, אָבער שוין ווייכער:

— פאַרוואָס האָסטו פאַריאָגט מאַטעושן פון דער כאַלופּע?

— ער איז מיר דערעסן געוואָרן, און וואָס וועט ער דאָ אויסזיצן! איך זוך מיר נישט קיין פויער!

— ס'וואָלט שוין צייט געווען זאָלסט דיר וועמען אויסזוכן, שוין צייט! מענטשן וואָלטן באַלד אויפגעהערט צו באַבלען! און לאָמיר זאָגן אַפילו מאַטעוש, דאַרף מען זיך אויך נישט מיט אים ברעקלען, אַ געשיקטער פויער, אַן ערלעכער...

זי האָט זיך ברייט וועגן אים צערעדט, און איר צוגעגעבן שטאַרק חשק, אָבער יאַגושיאַ האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, זי איז געווען פאַרנומען מיט איר אַרבעט און מיט אירע דאגות, אַזוי, אַז די אַלטע האָט אויפגעהערט און גענומען מתפלל זיין. אינדרויסן זענען די קולות אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר די ביימלעך האָבן זיך אויפן ווינט געוואַקלט און די מיל האָט

בעקלאפט. ס'איז שוין געווען שפעטע נאכט, די לבנה איז חי־ איינגאנצן אין וואלקנס פארטרונקען געווארן, אז נאר ווו־נישט־ווו האט א וואלקן־ברעג געלויכטן און עס האבן זיך סנאפעס ליכט אפערגעריסן.

— יצגוש, וואלסט מארגן געדארפן זיך גיין מתוודה זיין. עס וועט דיר לייכטער ווערן, אז וועסט פטור ווערן פון די עבירות.

— וואס טויג מיר דארטן, כ'וועל נישט גיין!

— ווילסט דיך נישט גיין מתוודה זיין! — דאס קול איז איר אזש פאר כעס הייזעריק געווארן.

— ניין. צו שטראפן יעגעם איז דער גלח א גיכער, אבער ארויסצוהעלפן איילט ער זיך קיינמאל נישט...

— שטיל, דער פאן יעזוס זאל דיך נישט אמאל שטראפן פאר די זינדיקע רייד! און איך זאג דיר, גיי זיי דיך מתוודה, קום אפ פאר די זינד און בעט גאט, וועט זיך נאך אלץ צום גוטן איבערענדערן.

— כ'בין נאך ווייניק אפגעקומען, הא? און וואס האב איך ראס געזינדיקט? פארוואס? דאס קומט אפשר פאר מיין ליבע און פאר מיינע ליידן אזא שכר, הא? אז דאס ערגסטע אין דער וועלט האט מיך געטראפן! — האט זי זיך שמערצלעך באקלאגט.

זי האט געבעטן נישט פארגעפילט אפילו, די ארימע, אז עפעס ערגערס און מער אומגעריכטערס און מער נישט יושר־דיקס גייט אויף איר.

ווארן צומארגנס, זונטיק, פאר דער סומע, האט זיך ווי א דונער צעטראגן די נייעס, וואס איז לחלוטין שווער געווען דערין צו גלייבן, אז מ'האט דעם וואיט ארעסטירט, ווייל עס פעלט געלט אין דער גמינע־קאסע.

מתחילת איז קיין אופן נישט געווען צו גלייבן, און כאטש מיט יעדער שעה כמעט איז עמעצער געקומען צו לויפן מיט א נייעס, האט מען עס זיך אנגעסטרענגט נאך אלץ איבעריק צו הארץ נישט גענומען.

— לײדיקגײערס טראַכטן זיך דאָרטן עפּעס אױס און מען צעטראָגט עס גלאַט אַזױ אַ שפּיל אָנצומאַכן! — האָבן די ערנסטערע געזאָגט.

אָבער דאַמאָלס האָט מען ערשט אָנגעהױבן גלײבן, װען דער קאָװאַל איז צוריקגעקומען פֿון שטאָט און אַלדינג ביז אײן װאָרט באַשטעטיקט, און יאַנקעל האָט נאָכמיטאָג צו דער גאַנצער גראָמאַדע געזאָגט:

— אַלץ איז אמת! אין דער קאַסע פֿעלט פֿינף טױזנט רובל, מ׳װעט אים דערפֿאַר צונעמען דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקײט, און אױב עס װעט נאָך אַלץ זײן װײניק, װעט ליפּצע מוזן פֿאַר אים צוצאָלן!

דאָס האָט אַלע אַזױ אױפֿגערעגט, אַז זאָל גאָט אָפּהיטן. װאָס הײסט? דער דלות פּײפֿט אומעטום אַרײן, אין טאָפּ איז נישטאָ װאָס אַרײנצולײגן, נישט אײנער האָט זיך פֿאַרבאָרגט, אַבי נאָר בײזן שניט צו דערציִען, און דאָ װעט נאָך גאָר אױסקומען צו צאָלן פֿאַר אַ גנבֿ! דאָס איז שױן געװען צופֿיל פֿאַר דעם מענטשלעכן געדולד, איז טאַקע קײן װוּנדער נישט, װאָס דאָס גאַנצע דאָרף איז שיִער נישט משוגע געװאָרן פֿאַר כּעס; קללות, דראָונגען און צונעמען האָבן זיך אױף אים װי שטײנער אַ שיט געטון.

— אַז זאָלסטו, שטשערװע, קראַפּירן װי אַ הינט!

— כ׳בין נישט געװען מיט אים קײן שותּף, װעל איך אױך פֿאַר אים נישט צאָלן.

— איך אױך נישט! ר׳האָט געבאַלעװעט, הנאה געהאַט, און דו לײד פֿאַר פֿרעמדע עװונות! — האָט מען באַטריבטע אײנגעטענהט, אַז נישט אײנעם האָט זיך פֿון מאַרקאָטנעקײט געגלוסט צו װײנען.

— כ׳האָב שױן לאַנג געהאַט אַן אױג אױף אים און געזאָגט, צו װאָס דאָס דערגײט, געגעבן צו פֿאַרשטײן, האָט ער נישט געהאָרכט און איצטער האָט ער אַ באַל! — האָט דער אַלטער פֿלאָשקאָ בכיון זיך געריצט, די פֿלאָשקאָװע האָט אים

צוגעהאַלפֿן, דערציילנדיק איטלעכן, וואָס עס האָט נאָר געוואָלט האַרצן.

— עך ווייסט, אַנטעק האָט שוין אויסגערעכנט, אַז פֿדי אַרויסצוהעלפֿן דעם פֿאַן וואַיט, וועלן מיר דאַרפֿן באַצאָלן צו דריי רובל פֿון דער מאַרגע, אָבער פֿאַר אַזאַ גוטן פֿריינט איז צען אויך נישט קיין שאָד...

און אַזוי האָבן זי אַלע ידיעות צוגעדריקט דעם עולם, אַז ווייניק-וועד ס'איז אין קלויסטער אריין געגאַנגען, נאָר מ'האָט זיך געהאַלטן אין איין עצהנען, באַקלאָגנדיק זיך געמיינזאַם. אַזוי, אַז ס'איז גאָר געווען פֿאַר די הייף, פֿאַר די כאַלופּעס, און צום מיינסט לעבן סטאַוו, אומזיסט זיך ברעכנדיק דעם קאָפּ, ווו ער האָט אַהינגעטאָן אַזוי פֿיל געלט.

— מ'האָט אים געמוזט באַלקחנען, ס'איז נישט קיין אופֿן, אַז ער איינער אַליין זאָל אַזוי פֿיל אַ תּל מאַכן.

— ער האָט זיך אָנגעטרויט דעם שרייבער, און מ'ווייסט דאָך, וואָס פֿאַר אַ פּרי דאָס איז!

— אַ שאָד אַ מענטש, אמת, ר'האָט אונדז געטון אַן עוולה, אָבער זיך נאָך אַן ערגערע! — האָבן אַ טייל, די מער געזעצטערע געזאָגט, און דערויף האָט די פּלישקאָווע איר גראָבן בויך צווישן אַלע אַריינגעפּאַקט און גענומען, מכלומרשט ווי באַדויערנדיק, זיך צו באַקלאָגן און צו פּ_רפֿן מיט די טרוקענע אייגעלעך:

— און מיר איז גאָר אַ שאָד די וואַיטאָווע! אַן אָרימע נקבה נעבעך, זי איז זיך געווען אַ פּריצהטע און די גאַנז פֿאַרריסן, און איצט וואָס? די כאַלופּע וועט מען צונעמען, דעם גרונט פֿאַרקויפֿן און זי וועט מוזן נעבעך גיין אויף קאָמאָרנע, אויפֿן פֿאַרדינסט, און וואָלט זי כאָטש פֿריער געהאַט צוגעלעבט!

— זי האָט נאָך ווייניק גוטס גענאָסן! — האָט די קאָזלאָווע זיך צעשריגן, אונטערהעלפֿנדיק איר, נאָר אויף אַן אַנדערן אופֿן — זיי האָבן זיך געלאָזט ווילגיין די שטשערוועס, ווי די פּריצים. צלע טאָג האָבן זיי געגעסן פֿלייש! די וואַיטאָ-

ווע האָט זיך אַ האַלב טעפּעלע צוקער אין דער קאַווע אַרײַנגע־טון, און ריינעם צאָק האָבן זײ גלעזערווײַז געטרונקען! כ'האָב געזען, ווי ער האָט פון דער שטאָט געבראַכט גאַנצע פּלקאָש־קעס מיט פאַרשידענע גוטע זאַכן. און פון וואָס זענען זײ דאָס אַזוי די בײַכער אָנגעשוואָלן געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אַז נישט פון קיין תעניתים!

מ'האָט זי אויסגעהערט מיט ישוב־הדעת, כאָטש צום סוף האָט זי שוין געפּלאַפּלט, אַז איינס איז צום צענטן נישט געקו־מען, נאָר די אָרגאַניסטעכע האָט ערשט אַלעמען צום האַרץ צו־געטראָפן. זי האָט זיך גראַד, מכּלומרשט על פּי צופאַל, אין דאָרף געפונען, און אויסהערנדיק די אַלע געשפּרעכן, האָט זי זיי נישט ווילנדיק אויסגערופן:

— וואָס הייסט, איז ווייסט עץ גאָרנישט, אויף וואָס דער וואָיט האָט אַזוי פיל געלט אויסגעגעבן?

מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו שטופּן אַרום איר און [illegible] פרעגן, צווינגענדיק זי צו ענטפערן.

— אויף יאַגושען האָט ער אויסגעגעבן, אַלע ווייסן דאָס.

דערויף האָט מען זיך נישט געריכט, דעריבער האָט מען זיך נאָר מיט דערשטוינונג איבערגעקוקט.

— די גאַנצע פּאַראַפיע רעדט שוין וועגן דעם פון וויאָסנע אָן! איך וועל ענק נישט זאָגן, נאָר פרעגט וועמען ס'איז, מעג אַפילו זיין פון מאַדליץ, וועט עץ ענק שוין דערוויסן דעם גאַנצן אמת!

און זי איז אַוועקגעגאַנגען, ווי נישט ווילנדיק זיך פאַראַטן, אָבער די באָבעס האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט, זײ האָבן זי צוגע־שפּאַרט ערגעץ צו אַ פּלויט, און אַזוי געחלשט פאַר איר, אַז זי האָט זײ אָנגעהויבן צו דערציילן, מכּלומרשט ווי בסוד: וואָס פאַר אַ פינגערלעך פון ריין גאָלד דער וואָיט האָט איר געבראַכט, און וואָס פאַר אַ זײַדענע טיכער, און וואָס פאַר אַ דינענקע לײַוונט, און וואָס פאַר אַ בייטשן קרעלן, און וויפיל באַרעס געלט ער האָט איר אָנגעגעבן! פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געציגײַנערט, וויפיל

ס'איז נאָר אַריין, אָבער זיי האָבן הייליק געגלייבט דערין, נאָר איין יאַגוסטינקאַ האָט זיך צאָרניק אָנגערופן;

— שקרן, כזבן, בעט פאַר אונדז. די פּאַני האָט געזען?

— אוודאי האָב איך געזען און כ'קען שווערן דעריף אַפילו אין קלויסטער, אַז פאַר איר האָט ער געגנבעט, פאַר איר, און אפשר האָט זי אים גאָר אָנגערעדט אויף! האָ, האָ, זי איז אויף אַלעם גרייט. פאַר איר איז קיין שום הייליקס נישטאָ, אַן בושה שוין און אָן געוויסן! ווי אַ צעווילדעוועטע צויג, לויפט זי אַרום איבערן דאָרף, און פאַרשפּרייט נאָר זינד און אומגליקן! אַפילו מיין יאַשיאָן האָט זי געוואָלט פאַרפירן, אַן אומשולדיק יינגל, ווי אַ קינד, איז ער אַנטלאָפן פון איר און מיר אַלץ דערציילט! צי איז דאָס נישט קיין הימל-געשריי. דעם גלח גיט זי אַפילו קיין רו נישט! — האָט זי גיך גערעדט, קוים שוין אָטעמענדיק פאַר כעס.

פונקט ווי אַ פונק, וואָס פאַלט אויף פּולווער, אַזוי האָבן די אַמאָליקע טענות צו יאַגושען אַרויסגעפלאַקערט, די גאַנצע קנאה, צאָרן און פיינטשאַפט; מ'האָט איר אָנגעהויבן אויסצירעכענען אַלץ, וואָס איז נאָר בא איינעם אויף דער לעבער געווען, אַז ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומבאַשרייבלעכער גוואַלט. איינע האָט געשריגן איבער דער אַנדערער און וואָס אַמאָל מיט מער היץ.

— אַז די הייליקע ערד טראָגט דאָס אַרויס אַזעלכע!

— און צוליב וועמען איז מאַטשעי געשטאָרבן? דערמאָנטס ענק נאָר!

— דאָס גאַנצע דאָרף וועט דאָך דאַרפן אָפּקומען פאַר אַזאַ עיפוש!

— און אַפילו דעם גלח האָט זי געוואָלט צו אַן עבירה ברענגען! יעזוס, זיי דיך מרחם איבער אונדז!

— און וויפיל שיכרות איז צוליב איר שוין פאָרגעקומען, מחלוקתן, און גצאַס-לעסטערונגען!

— זי האָט אויפן גאַנצן דאָרף אַ שאַנד-פלעק געוואָרפן;

איבער איר טײַטלט מען דאָך שוין מיט די פֿינגער אויף ליפּ-צן.

— אַ פּאַרפּעסטעטע לופֿט איז דאָך שוין נישט ערגער, ווי אַזאַ מגפֿה!

— כּל זמן אַזעלכע געפֿינט זיך אין דאָרף, וועט כּסדר הערשן זינד, אויסגעלאַסנקייט און שלעכטס. וואָרן הײַנט האָט דער וואָס פֿאַר איר געגנבֿעט, און מאָרגן וועט דאָס אײגענע טון אַ צווייטער.

— מיט שטעקנס זי דערממיתן און די שטשערוועס פֿאַר די הינט אַרויסוואַרפֿן!

— פֿון דאָרף זי אַרויסטרײַבן, פֿאַריאָגן זי אין די ווילסטע פֿעלדער און וועלדער, ווי אַ מגפֿה!

— אַרויסטרײַבן! די אייציקע עצה! אַרויסטרײַבן! — האָבן זיי צערוגזטע געמאַכט געוואַלטן, גרייט שוין אויף אַלצ-דינג און לויט דעם אָנרעדעכץ פֿון דער אָרגאַניסטעכע זענען זיי אַוועק צו דער וואָיטאָווע.

זי איז אַרויסגעקומען צו זיי, אַ פֿאַרשוואָלענע פֿון געוויין, און אַזוי אויסגעצערט, אַזוי אומגליקלעך און צעיאָמערט, אַז מ׳האָט זי גענומען צודריקן צו זיך, באַווייגנדיק זי און באַדוי-ערנדיק פֿון גאַנצן האַרץ.

ערשט נאָך אַ ווײַלע האָט איר די אָרגאַניסטעכע דערמאָנט וועגן יאַגושען.

— אמת ווי דער טאָג! זי איז אין אַלעמען שולדיק, זי — האָט זי פֿאַרצווייפֿלט זיך פֿונאַנדערגעקלאָגט — דער היניטישער טליק, די גיהנומניצע! אַז זאָלסט הינטערן פּלויט פּגרן פֿאַר מײַן עוולה, אַז זאָלן די ווערים דיך אויפֿפֿרעסן פֿאַר מײַן חרפּה, פֿאַר מײַן אומגליק! — זי איז אַנידערגעפֿאַלן ערגעץ אויף אַ באַנק, טאַרגלענדיק זיך אין אומבאַשרײַבלעכער פּײַן און געכליפּע-ריי.

מ׳האָט זיך אָנגעוויינט איבער איר צו דער זעט, אָנגע-קלאָגט און זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אַהיים, וואָרן די זון האָט זיך שוין גענייגט צו מערבֿ-צו. איבערגעבליבן איז נאָר די אָרגאַ-

בּסטעכע, און פּאַרמאַכנדיק זיך מיט איר, האָבן זיי עפּעס וויכ־טיקס זיך צעפּגעסדרט, וואָרן נאָך פאַר בין השמשות זענען זיי אין דאָרף אַריין געלאָפן, איבער די כאַלופּעס, אָנהייבנדיק עפּעס אַ שטילע און געהיימע אַרבעט.

ס׳זענען צוגעשטאַנען צו זיי די פלאַשקעס, זיי האָבן נאָך צוגערעדט עטלעכע אַנדערע און זענען צוזאַמען אַוועקגע־גאַנגען צום גלח. ער האָט אַלץ אויסגעהאָרכט, אָבער ער האָט צעשפּרייט די הענט און אויסגערופן:

— איך מיש מיך אין גאָרנישט, טוט וואָס עך ווילט, איך ווייס פון גאָרנישט און מאָרגן באַלד אינדערפרי פאָר איך אַוועק קיין זשאַרנוו אויף אַ גאַנצן טאָג!

ס׳האָט זיך געשטעלט זייער אַן אויסגעקאָכטער אָוונט, פול מיט באַראַטונגען, אַמפּערנישן און סודותפולע שעפּטשען, און ווען עס איז שוין געהאַט צוגעפאַלן די פינסטערע נאַכט, זענען זיך אַלע אָפּגעשמועסטע אַנויפגעקומען אין קרעטשמע אַריין, און הערנריק אויפגענומען דורך די אָרגאַניסטערס מיט כיבוד, האָבן זיי ווידער זיך אָנגעהויבן צו באַראַטן און זיך מיישב זיין. און צוזאַמענגעקומען זענען זיך די ערשטע באַלעבאַטים און כמעט אַלע חתינה געהאַטע ווייבער און זיך זייער לאַנג באַראַטן, ווי די פלאַשקאָווע האָט פלוצלינג אויסגעשריגן:

— און ווו איז דאָס אַנטעק באַרינאַ? דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך צונויפגעזאַמלט, ער איז דער ערשטער באַלעבאָס אין ליפּצע, איז קען מען אָן אים גישט זיך באַראַטן, ס׳וועט נישט זיין גילטיק.

— אמת, מ׳דאַרף נאָך אים שיקן! ער מוז קומען! אָן אים קען מען נישט! — האָט מען געמאַכט געוואַלטן.

— און אפשר וועט ער זי גאָר פאַרטיידיקן, ווער ווייסט? — האָט וועלכע אַ שעפּטש געטון.

— וואָלט ער זיך דען דערוועגט אַ גאַנץ דאָרף זיך אַנט־קעגנצושטעלן! אַז אַלע, איז אַלע!

דער סאָלטיס האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך אים און ר׳האָט

אים געמוזט פון בעט אראָפּציִען, ווייל ר'איז שוין געהאַט גע־שלאָגן.

— צ'מוזט גיין אין זאָגן ענקערס! און אויב צ'וועט נישט גיין, וועט מען זאָגן, אַז עך באַשיצט זי און צ'שטעלט ענק אַקעגן דער גראָמאַדע! די באָבעס וועלן ענק נישט שענקען די לאַנגסטיקע חטאים. קומט־זשע, מ'מוז דאָך מאַכן איינמאָל אַ סוף דערמיט.

און ער איז געגאַנגען, כאַטשיק מיט אַ שווער האַרץ, ווייל גיין האָט ער געמוזט.

די קרעטשמע איז געווען אָנגעפּראָפּט, אַז ס'איז שוין שווער געווען אַ פינגער אַריינצושטעקן און עס האָט געקאָכט אַזוי שטילערהייט, וואָרן דער אָרגאַניסטער איז גראָד געשטאַ־נען אויף אַ באַנק און געפּריידיקט, פונקט ווי אַ דרשה.

— ...און קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ! אַ דאָרף איז פונקט ווי אַ הויז, זאָל איין גנב אַרויסנעמען פון אונטער אים אַ שוועל, זאָל זיך אַ צווייטער לאַקאָמען אויף אַ בעליק, און אַ דריטן וועט זיך גאָר פאַרגליסטן אַרויסצונעמען אַ שטיקל וואַנט, איז סוף כל סוף וועט זיך די כאַלופּע איינלייגן און אַלע אויף טויט דערדריקן! נעמטס ענק דאָס גוט אין קאָפּ אַריין! און לאָז דאָ איטלעכן איינציקן דערלויבט זיין צו גנבענען, צו הרגע־נען, שלעכטס טון, טרייבן אויסגעלאַסנקייט, איז וואָס וועט גע־שען מיטן דאָרף? איך זאָג ענק, אַז נישט קיין דאָרף וועט דאָס שוין מער זיין, נאָר אַ טייוולאָנישער כליוו, און אַ חרפּה און אַ בושה פאַר ערלעכע מענטשן! מ'וועט עס אויסמיידן פונדער־ווייטנס און באַם בלויזן דערמאָנען זיך אָן איר, וועט מען זיך איבערצלמען! אָבער איך זאָג ענק, צי פריִער צי שפּעטער מוז גאָטס שטראָף אויף דעם דאָרף אַראָפּפאַלן, פונקט ווי עס איז אויף סדום און עמורה געפאַלן! ס'וועט אַראָפּפאַלן און אַלע פאַר־טיליקן, וואָרן אַלע זענען גלייך שולדיק, אַזוי די, וועלכע טון שלעכטס, אַזוי אויך די, וועלכע לאָזן דעם שלעכטס זיך פונאַנ־דערוואַקסן! די הייליקע שריפט לערנט אונדז: אויב דיין האַנט וועט שלעכטס טון, האַק זי אָפּ; און אויב דאָס אויג האָט בע־

זינדיקט, נעם עס אַרויס און וואַרף עס פאַר די הינט! יאַגושאַ, זאָג איך ענק, איז ערגער פון אַ פּעסט, ערגער פון אַ מגפה, וואָרן זי זייעט שלעכטס, זינדיקט קען אַלע געבאָזן און ברענגט אַראָפּ אויפן דאָרף גאָטס צאָרן און זיין שרעקלעכע נקמה! טרייבט זי אַרויס, כל זמן ס'איז נאָך צייט! ס'איז שוין איבערגעפולט געוואָרן דאָס מעסטל פון איר זינד און ס'איז געקומען די צייט פון שטראָף! — האָט ער געריטשעט ווי אַ ביק, אַז די אויגן זענען אים אוש פון רויטן פנים אַרויסגעקראָכן.

— אמת! ס'איז שוין צייט! דאָס פאָלק איז בכוח צו באַשטראָפן און צו באַלויבען! אַרויסיאָגן זי פון דאָרף! אַרויסיאָגן! — האָט מען וואָס אַמאָל העכערע געוואַלטן געמאַכט.

גרישקאַ, דעם וואָיטס ברודער האָט נאָך געפּריידיקט, גולבאַס האָט געפּיסקעוועט, אָבער ס'האָט ווייניק-ווער אויסגעהאָרכט, וואָרן אַלע אייניגעם האָבן שוין גערעדט. די אָרגאַניסטעכע האָט געהאַלטן אין איין דערציילן, ווי אַזוי עס איז געווען מיט יאַשיאָן, די וואָיטאָווע האָט אויך איטלעכן איינציקן אין אויער אירע עוולות אַריינגעשעפּטשעט, און אויך אַנדערע האָבן זיך בעקשהדיק פונאַנדערגעלאָזט, אַזוי, אַז ס'האָט שוין געקאָכט ווי אויף אַ יאַריד.

נאָר אַנטעק האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן, ער איז געשטאַנען לעבן שענקפאַס אַ פאַרכמורעטער, ווי די נאַכט, מיט פאַרהאַקטע ציין, בלאַס פון די פּיין, און עס זענען אָנגעפאַלן אויף אים אַזעלכע מינוטן, אַז עס האָט זיך אים געגלוסט צו כאַפּן אַ באַנק און קיילן מיט איר די אַלע צעווילדעוועטע פּיסקעס, און מיט די אָפּצאַסן צוטרעטן, ווי פּאַסקודנע ווערים און ס'איז אים שוין אַזוי דאָס אַלץ דערעסן געוואָרן, אַז ער האָט געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, געהאַלטן נאָר אין איין שפּייען און שטיל געשאָלטן.

פלאַשקאַ איז צו אים צוגעגאַנגען און הויך איבער דער גאַנצער קרעטשמע, אים אַ פרעג געטאָן:

— אַלע זענען שוין איינשטימיק אויף איינס, אַז יאַגושען

דאַרף מען אַרויסטרייבן פון דאָרף. — זאָג צו איך דיין מיינונג, אַנטאָני!

ס'איז פלוצלינג שטיל געוואָרן אין קרעטשמע, אַלע אויגן האָבן זיך אין אים פאַרזונקען, זיי זענען כמעט זיכער געווען, אַז ער וועט זיין דאַקעגן, אָבער ער האָט נאָר אָפּגעסאָפּעט, איסגעגלייכט זיך און אויסגערופן בקול רם:

— איך לעב אין דער גראָמאַדע, איז האַלט איך מיט דער גראָמאַדע! צ'ווילט זי אַרויסטרייבן, טרייבסט זי אַרויס; און אויב צין ווילט זי אויפן אַלטאַר אַרויפזעצן, זעצטס זי אַרויף! ס'א'ז מיר אַלציינס!

ער האָט אָוועקגעשאַרט מיט דער האַנט די, וועלכע האָבן אים דעם וועג פאַרשטעלט און איז אַרויסגעגאַנגען, נישט קוקנדיק אויף קיינעם.

מ'האָט זיך נאָך לאַנג נאָך זיין אָוועקגיין בעראַטן, כמעט בין ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, און אינדערפרי האָבן שוין אַלע געווּסט, אַז מ'האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן יאַגושען פון דאָרף.

ס'איז ווינציק געווען ווער ס'זאָל זי פאַרטיידיקן, וואָרן מ'האָט אים פאַרשריגן, נאָר איין מאַטעוש, וועלכער האָט זיך פאַר קיינעם נישט דערשראָקן, האָט אַלע אין די אויגן געזידלט און דאָס גאַנצע דאָרף געשאָלטן, אַז זייענדיק שוין אינגאַנצן צעווילדעוועט, א'ז ער אָוועקגעלאָפן זוכן הילף בא א טעקן.

— דו ווייסט שוין וועגן יאַגושען? — ער איז געווען בלאַס, ווי דער טויט, א'ן אינגאַנצן געציטערט.

— כ'ווייס, זיי האָבן רעכט! — האָט ער קורץ אויסגערופן, וואַשנדיק זיך בא דער ברונעם.

— אַז א דבר זאָל זיי צעוויסטערשטן מיט אַזאַ רעכט! דאָס א'ז די אָרגאַניסטערס מלאכה! ווי הייסט, וועלן מיר דערלאָזן צו אַזאַ מין אומגערעכטיקייט! קעגן וועמען האָט זי זיך דאָס פאַרזינדיקט? און דאָס, אין וואָס מען באַשולדיקט זי, איז נישט אמת, א ריינער שווינדל! יעזוס, מ'זאָל זיך וואַגן צו נעמען א מענטש און אַרויסטרייבן, ווי עפּעס א משוגענעם הינט! ס'איז נישט קיין אופן, אַז דאָס זאָל קענען געשען!

— ווּעסטוּ דיך אַ גאַנצער גראַמאַדע גיין אַקעגנשטעלן ?

— דו רעדסט אַזוי, גלייך וואָלסט מיט זיי געהאַלטן — האָט ער אַ וואָרטשע געטון מיט אַ גרויזאַמען פאַרוואורף.

— איך האַלט נישט מיט קיינעם, אָבער מיך גייט זי אַזוי פיל אָן, פּונקט ווי דערדאָזיקער שטיין.

— ראַטעווע, אַנטעק, גיב עפּעס אַן עצה. גאָט מיינער, איך גיי פּשוט פון זינען אַראָפּ ! שטעל דיר נאָר פאָר, וואָס וועט זי טון, ווו וועט זי זיך אַהינטון ? אַזעלכע הינטישע געבלוטן, רוצחים, וועלף אייגנע. כ'וועל, דאַכט זיך מיר, כאַפּן אַ האַק און וועל האַקן, און כ'וועל נישט דערלאָזן, כ'וועל נישט דערלאָזן !

— כ'וועל דיר גאָרנישט העלפן. זיי האָבן באַשלאָסן, יזאָס זייע וועט אויסמאַכן אייבעמס אַנטקעגנשטעלן זיך, גאָרנישט.

— ביסט אין כּעס אויף איר ! — האָט ער אומגעריכט אַ קוויטש געטון.

— צי כ'בין אין כּעס צי נישט, דאָס גייט קיינעם נישט אָן — האָט ער שטרענג אַ זאָג געטון און שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אָן דער ברונעם, האָט ער זיך אַזוי ערגעץ ווייט פאַרקוקט. אין איין שמערצלעכער קנויל האָבן זיך אין אים צונויפגעגאָסן די בלויז נאָר אויבערפלעכלעך פאַרבאָרגענע, אָבער אייביק וואַכנדע ליבע און אייפערזוכט, אַז ער האָט זיך געטרייסלט קרעכצנדיק, פּונקט ווי אַ בוים פון אַ שטורעמווינט געוואָרפן.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקוקט, מאַטעוש איז שוין נישט געווען, און דאָס דאַרף האָט אים אויסגעזען עפּעס פרעמד, אַ יסטערליש דערווידער און שרעקלעך צעיעלהט.

אמת, אַז דערדאָזיקער בעדענקבאַרער טאָג איז אויך געווע עפּעס אויסערגעוויינטלעך. די זון האָט זיך געשלעפּט אַ בלאַסע און ווי אָנגעשוואָלן, שטיקעדיק איז געווען אויף דער וועלט און שרעקלעך הייס, דער הימל איז געהאָנגען נידעריק פאַרלייגט מיט מיאוסע וואָלקנטשינעס, אַ ווינט האָט יעדע ווײַלע זיך אַ ריס געטון און אַ קער געטון, און איבער די וועגן האָבן זיך קנוילן שטויב אויפגעהויבן, ס'האָט זיך געוויזן אויף אַ שטורעם,

ערגעץ־ווו איבער די וועלדער האָט עפּעס אַלעמאָל ווי אַ גלאַנץ געטון.

צווישן די מענטשן אָבער האָט שוין געברויזט אַ שטאַרקע זאַווערוכע. מ'איז געלאָפן איבערן דאָרף, ווי די משוגעים, אין אַלע שטובן האָבן אויפגעקאָכט מחלוקתן, עפּעס עטלעכע באַבעס האָבן זיך לעבן סטאַוו צעהרגעט, די הינט האָבן אומאויפהערלעך געבילן, כמעט קיינער איז אין פעלד אַריין צו דער אַרבעט נישט אַרויסגעגאַנגען, די בהמות, וואָס מ'האָט אויף דער פּאַשע נישט אַרויסגעטריבן, האָבן געריטשעט אין די שטאַלן, אַפילו די פרימאָרגן־תפילה האָט דער גלח היינט נישט אָפּגעריכט און איז אַוועקגעפאָרן מיטן טאָג צוגלייך. אַלעמאָל האָט זיך אַ גרעסערע מהומה אויפגעהויבן און די אומרויִקייט איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

דערזעענדיק, אַז פאַרן אָרגאַניסטערס הויף פאַרזאַמלט זיך וואָס אַמאָל אַ גרעסערער עולם, האָט אַנטעק גענומען די קאָסע אויפן אָרעם און איז איילִיק אַוועקגעגאַנגען אין פעלד אַריין, אונטערן וואַלד.

דער ווינט האָט אים געשטערט, וואַרפנדיק די תבואה און פאַרשיטנדיק אים מיט זאַמד די אויגן, אָבער ער האָט זיך פעסט אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן שניידן, רויִק זיך איינגעהאָרכט גלייכצייטיק צו די ווייטע געשפּרעכן.

— אפשר איז עס שוין — איז אים אַדורכגעפלויגן דורכן קאָפּ. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי מיט אַ האַמער, אַ כעס האָט אין אים אויפגעקאָכט און אים דעם רוקן צעשפּאַנט, אַז ער האָט שוין געהאַלטן בײַ אַוועקוואַרפן די קאָסע און לויפן אויף הילף, אָבער ער איז נאָך באַצייטנס צו זיך געקומען.

— ווער ס'האָט זיך פאַרשולדיקט, זאָל באַקומען זיין שטראָף. זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין אזוי!

דאָס קאָרן האָט מיט אַ געגרילץ אים זיך געלייגט צו די פיס און אָנגעשלאָגן זיך אָן אים, פּונקט ווי צעוויגטע וואַסערן, דער ווינט האָט אים די האָר צעפלאָשעט און דאָס פון פײַן שווייסיקע פּנים געטרוקנט, די אויגן האָבן כמעט גאַרנישט געזעז גלייד

ער וואָלט שוין אינגאַנצן געהען דאָרט לעבן יאַנושען, אַזוי, אַז באַר די האַרטע, איינגעוווינטע הענט האָבן אַליין מיט דער קאָסע געפירט, לייגנדיק אַ שורה נאָך אַ שורה.

דער ווינט האָט געברענגט צו טראָגן פֿון דאָרף עפּעס אַ לאַנג אויסגעצויגן געשריי.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן די קאָסע און צוגעזעצט זיך אונטער דער קאָרן-וואַנט, גלייך ער וואָלט צוגעוואַקסן געוואָרן צו דער ערד, גלייך ער וואָלט זיך צו איר מיטן גאַנצן כּוח צוגעטשעפּעט, אָבער מיט זיין גאַנץ ווען האָט ער זיך אָן איר אָנגענומען מיט אייזערנע נעגל, און האָט אויסגעהאַלטן, נישט אונטערגעגעבן זיך. כאָטשיק די אויגן זענען איבערן דאָרף געפֿלויגן, פּונקט ווי שגעונדיקע פֿייגל, כאָטש דאָס האַרץ האָט פֿון שרעק געשיפּעט, כאָטש ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פֿון אומרו.

— אַלץ מוז זיך גיין מיט זיין שטייגער, אַלץ. מ׳דאַרף אַקערן, כּדי צו זייען, מ׳דאַרף זייען, כּדי צו אָפּצונעמען, און וואָס עס שטערט באַר אויפֿן וועג, דאַרף מען אויסרייסן, ווי אַ בייז ווילד גראָז — האָט אין אים גערעדט עפּעס אַ שטרענגע, ערלעכע שטימע, גלייך צו דער ערד און צום מענטשלעכן ישוב.

ער האָט זיך נאָך געבונטעוועט, אָבער ער האָט שוין וואָס אַ מאָל הכנעהדיקער אויסגעהערט.

— פֿאַרשטייט זיך, אַז איטלעכער האָט אַ רעכט צו פֿאַרטיידיקן זיך פֿאַר וועלף, איטלעכער.

ס׳האָבן אים נאָך אָנגעכאַפּט די לעצטע חייטיקן און באַדאַנקען, ווי ווילדע, בייסיקע ווינטן, און אים אַרומגעהילט מיט פֿינסטערע נעפּלען, אונטערטראָגנדיק אים פֿון אָרט.

ער איז אויפֿגעשפּרונגען, אָנגעשאַרפֿט די קאָסע מיטן שטיינדל, זיך איבערגעצלמט, אָנגעשפּיגן אין דער גאָרשטש אַריין און גענומען זיך צו דער אַרבעט, לייגנדיק אַ שורה נאָך אַ שורה מיט אַזאַ מין פֿאַרביסנקייט, אַז די פֿלאַכע שאַרף פֿון

דער קאָסע האָט אַזש געסווישטשעט און די ווענט פון קאָרן האָבן געקרעכצט.

און דערווייל איז אויפן דאָרף אָנגעקומען די שרעקלעכע צייט פון משפּט און שטראָף, אַז ס'איז גישט איבערצוגעבן, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטון. ווי אַ שגעון וואָלט גאַנץ ליפּצע באַהערשט, און די מענטשן זענען לגמרי משוגע געוואָרן, וואָרן ווער ס'איז נאָר עפּעס געווען אַ ביסל באַרעכנטער, האָט זיך אין דער כאַלופּע פאַרמאַכט אָדער איז אין פעלד אַריין אַנטלאָפן. די איבעריקע ווידער, וועלכע זענען פאַרזאַמלט געווען לעבן סטאַוו אין אַ גאַנצער מחנה און ווי פאַרשיכורט פון צאָרן, האָבן וואָס אַמאָל היציקער זיך געקאָכט און געבייזערט זיך אייבער אויפן אַנדערן מיט געשרייען, אַז איטלעכער אייגציקער האָט זיך געריסן, יעדערער האָט געזידלט, יעדערער איז געוואָרן מלא חמא, אויפהייבנדיק דערביי אַ שוידערלעך וואָרטשען, ענלעך צו ווייטע און גרויזאַמע דונערן.

און אפשר אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף איזעקגעלאָזט צו דער דאָמיניקאַווען, פונקט ווי אַן איבערגעפולטער, רוישנדיקער קוואַל. אָנגעפירט האָט די אָרגאַניסטעכע מיט דער וואָיטאָווע און נאָך זיי האָט זיך די גאַנצע צעיושעטע סטאַדע מיט אַ ריטשען נאָכגעפּאַקט.

זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער כאַלופּע אַריין, ווי אַ שטורם, אַז די ווענט האָבן אַזש אויפגעציטערט, די דאָמיניקאַווא האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג, האָט מען זי צעטראַטעוועט, יענדרזשיק איז אַ שפּרונג צו געטון העלפן און אין איינאויגנבליק האָט מען מיט אים געמאַכט דאָס אייגענע, ענדלעך האָט זיי מאַטעוש געוואָלט אויפהאַלטן פאַר דער קאַמער, און כאָטש ער האָט געקיילט מיט אַ דראָנג, כאָטש ר'האָט פאַרטיידיקט מיט אַלע כוחות, אָבער ס'איז נישט אויסגעגאַנגען קיין רגע, איז ער שוין געלעגן ערגעץ אונטער אַ וואַנט מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ און אין אומבאַוווסטזיין.

יאַגושיאַ איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַלקערזש, און ווען מ'האָט אויפגעריסן די טיר, איז זי געשטאַנען צוגעטוליעט צו

דער װאַנט און זיך נישט געװערט, זי האָט אפילו דאָס קול נישט געלאָזט הערן, בלאַס איז זי געװען, װי דער טויט, און אין די ברייט־געעפנטע אויגן האָט געפלאַקערט אַ מרה־שחורהדיק פלעמל פון פחד און טויט.

הונדערט הענט האָבן זיך צו איר אויסגעצויגן, הונדערט הענט האָבן זי מיט די הונגעריקע, גיריקע נעגל פון אַלע זייטן אָנגעכאַפּט, זי אויסגעריסן פּונקט װי אַ געװיקס, װאָס איז נישט טיף אין דער ערד איינגעװאַקסן און אויפן הויף זי אַרויסגע־שלעפּט.

— בינדן זי, זי װעט זיך נאָך אויסרייסן און אַנטלויפן — האָט די װאַיטאַחע געקאָמאַנדעװעט.

אויפן װעג איז געשטאַנען אַ גרייטער װאָגן, אָנגעלייגט פול מיט חזירים־מיסט, איינגעשפּאַנט אין צװיי שװאַרצע קי. מ'האָט זי אַרויפגעװאָרפן אַ געבונדענע, פּונקט װי אַ שעפּס אויפן מיסט און מען האָט געררט פון אָרט, אונטער אַ גיהנומדיקער מהומה; באַליידיקנדיקע אויסרופן, געלעכטערן און קללות האָבן זיך אַ שיט געטון אויף איר װי אַ האָגל, װאָס האָט געקענט אויפן אָרט דערמיטן.

נאָר פאַרן קלױסטער איז די גאַנצע פּראָצעסיע געבליבן שטיין.

— מ'דאַרף זי אויסטון אינגאַנצן נאַקעט און אונטער דעם קלויסטער־פּעדערהויז אויספּיצקען מיט ריטער! — האָט די קאָנ־לאָװע געשריגן.

— מ'האָט שטענדיק אַזעלכע געשלאָגן אונטער׳ן קלויסטער׳! ביז ס'האָט אָנגעהויבן שפּריצן בלוט, נעמט זי! — האָבן זיי געמאַכט יעלות.

צום גליק איז דאָס טויער פון צמענטאַרזש געװען פאַר־מאַכט, אין טירל איז געשטאַנען יאַמבראָזש מיט דעם גלחס ביקס אין דער האַנט, און װי נאָר זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן, האָט ער מיט דער פּולער ברוסט אַ ריטשע געטון:

— װער ס'װעט זיך דערװעגן אַרויפצוגיין אויפן קלויסטער־שטח, װעל איך דערשיסן, װי גאָט איז מיר ליב. כ'װעל אים

רערהרגענען, ווי אַ הונט — האָט ער געדראָעט און עפּעס אַזוי־שרעקלעך געקוקט, צוגרייטנדיק דאָס געווער, ווי נאָר אויסצו־שיסן, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעוואָגט פון זייער באַשלוס, און אָנעקגעלאָזט זיך ווייטער אויפן טאָפּאָלן־וועג.

זיי האָבן זיך אַפילו אָנגעהויבן צוצואיילן, וואָרן ס'האָט געקאָנט אויסברעכן אַ ליאַדע רגע אַ שטורם. דער הימל איז וואָס אַמאָל שטאַרקער באַטריבט געוואָרן. אַ ווינט האָט געשלאָגן אין די טאָפּאָלן, אַז זיי האָבן זיך אַזש ווי אונגעלייגט. אַ שטויב האָט זיך פון אונטער די פיס אויפגעהויבן, פאַרשיטנדיק די אויגן, און פון די זייטן האָבן דונערן געקנאַלט.

— יאַנ־צו, פּיעטרעק, גיכער — האָבן זיי אונטערגעטריבן, אומקוקנדיק זיך אומרויִק איבערן הימל. זיי זענען עפּעס אַנט־שוויגן געוואָרן, זיי זענען געגאַנגען אָן אַ סדר מיט די זייטן פון וועג, וואָרן אינדערמיט איז געווען אַ שרעקלעכער זאַמד. טייל־מאָל נאָר האָט עמעץ, אַ מער פאַרביסענערע, צופאַלנדיק צום וואָגן, מיט גיפטיקן אויסגעשריי זיך דאָס האַרץ לייכטער גע־מאַכט.

— דו חזיר! דו טליק! צו די זעלנער גיי, פאַרעיפּושטער ליידאַק.

— האָסט הנאה געהאַט, איז פּרעס־זשע דיך איצט אָן מיט חרפה, פאַרזוך אַ ביסל גרימעניש! — האָבן זיי געשריגן צו איר.

פּיעטרעק, דער באַריגעס פאַראָבעק, דער, וועלכער האָט אָנגעטריבן וואָרן קיין שום אַנדערער האָט נישט געוואָלט, איז געגאַנגען לעבן וואָגן, האָט געשמיסן די קי, און ווי נאָר ער האָט געכאַפּט עפּעס אַ געלעגנהייט, האָט ער מיט רחמנות אַ שעפּטשע געטון צו איר:

— שוין נישט ווייט... נקמה פאַר אַזאַ עוולה... האַלטס נאָר אויס...

יאַגושיאַ ווידער איז אַ געבונדענע, אויפן מיסט, אַ צע־שלאָגענע ביז בלוט, אין צעריסענע מלבושים, אַ געשענדעטע אויף אייביק, אַ באַוואָלהטע און אומגליקלעכע עד אין לשער,

געלעגן, ווי שוין נישט הערנדיק, נישט פילנדיק, וואָס עס טוט זיך אַרום איר, בײַ הייסע טרערן זענען אין אַן אומאויפהערלעכן שטראָם געפלאָסן איבער איר בלוי־צעשלאָגן פּנים, און טיילמאָל האָט זיך איר ברוסט אויפגעהויבן, פּונקט ווי אין אַ פאַרשטייבערטן אויסגעשריי.

— גיכער, פּיעטרעק! גיכער! — האָט מען וואָס אַמאָל אָפטער אויסגעשריגן, וואָרן די אומגעדולדיקייט איז אין זיי געוואַקסן, ווי אין אומבאַוווּסטזיין, זיי זענען שוין כמעט אין איין אָטעם צוגעלאָפן צו די גרענעץ־בערגלעך אונטערן סאַמע וואַלד.

זיי האָבן אויפגעהויבן די ברעטער פון וואָגן און צוזאַמען מיטן מיסט, ווי אַ פאַרעיפּושטע שטשערווע, זי אַראָפּגעוואָרפן, אַז די ערד האָט אַזש אונטער איר אַ קרעכץ געטון. זי איז געפאַלן אַהינטער אויפן רוקן און האָט זיך אפילו קיין ריר נישט געטון.

די וואַיטאָווע איז צו איר צוגעפאַלן און אַ קאָפּע טוענדיק איר מיטן פוס, האָט זי געקוויטשעט:

— און אויב וועסט דיך אומקערן אין דאָרף אַרײַן, וועט מען דיך מיט הינט אַרויסיאָגן! — זי האָט אויפגעהויבן עפּעס אַ שטיקל ערד צי אַ שטיין און איר אַ שיב געטון מיטן גאַנצן כּוח — פאַר דער כוולה פון מײַנע קינדער!

— פאַר דער חרפּה פון גאַנצן דאָרף! — האָט זי אַ צווייטע געשלאָגן.

— אַז זאָלסט פאַרטיליקט ווערן אויף אייביק!

— די הייליקע ערד זאָל דיך אַרויסוואַרפן!

— זאָלסט פּגרן פון הונגער און פון דורשט!

עס זענען געפאַלן אויף איר די קולות, שטיקער ערד שטיינער און גאָרשטשעס זאַמד, און זי איז געלעגן, ווי אַ קלאָץ, פאַרקוקט אין די ביימער, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעוויגט איבער איר.

ס'איז פלוצלינג כמורגע געוואָרן אויף דער וועלט, ס'האָט אָנגעהויבן גיין אַ גראָבער און אַ געדיכטער רעגן.

פיעטרעק אַרום דעם וואָגן האָט זיך עפּעס צו לאַנג געפּאָרעט, אַזוי, אַז מ'האָט, שוין נישט געוואַרט אויף אים און געלאָזט זיך קופּעסווייז גיין אַהיים. און עפּעס מאָדנע שטיל איז געווען, נאָר ערגעץ אין דער מיט וועג האָבן זיי באַגעגנט די דאָמיניקאָנער, זי איז געגאַנגען אַ פּאַרבלוטיקטע, אין צעקנאָדערטע מלבושים, אַ צעכליפּעטע און מיט כּאַזערניש זיך דעם וועג מיטן שטעקן געטאַפּט, און ווען זי האָט זיך אָנגעשטויסן, ווער עס מיידט זי דאָ אויס, האָט זי מיט אַ ש־עקלעך קול אַרויסגעפּלאַצט:

— אַז ס'זאָל ענק אַ דבר אויסמאָרשטן! אַז ס'זאָל ענק אַ מגפה אַנידערלייגן! אַז ס'זאָל ענק קיין פייער און וואַסער נישט מיידן!

איטלעכער האָט נאָר דעם קאָפּ אין די אָרעמס איינגעטוליעט און איז אַ דערשראָקענער אַנטלאָפן.

און זי איז מיט גרויסע שפּרייזן געלאָפן יאַגושען צו הילף.

. . . .

. . . .

דער שטורם האָט זיך אויף אַן אמת צעווילדעוועט, דער הימל איז בלוי געוואָרן ווי אַ לעבער, אַ שטויב האָט זיך אַ מיש געטון אין גרויסע קנוילן, די טאָפּאָלן האָבן זיך מיט עפּעס אַ שלוכצן און אַ געשריי צו דער ערד צוגעבויגן, די ווינטן האָבן זיך צעוואָיעט און זיך צוגעהויבן וואָס אַמאָל פאַרביסענער צו וואַרפן אויף די תבואות, וואָס זענען זיך צעפלויגן אויף אַלע זייטן און ריטשענדיק ווי צעיושעטע ביקעס, זיך אַ לאָז געטון אין די געדיכטע וועלדער אַריין, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און גערוישט עד לב השמים.

עס זענען שוין געגאַנגען דונערן נאָך דונערן, דורכטראָגנ־דיק זיך מיט אַ קנאַל איבער דער גאַנצער וועלט, אַז די ערד האָט אַזש אויפגעציטערט און די כוואַליעס האָבן זיך גע־טרייסלט.

צוזאַמענגעקנוילטע קאָלטענעס פון קופּער־גראַנאַטענע כמאַ־רעס זענען אַראָפּגעהאָנגען נידעריק־אויפגעבלאָזענע, אָנגעשוואָ־לענע בייכער. אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער געפּלאַצט, ס'האָט אַ קנאַל געטון אַ דונער און האָט אַ שטראָם געטון מיט קוואַלן פון בלענדנדיקן ליכט.

טיילמאָל האָט אַ שיטערער האָגל זיך אַראָפּגעשיט טרעש־טשענדיק איבער די בלעטער און צווייגן.

און אין דער בלויער טונקלקייט פון טאָג, געוויטער און האָגל האָבן זיך פאַרצווייפלט געוואָרפן דיביימער, די קוסטאַ־קעס און תבואות, ווי ריסנדיק זיך צו אַנטלויפן, אָבער געשלאָגן ווערנדיק פון שטורעמווינט, פון אַלע זייטן, פאַרבלענדט ווערנדיק פון די דונערן, פאַרבלאָנקעטע פון די קנאַלן, האָבן זיי זיך נאָר אַ דריי געטון און געריסן זיך מיט אַ ווילד געפּייפער. און פון ערגעץ פון דער הייך זענען, דורך די וואָלקנס, פינסטערניש און געוויטער, דורכגעפלויגן בלויע בליצן, זיי זענען געפלויגן, פונקט ווי אַ סטאַדע פייערדיקע שלאַנגען, זיי זענען געפלויגן, ווי אויסגעריסן פון ערגעץ און נישט ווייסנדיק וווהין זיי זענען געוואָרפן געוואָרן, זיי זענען געפלויגן שימערנדיק און זענען באַלד פאַרלוירן געוואָרן, פאַרבלענדנדיק די גאַנצע וועלט, און בלינד און שטום ווי דער מענטשלעכער גורל. און אַזוי האָט דאָס געדויערט מיט קליינע הפסקות ביזן סאַמע אָוונט. ערשט אַרום בין השמשות האָט זיך פולשטענדיק באַרויקט און ס'איז אָנגעקומען אַ שטילע, פינסטערע און קילבלעכע נאַכט.

און צומאָרגנס האָט זיך געשטעלט זייער אַ העדלעכער טאָג. דער הימל איז געווען אָן וואָלקנס און האָט זיך געבלויט, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעוואַשן, די ערד האָט געגלאַנצט מיט

טוי, די פייגל האָבן פריידיק געזונגען, און יעדעס באַשעפעניש האָט זיך געבאָדן מיט ליבלעכקייט אין דער פרישער, שמעקעדיקער לופט.

אין ליפצע האָט זיך אַלץ אומגעקערט צום אַלטן, אָבער ווי נאָר די זון האָט זיך אויפגעהויבן אויף עטלעכע פוירן די הייך, האָבן אַלע, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגערעדט, אָנגעהויבן אַרויסגיין צום שניט, אַזוי, אַז פון יעדער שטוב האָט מען זיך אַרויסבעוועגט אין גאַנצע מחנות, פון יעדער כאַלופּע האָבן אויסגעבלישטשעט שערפן מיט קאָסעס, פון איטלעכן הויף האָט מען אַרויסבעצויגן וועגענער אויף די מיעדזעס און פעלד-וועגעלעך.

און ווען דאָס קלויסטער-גלעקל האָט זיך צעטשוויטשערט אויפן קלויסטער, איז שוין איטלעכער געשטאַנען גרייט אויף זיין בייט, און דערהערנדיק דאָס קלינגען, און דאָס דורכנעמענדיקע שפּילן פון אָרגל, האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּזאָגן פּאַטשערוש. ווער ס'האָט אָנידערגעקניט, ווער ס'האָט אפילו אויפן קול תּפילה געטון, ווער ס'האָט נאָר פרום אָפּגעזיפצט, אָנגענומענדיק דערביי אָטעם און כּוח, און איטלעכער האָט זיך איבערגעצלמט, האָט אַ שפּיי געטון אין דער גאָרשטש, מיט די פיס זיך פעסט אין דער בייט איינגעגראָבן, איינגעבויגן דעם רוקן און אייפעריק זיך נעמענדיק צום שערפּ אָדער צו דער קאָסע, האָט ער אָנגעהויבן שניידן און צו קאָסען.

אַ גרויסע, פייערלעכע שטילקייט האָט די שניט-פעלדער אַרומגענומען, ס'איז ווי אָפּגעריכט געוואָרן אַ הייליקע גאָטעסדינסט פון שווייסיקער, אומאויפהערלעכער און פרוכטבאַרער אַרבעט.

די זון האָט זיך אַלעמאָל העכער אויפגעהויבן, די היץ איז פון שעה צו שעה שטאַרקער געוואָרן, פייערדיקע בליאַסקען האָבן די פעלדער פאַרגאָסן און דער שניט-טאָג איז געפלאָסן, פונקט ווי ווייצן-גאָלד און האָט געקלונגען ווי מיט גאָלד, מיט די שווערע, צייטיקע קערנער.

דאָס דאָרף איז געבליבן פּוסט, ווי אויסגעשטאָרבן, די כאַלופּעס זענען געווען פאַרהעמערט, וואָרן אַלדינג וואָס האָט נאָך געלעבט און געקענט זיך באַוועגן, האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום שניידן. אַפילו קינדער, אַפילו אַלטעלייט און שלאַפע, אַפילו די הינטלעך האָבן זיך אויף די שטריק געריסן און געצויגן פון די פאַרלאָזטע הייזער נאָכן עולם נאָך.

אויף אַלע פעלדער, ווו מ'האָט נאָר געקענט מיטן אויג דערגרייכן, האָבן אין דערדאָזיקער שרעקלעכער היץ, צווישן די גאָלדענע תבואות, אין דער צעשימערטער און בלענדיקער לופט, פון פאַרטאָג ביז שפּעטן אָוונט, געגלאַנצט די שערפן און די קאָסעס. עס האָבן זיך געווייסט די העמדער, גערויטלט די וועלביאַקעס. מענטשן האָבן זיך אומדערמידלעך געגראַבלט, און ס'איז געגאַנגען אַ שטילע, אָנגעשטרענגטע אַרבעט, און קיינער האָט זיך שוין נישט געפּוילט, אויף די שכנים זיך נישט פאַרקוקט, וועגן קיין שום אַנדערע זאַכן נישט געטראַכט, נאָר אַן איינגעבויגענער איבער דער בייט ווי אַן אָקס, האָט ער אין שווייס פון פּנים געהאָרעוועט.

נאָר בלויז דער דאָמיניקאָוועס פעלדער זענען געשטאַנען פאַרלאָזט און ווי פאַרגעסן. די קערנער האָבן זיך שוין פון די זאַנגען געשיט, די תבואות האָבן פון היץ געחלשט, און קיינער האָט זיך אַפילו נישט באַוויזן אַהין. מיט אַ שרעקעוודיקער אומעטיקייט האָט מען אָפּגעקערט די אויגן פון זיי, נישט איינער האָט שוין אַ זיפץ געטון איבער זיי, נישט איינער האָט פאַרדאַגהט זיך אַ קראַץ געטון, אומגעקוקט זיך מיט שרעק אויף די אַנדערע און דערנאָך נאָך טיכטיקער צו דער אַרבעט זיך צוגעטון, ס'איז נישט קיין צייט געווען איצט צו טראַכטן וועגן דעם תל און דעם שאָדן, וואָס ווערט דערפון.

וואָרן די שניט-טעג האָבן זיך שוין געקאָלערט פונקט ווי די רעדער, וואָס זענען צעשימערט מיט די גאָלדענע ספּריכעס פון דער זון און זענען דורכגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן, וואָס צמאָל שנעלער, אַלצייַנסדיקע שווייסיקע, און אַלצייַנסדיק דער שווערער און פּריידיקער מ׳ אָפּגעגעבן.

און אינגיכן, אין עטלעכע טעג אַרום, ווייל די צייט איז געווען אַן אויסגעצייכנטע און שטענדיק אַ שיין וועטער, האָט מען גענומען די אָפּגעשניטענע תּבֿואות בינדן אין גראָבע בינטלעך, אויסשטעלן זיי אויף די בייטן צו פּערטל שאָק און פּאַמעלעך זיי איבערגעפירט קיין ליפּצע.

אַזוי, אַז עס האָבן זיך שוין אָן אויפהער געשלעפּט די שווערע, אָנגעפּראַפּטע וועגענער; זיי האָבן זיך געשלעפּט פון אַלע פעלדער, מיט אַלע וועגלעך און צו אַלע אויפגעפּראַלטע שייערן, פּונקט ווי שיטנדיק גאָלד האָבן זיך די איבערפולטע כוואַליעס פונאַנדערגעשיט איבער די וועגן, הייף און קלעפּיסקעס, זיי האָבן אַפילו אויפן סטאַוו געשימערט, אַפילו באַ די ביימער באַם וועג זענען גאָלדענע, שטרויענע בערד געהאָנגען, און די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט פאַרוועלקט שטרוי, גראָזן, און מיט יונגע קערנער פונאַנדערגעשמעקט.

ערטערווייז האָט מען שוין אין די שייערן מיט די צעפּעס געקלאַפּט, דרעשענדיק אין איילעניש אויף ברויט. און אויף די רחבֿותדיקע, ליידיק ווערנדיקע פעלדער, אויף די גאָלדענע אָפּגעשניטענע שטחים, האָבן סטאַדעס גענדז גיריק נאָך זאַנגען זיך געיאָגט, עס האָבן זיך געפּאַשעט גאַנצע חמרים מיט שעפּסן, מיט קי, ווו-נישט-ווו האָבן זיך שוין די ערשטע פייערן געריכט, און גאַנצע טעג האָבן זיך פונאַנדערגעשאַלט די מיידלערישע געזאַנגען, פריידיקע אויסגעשרייען, אויסרופן, גערוישן פון וועגענער, און עס האָבן געשיינט די אָפּגעברענטע גליקלעכע פּנימער פון די מענטשן.

און מ'האָט נאָך דאָס גאַנצע קאָרן נישט געהאַט אַנידערגעלייגט, איז האָט זיך שוין אויף די בערגלעך דער האָבער נאָך אַ קאָסע געבעטן, און דער גערשטן איז כמעט צוקוקנדיק צייטיק געוואָרן, דער ווייץ האָט זיך וואָס אַמאָל אַגאָלדענער געזשאַווערט, אַז ס'איז נישט געווען קיין צייט דעם אָטעם צו כאַפּן, נישט אַפילו אין מויל אַריין עפּעס צו נעמען, אָבער נישט קוקנדיק אויף דערדאָזיקער שווערער אַרבעט און אָנגעמאַטערטקייט, אַז נישט איינער איז אַזש באַ דער שיסל איינגעשלאָפן, האָט זיך אָיגנט

אַוונט, ווען מ'האָט פון די פעלדער אַהיימגעציגן, גאַנץ ליפּצע געטרייסלט אַזש פון דעם פריידיקן געטומל, געלעכטערן, געשפּרעכן, געזאַנגען און מוזיק.

וואָרן די פּאַר־שניט־צייט האָט זיך געענדיקט, די שייערן זענען געווען פול, די תבואות האָבן זיך נישקשהדיק געשיט און איטלעכער אייגנציקער, ר'האָט געמעגט זיין דער אַרימסטער, האָט ער שטאָלץ דעם קאָפּ אויפגעהויבן, מיט צוטרויען געקוקט אויפן מאָרגן און געטרוימט, פּונקט ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן, וועגן באַגערטן גליק.

עפּעס אין וועלכן־ס'איז איינעם פון דידאָזיקע גאָלדענע שניט־טעג, ווען מ'האָט שוין אָפּגעפירט דעם גערשטן, איז דורכן דאָרף פאַרבייגעגאַנגען דער בלינדער דזשאַד געפירט דורכן היצל, אָבער נישט קוקנדיק אויף דער חמימה, האָט ער אין ערגעץ נישט אָפּגעטרעטן, וואָרן ער האָט זיך געאיילט קיין פּאָדלעשיע. ס'איז אים שווער געווען צו שלעפּן דעם אויסגעפּאָשעטן בויך און די פאַרדרייטע פיס, האָט ער זיך געשלעפּט פּאַמעלעך און כסדר מיט דער נאָז בעצויגן, די אויערן פילבאַר אויפגעשפּיצט, און אָפּ־שטעלנדיק זיך לעבן די שניטערס, האָט ער גאָט געבענטשט, מכבד געווען מיט טאַבאַק, און ווען ס'איז אים אומגעריכט עפּעס אַריינ־געפאַלן אַ גראָשן האָט ער געמורמלט עפּעס אַ תפילה, אָבער, ווי נישט ווילנדיק, אָנגעהויבן צו רעדן וועגן יאַגושען און די ליפּצער ענינים.

ער איז אָבער נישט קיין סך געוויר געוואָרן, וואָרן מ'האָט זיך פון אים מיט אַ ליאַדע וואָס און מיט אַן חשק אָפּגעפּטרט.

ערשט אין פּאָדלעשיע, ווען ער האָט זיך צוגעזעצט אַנ־טער דער פיגור אָפּרוען זיך אַ קאָפּ, האָט אים געטראָפן מאַטעוש, וואָס האָט נישט ווייט פונדאַנען צוגעגרייט דאָס האָלץ אויפן קאָ־וואַלס ווינט־מיל.

— ווייזטס מיר דעם וועג צו די שימעקס! — האָט דער דזשאַד געבעטן, שלעפּנדיק זיך אויף די קוליעס.

— צ'וועט היינט דאָרט גאָרנישט פאַ זיי הנאה האָבן, דאָרט

איז נאָר געווין און גרימעניש! — האָט מאַטעוש אַ שעפּטשע געטון.

— יאַגושיאַ איז נאָך קראַנק? מ'זאָגט, אַז זי איז עפּעס צעמישט געוואָרן...

— ס'איז נישט אמת, זי ליגט אָבער כּסדר און ווייסט אַפילו נישט, אויף וועלכער וועלט זי איז! אַ שטיין וואָלט זיך איבער איר דערבאַרעמט! אוי, מענטשן, מענטשן!

— מ'זאָל אַזוי אומברענגען אַ קריסטלעכע נשמה! אָבער די אַלטע הפּנים גייט איין ס'גאַנצע דאָרף אין סאַנד אַריין?

— ז'עט גאָרנישט אויפטון! אַלע האָבן אַזוי באַשלאָסן, די גאַנצע גראָמאַדע, זיי האָבן אַ רעכט...

— אַ שרעקלעכע זאַך איז, דער צאָרן פון גאַנצן פאָלק, שרעקלעך! — ער האָט זיך אַזש אויפגעטרייסלט.

— אמת, אָבער ס'איז באַריש און שלעכט, און נישט יושר־דיק! — האָט מאַטעוש אַרויסגעפּלאַצט, און צופירנדיק אים צו דער כאַלופּע, האָט ער אַליין אַריינגעקוקט אינעווייניק, אָבער ער איז באַלד אַרויסגעגאַנגען, אַפּווישנדיק זיך שטילערהייט אַ טרער. נאַסטושיאַ האָט געשפּיגן ליאַן אונטער דער וואַנט, דער דושאַד האָט זיך אַנידערגעזעצט דערלעבן און אַרויסגענומען אַ בלוי פּלעשל.

— צ'ווייסט, מ'דאַרף מיט דעם וואַסער צו באַשפּריצן יאַגו־שען דריי מאָל אין טאָג און איינרייבן איר די שלעפן, און נאָך אַ וואָך, איז ווי ס'וואָלט איר ווער מיט דער האַנט אַוועקגענומען! די הייליקע שוועסטערן פון פּושיראָוו האָבן מיר דאָס וואַסער נעגעבן.

— זאָל ענק גאָט באַצאָלן! שוין צוויי וואָכן זענען אַדורך, און זי ליגט אַלץ נישט באַם קלאָרן זינען, טיילמאָל רייסט זי זיך נאָר ערגעץ־ווו צו אַנטלויפן, זי מאַכט יעלות און רופט יאַ־שיאָן.

— וואָס מאַכט די דאָמיניקאָווא?

— אויך ווי אַ מת, זי זיצט כסדר לעבן איר! ז'על לאַנג נישט אָנטרייבן, ניין.

— יעזוס, וויפיל מענטשן עס חרובֿ אַ תּל, יעזוס! און וווּ איז שימעק?

— אין ליפּצע זיצט ער, טאַטש אַלץ איז דאָך אויף זיין קאָפּ, וואָרן איך מוז ביידע אָפּהיטן.

זי האָט אים אַריינגעשטופּט אין דער גאָרשטש אַ גאַנץ צענערל, אָבער דער דזשאַד האָט נישט געוואָלט נעמען.

— פון גוטן האַרץ האָב איך פאַר איר געבּרענגט און כ'וועל נאָך עפּעס אַ תּפילה איר צולייגן! זי איז געווען אַ גוטע צו אָרימעלייט ווי ווייניק ווער אויף דער וועלט, אַן ערלעכע.

— אמת טאַקע, זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, אמת! און אפשר דערפאַר מוז זי אַזוי פיל ליידן! — האָט זי אַ שעפּטשע געטון, בלאָנדזשענדיק מיט די אומעטיקע אויגן איבער דער וועלט.

פון ליפּצע האָט זיך דערטראָגן דאָס קלינגען צו דער אָוונט־תּפילה, און טיילמאָל זענען דערגאַנגען געדרוישן פון וועגענער, קלאַנגען פון אָנגעשאַרפטע קאָסעס און ווייטע געזאַנגען: אַ גאָלדלעכער שטויב פון זון־פאַרגאַנג האָט דאָס גאַנצע דאָרף געגומען אַרומהילן און אַלע פעלדער און וועלדער.

דער דזשאַד האָט זיך אונטערגעהויבן, אָפּגעיאָגט פון זיך די הינט, פאַרראָכטן אויף זיך די טאָרבעלעך און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די קוליעס, האָט ער אויסגערופן:

— זייט געזונט, האַרציקע מענטשן.

סוף פון דער פירטער און לעצטער טייל.